STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00991

UNDZERE PROZAIKER

B. Rivkin

Permanent preservation of this book was made possible by
Paul Gerson, M.D.
in honor of
the Jewish people

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. ריווקין

אונדזערע פּראָזאַאיקער

דעם 10טן יוני, 1951 ווערט זעקס יאָר זינט ב. ריווקין ע״ה איז אַוועק פון אונדז. פאַר דער צייט זיינען דערשינען פיר ביכער פון ב. ריווקין:

„אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע״, 256 זייטן, אַרויסגעגעבן פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד, ניו־יאָרק, 1947.

„יידישע דיכטער אין אַמעריקע״, 308 זייטן, פאַרלאַג „ציקאָ״, 1947.

„גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״, פאַרלאַג „איקוף״, 339 זייטן, 1948.

„יוסף אָפּאַטאָשוס גאַנג״, 59 זייטן, גרשון פּאָמעראַנץ עסיי ביבליאָטעק, טאָראָנטע, קאַנאַדע, 194.

דאָס בוך „אונדזערע פּראָזאַאיקער״, וואָס דער „איקוף״ גיט אַרויס איז דאָס פינפטע בוך, 320 זייטן.

צו דער זעלבער צייט דערשיינט אויך אַ בוך „יום־טובים״, וואָס איך גיב אַרויס מיט דער מיטהילף פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, אין פאַרלאַג מ. ש. שקלאַרסקי.

איך האָב אויך צוגעגרייט צום דרוק דעם צווייטן באַנד פון „יידישע דיכטער אין אַמעריקע״, אין וועלכן עס גייען אַריין קריטישע אָפּהאַנד־לונגען וועגן:

ה. רויזענבלאַט, י. י. סיגאַל, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, נפתלי גראָס, טאַבאַטשניק, ציליע דראָפּקין, אבא שטאָלצענבערג, חיים גראַדע, א. לוצקי, א. בערגער, אַלעף כץ, יאָסל קאָהן און לוי גאָלדבערג.

עס איז אויך דאָ אַ „א. ליעסין בוך״ און אַ „ה. לייוויק און משה לייב האַלפּערין בוך״, אויך אַן אויספירלעכע אַרבעט וועגן יהואָשן.

ריווקינס פובליציסטישע אַרטיקלען, וועלכע איך האָב אויסגעקליבן, אויף וויפיל מיין אויג קאָן אָפּשאַצן, וועלן פאַרנעמען, זיכער, פינף בענד אויב ניט מער.

עס איז אויך דאָ אַ באַנד „נאַטור און וואונדער״. אַ טייל פון דעם האָב איך אַריינגעגעבן אין בוך „יום־טובים״.

עס איז דאָ אַן אַרבעט אונטערן נאָמען „דר. זשיטלאָווסקיס יידישער סאָציאַליזם״.

אָט־די קורצע רשימה שעפּט ניט אויס ריווקינס ליטעראַרישע ירושה, ווייל אַ סך פון זיינע כתבים האָב איך נאָך ניט געהאַט די מעגלעכקייט איבערצוקוקן.

מינא ריווקין

ב. ריווקין

אונדזערע פּראָזאַיקער

איקוף פארלאג

דאָס בוך איז צענויפגעשטעלט פון
מינאַ ריווקין
און דערשיינט מיט דער מיטהילף פון
„ב. ריווקינס בוך־קאָמיטעט״:
י. אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק, ח. פּאָמעראַנץ און אַנדערע

B. RIVKIN

UNDZERE PROZAIKER

(Our Novelists)

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

Copyright, 1951, by
MINNA RIVKIN
Bronx, New York

Printed in U.S.A. by
The Shoulson Press, 227 W. 17th St., New York 11, N. Y.
255

אַ פּאָר פּרטים פון ב. ריווקינס, ע״ה, ביאָגראַפיע

וואו האָט ברוך געלעבט? אין אַ הינטער־שטיבל, אָן אַ פונדאַמענט. בעסער געזאָגט אין אַ קעלער, אָן אַ דיל (פּאָדלאָגע). דער דיל איז באַשטאַנען פון בלויזער ערד. און אויף אַ יום־טוב פלעגט מען אויסשיטען מיט געלן זאַמד. די גאַנצע דירה איז באַשטאַנען פון איין גרויסן קאַמער. דאָרט איז געווען די קיך, דער שלאָף צימער, און דער עסצימער און אַלע אַנדערע צימערן אריינגערעכנט.

ברוך האָט מיט קיין קינדער קיינמאָל זיך ניט געשפּילט, ווען אַלע קינדער פלעגן אין די ווינטערדיקע טעג גיין וואַרפן זיך מיט שניי גאָמעלקעס אָדער לאָזן זיך צום טייך דווינע גליטשן, און זומער זיך באָדן, פלעגט ברוך זיין פאַרנומען מיט זיינע ביכער, ער האָט כסדר געלייענט און שטודירט.

צו זיין „בר־מצוה״ האָט ברוך געהאַלטן אַ דרשה אין דער בעל־מלאכישער שול פון זיין געבוירן־שטאָט יאַקאָבשטאָט.

ווען די בעלי־בתים זיינען אַרויס און זיך געלאָזט גיין אַהיים, האָבן זיי געשאָקלט מיט די קעפּ, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, און זיך איבערגעוואָרפן מיט רייד איינער מיטן אַנדערן. אַז ברוך האָט אַן אָפּענעם קאָפּ. אַ בעל־הביתשער ייד פון דער ׳רויטער שול, טענהט צו די בעלמלאכישע יידן: אַי אַי! וואָס פאַר אַ מוח! מ׳האָט געהאָפּט אַז ברוכן וועט מען שיקן אין אַ ישיבה לערנען. אָבער ברוך האָט שוין געהאַט זיינע אייגענע פּלענער, און אידייען.

אבא שעפטל, ברוכס פאָטער איז געווען אַ שטילער מענטש, מיט אַ געל פּנים, און געלער באָרד, מיט צוויי גוטע אומעטיקע אויגן, און ווייניק רייד. ער האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן אַז ער שטאָלצירט מיט זיין זון ברוכן. אין האַרצן האָט ער זיך מסתם איבערגענומען אָבער קיינעם האָט ער עס ניט געלאָזט מערקן.

אין אַ קורצער צייט אַרום, איז ברוך אַריין לערנען אין דער רעגירונגס שולע פון זעקס קלאַסן. נאָך אַן עקזאַמען איז ער אַריין אין פערטן קלאַס. ער האָט אַלץ באַקומען פריי, ווייל ער איז געווען דער בעסטער שילער.

אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע אין 1905, הגם ברוך איז געווען אַ סאָציאַליסט רעוואָלוציאָנער (און אויך גענייגט געווען צום פילאָזאָפישן אַנאַרכיזם), האָט ער אָנטייל גענומען אין „בונד״.

אַביסל שפּעטער איז ברוך און זיינע חברים, אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט זיי פֿאַרזעצט אין תּפֿיסה. זיצנדיק אין תּפֿיסה האָט ברוך געפֿריידיקט פֿרייהייט און גלייכהייט און אָפּשאַפֿן אָרעמקייט. ער האָט געהאַלטן דאָרטן גאַנצע לעקציעס. די זשאַנדאַרן און פּאָליציי זיינען געווען מערסטנס לאַטישן וועלכע האָבן פֿיינט געהאַט דעם צאַר. האָבן זיי זיך גערן, צוגעהערט צו ברוכן און זיינען געוואָרן זיינע גוטע פֿריינט.

ברוך האָט קיינמאָל ניט געשטרעבט צו קיין קאַריערע און ווייניק זיך געקימערט וועגן קליידער אָדער אַנדערע אויסערלעכע זאַכן.

ער איז געווען אַ געבאָרענער תּלמיד חכם, אַ פֿילאָזאָף.

אַט דעם מאַטעריאַל האָט מיר צוגעשטעלט דר. יוסף ווײַנרעבע, אַ שוועסטער־קינד פֿון ברוך ריווקין.

מ. ר.

אינהאַלט:

מענדעלע מוכר ספרים

מענדעלעס וועג פון פובליציסט צום קינסטלער 11
וואָס קענען מיר לערנען פון מענדעלען? 20
מענדעלע — אַבראַמאָוויטשעס „איבערזעצער" 34
יעדער מיט זיין „מגיד" 38

י. ל. פרץ

י. ל. פרץ — ווי היינט וואָלט ער געלעבט 44
אַ פרץ רעוויזיע 58
י. ח. ברענער און י. ל. פרץ 63

לעאָן קאָברין

לעאָן קאָברין — פופציק יאָר שאַפן 76

דוד פינסקי

דוד פינסקי — פיאָנער פון פראָלעטאַרישער דערציילונג 86
קלאַסנקאַמף אַרום יידישן יום־טוב 94
פינסקי דער דראַמאַטורג 102
די וועגן פון דוד פינסקיס דראַמאַטורגיע 109

אברהם רייזען

אברהם רייזענס בלאַט אין דער יידישער ליטעראַטור 128

יונה ראָזענפעלד

יונה ראָזענפעלד 140

פרץ הירשביין

פרץ הירשביין 157

דוד איגנאַטאָוו

דוד איגנאַטאָוו — דער פּאָעט־ראָמאַניסט 194
אויך די מפלות פון די גלויביקע זיינען נצחונות 221

י. אַפּאַטאָשו

געשלעכטס־שפּראַך 228
דערציילטע באַשרייבונג 231
ר׳ זאַניל חסיד 234
אין פּוילישע וועלדער 239
אַפּאַטאָשוס הויפּט־אויפּטו 243
י. אַפּאַטאָשו: זיין סטיל און מעטאָד 254

י. י. זינגער

י. י. זינגערס לעצט ווערק 264

ברוך גלאַזמאַן

ברוך גלאַזמאַן 274
זאָל אים גוט זיין!... 279

ב. עפּעלבוים

ב. עפּעלבוים און זיין הויפּט־העלד 285

פּ. בימקאָ

פּ. בימקאָ אַלס דערציילער איז אויך אַ דראַמאַטורג 297
פּ. בימקאָ — דער דראַמאַטורג 316



ברוך ריווקין
(1945 — 1883)



אַ זײַטל פֿון ב. ריווקינס כתב־יד

מענדעלע מוכר ספרים

1

מענדעלעס וועג פון פובליציסט צום קינסטלער

דער פאַראייניקטער פראָנט אַרום מענדעלע מוכר ספרים איז געשפאָלטן אויף דער ליניע, וואו „אידייאישקייט" גרענעצט זיך מיט „קינסטלערישקייט". און ווייל דער פאַראייניקטער פראָנט איז דאָ געשפאָלטן אין צוויי לאַגערן, די פראָלעטאַרישע קריטיקער און די קריטיקער עסטעטן זיינען דאָ מאָביליזירט איינע קעגן די אַנדערע און מלחמה ווערט געפירט — ווערט די שפאַלטונג, וואָס האָט געשפאָלטן די קריטיקער, אַריבערגעטראָגן אויף מענדעלען גופא. ניין, אין מענדעלען גופא. ווייל די צדדים, ווי דער שטייגער איז, זוכן וואָס שאַרפער זיך פאַנאַנדערצוגרענעצן וועגן מענדעלעס אידייאישקייט און מענדעלעס קינסטלערישקייט, וואָס גרענעצן זיך ביי אים גאָר נאָענט, ביז עס ווערט אַ ריס צווישן זיי, אַ סתירה, אויף קיינמאָל ניט צו ווערן איינס.

עס קוקט שוין באַלד אויס לויט די קריטיקער־עסטעטן — הגם זיי וועלן אין דער עפנטלעך זיך ניט מודה זיין, — אַז דאָרט וואו מענדעלע איז געווען אַ טרעגער פון געזעלשאַפטלעכע אידייען, אַ קעמפער קעגן אַלטן לעבנס־רעזשים, קעגן דער יידישער קהלשער גרענדע, קעגן דער צאַרישער רעגירונג, און וואו ער איז געווען אַ פריידיקער פון רעפאָרמען, אַ מליץ־יושר פאַרן קבצן און אַ זוכער פון אַן אויסוועג פון דער יידישער קבצנות — דאָרט איז ער קיין ריינער קינסטלער ניט געווען. די „קליאַטשע" איז פאַר זיי נישט מער ווי פובליציסטיק אַפּאָלאָגעטיק — אַ רחמנות בעטן פאַר דער כנסת־ישראל. איז עס דערום קינסטלעריש געפסלט. ריינער קינסטלער איז ער פאַר זיי ערשט געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פון זיין שאַפן. מענדעלעס שפיגל־ווערק איז פאַר זיי „שלמה ר' חיימס" (פון 1899) — ווייל דאָרט איז ער בלויז קינסטלער־שילדערער פון אַלטן יידישן לעבנסשטייגער און נעמט קיינעמס צד ניט. געכשרט ווערן פון זיי גרויסע טיילן פון „ווינטשפינגערל" און אויך „פישקע". ווייל עס דוכט זיך זיי, אַז געשילדערט האָט ער דאָרט אויס ריינער הנאה פון שילדערן און האָט זיך

פאַרגעסן אָן דער כוונה, מיט וועלכער ער האָט אָנגעהויבן — צו ראַטעווען די יידישע עדה. — די ריינע הנאה פון שילדערן שמעקט זיי גוט, די עסטעטן...

פון דער אַנדער זייט, די פּראָלעטאַרישע קריטיקער, אויף צו להכעיס די עסטעטן פסלען אַלץ, וואָס יענע כשרן. „שלמה ר' חיימס" איז פאַר זיי נישט מער ווי סענטימענטאַלע מעמואַריסטיק — אַ זקן פאַסמאַקעוועט זיך מיט די זיסע זכרונות פון דער קינדהייט. פסול איז „שלמה ר' חיימס" און אַ דריי אַנדערע ווערק פון די 80־ער און 90־ער יאָרן אויך דערמיט, וואָס זיי געפינען דאָרט די פאַרהערלעכונג און די אידעאַליזירונג פון אַלטן פרומען יידישן לעבנסשטייגער — דאָס יום־טובן און דאָס שבת־קודשן. מיטן אָנהויב פון די 80־ער יאָרן, נאָך די פּאָגראָמען, איז אויף מענדעלען געקומען אַ רעאַקציע, און ער האָט געגעבן זאָגן גוט אויף דעם, וואָס ער האָט פריער פאַרלייקנט. גרויס איז מענדעלע פאַר זיי אין דער ראַדיקאַלער פעריאָדע פון זיין שאַפן — אין די זיבעציקער יאָרן. די „קליאַטשע" און „פישקע" דיינען פאַר זיי געזעלשאַפטלעך וויכטיקע, און במילא שוין אויך — ניין, זיי זאָגן ניט „במילא", נאָר גלייכצייטיק אויך — קונסטלעריש וויכטיקע ווערק. ער איז דאָרט דער קינסטלערישער פאַרטיידיקער פון די געדריקטע און געשטיקטע קעגן אַלע זייערע דריקער און שטיקער.

אַזוי גייט אָן די מחלוקת, וועלכע שפּאַלט מענדעלען אויף צווייען. און הגם עס ווערט ניט אָפן דערקלערט, אָבער דער איינדרוק באַקומט זיך: דער קעמפער און דער קינסטלער האָבן אין מענדעלען קיינמאָל ניט געהויזט; און קאָנען בכלל קיינמאָל ניט הויזן, ווען די עסטעטן צוגעבן. די פּראָלעטאַרישע קריטיקער שרייבן צו קינסטלערישע חשיבות אויך צו די געזעלשאַפטלעך אָנגעלאָדענע ווערק, אָבער די עסטעטן מורמלען דערביי אונטער: אָך און ווי צו דער קינסטלערישקייט.

בלויז איין ווערק מענדעלעס איז ניצל געוואָרן פון צעריבן צו ווערן צווישן די צווי שטרייטנדיקע לאַגערן. דאָס איז „מסעות בנימין השלישי" (פון 1878), וואָסביידע צדדים זיינען מסכים, אַז עס איז אַ געניאַל ווערק. אָרום „מסעות" ווערט באמת געפּראַוועט אַ פאַראייניקטער פּראַנט — עס איז די טראַגיקאָמעדיע פון יידישן בטחון, זאָגן ביידע — אָבער דאָך ניט אין פולער איינקייט פון טייטש. — די פּראָלעטאַרישע קריטיקער אַקצענטירן די קאָמעדיע פון דער טראַגיקאָמעדיע: עס ווערט אַרונטערגעריסן ביז גראָטעסק דער פוסטער בטחון פון דעם יידישן קליינבירגער. די עסטעטן אַקצענטירן דעם טראַגישן טייל פון דער טראַגיקאָמעדיע: דער יידישער בטחון ווערט דערטריבן צו אַזאַ הויך, אַז עס גלוסט זיך אַזש וויינען

און לאַכן. און ווידער ווערט דאָ דער קליינשטעטלדיקער בנימין אַ קרוב צו אַ וועלט־טיפּ — דאָן קיכאָט: און די יידישע ליטעראַטור ווערט דורך דעם אַ טייל פון דער וועלט־ליטעראַטור; וואָס דאָס אַליין איז שוין ביי די אַ גרויסער קינסטלערישער אויפטו, וואָרים זייער גרויסע מעלה איז ליטעראַטור — אומאָפּהענגיק פון דעם צי ליטעראַטור טוט געזעלשאַפטלעכן דינסט צי ניט.

פאַר מיר האָט „מסעות" נאָך דעם פאַרדינסט, וואָס עס ווייזט, אַז די גאַנצע פּראָצעדור פון שפּאַלטן מענדעלען אויף חלקים — אויף פּובליציסט און קינסטלער — איז אַ פאַלשע, ביידע צדדים זיינען שותפים צו איין גרויסן טעות: מענדעלע איז ניט געווען קיין צעטיילטער. אומזיסט און אומנישט איז אויפגעשרויפט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון פּובליציסט און קינסטלער אין אים. דער אמת איז, אַז זיי זיינען ביידע געווען איינס אין אים: דער פּובליציסט האָט גערעדט דורכן קינסטלער („קונסט", „קינסטלער" ווערן שוין אַזויפיל אַרומגעשלעפּט אין די מיילער, אַז די ווערטער האָבן אָנגעוואָרן זייער טעם און זין. „קינסטלער" איז שוין געוואָרן אַ פעטיש, אַ שטיק אָבערגלויבן, וואָס דינט צו שפּרייטן נעפּל און וואַרפן פאַרבלענדעניש. איז שוין בעסער מען זאָל דעם „קינסטלער" צוריקפירן צו זיין פּשוטן זין: שילדערער־דערציילער אָן אונטערשייד פון פּרעדיקער, זאָגער).

לכתחילה האָט ער אָנגעהויבן אַלס פּובליציסט — אַלס איינער, וואָס גייט מיטן קאָפּ פאָראויס; אַלס איינער וואָס דערלאַנגט אידייען זאָגנדיק זיי; שטופנווייז האָט ער זיך אויסגעלערנט דעם בעסערן מעטאָד — דעם מעטאָד פון ווייזן, וואָס ער וויל זאָגן — פון דערלאַנגען אידייען דורך שילדערונג־דערציילונג — דעם מעטאָד וואָס גיט פיל שטאַרקערן עפעקט, וואָס דערצו האָט ער געהאַט אַלע נויטיקע איינגעבאָרענע אייגנשאַפטן: נאָך קינדווייז האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שאַרפן אויג און געהער, פלעגט אויפכאַפּן פּנימער, כאַראַקטער־שטריכן, מינעס און אינטאָנאַציעס, און נאָכמאַכן, אויפשפּילן זיי מעשה אַקטיאָר. אָבער הגם באַשאָנקען מיט איינגעבאָרענע קינסטלערישע פעאיקייטן, ווייזט ער עס גלייך ניט אַרויס. אין „קליין מענטשעלע" — זיין ערשט ווערק אויף יידיש — איז ער נאָך אַ פּובליציסט, וואָס הויבט ערשט אָן לערנען זיך דערציילן. עס פעלן די אַלע מעלות פון די שפּעטערדיקע ווערק, וואָס אַנטציקן אַזוי די קריטיקער־עסטעטן. בלויז קורצע כאַראַקטער־שילדערונגען און דערציילונגען. זיי זיינען גיכער געשפּילט, ווי געשילדערט און דערציילט. און דערציילונג־עפּיזאָדן גיבן זיך אים איין, ניט די לענגערע. פון נאַטור־שילדערונג — קוים־קוים.

וואָס זשע האָט אים געטריבן און געשטויסן צו אַלץ מער קינסט־לערישקייט? — ווען מען וועט זיך גענויער איינהערן אין זיינע ווערק, נאָכפאָלגנדיק דעם סדר, ווי זיי זיינען געקומען איינס נאָכן אַנדערן, וועט מען מאַכן אַן איבעראַשנדיקע אַנטדעקונג, אַז דאָס איז גראָד געווען די פון קריטיקער־עסטעטן פאַרזעענע פובליציסטישע אידייע — זיין שטייגנדיקע פאַרשטענדניש פאַר געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען — וואָס האָט אויפגע־יועקט און באַרעדעוודיק געמאַכט דעם קינסטלער אין אים. פריער פון אַלץ די אידייע פון נויט — פון דער גרויסער יידישער נויט — די זעלבע נויט, וואָס האָט אים אַזוי קאָנסעקווענט געבראַכט פון העבעראַיש — ס׳לשון פון די באַלעבאַטישע משכילים — צו דער שפּראַך אויף וועלכער עס רעדט די יידישע נויט — יידיש. גאָר פרי האָט ער זיך באַקענט מיט נויט. קוים בר־מצווה געוואָרן, איז ער פּלוצלינג פון באַלעבאַטישן שטאַנד אַריינגע־פאַלן אין ביטערסטער אָרעמקייט. ער איז געצוואונגען געוואָרן צו שפּייזן זיך פון דער טאָרבע. און ווער עס האָט איין מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון טאָרבע־ברויט, בלייבט דער טעם אויף אייביק אים איינגעקריצט אין גומען. דערפאַר האָט ער באַלד זיך געכאַפּט, אַז ער טאָר ניט שרייבן אויף וואוילצוגעפּעלן די באַלעבאַטישע יונגע משכילים. נאָר שרייבן מוז ער אויף דער שפּראַך פון דער נויט פאַר די מענטשן פון נויט און טאַקע וועגן זייער נויט. און שרייבנדיק פאַר זיי, קאָן מען ניט יוצא זיין מיט פריידיקן אידייען, נאָר מען מוז וואָס טיכטיקער שילדערן און דערציילן. דערפאַר איז ער געוואָרן דער ערשטער משכיל צו ווערן אויס משכיל — דער ערש־טער צו געזעגענען זיך מיט דער משכילישער חכמה, אַז מיט פאַרשפּרייטן חכמה און וויסן פטרט מען אָפּ דאָס גאַנצע יידישע פּראָבלעם. דאָס האָט זיי, די יונגע באַלעבאַטישע משכילים, זיך אַזוי געקאַנט דוכטן. דאָס האָבן זיי געקאָנט מיינען, אַז ווען די השכלה וועט זיי מתיר זיין ניט צו לייגן קיין תפילין, און זיי וועלן קענען לעבן ווי גוים, וועלן זיי פאַרדינען ווי גוים. אָבער ווען מען רעדט צו דער ברייטער יידישער אָרימקייט, ווערט די גרויסע משכילישע חכמה אַ גרויסע נאַרישקייט.

מיט „קליין מענטשעלע" האָט מענדעלע אָנגעהויבן זיין אָפּענסיווע אויף דער יידישער נויט. אין זיין ערשטער אַטאַקע איז ער נאָך אַליין אַ האַלבער משכיל: ער גלויבט נאָך, אַז די גאַנצע רפואה איז אין פאַרשפּריי־טונג פון בילדונג דורך אידעאַלע תלמוד תורה׳ס, וואו יידישקייט ווערט געלערנט צוזאַמען מיט דער לאַנדשפּראַך און אַביסעלע וויסנשאַפט. פון זיך גיט ער נאָך צו אַ שטיקעלע רפואה קעגן דער נויט — אַז אויך מלאכה זאָל מען לערנען...

אָבער דאָס איז אַ ווייטער חלום, וואָס ער שרייבט אַריין צום סוף פון „קליין מענטשעלעס" צוואה. וועלן דען די בעלי דעה איבער דעם ייִדישן קהל דערלאָזן דערצו? די הויפּט־קראַפט פון זיין אַטאַקע איז גע־צילעוועט קעגן אָט די בעלי דעה, די גרענדע פירער, די בעל טאַקסעס („קליין מענטשעלע", „די טאַקסע") — זיי, די הויפּטשולדיקע אין דער ייִדישער מאָסן נויט. — די אַנדערע משכילים האָבן געשריבן מליצה־דיקע מסירות אויף די קהלס לייט, אָבער ביי זיי איז אויסגעקומען, אַז זאָלן נאָר די שענערע גבירים, זיי, די משכילים, צולאָזן אַלס פּאַרוואַלטער, אָדער לכל הפחות אַלס בעלי־עצה, און אַלץ וואָלט שוין גוט געווען. אַנדערש ביי מענדעלען: זיין באַשולדיקונגס־אַקט איז קאַנטלעכער. זיי זיינען דער ייִדישער רעזשים פון עקספּלאָאַטאַציע. זיי באַרויבן די מאַסע פון איר לעצטן ביסן. מיט פאַלשער פרומקייט, מיט גאָט אויף די ליפּן, דעקן זיי צו זייער פרעסערישן אַפּעטיט, זייער דבר־אחר׳שן שנוק.

וואָס ווייטער ווערט זיין געזעלשאַפטלעכער בליק אַלץ שאַרפער: ער כאַפּט אַרום אַלץ ברייטער די ייִדישע ערד, דעם כלל, און ער דרינגט אַריין אַלץ טיפער אין די סיבות פון דער ייִדישער נויט. די ערשטע אַרומכאַפּונג איז די „קליאַטשע": דער ייִדישער רעזשים פון עקספּלאָאַטאַציע איז בלויז אַ טייל פון אַ פיל גרעסערן רציחה־רעזשים, וואָס ווערט אַרויפגעדריקט פון דער צאַרישער רעגירונג. ניין, דער רעזשים איז נאָך אויסגעשפּרייטער; אשמדאי פליט מיט ישראליקן איבער לענדער, און אומעטום איז די „קליאַטשע", די כנסת ישראל, אַ קרבן פון רדיפות און אונטערדריקונג. און וואָס קענען דאָ העלפן חכמות? ישראליק פאַלט דורך אין אַלע זיינע עקזאַמענס אויף אַ משכיל. וואָס טויג דאָ חכמה, אַז דער רעזשים נעמט צו דעם ביסן פון מויל און „קיין טאַנץ גייט ניט פאַרן עסן". — די אויס־לייזונג וואָס ווערט דאָ אונטערגעזאָגט — איז די שטירצונג פון רעזשים.

די צווייטע ברייטערע אַרומכאַפּונג פון ייִדישן כלל און נאָך טיפערע אַריינדרינגונג אין דער ייִדישער נויט איז „מסעות בנימין השלישי" — דער גאַנצער ייִדישער נפש, — זיין מאַטעריאַל און פּסיכישע געשטאַלט, — איז אַ פּראָדוקט פון דעם ייִדנס הילפלאָזער נויט־עקאָנאָמיק. וואָס־זשע בלייבט אים? אַ האָפענונגסלאָזע האָפענונג, די טראַגיקאָמעדיע פון ייִדישן בטחון: צו זיצן אין אַ זומפּ און צו חלומען חלומות וועגן אויסלייזונג דורך נסים און נפלאות: צו שווימען פון גנילאַ פּיאַט גלייך אין סמבטיון אַריין...

פון כלל נעמט זיך שוין אויסשיילן דער פּרט: בנימין השלישי איז דער פאַרלויפער פון אַלע אונדזערע שפּעטערדיקע טראַגיקאָמישע אוטאָ־פּיסטן, פון אונדזערע געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע געשעפטלעכע מנחם מענדלס.

און מיט דער ברייטערער אַרומכאַפּונג און מיט דער טיפערער אַרייַנדרינגונג מערט זיך מענדעלעס קינסטלערישע קראַפט. איז דאָס, אַלזאָ, געווען זיין געזעלשאַפטלעכער בליק — זיין פּובליציסטישע אידייע, וואָס האָט אים געטריבן און געשטויסן צו קינסטלערישקייט — ניט די קינסטלערישע קראַפט האָט זיך באַוועגט פון זיך אַליין.

א ראיה דערויף, אַז דאָס איז די אידייע געווען די טרייב־קראַפט און די שטויס־קראַפט — האָבן מיר אין זיין מעטאָד — דעם מעטאָד פון אַלעגאָריע. אַלעגאָריע איז די פאָרם, וואָס מאַכט אַן אידייע שילדערן און דערציילן. געוויינלעך אין אַן אַלעגאָריע, בלייבט די אידייע אַ טרוקענע סכעמע, צו וועלכער די מעשה ווערט צוגעקלעפט מיט טרוקענעם שפּייעכץ. ניט ביי מענדעלען. מענדעלע האָט ביי דער אַלגעאָריע גענומען איר טאָפּלמיינעוודיקייט, איר אָנצוהערעניש. מענדעלע פון קאַפּוליע האָט גענומען ביי דער אַלעגאָריע דאָס קאַפּוליער אָנצוהערעניש. ער האָט זיך געניטיקט אין דעם מיטל פון אַלעגאָריע, ווייל זי גיט די מעגלעכקייט צו באַוועגן אַן אידייע צו געשטאַלטיקייט, צו דערציילערישקייט. אַז מיר ווען זיך צוקוקן צו מענדעלעס יעדן ווערק, וועלן מיר געפינען, אַז דער קערן אירער איז אַ משל — די אַלעגאָריע. זי איז דאָס דער געבורטסאָרט פון דער דערציילונג. אויב זי פירט ניט די גאַנצע דערציילונג, גיט זי לכל הפחות דעם שטויס צו דער דערציילונג. זי גיט איר דעם כוח אויף אָנצוהויבן באַוועגן זיך: אין „קליין מענטשעלע” איז דאָס „קליין מענטשעלע” אין מענטשנס אויג. גלייך דערויף לייגט ער אַוועק דעם קערן פון שפּעטערדיקן גרעסטן ראָמאַן מיט דער קורצער מעשה וועגן „ווינטשפינגערל”, וואָס דערפילט דעם מענטשנס אַלע וואונטשן. אין דער „טאַקסע” איז עס דאָס קעסטעלע, וואו אָרימעלייט לייגן זייערע קאָפּיקעס און די גבירים נעמען פון איר אַרויס טויזנטער. די גאַנצע מעשה פון דער קליאַטשע איז געבויט אויף דער צוגלייכונג פון כלל ישראל צו אַ געפייניקטער קליאַטשע, און דאָרט וואו די צוגלייכונג איז דורכגעזעצט, — אין רייד פון דער קליאַטשע, אין די רייד פון אשמדאי — האָט די דערציילונג קינסטלערישן שוואונג און פאַרנעם. אויב די גאַנצע דערציילונג פון „מסעות” איז געבויט אויף אַן אַלעגאָרישע צוגלייכונג און אַרייַנטייטשונג: פאַר בנימנען איז זיין יידיש קליין־וועלטל — דאָס שטעטעלע — די גאַנצע וועלט, פון עק ביז ברעג; זיצט ער אין אַ שיפל אויפן טייכל גנילאָפּיאטקע און שווימט פון איין בלאָטע צו דער אַנדערער, איז דאָס אַן אָקרעאַנט, וואָס פירט אים איבער ימים, אָקעאַנען, עקוועלט צום סמבטיון, היינטער וועלכן עס געפינען זיך די גליקלעכע „רויטע יידעלעך”.

איז דאָס די וואונדערלעכסטע אַלעגאָריש־קינסטלערישע סצענע אין דער גאַנצער וואונדערלעכער אַלעגאָרישער קינסטלערישער מעשה. די אי־דייע פּילט אויס די גאַנצע מעשה, די מעשה פּאַסט אין די גאַנצע אידייע, און עס בלייבט גאָרנישט איבער פּאַר דרשה. איז „מסעות" מענדעלעס בעסט ווערק אידייאיש און קינסטלעריש, וואו די ביידע עלעמענטן זיינען דאָ געוואָרן איינס.

צו „פישקען" איז דער שליסל די אַלעגאָריע וועגן דער טאָרבע, מיט וועלכער עס הויבט זיך אָן און עס לאָזט זיך אויס די גאַנצע יידישע עקאָ־נאָמיק. „אין ישיבה של מעלה און ישיבה של מטה" איז דאָס דער בוי־דעם, וואו כל המינים יידן באַהאַלטן זיך אין שרעק פּאַר אַ פּאָגראָם. דער בוידעם דאָס איז די ישיבה של מעלה, וואו די כל המינים לאָזן זיך אַראָפּ, נאָכן פּאָגראָם, פון בוידעם, און עס ווערט מיאוס פּאַסקודנע צווישן זיי. אין דער דערציילונג „אויף אסיפות" איז דער אַלעגאָרישער קערן — דער קאַסטן אויף רעדלעך, וואו אַלע יידישע אוצרות ליגן באַהאַלטן. אָבער אוי ווי — די רעדלעך זיינען אָפּגעבראָכן, און דאָס הערצעלע פון שלאָס איז אויפגעבראָכן, און עס איז קיין צוטריט צו די אוצרות ניטאָ. און אין צייט פון סכנה קענען מיר גאָר נישט ראַטעווען, און מיר ווערן פאַרפאַלן צוזאַמען מיטן קאַסטן.

עס איז אַ מייסטערהאַפטע דערציילונג, און איך ווייס ניט פאַרוואָס זי ווערט ניט דערמאָנט, ווען מען רעכנט דעם צעטל פון אַבראַמאָוויטשעס בעסטע ווערק. דאָרט איז זיין גאַנצע געזעלשאַפטלעכע פילאָזאָפיע, זיין גלותיסטישער פאַלקיזם — נאָכדעם ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ביי יידן איז 100 מאָס רייד אויף איין שטיקעלע אויפטו. און ער איז באַפאַלן געוואָרן פון מרה שחורה.

אַזוי, אַז דאָס איז די אַלעגאָריע, וואָס עפנט יעדע גרעסערע און בע־סערע דערציילונג זיינע, אָבער דער עיקר — אַלעגאָריעס, וואָס האָבן פאַר־וואַנדלט דעם פובליציסט אַבראַמאָוויטש אין דעם קינסטלער מענדעלן — וואו אַבראַמאָוויטש רעדט אָן מענדעלן, איז ער אַ פּקח און בעל מוח, אַ אידייען־פּריידיקער, אַ זאָגער: דאָס איז מענדעלע, וואָס איבערזעצט דעם פּקח און בעל מוח אין שילדערער און דערציילער.

ווי אַזוי האָט דאָס מענדעלע געקענט אַזאַ וואונדער אָפּטאָן אַבראַ־מאָוויטשן? — ווייל מענדעלע איז אַבראַמאָוויטשעס גרעסטער קאַפּוליער אַנ־צוהערעניש. ער איז דורכאויס טאָפּל־מיינענדיק, טאָפּל־זיניק און טאָפּל־נשמהדיק. ער איז אַ טאָפּל־מענטש, מיט אַ טאָפּל־גאַנג. ער איז אַבראַ־מאָוויטש אַריינגעזעצט אין אַ פרומען פאַרצייטיקן לבוש. ער איז אַ פאַר־

שטעטלטער משכיל — מיט באָרד און פּאות און תפילין־זאַק. אַזעלכע זיי־נען געווען גאָר אַסך אין אַבראַמאָוויטשעס יוגנט־יאָרן; אַזעלכער איז טייל־וויז אויך געווען אַבראַמאָוויטשעס אייגענער פּאָטער; אַזוי איז אויך דער פּאָרלויפער פון זיין פּאָטער, ר׳ בנימין, אין דער טיילווייז אויטאָביאָגראַפי־שער „אַלטער געשיכטע״, וואָס איז פּאַראויסגעלאָפן דעם כולו אויטאָביאָ־גראַפישן „שלמה ר׳ חיימס״. ווען יונגעלייט, משכילים, קומען צו אָט דעם בנימינען האַלטן זיך אָן עצה, זאָגט ער זיי בפירוש: זייט פרום־פאַר־שטעלטע, וועט איר האָבן אַ גרעסערע השפעה...

און אַזוי גיך ווי אַבראַמאָוויטש האָט זיך אַריינגעזעצט אין דעם מענ־דעלע געשטאַלט, האָט ער באַקומען צוויי נשמות — אַן אויבערשטע און אַן אונטערשטע: האָט ער באַשאַפן אַ באַרג אַראָפּ אין זיך, אַ משופּעדיקייט, וואָס האָט געבראַכט אין באַוועגונג זיינע אידייען, זיי זאָלן נעמען לויפן אין דערציילערישקייט אַריין. אין זיין אייגענעם נאָמען ניט, אָבער פאַר־שטעלט פאַר אַ צווייטן, האָט ער געקאָנט נעמען שפּילן אַ צווייטן; האָט ער גענומען רעדן טאָפּל־שפּראַך, אַלעגאָריש זאָגנדיק איינס און מיינענדיק עפּעס אַנדערש... אַזוי האָט ער באַשאַפן דעם מענדעלע נוסח און האָט איינגעשטעלט און אָרגאַניזירט דאָס יידישע לשון. און ער האָט גענומען זען טאָפּלט — די נאַטור אויך. דער גאַנצער סעקרעט פון מענדעלעס נאַטורשילדערונגען איז אָט די טאָפּלטע ראיה, וואָס מאַכט זען שאַרפער און בילדלעכער; און אַזוי איז מענדעלע געוואָרן אונדזער ערשטער קינסט־לערישער נאַטור־שילדערער.

מענדעלע — אַבראַמאָוויטש „אין דעם גרים״ — איז אַזוי אַרום גע־וואָרן זיין איבערזעצער אין קינסטלערישקייט; אָדער מענדעלע איז אַב־ראַמאָוויטשעס „מגיד״. ער האָט געשפּילט ביי אים דיזעלביקע ראָלע, וואָס דער „מגיד״ און אונטערזאָגער ביי ר׳ יוסף קאַרון.

דאָס אַלץ וואָס איך האָב אויבן געזאָגט קען אילוסטרירט ווערן דורך הונדערטער ביישפּילן פון מענדעלעס ווערק, אָבער איך שרייב אָט־דאָ ניט קיין אויספירלעכע אָפּהאַנדלונג.

פון דעם אַלעמען איז געדרונגען, אַז עס איז אַ טעות צו שפּאַלטן מענ־דעלען אויף פּובליציסט־קעמפער און קינסטלער־שילדערער, און אומזיסט און אומשניט האָט דער פּאַראייניקטער פּראָנט זיך געשפּאָלטן אַרום אים. דאָס האָט דער פּובליציסט, דער אַנגעלאָדענער מיט געזעלשאַפטלעכע אי־דייען, מיט זיין אַלץ ברייטערן אַרומכאַפּן דעם יידישן כלל און מיט זיין אַלץ טיפערן אַריינדרינגען אין יידישן פּרט, אויפגעוועקט און אַקטיוו געמאַכט

דעם קינסטלער שילדערער, באַהעלפנדיק זיך מיט אַלעגאָריע בכלל און מיט דער אַלעגאָריער מענדעלע־געשטאַלט בפרט.

איך האַלט אָבער, אַז דער טעות פון די קריטיקער־עסטעטן איז אַ גרעסערער. די פּראָלעטאַרישע קריטיקער פּאַרבראַקירן דאָס „ווינטש־פינגערל" ווייל מענדעלע שבת־קודש'ט דאָרטן מיט שמואליק דעם שמאַטע־קלייבער; און זיי פּאַרבראַקירן שלמה רב חיימס, ווייל ער איז כולו שבת קודש. דער טעות וועט זיך במילא פּאַרריכטן. אויב די פּראָלעטאַרישע קרי־טיקער קענען זיך קיין עצה ניט געבן, וועלן די פּראָלעטאַרישע קינסטלער שוין געפינען אַ וועג ווי צו פּראָלעטאַריזירן זיין שבת קודש פאַר פּראָ־לעטאַרישע צוועקן.

אַ פיל ערגערן טעות מאַכן די קריטיקער־עסטעטן, וועלכע זיינען זיך משמח מיט יענע ווערק מענדעלעס, וואָס עס דוכט זיך זיי, אַז מענ־דעלע האָט דאָרט געהאַט אָפּגעטעמפּט זיין געזעלשאַפטלעכן געוויסן. ערשטנס איז דאָס אַן עוולה קעגן מענדעלען. אַפילו אין „שלמה ר' חיימס" איז אונטער דער ריינער קינסטלערישקייט דאָ אַ געזעלשאַפטלעכע כוונה, וואָס איז געוועזן אַ רעזולטאַט פון מענדעלעס גאַנצער לעבנס דערפאַרונג און אידיאישער אַנטוויקלונג און וואָס ניט דאָ איז דער פּלאַץ צו פאַר־שפּרייטן זיך וועגן דעם. און עס איז אויך אויבן־אויף ניט אמת. אין „שלמה ר' חיימס" זיינען דאָ גאַנצע קאַפּיטלען פון אויטאָביאָגראַפישער שטייגער־באַשרייבונג און גאַנצע שטיקער פּובליציסטיק — וועגן קאָלאָניזאַציע צום ביישפּיל — אויף דער טעמע: הונדערטער טעאָריען אויף איין שטיקעלע אויפּטו — וואָס האָט נאָך היינט צו טאָג געקאָנט איבערגעדרוקט ווערן אין אַ ציטונג. אין „ווינטשפינגערל" איז דאָ אַ גאַנץ בוך — דער זיבעטער, וועגן די אַקציזניקעס־משכילים — וואָס איז כמעט מאַרקסיסטיש אין באַ־לייכטונג: — „דאָס האָט די פּרנסה געבראַכט די השכלה" — דערלויבט זיך מענדעלע צו דערקלערן.

קענטיק, אַז אַנווערנדיק זיין געזעלשאַפטלעכן באַלאַנס, האָט מענ־דעלע אויך אָנגעוואָרן זיין קינסטלערישן באַלאַנס, וועלכן ער האָט שוין גע־האַט איינגעשטעלט אין די „מסעות". — און די צוויי ווערק זיינען גע־שפּאָלטן אויף קינסטלערישע און פּובליציסטישע חלקים. — דערפאַר טאַקע איז „מסעות" זיין סאַמע האַרמאָנישסטע ווערק, ווייל דער געזעלשאַפט־לעך אָריענטירטער אַבראַמאָוויטש האָט דאָ געמאַכט יד אחת מיט דעם קינסטלער מענדעלען; אויף שריט און טריט, אויף יעדן זאַץ, אין יעדער שורה שפּירט איר, ווי דער קאָפּ פירט מיט דער פּען, שיל־

דערט מיט דער פען. און ווייל „מסעות" איז זיין געלונגענסטע ווערק, האָבן מיר אין אים דעם בעסטן באַווייז, אַז דאָס איז די אידייע, וואָס איז דיקטירט געוועז פון זיין געזעלשאַפטלעכן געוויסן, וואָס ווערט ביי מענדעלען די טרייב־קראַפט און שטויס־קראַפט צו קינסטלערישקייט.

און ווען די קריטיקער־עסטעטן באַשטייען דווקא אויפן „ריינעם קינסטלערישן", וואָס זאָל אָפּגעשיידט זיין פון געזעלשאַפטלעכע געוויסנס־פליכטן, פעלשן זיי אין דער לעקציע, וואָס מיר האָבן צו לערנען פון דעם פיאָנער־באַגרינדער פון דער יידישער קינסטלערישער נאַטור, און טוען שאָדן דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור, אָפּטויטנדיק איר לעבנס־נערוו. „ריינע קינסטלערישקייט", וואָס זיי מיינען אַז עס איז סם־חיים, האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַ סם־המות, וואָס האָט שוין ביי אונדז גע־הרגעט ניט איינעם, נאָר גאַנצע גרופּעס יידישע קינסטלער.

2

וואָס קענען מיר לערנען פון מענדעלען ?

אַבראַמאָוויטשעס געזעלשאַפטלעכע קעמפערישקייט, באַוואָפנט מיט דעם שאַרפן מענדעלע־אינסטרומענט, האָט געעשניטן דעם וועג פאַר דעם קינסטלער, דורך ווערק נאָך ווערק, און וואָס רייכער אַבראַמאָוויטשעס גע־זעלשאַפטלעכע אידייע, אַלץ טיפער מענדעלעס קינסטלערישער איינשניט; און וואָס ברייטער עס איז געוואָרן אַבראַמאָוויטשעס אַרומנעמונג פון כלל, אַלץ קינסטלערישער איז געוואָרן מענדעלעס אַריינדרינגונג אין דעם פּרט. — צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, אין „קליין־מענטשעלע", זיין ערשט יידיש ווערק, איז די געזעלשאַפטלעכע אידייע נאָך גאַנץ פלאַך און דרויסנ־דיק הגם די כוונה איז אַ נאָבעלע — אויפצודעקן די וואונדן פון יידישן רעזשים, אָבער דער רעזשים גופא איז אָנגעקוקט פון דער זייט, פונדער־ווייטנס. — און אין אָפּענטפער אויף דער דרויסנדיקייט פון דער אידייע, איז אויך די מעשה, הגם שוין דערציילט מיט מענדעלעס הילף, דרויסנדיק און אויבערפלעכלעך: זי באַרירט בלויז דעם אויבן־אויף פון יידישן לעבן. די פנימער קוים געזען, די מענטשן קוים כאַראַקטעריזירט.

עס איז פונקט ווי מען פאַלט אַריין צום ערשטן מאָל אין אַ פרעמדער

שטאָט — און „אַלע יוונים האָבן איין פּנים". צום ערשטן מאָל צווישן כי־נעזער וועט דאָס אויג לכתחילה ניט אונטערשיידן צווישן איין כינעזער און דעם אַנדערן, נאָר דאָס אַלגעמיינע פּאַרצאַפּט דאָס אויג — נאָר דאָס וואָס איז שייך דעם כלל. אַזוי איז געווען ווען אַבראַמאָוויטש איז צוגעקומען צום יידישן שטעטל — צוערשט האָט ער דערזען דעם כלל — „קאַבצאַנסק". — נאָר אין איין אָרט, מערקט דאָס אויג, טומלט זיך און רודערט זיך — אַרום קהילה־שטוב. דאָרט שינדט מען די הויט פון אָרימאַן, דאָרט טיילט מען צדקה צום אָרימאַן — און די בעלי צדקה ווערן נתעשר אי פון שינדן אי פון צדקה־טיילן. דערמיט שעפּט זיך אויס פאַר אַבראַמאָוויטשן די גאַנצע דעמאָלסדיקע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט. און אפשר איז טאַקע מער ניט געווען, אָדער דאַמאָלסט האָט ער מער ניט געזען.

דאָס קהלן זיך אַרום דער טאַקסע, דער קהילה־פּאַראַנדעק איז דער יידישער רעזשים, דער קוואַל פון אַל־דאָס בייז אין יידישן לעבן; אָבער אַפילו אין אָט דעם יידישן רעזשים זעט אַבראַמאָוויטש אויך קיין באַזונ־דערע מענטשן ניט. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס הגם ער שטורעמט קעגן בעל טאַקסע, אָבער דער בעל טאַקסע אַליין איז דאָן אייגנטלעך ניטאָ. ער איז דער באַהאַלטענער גביר, וועלכער איז אפשר אַליין גאָר ניט אַזוי שול־דיק. זיינע גרויסע געשעפטן טרייבט ער אויף דער גויאישער גאַס; פאַר די יידישע קהלשע עסקים האָט ער גאָר קיין צייט ניט. און אפשר ניט געקוקט אויף זיין עשירות, איז ער מסתם אַ גרויסער שוטה — שולדיק זיינען די יעניקע, וואָס האַלטן דעם גביר אין דער אַרענדע — די אייביקע אַרענ־דאַטאָרס.

יצחק תקיף, דער הויפּט־העלד פון „קליין־מענטשעלע", איז בלויז אַן אַרענדאַטאָר. — צווישן דעם מנין בעלי בתים, וואָס דרייען זיך אין דער „טאַקסע", אַרום דער טאַקסע, איז דער בעל טאַקסע ניטאָ. אַלע זיינען זיי אַרענדאַטאָרס, וואָס האַלטן אין אַרענדע דעם הויפּט־אַרענדאַטאָר, וועל־כער האַלט אין אַרענדע דעם גביר, וועלכער איז דער נאָמינאַלער בעל־טאַקסע — נאָר אויף שטאַנדהאַפטן, דער געבילדעסטער פון זיי, איז אַ ספק, צי איז ער דער הויפּט־אַרענדאַטאָר אָדער באַהאַלטענערהייט טאַקע דער בעל טאַקסע אַליין. לכל הפחות שניידט ער זיך דערויף. אָנגעזאַמלט זיין עשירות אויף דער גויאישער גאַס, איז ער גרייט איבערצונעמען דעם יידישן קהלשן געשעפט פאַר אַ זייטיקער הכנסה. און ער איז געבילדעט און געניט קלוג צו קאָנען זיך באַגיין אָן אַן אַרענדאַטאָר. אַנשטאָט עמעצער זאָל אים נעמען אין דער אַרענדע, נעמט ער זיך אַליין אין דער אַרענדע. — און אַפילו וועגן שטאַנדהאַפטן האָט אַבראַמאָוויטש צוויי מיינונגען —

דער משכיל, וועלכער רעדט פאַר אַבראַמאָוויטשן, טענהט אַז ער איז אַ מנוול, אַ פאַרדאַרבענער כאַראַקטער. — ניין, זאָגט וועקער, ער האָט בלויז קיין כאַראַקטער ניט.

איז עס ניט מאָדנע? אַבראַמאָוויטש היט זיך צו זאָגן אַ שלעכט וואָרט וועגן בעל טאַקסע פערזענלעך, הגם ער שטורעמט קעגן אים. — ער זשאַ־לעוועט אים. איז אַ גרייִלעכע סברה, אַז דאָס האָט אַבראַמאָוויטש געזשאַ־לעוועט זיין טאַטן, וועלכער איז אַליין אַ בעל טאַקסע געווען, אין קאַפּוליע.— דאָס האָט מען אין דער גרויסער קאַבצאַנסק — אין אַ גלופּסק אַ שטייגער — געדאַרפט זיין אי אַ גרויסער גביר אי אַ גרויסער שוטה דערצו צו דינגען פאַר אַ בעל טאַקסע אין די הענט פון די אַרענדאַטאָרס. אָבער אין די קליינע קאַבצאַנסקעס איז געווען געוויינלעך פאַר אַ בעל טאַקסע צו זיין אַ מיטעלער אַנגעזעענער בעל הבית, און עס האָט ניט אויסגעמאַכט צו זיין אַ קלוגער דערצו. ווי אַבראַמאָוויטשעס טאַטע איז געווען. — אַ ראיה דערצו האָבן מיר, אַז אין „פּריזיוו", וואו פאַר אַן אויסנאַם, דער איינציקער אויסנאַם, ווערט יאָ אַרויסגעפירט דער בעל טאַקסע פערזענלעך — אַלס הויפּט־העלד — איז ער טאַקע אַן אָרענטלעכער שלים מזל, וואָס ענדיקט מיט באַנקראָט — כמעט אַ קאָפּיע — די ערשטע קאָפּיע — פון אַבראַמאָוויטשעס פאָטער, פאַר נאָך מער באַשטעטיקונג איז ער, הגם אַ ווייכהאַרציקער מענטש, אַ ניט ווילנדיקער אכזר קעגן זיין טאָכטער, וואָס דאָס דערמאָנט נאָך אַמאָל זיין פאָטער.

אָט וואָרום מיט זיין גאַנצן רעשן קעגן דער עפּענטלעכער ראָלע פון די בעלי טאַקסעס, האָט ער פערזענלעך זיי געשאָנעוועט — דער טאַטע האָט ניט געלאָזט. — בינו לבינו איז עס אַ שטיקעלע מעלה אויך. דער בעל טאַק־סע פעלט, הגם מען שטורעמט קעגן אים — ווערט דערמיט אונטערשטראָכן, אַז די צרה איז ניט אין די פערזאָנען, נאָר אין דער רעזשים.

אַרויסצושטעלן דעם רעזשים צו שמאָך און צו שאַנד איז די געזעל־שאַפטלעכע כוונה פון „קליין־מענטשעלע", וואָס האָט געגעבן שטויס־קראַפט און טרייב־קראַפט צו דער מעשה. דער רעזשים איז גענומען דרויסנדיק פון אויבן אויף, זיין אייבערשטע שיכט, וועלכע וואַרפט זיך אין די אויגן, ביים ערשטן מאָל אָנקוקן אים, ווען דער בליק האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט איינצוגראָבן זיך אין דעם אונטערשלאַק פון רעזשים — און מען שפירט ממש, ווי דער דרויסנדיקער אייראָפּעאישער בליק לעגט זיך מיט שווערן דרוק אויף יעדער שורה. די מעשה איז ווי אָנגעטאָן אין אַ צוואַנגס־יאַק און קוים וואָס זי דערציילט זיך. עס איז אין תוך אַ באַ־

שרייבונג פון אַ דערציילונג. אָבער אָן דער אידייע — אָן דער כוונה צו דעמאַסקירן דעם רעזשים — וואָלט די מעשה אַפילו זיך ניט אָנגעהויבן צו דערציילן.

אין דער „קליאַטשע״ איז עס שוין ניט אַ אידייאישער בליק, נאָר אַ באַוועגלעכער אידייאישער נעץ, וואָס כאַפּט אַריין און כאַפּט אַרום ברייטער און טיפער דעם יידישן רעזשים; עס איז אַ רעזשים פון כולו רדיפות און רציחות — אויסערלעך און אינערלעך, און וואו מענדעלעך, אַבראַמאָוויטשעס געשטאַלט־אינסטרומענט, געלינגט צו ברענגען אין באַרירונג די מעשה מיט אָט דער אויסגעברייטערטער און פאַרטיפטער רעזשים־אידייע, געווינט די מעשה אי באַוועגלעכקייט אי שפּאַנענדיקייט. און וואו ניט וואו ווערט שוין אַריינגעקוקט אין די מענטשלעכע פּנימער אויך.

אין „מסעות״ איז אין דעם אידייאישן נעץ פאַרפלאָכטן נאָך אַ טיכטיקערע אַריינכאַפּונג און אַרומכאַפּונג פון יידישן רעזשים. דאָס שטיק רעזשים, וואָס איז אַריינגעכאַפּט און אַרומגעכאַפּט, איז אַנאַליזירט אַלס די עקאָנאָמיק פון די לופט־פּרנסות. און די מענטשן אין אים ווערן צום ערשטן מאָל כאַראַקטעריזירט אַלס לופט־מענטשן, וואָס שפּרינגען פון זייערע עקאָנאָמישע שפּילקע קעפּל־פּאָזיציעס גלייך אין די וואָלקנס אַריין. דער כלל־נעפּל איז צעטריבן, און דער אידייאיש־געזעלשאַפטלעכער איינבליק שיידט שוין בולט אַרויס פּרט־פּנימער. בנימין איז גלייכצייטיק אַ יידישער כלל־טיפּ און שוין גאָר היפּשלעך אַ פּרט־מענטש אויך.

דער מענדעלע־אינסטרומענט אַרבעט שוין מיט גרויס פלינקייט — די מעשה דערציילט זיך מיט פולער בויגעוודיקייט, מיטנעמענדיק די אידייע אָן שום צוואַנג צו איר יעדן קער און ווענד. הגם עס שפּירט זיך נאָך דער דין־דינער דרוק פון דער אידייע; אָבער דאָס איז צום גוטן.

„פישקע״ איז אָן אָפּווייכונג פון אַבראַמאָוויטשעס אַנטוויקלונגס־שליאַך — ניט אַזוי אין דער ערשטער פאַרטראַכטונג פון דעם ווערק — ביין יאָר פאַר „מסעות״, ווי אין דער שפּעטערדיקער פאַרווירקלעכונג פון דעם ווערק, צען יאָר נאָך „מסעות״. „פישקע״ איז אַ קינסטלערישע אָפּצווייגונג פון „מסעות״. ס׳איז אַ רעאַליסטישע פאַרקערפּערונג און אַן אָפּשפּיגלונג אין די וואָלקנס פון דער גרונט־אידייע פון „מסעות״, אַז דער יידישער לעבנס־רעזשים האָט פאַר איר שאַלדיקן פונדאַמענט די עקאָנאָמיק פון לופט־פּרנסות. פון דעם איז אַ לאָגישער פערטל־שריט צו דער אידייע, אַז די יידישע עקאָנאָמיק איז די עקאָנאָמיק פון קבצנות; אַז כל ישראל איז איין קבצן, וואָס שפּייזט זיך פון איין טאָרבע. ס׳איז אייגנטלעך ניט קיין וויטערדיקער אַנאַליז פון דער יידישער עקאָנאָמיק, נאָר אַן איבערזאָג פון דער אידייע פון

„מסעות"—וואָס האָט אַבראַמאָוויטשן געדינט ווי אַן אויסרייד פאַר אַ מעשה, וואו ער האָט איינגעפּאַסט אַ שטיק פון זיין יוגנט — זיינע דערפאַ־רונגען און באַגעגענישן פון יענע יאָרן, ווען ער האָט אַרומגעוואַנדערט ווי אַ בעטלער צווישן וואַנדערנדיקע בעטלער, — מאַלע וואָס פאַר זיין געדאַנק האָט זיך געטראָגן דער משל מיט דער טאַרבע, די שילדערונג פון דעם לעבן פון אַ כאַפּטע ידישע בעטלער איז גאָר קיין באַוויז ניט, אַז די יידישע עקאָנאָמיק איז הוילע קבצנות. אויך קינסטלעריש איז דער שווער־פּונקט פון „פישקען", טראָץ דעם נאָמען, ניט אין „פישקען", און ניט אין דער שילדערונג פון בעטלער לעבן. הגם אויף די פּנימער זיינען אַרויסגעשטעמפּלט געגנוג יידישע סימנים, בלייבן די געשטאַלטן אינער־ליך ניט אויפגעלויכטן; סענטימענטאַלער געוויין, זיפצן און קרעכצן און בי־טערער קלאָג זיינען קיין אויפלייכטונג און קיין כאַראַקטעריזירונג ניט. און הגם אויף די פּאַסירונגען איז אַרויפגעקלעפּט געגנוג געדיכטע יידישע פאַרב, אָבער די פאַרב לאָזט זיך דאָך אָפּוואַשן, און די אַרויפגעשטעמפּלטע פּנימער און אַן די אַרויפגעקלעפּטע פאַרב האָבן די געשטאַלטן און די פּאַסירונגען געקאָנט קאָפּירט ווערן פון אַ וועלכן עס איז פרעמדן ראָמאַן, וואָס פאַקטיש איז עס אַזוי טאַקע געווען. די מעשה גופא, מיט דער ליבע צווישן פישקע דעם קרומען און דער מיידל־הויקער, מיט די רדיפות, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין, מיט אַלע פון זיי איבערגעלעבטע שרעקן און גרוילן, האָט געקאָנט זיך פאַרלויפן אין אַ פאַרשטעטל פון פאַריז. בלייבן העגגען פון דער גאַנצער מעשה שטיקער פון יידיש־בעטלערישן לעבנס־שטייגער, וואָס זיי זיינען אַבראַמאָוויטשעס, אָפּגעשריבן פון זיינע יוגנט־דעראינערונגען.

די קינסטלערישע הויפּט־זאַך פון „פישקען" איז, טראָץ דעם נאָמען, ניט אין פישקען, נאָר אין מענדעלען. מענדעלע איז דאָ גרויסאַכטיק פאָרטרעטירט, אינערלעך פיל אויפגעלויכטן און כאַראַקטעריזירט — מער ווי ווען עס איז פריער אָדער שפּעטער. „פישקע" איז אַבראַמאָוויטשעס איבונג אויף מענדעלען; ער האָט דאָ פאַרפולקאָמט זיין אינסטרומענט; די מענ־דעלע־געשטאַלט איז דערפירט ביז צו מייסטערשאַפט, און ביז צו מייס־טערשאַפט איז אויך דערפירט די מענדעלע־פען אין שילדערונגס־קראַפט און דערציילונגס־קראַפט. — איבער אַ העלפט פון פישקען גיט ער זיך אָפּ מיט מענדעלען און מיט אַ שאָטן־געשטאַלט, וואָס דינט אים בולטער צו מאַכן — אויך אַ מוכר ספרים, אַלטער יקנה"ז (פונקט ווי סענדערל איז בנימינס שאָטן־געשטאַלט, וואָס דינט בנימינען בולטער צו מאַכן). צו דער איבונג אויף מענדעלען געהערט אויך מענדעלעס איבערדערציילן אויף

זיין באַרעדעוודיקן לשון פישקעס שטאַמעלדיקע מעשיות, און אויך די פאַריידישונג פון פרעמדן סוזשעט דורך יידישע סימנים, יידישער פאַרב און יידישן בעטלער־שטייגער. אַזוי אַרום איז דרייפערטל פון דעם ווערק מענדעלעס חלק אין פישקען.

פאַרטיק ווערנדיק מיט „פישקען", האָט אַבראַמאָוויטש באַקומען אין זיינע הענט מענדעלען, וועמען ער האָט געקאָנט אַנטרויען זיינע גרעסטע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען. ער איז אַליין „פאַרמענדעלעט" געוואָרן. אפילו ניט אָנרופנדיק מענדעלען ביים נאָמען, פלעגט ער שוין ריידן דורך זיין מענדעלע־פאַרשטעלעניש. אַזוי אויך אין זיינע פריוואַטע־שמועסן און בריוו.

(ווי עס ווערט איבערגעגעבן פון די וואָס האָבן אים געקענט אין זיינע עלטערע יאָרן, פלעגט אַבראַמאָוויטש, ווען ער איז געווען אין זיין אייגע־נעם איך, מאַכן דעם איינדרוק פון אַ צעטראָגענעם מלמד — פון אַ נערוועזן בטלן. אַזוי גיך אָבער ער פלעגט איבערגיין אויף מענדעלע לשון, פלעגט חכמה אַרויסזיינגען פון זיינע רייד — אַ חכמה וואָס באַשמייכלט די וועלט — און פקחות פלעגט אויפבליצן אין זיינע אויגן — אַזוי אַז דער וואָס האָט אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן, האָט אַליין געמוזט אַ פיקח ווערן).

אָנשפאַרנדיק זיך אויף דער פול־אַנטוויקלטער מענדעלע־געשטאַלט, איז אַבראַמאָוויטש צוגעטראָטן צו זיין ווערק פון ברייטסטן פאַרנעם — דער „ווינטשפינגערל", דורך וועלכן ער האָט אַריינגענומען דעם גאַנצן יידישן לעבנס־רעזשים, ניט ווי ביז אַהער, אַ ווינקעלע בלויז — די טאַקסע, די קבצנות, די קליינבירגערלעכע לופט־פרנסה־פּאָזיציע.

אין „ווינטשפינגערל", ווערט צום ערשטן מאָל געוויזן די יידישע בורזשואַזיע אין איר עקאָנאָמישער אַקטיוויטעט. — פון דער גרויסבור־זשואַזיע האָבן מיר ביז אַהער געוואוסט, אַז עס זיינען דאָ גבירים אדירים, וואָס טרייבן זייערע הויפּט־געשעפטן אויף דער גויאישער גאַס; פאַר דער יידישער גאַס זיינען זיי יוצא מיט אַנטרויען דעם יידישן קהלשן געשעפט די טאַקסע — צו זייערע משרתים און יצר־משרתים; זיי זיינען דאָס די באַהאַלטענע בעלי טאַקסע, וואָס קהלסלייט, קאָכלעפל האַלטן זיי אין דער אַרענדע און לעקן אָפּ אין זייער זכות דעם פעטסטן קהלשן ביינדל.

פון דער מיטל־בורזשואַזיע, וואָס האַנדלט־וואַנדלט אויף דער יידישער גאַס, האָט אַבראַמאָוויטש אונדז בלויז געוויזן, ווי אַזוי זי באַ־האַנדלט אירע קלייט־משרתים און משרתימלעך — אין „קליין־מענטשעלע". מען האָט דאָך געקאָנט פרעגן: אויב די גאַנצע יידישע עקאָנאָמיק איז דאָס קאָכלעפלען זיך אַרום קהלשן כשרן פלייש־טעפּל, לאַטעווען און

בעטלערן — פון וואַנען זשע פאַרט מאַכן ייִדן אַ לעבן? פון וואַנען מאַכט אַ לעבן די בורזשואַזיע, וועלכע איז גאָר ניט קיין קבצנטע און בעטלט ניט? — אין „ווינטשפינגערל" איז די בורזשואַזיע געוויזן אין איר עקאָ־נאָמישער פונקציע — דער לאַדזשער און דערנאָך דער לייפּציקער קאָמי־סיאָנער — רפאל בערלינסקי — אין זיינע פאַרוויקלטע דריי געשעפטן מיט די גלופּסקער יידישע קרעמער, פּראָצענטניקעס און מעקלער. און אויך די גרויסבורזשואַזיע איז געוויזן — וואָס „מאַכט אַ לעבן" אויף דער גויאי־שער גאַס — בראַנפן־פּאַדריאַטשיקעס, וואָס האָבן געהאַט אונטערגעקויפטע אַקציזניקעס.

ביז אַהער האָט ער באַרירט דעם בלאָטן עסק אַרום דער טאַקסע; אין „ווינטשפינגערל" האָט ער אַריינגענומען נאָך אַנדערע בלאָטע יידישע עסקים — די „כאַפּערס"; די שאַנד־הייזער, וואָס פרומע יידן פלעגן זיי פאַרבייגיין מיט פאַרקוועטשטע אויגן — אַזוי ווי זיי זעען ניט, וועט זיי ניט שאַדן — ניט זייער עסק. מעג בלייבן אָט דער שאַנד־פלעק אויף דעם יידישן קערפּער. אַבראַמאָוויטש האָט דעם שאַנדפלעק אויפגעדעקט מיט אַ געוואַגטקייט, וואָס האָט קיין גלייכן ניט געהאַט אפילו אין דער שפּעטערדיקער יידישער ליטעראַטור.

און אין „ווינטשפינגערל" איז שוין דאָ דער אָנהויב דערפון, וואָס די פּראָלעטאַרישע קריטיקער באַצייכענען אַלס די רעאַקציע אין מענדע־לען — דאָס שבת קודשן מיט שמוליקן דעם פאַקנטרעגער; די אידעאַלי־זירונג פון בית־מדרשדיקן פּרוש־למדן ר' אברהמלען.

באמת אַ פאַרזוך איינצופאַסן דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין איין ווערק — אַ גאַנצע אויסשטעלונג — אַ פּאַנאָראַמע.

אויף „ווינטשפינגערל" באַשטעטיקט זיך, אַז וואָס עלזייטיקער עס איז געווען אַבראַמאָוויטשעס אַרומנעמונג פון כלל, אַלץ קינסטלערישער איז געוואָרן מענדעלעס אַריינדרינגונג אין פּרט; וואָס אויסגעשפּרייטער די אידייע, אַלץ טיפער דער קינסטלערישער איינשניט. דער„ ווינטשפינ־גערל" איז אַבראַמאָוויטשעס געזעלשאַפטלעך ברייטעסטע ווערק, און דאָרט זיינען אויך דאָ די שאַרפסטע אינדיווידועלע כאַראַקטעריזירונגען. אשר מעקלער פון „ווינטשפינגערל" קאָן זיך פאַרמעסטן מיט שלום עליכמס מנחם מענדלען אין קינסטלערישער דורכגעדרונגענקייט.

אין „ווינטשפינגערל" האָט אַבראַמאָוויטש געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט מענדעלען — אָבער שוין מיט אַ חילוק פון „מסעות", וואו מענדעלע איז נאָך געווען דרויסן פון אַבראַמאָוויטשן, אָבער עס האָט געהערשט אַ פולשטענדיקער גלייכגעוויכט צווישן זיי. נאָר אין פאַרלויף פון שרייבן דעם

„ווינטשפינגערל" האָט אַבראַמאָוויטש געאַרבעט אויף „פישקען" און האָט אויסגעאַרבעט די מענדעלע־געשטאַלט — זיין קונסט־אינסטרומענט — ביז הונדערט גראַדיקער פולקאָמענהייט. איז פאַרגעקומען אַן ענדערונג אין די באַציאונגען צווישן די צוויי. מענדעלע־געשטאַלט איז איבערגעוואַקסן און האָט אַריבערגעוואויגן אַבראַמאָוויטשן, און האָט אים איינגעשלונגען אין זיך — ס'איז אַ פאַקט: אַבראַמאָוויטש האָט זיך געלאָזט איינשלינגען פון זיין געשאַפענער געשטאַלט, פון זיין געשטאַלט אינסטרומענט. פאַרן אויג האָט עס אויסגעזען, אַז געשען איז פאַרקערט: אַבראַמאָוויטש האָט אַריינגענומען מענדעלען אין זיך — מענדעלע איז שוין מער ניט קיין זעלבסטשטענדיקע דרויסנדיקע געשטאַלט — נאָר אַבראַמאָוויטשעס אינערלעכע געשטאַלט. אויסערלעך האָט זיך עס אויסגעדריקט אין דעם, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט אָפגעוואָרפן די מאַנערע פון ריידן אין מענדעלעס נאָמען; ער אַבראַמאָוויטש אַליין רעדט.

די ערשטע דריי טיילן פון „ווינטשפינגערל", ווי זיי זיינען אָפגעדרוקט געוועזן אין 1889 אין שלום עליכמס „יידישע פאָלקס ביבליאָטעק" זיינען בפירוש נאָך געשריבן געווען מיט מענדעלעס הילף; מענדעלע האָט געהאַט זיין געוויינלעכע הקדמה. אָבער שפּעטער ביי דער פאַרברייטערונג פון „ווינטשפינגערל" מיט נייע פינף טיילן איז די מענדעלע הקדמה אָפּגעוואָרפן געוואָרן, אַזוי איז עס טיילווייז אַריינגעאַרבעט געוואָרן אין טעקסט פון ווערק. אַבראַמאָוויטש פירט שוין די דערציילונג אַן זיין אייגענעם נאָמען; אָבער סיי ווי, אַפילו ווען אַבראַמאָוויטש האָט גערעדט, האָט עס אויך מענדעלע גערעדט; ער האָט שוין געהאַט מענדעלען אין זיך. אינמיטן שרייבן פון דעם „ווינטשפינגערל" איז דער איבערברוך געקומען.

דער זין פון דעם איבערברוך איז געווען, אַז דער קינסטלער האָט איינגעשלונגען דעם געזעלשאַפטלעכן קעמפער; אַבראַמאָוויטש האָט נאָכגעגעבן דעם יצר הרע פון קונסט — און ער קאָן שוין שרייבן אָן אַ בפירושער געזעלשאַפטלעכער כוונה, נאָר פאַר דעם ריין קינסטלערישן תענוג פון שרייבן.

לכתחילה — ביים שרייבן די ערשטע דריי טיילן פון „ווינטשפינגערל" — און ביים קורצן ערשטן נוסח פון „ווינטשפינגערל" אוודאי, פאַרעפנטלעכט אין 1865, האָט אַבראַמאָוויטש יאָ געהאַט אַ בפירושע געזעלשאַפטלעכע כוונה: צו געבן אַן אַלזייטיקע באַלייכטונג פון אַלע ווינקעלעך פון יידישן לעבן, כדי צו דערווייזן, אַז עס בויטיקט זיך אין אַ גרינטלעכער וויסנשאַפטלעכער, נאַטור־וויסנשאַפטלעכער, ראַדיקאַלער, סאָציאַלער־ראַדיקאַלער־דיזאינפעקציע פאַר אַ רפואה און געזונט מאַכן.

אָבער דאָ אין דער צווייטער העלפט פון די 88־ער, האָט ער זיך מיאש געווען פון די אַלע דיזאינפעקציע־מיטלען, אין וועלכער ער איז פריער פאַרגלויבט געווען. ער האָט פאַרגעזעצט לויט דעם לכתחילהדיקן פּלאַן — געבנדיק אַלזייטיקע באַלייכטונג — אָבער שוין מיט אַ מטושטשער כוונה, אפשר מיט דער אַלגעמיין־ליטעראַרישער כוונה, אַז קינסטלערישע באַלייכטונג טוט במילא געזעלשאַפטלעכן דינסט. — און דאָ האָט ער געצומען נאָכגעבן דעם יצר הרע פון ריינער קינסטלערישער הנאה. — און גלייכצייטיק האָט פון אַבראַמאָוויטשעס אונטערבאַוואוסטזיין געצומען אַרויסרוקן זיך אַן עלעמענט, אָט־די פון די פּראָלעטאַרישע קריטיקער אַזוי געררפענע שטימונג פון רעאַקציע — דאָס שבת קודשן אין מיטן מיטוואָך — אַן עלעמענט, וואָס האָט מיטגעטראָגן מיט זיך אַן אונטערבאַוואוסטזיניקע כוונה וואָס האָט געדאַרפט פאַרבייטן די פריערדיקע ראַדיקאַל־געזעלשאַפטלעכע כוונה.

דאָס אָפּיציעלע אָפּגעזעגענען זיך פון אַבראַמאָוויטשן מיט מענדעלען אין דער הקדמה צו „שלמה ר' חיימס" האָט באַטייט דעם סוף פון דעם פּראָצעס פון זייער קעגנזייטיקן איינגעשלונגען ווערן. אַבראַמאָוויטש האָט ענדגילטיק אַריבערגעטראָגן מענדעלען פון דרויסן אין זיך אַריין און פולשטענדיק זיך איבערגעענטפערט אין מענדעלעס רשות. ער איז בלויז קינסטלער. ער קעמפט מער מיט קיינעם ניט. דערפאַר טאַקע האָט ער זיך געווענדט נאָך שטאָף צו דער פאַרגאַנגענהייט, צו זיין קינדהייט. ווען דער שטאָף איז פון דעם היינט, וואָס פאַר די אויגן, איז אומפאַרמיידלעך געזעלשאַפטלעכע אָריענטאַציע, באַוואוסטזיניקער קאָנטראָל, אויסוואַל. — אָבער אין זכרונות קאָן מען זיך פאַרשפאַרן אָט־די גאַנצע אַרבעט: מען גייט נאָך דעם שטאָף פון בילדער, געשטאַלטן, געשעענישן און מ'קען זיך לאָזן וואוילגיין מיט אויפכאַפּן, שילדערן, מאָלן, פאָרטרעטירן און פאָטאָגראַפירן. און „שלמה ר' חיימס" איז אַ ווערק, וואו אַבראַמאָוויטש איז פולשטענדיק אויסגעליפערט צו דער מענדעלע השפעה און אונטערגעגעבן דעם יצר הרע פון קינסטלערישע הנאה. די הנאה איז דאָך פאַרטאָפּלט דורך דעם געשמאַקן טעם, וואָס קינדהייט־דערמאָנונגען גיבן דער עלטער, וואָס האָט שוין אַ גאַנץ לעבן הינטער זיך — אויך דער אונטערבאַוואוסטזיניקער עלעמענט, וואָס האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין „ווינטשפינגערל" — דאָס שבת קודשן מיטן אָרימאַן — האָט זיך דאָ אַרויסגערוקט צום פאָדערגרונט און געוועלטיקט כמעט מיט באַוואוסטזיניקער כוונה: צו אידעאַליזירן די פאַרגאַנגענהייט. „שלמה ר' חיימס" איז כולו שבת קודש — די פאַריומטובדיקונג פון דער גאַנצער יידישער וואָכעדיקייט.

אויסזען זעט עס אויס, ווי אַ רעוויזיע פֿון אַבראַמאָוויטשעס פֿריער־דיקער באַציאונג צום אַלט־יידישן לעבנס־שטייגער. ער געפֿינט גאָרניט וואָס צו טאַדלען, ער זעט קיין חסרונות ניט. אמת ער שעמט זיך ניט אויפֿצודעקן שלעכטיקייטן, רשעותן, האַרטקייטן, לעבנס צעריסענע און צעטרעמפּלטע דורך ווילדע אָבערגלויבנס אין פֿינצטערע אמונות — אָבער אָן שטרענגקייט, אָן צאָרן. זיין טאָן איז פֿון מילדער, גנעדיקער אָביעק־טיוויטעט.

די באַפֿרייטע קינסטלערישע מענדעלע־קראַפֿט אַרבעט מיט פֿולן שוואונג, וואָרפֿט פֿון זיך מיט שילדערונגען, כאַראַקטעריזירונג און קינד־הייטס עקסטאַזן. אמת די שילדערונגען גייען ניט טיפֿער פֿון דער אויבער־שטער שיכט; די כאַראַקטעריזירונגען מאַכן ניט קיין אויפֿלייכטנדיקע אויפֿ־שניטן אין מענטש־כאַראַקטער; ניטאָ קיין קינסטלערישע חידושים, קיין בליענדיקע געשטאַלט־אַנטפּלעקונג, וואָס דערצו קענטיק פֿאָדערן זיך יאָ אי באַוואוסטזיניקער גערעַנגל, אי גוזעלשאַפֿטלעכע אָריענטאַציע. אָבער די שפֿע פֿון קינסטלערישער אַרבעט קויפּט אויס און קויפּט אונטער; דער עיקר אָבער פֿילט זיך, אַז דער אַלטער האָט זיך גענחתט מיט זיין ווערק, און נחת איז אָנשטעקיק...

„שלמה ר' חיימס" איז אַם נאָענטסטן צו די ווערק, וואָס שטעלן צונויף נאָרמאַלע ליטעראַטור ביי די אומות העולם — און דערפֿאַר, ווען מען האָט געפֿייערט מענדעלעס 75 יאָריקן יובילעאום אין 1910 — האָבן די קריטיקער דערעיקרשט געיובלט „שלמה ר' חיימס".

זאָג איך: מע דאַרף מאַכן אַן אונטערשייד פֿון אַמאָל און היינט.

פֿאַר 25 יאָר איז רעכט געווען וואָס בעל מחשבות, פֿרישמאַן, ניגער און פּיכמאַן זיינען געגאַנגען הקפֿות אַרום „שלמה ר' חיימס", ווייל דעמאָלט איז די גרויסע שמחה געווען, אַז עס איז געבאָרן געוואָרן ריינע קינסטלע־רישע ליטעראַטור אין יידיש, פּונקט ווי ביי אַלע נאָרמאַלע פֿעלקער. די גרויסע שמחה איז געווען, וואָס אַזוינס און אַזעלכעס איז גאָר מעגלעך גע־ווען ביים יידישן פֿאָלק. אָבער איצט, ווען די מעגלעכקייט איז דערוויזן און דעמאָנסטרירט געוואָרן, איצט נאָך אַמאָל איבערגיין דיזעלביקע עסטעטישע הקפֿות אַרום „שלמה ר' חיימס" איז זייער אַ פֿאַלשער גאַנג.

וואָרים די פּניה דערביי: מען פֿייערט „שלמה ר' חיימס" אַלס אַ ווערק פֿון ריינער קונסט, כדי פֿון הינטן אַרום אַרונטערצוזעצן די חשיבות פֿון די ווערק ביז „שלמה ר' חיימס", מחמת אין יענע ווערק דאַרף עס הייסן, איז ריינע קונסט געמישט מיט געזעלשאַפֿטלעכע קעמפֿערישע טענדענצן — אַט די פּניה איז אַ צווייפֿאַכע, דרייפֿאַכע פֿעלשונג.

אָדער אפשר גאָר אַזוי: דער שר, וואָס איז ממונה איבער דער יידי־שער ליטעראַטור, האָט זיך דאָ נוקם געווען אין מענדעלען פאַר דינען דער עבודה זרה פון ריינער קונסט. ווילסטו, מעשה גוי, זיך לאָזן וואוילגיין מיט ריינער קונסט! — נאָ, ווערסטו געצוואונגען זיין אַריינצשרייבן ריינע פובליציסטיק אין דיין ריינער קונסט.

צווייטנס איז עס אַ פעלשונג קעגן אַבראַמאָוויטש־מענדעלען. אַ גרויסע עוולה באַגייען זיי קעגן אים. ווען זיי זיינען זיך משמח מיט יענע ווערק זיינע, וואָס עס דוכט זיך זיי, אַז אַבראַמאָוויטש־מענדעלע האָט דאָרט אָפגעסמט זיין געזעלשאַפטלעכן געוויסן. עס איז ניט אמת אפילו וועגן „שלמה ר' חיימס" — מיר האָבן געזען, אַז פון אונטער דער ריינער קינסטלערישקייט פון „שלמה ר' חיימס" שפּאַרט זיך דורך אַ נייע געזעל־שאַפטלעכע כוונה, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון מענדעלעס גאַנצער לעבנס דערפאַרונג און אידייאישער אַנטוויקלונג.

און ווי שוין אַנגעוויזן, איז עס אַ פאַרפעלשונג פון זיין גאַנצער שעפע־רישער האַרעוואַניע, פון דער ראַנגלעניש פון זיין גאַנץ לעבן, ווי אַזוי צו פאַרקערפּערן געזעלשאַפטלעכע געוויסנס־אידייען אין קינסטלערישע ווערק, פאַר שטאַרקערן עפעקט, וואָס פאַר דעם צוועק טאַקע האָט ער אַרויסגערופן פון זיך די מענדעלע־געשטאַלט, אויף צו העלפן אים אין דער פאַרקערפּערונג. און די מענדעלע־געשטאַלט — מעג מען זי אָנרופן אַבראַ־מאָוויטשעס „געניאַלער גולם", האָט אים געטריי געדינט, האָט אויפגע־וועקט און אַקטיוו געמאַכט דעם קינסטלער און דעם קאָפּ־מענטש — בעל־מוח, פובליציסט און קעמפער, אַבראַמאָוויטשן. — ערשט אויף דער עלטער האָט די געשאַפענע געשטאַלט געוואונען איבער איר די אויבערהאַנט, האָט פאַרכאַפּט זיך פען און באַלוינענדיק זיך פאַר דער טרחה פון זיין געטרייען דינסט און באַנוצנדיק די פרוכט פון זייער בשותפותן ראַנגלען זיך, האָט ער גענומען שרייבן פאַר זיין ריין שרייבערישן פאַרגעניגן, אָן דירעקטער ציל־איינגעשטעלטקייט.

פאַרוואָס זאָל דאָס גראַד — מענדעלעס פענסיע — דער עלטער־שכר פאַר אַ לעבן פון ראַנגלעניש — אָנגערופן ווערן העכער פון דער גאַנצער ראַנגלעניש.

איז עס מער ווי פעלשונג, עס איז ממש אַ פאַרברעכן קעגן דער היינ־טיקער יידישער ליטעראַטור.

וואָרום עס בלייבט ווי געווען ביים סאַמע אָנהויב — ווען אַבראַמאָ־וויטש־מענדעלע האָט זיך צוערשט גענומען צו דער פען, און ווען די

יידישע ליטעראַטור האָט ערשט געדאַרפט באַגרינדעט, באַרעכטיקט, פאַר־ענטפערט און, פון גאָר נישט אַרויס, באַשאַפן ווערן. און עס בלייבט הענגען איבער אונדז דאָס זעלביקע אַבראַמאָוויטש־מענדעלע פּראָבלעם: איבער־צואַרבעטן דעם קאָפּ־מענטש, דעם בעל מוח, אידייען־פּריידיקער אין קינסטלער. וואָרום וועלכער ייד, בפרט יידישע שריפטשטעלער, איז לכתחילה ניט קיין קאָפּ־מענטש? וואָרים „כולנו חכמים, כולנו נבונים" — איז דער טייטש: אַז אַלע זייַנען מיר חכמים און פאַרשטייער מיטן שפּיץ־מוח. און ווייל די יידישע ליטעראַטור האָט קיינמאָל ניט די נאָרמאַלע סביבה צו וואַקסן און געדייען, ווייל אַלעמאָל העגנט איר עקזיסטענץ אויף משקלת — און זי מוז אַלעמאָל באַגרינדעט, באַרעכטיקט, פאַרענטפערט און פון גאָרנישט אַרויס באַשאַפן ווערן דורך געזעלשאַפטלעכער גרויס תכלית־דיקייט — פּירט עס דערצו, אַז עס זאָל נאָך מער פאַרשאַרפט און פאַר־שפּיצט ווערן די יידיש־שריפטשטעלערישע שפּיץ־מוחדיקייט. עס איז ניטאָ קיין איין שריפטשטעלער ביי אונדז, וואָס מען זאָל ביי אים ניט קאָנען אַנטאַפּן דאָס זעלביקע ראַנגלעניש — אין אַ קלענערן אָדער גרעסערן גראַד — ווי צו פאַרוואַנדלען אידייאישקייט אין קינסטלערישקייט.

דער עיקר אָבער, די יידישע ליטעראַטור געפינט זיך איצט אין איר ענגסטן קלעם, עס האַנדלט זיך איצט וועגן דעם ווי אויפצוהאַלטן די יידי־שע ליטעראַטור ביים לעבן, ניט צו לאָזן זי אונטערגיין לעבעדיקערהייט פאַר אונדזערע אויגן. דאָס איז אַ סוד, וואָס עס קלינגט מיט אים אין אַלע יידישע גאַסן. די ליטעראַטור גיט זיך ניט איבער צו דער יוגנט, גיט זיך ניט איבער צו דער אינטעליגענץ. דאָס מיינט אונטערגאַנג. קיינע תחבולות העלפן ניט, און אַלע רייד בלייבן רייד. די ישועה דאַרף קומען פון דער ליטעראַטור גופא — האָט זי פאַר זיך צוויי פּראָבלעמען:

ערשטנס — ווי אַזוי אָנגעשטעלט צו ווערן צו אַ ריזיקן רעטנ־דיקן יידיש־געזעלשאַפטלעכן תכלית. און אָט דער תכלית־ציל זאָל טאַקע ווערן דער אינהאַלט פון דער ליטעראַטור. אָנגעלאָדן זאָל זי ווערן מיט דער אינטענסיווסטער, יידיש־געזעשאַפטלעכער גרויס־תכליתדיקער אידיי־אישקייט. אַזוי אַרום וועט די ליטעראַטור ביי אונדז ווערן אַ הויפּט־רעט־טונגס־מיטל...

אָט אַזוי האָט מענדעלע געטאָן ביים באַשאַפן די יידישע ליטעראַטור.

און צווייטנס — געפינען דעם פּאַסיקן אינסטרומענט, ווי אַבראַמאָוויטש האָט עס געפונען אין מענדעלען — וואָס זאָל איבערזעצן די אידייאיש־קייט, תכליתדיקייט אין קינסטלערישע ווערק פון גרויס פאַרנעם, וואָס

זאָל ענטפערן אויף דעם ידישן און דער מענטשהייטס־וויגעשריי פון היינטיקן טאָג. דעמאָלט וועט די ידישע ליטעראַטור געווינען די יוגנט, געווינען די אינטעליגענץ, געווינען די מאַסע, וואָס קעמפט ווי יוגנט.— און דאָס וועט שוין מיינען, אַז מיר וועלן האָבן געוואונען פאַר דער ידי־שער ליטעראַטור די צוקונפט.

אין די ביידע פּראָבלעמען קאָן מענדעלע אונדז דינען פאַר אַ וועג־וויזער. און דאָס וואָלט געהייסן ירשענען מענדעלען פאַרן היינטיקן טאָג.

ווייל עס איז היינט ווי ביים סאַמע אָנהויב — די ידישע ליטעראַטור אין דער סטאַדיע פון ניי באַשאַפן ווערן, ווייל אַ ליטעראַטור אויף משקולת, און היינט מער ווי אַלעמאָל, ווייל עס זיינען שוין אויסגעהאַנגען איבער איר די געפאַר־סיגנאַלן פון ערב־אונטערגאַנג — דאַרף זי אוודאי און אוודאי פונדאַסניי באַשאַפן ווערן פאַר קיום און נצחון.

האָבן מיר גאָר אַ גרויסע לעקציע צו לערנען פון דעם פּיאָנער־באַ־שאַפער פון דער ידישער ליטעראַטור, וועלכער האָט זי באַשאַפן אין קעמ־פערישן פאַרמעסט מיט די פּראָבלעמען פון זיין צייט.

איז אין דעם שטרייט וועגן דער מענדעלע ירושה צווישן די פּרע־טענדענטן — צווישן די „אמתע" און „עמעסע" אייניקלעך, אויף וועלכן צד אין דער ירושה פּראָצעס דאַרפן מיר זיך שטעלן? זיכער אויף דעם צד פון די „עמעסע", די פּראָלעטאַרישע ירושה פּרעטענדענטן. וואָרים אַפילו ווען זיי מאַכן גרויסע טעותן, אין דעם עיקר זיינען זיי גערעכט: זיי האָבן אויסגעזוכט די שאַרפסטע פּראָבלעמען פון דער היינטיקער צייט. זיי האָבן זיך קעמפעריש פאַרמאָסטן אין דער ידישער ליטעראַטור אויף דער לייזונג פון די פּראָבלעמען. — אָט אַזוי האָט אויך מענדעלע געטאָן.

זיי פאַרזעען אפשר דעם ענגן צוזאַמענהאַנג צווישן אַבראַמאָוויטשעס קינסטלערישקייט און געזעלשאַפטלעכער קעמפערישקייט, וואָס האָבן איי־נע די אַנדערע געשפּייזט און געשטיצט. אויך זיי, פּונקט ווי די קריטיקער־עסטעטן, מאַכן דאָ אַ קינסטלערישן ריס, מיט אַ פאַרקערטן ציל: זיי גלאָ־ריפיצירן די קעמפערישקייט צום שאָדן פון דער קינסטלערישקייט, בעת די קעמפערישקייט נויטיקט זיך דווקא אין איר פאַר געהעריקן עפעקט. זיי אונטערשעצן אָפט קינסטלערישע ווערק, ווייל זיי געפינען דאָרט שטעלן פון כולער ידישקייט. אָט פאַרבראַקירן זיי איבער אַ העלפט פון „ווינטש־פינגערל", ווייל מענדעלע שבת־קודשט דאָרט מיט שמוליק דעם פּאַקנ־טרעגער; און זיי פאַרבראַקירן אין גאַנצן „שלמה ר' חיימס", ווייל עס איז כולו שבת קודש. אמת, מענדעלע האָט דאָ ניט אַרויסגעבראַכט זיין

געזעלשאַפטלעכע כוונה, און וואָס דער אונטערבאַוואוסטזיין האָט אים אונטערגעטראָגן, האָט אָנגענומען אין אומגלויביקע אויגן אַ רעאַקציאָנערע פאָרם. אָבער מענדעלעס אונטערבאַוואוסטזיניקע כוונה איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון דער יידישער ליטעראַטור און איז פאַרנוצט געוואָרן פאַר גרויסע און פּראָגרעסיווע קינסטלערישע צוועקן פון שלום עליכמען, פּרצן, פון אַ צאָל יונגע אין אַמעריקע — האָט געשפּילט און שפּילט נאָך עד היום און וועט אין דער צוקונפט נאָך מער שפּילן אַ פּורעמענדיקע ראָלע אין קינסטלערישן אויפבוי פון דער יידישער ליטעראַטור — עס פאָדערט זיך נאָר אַ פיינערער אַנאַליז אַרויסצולייענען פּראָגרעס פון דער שבת־רעאַקציע. אָבער די אַלע טעותן וועלן זיך במילא פאַרריכטן. אויב די פּראָלעטאַרישע קריטיקער וועלן זיך קיין עצה ניט קאָנען געבן, וועלן די פּראָלעטאַרישע קינסטלער שוין געפינען אַ וועג ווי צו פּראָלעטאַריזירן דעם שבת־קודש, כדי צו כשרן די שבת־קודש ענערגיע פאַר פּראָלעטאַרישע צוועקן.

און גוט גוט דוד בערגעלסאָן וועלכער, ניט וואַרטנדיק אויף דער הילף, וואָס די פּראָלעטאַרישע קריטיקער קאָנען אים געבן, האָט גענומען זיך אַליין פּראָלעטאַריזירן. און זוכט פון דער מענדעלע ירושה הילף פאַר זיין זעלבסט־פּראָלעטאַריזירונג. — זיכער, ביי מענדעלען וועט ער די הילף געפינען. — ניט קיין לייכטע עובדא האָט ער גענומען אויף זיך איבערצו־ברעכן זיין גאַנץ שאַפן. עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז ביי אַזאַ איבערברוך זאָל דאָס נאַקעט פּראָלעטאַרישע דאָ און דאָרט זיך אַ ריס טאָן, דאָס נייע זיך שטופּן אין פאָראויס, איידער נאָך עס האָט באַוויזן אָנצונעמען אויף זיך קינסטלערישן לבוש. — דאַרף מען אים ניט פאַרשרייען, שטעכן אים די אויגן מיט דער אַרויסשטאַרצנדיקער טענדענץ, שרעקן אים מיט דער עבירה, וואָס ער באַגייט קעגן קינסטלערישקייט — און פאַרווערן אים מאַכן אַ ווייטערדיקן טריט. פאַרקערט, דערמונטערן דאַרף מען אים. ער וועט שוין קאָנען מיט זיין מעטאָד, זיין אינסטרומענט די טענדענץ פאַרקינסטלערן. ווארים דאָס אייגענע איז אויך ביי מענדעלען געווען. האַנדלט ער ריכטיק ווי אַ מענדעלע יורש. ער אַרבעט פאַרן קיום און נצחון, פאַר דער נייער באַשאַ־פונג פון דער יידישער ליטעראַטור. דערום וועלכע טעותן די פּראָלעטאַ־זירנדיקע זאָלן ניט מאַכן, אַ פיל ערגערן טעות מאַכן די עסטעטן און עקלעקט־עסטעטן. זייער אַרבעט איז דירעקט צום חורבן פון דער יידישער־ליטעראַטור. וואָרים וואָס טוען זיי? זיי קאָלופּן אויס ביי מענדעלען אַלע זיינע געזעלשאַפטלעכע קעמפערישע מאָטיוון, צאַפּן ביי אים אויס אַ קוואַרט קעמפערישע בלוט, באַלזאַמירן אים פאַר אַן אייביקן מת, און שטעלן אים אויס אין אוהל מוזעאום — פאַר עסטעטישע אויגן, און מאַכן פון

זייער עבירה א קדושה, וואס דינט זייער פראפעסיע. איי, אונטער־גאנג איז פאר זייערע אויגן? מאכן זיי זיך ניט זעענדיק, נישקשה, מע לעבט נאך, גאט צו דאנקען. און זיי זיינען זיך משמח מיט זייער פאסעסיע ביים ראנד פון אפגרונט. גילט עס, כל זמן די פאסעסיע ברענגט נאך וואס אריין, אבער עס איז געטריבן, געשטויסן די יידישע ליטעראַ־טור צום אונטערגאנג. — מענדעלע־יורשים זיינען עס? — ירושה פאר־שווענדער!

3

מענדעלע — אַבראַמאָוויטשעס „איבערזעצער"

„אמר ר' מענדעלע" — אט־דער מגידישער „אמר", וואס עפנט ש. י. אבראמאָוויטשעס יעדע גרעסערע און בעסערע דערציילונג, אט־דער „כלומרשט" ווי א מגיד רעדט, דער פרימלעכער אנשטעל, פירט אריין אבראמאָוויטשעס פען אין משל אריין, אין דעם משל, וואס דערציילט זיך מיטן נמשל צוזאמען, וואס דער נאמען פאר דעם איז — אַלעגאָריע. און די אַלעגאָריע, ווי מיר וויסן איז געווען אבראמאָוויטשעס קינסטלערישער הויפט־מעטאד.

„אמר ר' מענדעלע" — איז דער שליסל פון אבראמאָוויטשעס קינסט־לערישקייט. ווי דער „נאום ה'", וואס עפנט דעם נביאס זעאונג, האט אי־בערזעצט דעם נביאס שטרענגע שטראף־רייד און מאנונגען און טרייס־טונגען אין געהויבענער נבואה, אזוי האט דער „אמר ר' מענדעלע" אי־בערזעצט אבראמאָוויטשעס אידייאישקייט אין מעשהדיקייט.

און דאס איז געווען הויפטזעכלעך מענדעלע, וואס האט איבערזעצט דעם משכיל פובליציסט ש. י. אבראמאָוויטש פון העברעאיש אין דעם קינסטלער־דערציילער פון יידיש. — אין העברעאיש, אין דער פובליציס־טיק, אין דער דערציילונג „למדו היטב" — אין 1862 — (שפעטער איבער־געארבעט אין ראמאן „האבות והבנים") — איז מענדעלע נאך ניט געווען. אין יידיש האט ער זיך גלייך באוויזן מיטן „קליין מענטשעלע" — אין 1864. די מענדעלע־געשטאלט איז אבראמאָוויטשן אומבאדינגט נויטיק געווען פאר דעם איבערגאנג פון פובליציסט צו קינסטלער. מענדעלע — די גע־

שטאָלט — האָט דעם איבערגאַנג דורכגעזעצט. און דאָס איז זיין הויפּט־דינסט געווען.

(ערשט שפּעטער, אין יאָר 1886, האָט אַבראַמאָוויטש אַריבערגע־טראָגן זיין יידישן מענדעלע אין העברעאיש אַריין מיט דער דערציילונג „בסתר רעם". אָן דעם יידישן מענדעלע וואָלט קיין העברעאישער קינסט־לער אַבראַמאָוויטש ניט געווען. און זאָלן די העברעער זיך ניט גרויס האַלטן, אַז אַבראַמאָוויטש, דער העברעאישער קינסטלער, איבערשטייגט דעם יידישן!)

וועל איך זיך דערלויבן אַ ווידערהאָלונג, כדי דעם ענין קלערער צו מאַכן, הגם מיר דוכט, אַז דער ענין איז גענוג קלאָר. אָבער אַזוי ווי וועגן דעם פּירט זיך אַ מחלוקת, וועט ניט שאַטן אַן איבערחזרונג.

ווי אַזוי האָט דאָס מענדעלע געקאָנט אָפּטאָן אַזאַ וואונדער אַבראַמאָ־וויטשן? — ווייל מענדעלע איז אַבראַמאָוויטשעס גרעסטע קאַפּוליער אַנצו־הערעניש. ער איז דורכאויס דערציילערישער משל, אַ פּאַרלעבעדיקטע אַלע־גאָריע, אַ פאַרמשלטער אַבראַמאָוויטש. ער איז דורכויס טאָפּל־מיינענדיק, טאָפּל־זיניק. ער איז אַ טאָפּל־מענטש מיט אַ טאָפּל־גאַנג. ער איז טאָפּל־נשמהדיק. ער איז אַבראַמאָוויטש אַריינגעזעצט אין אַ פרומען פּאַרצייטיקן לבוש. מענדעלע איז אַ פאַרשטעלטער, באַהאַלטענער, פאַרגנבעטער משכיל מיט באָרד און פּאותן און תפילין־זאַק. אַזעלכע זיינען געווען גאָר אַ סך אין אַבראַמאָוויטשעס יוגנט־יאָרן; אַזעלכער איז טיילווייז געווען אַבראַ־מאָוויטשעס אייגענער פאָטער — אַ תנ"ך־משכיל, אַ בעל לשון, אָבער, ווען זיין אײדעם איז „געכאַפּט געוואָרן אין דער מעשה", איז ער געוואָרן אַן אכזר און געצוואונגען זיין טאָכטער אים אָפּצוגטן. — אויפרייסן די אויגן טאָר מען ניט.

און אַזעלכער איז טיילוויז געווען אַבראַמאָוויטש אַליין — ניט קיין פאַרגנבעטער משכיל, נאָר אַן אָפענער; דאָך אַריינגעגנבעט האָט ער אַבי־סעלע פרומען שטאָט לפנים וועגן; איז ער דאָך אָפּגעווען די צווייטע העלפט פון זיין לעבן דער משגיח פון אַ תלמוד תורה — זאָל זיין אַ רעפאָרמירטער, אָבער פאָרט אַ תלמוד תורה.

דער גאַנצער דור איז געווען אַן איבערגאַנג־דור, אַ דור פון טאָפּל־נשמהדיקע. האָט אַבראַמאָוויטש גענומען אָט־דעם רעאַלן מענטשן־טיפּ פון זיין צייט און אים פאַרשאַרפט: ער האָט זיין אייגענעם משכילישן, נאַטור־וויסנשאַפטלעכן, כמעט פּיסאַרעווישן ראַדיקאַליזם אַריינגעזעצט אין אַ יידן, וואָס איז מקיים אַלע פרומע מצוות און רעדט בית־המדרש־לשון —

און ער האָט אַזוי אַרום דערהויבן אים צו אַ סימבאָל, צו אַ משל אויפן גאַנצן דור. אַבראַמאָוויטשן איז לייכט אַנגעקומען אָט־דאָס אומזעצן זיך אין מענדעלען, ווייל ער אַליין האָט דעם איבערגאַנג געמאַכט פּאַוואָליע, אַן אַ געוואַלט־ריס — האָט ער זיך פאַרשפּאָרט שנאה צום אַלטן פרומען דור, האָט ער ניט געדאַרפט זיין אַ משכיל אויף צו להכעיס, וואָס פאַרחלבט זיך און פאַרטרפהט זיך, כדי די „פרומאַקעס", די „פינצטערלינגע", וואָס מער ווי צו טאָן. — אין אים אַליין האָבן זיי געהויזט בשלום — דער משכיל און דער פרום־שטייגערישער ייד. איז ער געשטאַנען מיט ביידע פיס אויף ביידע ברעגן. האָט זיין נשמה זיך באַוועגט אויף צוויי פלאַכן.

און דאָ איז דער וואונדער געשען: — אַזוי גיך ווי אַבראַמאָוויטש האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער מענדעלע געשטאַלט, האָט ער — סיי אַבראַמאָוויטש און סיי מענדעלע — באַקומען צוויי נשמות — אַן אויבערשטע און אַן אונטערשטע; האָט ער באַשאַפן אַ משופּעדיקייט אין זיך, אַ קרומע פלאַך, אַ באַרג אַראָפּ, וואָס האָט געבראַכט אין באַוועגונג זיינע אידייען, זיי זאָלן זיך נעמען קייקלען באַרג אַראָפּ און לויפן אין דערציילערישקייט אַריין. אין זיין אייגענעם נאָמען ניט, אָבער פאַרשטעלט פאַר אַ צווייטן — אונטער דער מענדעלע־מאַסקע — האָט ער געקאָנט נעמען שפּילן אַ צווייטן — האָט ער בכלל געקאָנט נעמען שפּילן — האָט זיך אין אים אָפּגערופן דער אַקטיאָרישער טאַלאַנט פון זיין קינדהייט.

עס איז אַ כלל גדול, אַז פאַרשטעלטערהייט שפּילט מען — שפּילט אַפילו יענער, וואָס, ניט פאַרשטעלטערהייט, דירעקט, קאָן ער זיך קוים באַוועגן. אפילו פאַר אַ געוויסן טיפּ אַקטיאָרן איז דאָס אמת.

קיין בעסערע ראיה דאַרף מען ניט, ווי אונדזער אייגענעם מאָריס שוואַרצן, וועלכער האָט דאָך אַ נאָמען פאַר אַ גרויסן קינסטלער. ווען ער שפּילט דירעקט, ניט פאַרשטעלט, גלייך, פון זיך אין דער ראָלע אַריין — מע רופט עס אויף ענגליש „סטרעיט" — באַווייזט ער בלויז אַ העלפט פון זיין טאַלאַנט. אַזוי איז „אוריאל אַקאָסטא", אַזוי איז „שבתי צבי". עס גיט אָפּ מיט דעקאָראַציע און דעקלאַמאַציע, אָבער דערלאַנגט אים עפּעס אַ פאַרשטעלעניש, אַ מום, אַן וועלכן זיך אָנצוכאַפּן; דעם קרומען רוקנדל אין יושקעוויטשעס „לופטמענטש", די פּאַנפּע אונטער דער נאָז אין ראָזענפעלדס „קאָנקורענטן", דעם הייזעריקן ביי־קולכל פון זיין מענדל — ברענגט ער אַרויס גרויסאַרטיקע טיפּן — פון הוילער שפּילערישקייט.

דער זין דערפון איז, אַז דאָ באַשאַפט זיך אַ קרומע ליניע, אַ קרומע פלאַך — אַ קלעם — אַ שפּאַרונקעלע, דורך וועלכע ער דאַרף זיך דורכ־

שפּאַרן — ברענגט עס אין באַוועגונג שפּילערישן טאַלאַנט. וואָס איז געווען אויף איין פּלאַכן טאָוול, מוז זיך נעמען ציען און שטרעקן.

און ניט נאָר וועגן אַקטיאָרן, וועגן מענטשן אין לעבעדיקן לעבן גילט דאָס דער זעלביקער כּלל; ווען איינער פון זיי האָט פון יוגנט אָן, זיך אַריינגעשפּילט אין אַ געוויסער ראָלע, איז ער אויסגעצייכנט כּל זמן ער שפּילט זיין ראָלע; פּאַלט ער אַרויס פון דער ראָלע, פּאַרלירט ער זיך — און זיין רײדן איז אָן ריח און טעם.

דער טייטש דערפון איז, אַז שפּיל־טאַלאַנט — און יעדער טאַלאַנט איז שפּיל — איז אָפט דער רעזולטאַט פון פאַרשטעלן זיך, פון פאַרקרימען זיך, — זאָל יעדער עס פּרובירן טאָן: זיך פאַרשטעלן, זיך פאַרקרימען, — ריידן אין דער קרים, דורך אַ שפּאַרונקעלע, וועט ער וויפיל ניט איז אויך קאָנען שפּילן.

איבערגייענדיק פון די ביישפּילן צו דעם מוסטער־ביישפּיל פון דער יידישער ליטעראַטור — ש. י. אַבראַמאָוויטש־מענדעלע מוכר ספרים:

מענדעלע איז אַבראַמאָוויטש אין דעם קרים; מענדעלע האָט אויס־געבויגן אַבראַמאָוויטשעס נשמה פון דער אויבערשטער צו דער אונטער־שטער פּלאַך...

אין רוסיש איז דאָ אַ טייער וואָרט פאַר דעם: „סדוויג" — אַ רוק. מענדעלע האָט באַשאַפן אַ „סדוויג" אין אַבראַמאָוויטשן — האָט זיך אַלץ ביי אים גענומען רוקן און באַוועגן: זיינע מעשים, זיינע אידייען; עס האָט זיך אָפּגערופן גרויסער שפּילערישער טאַלאַנט — צום שילדערן און דער־ציילן; ער האָט גענומען ריידן טאָפּל־שפּראַך, אַלעגאָריש, זאָגנדיק איינס און מיינענדיק עפּעס אַנדערש — מענדעלע־נוסח.

און אַזוי אַרום איז מענדעלע, לכתחילה אַ רעאַלער טיפּ, דערנאָך אַ פאַרשאַרפט־סימבאָלישע געשטאַלט, וואָס לייכט אויף און וויזט אָן אויף אַ גאַנצן דור — וואָס דאָס מיינט אייגנטלעך אַ קינסטלערישע געשטאַלט — גלייכצייטיק אויך געוואָרן אַבראַמאָוויטשעס קינסטלערישער הויפּט־געצייג, וואָס פאַרקינסטלערט אַלץ, צו וואָס ער רירט זיך צו מיט זיין פּען — מיט איין וואָרט אַבראַמאָוויטשעס איבערזעצער פון פּובליציסט אין קינסטלער.

אויף טריט און שריט קאָן דערוויזן ווערן, ווי אַזוי מענדעלע, דער טאָפּל־נשמהדיקער, פאַרקינסטלערט אַבראַמאָוויטשן...

4

יעדער מיט זיין „מגיד"

מאַכנדיק אַ סך הכל פון מיינע אויספירונגען וועגן מענדעלען; ער איז אַן אינסטרומענט וואָס ש. י. אַבראַמאָוויטש האָט זיך צו רעכט געמאַכט אויף צו פאַרוואַנדלען אין זיך דעם „קאָפּ־מענטש" — דעם פובליציסט — אין „אויג־מענטש" — זעער, שילדערער, דערציילער — קינסטלער וואָס מען רופט. דער אינסטרומענט האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר מולדיק, געראָטן, פרוכטבאַר אין זיינע פּראָדוקציע־רעזולטאַטן — דער עיקר טאַקע דערפאַר, וואָס דער קאָנטראַסט פון צוויי נשמות אין מענדעלען האָט גוט צוגעטראָפן אַבראַמאָוויטשן אַליין.

דער קאָנטראַסט אין מענדעלען האָט געגעבן פולן אויסדרוק צו דעם דרייפאַכן קאָנטראַסט אין אַבראַמאָוויטשן, וואָס די דריי גרונט־דערפאַרונגען פון זיין לעבן האָבן אין אים איבערגעלאָזט. — די ערשטע גרונט־דערפאַרונג איז געווען דער איבערגאַנג פון בית־מדרשדיקער אַלט־פרענקישקייט צו משכילישער אַפּיקורסות. סימנים פון אַלט־פרענקישקייט זיינען געבליבן קלעפּן צו אַבראַמאָוויטשן פאַרן גאַנצן לעבן. אויב ער האָט ניט געשטעקט אין אַלט־פרענקישקייט מיט זיינע אידייען, האָט ער געשטעקט אין איר מיט זיינע מידות. מענדעלע, אַן אַפּיקורס אין אַלט־פרענקישן לבוש, וועלכער רעדט אַריין אין פרומען לשון טריפענע מיינען, איז אַ פאַרשאַרפטע, אַ פאַרגרעסערטע אָפּשפּיגלונג פון אַבראַמאָוויטשן אַליין.

די צווייטע גרונט־דערפאַרונג, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט דורכגעמאַכט אין זיינע יונגע יאָרן, איז דער איבערגאַנג פון ליטוואַק צו וואָלינער — זיין רייזע מיט אברהמל שנאָרער פון קאַפּוליע קיין קאַמענעץ. דאָס האָט אויסגעשניטן אַ סליאַד אין אים, איבער וועלכן ער האָט זיך באַוועגט זיין גאַנץ לעבן. ער איז ניט געווען איינער, עס איז געווען אַ גאַנצע יידישע באַוועגונג פון ליטע אויף וואָלין. אַבראַמאָוויטש איז תמיד פאַרנומען מיט אָט־דער יוגנט־נסיעה. ניט נאָר אין „אַנטדעקונג פון וואָלין", נאָר אויך אין דער „אַלטער געשיכטע", אין „שלמה ר' חיימס" איז די נסיעה דאָ. מען איז געגאַנגען אויף קאָלאָניזאַציע כמעט אַזוי ווי היינט. שפּעטער, ווען עס איז אונטערגעקומען חיבת ציון, האָט די ניט דערפאַרענע רייזע קיין ארץ ישראל פאַרנומען דעם אָרט פון דער „אַנטדעקונג פון וואָלין". —

פסיכאָלאָגיש האָט דער קאָנטראַסט צווישן ליטוואַק און וואָלינער געשפּיזט דעם אידיאַישן קאָנטראַסט צווישן אַפּיקורסות און פרומען שטאָט.

דער ליטוואַק... — „האָט אַ ברייטן מוח און אַ שמאָלע קישקע; ער פליט ניט אין הימל אַריין, ער יאָגט זיך ניט נאָך פאַרבאָרגענע זאַכן, ער לערנט גמרא און — פאַרנעמט. (די השכלה־גמרא אויך. — ב. ר.) עסן עסט ער טרוקן ברויט, איינגעטונקט אין ראָסל פון הערינג..."

„דער וואָלינער האָט אַ שמאָלן מוח און אַ ברייטע קישקע; די פאַנ־טאַזיע טראָגט אים, דאָס בלוט קאָכט; תורה לערנען האָט ער פיינט, אָבער צו די סודות פון דער תורה האָט ער גרויס חשק..."

אַבראַמאָוויטש איז ביידע אינאיינעם — ליטוואַק און וואָלינער — און מענדעלע אויך אַזוי: דורך דעם וואָלינער תענוג קאַראַבקעט ער זיך צום ליטווישן שפּיץ־קאָפּ; ער קוואַפּעט זיך צו געבן צו פאַרזוכן טעם דעם שפּיציקן געדאַנק.

די דריטע גרונט־דערפאַרונג איז דער איבערגאַנג פון בעל־הבית אויף טאָרבע־ברויט. ווייל אַ בעל־הבית, האָט ער געירשנט די תורה פון בעל־הבית, און ווייל אַן אָרימאַן, וואָס האָט געגעסן טאָרבע־ברויט, האָט ער גע־דאַרפט איבערזעצן די תורה — אויך די תורה פון השכלה — פאַר אָרימע לייט, צו דינען דער נויט אויף דער שפּראַך פון דער נויט — יידיש. דאָס האָט דאָך די נויט — דער טעם פון טאָרבע־ברויט אין זיין גומען — אים געבראַכט צו יידיש. — פאַר דעם איז מענדעלע, דער מוכר ספרים, געווען פונקט צוגעפּאַסט. אַ מוכר ספרים רעדט תורה לשון צו אָרימע לייט, אַ מוכר ספרים איז כמעט אַ מגיד, וואָס אָנשטאָט אויף דער בימה, דרשנט ער אויפן שול־הויף. האָט אַבראַמאָוויטש דורך מענדעלען געקאָנט אויסנוצן דעם גאַנצן מגידישן גאַנג — דרשענען, טייטשן און אַריינטייטשן. דער מענדעלע־נוסח איז דרשה און טייטש.

און ווייל מענדעלע מיט זיינע פאַרשאַרפטע, פאַרגרעסערטע קאָנ־טראַסטן — משכיל און פרומער, ליטוואַק און וואָלינער, בעל תורה און בעל־טאָרבע, האָט אַזוי גוט געשטימט מיט אַבראַמאָוויטשן אַליין, האָט ער אים אַזוי אויסגעצייכנט געדינט. ער האָט אַנגעצויגן און אָנגעשפּאַנט אַלע זיינע כוחות. ער האָט אַקטיוויזירט זיין פּערזענלעכקייט ביזן הונדערטסטן גראַד. אַנהויבנדיק פון לעצטן קאָנטראַסט — פון תורה, וואָס דאַרף אַריינ־גערעדט ווערן אין נויט, — האָט אַבראַמאָוויטש, מיט מענדעלעס הילף אָרגאַניזירט דעם יידישן לשון. יידיש איז ווירקלעך קיין לשון ניט געווען — אַ „זשאַרגאָן", צעבראָכן און צעהאַקט, שטיקלעך און ברעקלעך, זאַמד. —

האָט אַבראַמאָוויטש, מיט מענדעלעס הילף, גענומען דעם ריטם, דעם טראָפּ פון תורה־לשון, דעם פּסוק, און אין אים אַריינגעזעצט דעם בעסטן געלייטערטן וואָרט־אָפּקלייב פון אַ פּאָלקסטימלעכן תורה־יידן, בעת ער רעדט יידיש — ער האָט גענומען זעצן פּסוקים אין יידיש. און אַ וואונ־דערלעכע פּאַרוואַנדלונג איז געשען: עס איז פּונקט ווי מען גיט אַ קלאַפּ מיט אַ קאַמערטאָן אָן אַ טיש, אויף וועלכן עס איז אַנגעשאָטן זאַמד, און דער טיש נעמט וויברירן אין אייקלאַנג מיטן קאַמערטאָן, און דער זאַמד לייגט זיך אויס אין ריטמישע כוואַליעס. און נאָך בעסער איז מיט יידיש געשען: אין געשריבענעם העבראַיש איז דער פּסוק שוין געוואָרן אויסגעליידיקט, עס איז געוואָרן פּוסטע מליצה, ווייל אָן שום ערנסטער כוונה. אָבער ווען אָנגעלאָדן מיט דער בויט־כוונה פון דער אָרימאַנסקער שפּראַך, איז דער פּסוק געוואָרן אינהאַלטלעך, וואָגיק, זאַפּטיק, און אויס מליצה. אַבראַמאָוויטש האָט דערנאָך כפל כפלים צוריקבאַצאָלט העבראַיש פאַר דער אויסבאַרגונג פון מליצה־ריטם; ער האָט אַריבערגעטראָגן פון יידיש אין העבראַיש די באַ־רייכערטע וואָרט־אינהאַלטלעכקייט, באַשאַפנדיק דערמיט אַ ניי־העבראַישן סטיל. איז אַבראַמאָוויטש אַזוי אַרום, מיט מענדעלעס הילף, געוואָרן דער אָרגאַניזאַטאָר פוןביידע יידישע לשונות.

נאָך אַ גרויסע פּעולה האָט דער מענדעלע־אינסטרומענט, עס איז דער פּערפעקטער איינפּאַס פאַר אַבראַמאָוויטשעס אַלע נשמה־קאָנטראַסטן — נאָך אַ גרעסערע פּעולה האָט ער געטאָן צו אַבראַמאָוויטשעס תוך. מיר ווייסן שוין: אָנקוקנדיק די וועלט דורך מענדעלעס אויגן, האָט דער קאָנטראַסט פון צוויי נשמות אין מענדעלען אויסגעלערנט אַבראַמאָוויטשן צו זען אַלץ טאָפּלט — אין בילדלעכע פּאַרגלייכן, אין משל־זעאונגען. זיין שילדערונג פון נאַטור, פון פּנימער, פון געשטאַלטן איז אויגנבליקלעך־פּאַרגלייכנדיקע פאָטאָגראַפיע. און ווי איך לאָז דאָ ווייזן, שטאַמט אויך פון אָט־דער טאָפּלט־זעעוודיקייט אַבראַמאָוויטשעס סאַטירע־הומאָר. „אין שטורם־צייט“, וואו מענדעלע זאָגט עדות וועגן די צוויי נשמות, וואָס ראַנגלען זיך אין אים, גיט ער אונדז אַרויס אויך אָט־דעם סעקרעט. עס האַנדלט זיך וועגן מענדעלעס באַגעגעניש מיט דר. קאַרלינערן, וועלכער איז ניט קיין אַנדערער ווי דר. פּינסקער, דער מחבר פון „אויטאָ־עמאַנציפּאַציע“, דער פאָטער פון חיבת ציון. דאָס לייענט זיך אַזוי:

— „איך האָב אַריינגעקוקט אין פּנים (דר. קאַרלינערס) און האָב דער־זען, אַז אין אים לעבן אויך צוויי נשמות. צוויי באַזונדערע מענטשן... מיר זיינען געשטאַנען אַ ווילע און געקוקט איינער אויפן צווייטן; מיין חכם האָט געקליבן נחת פון זיין חכם און מיין גרויסער נאַר האָט זיך געסודעט

מיט זיין נאַר. און ביידע האָבן מיר בשעת מעשה געפּילט, אַז מיר האָבן אַלץ איינע געדאַנקען און אַז קיין מחלוקת וואָלט צווישן אונדז ניט געקענט זיין, סיידן מען זאָל פּאַרדרייען די יוצרות אַזוי, אַז איינעמס שוטה זאָל מלחמה האַלטן מיטן אַנדערנס חכם, אַט פּונקט ווי די צוויי האַלטן מלחמה אין יעדן פון אונדז..." — און עס גייט אַוועק אַ הומאָריסטישע מחלוקת צווישן זיי.

אייגנטלעך איז דאָך אַלעמאָל אַזוי: בשעת אַ קריג פילן מיר, אַז פאַרשטיין פאַרשטייען מיר זיך שוין גאָר גוט, ביידנס חכמים פאַרשטייען זיך, און ביידנס נאַראָנים אויך, נישט מער וואָס איינעמס חכם שפּאַרט זיך איין דווקא צו ריידן צו יענעמס נאַר. — און ווען מען קריגט זיך ניט, איז אַט־דער שמועס פון „חכם" צו „נאַר", און פון „נאַר" צום „חכם" — אַט־דאָס ריידן מיט אַנצוהערעניש, מיט אַ וואונק צו אַ העכערן, קליגערן זין — איז דאָך דאָס דער קוואַל פון „חכמה", פון סאַטירע, איראָניע, הומאָר. עס איז סאַטירע, ווען דער העכערער, קליגערער זין איז אָפן און דירעקט אין זיין אַטאַקע; עס איז איראָניע, ווען דער זין רוקט זיך אָפּ צום הינטער־גרונט און זעט זיך פּאַרט דורך; עס איז הומאָר, ווען דער געדאַנקלעכער קלוגער זין באַהאַלט זיך, און דאָס בילד, די מעשה ריידן פאַר זיך אַליין מיט גרויס קלוגשאַפט. — און מענדעלע איז אַט־דער חכם־נאַר, דער חכם, וואָס קוקט אין נאַר אַריין; וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ נאַר; וואָס רעדט „מעשה נאַר" הוילע חכמה. און וואָס מער עס געלינגט אַבראַמאָוויטשן צו רעדן מענדעלעס „חכם־נאַר" לשון, אַלץ לעבעדיקער, באַוועגלעכער, קינסטלערישער ווערט זיין דערציילונג. און שטאַמען שטאַמט עס אויך פון דעם קאָנטראַסט פון צוויי נשמות אין מענדעלען...

מען וואָלט געדאַרפט אָנשרייבן אַ גאַנצן בוך צו דעמאָנסטרירן, ווי אַזוי פון קליין מענטשעלע ביז אַזש „שלמה ר' חיימס" טרעט אַלץ מער אָפּ דער „חכם", דער קאָפּמענטש, דער אינטעלעקטואַליסט — דער געדאַנק־לעכער דראָטן־גייער — און מאַכט פּלאַץ פאַר דעם וויזיאָנער, וואָס שיל־דערט און דערציילט מיט קלוגע פּייערלעך אין די אויגן. איך שרייב אָבער ניט קיין בוך, נאָר אַ „סעריע", אָבער די סעריע איז אַ „במקום"־בוך, און עס צייגט אָן מענדעלעס מעטאָד און זיין איבערגאַנג פון פּובליציסט צום קענסטלער.

— דער קאָנטראַסט פון די צוויי נשמות אין מענדעלען האָט ניט נאָר אַ פּעולה געטאָן צו מענדעלעס „סטאַטיק" — צו זיין זעאונג־און באַאָבאַכ־טונג־קראַפט — נאָר אויך צו זיין „דינאַמיק" — צו זיין באַוועגונג־ און דער־

ציילונג־קראפט. עס איז ניט שייך צו ריידן וועגן נשמה אין לשון פון געאמעטריע — וועגן א העכערער נשמה־פלעין און נידעריקערער נשמה־פלעין. נאר עס איז אומגעפער אזוי: פון „חכם" ביז צום „נאר" אין מענדעלען האט זיך געשאפן א קרומע פלאך, א בארג אראפ, וואס האט פארלייכטערט די באוועגונג פון זיין מעשה. פשוטער: ווען מען זעט און מען פילט אין קאנטראסט, דערציילט זיך לייכטער. אדער ווען א פלאך דארף זיך אפשפיגלען אין א קרומען שפיגל, איז די אפשפיגלונג א גאנצע דערציילונג. אדער ווען מען צווינגט א שטראם דורכלויפן דורך א שפארונע, פארגיכערט זיך דער שטראם. אומעטום וואו א געלעגנהייט ווערט געגעבן פאר אן אנשטרענגונג, קומט צו באוועגונגס־ענערגיע, און איך האב געבראכט דעם ביישפיל פון מאריס שווארצן, וואס, ווען ער האט וואו אנצוכאפן זיך אן עפעס א קרומקייט, א מום, א „טשיקאוואסט", ווי צום ביישפיל, אן דעם קייך־הוסטעלע פון זיין חזנדל, שפילט זיך אים א מחיה.

און אבראמאוויטש, ווען ער האט זיך אויסגעבויגן און אויסגעקרימט אין זיין קרומער אפשפיגלונג — מענדעלע; ווען ער האט זיך פארגענומען דורכצושפארן זיין חכם דורך דעם „חכם־נאר" אין מענדעלען — האט ער גענומען שפילעריש דערציילן אין מענדעלע לשון...

און ער האט אזוי לאנג געשפילט מענדעלען, ביז מענדעלע איז געווארן זיין צווייטע נאטור, און ער האט שוין געקאנט אויסקומען אן אים. אין דער הקדמה צו „שלמה ר' חיימס" געזעגנט ער זיך מיט מענדעלען, און די דערציילונג ווערט שוין געפירט אין אבראמאוויטשעס נאמען, אין מענדעלע סטיל, אן מענדעלען. די לאנגע איבונג אויף מענדעלען האט ביי אים ארויסבאפרייט א קינסטלערישע טעכניק וואס לכתחילה, ווי זיינע ערשטע ווערק ווייזן עס, האט ער עס ניט פארמאגט.

איז וואס איז דער מענדעלע אינסטרומענט? — ניט נאר א שפאקטיוו, וואס האט געמאכט אבראמאוויטשן זען גרעסער און בעסער, נאר א גאנצע קינא־קאמערא, וואס ער האט זיך צורעכט געמאכט, כדי צו איבערזעצן זיינע שטייענדיקע אידייען אין באוועגלעכע מעשות.

נאך בעסער וועט זיין, ווען איך וועל פארגלייכן מענדעלען מיט א פארצייטיקער ידישער דערפינדונג: מענדעלע האט ביי אבראמאוויטשן געשפילט דיזעלביקע ראלע, וואס דער „מגיד" ביי יוסף קארון — מענדעלע איז אבראמאוויטשעס „מגיד", וואס האט אים געשושקעט אין אויער אריין זיינע מעשות. אזא „מגיד" שאפט זיך איין — באוואוסטזיניק אדער אומבאוואוסטזיניק — כמעט יעדער שריפטשטעלער. שלום עליכם האט פאר זיין „מגיד" געהאט אן אורח צום מאלצייט־טיש: אמאל איז דאס געווען טביה.

און אַמאָל אָן אורחטע — שיינע שיינדל. פּרץ האָט געהאַט פּאַר אַ „מגיד" דעם בית־מדרש מקובל. לייוויק האָט געהאַט זיין זעלבסט־זעאונג אין דערלייזער־געשטאַלט — זיין אינסטרומענט אויף צו איבערזעצן זיינע שטי־מונגען אין ליד־פאָרם. איצט באַגייט ער זיך אָן אים.

יעדער מיט זיין „מגיד"!

„פרייע אַרבעטער שטימע", 1936.

י. ל. פּרץ

י. ל. פּרץ — ווי היינט וואָלט ער געלעבט

י. ל. פּרץ דרייסיק יאָר נאָך זיין טויט איז אונדזער מיטצייטלער. ווען ער לעבט היינט, וואָלט ער געווען פּונקט אין צייט. מיט זיין שאַפן איז ער אונדז היינט צום נויטיקסטן. ער פאַרענטפערט אונדזערע היינטיקסטע פּראָבלעמען: ווי מאַכט מען, אַז אונדזער היגע יידישע ליטעראַטור זאָל זיך דערלאַנגען אין לעבן מיטן שטאַרקסטן עפעקט? ווי אַזוי זאָל די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור, אין איר לעצטער פאַרוואַנדלונג אונטער דער שמעלצנדיקער היץ פון דער וועלט־שרפה, זיך אָננעמען מיט פרישן כוח פון די טויזנטיעריקע יידישע טראַדיציעס? ווי אַזוי שאַפט מען אַ צוזאַמענהעפטונג פון ביידע ליטעראַטורן? פּרצעס ווערק, אויב זיי גיבן ניט דעם גאַנצן ענטפער, צייכענען אָבער גאַנץ דייטלעך דעם אָנוואורף פון אַן ענטפער. פון זיינע ווערק קאָנען מיר דעם ענטפער אַרויסקריגן.

זיין ערשט ווערק אין יידיש — „מאָניש" — פאַרעפנטלעכט אין 1888, אין זיין 37־טן לעבנס־יאָר, ווי ווייזט ער זיך פאַר אונדז אין זיין יידישן ערשטלינג? ער איז דרויסנדיק צו דער עצם־מעשה. ער איז ניט אינעווייניק אין דער לעגענדע. זי וואַרעמט אים ניט. אין תוך אַ קאַלטער משכילישער צוגאַנג. איז ער פאַרכאַפּט פון דעם יינגלס ליבע? ביי דעם מיטליעריקן פּרץ קומען די ליבע־ווערטער ניט פון טיפן האַרצן אַרויס. היינט צו וואָס האָט ער עס געדאַרפט? דער יענע־וועלטיקער פאַרשפּיל, אַשמדאַי, לילית, חורבות, רוחות, „פאַרקויפן די נשמה" — דער שטאָף, די טעמע זיינען גענומען פון העברעאיש, וואָס דאָרט איז עס געווען גאַנגבאַרע סחורה. דער ריינער געווינס פון „מאָניש" און פּרצעס אמתער אינטערעס איז די רעאַליסטישע שילדערונג פון פרומען יידישן לעבנס־שטייגער, וואָס אָבערגלויבן און די לעגענדע, וואָס שפּראָצט פון אָבערגלויבן אַרויס, געהערן צו דעם שטייגער; באַגלייט מיט אַ שטילן פּראָטעסט — אויס מיטלייד מיט דער יידישער יוגנט, וואָס דער פרומער לעבנס־שטייגער דערשטיקט אירע נאַטירלעכסטע ליבע־געפילן. יינגלעך־עילוים, זיצנדיק איבער די גמרות, צעברעכן זיך די קעפּ מיט די הערצער צוזאַמען.

יאָ, פרץ האָט אָנגעהויבן ווי אַ שריפטשטעלער־משכיל מיט אַ שטאַר־קער טענדענץ צו רעאַליזם, וואָס שפּאַרט זיך דורך דעם פּאַרציײַטישן פּרו־מען אַבערגלויביש־לעגענדישן לבוש. אָבער וואָס פאַר אַ משכיל און וואָס פאַר אַ רעאַליסט? — באַלד וועלן מיר עס געוואָר ווערן. ער לאָזט זיך אַרויס אין אַ פאָרשונג־עקספּעדיציע איבער דער פּויליש־יידישער פּראָ־ווינץ צו זאַמלען סטאַטיסטישן מאַטעריאַל וועגן דער יידישער אָרעמקייט, צו שטעכן די אויגן פון די אַנטיסעמיטן, אָפּצושלאָגן זייערע בלבולים וועגן יידישער עקספּלואַטאַציע. די עקספּעדיציע האָט שפּעטער געגעבן דעם באַנד „בילדער און סקיצן״. די אונטערנעמונג גופא לאָזט אונדז שוין וויסן, וואָס פאַר אַ סאָרט משכיל ער איז געווען. ניט אַ משכיל פון אַלטן העברעאישן שניט, וואָס פלעגט זיך באַנוגענען מיט מליצות וועגן די גליקן פון השכלה, נאָר אַ משכיל פון אַ נייעם שניט, וואָס טראָגט ערנסטע זאָרג וועגן די לעבנס־נויטן פון דער פאָלקס־מאַסע און מיט זיך זיי צו לינדערן, אַ „פאָלקיסט״. און אין די בילדער פון קליינשטעטלדיקן דלות, אויסגע־טאָן פון לעגענדישן לבוש, טרעט שוין זיין רעאַליזם אַרויס גאָר בולט. וואָס פאַר אַ רעאַליזם איז דאָס? ניט קיין פאָטאָגראַפישער רעאַליזם. קעגן פאָטאָגראַפישן קאָפּירנדיקן רעאַליזם, וואָס קלייבט גרויען לעבנס־שטויב, אָבי געשילדערט זאָל זיין, קעמפט ער אין יענע יאָרן, אין אָנהויב פון די 90־ער, מיט נעגל און ציין — ספּעציעל קעגן דעם דעמאָלט־מאָדישן אין העברעאישן בן־אביגדורשן „רעאַליזם״. דערפאַר אפשר האָט ער דע־מאָלט זיך אָפּגעקערט פון העברעאיש. פּרצעס רעאַליזם נעמט די נשמות אַריין: — „דער משכיל״, „דער טישעוויצער רבי״, „די סקולער רביצין״ — ניט נאָר די כאַראַקטער־שטריכן, די פּנימער, די הויט אויף די פּנימער, נאָר אויך דאָס וואָס טוט זיך אונטער דער הויט.

היינט־צו־טאָג וואָלט מען עס אָנגערופן „קינסטלערישער רעפּאָר־טאַזש״. אָבער עס איז אַ סך מער. עס איז ניט בלויז ליטעראַטור פאַרן היינטיקן טאָג. עס איז בלייבנדיקע ליטעראַטור. די ענלעכקייט מיט „קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש״ איז אין דעם, וואָס דאָס איז ליטעראַטור, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט דער ערנסטער כוונה צו טאָן דירעקטן לעבנס־דינסט. ניטאָ און עס טאָר קיין מחיצה ניט זיין צווישן ליטעראַטור און לעבן. און אַזוי איז פרץ געבליבן אַלע זיינע יאָרן, דורך אַלע זיינע פאַר־וואַנדלונגען און פאָרם־בייטענישן. דאָס פאַרזעט מען, מען באַצייכנט אים אַלס אימפּרעסיאָניסט, סימבאָליקער, ראָמאַנטיקער. אָבער פריער פון אַלץ איז ער געווען און געבליבן דער לכתחילהדיקער מייסטער־רעאַליסט, וואָס אין סביבה־ און כאַראַקטער־שילדערונג וואָלט ער ניט אָפּגעטראָטן דעם

פלאַץ שלום עליכמען. סיי זיין דיכטערישע פאַבל, סיי זיין חסידישע דער־ציילונג, סיי זיין פאַלקסטימלעכע געשיכטע, ווי הויך זיין פאַנטאַזיע זאָל ניט אויפשוועבן, האָבן אַ רעאַליסטישן אונטערשלאַג, ביי עטוואָס אַ טי־פערן קוק זעט זיך דאָס אַרויס. און וואָס שטאַרקער דער אונטערשלאַג, אַלץ בעסער זיינען זיי. אַ רעאַליסט מיט דער צוגעגעבענער מעלה, וואָס ער לאָזט קיינמאָל פון אויג ניט ארויס, אַז דאָס לעבן מוז פאַרוואַנדלט ווערן, זוכט ער אַלץ פאַסיקערע לעבן־פאַרוואַנדלענדיקע פאַרמען.

פרץ אַליין האָט עס גוט געוואוסט. וויפיל מאָל האָט ער געזאָגט: אײדער מען נעמט זיך מאָלן, דאַרף מען קאָנען צייכענען, און וויפיל פאַרם־קונצן די קונסט זאָל זיך ניט דערלויבן, פריער פון אַלץ קונסט זאָל עס זיין, געמאָלן זאָל זיין! מאָלער ווייסן עס. אימפּרעסיאָניזם, עקספּרעסיאָניזם, קוביזם, סור־רעאַליזם, אַלץ איז דערלויבט, אויב דער מאָלער האָט צוערשט באַוויזן, אַז ער קאָן מאָלן געשטאַלטן אין נאָרמאַלע קאָנטורן — אַז זיינע קונצן שטאַמען ניט פון מאַנגל אין קונסט.

האָבן מיר איצט די ריכט־שנור אויף נאָכצופאָלגן פרצן. שוין אין די ערשטע פראָווינץ־בילדער, וואָס האָבן פאַר זייער בפירושן צוועק רעאַ־ליסטישע פאָרשונג, נעמט דאָס רעאַליסטישע בילד איבערגיין אין נשמה־מעשה, ניט אַפּטרעטנדיק פון רעאַליזם. אין די „פאַרציילטע מעשות" טרעט אויף אַן אליהו, אַ קבצן אין זיבן פאַלעס, וואָס טרייסט זיך מיט אַ נס, וואָס נאָך אַ האָר און ער וואָלט בתעשר געוואָרן. ער האָט זיך מיט געוואָלט אַריינגעריסן צום וואָרקער. — וואָס ווילסטו? — עשירות! — דיין יוסף וועט זיין אַ גאון! — ענטפערט אים דער רבי. אָבער ווען ער, אליהו, שפּאַרט זיך איין אויף עשירות, וואָלט ער דאָך איצט געווען אַן עושר! — איז דיין יוסף געוואָרן אַ גאון? — פרעגט מען אים. — ער וואָלט געוואָרן, נאָר ער וויל ניט לערנען. און ווען דער „משכיל", פון וועמען אליהו איז אָפּ־העגגיק מיט זיין חיונה, ער איז דער מלמד פון „משכילס" קינדער, לאַכט זיך אויס פון דעם „נס", לאָזט ער אים אַראָפּ אַ פּאַטש. יענער וויל אים באַרויבן פון זיין שיער־שיער „נס"!

דער שיער־שיער־נס, די אמונה אין רבינס נסים — איז אַן אומבאַ־דינגטער טייל פון דעם דלות, ניט אָפּצוטיילן. אַן דער אמונה וואָלט דער דלות דאָך ניט געווען אַריבערצוטראָגן. ווי קאָן פרץ עס ניט אויפנעמען אין זיין רעאַליזם? אין דער שטיל לאַכט ער זיך אויס משכיליש, גוטמו־טיק־איראָניש, רחמנותדיק, פון אָט דעם שטיק אָבערגלויבן. דאָס באַפרייט פרצעס פען פאַר אַ ריי ריין־רעאַליסטישע שילדערונגען פון דעם מיט אָבערגלויבן אָנגעזאָפּטן פרומען לעבנס־שטייגער: „דער למד־וואָוניק",

„דער מסור", „איציקל שוחט" — מילדע סאַטירע אויפֿן פֿרומען לעבנס־שטייגער, מיט שוין ניט אַזאַ מילדער דעמאַסקירונג פֿון דער באַלעבאַטישער פֿרומסטווע, פֿון די קהלס־לייט.

און עס קומט צו נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט: די לעגענדע, די אויסשפּראַצונג פֿון אַבערגלויבן — וואָס אין „מאַניש" האָט זי אים געדינט ווי אַן אויסגעבאַרגטער בײַ העברעאיש לבוש, און שפּעטער אין דער חסידישער מעשה און אין דער פֿאָלקסטימלעכער געשיכטע איז זי געוואָרן אַ צוגעהעריקער טייל פֿון זײַן טעכניק, — ווערט דאָ צו אַלעם ערשט אויפֿגענומען משכיליש־רעאַליסטיש ווי חלום. פֿאַר די קילע אויגן פֿון דעם משכיל האָט די פֿרומע טראַדיציע געהאַלטן אין צעזעצט ווערן. איז עס געווען די ריכטיקע צײַט די טראַדיציע צו אַנאַליזירן, אויסצופֿאָרשן אירע באַשטאַנד־טיילן.

„יוחנן גבאי" לייגט זיך שלאָפֿן אַ געשמאַק אַנגעזעטיקטער, אַ זעלבסטצופֿרידענער. ער האָט אײַנגעפּירט אַ „נײַע אָרדענונג": ער האָט אָנגעזאָגט דעם שמש ניט אַרײַנצולאָזן קיין אָרעמע לייט נעכטיקן אין שול. חלומט זיך אים, אַז אַן אָרעמאַן רופֿט אים אויף יענער וועלט צו אַ דין־תורה. אויף מאָרגן פֿרי, ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז ער פֿאַר פּחד און איבערגעפֿרעסנקייט געשטאָרבן. גלײַכצײַטיק האָט מען געפֿונען אַ פֿאַרפֿראָרענעם אָרעמאַן אויפֿן גאַניק פֿון דער פֿאַרשלאָסענער שול. — שפּעטער וועט דער יענע־וועלטיקער יום־הדין ווערן דער פֿאַרשפּיל צו מערערע פֿון זײַנע „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן", דאָ איז עס אַ נאַטירלעכער, ניכטערער חלום, וואו דער גבאי באַשטראָפֿט זיך אַליין פֿאַר זײַן האַרטהערציקייט. — „ווי אַזוי אַ פּרוש איז געוואָרן אויס פּרוש", „דער חלום פֿון אַ ליטווישן מלמד" — אַלץ לעגענדעס, וואָס זײַנען איבערגעלאָפֿן אין חלומות. וואָס איז דער געווינס דערפֿון? אַ רעאַליסטישער געווינס. אָפּגעשפּיגלט דורך זייערע חלומות, ווערן דער טרוקענער למדן, דער פּרוש, דער גבאי שאַרף און שנײַדיק באַלויכטן.

און דאָ האָט דער משכיל־פֿאָרשער פֿון צעזעצטן פֿרומען נשמה־שטאָף געמאַכט אַן אַנטדעקונג. ער האָט געפֿונען עלעמענטן, וואָס קאָנען ניט באַטראַכט ווערן ווי בלויז אַ צופּוץ צום מאַטעריעלן דלות, אַ טרייסטונג פֿאַר דעם קבצן, און עס וואָלט געווען אַ שאָד צו פֿאַרוואַנדלען זיי אין חלומות בלויז פֿאַר דעם צוועק פֿון כאַראַקטער־באַלויכטונג. נשמה־עלעמענטן, וואָס לויכטן זיך ווי דימענטן; איידלשטיינער, וואָס האָבן דעם ייִד געגעבן אײביק לעבן. — „מלווה מלכה" — אין זכות פֿון אַ נדר, וואָס אַ פֿרומער גביר האָט זיך געגעבן — אָפּצוהיטן די מצווה פֿון מלווה מלכה —

ווערט בטל געמאַכט אַ רעגירונג־באַשטעלונג, וואו אים איז פאַרגעשטאַנען אָנצואווערן זיין גאַנץ פאַרמעגן, אויב ער שטעלט זי ניט צו אין צייט. — געטרייהייט צו נדר איז אַ יידישער נשמה־דימענט. דערציילט נאָך אַלץ אַ האַרעלע משכיליש, ווי אַ גליקלעכער וואונדערלעכער צופאַל, אָבער דאָ איז שוין דער קערן פון זיין שפּעטערדיקער נס־לעגענדע, פון זיין חסידי־שער מעשה אָדער פאָלקסטימלעכער געשיכטע.

נאָר דאָ האָט פּאַסירט, אַז פּרץ האָט אין וואַרשע, אין די ערשטע 90־ער יאָרן, אין פּעריאָד פון זיינע „יום־טוב־בלעטלעך״, זיך אָנגעשטויסן אויף אַ נייעם לייענער — דעם אַרבעטער, דעם באַוואוסט־ווערנדיקן פּראָ־לעטאַריער. דער משכיל־פאָלקיסט אין אים ווערט אַ משכיל־סאָציאַליסט. דער פאָלקיסט האָט דאָך אייגנטלעך קיין עצה און קיין רפואה ניט געהאַט פאַר דעם קליינשטעטלדיקן קבצן. בילדונג, בילדונג, אָבער וואָס וועט דער אויסגעבילדעטער קבצן עסן? דער קליינשטעטלדיקער דלות האָט קיין אויסוועג ניט געהאַט, אָבער דער גרויס־שטאָטישער פּראָלעטאַריער האָט יאָ אַן אויסוועג: ער דאַרף שלאָגן צוריק, זיך ראַנגלען. ער האָט אי אַ פּראָגראַם פאַרן היינט, אי אַ צוקונפט־פּראָגראַם. און פון זיינעטוועגן פאַר־צענפאַכט דער משכיל זיין ענערגיע. זיין האַס צום פרומען אָבער־גלויבן, וואָס האָט געאיבט דעם קבצן אין געדולד און וויל פאַרשטעלן דעם וועג דעם דרייסטן פּראָלעטאַריער, ווערט פּילפאַך פאַרשאַרפט.

„באַנציע שוויג״ — דער גאַנצער יענע־וועלט־צערעמאָניאַל איז דאָ — באַנציעס אויפטריט פאַרן בית־דין של מעלה — די מעשה גופא איז אַ קינסטלעכע, פאַר די האַר געצויגענע — אָבער ס׳איז דאָ גענוג רעאַליס־טישע כאַראַקטער־שילדערונג פון דעם דערשלאָגענעם קבצן, אַז דער פּראָ־לעטאַריער זאָל זי דערקענען. עס האָט צו אים אַפּעלירט דער פּראָ־טעסט קעגן קבצנס דערשלאָגנקייט אונטער דער לאַסט פון פרומען אָבער־גלויבן. דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער אינסטרומענט, מיט וועלכן ער האָט זיך באַנוצט אויף צו פאַרשן די אָבערגלויבן־טראַדיציע, קאָן נאָך מיט מער נוצן גענוצט ווערן ווי אַ געשפּאַן, אויף צו טראָגן די אויפקלערנדיקע דערציילונג צום פּראָלעטאַריער.

„דאָס שטריימל״ — נאָך אַ שאַרפערע פאַרדאַמונג פון פרומען אָבער־גלויבן. עס ווערט אָפן און ברייט אַרויסגעבראַכט די רעאַקציאָנערע גע־זעלשאַפטלעכע ראָלע פון גאַנצן אָבערגלויבן־רעזשים. עס איז דאָ נאָך גענוג פּראָפּאַגאַנדע־כוונה, די אויסגעשפּראָכענע אויפקלערערישע טענ־דענץ בינדט און טראָגט דעם סאַטירישן מאָנאָלאָג פון דעם קירזשנער דעם שטריימל־נייער. אָבער דער רעאַליזם איבערוועגט. דער קירזשנער, דער

ליצנות־טרייבער, איז שוין דער פֿאָרלויפֿער פֿון דעם פּראָלעטאַריער דעם פּראָטעסטאַנט. ער האָט זיך אין אים דערקענט. דער בישטיקער רבילע, וואָס ווערט דער יידישער געזעצגעבער מיט דעם כּוח פֿון קירזשנערס שטריימל, זיינען טויזנט רבילעך אינאיינעם. די סאַטירע איז דאָ פֿריי פֿון יעדן יענע־וועלטיקן צושפּיל. דער סוזשעט איז אַריבערגעטראָגן פֿון יענער וועלט אויף דער וועלט, כּדי עס זאָל קיין שום מניעה ניט בלייבן פֿאַר דעם ניט־פֿרומען פּראָלעטאַריער עס אויפֿצונעמען. אָבער אויסגעשפּאָנט פֿון דער פֿרומער לעגענדע, האָט ער זיין ווענדונג צום פּראָלעטאַריער גענומען איינשפּאַנען אין אַן אייגן־געשאַפֿענער לעגענדע — די דיכטערישע פֿאַבל — לויט דעם מוסטער פֿון פֿרומען משל. אָט די פֿאָרם — די קורצע, קאָנצענטרירטע, מיט זיין אָנגעלאָדענע אַלעגאָריע — איז ניט צו אונדזער היינטיקן געשמאַק. זי קומט אונדז פֿאַר אויסגעמוטשט און אויסגעפּרעסט. אָבער צום וואַרשעווער פּראָלעטאַריער, וואָס האָט נאָך געדענקט דעם היימישן מגידס משל, האָט גראָד די פֿאָרם אַפּעלירט, לייכט זיך אַריינדרינגענדיק אין זיין קאָפּ און האַרץ. שכנא עפּשטיין זאָגט עדות — נחמן מייזיל ברענגט עס אין זיין בוך „בריוו און רעדעס פֿון י. ל. פּרץ" — אַז ער האָט איינמאָל בייגעוואוינט אַ געהיימע בונדישע פֿאַרזאַמלונג, אויף וועלכער פּרץ איז אויפֿגעטראָטן, און דער גאַנצער פּראָלעטאַרישער עולם האָט אין איין קול פֿון אים פֿאַרלאַנגט ער זאָל פֿאָרלייענען די פֿאַבל „די פֿרומע קאַץ". — עס איז גאָר ניט אַזוי לייכט איבערצוגעבן אַ דיכטערישע פֿאַבל, זי זאָל זיך קאָנען האַלטן. וואָס האַלט צוזאַמען די „פֿרומע קאַץ"? ווידער אַמאָל איר רעאַליסטישער אונטערשלאַג. די פֿרומע גענגעלעך פֿון דער קאַץ, וואָס שטיקט די לוסטיקע זינג־פֿויגעלעך, זיינען דעם יידישן אַרבעטער אַזוי וואויל באַקאַנט געווען פֿון דער יידישערווירקלעכקייט. אַ פֿאַבל, אָבער איר רעאַליסטישע אָנגעזעטיקטקייט דערהויבט די אַלעגאָריע צו אַ סימבאָל — דער קינסטלערישער תּמצית פֿון לעבעדיקן לעבן.

אַדרעסירנדיק זיך צום פּראָלעטאַריער, שרייבט י. ל. פּרץ אַ גרויסע צאָל ריין־רעאַליסטישע דערציילונגען, פֿריי פֿון קינסטלעכע צוגאָבן, אויף דער סאָציאַלער טעמע פֿון נויט און ברויט — מיט ספּעציעלער אויפֿמערקזאַמקייט צום גורל פֿון דער יידישער פֿרוי, מיט באַטאָנונג אויף דער יונגער יידישער פֿרוי, די טעכטער פֿון אָרעמקייט, וואָס זייער באַטירלעכע לעבנס־לוסט קייקלט זיי באַרג־אַראָפּ, אונטער דרוק, אין זינדן־זומפּ. דער גורל פֿון דער יידישער פֿרוי און פֿון דער יידישער טאָכטער, וואָס וואַרפֿט זיך און וואַרגט זיך צווישן דער ביטערער נויט און לעבנס־לוסט, איז אויך דער שטאָף פֿון פּרצעס מערסטע איינאַקטערס.

גלייכצייטיק, ניט אָפּלאָזנדיק זיין אויג פון זיין ניי־געוואוינענעם לייט־
נער, וועלכער איבעררעשט אים מיט זיין באַוואוסטזיניקייט און אויסגע־
צייכנטער יידישער בארעדעוודיקייט, פון וועמען ער לערנט זיך פשוט
האַלטן יידישע רעדעס — גייט אַן פּרץ מיט זיין פאָרשונג פון דעם פרומען
יידישן נשמה־צושטאַנד, וואו ער האָט אַנטדעקט, אַז אונטערן געדיכטן
שטויב פון אַבערגלויבן פינקלען נשמה־דימענטן, וואָס האָבן דעם יידן גע־
געבן אייביק לעבן. ער לאָזט זיך אין אַן עקספּעדיציע נאָך אָט די דימענטן.
און די עקספּעדיציע האָט אים געגעבן זיינע „חסידישע דערציילונגען".

הגם זיין גרויסן שם האָט פּרץ געוואונען מיט זיינע חסידישע דערציי־
לונגען און מיט זייער פאַרזעצונג אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", דוכט
זיך בלויז, אַז פּרץ איז געווען אַ „חסיד". די דערציילונגען זיינען ניט גע־
קניפּט און ניט געבונדן צו קיין חסידישן רבין. פאַקטיש האָט ער זיי קיינ־
מאָל ניט אַנגעקוקט. ער בלייבט דער זעלביקער משכיל, וואָס צעוואָרפט
דעם שטויב פון אבערגלויבן, אָבער ווייסנדיק, אַז אונטער דעם שטויב קאָן
זיך פאַרוואַלגערן אַ נשמה־דימענט, איז ער פאָרזיכטיקער, איינגעהאַלטע־
נער. אָפענע גרינגשעצונג איז פאַרביטן מיט באַהאַלטענער איראָניע.

וואָס עס איז יאָ דאָ אין אַלע אַן אויסנאָם חסידישע דערציילונגען איז
די חסידישע סביבה, וועלכע איז אים געווען וואויל באַקאַנט — צום פערטן
מאָל אַ באַשטעטיקונג, אַז צום אַלעם ערשטן איז ער געווען אַ רעאַליסט,
וואָס דערפון טאָקע האָט ער אַנגעהויבן. די חסידישע לעבנס־סצענע, דעם
בטלן, דעם פּרוש — פּרץ האָט געגנוג זיך אָנגעזען די פאַרשוינען פון זאַ־
מאָשטש ביז וואַרשע. אַן עכטע חסידישע פּרץ־דערציילונג פון דעם מין
איז „הכנסת כלה" — אַ חסיד אַ קבצן רייסט זיך אַריין צו אַ חסיד אַ גביר,
און אויפן סמך וואָס ער פאָרט מיט אים צו איין גוטן יידן, פאָדערט ער פון
אים מיט כוח און מיט העזה, ער זאָל גלייך אויסלייגן 500 רובל אויף נדן
פאַר זיין טאָכטער — גאָר אַנדערש ווי אברהם רייזען ברענגט אַ יורד צו אַ
באַלעבאָס נאָך אַ גמילת־חסד — איז עס הוילער רעאַליזם. די איבעררייד,
די האַלטונגען — האָבן געמוזט געזען און געהערט ווערן.

וואו מיר דאַרפן זוכן פּרצעס אייגענע חסידות, וואו ער צעוואָרעמט זיך
ביז התלהבות — איז וואו ער געפינט אַ נשמה־דימענט און נעמט אים
שלייפן. אַזאַ דימענט איז די חסידישע חדווה, די פריילעכקייט, וואָס קריגט
אויסדרוק אין חסידישן ניגון, וואָס עפנט דעם חסידס האַרץ פאַר דעם
געהיימען שיר, וואָס הימל, שטערן און דער גאַנצעס קאָסמאָס זינגט, און
ווען ער העפט צוזאַמען דעם אייגענעם ניגון מיט דער וועלטס ניגון, ווערט
די וועלט אויסגעלייזט פון מרה־שחורה. פּרץ ווערט ניט מיד צו ניואַנסירן

דעם ניגון אויף אלע אופנים — „א גלגול פון א ניגון", „משנת חסידים", „צווישן צוויי בערג". און וואס האלט צוזאמען די אלע פארוואנדלונגען פון ניגון, זיינע עליות און ירידות — צום ביישפּיל, אין „גלגול פון א ניגון"? — דער קאראקטער פון רעאליסטישע סצענעס, וואס בייטן אפּ איינע די אנדערע אין זייער געלאף. אבער אפילו אין זיין עקסטאז הערט פּרץ ניט אויף צו זיין א רעאליסט, און א ניכטערער רעאליסט, א משכיל. ער האלט זיך ניט איין אונטערצורוקן א גאנץ פּשוטן פּירוש אויפן זינגענדיקן עקסטאז. אין „מקובלים" דערהערט דער יונגערער מקובל דעם וועלט־ניגון, ווען ער האלט ביי יציאת־נשמה, אוועקחלשנדיק נאך דריי טעג תענית.

וועד פּירט ביי פּרצן די חסידישע דערציילונג? ווער איז זיין זאגער, זיין „מגיד", ווי ש. י. אבראמאוויטש האט עס געהאט אין מענדעלען? ווער איז פּרצעס מענדעלע? איז עס אקארשט ניט יוחנן מלמד, אין וועמעס מויל ער לייגט אריין דעם פּסוק: „אפילו אפּיקורסים זיינען גלויביק"? — יא, עס זעט אויס אזוי. יוחנן איז זיין איבערזעצער, דער פארמיטלער צווישן חסידות און אפּיקורסות. דאס איז געווען פּרצעס אייגענע איבערצייגונג, אז אפּיקורסות איז אזא סארט גלויבן; אז גלויבן געהערט צום סאמע וועזן פון א מענטשנס נשמה. און אלע נסים־מעשות, וואס יוחנן דערציילט, האבן פאר זייער צוועק צו געבן די אפּיקורסים פארזוכן דעם טעם פון אמונה. דאס איז די אמונה, וואס באשאפט דעם מענטשן.

די מענטש־באשאפערישע ראל פון אמונה, ווי זי פליצט זיך אויס ניט אין פּרעפל פון די לעפּצן, נאר אין מסירת־נפשדיקע מעשים — דאס איז דאס צווייטע שטיק דימענט, וואס פּרץ האט געפאקט אונטערן שטויב פון אבערגלויבן און הערט עס ניט אויף צו שלייפן. זיינע מוסטערן זיינען דא ניט די רביים פון זיין צייט, נאר די לעגענדארישע רביים, וועגן וועלכע די מעשיות דערציילן. אין „אויב ניט נאך העכער" איז עס דער אויסגעטראכטער נעמיראווער, וועלכער פלעגט סליחות־צייט זיך פארשטעלן פאר א פויער, אנהאקן האלץ אין וואלד און עס צוטראגן צו א קראנקער אלמנה. און „אנטפלעקט" איז עס דער רבי אלימלך, ווי אזוי ער איז נתגלה געווארן. זיין יידענע האט פריטיק פארדרוקט דעם טשאלנט מיט ליידיקע טעפּ. אויף מארגן קומט אריין א שכנה, א צעלאזענע בריאה, מיט אלע שכנות הינטער דער טיר, און בעט א טעלער געקעכץ. ר' אלימלך איז מוחל דער חצופה און הייסט זיין יידענע עפענען דעם אויוון — און די טעפּ זיינען פול מיט מאכלים. ניט די מעשה איז דער עיקר, נאר די געשטאלט פון צדיק, אן אנגעקוואלענע מיט רחמים און בטחון. אין „שמחה

שבשמחה" איז עס ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער, וועלכער איז גרייט צו פאַרקויפן זיך פאַר אַ קנעכט צום שטן, אַבי די וועלט זאָל אויסגעלייזט ווערן פון אַ גזר־דין, און דער אויבערשטער אַליין קויפט אים אויס. אין דער „מעשה פון ציגנבאָק" איז עס ר' נחמן בראַצלעווער, דער באַרדיטשעווער, דער רבי אלימלך; זיי זיינען פרצעס נשמה־פאַרוואַנדלער, וועלכע שמעלצן איבער די אמונה־דימענט אין אוצרות, וואָס גיבן דעם יידן אייביק לעבן.

האָבן פרצעס בעסטע לייענער, די פראָלעטאַריער, געוואוסט, אַז די חסידישע מעשיות זיינען אַדרעסירט אויך צו זיי? „בערל דער שניידער", וואו דער באַרדיטשעווער ברענגט בערלס טענות קעגן גאָט צו כל נדרי — בערל שניידער פלעגט ביי די פראָלעטאַריער שטאַרק אויסנעמען. אָבער אויך מיט די אַלע אַנדערע חסידישע מעשות האָט פרץ געמיינט זיי, גראָד זיי. וואָס האָבן פראָלעטאַריער צו טאָן מיט פרצעס חסידישע נשמה־פאַרוואַנדלער? דאַרפן מיר זיך באַקענען מיט פרצעס בליק אויף דער יידישער ליטעראַטור, אויף איר גרויסן באַרוף. זיין קינסטלערישע וועלט־אַנשויאונג האָט פרץ אויסגעאַרבעט אין דער צווייטער העלפט פון ערשטן יאָרצענדליק — צווישן 1905 און 1910. מיר געפינען עס אין זיינע אָפּהאַנדלונגען „דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער", „וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור?" און אין זיין רעדע אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ אין 1908 און אין זיין רעדע, געהאַלטן אין דובעלן אין 1910, וואָס נחמן מייזיל ברענגט זיי אין זיין נייסטן בוך „בריוו און רעדעס פון י. ל. פרץ".

זיינע אידייען, ווי היינט וואָלטן זיי געטראַכט, גערעדט און געשריבן געוואָרן: אונדזער ליטעראַטור איז שלעכט איינגעשטעלט. עס איז אַן איינשטעלונג „ככל הגויים". באַנאַל, נאָכגעמאַכט. אַן אימיטאַציע פון די אייראָפּעאישע ליטעראַטורן. מיר, דאָס עלטסטע פאָלק, דאַרפן לערנען ביי זיי, די קינדער־פעלקער? עס איז פלאַגיאַט, „קונציקטום". נאָך ערגער: עס איז עבודה־זרה — דינסט צו דער תאווה און פוסטער גאווה. קונסט איז ביי זיי אַ שפיל, אַ קונץ, אַ טעמע, אויף צו ציען פון איר זיסע הנאהלעך. דאָ כאַפּט זיך אַרויס ביי אים אַ וואָרט, מיט וועלכן מיר טאַדלען נאָך היינט געוויסע קינסטלער און קריטיקער אונדזערע: גנעניסער! נאָר גנעניסן ווילט זיך זיי! אַסימילאַטאָרן, צוריקגעקומענע פון דער פרעמד, פעלשן דעם באַרוף פון דער יידישער ליטעראַטור.

וואָס־זשע דען איז איר באַרוף? — צו געבן פאָרם דעם אָנגעזאַמלטן נשמה־פאַרמעגן פון די דורות — דער יידישער נשמה־טראַדיציע. פרץ מאַכט אַן אונטערשייד צווישן די קינסטלער שפּאַציר־גייער, וואָס זויגן אַריין „געניסעכץ" פון די בילדעלעך, וואָס וואַרפן זיך אין זייערע אויגן,

און דיכטער באַרג־קלעטערער, וואָס לעבן אויס צוקונפט־לעבן, פאַרן פאָלק דורך געפאַרן. אַזאַ קינסטלער־דיכטער איז געווען משה רבנו, און אַלע טרעגער פון גייסטיקן יידישן העראָאיזם. ניטאָ קיין חילוק צווישן רעליגיעזן שאַפן און דיכטערישן שאַפן. שאַפונג איז אַן אַקט פון אמונה. פאַראַן קונסט, וואָס איז אַ סוראָגאַט פון לעבן, אָבער אויף אַ העכערער מדרגה איז קונסט אַן אַריינזעאונג און פאַראויסזעאונג פון לעבן, אַ דערלעבונג, צו וועלכער דאָס לעבן האָט זיך נאָך ניט דערלויבט — אַ דערגאַנצונג.

דאַרף אונדזער ליטעראַטור זיין ניט בלויז אַ ליטעראַטור אויף יידיש, נאָר יידיש אין סאַמע עצם — די צוריקאויפשטעלונג פון דער שכינה. אָנהויבן דאַרפן מיר פון „צוריק צו דער ביבל", אָבער ביי דער ביבל זיך ניט אָפּשטעלן, נאָר פאָרזעצן, וואָס די ביבל האָט אָנגעהויבן, אין כסדרדיקן פאָרווערטס־דראַנג צו דעם ציל, וואָס די נביאים האָבן אָנגעגעבן — צו משיחס צייטן, צו מענטש־אויסלייזונג אויפן יידישן וועג.

פרץ איז פון אָנהויב אָן געווען און איז געבליבן כל ימיו אַ משיחיסט, אַן אינטערנאַציאָנאַליסט — ביז מיר וועלן זוכה זיין צו אַ נייער יידיש־קינסטלערישער מאַניפעסטאַציע — ביז צו אַ נייעם אויסברוך פון „גאָט־אַנטפּלעקונג, מיט וועלכע מיר וועלן זיך טיילן מיט אַלע פעלקער. און דערפאַר איז פרץ פון אָנהויב אָן געווען און איז כל ימיו געבליבן אַן „אַנטי־ציוניסט" — ניט ווייל ער איז געווען אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פון ארץ־ישראל און העברעאיש; ער האָט זיך אַליין געריסן קיין ארץ־ישראל און העברעאיש האָט ער אַליין געשריבן — נאָר פאַר דער שלילת „גלות" פון די ציוניסטן, פאַר זייער פאַרלייקענען און פאַרשפּאָטן דאָס יידישע שאַפן אין „גלות". אין גייסטיקן זין זיינען זיי אויך נאָכמאַכערס, אימיטאַטאָרס — יידן זאָלן ככל הגויים זיין! און דאָ איז פרץ אויך געקומען אין סתירה מיט דער סאָציאַליסטישער פאַרטייאישקייט פון זיין צייט. זיי זיינען אויך צוריקגעקומענע פון אייראָפּע, קוקן אויפן יידישן לעבן דורך „סאָציאַלדעמאָקראַטישע ברילן", און ווענדן אָן אויף דער יידישער ליטעראַטור פרעמדע, פאַרקירצנדיקע מאָסן, וואָס זיינען ניט קאַפּאַבל אַרויסצורופן איר טיפסטע און העכסטע שעפערישקייט.

זיין לעצטע אומצופרידנקייט — מיט דער סאָציאַליסטישער פאַרטייאישקייט — רופט אַרויס ביי אים אַ צאָל פעסימיסטישע דיכטערישע פּאָבלען: איז אָקאָרשט ניט די גאַנצע אונטערנעמונג מיטן סאָציאַליזם אַ ברכה לבטלה? — „דער פרוש און דער בער"; „די אַכטע אָפּטיילונג פון גיהנום". אָבער דאָס איז געווען ביי אים אַ צייטווייליקע שטימונג. ער האָט זיינע ספקות דערטרונקען אין אַ נייעם צופלוס פון גלויבן אין יידישער ליטעראַ־

טור און ייִדישן אַרבעטער. דער ייִדישער אַרבעטער „קומט צו קורץ" אין כוח. ער קעמפט אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, אָן די געהעריקע פּי־זישע קאַמף־מיטלען. וואָס עס פעלט אים אין פיזישן כוח, זאָל אים צו־קומען אין גייסטיקן כוח, וועלכער איז דאָ, אָנגעהאָדעוועט פון די ייִדישע דורות, דורך די גייסטיקע ריזן פון פאָלק. אָבער וואָס די הערהאָישע צדיקים האָבן אָנגעזאַמלט, איז פאַרטיילט צווישן פאָלק. יעדער ייִד איז בבחינת צדיק. דאָס גאַנצע פאָלק איז אַ משיח־פאָלק! דאַרף מען דעם ייִדישן פאָלקס־מענטשן צוטראָגן און ווייזן די נשמה אוצרות, וואָס ליגן אין אים פאַר־באַהאַלטן. אַזוי אַרום איז פּרץ געקומען צו זיינע „פאָלקסטימלעכע גע־שיכטן", אַ ווייטערע אַנטוויקלונג פון זיינע חסידישע מעשיות.

מיט וואָס זיינען זיי אַנדערש? אַנדערש דערמיט, וואָס די מערסטע העלדן זייערע זיינען פשוטע פאָלקס־מענטשן, וואָס קאָנען אַמאָל קיין שיטל עברי ניט. נאָך מער אַנדערש דורך דעם נייעם געברויך, וואָס פּרץ מאַכט פון דער לעגענדע. דאָ ערשט קומט זי צו איר פולן רעכט. ניט קיין רעאַ־ליסטישע שילדערונג פון אָבערגלויבן, ווי גאָר אַמאָל, ניט קיין משכּילישע פאַרוואַנדלונג פון דער לעגענדע אין אַ חלום און ניט קיין דעקאָראַטיווע לעגענדע וועגן לעגענדאַרישע צדיקים. דאָ געהערט זי צום סאַמע תוך פון געשעעניש; זי פרעסט אַרויס דעם זין, די עסענץ פון געשעעניש. זי איז דער איינפאָס פון די נשמה־פערל און דימענטן. — פערל און דימענטן זיינען: ערשטנס, מסירת־נפש — „דריי מתנות". צווייטנס: בטחון — די מעשיות, וואו אליהו הנביא ווייזט זיך צו אַרעמעלייט. דריטנס: די עלית־נשמה פון פּראָסטעסטן ייִדן — „אַ קאַפּיטל תהילים", „שמע ישראל" — אַ דאָר־פישער בחור, וואָס קאָן נאָר פייפן און מיטשרייען שמע ישראל, ווען ער לערנט זיך אויס ברומען אויפן באַס בו־בו, וועט ער גערופן צו דער הימלישער קאַפּעליע, וואָס פונקט אַזאַ בו־בו פעלט דאָרט אויס.

און פאַרקערט: וואָס איז זינד? פון יעדן חטא ווערט געבאָרן אַ שד — אַפילו פון אַ חטא אין דער מחשבה. איין רגע פון אַ זינדיקער מחשבה איז גענוג. „אַפּקומעניש" — אַ חזן, וועלכער איז שיער ניט פאַרגוואַל־טיקט געוואָרן צו אַן עבירה דורך אַ פּריצה אַ יפת־תואר, ווען ער ראַטע־ווערט זיך צוריק צו זיין ווייב, גיט אַ שוועב פאַר אים דאָס פּנים פון דער פּריצה, און דאָס איז גענוג. — רוחות זיינען די פאַרלעבעדיקטע אָפּשלאַגן פון תאוות — „לא תחמוד", „תאווה צו קליידער". צום שטאַרקסטן ווערט געטאַדלט גבירישע קמצנות און פאַרריסענע למדנות.

און צום פינפטן מאָל דאַרף מען עס זאָגן: מיט דעם גאַנצן אַזוי־גערופענעם ראָמאַנטיזם זיינעם איז פּרץ אַ רעאַליסט. אַט די אַלע לעגענ־

דעס האַלטן זיך צוזאַמען אויף רעאַליסטישער סביבה־ און כאַראַקטער־שילדערונג; דריי־פּערטל רעאַליזם און אַ פערטל לעגענדע. די הימלישע פאַרשפּילן צו אַ צאָל געשיכטן זיינען ניט די בעסטע טיילן זייערע. כאַראַק־טעריסטיש אין דעם פּרט איז די מערקווירדיק־אויסגעהאַלטענע געשיכטע „דער אַרענדאַר". אַ גביר אַן אַכזר צו אָרעמע לייט, נאָכן ערגסטן שטיק אכזריות זיינעם, ווערט אַריינגעצוואונגען אין געשטאַלט פון אָרעמאַן, און דער אָרעמאַן אין גבירס געשטאַלט פאַרבייט אים. און נאָך יאָרן וואָגלע־נישן קומט ער אָן ווי אַ בעטלער צו דער חתונה פון זיין אייגענער טאָכ־טער, און ווערט צוריק פאַרוואַנדלט. די לעגענדע דינט דאָ צו כאַראַקטער־פאַרוואַנדלונג. און עס איז שווער צו זאָגן, צי די לעגענדע איז אַ דער איינפאַס פאַרן רעאַליזם, אָדער דער רעאַליזם איז דער איינפאַס פון דער לעגענדע. אַזוי צוזאַמענגעהאַפטן זיינען זיי.

אָבער די צוזאַמענהאַלטנדיקע קראַפט פון די „פאָלקסטימלעכע גע־שיכטן" איז ניט בלויז זייער רעאַליזם. דאָ דערשפּירן מיר, אַז פּרץ דער רעאַליסט ווערט גאָר שטאַרק אַרויסגעהאָלפן פון פּרץ דעם פּאָעט. אויף זיינע לידער איז גאָר ניט אַזוי קענטיק, וואו עס שטעקט זיין פּאָע־טישער טאַלאַנט. ווייל ער האָט אָנגעהויבן אין די מיטעלע יאָרן, איז ער דאָס רוב קליגער פון זיין ליד. אין די ליבע־לידער פעלט דעם דערוואַקסע־נעם די תמימות פון ליד. עס איז ניט בלויז די שולד פון יידיש, וועגן וועל־כער ער קלאָגט זיך אין „מאַניש" — אַז דער „זשאַרגאָן" האָט „קיין רעכטן קלאַנג, קיין רעכטן טאָן; האָט פאַר ליבע, פאַר געפיל נישט קיין פּאַסנדיק וואָרט, קיין סטיל". — זיין ליד נעמט זיך הויבן צו זיין דערוואַקסנקייט ערשט אין דער סאַטירע — „די נאַכט־וועכטער"; אין סאָציאַלע לידער — „די דריי נייטאָרינס". דאָ, ביי די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", כאַפּן מיר זיך, אַז די קורצע בליציקע שורה זיינע אַפילו אין דער פּובליציסטיק איז אייגנטלעך די ליד־שורה. ווען מיר זאָלן זיך בעסער איינהערן, וועלן מיר אפשר דערהערן דעם ריטם פון דער לייריק און פּאַטאָס פון ביבלישן פּסוק. שוין פון זיינע חסידישע דערציילונגען אויף עקסטאַז פון ניגון האָבן מיר זיך געדאַרפט אָנשטויסן דערויף. דאָ ווערן מיר געוואָר נאָך מער — אַז דאָס איז זיין געפיל פאַר ליד־מאָס וואָס גיט צו גאַנצקייט, עכטקייט זיין פאָלקסטימלעכער געשיכטע. „נסים אויפן ים" — אַ האָלענדיש־יידישער פישער פאָרט אַרויס ערב יום כיפור אויפן ים, און ראַטעוועט זיך פון טויט־געפאַר אין אַ שטורעם אין זכות פון דער איינציקער יידישער מצווה, וואָס ער פלעגט אָפּהיטן: אַריבערצוקלייבן זיך מיט זיין הויזגעזינט אין שטאָט אַריין צו כל נדרי. אין גאַנצן אַ פּרעמד לעבן פאַר פּרצן, און דאָך שלאָגט

עס אָפּ מיט רעאַליטעט. דאָס איז זיין געפּיל פאַר ליד־מאָס, וואָס לאָזט אים ניט פעלשן קיין דעטאַל; קלייבט די ווערטער, די שורות, די פּאַראַ־גראַפן — סטיליזירט די לעגענדע אין ווירקלעכקייט. — אָבער זיין פולן תיקון אין ליד־פאָרם קריגט פּרץ דער פּאָעט ערשט אין זיינע פּערזן־דראַמען, צו וועלכע איך וועל צוקומען.

וואָס איז פּרצעס דערגרייכונג דורך די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן"? ער האָט דערגרייכט וואָס ער האָט זיך פאַרגענומען מיט דער „סקולער רביצין" — מיט דעם „קינסטלערישן רעפּאַרטאַזש" פון זיינע פּראָווינץ־רייזעס: ליטעראַטור זאָל טאָן דירעקטן לעבנס־דינסט. ער האָט דערגרייכט וואָס ער האָט זיך פאַרגענומען מיט זיין יידישער ליטעראַטור־טעאָריע, וואָס ער האָט אויסגעלייגט אין זיינע אָפּהאַנדלונגען און רעדעס, — אַז די ליטע־ראַטור זאָל פאַראויסגיין דעם לעבן, פורעמען נייע ווירקלעכקייט; אַז דער דיכטער איז אויף איין מדרגה מיטן רעליגיעזן שאַפער; אַז זיין באַרוף איז — ספּעציעל פון יידישן דיכטער — איינצופאַסן די אַנגעלעבטע נשמה־אוצרות אין קינסטלערישע פאָרמען. און ער האָט געגלויבט, אַז אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" איז אים געלונגען אויסצואַרבעטן אַ ספּעציע־לע יידישע טעכניק, די אייגנאַרטיקע יידישע קונסט־פאָרם, וואָס איז ניט קיין אימיטאַציע צו די כּכל־הגויימדיקע מוסטערן — אָט דער לעגענדע־איינפאָס פאַר נשמה־אוצרות, וואָס מאַכט לעגענדע צו ווירקלעכקייט און דאַרף זיך אַריבערטראָגן אין דער געלעבטער און געוואָלטער ווירקלעכ־קייט.

נו, האָט ער געמאַכט אַן אויסשטעלונג פון די איינגעפאַסטע יידישע נשמה־פּערל און דימענטן — וועלן זיי זיך דערלאַנגען צום יידישן פאָלקס־מענטשן? וואו איז די גאַראַנטיע, אַז ער וועט די אויסשטעלונג ניט דורכ־גיין, ווי מען גייט דורך אַן אויסשטעלונג — אָנקוקן, אָנזעטיקן זיין בליק און פאַרבייגיין? ספּעציעל דער יידישער פּראָלעטאַריער — וועט ער זיך אָננעמען פון זיי מיט כּוח אויף צו פאַרווענדן אין זיין קאַמף? האָט פּרץ ווידער ניט גערוט און געזוכט. דערפון איז זיין דראַנג צו דראַמע, וועלכע איז צום נאָענטסטן צו דער קונסט אויפן לעבעדיקן מענטשן — די קונסט פון נביא, פון לעגענדאַרישן צדיק, פון רעליגיעזן גאון.

די דריי דראַמען, וואָס האָבן געענטפערט דעם דראַנג, זיינען לעגענדאַ־רישע סימבאָלישע איינפאַסן פאַר געלעבטער און געוואָלטער ווירקלעכקייט. זיי זיינען סך־הכּלען פון פּרצעס לעבן, שאַפן און טאָן. „אין פּאַליש אויף דער קייט" איז אַ פּערזענלעכער סך־הכּל. דער אויסגעלייזטער פּרוש, וואָס האָט באַפרייט אין זיך זיין לעבנס־לוסט, שלאָגט זיך אָן אַן דער יידישער

טאָכטער, וואָס פאַרשטיקט אין זיך איר לעבנס־לוסט, און וואָס איר גורל פּרץ האָט שטענדיק באַקלאָגט. און דער משפּט איבער זיי ביידן: ער אין קייט, זי אין וואַסער אַריין. די טראַגעדיע פון אַ יידישער ליבע. פּרץ צו 60 יאָר האָט זיך נאָך געקאָנט פאַרליבן, אָבער אין זיינע בריוו צו דער „דאַמע אָם מעער" זיינען קיין ליבע־ווערטער ניטאָ. עס האָבן אים געפעלט ליבע־ווערטער אויך אין זיינע ליבע־לידער — צו־דערוואַקסן געוועזן פאַר דעם. אָבער פאַרקליידנדיק זיך אין אַן ענטוזיאַסטישן פרוש, געפינט ער די ווערטער. אויב ניט צו פּרצן, צום פרוש זיינען זיי דערוואַקסן: — „אין מיר האָט אויפגעפלאַמט אַ רויז, ווילט איר, דערנער, שטראָפן מיך? מייז פון פינצטערע לעכער אַרויס, ווילט איר משפטן די נאַכטיגאַל פאַר איר מאָרגן־ליד, פאַר איר פרילינג־ליד, פאַרן העכסטן ליבעס־ליד?! שוואַרצע, פינצטערע וואָלקן־שטיקער, ציטערט איר פאַר מאָרגן־שטראַל?" — אַלס פערזענלעכע דראַמע, דערפילט מען אין „פאַליש אויף דער קייט" איר כוונה.

„די גאָלדענע קייט" — אַ דיכטערישער סך־הכל. אַ טראַגעדיע, וואָס איר קלימאַקס איז אין ערשטן אַקט, און זי גייט באַרג־אַראָפּ, און די טראַגעדיע שטייגט דאָך! אַן עליה און ירידה דורך פיר דורות — פון צדיק־גאון ר' שלמה, דורך פּנחסן דעם זון פאַנאַטיקער, דורך משהן, דעם נע־בעכדיקן אייניקל, וועלכער בטל קעגן זיין טאָכטער און איידעם, היינטוועלטיקע אַפּיקורסים־מאַטעריאַליסטן — ביז צו אַ האַלבער עליה אין אור־אייניקל יונתן, וועלכער כאַפּט אויף דיכטעריש־אינטואיטיוו דעם עלטער־זיידן ר' שלמה. מיט 100 יאָר צוריק וואָלט פּרץ אַליין געוועזן אַ רעליגיעזער גאון, אַ ר' שלמה. היינט איז ער אַ יונתן, אַ דיכטער. אָבער דיכטעריש איז פּרץ אין שלמהן: אַ משיחיסט, וועלכער נעמט זיך אָן מיט כוח אַראָפּצוברענגען משיחן. פּרצעס ליד איז דאָ אויף זיין אייגענער הויך: — „שבת זאָל זיין, — שבת! מיט צוואַנגען האַלט איך שבת איין!... חרוב זאָל ווערן די וועלט און מיר — מיר שבתדיקע, מיר יום־טובדיקע, מיר נשמה־יתירהדיקע יידן, וועלן איבער אירע חורבות גיין... שבת זאָל זיין! שבת! נישט געאַרבעט, נישט געזייט, נישט געבויט און נישט פאַרריכט... נישט געהאַנדלט, נישט געוואַנדלט..." — משיחס צייטן דורך אַ סימבאָ־לישער סטרייק־רעוואָלוציע. דיכטעריש האָט פּרץ זיין ראָלע געפונען.

„ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" — אַ געזעלשאַפטלעכער סך־הכל, אַ טרויעריקער סך־הכל. אַ סימבאָלישער אָפּרוף אויף דעם קליינשטעטלדיקן מאַרק פון זיין פאַר־30־יאָריקער פּראָווינץ־רייזע, אַן אָפּרוף אויף דער „טויטער שטאָט" — דער נאָמען פון איינער פון יענע דערציילונגען — וואָס

קאָן נאָר אָפּגערופֿן ווערן צו אַ כמו־לעבן דורך מתים, שאָטנס און געשפּענסטער.

אַ פּאַרוואָלקנטער סימבאָליזם, ווייל קיין אויסוועג פאַר דער טויטער שטאָט איז ניט געווען; אַ סימבאָליזם אויס מאַנגל אין ווירקלעכקייט — די יידישע ווירקלעכקייט פון פּרצעס צייט, אַפילו די אויסלייזנדיקע פּראָלעטאַרישע ווירקלעכקייט האָט געמאַנגלט אין ווירקלעכקייט. איצט וואָלט ער אַזאַ ווירקלעכקייט געפונען — די העראָאישע יידישע ווירקלעכקייט פון סאָוועט־רוסלאַנד, פון ארץ־ישראל און פון אונדזערע אַמעריקאַנער זין אויף די שלאַכטפעלדער. איצט וואָלט זיין לעגענדאַרישער סימבאָליזם געווען פונקט אין צייט — ער וואָלט געהאַט אויף וואָס זיך צו שטיצן. פּרצעס געבאָט וואָלט איצט געווען: אייַנפּאַסן אין טראַדיציאָנעלער לעגענדע דעם רעאַלן יידישן העראָאיזם, פון וועלכן עס צייטיקט זיך רעאַלער, קאָנקרעטער, פּאַקטישער משיחיזם דורך געזעלשאַפטלעכן איבערבוי. דאָ איז די מעגלעכקייט פאַר קאָאָפּעראַציע צווישן דער היגער יידישער ליטעראַטור און סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור אין פּרצעס גייסט. הלוואי וואָלט ער היינט געלעבט!

„יידישע קולטור“, 1945.

אַ פּרץ רעוויזיע

ניט מיר פּרצן, נאָר פּרץ וועט אונדז רעווידירן

י. ל. פּרץ איז נאָך מער וויפיל מיר האָבן ביז איצט זיך פאָרגעשטעלט. לייענענדיק אים היינט, ווערן מיר איבערראַשט: צו אונדז רעדט ער דאָך, פון אונדז מאָנט ער! וואָס ער מאָנט, מאָנען מיר פון זיך אַליין. ער האָט זיינע רייד פון אונדזערע מיילער אַרויסגענומען, און נאָך מער: ער איז נאָך היינט אין פאָראויס פון אונדז. אין יאָר תרע"ה, אין יאָר פון זיין טויט, און נאָך מיט אַ יאָרצענדליק פריער, איידער דער וועלט־געשטעל האָט זיך צעטרייסלט, האָט ער שוין פאָראויסגעזען דאָס יאָר תש"ה, ווען מיר האָבן שוין פאַר אונדזערע אויגן דעם רעזולטאַט — דעם חורבן, וואָס 30 יאָר וועלט־טרייסלעניש האָט געבראַכט דעם יידישן פאָלק. און פּרץ האָט אויפגעגעבן דער יידישער ליטעראַטור זי זאָל זיך צוגרייטן צו באַהיטן און באַשיצן דעם יידנס נשמה אונטער פיזישן צוזאַמענבראָך.

וואו מיר זאָלן פּרצן ניט אַ בלעטער טאָן, שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ שאַפונג אָדער אויף אַ מאַנונג, וואָס איז אַדרעסירט צו אונדז. אָט זײַנען אויסצוגן פון אַ רעדע, וואָס פּרץ האָט געהאַלטן אין דובעלן אין יולי 1910 (די רעדע איז געבראַכט אין „בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ (צוזאַמענגע־שטעלט פון נחמן מייזעל, אַרויסגעגעבן פון „איקוף" אין 1944) :

„יידיש געגומען האָט דאָס וואָרט „ליטעראַטור" אַ גאַנץ אַנדער באַ־דייטונג. דאָס איז שוין נישט דער ראָמאַן, די נאָוועלע, די סקיצע — דער סוראָגאַט פון לעבן, דאָס פעפער פון לעבן — די פאַרווײַלונג. פאַר אונדז איז קונסט נישט שפּיל : קיין מיטעל אָפּצוטויטן די צײַט, אָדער די מעג־לעכקייט זיך אויסצולעבן (מערסטנטייל: זיך אויסצוזינדיקן) אויסער די גרענעצן פון לעבן, אָדער אָן דער זייט פון לעבן. אויף יידיש איז קונסט, ליטעראַטור אַזוינס, וואָס שטייט איבערן לעבן און ציט עס צו זיך ; וואָס שאַצט דאָס לעבן פון העכערן, אידעאַלן שטאַנדפּונקט און לויבט און שטראָפט עס".

„נישט פאַר אונדז איז קונסט צוליב קונסט, נישט קיין שפּיל איז דאָס וואָרט. עס איז, און מוז זײַן אונדזער וועלט־אַנשויאונג, אונדזער רעליגיע, אונדזער געוויסן...

„און דעריבער : ווײַל די יידישע ליטעראַטור זײַן יידיש — מוז זי עס זײַן נישט נאָר אין דער שפּראַך, אין דער אויסערלעכער פאָרם פון וואָרט, זי מוז ווערן יידיש אין תוך, אין דער נשמה, אין פּראָבלעם ! זי מוז אויפ־הערן נאָכצומאַכן אייראָפּע. אויסלעבן און קלינגען מוז דאָס יידישע וואָרט, רענעסאַנס פון דער ביבל אַרויס, רענעסאַנס פון פּראָפעטענטום אַרויס ! זאָלן מיר בלײַבן אייראָפּעאישע נאָכמאַכער, באַשאַפער פון פאַרווײַלונג־ביכער, דאַמען־פאַרווײַלער — דינען מיר דערזעלביקער אַסימילאַציע קעגן וועלכער מיר שטרייטן".

נאָך געפינען מיר בײַ אים, אַז דאָס האָבן די „גרים", די צוריקגע־קומענע פון די גויים, אַרויפגעפּרעסט אויף דער יידישער ליטעראַטור די „ככל הגוייםדיקע" אימיטאַציע. און מערערע מאָל באַצייכנט ער די „ככל הגוייםדיקייט" פון דער יידישער ליטעראַטור ווי געצנדינערײַ, ווי עבודה זרה. און אַזוי טיף זיצט פּרץ אין אונדז, אַז ווען מיר זאָגן עס, כאַפּן מיר זיך גאָר ניט, אַז דאָס איז פּרצעס רייד. אַפילו „משיחיזם" שטאַמט פון אים : אַזוי ווי יידן זײַנען אַ „משיח־פאָלק", דאַרף די יידישע ליטעראַ־טור, איבערנעמענדיק די עובֿדה פון דער יידישער רעליגיע, מכין זײַן דאָס פאָלק פאַר „משיחס צײַטן". ליטעראַטור דאַרף זײַן אמת ווי די תורה איז אמת. זי דאַרף טאָן פאַר יידן גרויסן לעבנס־דינסט. אַנדערש וועט די ליטע־

ראַטור ביים פאָלק זיך ניט אָננעמען. עס וועט אים אָפּאיבלען פון איר ווי פון עבודה זרה!...

מען האָט דאָס אַלץ געוואוסט וועגן פּרצן. קריטיקער האָבן זיך געפלייסט און אַרויסגעצויגן די אַלע כוונות זיינע פון זיינע ווערק. אָבער איצט, 30 יאָר נאָך פּרצעס טויט, איז עס מער ווי אַ וויסן. די ליטעראַטור דורך די שריפטשטעלער, ספּעציעל דורך די סענסיטיווערע, די פּאָעטן, האָט עס דערפילט! אַט די אַלע לידער וואָס קלאָגן, אַז וואָרט איז ניט גוט גענוג, אַז וואָרט איז ניט מסוגל איינצופאַסן אין זיך דעם יידישן צער, אַז מיט ליד קאָן מען ניט יוצא זיין אַנטקעגן די פינף מיליאָן נפשות, וואָס לעבן נישט מער; אַז בעסער וואָלט געווען ווען מען שווייגט. פונדעסטוועגן שוויגן זיי ניט. און שרייבן לידער טאַקע וועגן דעם, אַז וואָרט איז ניט מסוגל. אַזאַ פאַרשאָלטענע פּראָפעסיע, פאַרענטפערן זיי זיך. זיי מוזן לידלען. זיי מוזן זיך ווערטלען. און עס געפינען זיך מליצי יושר, וואָס זוכן אַ זכות אויף זיי. אַזאַ אידלקייט פון זייער זייט! ווי זיי מאַטערן זיך נעבעך! זיי וויסן, אַז מיט לידער קאָן מען ניט גערעכט בלייבן קעגן די אומגעקומענע, זיינען זיי זיך פּשוט מקריב צו געבן אויסדרוק זייער אייגענער און אונדזער אַלעמענס הילפלאָזיקייט.

פאַרוואָס האָט גענומען איבלען די פּאָעטן פון וואָרט? דאָס איז פּרצעס איבלען זיך פון עבודה זרה. אייניקע פון זיי האָלטן זיך דווקא פאַר פּרץ־נאָכפאָלגער. זיי ווילן זיין אמת־זאָגער און טאָן יידישן לעבנס־דינסט. נאָר עבודה זרה קלעפּט צו זייער פּען. וואָס איז עבודה זרה? ווען הייליקייט ווערט פאַרשוועכט, ווען גרויסער אמת ווערט פאַרביליקט אין שפּיל מיט דעם אמת. עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז אַפילו די לידער, וואָס נעמען זיך אונטער אָפּצוענטפערן אויף לובלין, אויף מאַידאַנעק, און רופן אַרויס גאָט, און ער דערקלערט זיך שולדיק. ער איז נעבעך אַליין אַ יורד, אַ רחמנות־בעטער, אַ הילפלאָזער וואַגעל־ברודער. די אַלע לידער פאַרענדיקן זיך מיט עפּעס אַ שלייפעל, אַ דריידל, אַ שפּילעריי, אַ קאָקעטעריי — פאַר אַ סימן, אַז דאָס ליד איז נישט מער ווי ליטעראַטור, און טאָר ניט אויפהערן צו זיין ליטעראַטור. עס איז געשריבן אויפן פּאַפּיר און דאַרף בלייבן אויפן פּאַפּיר.

וואָס איז דער קענצייכן פון דער ככל־הגוימדיקער ליטעראַטור? ביי כל הגויים איז ליטעראַטור אַ צוגאָב צום עיקר, ניט דער סאַמע עיקר — אַ צוגעגעבענער אידעלער תענוג צו זייערע גרעבערע תענוגים. וואָס, זוכן זיי דען ניט דעם אמת? זוכן זיי דען ניט גאָט? יאָ, אָבער אַפילו אמת און גאָט איז פאַרווײַלונג און אַמוזירונג. זיי זיינען צו גאַרנישט מחייב. עס

איז ניט קיין מוז זיי זאָלן פון ליטעראַטור אַריבער אין לעבן. אפשר מיט אַ הונדערט יאָר שפּעטער. דערווייל לאָמיר הנאה האָבן פון דער שיינקייט פון אמת און גאָט־זוכן. פאַר דעם צוועק איז די קונסט. ביי יידן איז ליטע־ראַטור געווען ניט „ליטעראַטור", נאָר תורה, לעבנס־געזעץ — דער סאַמע עיקר פון זייער עקזיסטענץ. אוודאי איז עס געווען אַ גרויסער אויפטו, אַז ווען די פרומקייט האָט זיך אָפּגעטאָן און דאָס שאַפן אונטער גאָטס דיקטאַ־טור האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן יידן איבערגענומען די „גויאישע" שאַ־פונג־פאָרם, וואָס איז געשטיצט אויף דעם מענטשנס אייגענער פרייער שע־פערישקייט. און די נייע פאָרם האָט זיך אָנגענומען. האָט פרץ געזוכט אַ סינטעז — געבן תורה אין אַ קינסטלערישער פאָרם. דאָס איז געווען דער ציל פון אַלע זיינע זוכענישן, ביז ער איז געקומען צו זיין יידישער קונסט־פאָרם אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".

אונדזערע עבודה־זרהדיקע ריינע קינסטלער האָבן אַ צייט לאַנג גע־פירט אַ קריג קעגן פרצן: ער פאַרברעכט, האָבן זיי געטענהט, קעגן סאַמע פרינציפּ פון פרייער קונסט, וואָס איז איינציק און אַליין צו שאַפן שיינקייט. אָבער עס איז גאָר ניט אַזאַ סתירה צווישן תורה און קונסט: קונסט איז דווקא יאָ אַ פאָרם פון אמת זאָגן. אפילו די לידער, וואָס ווילן בלויז זיין איינפאַסן פאַר שיינקייט, זיינען אויך געשטיצט אויף אמת־איבערלעבונג. נישט מער, וואָס זיי צעפּלוווערן זייער איבערלעבונג אין אַ שיינקייט־פודרע — שיינען זאָל דאָס ליד! פון דער אַנדערער זייט „תורה" — לידער און ווערק, וואָס זוכן צו געבן געהעריקן אויסדרוק צו אַ נייער אמת־שאַ־פונג, קאָנען גאָר אַנדערש ניט ווי איינצופאַסן זיך אין אַ קונסט־פאָרם, און במילא מוזן זיי אָפּגעבן פון זיך שיינקייט. וואָרים שיינקייט איז דער אַראָמאַט פון שאַפונג. שיינקייט שפּירן מיר, ווען אַ פריש שטיק נשמה שפּראָצט אויף. אויף וואָס האַלטן זיך די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", אָט די צירונג־קעסטעלעך פאַר יידישע נשמה־שטיקער? אויף זייער פאָרם, אויף זייער געפורעמטער שיינקייט!

אין דעם שטרייט צווישן די „פרציאַנער" און די „אַנטי־פרציאַנער" זיינען די לעצטע דורכגעפאַלן. איצט, אין יאָר תש"ה, ווען די גאַנצע יידישע ליטעראַטור איז געשטעלט געוואָרן צו פּראָבע: צי קאָן זי אויס־האַלטן און אַנטקעגנשטיין דעם יידישן וועלט־בראַך? זיינען זיי אַליין מודה זייער דורכפאַל. זיי פילן, אַז זייער גאַנצע מי איז אַרויסגעוואָרפן. מאַכן זיי זיך קוראַזש און טרייסטן זיך, אַז איה"ש נאָך דער מלחמה וועט זיך צוריק איינשטעלן ביי אונדז אַ ליטעראַטור ווי ביי לייטן — ווי ביי „כל הגויים" — און די יידישע לייענערשאַפט וועט זאָגן: פּטור אַן עסק! און

זי וועט זיך צוריק אומקערן צו אירע פּאָעטן און בעלעטריסטן. ביז איך דאָך אַ יידישער גזלן און האָב קיין האַרץ ניט אָנזעקצונעמען ביי מענטשן זייער לעצטע טרייסט, אָבער אַ האַרעלע אמת דאַרף מען זיי זאָגן: אַן אומזיסטע האָפענונג! דערזעלביקער עולם, וואָס וויל זיך אונטערהאַלטן און אַמוזירן, אַמאָל אויך מיט צאַצקעדיקע לידער און טשיקאַווע מעשיות, וועט צו דער יידישער ליטעראַטור זיך ניט אומקערן. ווען עס קומט צו גרונטשאַצונגען וויל אַפילו דער יידישער עולם אין אַמעריקע תורה, וואָס לערנט מעשים און קומט ניט אָפּ מיט מעשיות. מעשה־ליטעראַטור ווי ביי לייטן? נו„ קען ער דאָך ענגליש...

אַפילו די אויסגעהאַלטנסטע פּרציאַנער, וואָס לאָזן זיך ניט פּאַרפירן ניט אין וואָרט־שפּילעריי און ניט אין שיינקייט־אָפּגעטעריי און זוכן געטריי נאָכצוקומען פּרצעס פּאַרזאָג, אַז ליטעראַטור זאָל תורה זיין, פּאַרן פאָלק צו לעבן מיט איר, אויך זיי קומט אָן צייטנווייז שווער אַריבערצושפּרייזן די מחיצה צווישן ליטעראַטור און לעבן.

וואָס שטערט זיי? עבודה זרה קלעפּט צום עצם ענין ליטעראַטור, אַלע זיינען זיי עבודה־זרה׳ניקעס — די גאַנצע און האַלבע פּרציאַנער, אַזוי גוט ווי די אַנטי־פּרציאַנער. עס איז אַ נפקא מינה צווישן די אַמאָליקע יידישע תורה־שאַפער און אונדזער היינטיקע ליטעראַטור־שאַפער. די אַמאָליקע האָבן אַלע זייערע שעפערישע פּאַרדינסטן אָפּגעגעבן צו גאָט. ניט זיי, גאָט האָט זיי עס געגעבן. די היינטיקע, זיי האַלטן דאָך, אַז אַלע זייערע פּאַרדינסטן האָבן זיי זיך אַליין צו פּאַרדאַנקען. זייער פּערזענלעכער רוח הקודש אַרבעט עס אין זיי. און מיר, צו גנאי זאָל אונדז ניט זיין, כדי אויסצוהאָדעווען די נייע פרייע שאַפונג־פאָרם ביי יידן, האָבן מיר זיי אַריינגעחנפעט איבערגענוג רוח הקודש! האָבן זיי זיך פאַרריסן. האָט זיך ביי זיי אויסגעאַרבעט אַן איך־תאווה, אַ פּאָעט־גאווה, וואָס פאַרעבודה־זרה׳ט זייער אויפריכטיקסטע נשמה־מי און שטעלט אַ פונקט: ביז אַהער! תאווה, גאווה, איך־נעץ כאַפּן זיי אַריין אין אַ פּאַסטקע.

נו, י. ל. פּרץ איז גראָד גרויס געווען דערמיט, וואָס אים האָט אין גאַנצן געפעלט די איך־גאווה און פּאָעט־גאווה. ניט געקוקט אויף די אַלע קאַפּריזן פון זיין אימפּעטיקער פּערזענלעכקייט האָט ער גאַנץ באַשיידן זיך געהאַלטן פאַר אַ תלמיד פון אונדזערע רעליגיעזע גאונים אין וועמעס פוסטריט ער איז געגאַנגען אין דער ליטעראַטור. צי האָט ער דערגרייכט וואָס ער האָט זיך פאַרנומען צו געבן תורה אין קינסטלערישער פאָרם, אָדער ניט — דעם וועג האָט ער אָנגעוויזן. אין פּרצעס גייסט דאַרף די ליטעראַטור אונדז נעמען צוגרייטן צו דער גרויסער סאָס, זיך קאָנצענטרירנדיק אויף

זכן און געפינען אַן אויסוועג ווי אַזוי אויסצוליידן דעם „משיח־פאָלק" פון משיחס אומדערבאַרעמלעכע חבלי־לידה.

איז גוט, וואָס מיר וועלן האָבן ניט איין יאָרצייט נאָך פּרצן און ניט קיין איין פּרץ־וואָך אָדער פּרץ־חודש, נאָר אַ גאַנץ יאָר פּרץ. וועלן מיר האָבן גענוג צייט צו לאָזן זיך רעווידירן פון פּרצן.

„טאָג", 1945.

י. ח. ברענער און י. ל. פּרץ

(פון איין אויסגאַנג־פונקט אויף פאַרשיידענע וועגן)

דעם חודש אַפּריל איז געפייערט געוואָרן דער 30־טער יאָרצייט נאָך י. ל. פּרצן. י. ח. ברענערס 24־טער יאָרצייט איז אויסגעפאַלן דעם ערשטן מאַי. איין יאָרצייט פאַלט אַריין אין אַנדערן. מיט דעם ברענער־זאַמלבוך — „יוסף חיים ברענער, פון זיין לעבן און שאַפן" — צונויפגעשטעלט פון שלמה גראָדזענסקי און אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון ברענער־צווייג פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד צו ברענערס 20־טן יאָרצייט אין 1941 — איז דער העבּרעאישער ברענער אַריינגעפירט געוואָרן אין דער יידישע ליטעראַטור אויף יידיש. הגם דאָס זאַמלבוך ברענגט בלויז צוויי בעלעטריסטישע ווערק, די נאָוועלע „מן המצר" און דעם ראָמאַן „מכאן ומכאן", וואָס באַלאַנגען צו דער מיטעלער פּעריאָדע פון ברענערס שאַפן, אָבער ש. גראָדזענסקיס אַריינפיר, מיט הלל צייטלינס, אשר ביילינס און יעקב פיכמאַנס זכרונות, וואָס דעקן ברענערס יוגנט־יאָרן, לאָנדאָנער יאָרן און ארץ־ישׂראל־יאָרן, דערגאַנצט מיט פאַרצייכענונגען וועגן ברענערן פון מענטשן, וואָס זיינען אים געווען צום נאָענטסטן — די חלוצים — מיט אַ צוגאָב פון אַ צאָל ברענערס קורצע פובליציסטישע מוסטערן, איינגעשלאָסן אויך אַ מוסטער פון זיין קריטיק — קריגן מיר פון זאַמלבוך אַרויס אַ גאַנץ גענויען באַגריף וועגן גאַנץ ברענערן.

נאָכן זאַמלבוך געהערן י. ל. פּרץ און י. ח. ברענער אויך פאַרמעל צו איין יידישער ליטעראַטור, אָבער זייער שייכות איז מער ווי אַ צוזאַמענהויזן. זיי האָבן אויך אינערלעכע באַרירונגס־פּונקטן. ערגעץ־וואו באַגעגענען זיי זיך. באַגעגענען זיך און צעגייען זיך. פאַקטיש האָבן זיי זיך טאַקע באַגעגנט און — זיינען אָפּגעשטויסן געוואָרן איינס פון אַנדערן. ווי הלל צייטלין דערציילט עס און אשר ביילין באַשטעטיקט עס דורך ברע־

נערס אייגענעם עדות זאָגן, איז דער יונגער ברענער געקומען מיט אַ באַזוך צו פּרצן, און סיי דער פּרץ־קרייז און סיי פּרץ אַליין האָבן זיך באַצויגן צו אים קאַלט, און דער באַזוך האָט איבערגעלאָזט ביי ברענערן אַ דערווידערדיקן איינדרוק, וואָס נאָך מיט צען יאָר שפּעטער האָט ער גערעדט וועגן דעם מיט ביטערקייט.

וואָס האָט ברענערן אַ צי געטאָן צו פּרצן, און וואָס האָט אים אָפּגעפרעמדט? עס איז געווען אי קרובהשאַפט, אי פאַנאַנדערשיידונג צווישן זיי. און ווייל אַ קרובהשאַפט האָבן זיי שאַרפער דערשפּירט זייערע אַנדערשטקייטן, קאָנען זיי איינער דורך דעם אַנדערן אויפגעלויכטן ווערן.

די קרובהשאַפט איז פריער פון אַלץ אין זייער צוגאַנג צו ליטעראַטור. פון אויבנאויף קוקנדיק, איז עס קוים צו גלויבן, אָבער אין תוך איז עס אַזוי. אי פּרץ דער אומדערמידלעכער פאָרם־יעגער, וועלכער האָט אַזוי לאַנג געפרעסט זיין דערציילונג ביז ער האָט אַריינגעפּרעסט איר עסענץ אין אַ סימבאָל; אי ברענער, מיט זיין צעשויבערטער פאָרם, וואָס עס האָט זיך געדוכט, אַז אים וואָלט ניט געאַרט, אַז זיין דערציילונג זאָל אַריינלויפן אין פּובליציסטיק —ביידע האָבן אַנגעהויבן פון אַ רעאַליזם, וואָס איז מקיים דעם פאַרצייטיקן יידישן געבאָט, וואָס פאַרווערט ליטעראַטור לשמה. איז דען דעם ביבלישן „שריפטשטעלער" איינגעפאַלן, אַז ער שרייבט ליטעראַטור? וואָס ער האָט געשריבן און גערעדט איז געווען תורה — וועגווייזונג, לעבנס־וועג. און ביז צו דעם אויפקום פון דער נייער יידישער ליטעראַטור — אין העברעאיש און יידיש — האָט דעם פרומען יידן געאיבלט פון סתם אַ מעשה לשם מעשה. אַפילו אַ מעשה מוז האָבן אַן ערנסטע באַלערנדיקע כוונה. ביי פּרצן און ברענערן האָט זיך דאָס איבערזעצט אין אַ געבאָט, אַז עס טאָר קיין מחיצה ניט זיין צווישן ליטעראַטור און לעבן; ליטעראַטור דאַרף טאָן דירעקטן לעבנס־דינסט. פּרצעס אמתער שריפטשטעלערישער אָנהויב איז געווען זיין עקספּעדיציע איבער דער פּויליש־יידישער פּראָווינץ, אונטערנומען אויסדריקלעך מיט דעם צוועק צו זאַמלען מאַטעריאַל וועגן דער יידישער אָרעמקייט אויף אָפּצוענטפערן די אַנטיסעמיטישע בלבולים וועגן יידישער עקספּלואַטאַציע. פון אַט דער עקספּעדיציע זיינען אַרויסגעוואַקסן זיינע „בילדער און סקיצן", וואָס זיינען רעאַליסטישע לעבנס־פּראָטאָקאָלן.

אָבער „מאָניש" איז פאָרט פאַראויסגעגאַנגען די „בילדער און סקיצן". און „מאָניש" האָט אַ פאָרם — אַ געבאָרגטע קינסטלעך־קינסטלערישע פאָרם. די פאַרפאָעטיזירונג פון אָבערגלויבן אין לעגענדע איז אָנגענומען געווען אין די ליטעראַטורן פון די אומות העולם. פון וואַנען זי איז אויך

אַריבער אין העברעאיש. נאָר קוקט מען זיך בעסער צו, איז דער עיקר פון „מאָניש” ניט די לעגענדע. אונטער דעם אָבערגלויבן לעגענדע איז לעבנס־פּראַקטיקאַל, די רעאַליסטישע שילדערונג פון פרומען יידישן לעבנס־שטייגער, וואָל אָבערגלויבן איז אַ טייל פון אים, מיט דעם הויפּט־שאָדן, וואָס דער לעבנס־שטייגער טוט צו דער יידישער יוגנט, שטיקנדיק אירע נאַטירלעכסטע געפילן.

און אַזוי איז פּרץ פאַרבליבן דורך אַלע זיינע וויטערדיקע גאַנגען — קינסטלער־פאָרמאַליסט, וואָס האָט זיך גערוּנגלט אין אים מיט דעם רעאַליסט, וואָס האָט געדאַרפט מקיים זיין דעם יידישן געבאָט פון לעבנס־דינסט. ער האָט געזוכט אַ סינטעז, וואָס דאָס האָט אים אָנגעטריבן צו אַלע זיינע פאָרם־זוכענישן. לעבנס־דינסט, אָנגעצילעוועטער, מיט כוונה־און נשמה־געלאָדענער רעאַליזם, איינגעפּאַסט אין אַ קינסטלערישער פאָרם. און וועלכע פאָרם פּרץ האָט ניט געפונען, האָט ער ניט אָפּגעווייכט פון זיין ערשטן געבאָט: זיין סאָציאַלע סאַטירע, זיין חסידישע מעשה, אַפילו זיין פון אים אַליין געשאַפענע לעגענדע, די דיכטערישע אַלעגאָריע — זיינען זיי אַלע אונטערגעבעט מיט געדיכטן, רעאַליסטישן לבנס־פּראַקטיקאַל, ניט ווייניקער פון זיינע „בילדער און סקיצן” פון זיינע פּראָווינץ־רייזן. אין זיינע לעצטע לעבנס־יאָרן האָט ער זיך דעראַרבעט צו אַ פאָרמולע פאַר זיין געגאַרטן סינטעז — אַ דיכטער איז ער, וואָס לעבט אויס אין פּאַראויס „לעבנס־פּראַקטיקאַל”, לעבנס־וועג, תורה פאַרן פאָלק. אַ משה רבינו, אַ נביא, אַ תנא מיט דער פען. און אים האָט זיך געדוכט, אַז אין זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן” האָט ער געפונען די אייגנטלעכע יידישע קונסט־פאָרם: די לעגענדע ווי אַן איינפּאַס פאַר דעם יידישן נשמה־הערא־איזם.

ברענער איז געווען אַ סך אומקאָמפּראָמיסלעכער. וויבאַלד לעבנס־פּראַקטיקאַלן, איז קיין שום צוטראַכטונג, קיין פאַרפּאַסעכץ, קיין ליטעראַ־טור! — ש. גראָדזענסקי הויבט אָן זיין אַריינפיר מיט אַ ציטאַטע פון 20 יעריקן ברענערס אַ בריוו צו אַ פריינט: — „מיט דיין טעאָריע וועגן ליטע־ראַטור לשם ליטעראַטור, אַלס דעם זין פון לעבן און אַזוי ווייטער, בין איך כלל וכלל ניט מסכים. איך האָב גאָר אַן אַנדער בליק אויפן לעבן. קורץ געזאָגט: מיר דאַרפן זיך מוסר נפש זיין און פאַרמינערן דאָס שלעכטע, דעם הונגער, די קנעכטשאַפט, די לײדיקגייערײ, די צביעות און דאָס גלייכן. מען דאַרף אַלץ פאַרשטיין, פאַרשטיין און זיך דערווייטערן פון מיסטיציזם און פאַנאַטיזם...”

דאָס איז דער זעלביקער יידישער געבאָט, וואָס פּרץ האָט זיך פאַר־

געװוּמען מקיים צו זײַן — ליטעראַטור זאָל לעבנס־דינסט זײַן! — אָבער ברענער האָט דעם געבאָט שטרענגער אָפּגעהיט װי פּרץ — ביז צום סוף פֿון זײַנע טעג. קינסטלערכער פּוק, די פּאַרראַמאַנטיזירונג פֿון דער פּאַרגאַנגענהייט, די פּאַרראַמאַנטיזירונג פֿון דער צוקונפֿט, איז פֿאַר אים געװען פֿעלשונג. װאָס איז פֿאַר אים געװען ליטעראַטור? — די פּאַרדאָקומענטירונג פֿון יידישן לעבן פֿון היינט. די צעשויבערטקייט פֿון דער פֿאָרם פֿון זײַנע ערשטע און מיטעלע װערק — זייער זיגזאַגישע סטרוקטור, מיט די אַרײַנגעפּלאָכטענע הין און צוריק לויפֿענישן, בריװ, טראַכטונגען און דיסקוסיעס, זײַנען אַ באַשטעטיקונג, אַז דאָס זײַנען ערלעכע לעבנס־דאָקומענטן. דערפֿאַר איז ער אומעטום, אין אַלע זײַנע װערק אַליין דאָ, אין זײַן גראַדנװיזער זעלבסט־געשטאַלטונג. אַ גרויס שטיק פֿון אים איז דאָ אין אברהם מנוחין, דעם לעבנס־קלוגן, מוטיקן און פֿאַרגעביקן זעצער־קאַרעקטאָר פֿון „מן המצר". אַזוי טיף איז ער אַרײַנגעדרונגען אין אים, אַז דורך מנוחינס געװאַלטזאַמען טויט אין לאָנדאָן האָט ער פֿאַראויסגעזאָגט זײַן אייגענעם טויט אין יפֿו. איז גאָר ניטאָ קיין סימן פֿון דערפֿינדער אין ברענערן דעם דערציילער. װי קאָן מען זיך אָן דעם באַגיין? — זײַן דערפֿינדערישקייט, װאָס דערגרייכט ביז צו װירטואָזיטעט, איז צו געפֿינען אין זײַנע „זיגזאַגן", װאָס זײַנען איבערקאָמבינירונגען פֿון װירקלעכע לעבנס־פּאַסירונגען, װאָס האָבן פּאַסירט ערגעץ־װאו אַנדערש, מיט עמעצן אַנדערש. דאָס האָט מיט ברענערן אַליין פּאַסירט, אַז אַ גוי האָט אים אָפּגעשלאָגן פֿון אַ קאַנוי. מנוחין אין „מן המצר" שלאָגט אָפּ אַ גוי פֿון קאַנוי. אַ לעבנס־געטרייער רעאַליסט — אויף אַזוי װייט, אַז אויף מערערע פֿון זײַנע העלדן איז לײַכט צו דערקענען פֿון װעמען זייערע פּאָרטרעטן זײַנען אָפּגעשריבן. אָבער עס איז ניט פֿאָטאָגראַפֿירנדיקער, קאָפּירנדיקער רעאַליזם. די הויפּט־טרעגער פֿון זײַנע דערציילונגען זײַנען מענטשן מיט נשמה־ריסן, װאָס זוכן גאַנצקייט. און נשמה־ריסן לאָזן זיך ניט פֿאָטאָגראַפֿירן. אין נשמות דאַרף אַרײַנגעדרונגען װערן מיט אויגן, װאָס זעען מיט עקס־שטראַלן. אָפּילו װאו ער דאָקומענטירט — אין די אַרײַנגעװאָרפֿענע דיסקוסיעס — זײַנען עס דיסקוסיעס אין לעבעדיקע פּערזאָנען, אין סצענישע דיאַלאָגן. אָפּילו זײַן פּובליציסטיק איז דערציילעריש־באַװעגלעך.

די לייזע פֿאָרם פֿון זײַן דערציילונגס־נוסח? ברענער גיט אַליין אַ דערקלערונג דערויף דורך זײַן פֿאַרשטעלעניש אין אַנאָנימען פּאַרפֿאַסער פֿון „מכאן ומכאן": „שרייבן פּאַדערט פּאַרגליװערטקייט — געמיינט: געלאַסנקייט — און איך ברען". געברענט האָבן אין אים די אָפֿענע װאונדן פֿון זײַנע נשמה־ריסן. און דאָס איז דער קינסטלערישער הויפּט־סימן אין

ברענערן, אַז לעבנדיק אין ארץ־ישׂראל זיינען זיינע בשמה־ריסן אַלץ פאַרגאַנצטער געוואָרן, מיט דער פאַרגאַנצקייט, וואָס ער האָט פאַראויסגעפילט מיט אַלע זיינע ווערק, און גלייכצייטיק איז זיין דערציילונג אַלץ געבונדענער און געפורעמטער געוואָרן — ביז ער האָט זיך באַגעגנט פנים אל פנים מיט גאַנצע יידישע מענטשן, די חלוצים פון „גדוד העבודה" און „תל־חי", וואָס ער האָט טאַקע מיט זיינע ברענענישן זיי געהאָלפן אַרויסרופן. און שלום ושלווה האָט זיך איינגעשטעלט אין זיין געמיט. און ער האָט דערלאַנגט אַ ווערק — „שכול וכשלון" וואָס איינהאַלטנדיק די דערפינדערישקייט פון זיין פאַרוויקלטער זיגזאַגישער טעכניק, האָט עס זיך איינגעפאַסט אין דער לויטערסטער פאָרם — אין דערפילונג פון דעם יידישן געבאָט, וואָס ער און פרץ האָבן זיך פאָרגעשריבן, אַז קונסט דאַרף זיין קאָנצענטרירטער לעבנס־אמת, און אין באַקרעפטיקונג פון פרצעס שפּעטערדיקער פאָרמולע, אַז דער דיכטער איז דער פאָראויסגייער פון לעבן...

אָבער צו דער צייט פון זייער באַגעגעניש, איז דער יונגער ברענער אין פרצעס אויגן געווען אין גאַנצן „פאָרמלאָז", וואָס דאָס איז ביי אים געווען אַ חטא אויף ניט צו פאַרגעבן. דערפאַר אַרויסגייענדיק פון זעלביקן אויסגאַנג־פונקט, זיינען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אויף פאַרשיידענע וועגן. אָבער עס איז געווען נאָך אַן עיקר, וואָס האָט זיי פאַנאַנדערגעשיידט: דער עלטערער פרץ איז אויסגעוואָקסן אין אַ דור, וואָס דער שריפטשטעלער איז ביי אים געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה. האָט ער קיינמאָל ניט אָפּגעלאָזן פון שריפטשטעלעריי... וויפיל ער האָט דורך זיין יידישער אינטואיציע ניט געזוכט אַריבערצושפּרייזן די גרענעצן פון ליטעראַטור, האָט ער סוף־כל־סוף זיך באַנוגנט מיט ליטעראַרישע איינפאַסן פאַר דעם יידישן נשמה־הערבאָיזם, — דער יונגערער ברענער איז אויסגעוואָקסן צווישן פאָלקיסטן־סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געקעמפט פאַר דער דערהויבונג פון דערנידעריקטן מענטשן. אין ליטעראַטור איז ער געגאַנגען אין די פוסטריט, לאָמיר זאָגן, פון גליעב אוספּענסקי, וועמענס פויערים־דערציילונגען זיינען געשריבן געוואָרן ווי קאָרעספּאָנדענצן פון דאָרף. דער עיקר פאַר ברענערן איז געווען דער ייד, וואָס אַן אויסוועג דאַרף פאַר אים געפונען ווערן פון זיין לעבנס־נויט. ווי הלל צייטלין, ז"ל, דערציילט, איז ברענער געקומען צו פרצן מיט אַ גרויסן פּלאַן: פון פרצעס אַ דערציילונג „אַלט־וואַרג" האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן, אַז פרץ טיילט מיט זיי זייער פאַראַכטונג צום מיאוסן אויסזען פון פאַרשימלטן יידישן לעבנס־שטייגער, וואו שול און מאַרק, קדושה און טומאה זיינען איסגעמישט. איז דעם האָמע־

לער ציטלין־ברענער־קרייז איינגעפאַלן, אַז ווי פּרץ איז אויסגעבונדן מיט יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, זאָל ער שאַפן פאַר זיי קאַפּיטאַל פאַר דער גרינדונג פון אַ טאָלסטאָיאַנישער קאָלאָניע — אַ קבוצה אויף דעם באָדן פון רוסלאַנד, אויב נשמה־העראָאיזם, דאַרף ער אים אַליין אַנלער־נען, פשוטו כמשמעו, ניט בלויז באַנוצן זיך מיט אים ווי מיט אַ ליטע־ראַרישער צירונג. און דאָ קומען מיר צו דער עיקרדיקסטער ענלעכקייט־אומענלעכקייט צווישן ברענערן און פּרצן.

די ענלעכקייט זייערע איז געווען אין זייערע געזעלשאַפטלעכע שטע־לונגען. אין אָנהויב פון די ניינציקער יאָרן איז פּרץ פון אַ פאָלקיסט, וואָס זאַמלט ליטעראַריש־עקאָנאָמישע סטאַטיסטיק אויף צו דינען דעם פאָלק, געוואָרן אַ סאָציאַליסט. ער גיט אַרויס די „יום־טוב־בלעטלעך", וואָס אַר־בעטער האַלטן, אַז זיי זיינען אַדרעסירט צו זיי. שפּעטער, מיט דער אָרגאַ־ניזירונג פון „בונד", ווערט ער אָפּט געלאַדן צו אומלעגאַלע פאַרזאַמלונ־גען. אָבער צו דער צייט פון ברענערס באַזוך איז ער שוין מסופק געווען אין סאָציאַליזם און נאָך מער אין דער פּאַרטיי־אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך גענומען שפּליטערן אויף לאַגערן און לאַגערלעך. ער שרייבט „די אַכטע אָפּטיילונג פון גיהנום". אַן אינטעליגענט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגעהערט פינף־זעקס פּאַרטיי־רעדעס, דערזעט זיך אין חלום אַריי־בערגעטראָגן אין דער ניי־צוגעקומענער אָפּטיילונג פון גיהנום, וואו עס פייניקן זיך די מאָדערנע זינדער: זיי קלעטערן אויף אַ באַרג שניי. פון זייער הייסן שווייס צעגייט דער שניי און ווערט גלייך פאַרפראָרן אונטער זיי. קלעטערן זיי אויף אַן אייז־באַרג. זיי מאַכן פליגעלעך פון ליים, מיט פליגלען, אָבער פליען קאָנען זיי ניט. זיי דרעסירן, און מושטירן הינט צו מאַכן זיי פאַר מענטשן. די הינט ווערן טאַקע איידעלער. אָבער וואַרפט מען זיי צו אַ ביין, ווערן זיי צוריק הינט. — אָבער זייענדיק אין תוך אַ שריפטשטעלער, האָט פּרץ זיך אַן עצה געגעבן. האָט ער דורך די „פאָלקס־טימלעכע געשיכטן" געמאַכט אַן אויסשטעלונג פון יידישן נשמה־פאַר־מעגן, ווי איינער זאָגט: איר אַרבעטער און אינטעליגענטן, נעמט זיך אַן מיט יידישער נשמה, וועט איר האָבן כוח צו בויען אייער צוקונפט־אָרדע־נונג! — אַזוי האָט ער געראַטעוועט זיין גלויבן אין סאָציאַליזם — מיט זיין יידישער נשמה־צוגאָב.

זיין סאָציאַליזם האָט אים ניט געמאַכט פאַר אַ געשוואָרענעם שונא פון ציוניזם אין ברייטן זין פון וואָרט. קיין ארץ־ישראל האָט ער אַליין זיך געקליבן פאָרן. אַ קורץ בריוול, מיט וועלכן עס שליסט זיך די נאָר־וואָס דערשינענע זאַמלונג פון פּרצעס בריוו, צונויפגעשטעלט פון נחמן מייי־

זיל, פירט אונטער דעם סך־הכל פון זיין שטעלונג צום ציוניזם:

„איבּ דאָס אויפלעבן פון יידישן פאָלק הייסט ביי איך 'ציוניזם' — מה טוב! געהער איך דאַצו. האָב איך אַ טייל דערינען. צום פּאָליטישן ציוניזם האָב איך קיין צוטרויען: דאָס גלות פאַרלייקן איך נישט. דאָס איז דאָס שלאַכטפעלד, וואו מיר מוזן זיגן. ביי דער גאַנצער בענקשאַפט צו ארץ־ישראל (נישט צום 'פּאַטערלאַנד' לויטן גויאישן באַגריף) גלויב איך פעסט אין יידישן וועלט־פּאָלק, ווי דער פּראָפעט האָט עס געזען. אי־בעראַל די מינדערהייט אין צאָל, די מערהייט אין זין פון מאָראַלישער קולטור. נאָכן זיג וועט געבויט ווערן דאָס פאָרפעטישע, נישט פאָליטישע ציון... כי מציון תצא תורה פאַר אַלע..."

נו, ברענער אין אָט דעם וויכטיקן פּרט איז געווען אי ענלעך, אי אומענלעך צו פּרצן. ווי אומענלעך, ווי אַנדערש די פּערזאָן ברענער איז געווען. די אַנדערשקייט וועט אונדז צופירן צו דעם אייגנאַריקסטן און קערנדיקסטן אין זיין וועזן. — זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז ער געווען אַ סאָציאַליסט. ווי דען אַנדערש? נאָך מער: ניט נאָר אַ סאָציאַליסט — אַ בונדיסט איז ער געווען. און ניט געוואָרט אויף איינלאַדונגען. אַליין אַ בונדישער אָרגאַניזאַטאָר געווען. און נאָך פריער, גלייך פון דער ישיבה־באַנק איז ער געוואָרן אַ ציוניסט און אַ העברעאיסט. און אַזוי איז כל ימיו פאַרבליבן: אַ „בונדיסט", וואָס גלות איז פאַר אים דער קאַמף־פּלאַץ, און אַ ציוניסט, וואָס נאָר אין ארץ־ישראל זעט ער די יידישע אויסלייזונג. און גלייכצייטיק האָט ער געצווייפלט ניט בלויז אין די סאָציאַליסטשע צוקונפט־פּראָגראַמען, ווי פּרץ, נאָר אין אַלע צוקונפט־פּראָגראַמען. גאַנץ פרי נאָך אין האָמעל, האָט ער גענומען מבטל מאַכן די פּאַרטיי־אינטעליגענץ פון כל המינים. און דורך אַלע זיינע ווערק הערט ניט אויף אַ „תיל־תל" צו מאַכן פון די פּאַרטיי־לייט, מיט זייער פּלפּוליסטיק און „פוטוריסטיק". און צו דעם אַלעמען: אַ „גלות'יסט", וואָס אין דער טעאָריע איז גלות פאַר אים דער קאַמף־פּלאַץ, פון וואַנען מען טאָר ניט דעזערטירן, איז ער נאָך אין רוסלאַנד געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַלע יידישע קאַמפן און טור־אונגען און אויפטוען אין גלות זיינען האָפענונגסלאָז. אין לאָנדאָן, וואוהין דער דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט אַריינגעוואָרפן די דורכגעפאַלענע פּאַרטיי־אינטעליגענץ, האָט ער דערזען פאַר זיך די ערגסטע קאַריקאַטור אויף אינטעליגענץ, און איר צוקונפט־געפּלאַפּל איז אים גע־ווען נאָך לעכערלעכער. דער לאָנדאָנער גלות האָט געוועקט אין אים עקל און גרויל: — די יידישע נאַקעטקייט — מיסט־יידישקייט — ירידה, ירידה, ירידה — יידישער אונטערגאַנג.

קיין פּאַרטייען ניט, צוקונפט־פּראָגראַמען ניט, און דער גלות איז נבזה — וואָס זשע בלייבט צו טאָן? באַשליסט ער, אַז יחידים דאַרפן תיכף ומיד נעמען אויף זיך די שווערסטע אַרבעטן. און ער טוט זיך אַ נדר צו שרייבן בלויז אין העברעאיש. — „דאָס פאָלק ניט — שרייבט ער צו פיכ־מאַנען — אָבער מיר, דאָס קליין הייפעלע, בויטיקן זיך אין העברעאיש". און יידיש האָט ער דווקא ליב געהאַט. אין זיין רייזען־אָפּשאַצונג האָט ער געשריבן: — „רייזענס לידער האָבן מיר באַזונדערס ליב געמאַכט דאָס יידישע לשון" — און נאָך צוויי יאָר אין לאָנדאָן 1906—1908 און נאָך אַ יאָר אין לעמבערג פאָרט ער אָפּ קיין ארץ־ישראל, מיטנעמענדיק די אַלע סתירות, וואָס ער האָט פּעטראָגן אין זיך.

די סתירה צווישן יידיש און העברעאיש: אין ווינטער פון 1921 ווען אין „גדוד העבודה" איז דיסקוטירט געוואָרן די פראַגע, צי זאָל מען האַלטן לעקציעס אויך אין יידיש, האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט פאַר יידישע לעקציעס: מען דאַרף אורטיילן ניט בלויז פון שטאַנדפּונקט פון פּרינציפּן, נאָר אויך פון שטאַנדפּונקט פון די קולטור־געברויכער. — אין „מכאן ומכאן": — יידיש ריידן איבער גאָר דער וועלט, און אין ארץ־ישראל ווי וויט מעגלעך העברעאיש.

די סתירה גלות און ארץ־ישראל: ערשט אין ארץ־ישראל האָט דער גלותיסט אין אים זיך אָפּגערופן — אַפילו מיט דער אַלטער טענה, אַז די מערהייט יידן וועט דאָך בלייבן אין חוץ־לארץ. די צוקונפט פון ארץ־ישראל איז ניט אַנדערש, ווי אין אַלע תפוצות הגולה: פּוילן, רוסלאַנד, ארץ־ישראל — אַלץ גלות. ער וויל אַפילו ניט צוגעבן, אַז ארץ־ישראל זאָל ווערן דער יידישער צענטער. וואָס עס איז נויטיק איז די פאַרפּעסטיקונג פון אַלע גלותן. זאָל זיין יידישע אַרבעט ניט נאָר אין ארץ־ישראל, נאָר אומעטום וואו מיר קאָנען טאָן פּראָדוקטיווע אַרבעט.

זיין אומצוטרוי צו פּאָליטיקערס, צו „צוקונפטערס", איז נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן. דער אָפיציעלער ציוניזם פון יענער צייט האָט געגעבן געוואָרן. דער אָפיציעלער ציוניזם פון יענער צייט האָט געגעבן געגנוג שפּייז פאַר אַזאַ אומצוטרוי. ניט מער ווי אַ קאָנגרעס־און שקלים־באַוועגונג. ניט מער ווי אַ שפּיל אין קאָלאָניזאַציע. זיצן אין די ארץ־ישראל ביוראָס, גאָרנישט טוענדיק, און שרייבן ליגנעריש־באַרימטע בריוו־לעך אין חוץ־לארץ: קומט! קומט! — און האָבן קיין הונדערט אַרבעטער ניט אַראָפּגעבראַכט. די פאַרלייקענער פון גלות מאַכן דאָ אַ נייעם גלות. נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע: צוגעוואָרפן דעם ציוניזם אַ שטיקל הבטחה — ברויט אויף וואַסער. די ציוניסטישע אילוזיע — די פּאָליטישע, די מלוכהשע — דאַרף מען אַרויסרייסן פון די הערצער. דאָס איז די ברוי־

טישע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, וואָס זעצט איבער די באַלפור־דעקלאַראַציע אין אַראַבישע פּאַגראָמען. — „מיר זיצן אויפן ראַנד פון אַן אָפּגרונט" — אָבער כאָטש לעבן קאָנען מיר דאָ ניט, דאַרף דאָ מוזן מיר פאַרבלייבן. מיט־מאַכן די טראַגעדיע פון ישוב און דאָך זיך ניט מייאש זיין; און אַפילו זיך מייאש זיין און ניט פאַרלאָזן דעם קאַמף־פּלאַץ.

דאָס זיינען די סתירות, וואָס האָבן צעריסן זיין געמיט, און די ריסן האָט ער אַריינגעטראָגן פון זיך אין זיינע הויפּט־העלדן, און דורך זיי האָט ער געזוכט די ריסן צו פאַרגאַנצן. און דאָ קומען מיר צו דעם קערנדיקסטן קערן פון ברענער דעם מענטשן און דעם שריפטשטעלער — און דאָס איז: דער העראָאיזם פון זיצן אויף סתירות, אויף יאָ און ניין, אויף יאוש־אמונה, אויף ניט האָבן קיין קלאָרע ענטפערס און דאָך פעסט אַנטשלאָסן זיין אין האַנדלונג — מיט אכזריות צו זיך אַליין, וואָס דערצו זיינען נאָר יחידי סגולה פעאיק, אָבער ערשט דורך זיי קומט צום אויסדרוק דער פולער זין פון מענטשנס לעבן אויף דער וועלט. דער גאַנצער ערד־קוגל איז פאַר־משפט צום אונטערגאַנג, און דאַרף לעבן מיר! דאָס לעבן איז הוילע סתירות, וואָס באַפעלן אונטערגאַנג, אָבער דאָס וועזנטלעכע אין מענטשן רעוואָל־טירט: גיב זיך ניט אונטער, לעב! — דאָס לעבן איז שלעכט, אָבער תמיד סודותדיק... דער מענטש איז אומגליקלעך, אָבער אַמאָל איז ער אויך פרעכטיק. לאַגיש האָט דאָס יידישע פאָלק ניט קיין צוקונפט, דאַרף מען פונדעסטוועגן אַרבעטן... זאָל לעבן די יידישע מענטשלעכע אַרבעט!

ער האָט די מוטיקע יידישע יחידים געפונען צווישן די אַרבעטער, דעמאָלט נאָך די פאַרלויפער פון די חלוצים. זיי שטעלן ניט אָפּ זייער אַרבעט אַפילו ווען דער אָפּגרונט קומט זיי אַנטקעגן. און ווען די ערשטע חלוצים האָבן זיך באַוויזן, האָט ברענער געהאַט זיין ערשטע פרייד אין לעבן. דער חלוץ — ער איז יש — אַ יש ויש! ער מאַכט אַ סוף צום אומ־רעאַלן יידישן לעבן צווישן ניט־יידן. אַפילו ווען באַלאַגערט פון שונאים, פילט ער זיך ווי אַ פיש אין וואַסער. ער איז דער אמתער חובב ציון, ניט דער ציוניסט פון היינט. זיין ליבשאַפט צו יעדן שפּאַן ערד וועט איבעררוקן בערג. דער יידישער אַרבעטער אין ארץ־ישראל איז כולל אַלץ, און ער וועט אַלץ פאַרווירקלעכן. וואויל איז צו זיי, די חלוצים, אַפילו ווען זיי שטאַרבן אַ פריצייטיקן טויט, ווי די פאַרטיידיקער פון תל חי! יידן זיינען תמיד געקרייציקט געוואָרן און וועלן נאָך געקרייציקט ווערן, אָבער זיי גייען ניט פאַרלאָרן. כלפּי חוץ שוואַך, אָבער כלפּי פנים — גיבורים!

אין זיין פאַרהערלעכונג פון חלוץ האָט אויך מיט אַריינגעשפּילט זיין לעבנסלענגלעכער פּראָטעסט קעגן „צוקונפטעריי" — אַ פּראָטעסט, וואָס

האָט אין צייט אַפילו אים פאַרברוגזט קעגן די נביאים, וועלכע האָבן פאַר־פירט דאָס יידישע פאָלק אין דער אילוזיע פון אחרית הימים. לויט דעם עדות זאָגן פון יונה ספיוואַק, האָט ברענער איין צייט אין לאָנדאָן אַפילו געגעבן פאַרצוג דער נוצרי איבער די נביאים, ווייל ער האָט געפּריידיקט מלכות השמים גלייך. אָבער ברענער איז באַלד צו זיך געקומען, דער־מאָנענדיק זיך, אַז „מלכות השמים גלייך" איז געווען נאָר אַ פאַרפירערישע אילוזיע, ווי אחרית הימים — עס האָט געבראַכט אויף יידן אינקוויזיציעס און רדיפות. צוקונפט און איבערערדישקייט איז אומרעאַל, אוממַמשותדיק. אָבער די יידישע אַרבעט פון חלוץ ציט אַריין די צוקונפט אין היינט און מאַכט זי רעאַל און מַמשותדיק. אין היינט איז רעאַלע מַמשות, דער היינט סינטעטיזירט אַלע צייטן, און אויף אַ געהיימניספולן אופן שאַפט ער אַ סינטעז פון אַלע סתירות.

אין דער פאַרהיינטיקונג לויפט אַריין דער ברענערישער „הערעאַיזם פון זיצן אויף סתירות". ברענערס אייגענער נאָמען פאַר דעם איז „רעאַ־ליזם און קדושה" — וואָס נעמט שוין אַריין אין זיך אי זיין געזעלשאַפט־לעבן, אי זיין שריפטשטעלערישן רעאַליזם. די צווייטע העלפט פון דער ציטאַטע, מיט וועלכער ש. גראָדזענסקי הויבט אָן זיין אַריינפיר — אַ ציטאַטע פון אַ בריוו, וואָס דער 20־יעריקער ברענער האָט געשריבן צו אַ פריינט — לייענט זיך אַזוי:

„מען דאַרף אַלץ פאַרשטיין — פאַרשטיין און זיך דערוויטערן פון מיס־טיציזם און פאַנטאַזיעס; מען דאַרף שטאַרקן דעם רעאַליזם און די קדושה אין דער וועלט! מען דאַרף מתקן זיין דאָס יידישע לעבן, מען דאַרף עס נאָרמאַליזירן. מיינע אימהדיקסטע נשמה יסורים זיינען דער רעזולטאַט פון מיינע ספקות בכלל: איז נאָך פאַראַן אַ תיקון? גייען מיר פאַראויס?"

ווי קומט דאָ אַריין אין זיין רעאַליזם קדושה? וואָס פאַר אַ באַ־צייכענונג איז עס פאַר דער טאָג־טעגלעכקייט, פאַר דער באַפרידיקונג פון מאַטעריעלע באַדערפעניש, פאַר דער נאָרמאַליזירונג פון יידישן לעבן? דאָס איז אַ רעליגיעזע שטעלונג. הגם ער רעדט דאָ קעגן מיסטיציזם און פאַנטאַזיעס, אָבער וואָס ער רעדט איז מיסטיציזם. און אין דעם איז קיין ווידערשפּרוך ניטאָ. לויט ברענערן זיינען די מיסטיקער לאָגיקער און ראַציאָנאַליסטן. זיי וויסן גאַרניט, אַז זיי זיינען מיסטיקער. די גרעסטע מיסטיקער זיינען געווען די צדיקים, וואָס פאַר זיך פלעגן זיי אָפּקומען מיט אַ כזית, מיט אַ הייפעלע פייגן, און זייער גאַנצע זאָרג פלעגן זיי אָפּגעבן צו אַ פענעץ ברויט און אַ גלאָז וואַסער פאַר דעם הונגעריקן און דורשטיקן. און הגם ער רעדט קעגן פאַנטאַזיעס — געמיינט: צוקונפט־פאַנטאַזיעס —

דאָס וואָס ער רעדט, זיין רעאַליזם וואָס פאַרהיינטיקט, איז אַליין אַ מעטאַ־פיזישע, רעליגיעזע פאַנטאַזיע. דאָס איז אימיטאַציע צו גאָט, וועלכער שליסט איין אין היינט די גאַנצע אייביקייט, נעמט צונויף אַלע צייטן אין יעדן צייט־אָפּשניט. — „גאָט זיצט איבער די אשמורות" — ער זיצט איבער די צייט־שפּאַלטן, איבער די צייט־תהומען, וואַרפט בריקן איבער זיי, און שאַפט צייט קאָנטינואיטעט. דער פאָלק שפּרוך „פאַר מאָרגן וועט גאָט זאָרגן" איז די פאַראיינפאַכונג פון אָט דער רעליגיעזער צייט־מעטאַפיזיקע: טו אָפּ אַלע דיינע פליכטן היינט — די צוקונפט וועט שוין מיטקומען. אָט אַזוי, דורך פאַרנדרן זיך אויפן היינט, ווערט ברענערס רעאַליזם דערהויבן צו דער רעליגיעזער מדרגה פון קדושה.

ווי מיר זעען פון דעם בריוו פון דעם צוואַנציק־יעריקן, איז ברענער פון זיין יוגנט אָן רעליגיעז געווען אין אָט דעם זין. און ווייל ער האָט ניט, אין זיך און אין דעם אָרום, געפונען גענוג פון אָט דער רעאַליסטישער רעליגיעזיטעט — דערפון זיינע מוראַדיקע ספקות, וואָס האָבן אים געפּייניקט און צעריסן. און ערשט אין ארץ־ישראל האָט ער דערזען און דערקענט די פאַרווירקלעכער פון זיין רעליגיעזיטעט — די חלוצים, וועלכע ציען אַריין די יידישע צוקונפט אין זייערע מעשים פון היינט, מאַכנדיק אַ גאַנצקייט פון די אַלע סתירות, וואָס צעשטויסן דעם יידן. ער האָט זיי דערקענט, און זיי האָבן אים דערקענט: אין זייערע אויגן איז ער געווען אַן „איסי", וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט צו זיי פון פאַרצייטיקן מדבר. דעם ערשטן וואָס ער האָט דערזען איז אריה לפידות, דעם באַשיידענעם העלד־ניט־העלד פון „מכאן ומכאן", דעם תלמיד חכם, וואָס איז צו 50 יאָר געוואָרן אַ חלוץ — אַ האַלבע קאָפּיע פון אהרן דוד גאָרדאָן — אַ האַלבע, ווייל ער נעמט ביי אים אָוועק די פּען און מאַכט אים פאַר אויס שרייפטשטעלער. אפשר האָט ברענער געווירקט צו דעם אַרויסרוף פון חלוץ, ווייל ער האָט פאַרמאָגט מער רעליגיעזן ברען אויף אָנצוצינדן. קעגן גאָרדאָנס בלייכער נאַטור־גאָט־פילאָזאָפיע האָט ער אָוועקגעשטעלט דעם קאָנקרעטן יידישן מענטשן, וואָס איז מקיים גאָט, דווקא מיט זיין ניין־זאָגן, מיט זיינע ראַנגלענישן און ספקות. מיט זיינע אַטאַקעס אויף דעם דעמאַלטיקן אוממשותדיקן אָפיציעלן ציוניזם, האָט ער אויפגעוועקט דעם חלוצישן ציוניזם, וואָס אין אונדזער צייט גיט ער ממשות צום פּאָליטישן, מלוכהשן ציוניזם. — און וואָס אויסגעפורעמטער דער חלוץ איז געוואָרן פאַר זיינע אויגן, אַלץ פאַרענדיקטער, פאַרגאַנצטער איז געוואָרן ברענערס אייגענע שרייפטשטעלרישע געשטאַלט — ביז ער האָט זיך פאַרגעשטאַלטיקט אין יחזקאל חפץ, דער שרייפטשטעלער־העלד פון „שכול וכשלון". און ווען ברענער האָט אין אָט

דעם חפץ־געשטאַלט זיך באַווייזן אין „גדוד העבודה״ האָט פון אים שוין ניט געשלאָגן די וועלט־פֿרעמדקייט פון אַ נזיר, נאָר די ליכטיקייט פון אַ צדיק, וואָס האָט זיך געראַנגלט און גובר געווען.

ברענער האָט זיך דערגרייכט. ער האָט דערגרייכט, וואָס ער האָט זיך געוואונטשן אין זיין יוגנט — מתקן צו זיין דאָס לעבן. און דאָ איז די ספקא מיבעיא צווישן ברענערן און פרצן, וואָס ביידע זיינען זיי אַרויס פון איין אויסגאַנגס־פונקט: עס זאָל קיין מחיצה ניט זיין צווישן ליטעראַטור און לעבן. פרץ דער שריפטשטעלער דורך און דורך, האָט זיך באַרואיקט אויפן וואָרט דעם אויסלייזער. ברענער האָט זיך באַרואיקן ניט געקאָנט ביז זיין וואָרט איז ניט געוואָרן די אויסלייזנדיקע טאַט, וואָס גיט תיקון. הלוואי לעבן זיי ביידע היינט, ווען אונדזער ליטעראַטור דאַרף אָפּענטפערן דעם אַרויסרוף פון דער מוראדיקער צייט, און וויפיל זי שטרענגט זיך ניט אָן, שלאָגט עס אַלץ אָפּ פון איר מיט ליטעראַטורעריי, וואָרט־שפּילעריי און קאָקעטעריי.

ספּעציעל ברענער, וואָס ער האָט פאַראויסגעזען, זעט זיך דאָך איצט בולט אַרויס: ארץ־ישראל און גלות זיינען איינס. ערגעץ־וואו אין חלל פון דער וועלט באַהעפטן זיי זיך אין אַ יידישן סינטעז, אַ געוועלב, וואָס האַלט זיך צוזאַמען דורך זיינע סתירות. דאָס איז שמעון ראַווידאָוויטשעס שטעלונג. — און נאָך אַן אילוסטראַציע, וואָס באַרעכטיקט ברענערן: דאָס ביכל „דער חיוב פון אבילות״, וואָס איז פאַריאָרן אַרויס אין לאָנדאָן און האָט פאַרדינט אַ גרעסערע פאַרשפרייטונג דאָ. דער מחבר יעקב שמואל טויבש, וועלכער זיצט אין לאָנדאָן, וואו ברענער האָט דורכגעמאַכט זיין שאַרפסטן קריזיס, און איז אַ פּליט פון לעמבערג, וואו ברענער האָט פאַרטראַכט זיין „מכאן ומכאן״, איז אַ מין פאַרבינדונגס־גליד צווישן ברענערן און פרצן. זיין פאָטער ר׳ לייבל טויבש האָט זיך באַטייליקט אין דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. זיין עלטערער ברודער ד״ר דוד טויבש האָט קאָרעספּאָנדירט מיט פרצן. די משפחה האָט איר צדיק געהאַט אין נתן בירנבוימען. דער גרונט־געדאַנק פון דעם חיבור איז, אַז ווען דאָס גאַנץ יידיש פאָלק וואָלט זיך אָנגעזעצט אין טרויער, ניט ווי איצט אָפּצוקומען מיט אַ תענית אַ יאָר — נאָר אַ גאַנץ יאָר טרויער, אָן שום קלער, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען, ניט אָנפרעגנדיק ביי די פּאַרטייען, וואָס זוכן אין אַלץ צוקונפט־תכלית — וואָלט דער ענטפער וואָס צו טאָן פון זיך אַליין זיך געגעבן. די יידישע גאונות וואָלט דעם ענטפער געגעבן. און באַרופנ־דיק זיך אויף זיין פאָטערס חיבור „די תלמודישע עלעמענטן אין יידישן שפּריכוואָרט״ — און מיט אַ סך ראיות פון אַלטע ספרים באַווייזט ער, אַז

די יידישע רעליגיעזע מאָראַל מאַכט עס פאַר אַ געבאָט — ניט נאָכצופרעגן זיך ביי דער צוקונפט. נאָר טאָן זאָל מען די גרעסטע מצוות פון היינט. אַזוי פלעגן האַנדלען די יידישע צדיקים. און ווען מען זאָל גוט זיך צוקוקן, די גאָר שטאַרק פרומע באַגייען זיך ביי אונדז אָן צוקונפט־פּראָגראַמען. און יעקב שמואל טויבש רעדט אַרויס בפירוש ברענערס ווערטער: — צוקונפט איז פאַבלענדעניש, היינט איז רעאַלע ממשות.

יעקב שמואל טויבש איז ניט קיין זעלבסטשטענדיקער דענקער. ניט קיין מחדש. ניי איז זיין אונטערשטרייכן די „צוקונפטלאָזיקייט" פון דער יידישער רעליגיעזער מאָראַל. דורך אים רעדט דער היינט צייטיק געוואָ־רענער יידישער וועלט־געפיל. עס קומט אויס, ווי ברענער וואָלט זיך צוגע־קוקט צו אונדזער קאַטאַסטראָפאַלן היינט. ער איז געווען העלזעעריש, פאַר־אויסזעעריש און פּאַראויסלויפעריש. דאָס איז דער שטריך פון געניאַליטעט אין אים. כ'לעבן, ס'וואָלט כדאי געווען, אַז עמעצער זאָל זיך אָנשטרענגען אַרויסגעבן אַ צווייטן ברענער־בוך, וואָס זאָל געבן אי די ווערק פון זיין אָנ־הויב — „מעמק עכור". „בחורף", „מסביב לנקודה", מיט זיין שלוס־ווערק „שכול וכשלון", מיט אַ צוגאָב פון זיינע גרעסערע קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן מענדעלע, בערדיטשעווסקי און ביאַליק — כדי דער יידישער לייענער זאָל זען פאַר זיך דעם גאַנצן וועג, וואָס ברענער איז דורכגעגאַנגען.

„יידישער קעמפער", 1945.

לעאָן קאָברין

לעאָן קאָברין — פופציק יאָר שאַפן

דער פיאָנער

לעאָן קאָברין צו זיינע 70 יאָר האָט זיך אַרויסגענומען פון דעם שומיקן קאָך פון דער היינטיקער איסט־סיידישקייט, האָט אָפּגעוואַשן פון זיך די וואונדן, מיט וועלכע די שווערע ראַנגלעניש פון אַ האַלבן יאָר־הונדערט האָבן באַפלעקט זיין לייב און לעבן, און אַן אויסגעליטערטן זעט ער זיך, און מיר זעען אים אין דער געשטאַלט פון זיינע פיאָנערן־יאָרן, ווען ער איז געווען איינער פון „יענע בעלי־חלומות, דאָס קליין הייפל רו־סיש־יידישע יונגעלייט, רעוואָלוציאָנערן און „עם־עולמניקעס", וואָס מיט זייערע חלומות וועגן וועלט־דערלייזונג און וועגן אַ קאָמוניסטישן לעבן אין אַמעריקע האָבן זיי באַזעלט מיט אידעאַלן די דעמאָלטיקע יידישע גאַס — די דעמאָלטיקע הפקרותדיקע און תוהו־ובוהודיקע יידישע גאַס, וואָס זיי האָבן דערמיט זי ממש אַרויסגעראַטעוועט פון צו ווערן פאַרזונקען אין דעם טיפסטן גייסטיקן זומפּ".

אַזוי שרייבט ל. קאָברין אין זיין מעמואַר־אַרטיקל „אידעאַליזם אויף דער אַמאָליקער יידישער גאַס אין אַמעריקע" אין דעצעמבער־נומער „איי־ניקייט". ער איז געקומען מיט צען יאָר שפּעטער פון זיי, און ער האָט זיי געטראָפן שוין האַלב־אויסגעניכטערטע פון זייערע חלומות צו פלאַנצן סאָ־ציאַליזם אין אַמעריקע דורך פּראָבעס אויף קאָמוניסטישן צוזאַמענלעבן אין קאָמונע־קאָלאָניעס. זיי האָבן זיך שוין געהאַט אַריינגעוואָרפן אין דער פּראַקטישער אַרבעט פון אָרגאַניזירן די נאָרוואָס געוואָרענע פּראָלעטאַרי־שע יידישע אַרבעטער־מאַסע, וואָס פון אָט דער אַרבעט זייערער שטאַמט די היינטיקע קולטורעלע און אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע.

אַ פאַרשפּעטיקטער אויף צען יאָר, איז קאָברין אָבער געווען איינער פון זיי — אַ רוסיש־יידישער אינטעליגענט, אַ ראַדיקאַל, אַ סאָציאַליסט, וואָס דער סאָציאַליזם זיינער איז אויף אַן אומבאַשטימטן אופן געווען געמישט מיט אַנאַרכיזם, ווי דער גאַנצער רוסישער פאָלקישער סאָציאַליזם פון

יענער צייט. אָבער מיט צען יאָר לענגער אין רוסלאַנד, האָט ער באַוויזן זיך מער איינצולעבן מיט דער דעמאָלטיקער רוסישער ליטעראַטור פון טאָלסטאָי, טורגעניעוו, קאָראָלענקאָ און טשעכאָוו. אין זיין פאָטערס געוועלב אין וויטעבסק האָט ער געהאַט גענוג צייט צו שלינגען רוסישע ביכער. ער האָט אַפילו אַליין זיך שוין פּרובירט מיט דער פעדער. זיין פען, ביז די סאָציאַליסטישע בראָשור, האָט געזאָלט ווערן זיין הויפּט־וואָפן. האָט ער פון רוסלאַנד אַ חוץ דעם חלום וועגן סאָציאַליזם מיטגעבראַכט נאָך אַ שטאַרקערן חלום וועגן ליטעראַטור לויטן רוסישן מוסטער. און די אַרבעט, אין וועלכער ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן, האָט זיך געלייגט ווי אַ פונדאַמענט פון דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. ער איז מער פונדאַמענט־לייגער ווי ווער עס איז.

און דאָס איז דער שליסל צו קאָברינען: אַן אינטעליגענט, אַ רוסיש־יידישער אינטעליגענט, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט אויף דער רוסישער ליטעראַטור. זיין ערשטער אימפּולס איז געווען אָפּצושוימען די אינטע־ליגענטישע בלעזלעך פון אויבערפלאַך פון זיין געמיט. זיין ערשטער פּראָדוקט, אָפּגעדרוקט אין אַפּריל 1894 אין דער „פילאַדעלפיער יידישער שטאַטצייטונג" איז געווען „אַ מערדער אויס ליבע" — ער רייסט אָפּ אַ פעלד־בלימל, און עס פאַרוועלקט אין זיינע הענט. דאָס איז מסתמא גע־ווען דער פּריסטער איינדרוק, וואָס האָט זיך ביי אים אָפּגעשטעלט פון דער רוסישער ליטעראַטור, פון טורגעניעווס, קאָראָלענקאָס לידער אין פּראָזע. אָפּגעפּטרט דעם ערשטן צינז, הויבט ער אָן זיין אמתע אַרבעט מיט רעאַליסטישער מיליע־שילדערונג. ער שרייבט דערציילונגען פון דער איסט־סייד, וואָס זענען־אויס ווי קאָרעספּאָנדענצן פון אַמעריקע קיין רוסלאַנד, מיט אַלע פּישטשעווקעס וואָס זיין אויג כאַפּט, אַפילו מיט פּאַסיקע דערקלערונגען, וואָס זאָלן זיי מאַכן פאַרשטענדלעך פאַר די לייענער אין רוסלאַנד.

אַ מאַסע דרויסנדיקע דעטאַלן. ווי אַלע יידישע אינטעליגענטן פון יענער צייט, איז קאָברין געווען אַן „עקסטראַוועדט", — זיין אויפמערק־זאַמקייט איז אין גאַנצן געווענדט צום דרויסן. אוודאי האָט יעדער איינער פון זיי געהאַט פּערזענלעכע איבערלעבונגען. אָבער דאָס איז געווען פאַר־באַהאַלטן. קיין צייט ניט געווען אָפּצוגעבן זיך דערמיט. דער אַרבעטער, דער נאַר־וואָס פּראָלעטאַריזירטער היימישער באַלמעלאַכע אָדער קרעמערל, און אַמאָל אויך דער תורה־ייד, איז געווען דער דרויסנדיקער אָביעקט, איבער וועלכן זיי האָבן אָפּעררירט, צו מאַכן אים פאַר אַ סאָציאַליסט. אַזוי האָט זיך אויך באַנומען קאָברין צו זיינע העלדן; ער באַהאַנדלט זיי ווי

אביעקטן, אַן עפּעס צוצוטאָן צו זיי פון זיך. „אויפן דאַך״ — אַ הייסע זומער־נאַכט אויפן דאַך פון אַ טענעמענט־הויז, וואו אַלע שכנים ליגן צונויפגעפּרעסט, מיט זייער נאַקעטקייט אָפּגעדעקט, אָנגעפּראַפּט מיט אויסערלעכע סימנים, מיט פּנימער, נעזער און קעפּ, מיט זשעסטן, מיט כאַראַקטער־שטריכעלעך, וואָס שפּאַרן זיך אַרויס אין באַוועגונג. אַ קאָפּ־מענטש, ווי אַלע אינטעליגענטן, אָבער מיט אויגן אין קאָפּ, וואָס האָבן אַ שאַרפע ראיה פאַר באַוועגונג, וואָס דאָס אונטערשיידט אים פון זיי און ראַטעוועט אים און מאַכט אים פאַר אַ דערציילער.

און נאָך אונטערשיידט אים פון זיי — זיין טעמפּעראַמענט. זיינע אינטימע פּערזענלעכע סעקרעטן גיט ער אויך ניט אַרויס, אָבער זיין טעמ־פּעראַמענט — דאָס איז עס וואָס ער גיט־צו פון זיך זיינע „אָביעקטן״. דער טעמפּעראַמענט, וואָס ער טוט אַריין אין זיי, צוקוקנדיק זיך צו זיי ווי אַ צושויער — דאָס איז עס, וואָס טרייבט אונטער די באַוועגונג, וואָס זיין אויג כאַפּט. ער פּאַקט זיי ביי די מאָמענטן, ווען טעמפּעראַמענט ברעכט זיך דורך ביי זיי — אין מאָמענטן פון ליידנשאַפטן, פון ליבע און אייפער־זוכט; גריבלט ער זיך ניט אין זייער פּסיכאָלאָגיע; נאָר היט אָפּ, ווען די ליידנשאַפט וועט אויסלויפן אין באַוועגונג. ליידנשאַפט שילדערט ער אויף וויפיל זי רעגט זיך מיט באַוועגונג.

אין דער דערמאָנטער דערציילונג „אויפן דאַך״ שלאָפט אַ יונג פּאָר־פּאָלק, און דער מאַן, מאַקס דער קעפּמייקער, קאָן ניט איינשלאָפן, ווייל ער ווייס, אַז דער יונגערמאַן, דער שכן, מאַכט זיך נאָר שלאָפנדיק און לויערט ביז דאָס ווייבל וועט זיך אָפּדעקן, דעמאָלט וועט ער איר נאַקעטקייט איינשלינגען. פּאַרטאָג כאַפּט מאַקס אים ביי דעם פאַרברעך, און עס ברעכט אויס אַ סקאַנדאַל. אויף דעם מאָמענט האָט קאָברין גע־לויערט — זיין אויג שלינגט זיי איין, אַלע דריי מיטן גאַנצן דאַך שכנים. די גאַנצע דערציילונג, מיט איר מאָסע דעטאַלן, האָט ער געפירט צוליב אָט דעם צוועק.

אפשר האָט מען עס שוין פאַרגעסן, אָבער ווי סאָציאַליזם האָט באַפרייט און ציוויליזירט די מוחות, האָט „ליבע״ — אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט: געשלעכטלעכע ליבע — באַפרייט און „ציוויליזירט״ די הערצער. „פרייע ליבע״ איז דאָ איין צייט געווען אַ קולט. וואָס איז געווען דער שכל דערפון? אמת, די פאַמיליע איז דורך דעם קולט לויזער געוואָרן, אָבער דורך דער „פרייער ליבע״ האָבן די „גרינע״, נאָר־וואָס פון די קליינע שטעטלעך, זיך אויסגעלערנט געניסן פון דער „פרייהייט״, איידער נאָך זיי האָבן זיך אויסגעלערנט שטימען סאָציאַליסטיש, ביז דער גאַנצער נפש

זייערער איז באפרייט געווארן. ערשט נאכדעם זיינען זיי געגאנגען צום שטים־קאסטן. אפילו אזעלכע יידן, וואס אין דער אלטער היים האבן זיי זיך געגראבלט די אויגן מיט די שווארצע פינטעלעך, האט דא זיי פאר־שמעקט דער ריח פון תאווה, און זיי האבן אויסגעטאן די יארמעלקעס און ארבע־כנפות. די אלט־היימישע יידישע ליטעראטור האט פון ליידנ־שאפטלעכער ליבע ניט געוואוסט. ליבע איז געשילדערט געווארן סענטי־מענטאל־צניעותדיק, מיט כשרן בוימל באשפרענקלט, אדער אידעאלי־זירט — פארפיומירט מיט שמעקעדיקע הדס־געווירצן. אבער קאברין האט פון דער רוסישער ליטעראטור געוואוסט, אז אויך גראבע ליבע איז אן ענין, וואס מען מעג זיך צורירן צו דעם. האבן זיינע אויגן זיך געלאזט וואוילגיין מיט דעם אויספלייץ פון „פרייער ליבע" און מיט דעם אויס־ברוך פון פאמיליע־אייפערזוכטן — „אויף מארגן נאך דער חתונה", „דריי חדשים נאך דער חתונה", „א יאר נאך דער חתונה". אבער, דארף מען זאגן, זיין ליידנשאפט פאר ליידנשאפט־און אייפערזוכט־שילדערונגען איז געווען מער פון אלץ זיין איינגעבארענע ליידנשאפט פאר קאנפליקט און צוזאמענשטויס — די הויפט־פרוזשינעס פון זיין דערציילערישן און שפע־טער אויך פון זיין דראמאטורגישן טאלאנט. צוזאמענשטויס צעהיצט און צעפארעט זיין פול־אויגיקע איינבילדונג־קראפט.

אן אינטעליגענט, וואס שרייבט הויפטזעכלעך פאר אינטעליגענטן, וועגן זייער הויפט־אינטערעס, זייער אביעקט, דעם פאלק־מענטש, וואס האלט אין ווערן א סאציאליסט — ערב ער ווערט עס און נאכדעם ווי ער איז שוין געווארן — האט ער אודאי זיך אויך פארנומען מיט זיינע הויפט־פאראינטערעסירטע לייענער, די אינטעליגענטן גופא. זיי זיינען די העלדן פון, צום ביישפיל, „וויערא" — די נייע פרוי. אזוי ווי די דעמאלסטיקע אינטעליגענץ האט געשטיקט אין זיך זייער פערזענלעכע פסיכאלאגיע, וואלט דער מין דערציילונג ארויסגעקומען הוילע קאפ־שטיק, ווען ניט די ליבע־קאנפליקטן און אידייאישע צוזאמענשטויסן, וואס דאס ראטעוועט זיי. דער ערשטער אידייאישער צוזאמענשטויס איז — דער פארראט פון סאציאליסט־קאריעריסט, וואס צוליב רייכן נדן פארראט ער שוין די געליבטע, וואס האט אים אינספירירט. אפילו אין די ריין־פרא־לעטארישע דערציילונגען, מיט דעם „אביעקט" דעם שאפ־ארבעטער ווי א העלד, ווערט גאר אפט די דערציילונג געטראגן פון א ליבע־קאנפליקט. און „ער, מאקס און די שיינע העלענע" ווערט דער שרייבער, וואס ארבעט ביי העמדלעך, אויסקאנקורירט אין ליבע פון דעם גרעסערן פארדינער. אין „באקונין" איז אן ארבעטער אומגליקלעך, וואס זיין מיידל באשטייט

אויף חופה וקידושין, בעת ער, נעבעך, מיינט, אַז באַקוניך, וואָס ער האָט זיך וועגן אים דערוואוסט פון אַ שונד־ראָמאַן, האָט עס בפירוש פאַרבאָטן. אין דער גרעסטער נאָוועלע „קאַרל מאַרקס", שוין אַ סאָציאַל־אידייאישע אונטערנעמונג, וואו אַ ברודער, אַ פאַרברענטער סאָציאַליסט, רופט אַרויס אַ סטרייק ביי זיין ברודער דעם פאַבריקאַנט, איז דער סאָציאַלער קאָנ־פליקט אונטערשטיצט מיט אַ פאַמיליע־קריגעריי. אין דער גרויסאַרטיקער דראַמע „שונאים", אַן איבעראַרבעטונג פון דער נאָוועלע, פּראַכטפול, נבי־איש־דעקאָראַטיוו געשפּילט פון יעקב אַדלער אין דער ראָלע פון „קאַרל מאַרקס", וועגט דער סאָציאַלער קאָנפליקט שוין אין גאַנצן אַריבער די אונטערשטיצונג, די פאַמיליען־דראַמע. אָט צו וואָס עס האָבן קאַברינען געדינט דער קאָך און רעש פון געשלעכט־לעבן, די אויפריכטיקע פאַמי־ליען־סצענעס — זיי האָבן באַפרייט דעם דראַמאַטורג. די „פרייע ליבע" האָט זיך אויסגעלעבט, אַלס מאָטיוו, אָפּגעשטעלט האָט זיך דער סאָציאַל־אידייאישער דראַמאַטורג.

און עס האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אים אויף תמיד — אַ ירושה פון זיין פּיאָנעריש־אינטעליגענטישן פּעריאָד — דער טאַלאַנט אויפצונעמען אַ סאָציאַלע אידייע און צו מאַכן זי זיך באַוועגן, זי צו שילדערן און דראַ־מאַטיזירן, וואָס דאָס איז גאָר אַ זעלטענע קאָמבינאַציע. פּונקט ווי ביי יענע רוסיש־יידישע אינטעליגענטן, די „עם־עולמניקעס", גייט די אידייע ביי אים פאָראויס אין די מערסטע בעלעטריסטישע אונטערנעמונגען זיינע און אין אַלע זיינע דראַמען. און זיין גרויסע מעלה איז, וואָס די אידייאישע פּראָבלעם בלייבט ניט ביי אים הענגען ווי אַ ליידיקע אַבסטראַקציע אין דער לופטן, ווי אַן אַרויסשטראַטשנדיקע טענדענץ, נאָר זי ווערט אָנגע־שפּייזט ביי אים מיט שאַרף־געזעענעם רעאַליסטישן שטאָף, מיט בולטן כאַראַקטער, מיט געטרייען לעבנס־בילד, וואָס אַ גוטן ביישפּיל דערויף האָבן מיר אין דער דראַמע „ריווערסייד־דרייוו", געדרוקט אין „צוקונפט" אין 1928, אויפגעפירט פון מאָריס שוואַרצן אין 1931 און אַרויסגעגעבן פון איקוף אין 1942. אַ ריין־אידייאישע פּראָבלעם — די פּראָבלעם פון יידיש אין אַמעריקע — אין לעבנס־בילדער און כאַראַקטער־פּאָרטרעטן. לכתחילה זיינען מיר גאָר ניט חושד, אַז דאָ ווערט צוגעגרייט פאַר אונדז אַ סצענישע לייזונג פון דעם יידיש־פּראָבלעם. מיר מיינען, אַז מיר וועלן דאָ טראַקטירט ווערן מיט אַ פאַמיליען־דראַמע. אויך די אַלע פאַרשוינען, וואָס טרעטן אויף — די גרויסע און די קליינע, די היימישע און היגע — זיינען כאַראַקטעריזירט אין פלייש און בלוט. אָבער צו „ריווערסייד־דרייוו" וועל איך זיך נאָך אומקערן.

אַדאַנק זיין בעלעטריסטיש־דראַמאַטורגישן טאַלאַנט, אַדאַנק זיין באַ־שאַנקען זיין מיט אויגן, וואָס דרינגען אַריין אונטער דער הויט, כדי אַרויס־צוקריגן פון דאָרט באַוועגונג־ענערגיע, האָט ער גאָר גיך זיך אויפגע־הויבן מיט אַ קאָפּ און האַרץ העכער פון אַלע זיינע חברים־אינטעליגענטן. פריער פון זיי אַלעמען האָט ער זיך גענומען יידישן. קאָסמאָפּאָליטן־סאָציאַ־ליסטן, האָבן זיי ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסן וועגן אַ יידיש פאָלק. באַלד וועט קומען די סאָציאַלע רעוואָלוציע און אַלע פעלקער אויסמישן. באַלד וועט קומען אַמעריקע און אַרויסרייסן ביי די גרינע דאָס יידיש לשון פון זייערע מיילער. און די גרינע אַליין, דער צוזאַמענגעלאָף פון יידן פון אַלע מקומות, פאַנאַנדערגעריסענע יידן־יחידים, האָבן ניט מיטגענומען פון דער אַלטער היים דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן פּרוכת, וואָס האָט צוגע־דעקט דעם יידישן כּלל — דאָס באַוואוסטזיין פון צוזאַמענגעהערן צו איין יידישער עדה, צו אַ כנסת ישראל. אָבער אַזוי גיך ווי דער צוזאַ־מענגעלאָף האָט זיך גענומען איינשטעלן און עס האָט זיך גענומען פורע־מען עפּעס אַ נייע יידישע גאַנצקייט, האָבן פון דערווירקלעכקייט גופא גענומען אַרויסשפּראָצן יידישע סימנים. און קאָברינס זעעוודיקע אויגן לאָזן זיך ניט נאַרן און לאָזן זיך ניט פאַרבלענדן און לאָזן זיך ניט בלינד מאַכן.

דער ווירקלעכקייט־געוויסן, מיט וועלכן ער האָט זיך אָנגעשטעקט פון דער רוסישער ליטעראַטור, האָט אים באַפוילן: קוק און מערק! און איידער נאָך דער קעשענעווער פּאָגראָם האָט גענומען אַ ביסל יידישן די היגע ראַדיקאַלן, געבבנדיק זיי צו פילן, אַז יידיש בלוט איז ניט קיין וואַסער, האָט קאָברין אויפגעכאַפּט יידישע סימנים אַפילו אין די שעפּער, וואָס האָבן געזאָלט זיין די נעסטן וואו עס וועט זיך אויסבריען קאָסמאָפּאָליטישער סאָציאַליזם. „קליינינקע נשמהלעך" דערציילן וועגן די אָפּקומענישן פון פיר יידן־פּראָלעטאַריער אין אַ יאַהודימשער סיגאַר־פאַבריק, וואו זיי דאַרפן זיך אויסבאַהאַלטן ווי מאַראַנען. זייערע ליידן זיינען שוין נישט קיין פּראָ־לעטאַרישע, נאָר יידישע. און נאָך אין 1897 האָט ער אין זיין דער־ציילונג „וואָס איז ער?" נישט מורא געהאַט צו שטעלן די פראַגע וועגן נאַציאָנאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם און וועגן דעם מעגלעכן ווערט פון יידישע יום־טובים פאַר דער דערציאונג פון יידישן קינד.

ניט אַזוי אונטער דער השפּעה פון דער אַלט־היימישער יידישער ליטעראַטור, ווי דורך דער ווירקלעכקייט, וואָס ער האָט איבערגע־נומען פון דער רוסישער ליטעראַטור, האָט קאָברין זיך גענומען אָננעמען מיט יידיש־פאָלקישן באַוואוסטזיין. אַז די יידישע ווירקלעכקייט מאָנגלט און

יידישקייט האָט זיך אים דערלאַנגט נעגאַטיוו, דורך דעם מאַנגל פון יידישער פרייד. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן גענומען מאַנען די ווידעראויפשטעלונג פון די אַנגעוואָרענע יידישע יום־טובים. „אַנאַס מה נשתנה״ — אַן אינטעליגענטע אַרבעטער־מיידל רעדט פון איר האַרצן אַרויס איר בענקשאַפט נאָכן היימישן סדר: „דזשעניס כל נדרי״ — אַ הענדלערקע מיט זיך צו פאַרשיכורן זיך אום צו פאַרלעשן אין איר זכרון איר מאַמעס ערב־יום־כיפור.

און ל. קאָברין מאַכט אַ שריט ווייטער — פון נעגאַטיווער צו פּאָזי־טיווער יידישקייט, פון הונגער נאָך יידישקייט צו דער זאַטער יידישקייט. דאָ האָט ער פּאָזיטיווע יידישקייט נאָך ניט געהאַט — מעגלעך צוליב די מלחמות פון די ראַדיקאַלן מיטן פרומען לאַגער. אָדער צוליב דעם אומגעלומפּערטן אויסזען פון דער דאַמאָלסטיקער היגער פרומקייט. טראָגט ער זיך אַריבער איבערן אָקעאַן צו דער אַלטער היים, וואָס דאָס איז אים געווען לייכט. דער רוסיש־יידישער אינטעליגענט האָט פון רוס־לאַנד קיינמאָל זיך ניט געהאַט געשיידט. — „די דערציילונגען פון היי־מישן לעבן האָבן מיר זיך געגעבן לייכטער״, שרייבט ער, קיין מיטמאַכער פון דער פרומער יידישקייט איז ער קיינמאָל ניט געווען — שרייבט ער פון זכרון אַרויס דאָס וואָס זיין אויג האָט איינגעהיט, ווי אַ באַאָבאַכטער פון אַ זייט. „דער פאַרשטערטער שבת״ — אַן אַלט פּאָר־פאָלק זיצט פריי־טיק צו נאַכט ביים טיש, און דער אַלטער, אַ ייד אַ למדן, זוכט צו פאַר־טויבן מיט גמרא־ווערטלעך און גמרא־ניגון די געשרייען פון זייער בת־יחידה, די משומדתטע, וואָס גייט שווער צו קינד אין שכנישן הויז פון איר שווער דעם אַקציזניק. קיין גמרא האָט קאָברין קיינמאָל ניט געלערנט, צו פאַרטאָן געווען אין די רוסישע ביכלעך — באַהעלפט ער זיך מיט טעאַטער־עפעקטן.

אַ סך גרינגער גיט זיך אים די פּסולע יידישקייט. „דער מילכיקער בית־מדרש״ — אַ שול, וואו גנבים פירן באַלעבאַטישן שטאַט און מען פאָרט צו גאָט אויף געגנבעטע פערד. און ווער ניט קיין גנב, איז אַ יאָלד. — אַ גאַנצע נעסט פון פראָסט־פאָלקסטום איז דאָ אויפגעגראָבן.

צום געלונגענסטן איז די נאָוועלע „יאַנקל בוילע״ — אַ פישער־דאָרף מיט פישער־יידן, וואָס דער יידישער גלויבן האָט זיי אויסגעאַרבעט, פון ערנסטע טביהס ביז מאָטקע חבדס, מיט יאַנקל בוילע דער פישער־יונג בראש — אַ פּראָדוקט ניט פון יידישן גלויבן, נאָר פון אַבערגלויבן. מיט דער רוסישער ליטעראַטור פאַר אַ וועגווייזערין, האָט קאָברין זיך דאָ דער־גראָבן צום פּראָסטעסטן, פּרימיטיווסטן פאָלקס־טיפּ, אידער נאָך די יידישע

ליטעראַטור אין אַלטן רוסלאַנד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום דעק פון פּראָסט־פאָלקישקייט. דאָ דאַרף קאָברין זיך ניט באַהעלפן מיט מעלאָדראַמע. ער האָט גענוג דראַמע. ער באַנוצט זיך מיט זיין אַלטן שטאַרקן מיטל, דעם געראַנגל אין בלוט, דער געשלעכט־ליבע. פּאַסירונג לויפט פּאַראַלעל דער בלוט־באַוועגונג. דער פּישער־יונג פאַרליבט זיך אין אַ שיקסע, וואָס רעדט אים צו צו שמד. רעדן אים די פישער איין, אַז זיין מאַמע וועט אים קומען וואַרגן פון קבר. דער פאָלקס־גיבור, געפּייניקט פון שרעק, ווערט צעריסן ביז משוגעת. ער פאַרענדיקט זיך מיט מאָרד. דראַמאַטי־זירט, איז „יאַנקל בוילע" געוועזן דוד קעסלערס קרוין־ראָלע.

איינגעאיבט זיין אויג אויף דער אַלט־היימישער פּרומקייט, אַלס צו־קוקער מן הצד, האָט קאָברין שוין געקאָנט אַן פּאַראורטייל אויפדעקן די פלאָסטן פון יידישער פרומקייט, וואָס האָבן זיך אָפּגעלייגט דאָ. דער רע־זולטאַט איז געווען „ערע די באָרד". אָבער צוערשט מוז איך דערמאָנען נאָך קאָברינס אַן אַרבונג פון דער רוסישער ליטעראַטור — די גרויסע ליטעראַטור־אַמביציע, דער חשק צום בריטן לייוונט. — ברייטער לייוונט איז „טיר נומער 3" — אַ סעריע דערציילונגען, וואָס קייטלען זיך אייגע אין דער אַנדערער, פון דעם הייזל־דיסטריקט, דעם מיאוסן פלעק אויף דער אַמאָליקער איסט־סייד. כיטרע מאַדאַמען, געפאַלענע טעכטער און גענגסטערס — אָט די פּערסאָנאַזשן, וואָס דער שונד־ראָמאַן און די שונד־דראַמע האָבן זיך ספּעציאַליזירט אויף זיי, האָבן קיינמאָל אַזאַ זכיה ניט געהאַט כאַראַקטעריזירט צו ווערן ביזן ביין און ביז צו זייערע נערוון־קנייטשן. קאָברינס געווינס — איבונג אויף גראָבער תאווה, וואָס פּאָרט זיך מיט דער אימפּעטיקסטער באַוועגונג. — און פון דער אַנדערער זייט, „אַ ליטוויש שטעטל" — וואו אַלץ, וואָס האָט געקאָנט דערמאָנט ווערן צום גוטן פון אַמאָליקן פרומען לעבנס־שטייגער — מנהגים, טרויער־טעג און יום־טובים — זיינען דאָ צונויפגעזאַמלט.

קאָברין איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר זיין ברייטסטן לייוונט — „ערע די באָרד", דער ערשטער יידישער ראָמאַן אין אַמעריקע פון גרויסן שניט. אַ יידישער עפּאָס. דער בראָנזווילער בום, וואָס האָט אויפגעבויט די גרויסע יידישע שטעט. די גאַנצע דערפאַרונג, וואָס קאָברין האָט צונויפגעזאַמלט פון זיינע פּיאָנערן־טעג אָן, ביז צו זיינע איבונגען אויף פרומקייט און תאווה, איז דאָ פאַראַן. אַ פרומער ייד, מיט הייסן בלוט און אַ שטאַרקן האַרץ, אַן אָפּגעטונקטער אין מצוות און מעשים־טובים, ווערט אומגעריכט פאַר זיך אַליין בתעשר פון הייזער־קויף און פאַרקויף, און צוזאַמען מיט זיין עשירות שטייגט זיין יצר־הרע. אַ ברענענדיקע מויד פאַרפלעכט זיין

ברייטע באָרד אין אירע שוואַרצע צעפּ. ווייס ער ניט אויף וואָס אַ ברכה צו מאַכן — איז עס גאָטס אָדער דעם טייוולס מתנה? און פּלוצלונג דער קראַך. די טרייפענע יונגע מויד גליטשט זיך אַרויס פון זיינע אָרעמס. ער איז אָפּגענאַרט און אויסגעלאַכט. גאָט שטראָפט אים דורך אים אַליין. צו אָרעמע בינדן זיך אַ 50 נפשות. די אידייע פון ראָמאַן איז צו ווייזן אַ יידישע עדה אין פּראָצעס פון איר אויספורעמען זיך און פאַרגאַנצט ווערן, אין שטייגן און פאַלן, אין צוזאַמענשטויס פון אינטערעסן, ליידנשאַפטן, געלוסטן. „אָרע די באָרד" האָט פאַרדינט, שילדקרויט זאָל אים שפּילן.

דער פּיאָנער, דער ייִנגערער חבר פון די „עם־עולמניקעס", האָט זיין פליכט געטאָן. ער האָט איינגעשפּאַנט דעם געשפּאַן, אויסגעלייגט דעם וועג, און די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, מיט אַ פול־־אַנט־וויקלטן יידישן זעלבסטבאַוואוסטזיין, האָט געקאָנט שוין ווייטער זיך באַוועגן, אָן קאָברינס הילף. אָבער קאָברין לייגט ניט אַוועק די פען. נאָך „אָרע די באָרד" שרייבן זיך אים ראָמאַנען, מיט ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט צו דער מאָדערנער יידישער פרוי. די בעסטע שטעלן זיינען, וואו הארבע אידייאישע פּראָבלעמען לייזן זיך ביי אים דורך דראַמאַטיזירונג. און ער האָט דערגרייכט, אַז אפילו אַן עסיי, ווי דער עסיי „צוויי בערג" (קעסלער און שילדקרויט), געדרוקט אין אויגוסט־סעפּטעמבער נומער „יידישע קולטור" פאַר 1944, ווערט ביי אים אַן אינסצענירונג, וואָס לאָזט זיך שפּילן — קעסלערס וויינען ביי שילדקרויטס שפּילן הייערמאַנס „קייטן־גלידער", שילדקרויטס התפעלות ביי קעסלערס שפּילן יאַנקל שאַפּשאָוויטש און זייערביידנס באַגעגעניש הינטער די קוליסן. קאָברינס פען שרייבט צום נאַטירלעכסטן דראַמע.

און פאַר אַן אילוסטראַציע אויף זיין מייסטערשאַפט אין דראַמאַטיזירן אידייאישע פּראָבלעמען, קער איך זיך אום צו „ריווערסייד דרייוו". ניט נאָר זיינען מיר ניט חושד דורך די ערשטע צוויי אַקטן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט דער יידישער שפּראַך־פּראָבלעם אין אַמעריקע, נאָר זי בלייבט טאַקע אַ פאַמיליען־דראַמע ביזן סוף, אויפגעבויט אין סצענעס און כאַראַקטערן — אַ דראַמע וועגן דער שפּאַלטונג פון איין פאַמיליע אויף צוויי פעלקער — יידישן פאָלקסטום און יאַהודימטום. יידיש איז אַן עלעמענט אין דער שפּאַלטונג. אין דריטן אַקט, ווען עס קומט שוין צו אַן אָפענער דיסקוסיע וועגן יידיש, איז דער דיסקוסאַנט — דער יאַהודימשער זון, דער פּאָעט דייוו. ער גיט אָפּ אַ דערקלערונג, אַז ערשט דורך דער יידישער ליטעראַטור באַקומט דאָס יידישע פאָלק זיין אייגן פּנים און אייגן וועזן — בלייבט אָבער אויך אין זיין כאַראַקטער, אין זיין ראָלע, אַלס ליבע־קאָנקו־

לעאָן קאָברין

רענט פאַר דער האַנט פון דער טאַכטער פון הויז. אַ פּראָבלעם־דראַמע, דורכאויס אײנסצענירט און בולטע האַנדלונגען, אין זעלישע קאָנפליקטן און כאַראַקטער־צוזאַמענשטויסן. אַגב, איז דער פּאָעט דיזו אַ פאַראויס־כאַפּונג אויף 20 יאָר פון אַ טיפּ, וואָס צייטיקט זיך ערשט איצט — אַ פאַר־אויסזאָגונג.

און איצט, צו זיינע 70 יאָר, אַן אויסגעלייטערטער פון די ביטערנישן פון 50 יאָר געראַנגל, מיט זיין אַנגעוואַקסענעם טאַלאַנט פאַר די 50 יאָר צו שילדערן, אין אויסערלעכע קאָנפליקטן און צוזאַמענשטויסן, מענטש־כאַראַקטער ביז צום דעק פון זיין נשמה, וואָלט געווען ניט מער ווי רעכט קאָברין זאָל שרייבן אַ דראַמע פון זיינע פּיאָנערן־טעג, מיט זיינע חברים „עם־עולמניקעס", די פונדאַמענט־לייגער פון דער יידישער קולטור אין אַמעריקע, אַלס די הויפּט־העלדן. און זיך אַליין זאָל ער אויך ניט פאַרגעסן צווישן די פּיאָנערן־העלדן. — און אפשר האָט ער שוין אַזאַ דראַמע אָנגע־שריבן?

„יידישע קולטור", 1945.

דוד פינסקי

1

דוד פינסקי — פיאָנער פון פּראָלעטאַרישער דערציילונג

דאָס יאָר 1892 דאַרף פאַרצייכנט ווערן ווי דאָס געבורט־יאָר פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער דערציילונג. גלייכצייטיק איז זי געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע און אין דער אַלטער היים; פּראָלעטאַרישע דער־ציילונג אין דעם זין, וואָס דער העלד אירער איז נישט סתם דער אָרע־מאָן, נישט סתם דער האַרעפּשניק, נאָר בפירוש דער פּראָלעטאַריער; דער אַרבעטער פאַרן בעל־הבית — אין וואַרשטאַט, אין פאַבריק. אין 1892 האָבן זיי זיך ביידע געמעלדעט — די צוויי ערשטע פּראָלעטאַרישע דער־ציילער אונדזערע — ז. ליבין אין ניו־יאָרק און דוד פּינסקי אין וואַרשע.

אין דוד פּינסקיס צוויי בענדער פון דער אויסגאַבע 1910 איז די פריעסטע דערציילונג, דאַטירט 1892 — „דער גרויסער מענטשן־פריינד"; דאַרף עס אָנגענומען ווערן פאַר זיין ערשטלינג.

ז. ליבין האָט אַ חוץ אַ סאָציאַליסטישן רעדאַקטאָר — פיליפּ קראַנצן — וועלכער האָט באַשטעלט ביי אים די פּראָלעטאַרישע דערציילונג, נאָך אויך געהאַט אַ לייענער־באַשטעלער, וועלכער האָט אַרויסגעפאָדערט די פּראָלע־טאַרישע דערציילונג — דעם אַרבעטער פון די גרויסע שניידער־שעפּער, וואו אַ הונדערט און הונדערטער צוזאַמען ביי דער אַרבעט, ביי מאַשינען, זיינען קיין נאָווינע נישט געווען. אַזעלכע אַרבעטס־פּלעצער האָט מען אין וואַרשע געדאַרפט זוכן ווי מיט ליכט און קוקן אויף זיי דורך אַ פאַרגרע־סער־גלאָז. דאָס ליכט אין דאָס פאַרגרעסער־גלאָז אינאיינעם איז געווען די סאָציאַליסטישע אידייע, וואָס האָט געלויכטן פון אומלעגאַלן באַהעל־טעניש. אויסגעזוכט פינף־זעקס משרתים אין אַ קלייט, אַ צענדליק בעלי־מלאכות שניידער, שוסטער, טישלער, בייטל־נייער און וועבער, האָט די סאָציאַליסטישע אידייע געדאַרפט מאַכן פון די משרתים האַנדלס־אַנגע־שטעלטע און פון די בעלי־מלאכות פּראָלעטאַריער; בעת אין ניו־יאָרק האָט מען וועגן דעם זיך נישט געדאַרפט זאָרגן: דער אַרבעטס־פּלאַץ האָט

שוין צוגעשטעלט די פּראָלעטאַריער פּאַרטיקעראַהייט; די אידייע האָט זיי נאָר געדאַרפט באַוואוסטזיניק מאַכן.

האָט די סאָציאַליסטישע אידייע אין וואַרשע, אַ חוץ וואָס זי האָט געטראָגן מיט זיך אַ פּאָליטישע סכנה, אויך עקאָנאָמיש געדאַרפט טאָן אַ סך אָן אַנגעשטרענגטערע אַרבעט, ווי אין ניו־יאָרק; איז זי געווען מוראדיק אָנגעשפּאַנט אין די מוחות פון אירע טרעגער; און די שריפטשטעלער, וואָס זיינען געווען אין אינטימען בונד מיט דער אידייע, האָבן געהאַט אַ ביז גאָר שווערע אויפגאַבע — אַראָפּצולאָזן זיך פון דער אידייע אין דער דערציילונג אַריין.

און דערצו איז דוד פינסקי געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אַן אָנפאַנגער; ער האָט ערשט גענומען די פען אין האַנט. זיין עלטערער ברודער י. ל. פּרץ, וועלכער האָט אַרום יענער צייט אויך איבערגענומען די שליחות פון די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן, איז שוין געווען אַן איינגעשטעלטער שריפטשטעלער; מיט אַ געניטער פען אין עטלעכע דערציילונגס־פאָרמען; האָט ער די געניטקייט פון זיין פען נאָר געדאַרפט אָנווענדן אויף נייעם שטאָף. און צווישן אונדז גערעדט האָט ער נישט פּראָלעטאַריזירט זיין העלד אינגאַנצן — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים האַרעפּאַשניק, וואָס אַט־אַט ווערט ער אַ פּראָלעטאַריער. זיין נענטסטער צוגאַנג צום פּראָלעטאַריער איז דער טרעגער, וועלכער איז אַ גאַנץ אָפּטער העלד אין פּרצעס אָרעמאַנסקע דערציילונגען. אמת, פּרץ איז געגאַנגען אַ סך ווייטער פון שלום עליכמען אין דער ריכטונג פון אָרעמאַן. וועלן די שלום עליכם פּאַטריאָטן ניט פאַראיבל האָבן? — שלום עליכם דערציילט וועגן אָרעמאַן — וועגן די כתרילעוקער, דינסטן־שלח־מנות־טרעגערינס, שוסטער־פּורים־שפּילער — אַזוי אַז מען זאָל די פריילעכע מעשה וועגן אָרעמאַן קאָנען איבערדערציילן ביים שמועס־טיש פון שיינעם בעל־הבית. פּרץ דערציילט וועגן אָרעמאַן נישט פון שיינעם בעל־הבית וועגן, נאָר פון אָרעמאַנס וועגן. ער וואָלט וועלן די גאַנצע וועלט אָוועקשענקען דעם אָרעמאַן — דאָס איז זיין סאָציאַליזם. אָבער וויפל וועלט און סאָציאַליזם קאָן מען דאָס אָנפּאַקן אויף אַ טרעגער? — יאָ, איידער וואָס־ווען, ביז דער טרעגער וועט זיך פּראָלעטאַריזירן, קאָן מען שלאָגן דעם גביר, דעם בעל־הבית — האָט עס פּרץ געטאָן, אין זיין אַזוי גערופענעם ראַדיקאַלן פּעריאָד, מיט התמדה.

דוד פּינסקי האָט נאָך פאַר אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט אויפן טרעגער און אויף די הענדלערקעס, עפּל־ און עופות־פּאַרקויפערינס, די באַגלייטערינס פון טרעגער ביי פּרצן; נאָר דריי־פיר דערציילונגען און עפּיזאָדן אַזעלכע. אָבער באַלד דערויף האָט ער גענומען אויסשיידן דעם פּראָלע־

טאָריער פון אָרעמאַן־האָרעפּאַשניק אַרויס; אין זיינע פּראָלעטאַרישע דער־ציילונגען פירט ער הויפּטזעכלעך דורך אַט דעם אויסשיידונגס־פּראָצעס.

מיט דער נפקא מינה נאָך, וואָס ער האָדוועט דעם שריפטשטעלער אין זיך אויף דער פּראָלעטאַרישער דערציילונג; נישט נאָר די פאָרם האָט ער געדאַרפט אויסאַרבעטן, נאָר אויך זיך, דעם דערציילער; דער דער־ציילער אין אים וואַקסט צוזאַמען מיט זיין פּראָדוקט.

ענלעכעס קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן ז. ליבינען — אַז די פּראָלע־טאַרישע דערציילונג האָט אים אויסגעלערנט די שריפטשטעלער־מלאָכה; אָבער ליבין האָט עס געהאַט לייכטער: וואָס ער זאָל נישט דערציילן וועגן שאַפּ און ווי ער זאָל עס נישט דערציילן, וועט במילא אַרויסקומען פּראָלע־טאַריש. בעת ביי פּינסקין איז יעדע פּראָלעטאַרישע דערציילונג בפועל ממש אַ פּראָלעטאַרישער באַשאַפונגס־אַקט. און אין איינע דריי־פיר יאָר — ביז סוף 1896 — האָט ער פאַרענדיקט דעם האַרבן קורס — ער האָט דער־פירט זיין פּראָלעטאַרישע דערציילונגס־פאָרם ביז הונדערט גראַד פּראָלע־טאַרישקייט און דערציילערישקייט. זיין ענדגילטיקער פּראָלעטאַריער — אין די צוויי דערציילונגען „ערב יום כיפור" און „מען וואַרט", וואָס גיבן פּראָלעטאַרישע מאַסע אין אַקציע — האָט דעם הויפּט־סימן, וואָס אונטער־שיידט אים פון סתם האָרעפּאַשניק — דעם פּראָלעטאַרישן אחדות־געפיל — די סאָלידאַריטעט — וואָס איז אַן אָפּשלאַג פון דעם בשותּפותדיקן אַרבעטס־פּלאַץ. און זיין ענדגילטיקע פּראָלעטאַרישע דערציילונג האָט דעם הויפּט־סימן, וואָס מאַכט שטאַרק דוד פּינסקיס אַ דערציילונג פון אַלע צייטן — די דראַמאַטישקייט. אַזוי אַז דורך דער פּראָלעטאַרישער דערציילונג איז ער אויפגעשטעלט געוואָרן אַלס שריפטשטעלער פאַר אַלע צייטן.

ווי אַזוי איז עס אים געלונגען אין אַזאַ קורצער צייט עס דורכצו־זעצן? די דערציילונגען פון 1892 און 1893 זיינען הכנות. דער יונגער שריפטשטעלער מאַכט פּראָבעס. זיינע וועגווייזער זיינען צוערשט מענדעלע, דערנאָך פּרץ; זיין באַשטעלער איז דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר. מיט זיין ערשטער דערציילונג, „דער גרויסער מענטשן־פריינד", פירט ער דורך אַ סאָציאַליסטישע באַשטעלונג מיט דער הילף פון זיינע צוויי וועגווייזער: ער נעמט מענדעלעס בעל־טובה און צעדריבלט און צעפּעדימט זיינע מעשים טובים ווי פּרץ וואָלט עס געטאָן — אַלעגאָריש און עפּיזאָדנמעסיק. עס הויבט זיך אָן: — „אַז אַלע גבירים וועלן זיך שטעלן צום יום־הדין, וועט גאָט זיי פאַרשטעלן אים, דעם גרויסן גביר, און וועט ביי זיי פרעגן, אויב זיי האָבן זיך אויפגעפירט אַזוי ווי ער, זיין טייערער זון". — דאָס איז אַן אַלעגאָרישע שטיק אַפּיקורסות. וואָרים זיין „טייערער זון" איז אַ גרויסער

מגוול און דורך און דורך היפּאָקריט. מיט גוטע ריידעלעך גנבעט ער און גזלט. טרייבט אָרעמע לייט פון זיין שוועל — פון „טובת הכלל" וועגן: אַ קהלשע קאַסע איז געזינטער פאַר די אָרעמע לייט, נאָך מער פאַר די גבירים — זיי קאָנען אָפּקומען מיט ווייניקער; דער עיקר אָבער פאַר אים אַליין: ער קומט אָפּ מיט איין הונדערטער פאַר אַלע אָרעמע לייט און פאַר אַ גאַנץ יאָר. כלות לייגן ביי אים איין זייער נדן, דערנאָך צווינגט ער זיי זייער גאַנצן אויסשטייער קויפן ביי אים, און אויס מיטן נדן. אַ שטאָט־טאַטע, אַ מנהיג, אַ שונא ציון, ווערט ער פּלוצלונג אַ חובב־ציון און באַלד דערויף אַן אַרגענטינאָפּיל, ווייל אַזוי לוינט זיך אים צו זיינע געשעפטן מיט די גרויסע סוחרים פון מאָסקווע. דאָס איז מסתמא געווען אַ סאָציאַליסטישער שלאָג־אַרגומענט צו יענער צייט. און נאָך אַ סאָציאַליסטישער שטריך: ווען זיינע משרתים — די אַנגעשטעלטע אין זיינע קראָמען — קומען ביי אים בעטן אַ הוספה, קלאָגנדיק זיך, אַז עס איז ווייניק, האָט ער פאַר זיי אַ פּאַרציע אידעלן מוסר: „וואָס הייסט „ווייניק"? אַ מענטש דאַרף קאָנען לעבן מיט וויפל עס איז! און ווער הייסט אייך קינדלען? פאַר וואָס האָב איך נישט קיין סך קינדער?" —

די אַלע עפּיזאָדן פון דער דערציילונג הענגען אַראָפּ אויף קורצע האָר פון דער אַגיטאַטאָרישער אידייע. עס איז כמעט קיין דערציילונג נישט. מער דערציילונג איז שוין „רב שלמה" פון 1893, ווייל ער גייט דאָ ווייניקער נאָך די וועגווייזער און קומט נענטער צו זיך. די דערציילונג איז געשריבן פון אַן „עקסטערן".

עס האָט זיך דעמלט אָנגעהויבן די עפּאָכע פון „עקסטערנס". קינדער פון נישט־גבירישע עלטערן פלעגן פּריוואַט זיך צוגרייטן צום עקזאַמען צוערשט אויף פּראָגימנאַזיע — געוויינלעך אַרויסקריגנדיק אַ דיפּלאָם אויף אַפּטייק־לערלינג; און מיט אַ פערטל פּרנסה אין האַנט, פלעגן זיי זיך גרייטן ווייטער צום עקזאַמען אויף גאַנץ גימנאַזיע, אויב אונטער דער צייט זיינען זיי נישט פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס אין די מערסטע פאַלן פלעגט עס פּאַסירן. אָט די „עקסטערנס" זיינען געווען די קינסטיקע פּאַרטייער; זיי האָבן אויפגעבויט דעם „בונד" און מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אַלע סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע פּאַרטייען. זיי זיינען עס געווען די, וואָס פלעגן גרינדן בילדונג־קרייזלעך פאַר אַרבעטער, געלייענט מיט זיי רוסיש און „וויסנשאַפט", אַריינשמוגלענדיק דערביי היפּשע פּאַרציעס סאָציאַליזם. —

די פון זיי, וואָס האָבן אַנטדעקט אין זיך שרייבערשן טאַלאַנט, האָבן אוודאי און אוודאי פאַרוואָרפן אַלע חלומות וועגן גימנאַזיע, אוניווערזי־

טעם און פּראָפּעסיאָנעלע קאַריערעס. זיי האָבן געפונען זייער באַרוף, וואָס דאַרפן זיי קאַריערעס? הגם זיי האָבן זייער גאַנץ לעבן נישט אויפֿגעהערט לערנען — אויף זייער אייגנאַרטיקן „עקסטערנישן" אופן, כּאָפּנדיק מיטן שאַרפן שפּיץ קאָפּ די ניצוצים פון די שווערסטע פּראָבלעמען, אָן די קאָמפּליצירטע באַגריפן, וואָס סיסטעמאַטישע בילדונג גיט, פּאַראיינפאַכנדיק די פּראָבלעמען ביז צו דער קלאָרקייט פון אַלף־בית, וואָס אין דעם איז געווען אי מעלה אי חסרון.

עס קאָן געזאָגט ווערן, איינמאָל אַן עקסטערן, כּל ימיו אַן עקסטערן. ער ווערט אָפּגעשטעמפּלט מיט עקסטערן־סימנים אויף שטענדיק. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג ווייסט פון טאַלאַנטפולע, האַלב־געניאַלע און גאַנץ געניאַלע עקסטערנס. פאַראַן גענוג ביישפּילן. אין דער ליטעראַטור איז די טבע פון עקסטערן צו עקסטערנאַליזירן פּראָבלעמען — פאַראויסערלעכן זיי. מען קאָן אויסשפּירן די מעלות׳דיקע־עקסטערן־סימנים ביי פּינסקין דורך מערערע פון זיינע ווערק. איך וועל נאָך ביי אַ געלעגנהייט אָנווייזן אויף זיי. פאַראויס וועל איך זאָגן, אַז פּינסקי האָט זיך געראַטעוועט פון עקסטערנאַליזם און אַלף־בית־איינפאַכקייט דורך זיין איינגעבוירענעם טאַלאַנט פון אַ דראַמאַטורג, וואָס זוכט אין יעדן פּראָבלעם פריער פון אַלץ אויס דעם קאָנפליקט, וואָס דאָס פּירט שוין במילא צו פאַרטיפונג און פאַרפּילפּאַכונג.

די עקסטערנס האָבן אין דער יידישער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט אַ נייע ווענדונג — און פּינסקי איז געווען איינער פון די ערשטע, אפשר דער סאַמע ערשטער. זיי זיינען נישט געווען, ווי דער פריערדיקער דור שריפטשטעלער, אַ פּראָדוקט פון דער ישיבה, פון דער גמרא און פון יידישן ספר בכלל. זיי האָבן געלעבט נאָענט צום אַלטן פרומען דור, אָבער נישט מיטגעלעבט מיט אים. ווען זיי באַשרייבן אים, באַשרייבן זיי אים אָביסעלע פונדערווייטן, פון אַן אַ זייט — זיי זיינען אינעווייניק אין אים נישט געווען. זיי האָבן געהערט די פרומע פאָלקס־שפּראַך, אָבער פון פריעסטער יוגנט האָבן זיי געלערנט און גערעדט פרעמד־שפּראַך, און עס האָט גענומען צייט, ביז זיי האָבן די פאָלקס־שפּראַך צוריק אויפגעכאַפּט. ביי פּינסקין האָט עס נישט לאַנג געדויערט; ווידער אַמאָל דער געבוירענער דראַמאַטורג, וואָס דיאַלאָג איז זיין הויפּט־געצייג, האָט אים אונטערגעהאָלפן.

קאָנען מיר איצט נאָכפאָלגן פּינסקיס שריפטשטעלערישע לערן־פּראָבעס — ווי אַזוי דער עקסטערן, אַרויסגעהאָלפן פון דראַמאַטורג, איז געקומען צו ווערן דער פאָטער פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער דערציי־

לונג. — די דערציילונג „רב שלמה" איז דער באַוווּסטער חלום פון אַן עקס־טערן. דער עקסטערן פאַנטאַזירט, אַז ער וועט פאַקן דעם אידעלן גביר פון שטאָט, וואָס האַלט אויס די תלמוד־תורה, און וועט אַריינפּומפּען אין אים געאָגראַפיע מיט סאָציאַליזם — און אַ וואונדער וועט געשען: די תלמוד־תורה וועט ווערן אַ חדר מתוקן מיט אַ פּראָגימנאַזיע צוזאַמען. אָבער די פאַנאַטיקער ווילן דעם שווייגן? — דער העלד פון דער פאַנטאַזיע, דער אידעלער רב שלמה, פאַלט אין מלחמה מיט די פאַנאַטיקער. און די לערער, די עקסטערנס, לאָזן זיך אַוועק צו די עלטערן פון די קינדער, די אָרעמע אַרבעטער, פועלן ביי זיי, זיי זאָלן אַליין, אָן די גבירים, אויפשטעלן אַזאַ פּראָגימנאַזיע־תלמוד־תורה.

אַז די דערציילונג שטאַמט פון אַן עקסטערן, וואָס רעדט רוסיש, איז צו זען פון סטיל: עס כאַפּן זיך אַריין רוסישע ווערטלעך: — „טשאָרט פאָדערי!" — און אויסדרוקן, פון רוסיש איבערזעצטע: — „ער האָט חתונה געהאַט אויף אַ נישט־היגער" — עטלעכע מאָל אַזוי.

לשון און באַוועגונג איז נאָר דאָ אויף אַזויפיל, וויפל עס קאָן זיין אין דער נאָכשרייבונג פון אַ פּאַסירונג, וואָס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

נאָר נאָך איינמאָל גייט דער עקסטערן אין מלחמה קעגן פאַנאַטיזם — אין דער דערציילונג „אַ קלויזניק". פינסקי האָט אין דער ישיבה נישט געלערנט, אָבער אין דער שול, וואו קלויזניקעס זיצן, האָט ער אַריינגע־קוקט. אַ קלויזניק אַ תם, וועלכער איז דער לאַך־קרבן פון קינדער־שטי־פערס, פאַרקוקט זיך אויף אַ חבר און וויל אויך חתונה האָבן. טוט ער אַזוי: גייט ער צוערשט אין מקוה טובלען די נשמה און רייניקן דעם גוף — „כאָטש די מקוה האָט אַ ווידער־ריח", וואַרפט אַריין דער עקס־טערן אַגב אורחא — דערנאָך לאָזט ער זיך איבער די גאַסן, שעפּטשנדיק „יאַ־ניין, יאַ־ניין" און וועלכע מיידל עס וועט אים אַנטקעגנקומען אויף „יאַ", וועט זיין זיין באַשערטע — „על פּי נבואה". — ווייל גראָטעסק, נענטער צו דראַמע, איז עס שוין באַוועגלעכער פון דער פאַריקער דער־ציילונג, און די סצענקעלעך אין שול, וואו קליינע און גרויסע טרייבן חוזק איבערן תם, כאַפּן שוין אַריין ווינקעלעך געהערטן פאָלקס־לשון.

נישט מער, מער ווערט ער מיט פאַנאַטיקער נישט מלחמה האַלטן. דער עקסטערן האָט געמאַכט באַקאַנטשאַפט מיט סאָציאַליסטן, אפשר שוין אַריינגעטראָטן אין אַ קרייזל; פירט ער שוין אמתע מלחמה, דאַרף ער שוין קיין מלחמות נישט אויסטראַכטן. אפילו ווען ער טראַכט אויס, האָט ער אַ ווירקלעכע סיטואַציע פאַר אַן אָנשפּאַר. — עס פלעגט טרעפן, אַז

נישט נאָר אָרעמע עקסטערנס, נאָר אויך גבירישע קינדער זײַנען געגאַנגען אין פאָלק אַרײַן — זיך געברידערט מיט אַרבעטער און געחלומט אַפּילו אַליין ווערן אַרבעטער. זיי האָבן צו אַרבעט נישט געטויגט, אָבער איידער וואָס־ווען פלעגן זיי זיך פאַרליבן אין אַרבעטער־מיידלעך, אין נײַטערקעס...

דער מאָנאָלאָג „אין אַ „משוגעים־הויז" און דער נאָך איצט פּאָפּולע־רער מאָנאָלאָג „געשלאָגן דעם טאַטן" שפּיגלען אָפּ אָט די מעגלעכע סי־טואַציעס. די העלדן פון ביידע מאָנאָלאָגן האַלטן נישט אויס כאַראַקטער, קריגן געשלאָגן און ווערן משוגע — נישט אינגאַנצן צוליב זייער אייגענער שולד, נאָר עס איז אַ באַקוועמע פאָרם משוגע צו מאַכן אַ העלד. אויב פּרץ האָט עס געמעגט, האָט דער יונגער פּינסקי אוודאי געמעגט. הגם אויס־געטראַכטע, אַרויפגעפּרעסטע פון אויבן־אַראָפּ אויף אַ סאָציאַליסטיש־באַ־שטעלטער טעמע — אָנצוקלאָגן די אכזריות פון גבירישע טאַטעס — גיבן די מאָנאָלאָגן נישט צו פילן די געצוואונגענע געמאַטערטע מעכאַניק פון אונטערטראָגן אין שטיק אכזריות נאָכן אַנדערן. זיי לייענען זיך כמעט מיט דער געלופיקייט פון פרייע דערציילונגען. זיי שטעלן זיך אויף אַ מינוט נישט אָפּ: דער אימפּעט פון דראַמאַטישן מאָנאָלאָג טראָגט זיי.

אויף דער זעלביקער סיטואַציע — די ליבע צווישן אַ גבירישן בחור און אַן אָרעם מיידל — איז אויפגעבויט די דערציילונג פון צען יאָר שפּע־טער — פון 1903 — „דאָס מיידל ביים אָרון־קודש", אָבער מיט וואָס פאַר אַ פּראָגרעס אין דערציילערישער בריהשאַפט! ווען דער עולם אין שול ווערט געוואָר פון וועמעס וועגן קלאָגט אַזוי דאָס מיידל ביים ארון־קודש — פון איר געליבטנס וועגן! — ווערט אַן אויפרור: — „אַוועק פון אָרון־קודש, דו הולטייקע!" — שרייט לייבע, דער קהלשער טאַטע — „אַרויס זאָג איך דיר, פאַרן פּאַליובאַוניק וועסטו הימלען רייסן, דו, צויג, דו!" — דער פאַנאַטיזם, וואָס ווערט דאָ געמשפּט, איז נישט קיין אויסטראַכטעניש פון אַ סאָציאַליסטישן עקסטערן. ער האָט דאָ אַרויסגעפּלאַצט פון אַ ווירק־לעכן דראַמאַטישן קאָנפליקט צווישן אַלטן און יונגן דור. אַ צעלאָזענע „ליובקע" טוט תפילה פאַרן אָפענעם אָרון־קודש! — עס רייסט אויף דעם מוח ביי די פרומע. און אין אָט דעם קאָנפליקט אָנטפּלעקן זיך מיט זייער כאַראַקטער איבער אַ מנין יידן — משניות־לערנער, קהלשע קליאַמקעס; אַפילו אַ צופעליקער ייד, אַ פאַרשפּעטיקטער דאַוונער, אַ סטאָליער, וועמען עס פעלט אויס מזומן קאַפּיטאַל אויף אָנצונעמען אַ באַשטעלונג פון אַ פּריצה, ווערט אַרויסגעשטעלט מיט זיין גאַנצן צעבראָכענעם אינעווייניק אין צען שורות. בעת אין די צוויי מאָנאָלאָגן „אין אַ משוגעים־הויז" און „געשלאָגן דעם טאַטן" איז כאַראַקטער נאָך נישטאָ. ער איז פאַרשוואומען אין דער

היסטעריקע פון ערב־משוגעת. — געשטיגן דער דראַמאַטורג, איז געשטיגן דער כאַראַקטער־שילדערער. אָבער וואָס האָט אַרויסגערופן און געמאַכט שטייגן דעם דראַמאַטורג?

קער איך זיך אום צוריק צו פינסקיס שריפטשטעלערישע הכנות צו פּראָלעטאַרישער דערציילונג.

קענטיק, אַז דוד פינסקי האָט גלייך דערשפּירט, אַז די באַוועגלעכקייט פון דראַמאַטישן מאַנאַלאָג איז אים צו דער האַנט. וואָרים באַלד דערויף קומט ער מיט אַ דערציילונג: „אַראָפּ דאָס יאָך", וואָס איז אַן אַרומבויאונג אַרום אַ דראַמאַטישן עפּיזאָד. די פאָרם איז פון אַ דערציילונג, אָבער אויסגעשטאַט און אויסגעבויט איז עס, ווי אַ קליין דראַמעלע.

פינסקי האָט גענומען פּרצעס האַרעפּאַשנעם העלד — דעם טרעגער — אָבער אַנדערש ווי אין די מאָנאָלאָגן, שטעלט ער אים נישט אַוועק אַ פּאַסיוו ליידנדיקן און לאָזט לויפן אומגליקן אויף זיין קאָפּ, נאָר ער זעצט אים אַריין אין אַן אימפּעטיקן געשעעניש. אַן עלטערער טרעגער, וואָס האָט שוין קיין כוח נישט צו שלעפּן משאות, קריגט פון שטאָטישן נגיד אַ מתנה — אַ וועגעלע; דערפאַר מאַכט דער נגיד אים פאַר זיין קנעכט, שמידט אים צו צו זיין קראָם — שטיי און וואַרט, טאָמער וועל איך דיך באַדאַרפן. איז אים דאָס נאָך ווייניק, הייסט ער דעם טרעגער שיקן זיין טעכטערל אויף אַרויסצוהעלפן אין הויז, וואָרים די מאַדאַם מיט דער דינסט איז אויף דאַטשע. ביינאַכט קומט דאָס טעכטערל צולויפן, נישט טויט נישט לעבעדיק — דער בעל הבית איז אַריין צו איר און אָנגעבאָטן געלט...

אויף מאָרגן איז דער טאַטע אַריינגעפאָרן מיטן וועגעלע גלייך צום נגיד אין זאַל אַריין — פאַר אַלע געסט, אַ בראַזג געטאָן מיטן וועגעלע, אַזש די שויבן האָבן זיך צעקלונגען. קומט ער און דערציילט עס דער חברה טרעגער אויפן מאַרק. דער פינאַל: — אַ שותפותדיקער שמחה־נצחון פון חברה האָרעפּאַשניקעס איבערן נגיד. אַ שאַד, וואָס זיי זיינען קיין פּראָלע־טאַריער נישט, אַנגעדונגענע צום בעל־הבית. דאָ וואָלט געווען אַן אויס־געצייכנטע געלעגנהייט פאַר אַ פּראָלעטאַרישן פּראָטעסט־סטרייק.

די דערציילונג לויפט מיט אַ שוואונג, וואָס יאָגט אַריבער דעם לייע־נער. זי רעדט געזעטיקטע פאָלקס־שפּראַך, אַנשטאָט דעם איבערזעצטן פון רוסישן לשון פון עקסטערן. — פאַר אַ פאַרגלייך:

דער אײדעלער גביר רב שלמה, וועלכער איז באַקערט געוואָרן צו סאָציאַליסטישער השכלה, קומט אַגיטירן פאַר בילדונג די אַרבעטער פון אַן איינבינדעריי: — „ער פלעגט זיצן אין מיטן צימער און פלעגט ריידן

פריילעך, מיט אַ גלייכווערטל, מיט אַ געלעכטער און האָט שטאַרק פאַר־אינטערעסירט די אַרבעטער".

אַ גלייכגילטיקער, נישט פאַראינטערעסירנדיקער לשון! — צום סאָמע שלוס פון „אַראָפּ דאָס יאָך", בעת די טרעגער זיינען זיך משמח מיט דעם נצחון פון זייער חבר, גייט פאַרביי אַ שטאָטישער נגיד און רופט זיך אָפּ אויף זייער שמחה: — „חזירים יושען! וואָס פעלט זיי די שלעפּער? זיי האָבן עפּעס אַ סך קאַפּדרייעניש?..."

אָט די שלוס־שורה פון דער דערציילונג גיט זיך אַ שניט אַריין אין פאָלקס־לשון און אַ שניט אַריין אין דער סיטואַציע, מאַכנדיק אַ שפּאַלטונג צווישן די האָרעפּאַשניקעס און די בגידים, כּפל׳ענדיק דעם עפעקט פון דער גאַנצער דערציילונג — ווי אַ ריכטיקער „זאָג" אין אַ ריכטיקן מאָמענט אין אַ דראַמע.

פּינסקי האָט אין משך פון איין יאָר — 1893 — גראַדואירט פון דער שריפטשטעלערישער גימנאַזיע; ער האָט געפונען זיין פאָרם — דערציילטע דראַמאַטיזאַציע, וואָס איז געוואָרן זיין הויפּט־געצייג אין אויפבויען די פּראָלעטאַרישע דערציילונג, וואָס אין משך פון דריי יאָר — ביז סוף 1896 — האָט ער עס דערפירט דערצו, אַז זיין דערציילונג קאָן ווי עס שטייט און גייט געשפּילט ווערן ווי אַ דראַמע, און די פּראָלעטאַרישקייט איז נישט קיין צוגאָב, נאָר דער סאָמע שטאָף פון שפּיל — הלוואי אויף היינטיקע פּראָלעטאַרישע דערציילונגען געזאָגט געוואָרן.

2

קלאַסנקאַמף אַרום יידישן יום־טוב

דאָס יאָר 1894 איז געווען דאָס פּראָלעטאַרישסטע יאָר ביי דוד פּינסקין — אַכט־ניין פּראָלעטאַרישע דערציילונגען האָט ער אָנגעשריבן אין דעם איין יאָר: געגנויער, דערציילונגען, וואו פון אַרבעטער, פון האָרעפּאַש־ניק, ווערט אויסגעשיידט דער פּראָלעטאַריער. וואָרים דער פּראָלעטאַריער האָט ערשט געדאַרפט אַנטדעקט ווערן. און געטאָן האָט עס אין דירעק־טער שליחות פון די סאָציאַליסטישע קאָמיטעטן, וואָס פלעגן שיקן לעק־טאָרס און פאָרלייענער אין די געהיימע אַרבעטער־קרייזלעך — וואָס סיי

די לעקטאָרס און סיי די פאַרלייענער האָבן געהאַט אין לעקציע „אייב־צודרומלען" אין די מוחות פון זייערע צוהערער: — אַז זיי, די אַרבעטער, שטעלן מיט זיך פאָר אַ ספּעציעלן קלאַס מענטש, וואָס איז באַרופן צו שפּילן גאָר אַ געהויבענע ראָלע — איבערצוקערן די וועלט! — וואָרים זיי זיינען פּראָלעטאַריער. דער יונגער פּינסקי איז מסתמא געווען דער גע־ביטסטער פאַרלייענער, ווייל פאַרלייענען, פלעגט ער זיינע אייגענע זאַכן, וואָס האָבן די לעקציע פון קאָמיטעט דערלאַנגט אין דערציילונגס־פאָרם.

פּנים אל פּנים מיט אַזאַ אוידיענץ, האָט ער פאַרוואָרפן זיין פריערדיקע באַאיווע עקסטערנישע השכלה, מיט אירע טעמעס: די פּראָפּאַגאַנדע פון סתם בילדונג, די פאַרמשפּטונג פון סתם פאַנאַטיזם, די פאַרקלאָגונג פון די פאַנאַטישע גבירישע טאַטעס, וואָס מאַכן משוגע זייערע זין, וואָס רייסן זיך צו בילדונג — און ער האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער קאָנקרעטערער, בילכערער, דרינגנדיקערער טעמע — די פּראָלעטאַריזירונג פון זיינע צור־הערער־לייענער.

דער ערשטער פּראָלעטאַריער, וואָס מיר באַגעגענען אין פּינסקיס פּראָ־לעטאַרישע דערציילונגען און זייער אַפּטעסטער העלד, איז דער משרת, דער אַנגעשטעלטער אין קראָם. דער משרת איז שוין דאָ אין זיין סאַמע ערשטער דערציילונג — פון 1892 — „דער גרויסער מענטשנפריינט" — אין דעם עפּיזאָד, וואו די משרתים קומען בעטן אַ הוספה, און דער מענטשנ־פריינט, דער היפּאָקריט, טענהט מיט זיי איין, אַז עס איז אַ מצווה, זיי זאָלן האָבן ווייניק, און נאָך אַ גרעסערע מצווה, ער זאָל האָבן אַ סך. — די משרתים, געוואוינט צו פאַרקער מיט מענטשן, זיינען מסתמא געווען צווישן די ערשטע אָרגאַניזירט צו ווערן פון סאָציאַליסטישן קאָמיטעט אין וואַרשע, און אַגב האָבן די עקסטערנס געהאַט אַ לייכטן צוטריט צו זיי. אַפּט איינגעשטאַנען ביי זיי אין לאַזשי — ביז עס פלעגן זיך אויסלאָזן די לעצטע טאַטעשע גראָשנס, און זיי פלעגן אַראָפּנידערן צו די גאָר גרויסע אַרעמעלייט אין די קעלערס ,אָדער אַרויפקלעטערן צו זיי אויף די בוידעמער.

„חיים משרת" איז משמעות די ערשטע דערצייגערישע לעקציע פון דעם מין. זי איז אַנגעשריפּט אויף דער כוונה צו באַווייזן, אַז בעל הבית און משרת געהערן צו צוויי באַזונדערע קלאַסן מענטשן, וואָס האָבן אַפילו קיין געמיינשאַפטלעכן מענטשלעכן לשון ניט. עס הויבט זיך אָן מיט אַ שטיקעלע אַגיטאַציע קעגן גאָט: אין אַ פּראַסטיק־ווינטיקער ווינטער־נאַכט, ווען אַפילו אָרימע לייט נעמען זיך אָן מיט העזה צו רעדן קעגן אויבערשטן דעם „סומך דלים", און די בעלי בתים פון די וואָרימע ליכטיקע שטיבער

זאָגן זייער גרויסע חכמה: „אשרי יושבי ביתך" — אין אַזאַ נאַכט לויפט רבקהלע, אַ מיידעלע פון צען־עלף, אין אַ צעריסענעם טוך, אין דער מאַמעס גרויסע שיך, רופן דעם טאַטן, חיים משרת, וועלכער האָט זיך פאַרהאַלטן אין קראָם, ער זאָל גלייך אַהיים קומען — די מאַמע גייט צו קינד. — די טיר, וואָס טיילט אָפּ די קראָם פון קאָנטאָר, וואו דער בעל הבית זיצט, ווערט דער צענטער פון דער בינע, אויף וועלכער עס שפּילט זיך אָפּ אַ סצענע פון גרויזאַמקייט מצד דעם בעל הבית און פון קנעכטישקייט מצד דעם משרת. דער משרת שטאַמלט, שעפּטשעט און מאַכט מיט די ליפּן. דער בעל הבית שרייט, שעלט און טרייבט פון דער טיר. — דריי מאָל קומט רבקהלע צו לויפן, דריי מאָל חזרט זיך איבער די סצענע ביי דער טיר, ביז זי שלעפּט מיט געוואַלט דעם טאַטן אַרויס, באַגלייט פון בעל הבית׳ קולות: „צו אַל די רוחות! דיין פוס זאָל דאָ מער ניט זיין — פאַד־ליעץ דו!" — דאָס איז רבקהלע, וואָס ענטפערט: אַליין אַ פאַדליעץ!

און אין דער היים דאָס ווייב אין ווייען שעלט דעם אכזר דעם מאַן; און די שכנות העלפן מיט. און ווען חיים קומט, מיט 43 קאָפּיקעס אין קעשע־נע — „43 קאָפּיקעס פאַר אַ קימפּעטאָרין?" — באַהאַלט אים די באָבע — איז דאָס ווידער אַמאָל רבקהלע, וואָס פירט דעם טאַטן צוריק אין קראָם אַריין, טרעט ניט אָפּ פון בעל הבית, ביז ער וואַרפט איר ניט צו צוויי רובלדיקע פאַפּירלעך: — „נאַ, פאַסקודניצע!" — און אויף מאָרגן, ווען חיים קומט אַ ציטערדיקער אין קראָם און זאָגט אָן מיט אַ חניפה־קולכעלע, אַז זיין ווייב האָט געהאַט אַ צווילינג — קריגט ער אַ ברוך הבא: פאַרך דו איינער! — און די דערציילונג פאַרענדיקט זיך: — „חיים האָט גאַרנישט געענטפערט. מיטן שמייכל פון אַ דערשלאָגענעם האָט ער זיך געשטעלט אויף זיין אָרט הינטערן פאַרקויף־טיש. אינעווייניק אין זיך האָט ער נאָר אַ שטילן און לאַנגן זיפץ געטאָן..."

איך האָב בכיוון אויסגעלייגט דעם אינהאַלט פון פּינסקיס ערשטן פּרואוו אויף פּראָלעטאַרישער דערציילונג, כדי אָנצוזאָגן, אַז אָט דער גאַנג — דערציילעריש צו אילוסטרירן אָן אויפגעגעבענע לעקציע — איז ניט געוואָרן און האָט ניט געקאָנט ווערן פּינסקיס ווייטערדיקער גאַנג אין איינשטעלן די אמתע פּראָלעטאַרישע דערציילונג. די לעקציע איז זיכער דאָ: קוקט אים נאָר אָן דעם משרת, אין זיין רויען צושטאַנד, איידער ער איז פּראָלעטאַרי־זירט. אַ דערשלאָגענע בריאה, וואָס זיין איינציקער פּראָטעסט איז „גע־וואַלד, רבונו של עולם!". דאָס איז דאָס קינד, וואָס פּראָטעסטירט און אַגיטירט קעגן בעל הבית. פּינסקי האָט אַ פּניה דערביי — מיט זיין אַרויס־הייבן דאָס קינד פאַר אַן אַגיטאַטאָרשע — צו אונטערשטרייכן, אַז מענטש־

לעכע באַהאַנדלונג געהערט צו די נאַטירלעכע מענטש־רעכט פון אַרבעטער, פון וועלכע דער בעל הבית באַרויבט אים. און הגם פּינסקי היט זיך פון פּראָפּאַגאַנדירן, בלייבט עס דאָך אַ צוגעטראַכטע אילוסטראַציע צו דער פּראָלעטאַרישער לעקציע — אַן איבערחזרונג פון אילוסטרירנדיקע סצענעס, אַנגעשנורעוועטע אויף אַ צעצויגענער לעקטאָרשער ליניע — ווי די סצענעס ביי דער טיר. אמת, ביי דער טיר און אין אַנדערע דיאַלאָג־סצענעס רופט זיך אָפּ פּינסקי דער דראַמאַטיקער; דער דיאַלאָג איז לעבעדיק — פּאַרלעבעדיקט בעיקר דורך די קללות — קללות איז דאָס ערשטע וואָס מען לערנט אין אַ „פרעמדער שפּראַך". אָבער אַ טיר איז אַ צו ענגע בינע פאַרן דראַמאַטורג זיך פאַנאַנדערצעפּאַכן מיט לשון. דער ניט־דיאַלאָגישער טייל פון דער דערציילונג איז געפירט אויף דעם אויסגעלערנטן, עקסטערנישן, משקולתדיקן שפּיץ־פינגער יידיש, פון וואָס די אויבן־געבראַכטע לעצטע שורות פון דער דערציילונג עדותן. — צום גליק, האָט פּינסקי יאָ געפונען אַ בינע, אויף וועלכער דער דראַמאַטורג אין אים האָט געקאָנט פאַנאַנדערשפּילן ברייט דעם קלאַסנקאָנפליקט צווישן בעל הבית און פּראָלעטאַריער; די בינע איז אים צוגעשטעלט געוואָרן פון יידישן יום־טוב.

איז דאָס ניט מערקווירדיק, וואָס דער יום־טוב איז געווען פּינסקיס הויפּט־מיטל אין דער פּראָלעטאַריזירונג פון זיין דערציילונג? זאָל עס זיין דערפאַר וואָס ער איז געווען פרצעס הויפּט־שותף אין אַרויסגעבן די „יום־טוב־בלעטלעך"? ניין, עס איז ניט געווען בלויז אָט דער גליקלעכער צופאַל. געוואָר־ווערנדיק, וואָס פאַר אַ געצייג דער יום־טוב איז געוואָרן אין פּינסקיס הענט און ווי גוט דאָס געצייג האָט געדינט דעם שריפטשטעלער אין אים, פּרוּאוו איך טרעפן, אַז ער איז דאָס געווען, וואָס האָט סוגעסטירט דעם פּלאַן פון די „יום־טוב בלעטלעך", אָדער לכל הפחות נאָכדעם, ווי דער פּלאַן איז פאַרגעלעגט געוואָרן, האָט ער זיך אַזוי אָנגעקלאַמערט אָן אים, אַז ער איז געוואָרן זיינס.

ווי באַוואוסט, צוליב די „יום־טוב בלעטלעך" איז דער יונגער פּינסקי געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער טוער פאַר יידיש, דער ערשטער פּראַקטישער „יידישיסט". אין די אינטערעסן פון די „בלעטלעך" האָט ער באַרייזט די פּראָווינץ, באַזוכט מינסק, ווילנע. און ווי עס געדענקן נאָך מענטשן, וואָס זיינען געקומען אים אויפן וועג, האָט ער אין זיין ענטוזיאַזם פאַר דער יידישער ליטעראַטור אַלץ געזוכט צו איבערצייגן זיינע צוהערער — עקסטערנס, גימנאַזיסטן און סטודענטן פון ביידע געשלעכטער — אַז די יידישע ליטעראַטור האָט ניט וואָס אָפּצופאַלן ביי זיך קעגן דער רוסישער; אַז זי

פאַרמאָגט שוין גאָר גרויסע טאַלאַנטן; און ס'וועט לאַנג ניט נעמען, און זי וועט האָבן אירע אייגענע גאָגאָלס און טאָלסטאָיס...

(די יוגנטלעכקייט האָבן אויסגעהערט און זיך פאַרוואונדערט אויף דער נבואה. אָבער די דיפּלאָמירטע פּריליינס, ווי זייער שטייגער איז, האָבן אונטערגעשמייכלט: — קוקט נאָר אָן ווער עס רעדט וועגן יידישע גאָגאָלס און טאָלסטאָיס!... אַז סך־הכל האָט ער נאָר צו באַווייזן אַן אַטעסטאַט פון פּראָגימנאַזיע! — אָבער דער „פּראָגימנאַזיסט" איז געווען טויזנט מאָל גערעכטער פון זיי. והראיה, איבער אַ העלפט פון זיין נבואה איז שוין מקוים געוואָרן).

אומקערנדיק זיך צום ענין: — אַנהויבנדיק פון אַרום מיטן 1894, ווערט יום־טוב די טעמע פון אַ סעריע דערציילונגען פּינסקיס. פּינסקי איז ניט דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור איינצושפּאַנען דעם יידישן יום־טוב צו טאָן פאַר אים דינסט: מענדעלע האָט געשבתט און געיום־טובט צו אַנטדעקן שיינקייט אין גראָען יידישן לעבן; שלום עליכם — צו אונטער־האַלטן ביים יום־טובדיקן טיש און פריילעך צו מאַכן יידישע קינדער; פּרץ — אויפצוהויבן אַ באַרג אין דער יידישער נשמה, וואָס זאָל אַריבער־שטייגן די וואָכעדיקע פלאַך. ביי אַלע דריי איז יום־טוב אַ הויכער מיטל צו אַ הויכן צוועק, ווייל יום־טוב האָט אַ הויכן ווערט פאַר זיך אַליין, איז אַליין אַ צוועק. — ווי אַנדערש ביי פּינסקין! — ביי אים איז יום־טוב בלויז אַ מיטל צום צוועק — אַ קלאַסנקאַמף־מיטל. דער ערשטער קלאַסנקאַמף ביי פּינסקין, וואָס שיידט אָפּ דעם אַרבעטער פון בעל־הבית און שיידט אַרויס פון האַרעפּאַשניק דעם פּראָלעטאַריער, קומט פאָר אַרום יום־טוב. די פראַגע ווערט געשטעלט אַזוי: וועמעס יום־טוב איז עס — דעם אַרבעטערס צי דעם בעל הבית'ס? — הערט, הערט, אַפילו דעם יום־טוב וויל דער גביר ביים אָרעמאַן צונעמען!

„דער פריילעכער גביר" — די ערשטע דערציילונג אויף דער יום־טוב־טעמע — איז אַ פאָרשפּיל.

„ביי אפרים קעלטער, דעם גבאי פון משרתים־קלויז, לעגט זיך די שטוב. ער האָט אַ חזקה, אַלע שמחת־תורה פאַררופן צו זיך דעם גאַנצן שול־עולם אויף ברכה, און זיך משמח זיין, ווי גאָט האָט געבאָטן" — אָבער זיין יידענע האָט אַן אַנדער חזקה — אַז שמחת־תורה זאָל זיך צו איר אַראָפּלאָזן דער יחסן פון דער משפחה, דער גביר אַדיר, זלמן יאָסלזאָן. דער מאַן הייסט דעם עולם מכבד זיין, זי ברוגזט זיך און בלאָזט זיך; זי באַהאַלט איר בעסטן כיבוד — די קישקע, די ברעמזלעך — פאַרן גביר. —

„איך כאַפּ טאַקע און גיב, וואַרט אַ ווײַלע!״ — שיפּעט זי. — און אַט קומט דער גביר, מיט זײַן מאַדאַם, מיט זײַן סוויטע, און פאַרכאַפּט די גאַנצע שמחת־תורה פאַר זיך. הוליעט, מאַכט זיך משוגע, טוט אַפּ אַקטן, וואָס ער וואָלט זיך ניט דערלויבט אין זײַנע אייגענע סאַלאָנען; איז גוזר אַלע זאָלן אים משמח זײַן, צווינגט דעם עולם מיט קלעפּ איבערן קאַרק מיט אים מיטצוטאַנצן — אים קומט! — „עס גייט אים גוט: איין יאָר איז בעסער פאַר דאָס אַנדערע״. און פאַרענדיקט דערמיט, וואָס ער קערט איבער דעם טאָפּ יויך אויף דער פּאָדלאָגע, און פאָרט זיך דורך גליטשנדיק. די מאַדאַם קרימט זיך, אָבער די גבאיטע ווינקט צו איר מיט חניפה און קלייבט נחת. — אָנגעהוליעט זיך, לאָזט דער שיכורער גביר זיך אַוועקפירן, איבערלאָזנדיק אַ פּאָגראָם און אַ באַליידיקונג פאַרן גאַנצן עולם — ביז שמחת־תורה איבעראַיאָר.

וואָס איז דער געווינס פון דער דערציילונג און וואָס האָט דער דערציילער געוואונען פון שמחת־תורה? — זי האָט אים געגעבן אַ בינע פון אַ באַוועגלעכן ספּעקטאַקל, פאַר אַן עולמשער הוליאַנקע. דאָס רעדט צום דערציילערס דראַמאַטישן אינסטינקט. און דערפאַר ניט נאָר די דיאַלאָגן, נאָר די גאַנצע דערציילונג איז טעאַטראַליזירט. דאָס רופט זיך אָפּ צום גוטן אויפן סטיל: ניטאָ קיין ערטער מיט ליידיקן עקסטערנישן יידיש, הגם דער יידיש גראָבט נאָך ניט טיף. אַ צווייטער געווינס איז, ווייל טעאַטראַליזירט, זײַנען די פאַרשוינען, וואָס האָבן די מערסטע אויפטריטן, שוין וויפיל ניט איז כאַראַקטעריזירט: דער גביר מיט זײַנע פּרעטענזעס, די גבאיטע מיט איר חניפה.

דער עיקר־געווינס אָבער — ווייל דער יום־טוב גיט אַ בינע, איז די דערציילונג צונויפגעזאַמלטער; זי לויפט זיך ניט פונאַנדער אין זיך אײַבערחזרנדיקע אילוסטראַציעס אויף דער אידייע; זי לויפט אין אַן אוּמאונטערבראָכענעם דערציילערישן שטראָם. אַנטקעגן „חיים משרת״ איז עס אַ פרייע, נאַטירלעך זיך באַוועגנדיקע דערציילונג.

וואָס פעלט נאָך צו פולער גאַנצקייט, צו פולער כאַראַקטעריזירונג פון די פאַרשוינען, צו פולן כאַראַקטעריזירנדיקן לשון? — צו דער אײַבהייטלעכער בינע דאַרף נאָך צוקומען אַ קאָנצענטרירטער דראַמאַטישער קאָנפליקט. דער קאָנפליקט דאָ: — וועמעס יום־טוב איז עס? דעם גבירס, צי דעם אָרעמאַנס? — איז בלויז אָנגעטייט אין דער אידייע, אָבער ניט פונאַנדערגערעדט אין פאַקט. דער גביר דאָ פאַרנעמט פאַר זיך די גאַנצע שמחת־תורה, אָבער דער קעגן־צד פעלט. דער עולם משרתים שטומט, פּראָטעסטירט ניט. און אַ סברא, אַז דער גבאי פון משרתים־קלויז איז אַ

געוועזענער משרת, איצט שוין אליין א קליינער בעל־הבית, נאר צוליב שמחת־תורה איז ער צוריק חבר מיט משרתים — אבער איינשטעלן זיך, מלחמה האלטן פארן עולם, אפנעמען ביים גביר די שמחת־תורה, וואס יענער האט פארכאפט — דאס וועט ער ניט. דער קליינבירגער איז א קנאפער בעל מלחמה. דערפאר טאקע נעמט דאס ווייב די אויבערהאנט: זי איז מיט לייב און לעבן פארן גביר, וועלכער איז איר א מוסטער פון א בעל־הבית. — אזוי אז דער „פריילעכער גביר" איז בלויז א פארשפיל צום קלאסן־קאמף ארום יום־טוב.

עס האט זיך געפאדערט א דריי פארבעסערונגען אריינצוטראגן אין דער גוטער געלעגנהייט, וואס די יום־טוב־בינע האט געגעבן דעם דער־ציילער. און די וויטערדיקע יום־טובדיקע דערציילונגען — „גוט יום־טוב ביטן", „אויסגעפירט", „מען הוליעט", „דער פארפאלענער" — טראגן די פארבעסערונגען אריין — ביז ער קומט צו דער לעצטער און בעסטער פון זיינע פראלעטאריזירנדיקע, דראמאטיזירנדיקע יום־טוב־דערציילונ־גען — „ערב יום־כיפור".

נאכן קליינבירגערלעכן איבערשלאג מיטן „פריילעכן גביר" אויף אויסצופראבירן די יום־טוב־בינע, קערט פינסקי זיך ווידער אום מיט „גוט יום־טוב בעטן" צום קלאסן־קאנטראסט צווישן משרת און בעל־הבית. דאס גופא איז שוין א פארבעסערונג, און א צווייטע פארבעסערונג, וואס פאלגט פון דער ערשטער — די אידייע פון קלאסן־קאנטראסט בלייבט ניט הויערן א שטומע אין דער לופטן, ווי אין „פריילעכן גביר", וואו דער קליינביר־גערלעכער אפשיי פארן גביר לאזט זי צום פסוק ניט צו — דא, אין „גוט יום־טוב בעטן", ווערט זי פאנאנדערגערעדט, פארבילדלעכט, אינסצענירט. דורך צוויי אינסצענירטע בילדער — „ביים מענטש" און ביים „בעל־הבית" — ווערט געוויזן, אז הגם די שמחת־תורה איז א שותפותע ביים „מענטש" און בעל־הבית, און לויטן אלטן מנהג גייט מען נאך איינער צום אנדערן גוט יום־טוב בעטן, אבער די שותפות איז א געשפאלטענע, און בעסער וואלט געווען, ווען זי זאל ווערן וואס געשפאלטענער.

דאס בילד — „ביים מענטש":

„ביי שלום, משה קארלינס משרת, האבן זיך א סך געסט צונויפגעק־קליבן, אבער עס איז נאך אלץ ניט שמחת־תורהדיק" — אלע זיצן אין א געדריקטער שטימונג: מען ווארט אויפן בעל־הבית. אנדערש ווי ביים גבאי פון „פריילעכן גביר", קלייבט מען זיך גאר ניט משמח זיין מיט אים — די פרוי פון משרת — דוואשע — זי הערשט ניט. זי האט אויפן

טיש אַוועקגעשטעלט איר אָרעמסטן כּיבוד — בלויז בראַנפן, הערינג און קיכלעך; די כּרעמזלעך מיט די געפּילטע גוטע זאַכן באַהאַלט זי פאַר אירע אמתע געסט. דער מאַן גיט איר געדעכט: — „פאַר אים דאַרף מען קיין פּאַראַד ניט מאַכן — ער וועט נאָך זאָגן, איך עס זיין פלייש און טרינק זיין בלוט... ער גייט דען גוט יום־טוב בעטן? ער גייט דאָך מער נישט רע־ווידירן... צי האָט מען אים נישט באַגנבעט...״

געטראַפן — אַזוי איז טאַקע געווען! געקומען דער בעל־הבית: —„דו וואוינסט דאָך גאַנץ פיין — וואָס זשע זינדיקסטו?״ „ווער זינדיקט? בעסער, מער נישט, וואָלט נישט אויסמאַכן״ — „דאָס איז שוין גוט! דערמיט אַליין זינדיקסטו״. — עס ווערט ענג די לופט, ביי קיינעם עפנט זיך ניט דאָס מויל. דער משרת פּרוּווט אים אונטערהאַלטן מיט אַ מעשה, ווי אַזוי ער האָט איבערגעכיטרעוועט דעם פּריץ און אָראָפּגעדונגען פון מקח — „מאַלאַדיעץ!״ — ווערט דער בעל־הבית לעבעדיק — נו, זאָגט עפּעס אַ ניגון״, — מען הויבט אָן, אָבער דוואָשע פון קיך ווינקט מען זאָל אויפהערן. ענדלעך אים משלח געווען. אַלע אָטעמען פרייער אָפּ. ערשט איצט ווערט שמחת־תורהדיק: — „דער פויקער קרייט ווי אַ האָן, און עס הויבט זיך אָן איבערקערן די שטוב״.

ווער איז דער פויקער? — דאָס איז הירשל פויקער, איינער פון די געלאַדענע געסט, וועלכער קאָן מאַכן „שטוקעס״ — קרייען ווי אַ האָן און הירזשען ווי אַ פערד — „וואָס פון דעם קאָן מען בלייבן אָן אַ בויך לאַכנ־דיק״. וויבאַלד יום־טוב, דאַרף זיין אַ יום־טוב מאַכער, אַן אויפשפּילער פון יום־טוב. ער איז דער פאַלקסטימלעכער אַקטיאָר, דער לץ. ער איז דאָ אין אַלע יום־טובדיקע דערציילונגען פינסקיס. ער איז אויך געווען אין אַן עפּיזאָד פון „פריילעכן גביר״ — אין אַ דערנידערנדיקער ראָלע. דער גביר אין מיטן ווילדעווען דערזעט זיין משרת משהן דורכן פענצטער; באַ־פעלט ער אים אַריינקומען — ניט דורך דער טיר, נאָר דווקא דורכן פענצטער. דראַפּעט זיך אַריין אַ גרוי באָרד־און־פאות, דערנאָך אַ דאַר קליין יידל. — „וואו ביסטו דאָס געווען, דו אַלטער יונגאַטש?״ — און דער „אַלטער יונגאַטש״, מיט אַ מינע פון אַ בעל־תשובה, קלאַפּט זיך „אשמנו״, און שטעלט זיך אויפן קאָפּ, און גייט אויף די הענט, און קייקלט זיך און ברעכט זיך — אַלץ מיט דער מינע פון אַ בעל־תשובה.

דאָ אין בילד „ביים מענטש״ זעען מיר נאָך ניט דעם יום־טוב מאַכער ביי דער אַרבעט. אָבער פאַר אים איז שוין צוגעגרייט אַ בכבודיקע ראָלע: ווען דער בעל־הבית וועט אַוועק, וועט ער ברענגען די

שמחת־תורה צום אָרעמאַן אין שטוב אַריין. — די ראָלע פון יום־טוב־מאַכער שטייגט מיט יעדער דערציילונג פון דער יום־טוב־סעריע. און אַזוי ווי יום־טוב דינט פינסקין אויף צו טעאַטראַליזירן דעם קלאַסן־קאַמף, וועט דער יום־טוב־מאַכער, אַלס הויפּט־אַקטיאָר אויף דער יום־טוב־בינע, מיט דער צייט ווערן דער הויפּטאויפירער און דער הויפּט־אָנפירער פון קלאַסן־קאַמף — אַפילו אָן דעם יום־טוב אויך. דער יום־טוב־מאַכער וועט פאַרבייטן דעם יום־טוב אין גאַנצן.

„יידישער קעמפער", 1938.

3

פינסקי דער דראַמאַטורג

בראשית איז דוד פינסקי אַ דראַמאַטורג. אויך אַלס בעלעטריסט, אַלס דערציילער און ראָמאַניסט, איז ער אַ דראַמאַטורג. אין זיין יוגנט־חלום האָט ער זיך געזען אַלס שוישפּילער, אַלס פאַרטרעגער פון דיאַלאָג אויף דער בינע. און טיילווייז איז זיין יוגנט־חלום מקוים געוואָרן. דער ניצרץ פון שוישפּילער איז אין אים געבליבן. מען דערקענט עס לויט זיין קול, לויט זיינע זשעסטן, ווען מען הערט און זעט אים ריידן פון דער פּלאַט־פאָרמע. און גאָר באַזונדערס דערקענט מען עס, ווען ער לייענט פאַר זיינע ווערק. ווען ער לייענט פאַר זיינע אַ דראַמע, שפּילט ער זי בעסער אויס, ווי אַן אַקטיאָר וואָלט עס געטאָן.

אָבער אַזוי ווי מיט 50 יאָר צוריק איז ביי יידן קיין טעאַטער נישט געווען, און זיכער אויך צוליב איינגעבוירענעם שריפטשטעלערישן טאַלאַנט, האָבן די אויסערלעכע און אינערלעכע אומשטענדן געבראַכט דערצו, אַז פון שוישפּילער איז ער געוואָרן דער צושטעלער פון שוישפּילעריי, דער שאַפער פון דראַמע. זיין דערציילונג איז פון אָנהויב אָן געווען דראַמע, געבויט אַרום צוזאַמענשטויסן, ראַנגלעריי און קאַמף. און וואָסערע קאַמפן זיינען דעמאָלט, אין די 90־ער יאָרן, געווען צו זען אויף דער יידישער גאַס? די רעשט פון אָפּגייענדיקן קאַמף פאַר השכלה און דאָס אויפקומען פון אַ נייעם נאָך גרעסערן קאַמף, פון קלאַסנקאַמף. די געבורט פון נייעם קאַמף האָט געדאַרפט פאַרהערלעכט ווערן. איז פינסקי, דער געבוירענער דראַמאַטורג, געוואָרן דער פאָטער פון דער קעמפערישער פּראָלעטאַרישער דערציילונג: דאָס איז געווען די פּראָלעטאַרישע דערציילונג, וואָס האָט

אים דערפירט ביז צו דראַמע. זיין טאַלאַנט איז געשטיגן צוזאַמען מיט איר. דער גאַנצער שפּעטערדיקער פּינסקי איז פאַרלייגט אין זיין אָנהויב, אין זיין ערשטן פּראָלעטאַריש־דערציילערישן פּעריאָד, פון 1892 ביז 1899, ווען זיין ערשטער איינאַקטער „יסורים״ איז געשריבן געוואָרן. פאַרדינט זיך פּראָלעטאַרישע דערציילונג מיר זאָלן געניער אין איר אַריינקוקן.

זיין ערשטער העלד איז געווען דער עקסטערן. די נייַנציקער יאָרן איז געווען די צייט פון די עקסטערנס, פון די יונגעלייט, וואָס האָבן געלערנט פאַר זיך, כדי אָפּצוגעבן עקזאַמען אויף פּראָ־גימנאַזיע, וואָס האָט באַרעכטיקט צו אַ דיפּלאָם פון אַפּטייקער־שילער, דערנאָך אויף אַלע זיבן קלאַסן גימנאַזיע, וואָס האָט באַרעכטיקט צו חלומען וועגן אוניווער־זיטעט. ווען נישט פאַרכאַפּט פון פּאַרטיי־אַרבעט, פלעגן זיי זייער בילדונגס־פּראָגראַם דורכזעצן ביזן סוף. טאָמער נישט, בפרט ווען זיי האָבן געהאַט טאַלאַנט, האָט אויך נישט אויסגעמאַכט. די עקסטערנס זיינען געווען די קינפּטיקע פּאַרטייער, די גרינדער און אָנפירער פון די בילדונגס־קרייז־לעך פאַר אַרבעטער. פּינסקיס עקסטערנס זיינען נישט געווען קיין ישיבה־פּראָדוקטן. זיי האָבן נישט מיטגעלעבט מיט די פרומע און זיינען קיינמאָל נישט געווען אינעווייניק אין דער פרומקייט. און דאָס האָט זיי געמאַכט פאַר גאָר שאַרפע אַגיטאַטאָרס.

דער צווייטער העלד פון פּינסקיס דערציילונג איז געווען דער האַנדלס־אָנגעשטעלטער, אויפן היימיש־וואַרשעווער לשון: דער משרת. דער האַנדלס־אָנגעשטעלטער, מיט זיין פלינקן קאָפּ, איז באַזונדערס פּעאיק געווען אויפצונעמען אויפקלערערישע אַגיטאַציע. דער דריטער העלד, וועלכער איז געוואָרן פּינסקיס הויפּט־העלד, איז דער אַרבעטער, די אַרבע־טערקע, וואָס האָבן געהאַט פאַר מיט־העלדן די, וואָס זיינען נאָענט צו זיי, דעם שווערן האַרעפּאַשניק, דעם טרעגער, דעם גאַסן־הענדלער, די גאַסן־הענדלערקע.

***

די ערשטע דערציילונג, אין 1892, איז „דער גרויסער מענטשנ־פריינד״. דאָס איז נאָך נישט קיין פולע דערציילונג, נאָר אַלעגאָרישע אַגיטאַציע, וואָס דעקט אויף די צוויפּנימדיקייט פון כלומרשטן בעל־טובה. „רב שלמה״ איז אַגיטאַציע פאַר בילדונג. דער עקסטערן ווייזט זיך שוין, דער געבילדעטער הונגעריקער. אין „געשלאָגן אַ טאַטן״, אַ דראַמאַטישער מאָנאָלאָג, איז דער עקסטערן שוין אַ העלד פאַר זיך, אָבער נאָך גאָר אַ שוואַבינקער העלד. געשטערט פון זיין פאָטער דעם גביר סיי אין זיין

שטרעבן צו בילדונג און סיי אין זיין ליבע צו אַן אַרבעטער־מיידל, ווערט ער האַלב־משוגע. אָבער פּינסקי לאָזט אים שוין נישט אָפּ. דער עקסטערן ווערט ביי אים שטייגן פון מדרגה צו מדרגה ביז צו שריפטשטעלער און קינסטלער פון זיינע שפּעטערדיקע דראַמען.

נאָך אַ גרעסערע פּעולה טוט פּינסקי מיט זיין צווייטן העלד, דעם משרת, און נאָך מער פּעולה מיט זיין דריטן העלד, דעם אַרבעטער. און עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פּינסקין, וואָס דער קאַמף, אין וועלכן ער שטעלט די צוויי העלדן זיינע אַריין, איז דער קאַמף פאַר שבת און יום־טוב. און אַט ווי אַזוי ער טוט עס: דער גביר, דער בעל־הבית וויל האָבן, אַז די אַרבעטער זאָלן קומען צו אים גוט יום־טוב ביטן, זיי זאָלן אים משמח זיין. דערנאָך קומט ער צו זיי אויף ברכה, זיי זאָלן אים נאָך אַמאָל משמח זיין.

איז עס אַ פאַקט, אַז דער ערשטער יידישער קלאַסנקאַמף האָט זיך אָפּגעשפּילט אַרום שבת און יום־טוב. צוערשט איז עס געווען די שטומע פאָדערונג פון פרומען אַרבעטער, אַז דער בעל־הבית זאָל נישט אָװעקרויבן ביי אים זיין שבת און יום־טוב. דער אַרבעטער איז באַרעכטיקט צו זיין אייגענער שמחה. דערנאָך איז עס געוואָרן פּראָסט־פּשוט אַ קאַמף פאַר ברויט. די ערשטע סטרייק־פאָדערונג פון דער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע איז געווען, אַז דער בעל־הבית זאָל נישט צווינגען זיינע אַרבעטער אָפּצואַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט מוצאי־שבת און מוצאי־יום־טוב פאַר זייער פרייען טאָג. די ברויט־פראַגע האָט זיך אַריבערגעהויבן איבער יום־טוב; ברויט, הייסט עס, איז נאָך וויכטיקער.

אָבער באַלד שטעלט זיך אַרויס, אַז פאַר פּינסקין דעם שריפטשטעלער איז דער יום־טוב פאַרט וויכטיקער ווי ברויט. דער יום־טוב גיט אים אַ דראַמאַטישן העלד, דער יום־טוב־מאַכער. דאָס איז געווען פּינסקיס אַנטדעקונג, אַז די ערשטע אַרבעטער־אַגיטאַטאָרס, אָרגאַניזאַטאָרס און סטרייק־פירער זיינען געוון יום־טובדיקע יידן, אַט די וואָס קאָנען משמח זיין, שפּילן, אימיטירן, דעקלאַמירן, מיט איין וואָרט, שוישפּילער, טעאַטראַלן.

אויב איר האָט אַ גוטן זכרון, וועט איר זיך דערמאָנען, אַז די ערשטע אַרבעטער־סאָציאַליסטן, וואָס פלעגן אַראָפּקומען פון די גרויסע שטעט אין די שטעטלעך, פלעגן אויך מיטברענגען חכמות, וויצן, לידער און אַלערליי לוסטיקייטן. „הפקר־יונגען״ — וואָס דערמיט פלעגן זיי די פרומע אָפּשטויסן, און נישט־אַזעלכע פרומע צוציען. פּינסקי אין זיינע דערציילונגען ווייזט אונדז, אַז אין די גרויסע שטעט, אין די וואַרשטאַטן, איז

אַט די שווישפּילעריי געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער עקאָנאָמישער ראַנגלעריי, מיט דעם קלאַסן־קאַמף.

אין דער דערציילונג „מען וואַרט" שילדערט ער ווי עס איז שוין נאָענט צו קבלת־שבת, און דער בעל־הבית פון דער דרוקעריי באַהאַלט זיך אויס, כדי נישט צו באַצאָלן די אַרבעטער זייער וואָך שכירות. אין דער דערציילונג „ערב־יום־כיפּור" מאָלט ער אַ בילד ווי איידער דער בעל־הבית מאַכט אַ חשבון מיט גאָט, מאַכט ער אַ חשבון מיט זיינע אַרבעטער, זאָגט זיי מוסר. און ביי איינעם רייסט ער אַרונטער פון געהאַלט אונטער פאַלשע אויסריידן, און אַ עלטערן פרומען אַרבעטער לייגט ער איינגאַנצן אָפּ. אין דער ערשטער דערציילונג איז ערב־סטרייק, אין דער צווייטער נאָך אַ סטרייק.ביידע דערציילונגען זיינען געפירט אין סצענישע דיאַלאָגן, און אין ביידע איז דער הויפּט־ראָליסט דער אַרבעטער־טעאַטראַל. ער קרימט איבער דעם בעל־הבית, שפּילט אין פאַראויס אָפּ די סצענעס, וואָס יענער וועט אָפּשפּילן פאַר די אַרבעטער, און אַזוי אַרום געלינגט אים, דורך דעמאַסקירן די פאַלשקייט פון בעל־הבית, צו צעבונטעווען די געמי־טער פון זיינע צוהערער.

***

מיט יעדער ווייטערער דערציילונג שטייגט דער דראַמאַטורג און זיין פעאיקייט צו דראַמאַטיזירן זיינע טעמעס. אין די ערשטע דערציי־לונגען ווערט די דראַמאַטיזירונג דורכגעפירט דורך קאָנטראַסטן, דורך קעגנשטיקער. אַרבעטער קעגן בעל־הבית. איין כאַראַקטער איז דאָס קעגנשטיק פון צווייטן. אַפילו איין מעשה איז אַ קעגנשטיק צו דער צווייטער. אין די ווייטערע דערציילונגען ווערט דער קאָנטראַסט אַלץ מער פאַראינערלעכט, ער ווערט אַ קאָנפליקט. „פאַרפאַלענער" איז פּינ־סקיס ערשטער פאַרזוך אויף אינערלעכער דראַמע אין דערציילונגס־פאָרם. די טעמע, דער עקל פון אַן אויפגעקלערטן אַרבעטער צו ווערן אַ פּורים־שפּילער. די דערציילונג איז דער רעזולטאַט פון יידישן אַרבעטערס־דער־נעענטערונג צום סאָציאַליזם. מסתמא איז דער העלד אַלס יונגערמאַן געוועזן אַ סאָציאַליסט. זיין האָניק־חודש מיט זיין פרוי איז ליבע, וואָס איז אַנגעהלומט מיט אידעאַל. דערנאָך קומען קינדער און נויט. פאַר נויט צווינגט ער זיך איינמאָל צו ווערן אַ פּורים־שפּילער, אין וואָס ער ווייזט גרויס טאַלאַנט. אָבער זיין האַרץ איז געבראָכן. ער ווערט אַ שיכור.

דאָס איז אַן אָפּענטפער אויף שלום עליכמס פריילעכע פּורים־שפּי־לער פון גבירס־וועגן. די סאָציאַליסטישע וואַרשע קריטיקירט דאָ די באַ־

לעבאַטישע קיעוו. שלום עליכמס שיינער בעל־הבית, זאָגט וואַרשע — איז שיין, כל זמן מען שניידט אים נישט אויף, מען צעלייגט אים נישט אויף טעלער און מען בייסט אים נישט איין. אדרבא, ווי פאַרהאַלט זיך דער שיינער בעל־הבית צו זיין דינסט, צו זיין משרת?

שלום עליכם קאַטעוועט אויך בעלי־בתים, צו באַוויזן, אַז זיי זיינען נישט קיין שיינע, נאָר מיאוסע בעלי־בתים, אָבער שיינע בעלי־בתים — געבענטשט זאָלן זיי זיין, הלוואַי וואָס מער אַזעלכע! פינסקי וויל אָבער באַוויזן, אַז אפילו דער שענסטער בעל־הבית איז פריער פון אַלץ אַ בעל־הבית. אין „ערב יום־כיפור" איז דער בעל־הבית אוודאי און אוודאי אַ שיינער בעל־הבית, אָבער וואָס טוט ער צו זיינע אַרבעטער אין סאַמע ערב יום־כיפור?

דער יום־טוב האָט פאַר פינסקין זיין דינסט געטאָן, דער יום־טוב מעג גיין. ער האָט געוואונען זיין העלד, דעם קינסטלערישן שוישפילערישן פאַרשוין; זיין האַנט איז געאיבט אין דראַמאַטיזירן, אינסצענירן. פריער פון אַלץ גיט זיך אים אין די סצענע. נייך, נאָך פריער איז די אידייע. עס איז ביי אים דער היפוך ווי ביי שלום עליכמען. שלום עליכם גייט פון לשון אַרויף צו כאַראַקטער און סיטואַציע. פינסקי בויט זיין דערציילונג, ווי עס איז געווען דער גאַנג פון זיין אייגענער אַנטוויקלונג, פון דער אידייע אַראָפּ צו סיטואַציע וועלכע לייגט זיך ביי אים אויס אין אַ סצענע. האָט ער די סצענע, פילט ער זי אויס מיט לעבנס־שטאָף; מיט כאַראַקטער און לשון.

ער וואַרפט אַרויף אויף זיינע פאַרשויבען כאַראַקטער, לויט ווי עס בעט זיך לויט דער סיטואַציע, און גיט זיי לשון, לויט ווי עס בעט זיך לויט זייער כאַראַקטער, און עס איז אַ כלל גדול ביי פינסקין עד היום, אַז לשון קרעפּטיקט זיך, היימישט זיך ביי אים מיט דער אָנגעשפּאַנטקייט פון דער דראַמאַטישער סיטואַציע. קאָן ער שאַפן דראַמע דאָרט, וואו ביי אַנדערע וואָלט געווען בלויז אַן אומגליקלעכער צופאַל. אַ ביישפיל, די דערציילונג „שרה לאה". אַן אַרבעטער, אַ הויז־פאַרבער, פאַלט אַראָפּ פון די רישטאַ־וואַניעס. ווען מען זאָל עס פשוט דערציילן, איז עס פשוט אַן אומגליק. אָבער ווען ער פאַרבט, זעט ער זיך הויז, זיין הויף, זיין פרוי און קינדער. מאַכט ער צו זיי מיט דער האַנט און וויל זיי עפּעס צושרייען. דעמלט פאַלט ער. און ווען ער גוססט, ווייזן זיך אים בילדער פון זיין יונגער ליבע, פון זיינע יוגנט־חלומות, און די בילדער פאַלן צונויף מיט דעם קלאַגן פון שרה לאה. די דערציילונג לייענט זיך אַזוי געשפּאַנט, אַז מען קאָן זי לייענען עטלעכע

מאָל נאָכאַנאַנד, ווי מען קאָן זען עטלעכע מאָל איינע און די זעלביקע אויפֿ־פירונג. די דערציילונג ווי זי איז, מיט איר געשפּרעכיקער סצענישקייט, לאָזט זיך אויפֿפירן, אַפּילו מיט די געדאַנקען פון דעם גוסס.

***

די פרוי קומט פון אַנהויב אָן אַריין אין פּינסקיס דערציילונגען. דאָס ווייב, די טאָכטער זיינען די ערשטע פּראָטעסטאַנטקעס. זיי אַגיטירן דעם משרת, ער זאָל זיך ניט לאָזן דערנידעריקן פון בעל־הבית. דערנאָך קומט זי אַלס זעלבסטשטענדיקע העלדין, די שווישפּילערישע אשת־חיל, די גאַסן־הענדלערקע, וואָס פֿאַראיבלט זיך גאָר שטאַרק, וואָס איר מאַן דער שלימזל צווינגט זי צו זיין אַ הענדלערקע. דער עיקר קומט זי, אַלס די צוטרע־גערין פון ליבע און ליבע איז דאָך אַ דראַמאַטורגישער הויפּט־מיטל, אָנ־געלאָדן מיט שפּאַנונג און קאָנפליקט. פּינסקי דער דערציילער־דראַמאַטורג איז פון אָנהויב אָן פאַרליבט אין ליבע.

און קענטיק איז, אַז סיי די מענער־העלדן און סיי די פרויען־העל־דינען זיינען פאַרקאָנספּירירטע סאָציאַליסטן. פאַרקאָנספּירירט, אַניט וואָלט מען דאָך אַרעסטירט סיי די העלדן און סיי דעם מחבר. אָבער מען מוז צוגעבן, אַז די פּאָליציי, די צענזור האָבן דעם שריפטשטעלער פּינסקי אַ טובה געטאָן. זיי האָבן אים געצוואונגען אַריינצוטאָן דעם סאָציאַליזם אין כאַראַקטער פון זיינע העלדן, ניט דער סאָציאַליזם זאָל בלייבן הענגען ווי אַן אידייע איבער זייערע קעפּ.

***

אין 1896 פאַרלאָזט פּינסקי וואַרשע, מיט איר פּאָליציי און צענזור, און קלייבט זיך אַריבער קיין בערלין. אין 1897 גרינדעט זיך דער „בונד", פון די זעלביקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, פאַר וועלכע ער האָט ביז אַהער געשריבן זיינע דערציילונגען. די גרינדונג פון „בונד" איז אַ גרויס גע־שעעניש פאַר דעם שריפטשטעלער. ער ווערט געשפּאָלטן אויף צוויי העלפטן. איין העלפט איז פאַרקראָכן אין דער אונטערערדישער, אומלע־גאַלער פּרעסע. אין די דערציילונגען, וואָס ער דרוקט אומלעגאַל, שיילט זיך די אידייע אַרויס פון כאַראַקטער און הויבט זיך אויף איבער דער דערציילונג. די טענדענץ נעמט פירן אַ זעלבסטשטענדיקע — אַלעגאָרישע, אָדער סימבאָלישע — עקזיסטענץ. אָבער די צווייטע העלפט פון שריפט־שטעלער, וואָס דרוקט זיך אין דער לעגאַלער פּרעסע, גייט אָן מיט איר נאָרמאַלן אַנטוויקלונגס־גאַנג, מיט אַלץ פעסטערן רעאַליזם, מיט אַלץ שטייגנדיקער קאָנפליקט־פאָרמערונג, מיט אַלץ טשיקאַווערע ליבע־זיגזאַגן.

די „מלחמה מיט גאָט", מיטן אַלט־גלויבן, איז אַ הויפּט־פּראָבלעם פאַר ביידע העלפטן. „דער קוימענקערער" איז אַ קליין קלאַסיש ווערק, וואו ביידע העלפטן מאַכן שותפות אין אַ וואונדערלעכער קאָמבינאַציע פון אידייע, כאַראַקטער און סיטואַציע.

דער מהלך פון דער היים גיט אים ברייטן האָריזאָנט. די וועלט־שטאָט בערלין, זיין סאָציאַליסטישע באַגייסטערונג צינדן אים אָן מיט לוסט צו גרויסע אונטערנעמונגען. דער געבוירענער טעאַטראַל זעטיקט זיין אויג טאָג־טעגלעך מיט גרויס־טעאַטער. עס דערוואַכט אין אים דער דראַמאַטורג. זיין ערשטע פולע דראַמע, „אייזיק שעפטל", אין 1899, איז דירעקט אַרויסגעוואַקסן פון זיינע פּראָלעטאַרישע דערציילונגען. די דראַמע איז זייער סך־הכל. פון דעם נאָך גרעסערן מהלך אַמעריקע, וואו ער האָט זיך איבערגעקליבן אין 1899, עפנט זיך פאַר אים נאָך אַ ברייטערער האָריזאָנט. מיט אַ בליק צוריק צו דער אַלטער היים, שאַפט ער די גרעסטע יידישע קאָמעדיע, „דער אוצר", אין 1906, וואו עס ווערט אונטערגעפירט דער סך־הכל צום אַלט־היימישן שטעטלשן לעבן. די וועגן פון פּינסקיס דראַמאַטורגיע צעלויפן זיך אין פאַרשיידענע ריכטונגען. איין וועג האָט אים געפירט צו דער סימבאָלישער דראַמע, וואָס האָט פאַר איר פּרוּװשינע זיין הויפּט־דראַמאַטורגישן טיטל, דער ליבע־קאָנפליקט. קאָמבינירט מיט דעם סאָציאַלן קאָנפליקט, האָט דער וועג געגעבן „גאַברי און די פרויען", „די בערגשטייגער", „דעם לעצטן סך־הכל". דער צווייטער וועג, זיין גליקלעכסטער, האָט אים געפירט צו דער יידישער געשיכטע. געשיכטע איז אָן אויפגעהויבענע בינע, און פאַר פּינסקין דעם דראַמאַטורג איז דאָס ווי צוגעמאָסטן. דער וועג האָט דערלאַנגט זיינע משיח־דראַמען מיט זייער פינאַל, „דער בעל־שם און דער גזלן", וואָס ליגט נאָך אין כתב־יד. דער דריטער וועג האָט אים געפירט קיין ארץ־ישראל. נאָך דער יידישער געשיכטע איז ארץ־ישראל אָן אויפגעהויבענע בינע, פון וואַנען יעדער קלאַנג דערלאַנגט זיך מיט אַ הונדערטפאַכן ווידערקלאַנג. זיין צוועק איז דאָ דערזעלביקער וואָס אין די „משיח־דראַמען" — ער זוכט אַ רעאַלע היינטיקע פאַרקערפּערונג פאַר דער היסטאָריש־סימבאָלישער יידישער דערלייזער־געשטאַלט. זיין פערטער וועג באַצוועקט די אַריינדרינגונג אין די אַרומנעמונג פון אַמעריקע. ער האָט דערגרייכט ביז צום גרענעץ צווישן מזרח־אייראָפּעאישן קרייז און אַלט־געזעסענעם יאַהודימשן קרייז. אין זיינע ראָמאַנען „אַרנאָלד לעווענבערג" און „דאָס הויז פון נח עדאָן" האָט ער דעם גרענעץ שוין אַריבערגעשפּרייזט.

זיינע ראָמאַנען און זיינע דערציילונגען, ביז צו זיין לעצטער דערציילונג

„יודענהאָס״, אין יולי־נומער „צוקונפט״, לויפן פּאַראַלעל מיט זיין דראַמאַ־טורגיע. זיי זיינען דראַמען צום לייענען און פּאַרצולייענען, און אַלע זיינע וועגן זיינען איין וועג: דורך די איבער 50 דראַמען זיינע, דורך זיין גאַנצן 50־יאָריקן שאַפן איז ער ווי אין געיעג צו אַ יידישער וועלט־דראַמע, וואָס זאָל איינפאַסן דעם איצטיקן טראַגישן מאָמענט. עס וואָלט געווען אַ יושר פון דוד פּינסקיס וועגן און פון דער יידישער ליטעראַטור, ווען אַ מאָנאָגראַ־פיע זאָל געשריבן ווערן, וואָס זאָל אויספאָרשן פּינסקיס אַלע וועגן, כדי צו פאַרלייכטערן אים דעם צוטריט צו זיין לעבענס־ציל: די יידישע וועלט־אַרומנעמענדיקע דראַמע. וועט ער צו זיין 70־יאָריקן יובל דערצו נישט זוכה זיין?

„פאַרבאַנד שטימע״, נאָוו., 1942.

4

די וועגן פון דוד פּינסקיס דראַמאַטורגיע

עס איז נישט אָפּצוטיילן דוד פּינסקין דעם דראַמאַטורג פון דוד פּינסקין דעם דערציילער. עס בעט זיך אַ גלייכצייטיקע באַהאַנדלונג פון פּינסקיס 50 יאָר בעלעטריסטישן שאַפן און 43 יאָר דראַמאַטורגישן שאַפן. זיין בעלעטריסטיק און זיין דראַמאַטורגיע לויפן פּאַראַלעל — אין אָפּ־קלייב פון העלדן און סוזשעטן. עס איז אוממעגלעך דורכצופירן אַזאַ פאַר־גלייך אין פאַרלויף פון איין אַרטיקל. עס איז אָבער נישט אויסצו־מיידן אַריינצוקוקן וויפל נישט איז אין זיין ערשטן דערציילערישן פּעריאָד — פון 1892 ביז 1899. אין זיין דערציילונג איז שוין געווען די דראַמע. זי האָט אים דערפירט צו דער דראַמע.

דוד פּינסקי איז דער פאָטער פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער דער־ציילונג. ער האָט זי, זי האָט אים, איינגעשטעלט.

זיין ערשטער העלד איז געווען דער עקסטערן. — דער עקסטערן איז געווען דער קינפּטיקער פּאַרטייער, דער גרינדער און אָנפירער פון אַרבע־טער־קרייזלעך. אין „געשלאָגן אַ טאָטן״ איז דער העלד אַ דורכגעפאַלענער עקסטערן. אַ גבירס אַ זון, וואָס גייט צום פאָלק, ברידערט זיך מיט אַרבע־טער. געוואָלט אַליין אַן אַרבעטער ווערן — נישט געקאָנט, נישט געטויגט. פאַרליבט זיך אין אַן אַרבעטער־מיידל — אַ נייטערקע. דער טאַטע שטעלט

זיך אַנטקעגן, ווערט ער משוגע. — אַ מאַנאַלאַג — דער ערשטער דראַמאַ־טישער סימן.

די ערשטע אמת פולע דערציילונג איז „דער פריילעכער גביר" — דעם גבירס שמחת־תורה. אין 1894 קומען זיבן דערציילונגען, וואָס האָבן דעם יידישן יום־טוב פאַר זייער טעמע — אַלע ווי געשריבן פאַר פּרצעס „יום־טוב־בלעטלעך", פון וועלכע דוד פּינסקי איז געווען דער מיטגרינדער. — פאַרוואָס עפּעס יום־טוב? — כדי אַרונטערצורייסן דעם יום־טוב? דאָס אויך. עס איז דעם גבירס יום־טוב.

דער עיקר אָבער: פּינסקי, דער קינפטיקער דראַמאַטורג, האָט באַ־דאַרפט דעם יום־טוב כדי אַרויסצופירן זיין העלד — דעם יום־טוב־מאַכער, דער ספּעציאַליסט אויף משמח צו זיין — דעם וויצלער, דעם ווערטל־זאָ־גער, דעם קונצן־מאַכער, דעם זינגער, דעם טענצער, דעם איינגעבוירענעם קינסטלער, דעם שוישפּילער. עס איז געווען פּינסקיס אַנטדעקונג, אַז דער אַקטיאַרישער טיפּ אַרבעטער איז געווען דער ערשטער יידישער קלאַסנ־קעמפער — דער קריטיקער, דער אַפּיקורס, דער אַגיטאַטאָר. דער סטרייק־צוגרייטער און אָנפירער.

פּינסקי, דער קינפטיקער דראַמאַטורג, האָט אָט דעם טעאַטראַל, מיט זיין שפּילערישקייט געדאַרפט האָבן. דאָס איז אפשר דער גאַנצער צוועק געווען פון זיינע יום־טוב־דערציילונגען — אַרויסצוברענגען דעם טעאַט־ראַל. ער העלפט אים אינסצענירן, דראַמאַטיזירן. — דער יום־טוב האָט זיין דינסט געטאָן. דער יום־טוב מעג גיין.

נאָך זיבן יאָר הכנות איז דער דראַמאַטורג פאַרטיק — דעם פערטן יאַ־נואַר 1899, שרייבט ער זיין ערשטע דראַמע — דעם איינאַקטער „יסורים". אָבי דער אָנהייב איז געמאַכט געוואָרן, און זיין דראַמאַטורגישע אינספּי־ראַציע האָט גענומען פליִיצן ווי אַ שטראָם. ער שרייבט דראַמען ווי אַ גייסטיק באַטרונקענער. גענוג פאַר אים אַ געפיל פאַר אַ סיטואַציע, אַ פאַרגעפיל פון כאַראַקטער, און ער זעצט זיך אַוועק און די דראַמע וואַקסט פון אונטער זיין פען. „אייזיק שעפטל" — זיין צווייטע דראַמע האָט ער אָנגעשריבן אין 11 טעג. דורכשניטלעך נעמט אים אַ דראַמע זעקס וואָכן. אין 1906 האָט ער אָנגעשריבן דריי קאַפּיטאַל־דראַמען: „דער אוצר", „דער אייביקער ייד", „יענקל דער שמיד". — זייט דעמלט האָט ער אָנגע־שריבן ביי 60 דראַמען, ביי 50 געדרוקטע. פאַר באַקוועמלעכקייט וועל איך זיי איינטיילן אין גרופּעס, און פון יעדער גרופּע נעמען אַ ביישפּיל אָדער צוויי. אָבער די זיבן דראַמען פון דער ערשטער גרופּע — פון

„יסורים" ביז „יענקל דער שמיד" — דארפן אלע באהאנדלט ווערן. זיי זיינען דער יסוד פון זיין דראמאטורגיע.

„יסורים" — די אריגינעלע סיטואציע, פון וועלכער עס זיינען ארויס־געוואקסן פינסקיס ערשטע דערציילונגען; די סביבה, פון וועלכער עס שטאמען און וואו עס האבן פארקערט די „עקסטערנס" — די אינטעלי־גענטן, האלב־אינטעליגענטן און אינטעליגענטקעס, וואס זיינען געגאנגען אין פאלק. פארקאנספירירטער סאציאליזם און פארקאנספירירטע ליבע. ליובא, א באלעבאטיש מיידל, איז חברטע־געליבטע פון לערער מיידאנסקי, א שניידערס א זון.ביידע קאנספיראציעס פלאצן אין איין טאג דורך דעם ארעסט פון לערער. — אין זעלביקן יאר 1899 „אייזיק שעפטל" — אפולע פראלעטארישע דראמע אין דריי אקטן — מיט דריי העלדן פון פינסקיס באליבטן קינסטלערישן טיפ: אייזיק שעפטל אליין, דער הויפט העלד, וועלכער איז א דערפינדער, זעליק „דער שוישפילער", דער קאמענדיאנט, דער פריילעך־מאכער און לייזיק, וועלכער האט יינגלוויז געטרוימט צו זיין א מאלער. אלע דריי — ארבעטער אין גאלדינס שמוקלעריי. די לעצטע צוויי זיינען קינפטיקע סטרייקפירער; אבער אייזיק שעפטל איז צופיל קינסטלער, צופיל פארטאן אין זיינע דערפינדונגען. צוויי דערפינדונגען האט ער שוין געמאכט, און נישט וועלנדיק זיך שיידן מיט זיי, פארקויפט ער זיי צו זיין באלעבאס בחצי־חינם, כדי האבן זיי אלעמאל פאר די אויגן. אבער אויף דער דריטער דערפינדונג ארבעט ער שוין דריי מעת־לעת, נישט געגעסן און נישט געשלאפן, און עס געלינגט אים נישט! דער באלעבאס סטראשעט, דאס ווייב וויינט אויף זיין קאפ. גייט ער אויף מארגן צו דער ארבעט. אבער „איך קאן נישט, איך קאן נישט, איך קאן נישט!" — די הענט רירן זיך נישט. די חברים ארבעטער שיכורן אים אן, כדי ארויסצושלאגן אים פון מרה־שחורה. גייט ער ארויס פון די כלים. צעברעכט זיינע צוויי דערפינדונגען, פארשווינדט, און שפעט ביינאכט ווען ער קומט אהיים, העלפן נישט די בארואיקונגען פון די חברים, קרובים און שכנים. ער שטרעקט זיך אויס אויפן דיל אין טיפסטער פארצווייפ־לונג, און ביינאכט — גערן צי אומגערן — פארסמט ער זיך פון טעלער מויזן־סם.

עס איז איינגאנצן אן אינערלעכע פאסירונג אין נשמה פון הויפט־העלד: — די יסורים פון שאפן. אבער פינסקי האט די אינערלעכע דראמע איינגעשטעלט אין אזא געדיכטער שילדערונג פון סאציאלן עלנט, און די שילדערונג ארומגענומען מיט א קייט פון בחור־מיידלשע שטיפערייען, און די אינסצענירונג האט ארויסגעוויזן אזויפיל היימישן פאלקס־לשון

— אַז די אינערלעכע דראַמע און די סאָציאַלע ראַם שמעלצן זיך צונויף אין איין שטיק און באַוועגן זיך מיט איין באַוועגונג. — און אַט די ערשטע פּראָלעטאַרישע דראַמע האָט זוכה געווען בלויז צוויי מאָל געשפּילט צו ווערן — פון בן־עמי. האָט פּינסקי מער רעאַליסטישע סאָציאַלע דראַמען פון דעם מין נישט געשריבן. און דאָס איז אַ גרויסער פאַר־דרוס און אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר אונדזער דראַמען־ליטעראַטור.

אין 1896 האָט דוד פּינסקי געהאַט פאַרלאָזט וואַרשע און זיך אַרי־בערגעקליבן קיין בערלין; אין 1900 קלייבט ער זיך אַריבער קיין אַמע־ריקע. — מיט דער נייער יידישער וועלט קעגן דער אַלט־היימישער יידי־שער וועלט, מיט אַ לעבעדיקן יידישן טעאַטער פאַר די אויגן, און מיט אַטאַ בראַמס „דייטשעס טעאַטער” אין זכרון — גורט ער זיך אָן פאַר נאָך גרעסערע טעאַטער־אונטערנעמונגען. די ערשטע געשריבענע אין אַמעריקע אַ דראַמע—„די מוטער”—הייבט זיך אָן אַ לאַנג סעריע פון פּינסקיס דראַ־מאַטישע אויספאַרשונגען פון ליבע־פּראָבלעם. ליבע איז דאָך אַ דראַ־מאַטורגישער הויפּטמיטל, אַנגעלאָדן מיט שפּאַנונג און קאָנפליקט. פּינסקי דער דערציילער־דראַמאַטורג איז פון אָנהייב אָן פאַרליבט געווען אין דער ליבע־טעמע. די פראַגע ווערט דאָ געשטעלט: וועמעס ליבע איז גינציקער, בעטרייער, אָפּערוויליקער — פון דער מוטער צו די קינדער, אָדער פון די קינדער צו דער מוטער. און די פראַגע ווערט פאַרענטפערט: קינדער־ליבע איז עגאָאיסטישע ליבע, מוטער־ליבע איז מסירת־נפשדיקע ליבע.

די סביבה קענטיק איז פּינסקין געווען צום געגויסטן באַקאַנט — עס רעדט זיך אים צום נאַטירלעכסטן. אַ געבילדעטע באַלעבאַטישע משפחה. די ליבעס־דערקלערונג צווישן די צוויי עלטערע מענטשן איז אַ מוסטער פון פּינסקיס סצענישער בריהשקייט. די שטורמישע סצענעס האָבן געדאַרפט ברעכן די „ברעטער” און די הערצער. דאָס פּראָבלעם איז קינסטלעך אויפגעשרויפט — יאָ, אָבער אין אַ דראַמע איז דאָס דערלויבט. „די מוטער” איז געווען אַ קעגנשטיק צו סטרינדבערגס דעמלט מאָדישן „דער פאָטער”, און איז געשפּילט געוואָרן פון קעני ליפּצין.

אָפּליגנדיק פאַר אַ ווײַלע די „פאַמיליע צבי”, געשריבן צווישן 1903 און 1904, געפינען מיר ווידעראַמאָל די אויפשרויפונג פון ליבע־פּראָבלעם אין איינאַקטער „גליק־פאַרגעסענע”, געשריבן דעם 7־טן דעצעמבער 1904 — פון דעם קרייז, וואָס איז געווען פּינסקין צום אָנגענטסט אין וואַרשע. דריי אינטעליגענטן: אַן אייגנטימערין פון אַ שניידעריי, אַ מוזי־קערין און אַ הינקענדיקער לערער. דאָ נאָך אַ פערטער הויפּט־ראָליסט

— אַ יונגער שריפטשטעלער־דראַמאַטורג, וואָס ווייזט זיך אָבער נישט אויף דער בינע. ער וועט זיך ווייזן מערערע מאָל אין פּינסקיס ווייטער־דיקע דראַמען, אומעטום וואו הויכע ליבע־פּראָבלעמען דאַרפן גע־לייזט ווערן. די פראַגע ווערט געשטעלט: וועלכע איז די גרויסע ליבע. — די האַנדלונג פון דער דראַמע ענטפערט: די שניידערין, אַ גרויסע פאַרדינערין, האָט מקריב געווען איר אייגענעם חלום וועגן שטודירן, כדי איר יינגערע שוועסטער זאָל קאָנען שטודירן אויף מאָלערין. זי איז פאַר־ליבט אין שריפטשטעלער, און זי באַקומט אַ חשד, אַז ער האָט אַריבער־געטראָגן זיין ליבע אויף דער יינגערער. איינמאָל שוין זיך מקריב געווען, איז זי זיך מקריב צום צווייטן מאָל — זי באַשליסט חתונה צו האָבן מיטן הינקענדיקן לערער, כדי אָפּצוציען ביי איר שוועסטער דעם חשד, אַז זי נעמט אַוועק ביי איר, דער עלטערער, דעם חתן, און דורך דעם זאָל איר גליק צעשטערט ווערן. — אָט דאָס הייסט ליבע! — ליבע געכפּלט אויף קרבן!

ביז אַהער נאָך אַלץ נאָכקלאַנגען פון היימישע דערפאַרונגען. אָבער אין דער אַלטער היים קומען פאָר געשעענישן, וואָס פּינסקי האָט נישט דורכגעמאַכט. איבערברעכנדיק זיך דורך דעם מהלך ביז אַמעריקע, פאַר־גרעסערן זיי זיך אין זייער זינען, ווי אַנגעקוקט דורך אַ טעלעסקאָפּ. איצט זעט מען ערשט, וואָס פאַר אַ פּעולה אַמעריקע האָט מיט פּינסקין געטאָן. ער זעט זיי אויף אַן אויסגעברייטערטן האָריזאָנט, אויסגעשטרעקט דורך די צייטן, אין אַ געשיכטלעכער פּערספּעקטיווע, אין זייער פולער גאַנצקייט. ער זעט זיי ווי סדר־הכלען. די ערשטע פּיעסע פון דעם נייעם מין איז „פאַ־מיליע צבי". אויפגעפירט אין 1905 אין ניו־יאָרק, אין רוסיש, פון אָר־לענעוון, האָט די אויפפירונג געמאַכט אַ פוראָר אַפילו אין דער ענגלישער פּרעסע.

אַ פּאָגראָם־פּיעסע, און דאָך מער ווי אַ פּאָגראָם־פּיעסע. עס איז ערב־פּאָגראָם, און אין הויז פון משה דעם שטאָט־מגיד זיינען פאַרזאַמלט זיינע אייניקלעך. ליפּמאַן דער ציוניסט, ראובן דער בונדיסט, און לעאָן, דער אַסימילאַטאָר, אַ דיכטער, וואָס גלייבט נישט ,אַז אַ פּאָגראָם וועט זיין. ס'עפנט זיך מיט אַ וויכוח, אָבער מער וועלן קיין וויכוחים נישט זיין. איבער די אייניקלעך נעמט גראַדנוויז שטייגן די געשטאַלט פון זייער זיידן.

דער פּאָגראָם ברעכט אויס. ליפּמאַן און ראובן לויפן צו די זעלבסט־שוצן פון זייערע פּאַרטייען. אָבער משה לויפט אין שול אַריין: — יידן צו אַלע צייטן האָבן זיך מוסר נפש געווען די ספר־תורהס זאָלן חלילה נישט געשענדעט ווערן — ווי וועט ער דאָרט נישט געפינען אַן עולם יידן? —

ער געפינט צוויי בטלנים — פרומע לערנער, וואָס פּאַר שרעק באַהאַלטן זיי זיך אונטער דער שול צוזאַמען מיט די חזירים. לויפט ער צום רב, צו די דיינים, געפינט ער זיי אויף אַן אסיפה ביים גביר דעם שתדלן, וועלכער גיט זיי אויך פּלענער ווי צו באַשיצן די תורה דורך מסרן אויף די סאָציאַליסטן, די אַפּיקורסים. לויפט ער צו דער באַהעלטעניש אין וואַלד — פאַרשטעלן זיך די יידן ווי זיי שטייען שמונה־עשרה, טאָרן נישט מפסיק זיין, און ווילן פון שמונה־עשרה נישט אויסגיין. אויפן וועג צוריק אין שול אַריין דערזעט ער ביי דער סאַמע שול ידישע הייזער, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט צלמים אין די פענצטער. ברעכט ער ידישע שויבן. שטעלט ער זיך אַוועק איינער אַליין מיט אַ שטיק אייזן ביים אָרון קודש. און פונקט ווען זיין אייניקל לעאָן רייסט זיך אַריין מיט אַ רעוואָלווער צו באַשיצן דעם זיידנס לעבן — „מיך באַשיצן? די תורה זאָלסטו באַשיצן!" — פאַלט ער אַ טויטער. — משה איז די אויפגעהויבענע פאַן פון דער נשמה־שטאַרקער אַלטער ידישקייט, פאַר וועלכער ס'גייען פאַרביי אין אַ שענדלעכער פּראָצעסיע די פאַרשטייער פון דער היינטיקער מוטערלאָזער ידישקייט. די שאַרפסטע קריטיק. צום שפּילן איז דאָ גאָר אַ סך. כאָטש אַליין איז ער אַ סימבאָל, וואָס וויפל ער לויפט נישט און שרייט, איז ער אינערלעך אומבאַוועגלעך, אָבער פון אָט דער קינסטלער־אויפגעהויבענער משה־געשטאַלט האָבן זיך אַרויסגענומען פּינסקיס אַלע משיח־דראַמען. וואָס די ערשטע פון זיי — „דער אייביקער ייד" — איז געקומען אין צוויי יאָר אַרום, אין 1906 — צוזאַמען מיטן „אוצר" און „יענקל דער שמיד".

„דער אוצר" — אַ טראַגיקאָמעדיע אין פיר אַקטן — איז דער סך־הכל פון אַלע סך־הכלען, וואָס פּינסקי האָט פון מהלך אַמעריקע אונטערגעפירט אונטער אַ יאָר טויזנט פון היימיש־שטעטלשן לעבן. עס איז פּינסקיס קרוינווערק — מיט דעם פאַרנעם פון די גרויסע וועלט־דראַמעס. איך וויל גאָר דעם אינהאַלט נישט איבערגעבן. עס מוז געלייענט און איבערגעלייענט ווערן. עס איז אַן איראָנישער משפט איבערן שטעטלשן לעבנס־שטייגער. אַ פאַנטאַזיע ווי אַ גלאָק איז אויפגעהאַנגען איבערן שטעטל, און אַלץ ווערט פון איר אַנגעצויגן, אַלץ נעמט זיך באַוועגן — דאָס שטעטל מיט אַלע זיינע פאַרשוינען, קלאַסן און גראַדן, חברות, צדקות און פּרנסות — מיט אַלע זייערע וואונטשן און חלומות — אַ נאַכטפּאַראַד אויף אַ בית־עולם — אויספאַלגנדיק די קאָמאַנדע פון אַן אידיאָט, וואָס מיט זיין געפינען אַ הייפעלע גאָלדענע מטבעות האָט אַנגעצונדן דעם הויפּט־וואונטש אין דעם הויפּט־חלום פון דער שטעטלשער אָרעמקייט און רייכקייט: — נתעשר ווערן!

דאָ ערשט זעט מען פינסקיס מייסטערשאַפט אין אינסצעניר׳ן אַן אידייע, פון אויבן אַראָפּ; די אידייע ווערט באַלעבט, באַפּעלקערט; זויגט זיך אָן מיט לשון — וואו אַ וואָרט, אַ זאַץ, איז פון עמעצנס מויל אַרויסגענומען. וואו האָט פינסקי אַזויפיל לשונות זיך אָנגעהערט? — און יעדער זאַץ פון אָרט נישט צו רירן; טרעפט פונקט אין צייט און אין פּלאַץ. און מען זעט אויך זיין מייסטערשאַפט אין מאַסן־כאַראַקטעריזירונג דורך קורצן שפּרוך און אויסגעשריי. אַ הונדערט טיפּן אויסגעשניצט דורך דער צונג — מיט דעם הויפּט־טיפּ, וואָס אינספּירירט אים פון אָנהייב אָן — דעם קינסטלערישן טיפּ: דעם קברות־מאַנס טאָכטער, וועלכע איז אַ שוישפּילערין, וואָס שפּילט די מיליאָנערשע אויף איין טאָג, וואָס זי האָט דאָס מיט איר שוישפּילערישער פאַנטאַזיע אָנגעשטעקט די שטאָט.

און אָט די ערשט־קלאַסישע יידישע פּיעסע — הגם אויפגעפירט פון מאָריס שוואַרצן אין 1926 און אַ צייט פריער אין דייטש פון ריינהאַרטן און אין ענגליש דורך דער טעאַטער־גילד, און וואָס איר שטודיום איז אַריין אין קוריקולום פון די אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטן, — אָט די יידישע וועלט־פּיעסע איז נישט אַריין ווי אַ פּערמאַנענטער באַשטאַנדטייל אין יידישן רעפּערטואַר!

דאָס פרוכטבאַרע יאָר 1906 האָט פינסקי פאַרענדיקט מיט „יענקל דער שמיד”. נישט קיין סאָציאַלע, נאָר אַן אינדיווידועלע דראַמע. מיט דער פּיעסע האָט פינסקי וואָס מחדש געווען: — ער האָט די אויספאָרשונג פון ליבע־פּראָבלעם, וואָס ביז אַהער פלעגט ער אָנטרויען בלויז אינטע־ליגענטן, אַריינגעטאָן אין אַ פּראָסטן חי וקים. דערבאַר אָבער איז יענקל אַ קינסטלערישער טיפּ — אַ הפקר־יונג, אַפילו אַ הולטאַי, און פאַר פריי־לעכקייט שיכורט אַ ביסל. שיין איז ער, שטאַרק איז ער, און אַ בעל־פרנסה נאָך דערצו. באַגעגנט ער קיין ווידערשטאַנד נישט, און ער לאָזט זיך וואוילגיין מיט פרויען. ווייל ער אָבער געווינען אַ שטאָלצע אידעלע צנועה, וואָס ער ווייסט, אַז זי וועט געבן ווידערשטאַנד, און אומגעריכט פאַר זיך אַליין, געווינט ער זי. — דער מיטלפּונקט פון דער דראַמע איז, וואָס יענקל איז חושד, אַז זיין ווייבל איז אים חושד, אַז ער האָט מורא צוריקצופאַלן צו דעם הולטאַי, ווען דער יצר הרע אין דער געשטאַלט פון נאָכגיביקער פרוי וועט אים באַלאַגערן. און דאָס ווייבל איז אים חושד, אַז ער איז זי חושד אין דעם חשד. ביי אָט די דינע ציטערדיקע שטעלן האָב איך געציטערט, אַז אָט וועלן ביידע בעמען פילאָזאָפירן וועגן צו־טרוי אין ליבע מעשה אינטעליגענטן. אָבער ניין, פילאָזאָפיע איז אין מחבר, נישט אין די העלדן.

ווען דוד קעסלער האָט די ראָלע געשפּילט, האָט ער די אַלע ציטעריק אָנגעסטרונעוועטע פילאָזאָפישע שטעלן אויסגעלאָזט. אָבער מיט זיין גרויסאַרטיקן שפּילן האָט ער די פילאָזאָפיע געגעבן צו פילן. ער איז אַליין געווען אַ שטיק יענקל — אַ שטורמישער טעמפּעראַמענט מיט אַ שטומער צונג.

מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט פּינסקי דעם דראַמאַטורג — מיט זיינע סודשעטן, פאַרשווינען און זיינע מעטאָדן. וועט שוין לייכטער זיין צו ציי־כענען זיין ווייטערן וועג זייט 1906. עס איז געווען נישט איין וועג, נאָר מערערע וועגן. — איצט, אַז ער האָט מער נישט דעם היימישן לעבנס־שטאָף פאַר די אויגן, האָט ער נישט געהאַט קיין לבוש אָנצוטאָן אויף זיינע פאַרשווינען. אַמעריקע האָט זיי אויסגעטאָן אָדם־נאַקעט. האָבן זיך אָנ־געצייכנט פאַר אים צוויי וועגן: אַרויסצופירן זיינע פאַרשווינען אויסגעטאַ־נענע פון יעדן לבוש אָדער פּרוּוון אָנטאָן אויף זיי גראַדנוויז אַ נייעם אַמעריקאַנעם לבוש. פּינסקי האָטביידע זאַכן געטאָן.

דער ערשטער וועג פון אויסגעטאָנענע דראַמען, אויפגעהויבענע אויף אַן אַבסטראַקטן פליין, נישט געבונדענע צו קיין אָרט און צייט — איז געווען דער לייכטערער. ער איז דאָך געניט געווען אין אַרויסשיילן און אויפהייבן אין דער לופטן אידייען. דאָס האָט ער געטאָן אין די עטלעכע דראַמען, וואָס פאַרשן־נישטערן אין ליבע־פּראָבלעם. צום ליבע־פּראָבלעם האָט ער זיך ווידער צוגעכאַפּט — אין אַ צענדליק דראַמען, וואָס פרעגן, פרוּוון אויף אַלע אופנים דעם מאַן און די פרוי. די ליבע פירט אַ וויכוח, פּילפּולט זיך אַפילו, פילאָזאָפירט, און ער האָט אויך פאַרשווינען, וואָס זיינען ווי באַשאַפן פאַר דעם — שריפטשטעלער, קינסטלער, וואָס האָבן נאָך די מעלה, וואָס זיי לאָזן זיך לייכט אידענטיפיצירן מיט יעדער העכערער געזעלשאַפט. זיי זיינען אינטערנאַציאָנאַל, קאָן מען זיי אויך אָננעמען פאַר אַמעריקאַנער.

אין דעם איינאַקטער „מיט זיגערפאַנען" באַזיגט אַ יונגער דיכטער דעם פאָטער פון אַ 17 יעריקער מיידל, וואָס ער האָט פאַרליבט אין זיך — מיט זיין הייסער פאַרטיידיקונג פון פרייער קינסטלער־ליבע. פאַרקערט, אין „פּראָפעסאָר ברענער" דערשרעקט זיך אַ באַרימטער 50־יעריקער מאָ־לער אויף טויט, ווען אַ 20־יעריק מיידל באַט זיך אָן צו ווערן זיין ווייב.

אין דער דראַמע „דריי" — געדרוקט געווען אין אַ שיקאַגער זשור־נאַל און איך האָב עס נישט פאַר זיך — זיינען אַ דיכטער און אַ מאָלער פאַרליבט אין איין מיידל, און זי ליבט זיי ביידן גלייך. שלאָגט זי פאַר גורל וואַרפן, כדי אַרויסצופירן זי פון גלייכגעוויכט. די ליבע ווערט דאָ געמאָסטן און געוואויגן אויף הערעלעד.

עס איז נישט אַבסטראַקט, ווי איך באַשרייב דאָ, איז דאָך פּינסקי אַזאַ בריה אויף איינסצענירן און כאַראַקטעריזירן. אַפילו ווען זיינע פּאַר־שוינען שוועבן אין דער לופטן, קאָן ער זיי איינהאַלטן אויף דער בינע. אָבער עס איז פּאַרט בעסער, ווען עס איז קענטיק, וואו ער האָט זיי גענומען, פון וועלכן לבוש ער האָט זיי אויסגעטאָן. אין „גאַברי און די פרויען" איז קענטיק, אַז ער האָט זיי אָפּגעשריבן פון אַמעריקאַנער פאַרמער־פּיאָנערן, וואָס זיינען געגאַנגען אין דער ווערסט שטעלן נייע ישובים, ווען די ווערסט איז נאָך געווען פריי. — גאַאיל, די טאָכטער פון אַ רייכן פאַרמער, פאַרליבט זיך אין זייער געוועזענעם אויפזעער גאַברי. אירע עלטערן נעמען עס אָן פאַר אַ גרויסער באַליידיקונג און זיי אַנטלויפן אין די בערג. די ליבע שטראַמט אויס אין יונגע יום־טובדיקע רייד, אָבער דער שטראָם לייגט זיך פאַרט אויס אין געשפּאַנטער דראַמע. יאָרן פאַרגייען, און עס איז אונטערגעוואַקסן די קליינע, אַ יתומה, דאָס טעכטערל פון גאַברים אַ פריינט, וואָס ער האָט זי געהאָדעוועט. אין דער איינזאַמקייט פון די בערג האָט די תאווה זיי ביידן אַנגעצונדן — די קליינע און גאַברין. גאַאיל פאַרנעמט די קינדער, פאַרט צו די עלטערן און קומט צוריק. די תאווה האָט זיך איבערגעברענט. ביידע פרויען מיט גאַברי, ווען דער מאַן אין אים וועט זיך אויסלעשן? די קליינע ענטפערט: ניין! גאַאיל — יאָ. די ליבע, די געטרייע, די ליבע געכפּלט אויף פליכט, די פרוי פון פליכט — זי איז די זיגערין.

הענריעטאַ שניצער, וועלכע האָט געשפּילט גאַאיל, האָט אַריינגע־טראָגן אַזויפיל חן אין איר געטרייער ליבע, אַז דער איינדרוק פון יום־טובדיקייט איז עד היום געבליבן איינגעקריצט אין זכרון.

איך בין חושד, אַז פּינסקי אַליין האַלט פאַר זיין בעסטער סימבאָלי־שער דראַמע „די בערגשטייגער". זי קאָמבינירט ביידע מאָטיוון — ליבע־מאָטיוו און דעם סאָציאַלן. אַ סובלימירטע, געליטערטע סאַטירע אויף דער היינטיקער ציוויליזאַציע — מיט פיר פּאַרלעך, וואָס קלעטערן באַרג אַרויף צום אונטערגאַנג — אַ דיקטערישע פּאָרל, אַ מיליטערישע, אַ מיליאָנערסקע, און אַן אַרבעטער־פּאָרל, וואָס טראָגט דאָס גאַנצע געפּעק. ווידער אַמאָל איז די ליבע די געטרייע, די פליכטליבע, די פליכטפרוי, די לעצטע זיגערין — אַפילו איבערן טויט.

אַזוי אויך אין „לעצטן סך־הכל", אויפגעפירט אין 1924 אין קליין טעאַטערל פון בראָנקס. אַ סאַטירע אויף דער האַנדלס־וועלט, אויף דער וועלט פון געלט. עס איז אָפן אַן אויפגעשרויפטע פאַנטאַזיע — פאַר דעם

צוועק צו באַווייזן, אַז אין לעצטן סך־הכל בענקט אויך די וויסטע נשמה פון געלט־מענטש נאָך דער געטרייסטער פרויען־ליבע.

פינסקי האָט אויך געשריבן אַ צענדליק איינאַקטער פון דעם זעלביקן אויסגעטאָגענעם סימבאָליש־סאַטירישן מין. און ווידער אַמאָל די בעסטע פון זיי זיינען די, וואָס דער רעאַלער לבוש איז נאָך קענטיק אויף די פאַר־שוינען: — „דער דאָלער" וואָס ווערט אָפּט געשפּילט פון די קליינע ענג־לישע טעאַטערלעך. אַ טרופּע וואַנדערנדיקע אויסגעהונגערטע אַקטיאָרן גע־פינען אויפן וועג אַ דאָלער. און עס ווערט אַ געשלעג — ביז עס קומט אַ חברה־מאַן מיט אַ רעוואָלווער און נעמט דעם דאָלער צו פון זיי. אַזוי ווי די טיפּן: דער קאָמיקער, דער טראַגיקער, דער אינטריגאַנט, די ליבהאָ־בערין אאַז"וו זיינען באַקאַנט, גיט דער איינאַקטער דעם פולן איינדרוק פון ווירקלעכקייט.

אָבער דער בעסט־בעסטער פון אַלע איז דער כמעט רעאַליסטישער „אָפּגעזאָגט" — געדרוקט אין „צוקונפט", אין מערץ 1932. — אין דע־פּרעסיע־צייט זאָגט אַ פירמע אָפּ אַן אָנגעשטעלטן, וואָס איז עלף חדשים אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט. פאַר אים — אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע, איז ווי אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. ער חלשט עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד. אין זיין חלשות זעט ער זיך צווישן זיין הויזגעזינט, רעדט צו זיי אויפן קול, ביז ער רעדט זיך איין טויט אַריין. דער קאָנווערט, מיט דער לעצטער שכירות, מיטן אָפּזאָג, ווערט צעריסן, כדי די פּרעסע זאָל זיך נישט דערוויסן.

דער איינאַקטער איז שוין גאָר נאָענט צום אָנגעטאָגענעם אַמעריקאַ־נישן רעאַליזם. וואָלט דאָך פינסקין געדאַרפט נאָך אַ סך לייכטער זיין אָנ־טאָן אויף זיינע פאַרשוינען אַ ייִדיש־אַמעריקאַנישן רעאַליסטישן לבוש? האָט ער עס טאַקע געטאָן. און דאָס איז געווען דער צווייטער וועג, וואָס פינסקי האָט זיך אָנגעצייכנט און וואָס ער האָט אים אָנגעהויבן גיין פיר יאָר נאָך „גאַברי און די פרויען". „גאַברי" איז געשריבן געוואָרן אין 1908 — „יעדער מיט זיין גאָט" אין 1912. עס הייבט זיך אָן, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, מיט דעם אָנקומען פון אַ גרינעם, וואָס דאַרף זיך ערשט אַמעריקאַניזירן. דער גרינער, אַ געפאַלענער שיינער באַלעבאָס, זעט ווי אַמעריקע האָט „אַמעריקאַניזירט" די נאָענטע זיינע: קעמפער, אידעאַ־ליסטן פון דער היים, האָבן זיי דאָ אָנגעוואוירן זייער גאָט, זייער גלויבן, זייערע אידעאַלן. די נויט, דאָס גרייעג נאָכן שטיקל ברויט, טרייבט זיי צום פיזישן און מאָראַלישן אונטערגאַנג. באַשליסט ער זיך אויף אַ פאַר־צווייפלטן רעטונגס־מיטל: ער וועט זיך וואַרפן אונטער אַ קאַר... אָבער שוין אין שפיטאָל ליגנדיק, האָט ער חרטה. ער וועט נישט מאַנען פון דער

קאַר־קאָמפּאַניע, וואָס זי איז אים גרייט צו באַצאָלן. די האַנט האָט ער פאַרלאָרן, אָבער זיין נשמה וועט ער נישט פאַרלירן! — אַ נס פּאַסירט. פּונקט אין צייט קומט אָן פון שיקאַגאָ אַ נשמה־רעטער. אָבער דער נשמה־רעטער קומט צו שפּעט אין דער דראַמע. פון אָנהייב אָן האָט ער גע־דאַרפט זיין אַ ווירקנדיקע פּערזאָן. מיט זיין שפּעט קומען שפּיליעט ער אָפּ די צווייטע העלפט פון דער ערשטער העלפט פון דער דראַמע.

גאַנצער, געבונדענער, צונויפגעשמידטער און שטאַרקער איז די צווייטע רעאַליסטישע דראַמע פון 1914 — „בעסער נישט געבוירן ווערן" — אויפגעפירט פון בן־עמי אויף דער פּראָווינץ — באַטש אַ זייטיק בילד, אָן זייט פון יידישן לעבנס־שטראָם, אָן ערלעכער שטאַרקער טאַטע, אַ זון, וואָס שטודירט אויף דענטיסט, וואָס האָט אַ כלה, וואָס וואוינט מיט אַ שטאָק העכער, אָבער איצט איז זי אין דער קאַונטרי. — און אַ טאָכטער איז דאָ, אַ ציניש אַמעריקאַניזירטע, וואָס איר צינישע חכמה איז, אַז אַ מאַן איז אַ חיה, וואָס ווערט געפרעסן פון תאווה; זי וועט איר אייגענעם חתן, אַפילו איר אייגענעם ברודער נישט געטרויען. — פּאַסירט, אַז אין דער כלהס וואוינונג געפינט מען אַ מיידעלע, אַ דערשטיקטע און געשענדעטע. מען איז חושד אָן איטאַליענער, אָבער דער טאַטע איז פון אָנהייב אָן חושד דעם זון. צווינגט ער אים זיך מודה זיין און צווינגט אים זיך אַליין אָנצוטאָן אַ מיתה. די כלה קומט אָן, ווי דאָס האַרץ וואָלט איר געזאָגט, אַז אַן אומגליק איז געשען. ער האָט ליב די כלה ווי דאָס לעבן, אָבער ווען זי איז נישט געווען לעבן אים, האָט די תאווה אים איבערגעוועלטיקט. ער ווייסט נישט פאַרוואָס און פאַרווען. אַז עס איז בעסער נישט געבאָרן צו ווערן. נאָך דער כלהס באַזוך, פאַרסמט ער זיך. — די גאַנצע צייט, פון אָנהייב ביזן סוף פון דער דראַמע פילט מען די שפּאַנונג פון עלעקטריק טשער.

אויף אַ ברייטערן שליאַך איז „ליבעס קרומע וועגן" — אַ פּיראַקטיקע דראַמע, אָנגעשריבן אין אַ וואָך צייט — פון 3־טן ביזן 9־טן אויגוסט, 1918 — און אויפגעפירט אין זעלביקן יאָר פון מאָריס שוואַרצן. אַריינגע־צויגן איז דער ניי־אויפגעקומענער קלאַס יידישע גבירים, מיט זייערע „אַמעריקאַניזירטע" טעכטערלעך, די בעל־תאווהניצעס, וואָס „ליבן", כל זמן עס ליבט זיך. (אָן איידעלע אַמעריקאַנערין איז ביי פּינסקין נינאַ מאַרדען, פון דער פּיעסע „נינאַ מאַרדענס ליבעס". נינאַ מאַרדען וויל פאַרזוכן דעם טעם פון תאווה, אָבער דער תאווה גופא גיט זי נישט נאָך.) — אַריינגעצויגן איז אויך די מלחמה, מיט דעם הויפּט־העלד פון דער דראַמע אַלס מלחמה־העלד. אַ קאַליקע, ווערט ער אָן זיין רייכע כלה. — אַ גע־

מישטע, אַ געשטוקעוועטע פון מערערע מאָטיוון דראַמע; איז „בעסער נישט געבוירן ווערן", פאַרט אַ בעסערע דראַמע, כאָטש נישט אויף אַזאַ ברייטן שליאַך.

פינסקי האָט יאָ געמאַכט אַ פאַרזוך אַרומצונעמען דאָס גאַנצע יידישע לעבן פון אַמעריקע — מאַכן אַ סך־הכל פון גאַנצן היגן יידישן האַנדל־וואַנדל — ווי דער „אוצר" האָט געמאַכט אַ סך־הכל פון אַלט־היימישן לעבן. — געטאָן האָט ער עס אין דער פּיעסע „דער שניידער ווערט אַ קרעמער", וואָס ער רופט עס גראָטעסק און וואָס איז אין 1938 אויפגעפירט געוואָרן פון פעדעראַלן טעאַטער־פּראָיעקט. דער שניידער, אויפן וועג צו ווערן אַ קרעמער און צוריקוועגס צו ווערן צוריק אַ שניידער, גייט דורך אַ פּאַראַד פון פּעטערס, מומעס, קונים, קהלסלייט און האַלד־אַפּני־ניקעס, פון חברות וואָס ראַטעווען געבראָכענע קרעמער, ווען מען וועט זיי צוצאָלן, און חברות, וואָס ראַטעווען יידן פון קרעמעריי דורך באַזעצן זיי אויף לאַנד אָבער קיין לאַנד גיבן זיי נישט, נאָר עצות. עס איז אַ פּריילעכער פּאַראַד, דאַרף מען צוגעבן, אומעטום ווערט געזונגען און געטאַנצט, און דער שניידערל מיט אַלעמען. ס'איז כמעט אַן אָפּערעטע, און ווען עס וואָלט געווען ביי אונדז אַ גוטער אָפּערעטן־טעאַטער, וואָלט מען זיך געקאָנט גאַנץ גוט אַמוזירן ביי דער פּיעסע; אָבער צו מדרגה פון „אוצר", וואָס זאָל פאַר־סך־הכלען דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע, קומט עס נישט. נישטאָ דאָ די גליקלעכע צוזאַמענפּאָרונג פון רעאַליזם און פאַנטאַזיע — וואו די פאַנטאַזיע ווערט אויפגעהאַנגען ווי אַ גלאָק, וואָס ציט אַן די רעאַליטעט.

אָבער פינסקי האָט יאָ געפונען אָט די גליקלעכע צוזאַמענפּאָרונג, אָבער נישט אויפן וועג פון היינטצייטיקן רעאַליזם, נאָר אויפן דריטן וועג, וואָס ער האָט זיך אָנגעצייכנט אין די זעלביקע יאָרן, ווי ער האָט אָנגעהייבן ציען זיין רעאַליסטישע ליניע — ווי אין פּאַרגעפּיל, אַז אָט די ליניע וועט נישט זיין אַזאַ מזלדיקע. פינסקיס דריטער וועג איז אויפן היסטאָרישן פּלעין.

די ערשטע פּיעסע פון דעם מין איז „מרים פון מגדלה" — אַ פּיעסע אין דריי אַקטן — געשריבן אין 1911 — אַ יאָר פאַר „יעדער מיט זיין גאָט". — ניין, דאָס איז נישט פינסקיס ערשטע היסטאָרישע פּיעסע. די גאָר ערשטע איז געווען „דער אייביקער ייד", וואָס צו איר וועל איך נאָך צוקומען. — אין יאָר 1911 איז פינסקי געווען אין רעכטן ברען פון ליבע־אויספאָרשונג, און מרים פון מגדלה, נישט געקוקט אויף איר היסטאָרישן נאָמען, וואָס איז צוגעבונדן צום נאָמען פון יעזוסן, איז ביי פינסקין דער

עיקרשט אַ ליבע־פֿאַרשעריִן — די אָריגינעלסטע ליבע־פֿאַרשעריִן, און דערפֿאַר טאַקע איז זי אַ צעלאָזענע פֿרוי. „איך בין געבוירן געוואָרן די מענער צו באַגליקן, און ווענוס איז געוואָרן מיר מיין גאָט“. — זי פֿירט דורך פֿאַר פּינסקין דעם שטאַרקסטן מעטאַפֿיזישן ליבע־דועל: — וועלכן מאַן וועט זי נישט באַזיגן? — זי פּרובירט יעדן מאַן מיט איר אויגנשפּיל: וועט ער אויסהאַלטן איר בליק און נישט באַזיגט ווערן? — זיגט איבער דעם פֿירער פֿון די קנאים, און איבער אַ צדיק, וואָס פֿאַסט תעניתים אין אַ הייל. נאָר יעזוס איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט די פּראָבע אויס־געהאַלטן. איז זי געוואָרן יעזוסעס הייליקע בתולה. — דוד פּינסקי נעמט דאָ יעזוסן אַ פּאַרטיקן, לויט דער לעגענדע: אַ וואונדערמאַן! עס איז קיין יעזוס־דראַמע, נאָר אַ ליבע־אויספֿאַרשונג־דראַמע. און עס איז נישט קיין היסטאָרישע דראַמע, נאָר אַ האַלב־היסטאָרישע.

„מרים פֿון מגדלה“ איז געווען דער אַריינפֿיר. און לכתחילה האָט ער זיך גענומען צו „דודן און זיינע ווייבער“ צוליב זיינע ווייבער, און צוליב זיין, פּינסקיס, אינטערעס אין דער פֿרוי אַלס ליבע־טרעגערין און אין אירע פֿאַרשיידענע מעטאָדן פֿון ליבע־צוטראָגן. אָבער אַזוי ווי דוד המלך איז דאָ געווען פֿאַרמישט, האָט ער, דער זיגער איבער גליתן, אויך באַזיגט די פֿרויען אין פּינסקיס אינטערעס, און אַזוי אַרום איז פּינסקי צוגעפֿירט גע־וואָרן צו היסטאָרישער דראַמע.

פֿיר איינאַקטערס פֿון דער דוד־סעריע — „מיכל“, „בת שבע“, „אבישג“, „אביגיל“ — קאָנקורירן פֿאַרן טיטל: „דער בעסטער איינאַק־טער“. גיב איך מיין פֿאָרצוג צו „אַביגיל“. — אַביגיל דאָס איז די פֿרוי פֿון נבל דעם מנוול, צו וועמען דוד פֿון מדבר האָט געשיקט זיינע יונגען צו בעטן תחנונים, ער זאָל געבן וואָס פֿון זיין שפֿע צו שטילן זייער הונגער און דאָרשט. די יונגען מיינען — דאָס איז אַ שפּיל אַזאַ ביי דודן, אָבער דוד איז איצט אין דער שטימונג פֿון אַן עניו, גאָטס קנעכט, וועלכער וועט אַ האָר אויפֿן שונאס קאָפּ נישט קרימען. די יונגען פֿאָלגן דודס באַפֿעל, און ברענגען אַ באַריכט, אַז נבל האָט זיי שרעקלעך געזידלט און באַליי־דיקט: בעטלער! הונגער־ליידער! היישעריקן אויף פֿרעמדע פֿעלדער! — און דוד, דער עניו, ווערט גלייך אַ קריגסמאַן, אַ נקמה־נעמער: צעשמע־טערן! צעראַבירן! — נאָר אָט קומט אַביגיל, וועלכע האָט אַן דעם וויסן פֿון איר מאַן צונויפֿגענומען מתנות פֿאַר דודן. אָבער נבל דערוויסט זיך גלייך און קומט אָן דרייטנדיק אויף אַן אייזעלע. זי באַהאַלט זיך הינטער אַ שטיין און הערט נבלס געשרייען: דו קענסט מיין ווייב!... זי איז דאָ ביי דיר געווען? דו אשת אישניק! דו אויסוואורף! דו נאַכט־רויבער!

די אַנטלאָפֿענער שקלאַף! — אַביגיל שפּרינגט אַרויס פֿון הינטערן שטיין: הער אויף! — און די יונגען נעמען רייצן נבלן מיט אַביגילס מתנות. פּלאַצט ער פֿאַר רשעות און פֿאַלט אַ טויטער. און זי, די פֿרומע טויב: — איך שעם מיך, וואָס איך קאָן נישט וויינען! און דוד צו איר: ווילסטו מיין ווייב זיין? — דיין דינסט וויל אַ דינסט זיין צו וואַשן די פֿיס פֿון מיין האַרס קנעכט.

עס איז אַלעמאָל דאָ ריטם אין פּינסקיס פּראָזע, און וואו מיט געפֿיל געלאָדן, בעט זי זיך דעקלאַמירט צו ווערן, און דאָ אין דער ביבלישער אַטמאָספֿערע, איז דער ריטם אַנגעקוואָלן ביז מעלאָדישקייט און קאָן איבער־געשריבן ווערן אין לידפֿאָרם. און עס איז עפּעקטפֿול דראַמאַטיזירט, מיט אַ סך פּנים אל פּנים צוזאַמענשטויסן. קיין שמץ פֿון הויך־רעדנעריי, הוילע דראַמאַטיזירונג. און אַפֿילו דער „הבימה" אין איר בעסטער צייט איז נישט איינגעפֿאַלן אויפֿצופֿירן עס!...

אַ דאַנק דוד המלכן איז דוד פּינסקי אַרויפֿגעהויבן געוואָרן אויפֿן היסטאָרישן פּלעין, וואו ער האָט זיך דערפֿילט אויף זיין נאַטירלעכסטער בינע. פֿון האַלב־היסטאָרישע איז ער אַריבער צו גאַנץ היסטאָרישע דראַ־מען. — פּינסקי איז אַלעמאָל אויף אַ געהויבענעם פּלעין. גרויען ערדישן שטויב פֿאַרטראָגט ער נישט. ער מוז דעם שטויב לייטערן. דערפֿון זיין דראַנג צו „אידיאַיזירן" — אונטערצוהייבן די רעאַליטעט מיט אידייע, מיט אויסטראַכטעניש, מיט פֿאַנטאַזיע, דערפֿאַר האָט די היסטאָרישע דראַמע פּינסקין אַזוי גוט געטאָן. זי איז געוואָרן זיין מזלדיקסטער וועג, דער אויס־וועג פֿון אַלע זיינע וועגן. אַלע זיינע ביז־איצטיקע וועגן זיינען געווען צוגרייטונגען צו דעם. — די היסטאָרישע דראַמע ירשנט אַלע זיינע עקס־פּערימענטן פֿון ביז אַהער. געשיכטע איז געלייטערטער לעבנסשטויב, אויפֿגעהויבענע רעאַליטעט, אויפֿגעלויכטענע בינע קאָן פּינסקי זיך פֿאַר־שפּאָרן צו „אידיאַיזירן". ער בלייבט אַ „רעאַליסט". זיין רעאַליזם דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס ער נעמט די געשיכטלעכע פֿאַקטן, ווי די טעקסט־ביכער פֿון געשיכטע גיבן זיי. ער קרימט זיי נישט, ער טאַשט זיי נישט איבער. זיינע היסטאָרישע דראַמען לייענען זיך ווי כראָניקעס. אין די פֿאַקטן גופא זעט ער אַריין זיין דראַמע. ער טייטשט זיי אויס פֿון אינע־ווייניק. אָבער זיינע אַריינזעאונגען און אַריינטייטשונגען לאָזן איבער די פֿאַקטן ווי זיי זיינען. — און זיין היסטאָרישע דראַמע ירשנט זיין גאַנצע פּרווו־פֿאַרשונג, זיין ליבע־מעטאַפֿיזיק פֿון ביז אַהער — מיט אַ גרויסער פֿאַרבעסערונג. דאָ ערשט באַקומט די פּרווו ביי פּינסקין איר פֿולן תיקון.

נישט נאָר איז זי די געטרייע פּליכט פּרוי און די ליבע־ליפּעראַנטין, זי איז אַ סך מער: זי איז די דערגענצערין, די באַשעפערין פון מאַן.

„אַלעקסאַנדער און דיאָגענעס" — אַ וועלט־געשיכטלעכע טראַגעדיע אין 5 אַקטן און 21 בילדער — געשריבן אין 1927 — איז די כראָניקע פון אַלעקסאַנדער מוקדונס קאַריערע — פון זיין צוג פון גריכנלאַנד, דורך זיין איינגעמען דעם אָריענט פון מצרים ביז אין די גרענעצן פון אינדיע — ביז צו זיין פריצייטיקן טויט. אַ גראַנדיעזע פּראָצעסיע: גריכישע פּאָליטיקער, מאַקעדאָנישע גענעראַלן, סאָלדאַטן, פילאָזאָפן, פירשטן, עגיפּטישע און גריכישע פּריסטער, קעניגינס, ליבהאָבערינס, זינגערינס און טענצערינס — איבער 75 פּאַרשוינען כאַראַקטעריזירט מיט זייערע פּנימער לויט זייער לאַנד און שטאַנד; און גלייכצייטיק אַן אינעווייניקסטע טראַגעדיע. ער איז אַ „פירער" אין היינטיקן זין פון וואָרט. אָבער אַ נאָבעלער פירער. זיין פירערישע אידייע איז: צו פּאַראייניקן אַלע פעלקער־קולטורן אונטער דער העגעמאָניע פון דער גריכישער קולטור. ביי זיין באַגעגעניש מיט דעם פילאָזאָף דיאָגענעס, אין סאַמע אָנהייב פון זיין קאַריערע, קריגט ער פון אים די וואָרנונג: דו וועסט געווינען די וועלט און זיך אַליין אָנווערן. און פינסקי זעצט דורך דיאָגענעסעס פּאַראויסזאָגונג. ער ווייזט די גראַדנווייזע צעפאַלונג פון אַלעקסאַנדערס פירער־חלום. די אַרמיי ווערט מיד און וויל צוריק אַהיים. די גענעראַלן מאַכן פאַרשווערונגען. און אַלעקסאַנדערס אינערלעכע צעפאַלונג: — ער, דער צוריקגעהאַלטענער, ווערט פאַר זיך אַליין נישט גענוג. נעמט ער זיך פאַר אַ געליבטער אַ האַלב־פּערסישע, האַלב־גריכישע טענצערין, ווי אַ סימבאָל פון פאַראייניקונג. דערנאָך נעמט ער זיך פאַר אַ ווייב אַ פּערסישע פּרינצעסין, פּוצט זיך אויס אין אָריענטאַלישער פּראַכט, כדי צוצוהאַלטן דעם אָריענט, וואָס דאָס רעגט נאָך מער אויף זיינע פאַר גריכישע פאַרגריכישטע גענעראַלן. ווערט אַלעקסאַנדער פון אַן אַדלמאַן אַן אכזר, וואָס מערדערט זיינע אינטימסטע פריינד. און אַז ער איז געוואָרן פאַרדאַרבן, איז ער געשטאָרבן. פאַרן טויט האָט ער נאָך אַמאָל אַ באַגעגעניש מיט דיאָגענעס אין אַ זעאונג: דיאָגענעס — זיין געוויסן — פירט דורך איבער אים אַ משפט. — איך קאָן נישט פאַרבייגיין די צווי סצענעס, וואו אַלעקסאַנדער געווינט זיינע צווי פרויען: זיי זיינען אינספּעצענירטע אידלקייט און פּאָעזיע. און איך וואָלט באַלד מסכים געווען מיט דער מיינונג, אַז „אַלעקסאַנדער און דיאָגענעס" איז זיין בעסטע דראַמע. איך געפין אָבער אַ טעכנישן חסרון: די גרויסע רעדעס וועגן פעלקער־פאַרברידערונג און קולטור־פאַרשוועסטערונג האַלט אַלעקסאַנדער צו שפּעט אין דער דראַמע. באַלד, ביים אָנהייב נאָך אין גריכנלאַנד האָט ער זי

געדאַרפט האַלטן. און עס וואָלט געווען לאָגיש אויך — נישט קיין גע־צוואונגענע אַרויסדייטשונג. איז ער דאָך געווען אַ תלמיד פון אַריסטאָטעלן. און מיט האַמערן פלעגט ער איינשלאָפן. און עס קאָן דאָך נישט זיין אַז בלויז געקויפטע גריכישע פילאָזאָפן האָבן אים אונטערשטיצט. און די פּאָליטיקער האָבן בלויז געבונטעוועט אָדער זיך אונטערטעניקט. האָט ער דאָך דאָס אַלץ געטאָן פאַר דער גלאָריע פון גריכנלאַנד! — דעמאָלט וואָלט די דראַמע אויסגעקומען גאַנצער און צונויפגעשנורעוועטער. אָבער סיי ווי איז פינסקין געלונגען איינצוראַמען אַ גרויס קאַפּיטל וועלט־געשיכטע אין אַ יידישער דראַמע.

אין די משיח־דראַמען איז דאָך פינסקי ביי זיך אינדערהיים. און די משיח־וויזיע איז דאָך אַליין אַ פאַנטאַזיע, וואָס הענגט ווי אַ רעגנבויגן איבער דער יידיש היסטאָרישן הימל — און ציט זי אָן אין דער הויך און פאַרבינדט און פאַרגאַנצט. און די משיח־וויזיע האָט דאָך נישט איין מאָל אינסצענירט אויפשפּילן אויף דער יידישער היסטאָרישער בינע. טוט זי דאָך וואָס פינסקיס אינסצענירונג־מעטאָד האָט אַלעמאָל געטאָן און זיי העלפן זיך גרויסאַרטיק איינס דעם אַנדערן: אַרויסהויבן גרויסן עולם, מאַסן־באַוועגונג, מיט מאַסן־כאַראַקטעריסטיק, מיטן כאַראַקטערישן לשון פון דער עפּאָכע — לויט די זעקס עפּאָכן פון זיינע זעקס משיח־דראַמען: — די עפּאָכע פון חורבן („דער אייביקער ייד"), פון תלמודישן נאָכן חורבן („רבי עקיבא און בר כוכבא"), פון מיטלאַלטער („דער שטומער משיח"), פון דער אינקוויזיציע („שלמה מולכו און דוד הראובני"), פון גזירת ת"ח („שבתי צבי און שרה") און פון דער עפּאָכע ווען דער ספר איז געוואָרן דעם יידנס קאַפּאַנשפּאַר און מען האָט געדאַרפט זוכן פאַר אים אַ האַרצאַנלען („דער בעל־שם און דער גזלן" — נאָך אין כתב־יד).

און ערשט אין די משיח־דראַמען קריגט די פרוי איר פולן שכר פאַר פינסקיס יאָרנלאַנגן פאָרשן אין איר האַרצן. אין „אייביקער ייד" איז זי בוכשטעבלעך די וואָס טראָגט אויס משיחן אונטערן האַרצן. ער ווערט איר געבוירן, לויט דער לעגענדע, אין דעם טאָג, ווען דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן. אַוועקגעטראָגן צו ווערן דורך אַ שטורעמווינט דורכ־צושוועבן 2000 יאָר. אין „שטומער משיח" איז רחל, די שטעלפאַרטרעטע־רין פאַר איר פאָטער, וועמען די פייניקער האָבן אויסגעשניטן די צונג. די צוויי דראַמען זיינען געשריבן — די ערשטע אין 1906, די צווייטע אין 1911 — נאָך איידער פינסקי האָט אַנטדעקט, אַז געשיכטלעכע פאַקטן דאַרפן געמאַכט ווערן צו ריידן פאַר זיך אַליין — אָן נביאיש־פּאַטעטישן אַריינריידן אין זיי.

דער אייגנטלעכער משיח־ציקל הייבט זיך אָן מיט „רבי עקיבא און בר כוכבא". די פראַגע וואָס צעטיילט דעם סנהדריך, איז: ווי דערפילט מען גאָטס רצון? רבי יהושע זאָגט: מיט פאַרלאָזן זיך אויף גאָט און מיט געדולדיקן איבערטראָגן דעם רוימישן יאָך. רבי עקיבא זאָגט: מיט דעם, וואָס יידן וועלן ווערן גאָטס מיטקעמפער אין באַפרייאונג פון יאָך. און ער געפינט אַ מיטהעלפער אין בר־כוכבאן. און דאָס איז געווען רחל זיין פרוי, וואָס דערקענט לויטן בליק, וואָס בר־כוכבא האָט געוואָרפן אויף איר, אַז ער איז מער פיזישער גיבור, ווי גאָטס גיבור. און עס באַשטעטיקט זיך. אַנשטאָט אָנצוטרויען זיך איינציק אַליין צו גאָט, וואָס דאָס וואָלט יידן געגעבן די גרעסטע גבורה, רופט בר כוכבא צו הילף די מצרים, די שומרונים, די אַפטריניקע און ער ווערט פאַרראַטן און פאַלט, דערגייט ביז צו גאָט־לעסטערונג און שטאַרבט.

גלייך אין דער אַריינפיר־סצענע צו „שלמה מולכו און דוד הראובני", וואו ראובני וואַרפט זיך אָפּ פון די מאַראַנען און מולכו, ענטפערט פינסקי אויף דעם רעטעניש, וואָס איז נאָך עד היום נישט געטראָפן: ווער איז געווען ראובני? — יאָ, ער איז געווען אַ יידישער פּאַטריאָט, אָבער אַ כיטרער פּאָליטיקער־אַקטיאָר, וואָס האָט געוואָלט אויסלייזן די יידן דורך אַ קונץ. און מולכו? זיינע זעאונגען און גימטריאות זאָגן אים, אַז ער איז עס משיח. אָבער ער צווייפלט. ער וואָלט גערן אָנפאַרטרויט די ראָלע צו ראובני. דאָס איז געווען דבורה פון צפת, וואָס האָט אים אַריינגעגעבן די ערשטע זיכערקייט, אַז ער איז עס. וואָס נעענטער צום שייטערהויפן, אַלץ זיכערער ווערט ער. אָבער פאַר קייזער קאַרל אין רעגנבורג רעדט ער נאָך אַלץ פאַר ראובני. וואָס ער האָט געטראַכט אויפן שייטערהויפן, דאָס קען פינסקי נישט וויסן.

אין „שבתי צבי און שרה" מאַכט פינסקי נאָך אַן אַנטדעקונג, וואָס די היסטאָריקער האָבן פאַרזען: אַז נישט נאָר זיינע זעאונגען און גימטריאות האָבן אין אים אַריינגעגעבן משיח־באַוואוסטזיין, נאָר אויך די יעזוס־געשטאַלט, און דאָס איז געווען שרה, די געהאַדעוועטע אין קלויסטער, אָבער אין אַפוועער פון קריסטנטום, וואָס האָט די יעזוס־געשטאַלט איבערגעטראָגן אויף אים. זי ווערט זיך קעגן זיין פיזישער באַרירונג, כדי צו בלייבן די אומבאַפלעקטע משיח־כלה, כדי די משיח־געשטאַלט זאָל איינגעבוירן ווערן אין אים — אומבאַפלעקט און אָן באַרירונג, און ווען ער פאַרראַט, איז שרה די ערשטע וואָס שטאַרבט.

פינסקיס משיחים זיינען נישט קיין דעקאָראַטיווע, ווי ביי די, וואָס נוצן דעם משיח־מאָטיוו פאַר אַ שיינער טעמע; און זיי זיינען נישט קיין

סוביעקטיווע, ווי ביי די, וואָס נעמען פון דער איגענער איבערלעבונג, אָדער פון זייער איגענער צוטראַכטונג, און גיבן עס משיחן צו; אַלץ וואָס פינסקי גיט צו, לייענט ער פון די געשיכטלעכע פאַקטן אַרויס.

„דער בעל שם און דער גזלן" — אַ פּיראַקטיקע דראַמע, אָנגעשריבן אין זעקס וואָכן, אין 1940 — דאַרף אויך צוגערעכנט ווערן צו דער משיח־סעריע: ער איז נישט משיח, נאָר אַ טרעגער פון משיח־בטחון אין פאָלקסהאַרצן. פון דער טראַדיציע נעמט פינסקי, לויט זיין מעטאָד, ווי אַ פאַקט, אַז נתגלה איז ער געוואָרן צו אַ באַשטימטן טערמין — אין זיין 36־טן יאָר, אַז פריער האָט קיינער גאָר נישט חושד געווען אין אים דעם בעל שם; און פינסקי גיט דערביי אַ ראָלע זיין פרוי חנה, אַז ביז צו זיין התגלות איז זי דאָס געשטאַנען וואָך איבער זיין הייליקן סוד. דער בעל־שם איז זיך נישט סומך אויף פסוקים און רמזים. זיי דינען אים נאָר אַריינצוטריפן משלים, ווי זיסע רפואות, אין פאָלקס־אויערן. און פינסקי באַשאַפט אייגענע משל־מעשות אין נוסח פון בעל שם. עס איז פינסקיס פאָלקסטימלעכסטע דראַמע, אין לויטער פאָלקס־סצענעס, אין זאַפטיקסטן פאָלקס־לשון.

דער בעל־שם אַליין איז אַ פאָלקסמענטש דורך און דורך, אויף אַזוי וויט, אַז אַ דאַרפסיונג, וועמעס פאָטער איז דערהרגעט געוואָרן פון גוים, ווערט זיין תלמיד, אָבער אין פאַרקערטער ריכטונג — ער וועט זיך איינשטעלן פאַר יידן; ער וועט נקמה נעמען פון די יידן־מערדער; ער ווערט אַ גזלן — אָבער אַ יידישער גזלן. און איטלעך מאָל, ווען ער לייגט אַוועק אַ פריץ אַ רשע, קומט ער צום בעל־שם: זע, וואָס איך האָב געטאָן פאַרן פאָלק ישראל, און וואָס האָסטו געטאָן? צום לעצטן מאָל אַז ער קומט, זאָגט ער צום בעל־שם, אַז ער גייט זיך איבערגעבן...

לויט איין מאָל אויסהערן דאָס לייענען פון דעם כתב־יד, איז עס אַ באַגליקנדיקע דראַמע — אויף איין מדרגה מיטן „אוצר".

איינגעאיבט זיך אויף משיח־דראַמען, האָט פינסקי אין „אלה תולדות נח" — „צוקונפט", 1937 — מיט דעם זעלביקן דורכגעלויכטענעם פאַקט־מעטאָד איבערדערציילט דעם חומש פון מבול ביז אברהמס צייטן. איז עס אַ חיות צו לייענען. מאָדערנע קלוגשאַפט שפּילט דורך דער ביבלי־שער נאַאיוויטעט. שם, חם און יפת נעמעןריידן צו אונדז הייטיקע. אַ מצווה אַריינצופירן די דראַמע אין די מיטלשולן.

און פינסקי צייכנט זיך אַ פערטן וועג אין אַ סעריע פון חלוצישע דראַמעס, וועלכע זיינען נאָך נישט געזאַמלט און אַ צאָל נאָך נישט גע־דרוקט. דער דערווייליקער איינדרוק איז, אַז דאָס פאַרשט ער און ניש־

טערט אין ארץ־ישראל־שטאָף, כדי אַרויסצוקריגן די הערצאַישע אילוזיע, וואָס זאָל אויפגעהאַנגען ווערן איבער ארץ־ישראל ווי אַ גלאָק. און דאָס דאַרף אים נישט פאַלן שווער. דער „זיידע" — אהרן דוד גאָרדאָן — אין ערשטן אַקט פון „דער כוח וואָס בויט" — „צוקונפט" 1934 — דער „חלוץ הגדול" אויף וועלכן עס זיינען דאָ אָנצוהערענישן אין אייגאַקטער „די שטיינער פון ליבע" — יידישער קעמפער" פון 24־טן יוני 1941 — זיינען ראוי צו ווערן די טרעגער פון דער אַלץ אַרומנעמענדיקער אילוזיע.

דוד פינסקיס דראַמאַטורגיע איז אַ טעאַטער פאַר זיך אַליין. און ווען דער פאַקטישער יידישער טעאַטע האָט קוים פלאַץ פאַר אים געמאַכט, איז עס צום שאָדן פון דער יידישער דראַמאַטורגיע און צום שאָדן פון יידישן טעאַטער. האָט דער יידישער טעאַטער זיך אַליין פאַראורטיילט. און ער איז באַשטראָפט געוואָרן...

„צוקונפט", 1942.

אברהם רייזען

אברהם רייזענס בלאַט אין דער יידישער ליטעראַטור

(צו זיין זעכציק־יאָריקן יובילײ)

דער פּעריאָד 1890—1908 איז אפשר דער מערקווירדיקסטער אין דער געשיכטע פון דער נייער יידישער ליטעראַטור: פון אַ ליטעראַטור פאַר ענגע קרייזן, פון די ספּעציעל פאַראינטערעסירטע, איז זי געוואָרן די ליטעראַטור פון יידישן פאָלק, ד. ה. אַ ליטעראַטור, וואָס דערפילט אַ געזעלשאַפטלעך נויטיקע גייסטיקע פונקציע און איז אָנערקענט פון פאָלק אַלס אַזעלכע. אוודאי האָבן די געשעענישן אין רוסלאַנד בייגעטראָגן דערצו: צווישן דער פּרעסנדיקער רעאַקציע און דער שטייגנדיקער כוואַליע פון רעוואָלוציע איז די פאָלקסמאַסע אויפגעוועקט געוואָרן, דער אַרבעטער האָט זיך געשטעלט אין אַ קאַמפּס־פּאָזיציע; די ערב־רעוואָלוציע שטימונג האָט דערנעענטערט דעם אינטעליגענט צו דעם פאָלקסמענטשן. ביי דעם פאָלקס־מענטשן האָבן זיך די אויגן געעפנט צו זען דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן אַרום. און זיין מויל האָט זיך געעפנט און געוואָלט באַרעדעוודיק ווערן און האָט געבעטן אַ שפּראַך מיט אַ ליטעראַטור־זכות, ווי ביי אַלע פעלקער. די אונטערגעקומענע רעוואָלוציע האָט דעם פּראָצעס פאַרענדיקט און געקרוינט, און פון באַדערפעניש אין דער ליטעראַטור איז געוואָרן אַ צוואַנגס־נויט.

און די יידישע ליטעראַטור איז אַנטקעגנגעקומען דער באַדערפעניש און דער צוואַנגס־נויט. אָבער אַליין איז זי דאָך ניט אַנטקעגנגעקומען. זי איז געטראָגן געוואָרן פון אַ וואַקסנדיקער גרופּע שריפטשטעלער; און ניט סתם געטראָגן געוואָרן; זי איז איינגעשטעלט געוואָרן פון די שריפטשטעלער צו קאָנען דערפילן אירע לייענער קינסטלעריש; אָפּשפּיגלען זיי מיט זייערע פנימער און נשמות, און אָפּשפּיגלענדיק זיי איבערגעשטאַלטן, איבערשאַפן.

דווקא ווען די ליטעראַטור האָט געשילדערט דעם אַלטן דור, האָט זי

באַשאַפֿן אַ יונגען דור: דער לייענער טוט זיך אַריין אין דער געשילדער־טער געשטאַלט, און טוט זיך אויס פֿון איר. ער לעבט זי איבער, און פּטור — ער איז באַפֿרייט. ער געזעגנט זיך מיט איר אין גוטמוטיקייט און פֿאַר־שטענדעניש, אין פֿריינטשאַפֿט, אין פֿרידן. אָן אַ מעכאַנישן ריס, אָן אַ גע־וואַלט־ריס.

(נאָך עד היום איז קענטיק, ווער עס צעשיידט זיך מיטן אַלטן דור אונ־טער דעם דרוק פֿון מעכאַנישער פּראָפּאַגאַנדע, און ווער אונטער איידעלער באַאיינפֿלוסונג דורך דער ליטעראַטור; מען דערקענט גלייך דעם ליטעראַ־טור־לייענער און מען דערקענט דעם ליטעראַטור פֿרעמדן; דער לעצטער בלייבט מיט אַלטן נפֿש אין תּוך אומפֿאַרענדערט, הגם זיין מויל שפּריצט מיט שנאה קעגן אַלטן; און דער אַלטער נפֿש קאָן זיך אין אים צוריק אָפּרופֿן. דער ליטעראַטור־לייענער אָבער, הגם גרינטלעך פֿאַרוואַנדלט, נעמט פֿאַרט איבער דעם בעסערן חלק פֿון דער ירושה.)

און דאָס איז געווען די עובֿדא פֿון דער ניי אויפֿגעקומענער יידישער ליטעראַטור: צו פֿאַרוואַנדלען אייך יידישן דור — פֿון קליינעם שטעטל, אָדער ענגען יידישן ווינקל פֿון דער גרויסער שטאָט — אין דעם דור, וואָס האָט דורכגעטראָגן אַ רעוואָלוציע. אומבאַמערקט פֿאַרן אויג, אין משך פֿון דער קירצסטער צייט, איז די פֿאַרוואַנדלונג געשען. די פֿאַרוואַנדלענדיקע ראָלע פֿון דער יידישער ליטעראַטור איז נאָך ניט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן.

אויף דעם יונגן אברהם רייזענען, וועלכער איז אַריינגעקומען אין דער ליטעראַטור אין פֿאַרלויף פֿון די 90־ער יאָרן, הויפּטזעכלעך אין דער צווייטער העלפֿט פֿון די 90־ער, איז אויסגעפֿאַלן דער שווערסטער חלק אין דער צוגרייטונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור פֿאַר איר היסטאָרישער ראָלע פֿון אַ פֿאַרוואַנדלערין: ער האָט אַריינגעפֿירט ליטע, דעם ליטווישן יידן אין דער ליטעראַטור, און אים אַרויסגעפֿירט אַ באַנייטן, אַ דער־פֿרישטן. — רייזען האָט אין גיכן פֿאַרלאָזן ליטע, און אויסגעוואַנדערט אַ וועלט, אָבער די גרונטדערפֿאַרונג וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין ערשטן העלד און מיט דעם ערשטן צוהערער פֿון זיין ליד, און דעם שאַפֿונגס־אינסטרומענט, וואָס ער האָט זיך אויסגעאַרבעט אין געבורטסלאַנד פֿון זיין טאַלאַנט, האָט ער מיטגענומען דורך אַלע זיינע וואַנדערונגען.

דער שווערסטער חלק פֿון דער אויפֿגאַבע איז אויסגעפֿאַלן אויף רייזענען, האָב איך געזאָגט, און דורכגעפֿירט האָט ער זי אויפֿן לייכטסטן אופֿן — אַזוי ווי קיין אַנדערן, מיט אַן אַנדער מעטאָד, וואָלט עס ניט גע־לונגען — און דאָס איז זיין הויפּט־אויפֿטו. זיין גאַנצער שפּעטערדיקער

אויפטו האָט זיך אַרויסגענומען פון דעם. ער האָט איינגעפּאַסט אין זיינע דערציילונגען אַנדערע שטחים לעבנס; ער האָט זיין אינסטרומענט אָנגעווענדט אויף פאַרשיידענע טיפּן מענטשן וואָס זיינען אין דער ליטע ניט געווען בנמצא; דער שטימונגס גראַד פון זיין ליד האָט זיך געהויבן; אָבער עס איז אַלץ געווען דערזעלבער אימפּעט און דערזעלביקער אינסטרומענט, וואָס האָט אים געדינט אי אין דערציילונג אי אין ליד — און ער האָט זיי ביידע, דעם אימפּעט און דעם אינסטרומענט, באַקומען אַלס שכר פאַר גובר זיין דעם ליטוואַק אין זיין יוגנט.

אַ שווערער פאַרשוין געווען אויף אַריינגעפּירט צו ווערן אין דער ליטעראַטור. ווי די לעגענדע האָט אים געוואָלט האָבן, איז ער געווען אָרים, הונגעריק און גרוי; מרה שחורהדיק און פאַרמוחט; כולו תכלתדיק און גראָשנדיק־פּראַקטיש; כולו מוח און מאָגן. גיי שפּייז מיט אים ליטעראַטור און גיי שפּייז צו אים ליטעראַטור, ווען ער דערלויבט זיך ניט קיין פרייע מינע און קיין פרייען אויפשפּיל.

אָבער עס איז געווען אַ צווייטע ליטע, פון וועלכער די לעגענדע האָט ניט געוואָלט וויסן. טאַקע אַ מעלאַנכאָלישע, אָבער אַ ליכטיק מעלאַנכאָלישע: אַ ווייכע, אַ האַרציקע, אַ קלוגע, מיטן האַרצן אַ קלוגע, מיט ניט פאַרקנעפּלטע, אָפענע געפילן. אָט דער ליטוואַק האָדעוועט ניט זיינע ידים, זיין פּנים, זיינע אברים, תאוות צו מגושמדיק; לאָזט זיך ניט וואוילגיין מיט דער איבערטרייבונג פון וועלכער עס איז הנאה ווי דאָס אַמאָל דער ייד פון פּוילן, אוקראַינע, בעסאַראַביען; וועט ער אפשר ניט מאַכן אַזאַ שטאַרקן איינדרוק אויף דעם נייגעריקן אויג; אָבער מען האָט פאַרזען, אַז זיין האַרץ פונקציאָנירט ביי אים מיט דער אידלסטער איינפאַכקייט, כסדר, אומאונטערבראָכן. מען דאַרף ניט קיין אויסערגעוויינלעכן אומגליק, אים איינצוברעכן, ביז דער „מענטש" וועט זיך אַרויסזען, וואָס דאָס איז אַ גוטע טעמע פאַר קינסטלער־שילדערער; דערפאַר איז ער אָבער תמיד מענטש. ער פאַרשטייט אַ צווייטן מענטשן אויפן וואונק. וואָס ער דערכאַפּט ניט מיטן אויג, דערזעט ער מיטן האַרצן. זיין האַרץ האָט אויגן. אַלע זיינע חושים זיינען באַזעצט מיט אויגעלעך. אויך זיין שאַרפע קלוגשאַפט איז גאָר ניט אין זיין מוח, ווי די לעגענדע וויל האָבן, נאָר אין אַלע זיינע חושים. שכל פאָרט זיך ביי אים מיט געפיל אַזוי נאַטירלעך ווי ברויט מיט פּוטער. און זיינע טעכטער שמעקן ווי ערב שבתדיקע גוט־געבאַקענע בולקעס — אַ ברכה איז אין זיי אַריינגעבאַקן! און מען דאַרף הערן ווי דער ליטוואַק זאָגט „גוט־שבת" און „גוט יום־טוב" מיט געפיל־פולער חכמה. און מען דאַרף זען, וואָס פאַר אַ שבתדיק־יום־טובדיקע

פריצה די וואַכעדיק־פּאַרמאַרעטע ליטוועטשקע קאָן ווערן. דער וויק, וואָס איז אין ליטע גיטאַ, שפּילט איר אין פּנים — דער ווין פון פייערלעכער גוטסקייט שפּריצט פון איר שמייכל —

מ׳דאַרף זיין אַ מבין אויף דער קלוגער האַרציקייט פון ליטע.

פון אָט דער צווייטער ליטע — דער פּאַרזעענער — שטאַמט אברהם רייזען דער שריפטשטעלער. און אָט דער ליטע האָט ער אונטערגע־טראָגן ליטעראַטור; פון אירטוועגן האָט ער אַ שריפטשטעלערישן מעטאַד אויסגעפונען און אַריינגעבראַכט אין דער ליטעראַטור פאַר אַ באַשטענ־דיקן קנין.

געראָד האָט געטראָפן, אַז פאַר אַ שריפטשטעלער האָט ער זיך געהאַ־דעוועט פון קינדהייט אויף — אין אַ שרייבערשן הויז; זיין פאָטער איז געווען אַ כתבא רבא, וואָס האָט זיך אַפילו געדרוקט. מענדעלעס „קליאַטשע" האָט ער פון זיין פאָטערס האַנט באַקומען צו לייענען. פאַר דעם עלף־צוועלף יאָריקן זון איז ליטעראַטור שוין געווען אַן ענין. צו 14—15 יאָר איז ער שוין געשטאַנען אין קאָרעספּאָנדענץ מיט וואַרשע און קיעוו, מיט פּרצן און שלום עליכמען. און שרייבן האָט ער געמוזט, ער האָט ניט געקענט דורכלאָזן קיין צוויי טעג ניט אָנצושרייבן עפּעס אַ ליד, אַ מעשה. איז איידער נאָך ער האָט צייט געהאַט באַאיינפלוסט צו ווערן פון אַנדערע ליטעראַרישע מעטאָדן, האָט ער אין זיין פּריסטער יוגנט, האָבנדיק קוידאַנאָוו פאַר די אויגן און קוידאַנאָווער מענטשן פאַר זיינע צוהערער, אַריינגעאַרבעט זיין אייגענעם מעטאָד אין זיין פּען. וואָס ער האָט געהאַט אין זיין געמיט, האָט ער אַריינגעטראָגן אין זיין מעטאָד. און אין זיין געמיט האָט ער געהאַט אַ גוזמא פון ליטע דער צווייטער.

וואָס איז דאָס פאַר אַ מעטאָד? — אויף דער פראַגע וויל איך ענט־פערן מיט אַ צווייטער פראַגע: ווי קומט עס, וואָס נאָך אַזויפיל אָוועקזיין פון קוידאַנאָוו, קאָן ער צו יעדער צייט אָוועקגיין פון זיינע אַנדערע טעמעס און פון זיינע אַנדערע מענטשן, און צוריק זיך אומקערן קיין קוידאַנאָוו און אָנשעפּן דאָרט נאָך אַ שטיק לעבן און אַרויספירן נאָך און נאָך קוידאַנאָווער — האָט ער דען שוין ניט אַרויסגעפירט אַלע קוי־דאַנאָווער ביז איינעם אין הונדערטער דערציילונגען? — און עס לאָזט זיך ניט אויס, — און רייזענס קוידאַנאָוו איז נאָך ניט גאַנץ קוידאַנאָוו. אָט איז ס. טשעסטער אויך אַ קוידאַנאָווער, אַ טיכטיקער שילדערער, מיט אַ נייגונג צו קאָנקרעטער אויספירלעכער באַשרייבונג, פירט ער אַרויס בעלי מלאכות בונטאַרעס, און יונגע לייט שלעגער, און צעלאָזענע ווייבלעך, אַפילו אַ צעלאָזענע רביצין — גאָר ניט פון רייזענס מין. און רייזען האַלט,

אַז ער איז נאָך ניט פּאַרטיק; ער האָט אין זיין זכרון נאָך אַ גאַנצע מעסטל מיט קוידאַנאַווער טעמעס. אַזוי איבערבאַפּעלקערט איז געווען דאָס שטעטל? אַזויפיל האָט עס דאָרט פּאַסירט, אַז מען קאָן זיך גאָר ניט אויס־שרייבן?

דער ענטפער איז, אַז די איבערבאַפּעלקערונג קומט פון רייזענס מעטאָד. רייזען שפּאַלט אָפּ אַ טאָג פון אַ מענטשנס לעבן, און פון טאָג שפּאַלט ער אָפּ אַ רגע — און אַזוי ווי אין יעדער רגע פון יעדן מענטשנס טאָג קרייציקן זיך דורך ליניען פון אַלע זיינע טעג — קאָן רייזען פון דער רגע אַרויסציען אַ דערציילונג, וואו דער גאַנצער מענטש זאָל זיך אָפּשפּיגלען און זיין גאַנץ לעבן זאָל אַרומגענומען ווערן. און ער טוט עס אין אַלע בעסערע דערציילונגען זיינע. רייזען, ווי אַ 100 גראַדיקר ליט־וואַק פון דער צווייטער קלוג־פילנדיקער קאַטעגאָריע — קוקט אפשר גאָר ניט אַזוי שטאַרק זיך איין מיט די אויגן, אָבער ער האָט אויגן אַריינגעזעצט אין האַרצן, ער זעט בחוש, מיט אַלע חושים — ער שפּירט, געדענקט, דער־קענט און קאָן צוריק אויפשטעלן אין זיין זכרון דעם גאַנצן מענטשן מיט אַלע קליפּערלעך — אין בילד און עפּיזאָד — פון איין שאַרפער, דין־דיגער עמפּינדונג, וואָס ער האָט איינמאָל באַקומען פון אים.

(בכלל, איז אַ טעות צו מיינען, אַז מען זעט בלויז מיט די אויגן. פאַראַן שאַרף־אויגיקע וואָס זעען גאַרנישט אויף צו געדענקען; און פאַראַן קורצזיכטיקע, וואָס קוקן דורך אַ מענטשן ביזן ביין; דאָס איז די אינער־לעכע ראיה, וואָס מאַכט דאָס אויג זען.)

געפילס־זעאונג טרעפט מען אָפט ביי מענטשן; כמעט אַלע באַזיצן עס וויפיל ניט איז. ווען מען אַנטוויקלט עס ביז 100 גראַד גרענעצט זיך דאָס מיט העלזעאונג — איז עס גרויס טאַלאַנט; פון אָט דעם טאַלאַנט פאַרמאָגט רייזען אַ הויכן גראַד.

מענדעלע כאַפּט אָן אַ מענטשנס פּנים געוויינלעך ביי זיין נאָז; פון פּנים אַראָפּ באַשרייבט ער דעם מענטשנס גאַנץ אויסזען בפרטיות, דער־נאָך פירט ער אים דורך אַ צאָל צוגעקלערטע פּאַסירונגען, ביז ער ווערט פאַרטיק מיט אים.

שלום עליכם נעמט זיין העלד מיט כוח, און אָפט מיט געוואַלט, אָנ־כאַפּנדיק אים פאַר עפּעס אַ קאָמישן סימן; שטעלט אים אַריין אין סיטוא־ציעס, וואו עס זאָל זיין צום לאַכן און צום וויינען, לאַכנדיק איבער אים; און די גאַנצע צייט טרייבט ער אַרום אים זיין מענה־לשון. ער דערגרייכט גרויסע רעזולטאַטן, אָבער עס קאָסט אים ניט ווייניק צייט און אָנ־שטרענגונג.

אַנדערע דערציילער נויטיקן זיך אין גרויסע אומגליקן, כדי פאַר־צושטעלן זייערע העלדן דורך זיי. רייזען באַדאַרף קיין אומגליקן ניט. ער גייט צו לייכט. גענוג פאַר אים אַ רגע שפּירונג, כדי אויפצושטעלן דעם גאַנצן מענטשן פון איר.

די דערציילונג „דער מאַמעס פעדערן" וועגן אַ פאַרעלטערטער מיידל אין אַמעריקע, וואָס קען ניט פועלן ביי זיך איבערצושיטן אַ פערענע, וואָס די מאַמע האָט איר מיטגעגעבן צום אויסשטייער — אַנגעשאָטן פון דער מאַמען, מיידעלוויז, פאַר 50 יאָרן, צו איר אייגענעם אויסשטייער, קאָן עס ביי זיך ניט פועלן און דאָך געצוואונגען עס צו טאָן, ווייל די רויטע ציך דריבלט זיך שוין מחמת אַלטקייט — אָט די שטילע טראַגעדיע פון אַ פאַרזעסענער מיידל, וואָס איר איינציקער אַנהאַלט אין לעבן איז דאָס טייער האַלטן דער מאַמעס אָנדענקן, איז ארויסגעוואַקסן ביי רייזענען פון איין מאָמענטאַלן איינדרוק: „עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז די דאָזיקע רויטע ציך איז אָנגעפּיקעוועט מיט פּאַסירונגען פון איר מאַמעס לעבן — און אַז זי האָט קיין רעכט ניט צו עפענען דאָס, וואָס פּופּציק יאָר נאָכ־אַנאַנד איז געווען פאַרדעקט און באַהאַלטן אונטער אַ שטאַרקער רויטער ציך."

נאַטירלעך, ווען מען איז באַשאַנקען מיט אַזאַ העלזעערישער שפּי־רונגס קראַפט, כאַפּן זיך גראַד אויף די אייגנאַרטיקע רגעס — די וואָס צייכענען זיך מיט עפּעס אויס, וואָס זיינען אַנדערש פון די אַנדערע רגעס פון אַ מענטשנס טאָג לעבן, און וואָס שטעלן דעם מענטש גלייך אַוועק אַנדערש פון זיין גלייכן — און וואָס לאָזן זיך דאַרום פאַנאַנדערשפּאַנען אין דער לעבן־געשיכטע פון אַ מענטשן צוזאַמענגעפּרעסט אין איין קורצן שפּאַן.

אין דער דערציילונג „עיבור" — לויפט אַן אָרימע יידענע אַריין צו אַ שכנה לייען אַ לאָפּעטע, איבערלאָזנדיק אַ געבעק ברויט אין אויוון; און זי ווערט גאָר גליקלעך, ווען זי דערוויסט זיך פון דער וואוילקענעור־דיקער שכנה, אַז דער צווייטער חודש אָדר איז אַ געשאָנקענער, אַן אומ־זיסטע מתנה פון דעם אויבערשטן, וואָס רעכנט זיך ניט אין דעם חשבון פון אירע יאָרן, בעת פריער אין איר נאַרישקייט האָט זי אַפילו זיך גע־ברוגזט אויף גאָט, הלמאַי ער פאַרלענגערט דעם קאַלטן ווינטער אויף נאָך אַ חודש, און אויף האַלץ גיט ער ניט — דאָס איז די איראָנישע אורשפּירונג, פון וואָגען די דערציילונג האָט זיך גענומען — און פאַר גרויס גליק מיט דעם אויבערשטנס אומזיסטער מתנה, פאַרגעסט זי דעם געבעק ברויט אין אויוון, און עס ווערט פאַרברענט און דאָס הויז געזינט וועט דאַרפן אַ

וואָך הונגערן — איר גליק איז אַן אומגליק געוואָרן. — דאָ האָט איר אַ לעבנסגעשיכטע אין אַ נוס־שאָל.

ווען מען איז אַזוי דורכדרינגענדיק זעעוודיק, איז מען ווייסנדיק, פאַר־שטייענדיק און פאַרגעבנדיק. און עס איז אַ גרויס רחמנות אויף דעם שלעכטן, ווי אויף דעם גערעכטן. וואָרים פון יעדער רגע פון זייער לעבן לאָזט זיך נאָכשפּירן דער פאָדעם, מיט וועלכן די רגע איז צוגעקניפּט צו דער פאַסטקע, אין וועלכער בײדע צאַפּלען זיך הילפלאָז. די שטראָף פאַר דעם שלעכטן איז די מילדע איראָניע, מיט וועלכער רייזען זייפט אים דאָס פּנים אויס. און דער טרייסט פאַר דעם גערעכטן איז דער וואָרימער הומאָר, אין וועלכן רייזען טובלט אים.

און דאָס איז די אַנטוויקלונגס־ליניע פון רייזענס אַ דערציילונג: די רגע אורשפּירונג, פון וועלכער די דערציילונג ציט זיך אַרויס, פאַרציט זיך אין אַ שליף; דער שליף פאַרציט זיך איבערן מענטשנס לעבן; עס פאַרשלייפט זיך גורל. די ערשטע רגע ווערט דערפירט צו דער לעצטער גורל־רגע. די גוטע רייזענשע דערציילונג קלאַפּט אָן אָן גורל. און עס וואָלט געווען אַ טראַגעדיע, ווען די מעשה וואָלט זיך ניט דערציילט מיט ווייכער גוטמוטיקייט, מיט אײַנזעעניש אַפילו מיט דעם באַשעפער פון גורל. עס וואָלט געווען טראַגעדיע צום וויינען, ווען רייזען וואָלט מיט זיין שמייכל ניט פאַרפאַנצערט דעם לייענער קעגן טרערן.

אין דער דערציילונג „פלאַקס": — אַ משכיל, וועלכער חלומט אידעלע חלומות, אַראָפּגייענדיק פון קעסט, איז געצוואונגען צו ווערן אַ סוחר אָן מזומן; קלייבט ער אויס דווקא אַ פלאַקס־סוחר צו זיין, ווייל פלאַקס, כאָטש אַ טייערע, איז אָבער אַן אידעלע סחורה, וואָס קיצלט זיין משכילישן שטאָלץ. פאַלט ער אַריין אין די לאַפּעס פון אַ פלאַקס־אויפקויפער אַן אכזר, וועלכער מאַטערט אים טאָקע דערפאַר, ווייל ער איז אַ משכיל, וואָס שטעכט אים אַלץ די אויגן מיט די קעניגסבערגער פרייזן אויף פלאַקס, וואָס ער לייענט פון „המליץ" אַרויס. ביז דער משכיל סוחר פאַרפלאַנ־טערט זיך איבערן קאָפּ אין חובות און ער נעמט און ציגדט אונטער זיין פלאַקס־שפּייכלער, זאָל ער חרוב ווערן מיט די אַלע וואָכערניקעס, וואָס זויגן אים דעם מאַרך פון די ביינער.

די לכתחילהדיקע אורשפּירונג, וואָס האָט געגעבן דעם שטויס צו דער דערציילונג און וואָס איז אויסגעלאָפן אין טראַגעדיע, איז — „פלאַקס איז אַ משכילישע סחורה".

דער איינדרוק וואָס שטעלט זיך אָפּ, איז אַ מיטליידנדיקער חוזק:

אוי, אַ משכיל נעביך! — ווייל רייזען האָט פאַר דער צייט באַוויזן אָנ־צואווארימען דעם לייענערס האַרץ מיט אַריינגעגנבעטן הומאָר.

איז ווער האָט רייזענען געגעבן דעם מעטאַד אין האַנט אַריין? — אַט דער ליטוואַק פון דער צווייטער קאַטעגאָריע, דער וואָס זעט מיטן האַרצן, דער וואָס טראָגט צוויי אויגן — צוויי ברענענדיקע ליכט — אויף דער ברוסט; וועמעס חכמה איז אַ ליכטיקער געפיל אַזאַ, וואָס הויזט ערגעץ צווישן קאָפּ און האַרץ.

און די פאָרם פון זיין דערציילונג איז די איינפאַכסטע — אַ ליטוואַק זאָל גאָר ניט האָבן וואָס אויסצוזוצן. עס איז אייגנטלעך אַ שמועס מיט אַ ליטוואַק, וועלכער פאַרטראָגט ניט קיין שום אויסטראַכטענישן; נאָר תוכיקע, אמתע זאַכן זאָל מען אים דערציילן, וואָס מען קאָן הערן מיט קאָפּ און מיטן האַרץ צוגלייך. האָט רייזען אויסגעקליבן פאַר אים די „לייכטסטע" און פאַרן ליטוואַק צוהערער די צוגענגלעכסטע פאָרם — דער שמועס דורך זעעוודיקע, קלוגע, קלוגמאַכנדיקע שפּירונגען. וואָס רייזען גיט צו פון זיך — ער פאַרבילדלעכט זיי, ער איבערזעצט די שפּירונגען אין זיכטבאַרע, הערבאַרע פאַרקטן און פאַסירונגען. — און מער גאָר איז קיין טעכניק ניטאָ אין רייזענס אַ דערציילונג? אָן אַ שיעור טעכניק, אַ וואונדערלעכע, רייזענס אָן אייגענע, אומזיכטבאַרע טעכניק.

זיינע פריסטע דערציילונגען: „דער בוים", „אַמאָליקע מענטשן" זיינען גיכער צונויפשטעלונגען פון פאַרבילדלעכטע עפּיזאָדן; אָבער גאָר גיך האָט ער זיך אויסגעלערנט אַרויסצופירן פון די אורשפּירונגען גאַנצע, פון איין שטיק געגאָסענע, פול אַנטוויקלטע דערציילונגען, ווי די נאָר וואָס דערמאָנטע „פלאַקס", „דער עיבור" — דאָרט איז טעכניק אויף חידושים. עס לאָזט זיך גאָר ניט אויסדריקן מיט ווערטער. עס איז ווי ווען אָנכאַפּן מיט די הענט אַ לעבעדיקן גייסט, וואָס מען זעט אים ניט, נאָר מען שפּירט אים. פון אויבן־אויף גאָר קיין טעכניק ניט, אָבער אינעווייניק אָנגעלאָדן מיט דעם נאַטירלעכן שמועס־טעכניק. עס איז אינערלעכע אָר־גאַניזאַציע, נשמה־טעכניק, וואָס ווייס גענוי די מאָס און די רגע, ווען איין לעבעדיקע שפּירונג דאַרף געבערן אַ צווייטע און זיך איבערוואַרפן אין דער צווייטער. עס איז אייגנטלעך ליד־טעכניק. די טעכניק איז אין די איבערגאַנגען. די טעכניק איז די דערציילונג גופא. די דערציילונג „עיבור" האָט צוואַנציק אַזעלכע איבערגאַנגען, „פלאַקס" וואָסערע דרייסיק. פרואווט זיי אָנוויזן, אָנטאַפּן, פונאַנדערגרענעצן — איר וועט ניט קענען. עס איז לעבעדיק איבערגעפלאָסן, צונויפגעשמאָלצן, צונויפגעוואַקסן.

אַפילו אַ געבראַטענער ליטוואַק פון דער ערשטער פאַרמוטהטער קאַטעגאָריע וועט געצוואונגען זיין אויסהערן ביזן סוף אַזאַ לעבעדיקן אַרייַנשמועסן פון אַ דערציילונג אין אים. און די פעולה אויף אים? נאָכדעם ווי ער וועט האָבן דורכגעלייענט רייזענס אַ דערציילונג וועגן אים, וועט ער ווערן אויס ליטוואַק. ער וועט ווערן אַן אויפגעלויכטענער, קלוג־געפילפולער ליטוואַק פון דער צווייטער קאַטעגאָריע — ד. ה. אַ פאַלנער מענטש. רייזען רעדט צו אים ווי זיין גלייכן, ער מאַכט אים פאַר זיין גלייכן, רעדט צו אים אויף זיין אייגענעם שכלדיק־האַרציקן לשון, און געווינט גלייך זיין צוטרויען. אין פאַרלויף פון דער דערציילונג דעמאַסקירט ער אים — צום גוטן. ער דעמאַסקירט דעם מענטשן אין אים. וואָרים וואָס איז רייזענס מעטאָד? ער אַנטפלעקט דאָס איראָנישע טראַגישע, דאָס מענטש גורלדיקע אין זיין העלד — דאָס מיינט, ער אַנטפלעקט דעם מענטשן אין אים. רייזענס מעטאָד איז מקיים זיין אַ מצווה אַן מענטשן — דאָס הייסט מאַכן אים פאַר אַ מענטשן, ווער ער זאָל ניט זיין — גוט צי שלעכט. און נאָך האָט רייזענס מעטאָד — דורך פאַרבילדלעכטע רגעדיקע שפּירונגען — אַ גרויסע מעלה: — ער דערהויבט חומר צו גייסט. וואָרים וואָס איז דער קאָנקרעטער אינהאַלט פון שפּירונגען? — שטריכן, געוואוינקייטן, טשיקאַווע געגנלעך, משוגעתן, וואָס האָבן זיך פאַרגליווערט אין פלייש. אַלס פאַרגליווערטע שטיקער פלייש, זיינען זיי אומפאַרבעסערלעך, און עס איז גאָרנישט מיט זיי צו מאַכן. אָבער אויסגעהערט און אויסגעשפּירט רייזעניסטיש — דורך געשפּאָלטענע רגעס, דורך דין־דינער עמפינדונג — ווערט דאָס פאַרגליווערט פלייש צוריק גייסט, פּסיכאָלאָגיע. דאָס איז די אויפלויכטונג וואָס רייזענס מעטאָד גיט. אויפגעלויכטענע, פאַרגייסטיקטע, ווערן רייזענס העלדן ראוי פאַרוואַנדלט צו ווערן — און צו דינען אַלס פאַרוואַנדלער פון די לייענער.

און אויב די עובדא פון קינסטלערישער ליטעראַטור בכלל איז שעפעריש צו פאַרוואַנדלען די לייענער; און אויב דער פאַרדינסט פון דער יידישער ליטעראַטור איז געווען, וואָס זי האָט אין אַ קורצן שפּאַן פון 15 יאָר פאַרוואַנדלט איין דור אין אַ צווייטן, דורך אַן אומבאַמערקבאַרן איבערגאַנג, אָן שום ריס — האָט רייזענס דערציילונג לגבי ליטע עס געטאָן כפל כפלים. רייזענס דערציילונג האָט גאָר שטאַרק געהאָלפן צו דער פאַרמענטשלעכונג, פאַראַלמענטשלעכונג פון ליטע. דורך אַן אַנדער מעטאָד — אויסער רייזענס — וואָלט עס ניט אַזוי גוט געלונגען. עס וועט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז נאָך רייזענען איז קיין יידישער ליטוואַק ניט בנמצא. אָבער ווען נאָכן דור, וואָס האָט זיך געטריקנט אויף גמרא'ס און

זיך געווייקט אין מקוה'ס, איז אַן פאַרזאַמונג געקומען אַ דור, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די בעסטע קאַנדידאַטן פאַר אַלע פּראָגרעסיווע יידישע באַוועגונגען, האָט רייזען אַ היפּשן חלק אין דעם. דערמיט האָט ער פאַרשריבן זיין ערשטן בלאַט אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור.

פאַרלאָזנדיק ליטע האָט רייזען מיטגענומען דעם מעטאַד, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט אויף זיינע ליטוואַקעס, און אים אַנגעווענדט אויף וואַרשעווער, גאַליציאַנער און אַמעריקאַנער און אויף גויים — און גאַר אָפט מיט גאַר היפּשן דערפאָלג. ער האָט אַ פּאָר צענדליק גוט־איינגעגעבענע גויים — מערסטנס פאָלקס־מענטשן. ער האָט זיי אַלעמען אויפגעלויכטן, פאַרמענטשלעכט, פאַראַלמענטשלעכט. הייסט עס טאַקע אַ זעלבסטשטענדיקער ליטעראַרישער מעטאָד, וואָס טויג זיך אויס אומעטום.

און אַן ענלעכן מעאָד ווענדט אַן רייזען אויך אויף זיין ליד:

די אינספּיראַציע פון רייזענס ליד איז דיזעלביקע וואָס פון זיין דערציילונג: שאַרפע בליץ־שפּירונגען, געפּיל־פונקען, אויפגעכאַפּטע פון אייגענעם געמיט און פון אַרום; דורכגעבראָכענע רגעס, דורך וועלכע עס פאַלט ליכט אויף מענטשנס לעבן און פון וועלכע עס לאָזט זיך וואַרפן אַ שליף צו מענטש־גורל. אַ ליד איז ביי רייזענען אַ שליף, וואָס שליסט איין און פאַרשליסט אַ בילד, אַ שטימונג, אַ געפילפולע לעבנס־חכמה. דער בליץ, דער פונק־געפיל גיט די מאָס און די פּראָפּאָרציע פון ליד. אין ליד: „גייט אַריין אַן אָרימאַן" — איז דער פונק, וואָס האָט געגעבן געבורט צום ליד: „און דער מענטש, די קרוין, בעטלט אין די הייזער!..."

אין ליד „שפּילצייג" איז דער געבער־פונק: „דאָס וואָס מיר ווילן און האָבן עס ניט — שפּילן די קליינינקע קינדער דערמיט".

עס איז לייכטער איינצוהאַלטן אין גרענעצן פונקען־געפילן, אויפגעכאַפּטע פון אַרום, איידער פון אייגענעם געמיט. די פונקען אויפגעכאַפּטע פון אַרום שפּריצן זיך לייכט אַריין און פּאַסן זיך איין אין לידער־בילדער, ווי אַשטייגער דאָס ליד „אַ געזינט זאָלבע אַכט". די לידער־בילדער זיינען די געשלאָסענערע. די לידער־בילדער וואָלטן געקאָנט אויסגעשפּרייט ווערן אין דערציילונג־עפּיזאָדן. און פאַרקערט אויך: די בילדער־עפּיזאָדן פון זיינע דערציילונגען וואָלטן געקאָנט קאָנצענטרירט ווערן אין לידער, ווייל אַי די און אַי יענע האָבן ביי רייזענען די זעלביקע געבורט: פון מאָמענט־שפּירונגען.

אָבער עס איז ניט אַזוי לייכט צו האַלטן מאָס מיט די פונקען, אויס־

געשפּירטע פון אייגענעם געמיט — ווייל שפּירונג, געבערט שפּירונג, שטי־מונג ציט אָן שטימונג — די און יענע לויפן אַריין אין געדאַנקען, די אַנגעצונדענע פונקען לעשן זיך אויס. עס פלעגט רייזענען יאָ געלינגען צו האַלטן מאָס, צו פאַררונדן דאָס ליד און צו שליסן עס אין צייט אין זיינע פריע לירישע „איך"־לידער, ווייל דעמאָלט פלעגט ער זיי פאַרבילדלעכן. דאָס ליד: „עס גיבן אין לעבן אָפט פינצטערע טעג" איז אין גאַנצן אויס־געהאַלטן אין האַנדלונגען, ווייל דעמאָלט האָט ער זיך גערעכנט מיט דעם לאַנדסמאַן זיינעם, צו וועמען דאָס ליד איז געווען אַדרעסירט — דעם ליט־וואַק. האָט ער געהאַלטן פאַר זיין חוב אַזוי איינצושטעלן זיין ליד. דער ליטוואַק זאָל ניט זאָגן: ווער דאַרף די אַלע קונצן!

פונקט ווי ער האָט פאַראייַנפאַכט די פאָרם פון זיין דערציילונג ביז צום שמועס־נוסח, דער ליטוואַק זאָל ניט קאָנען זאָגן: „עט, פוסטע מעשיות!" — און אַזוי אַרום אויסגעאַרבעט זיין אייגענעם אויסגעצייכנטן דערציילונגס־מעטאָד, האָט ער אויך געזוכט און געפונען דאָס איינפאַכסטע רעמל פאַר זיין ליד, אין דערנעענטערונג צום פאָלקס־ליד נוסח, מיט קאָנ־קרעטן, מיט שטימונג, געפיל און חכמה אָנגעזאָפּטן, אינהאַלט. און ער האָט אויך געהאַלטן פאַר נויטיק אַריינצואַרבעטן ניגון אין זיין ליד, דער ליט־וואַק זאָל אים קאָנען נאָכזינגען, ווייל געזונגען האָט ער דאָך, ווען אויפ־געלייגט, פריילעך און יום־טובדיק. און רייזען האָט געהאַט אויסגעאַר־בעט זיין אייגענעם ליד נוסח. ניט קיין פאָלקס ליד, נאָר אַ קינסטלעריש־באַ־רעכטיקטע אויסבאַרגונג ביים „קלאַסישן" פאָלקס־סטיל אין ליד: מיט אויסרופן, פראַגן און ענטפערס, פאַראַלעלן, רעפרעינען. און דאָס פאָלק האָט עס גלייך דערקענט: יאָ, אַ ליד, מען דאַרף זיך ניט שעמען צו זינגען עס, און אַ גרויסע צאָל רייזענס לידער זיינען אַריין אין פאָלקס געזאַנג־געברויך.

איצט וויל רייזען דערמיט זיך ניט באַנוגענען. ער האָט פאַריבל, ווען מען דערמאָנט די קרובהשאַפט פון זיין ליד צום פאָלקס ליד. ער איז ניט בלויז פאָלקס דיכטער — מאַדערן וויל ער זיין! און לאָזט לויפן זיין שטי־מונגס ליד דורכן קאָפּ און פנאַנדערלויפן זיך אין געדאַנקען־שפּריצן. און עס ווערט אָן די צונויפגעפּאַסטע קאָנקרעטע אינהאַלטלעכקייט, וואָס האָט זיך געבעטן אין ניגון אַריין.

אוודאי איז ער מער פון אַ פאָלקס־דיכטער — ער האָט פאַרקינסטלע־רישט דעם פאָלקס־נוסח, וואָס דאָס איז גאָר אַ גרויסער אויפטו. ער האָט ניט געטאָרט פאַרוואַרפן זיין ליד־מעטאָד, ווי ער האָט פאַרוואָרפן זיין דער־ציילונגס־מעטאָד — זיי האָבן שוין ביידע מיט ליטע ניט צו טאָן.

א ב ר ה ם   ר י י ז ע ן

אָבער מען טאָר גאָר ניט אַזוי גרינג רעדן וועגן רייזענען דעם פּאָעט אָן אַן אַנאַליז, אָן אילוסטראַציעס, אָן אַ דעטאַלער אויספאָרשונג.

גאַנץ רייזען — דער דערציילער און פּאָעט — דאַרפן נאָך גרינטלעך געפאָרשט ווערן. זאָל די איצטיקע יובל־פייערונג דינען פאַר אַ געלעגנ־הייט די גרינטלעכע אויספאָרשונג אָנצוהייבן...

„צוקונפט“, 1936.

יונה ראָזענפעלד

יונה ראָזענפעלד

אויף דריי פלעינען האָט זיך באַוועגט יונה ראָזענפעלדס שאַפונגס־קראַפט.

אויף דעם פלעין פון קינסטלערישן רעאַליזם.

אויף דעם פלעין פון קינסטלערישן פסיכאָלאָגיזם.

אויף דעם פלעין פון קינסטלערישן נאַמינאַליזם.

דריי פלעיניק — איין שיכט טיפער אונטער דעם אַנדערן. וואָס זיינען די קענצייכנס פון די דריי שאַפונגס־מינים און ווי אַזוי איז יונה ראָזענפעלד געקומען צו זיי?

קונסט איז זען — דאָס אַריינזען מער אין אַ זאַך, וויפיל דאָס אויג זעט אויף דער אויבערפלאַך. אַט די פאַרגרעסערטע ראיה — אַט די אַריינזעאונג — די אייגעלעך, וואָס וואַרפן זיך אַריין פון אונטער דער אויבערפלאַך — מאַכט אַ שטייענדיקע זאַך זיך צו באַוועגן פון פונקט צו פונקט. די זאַך ווערט אַ דערציילונג. אַנדערש ווי די קריטיק האָט שפּעטער גענומען גלויבן אויף יונה ראָזענפעלדן. אַזוי גיך ווי ער האָט אויפגעהערט צו קאָפּירן סאָציאַלע נויט, אַרעמאַנסקן לעבנס־שטייגער, ווי אין „לערן־יינגל" — איינע פון די צוויי זאַכן, וואָס ער האָט געבראַכט צו פּרצן אין אָדעס אין 1902, און פּרץ האָט אין 1904 געלאָזט זי אָפּדרוקן אין „פריינט" — אַנדערש פון דער שפּעטערדיקער מיינונג, איז יונה ראָזענפעלד לכתחילה געווען אַ מעשיות־דערציילער. און ער האָט אַט די ערשטע קינסט־לערישע גרונט־פעאיקייט איינגעהאַלטן ביזן סוף. אַ ביישפּיל פון פשוטער מעשה־ איז „צו חלום": צו אַ פּריש־געבאַקענעם אַלמן זעליק דעם אַקסן־הענדלער קומט זיך פאַרשטאַרבענע פרוי צו חלום און זאָגט אים אָן, ער זאָל למען השם חתונה האָבן מיט זעלדן, דער בעקערינס יונגע טאָכטער, וועלכע זעצט זיך יעדן פרימאָרגן אויף זעליקס גאַניק צו פאַרקויפן געבעקס צו די אַנפאַרנדיקע פויערים. נעמט ער אַ מנין יידן און גייט אויפן בית־עולם איבערבעטן די פאַרשטאַרבענע און — שמע ישראל! — די מת'עכע ליגט איבער איר קבר... דאָס איז אָבער זעלדע, וועלכע האָט זיך דאָרט

אָװעקגעלײגט צו רעדן מיטן קול פון דער פאַרשטאָרבענער און איז געשטאָרבן פאַר שרעק.

נאָך מער בריהדיקע רײנע דערצײלונג איז אַ „צופאַל״: — נאָך 18 יאָר אָפּגעריסן זיך פון שטעטל, קומט אָן אַ פאַרשװין אין מיטן אַ פינצטערער נאַכט אויף דער שטעטלשער סטאַנציע. דער בעל עגלה זעצט אים אַרײַן אין אַ בויד, װאו עס זיצט שוין אַ ברײטער פּאַסאַזשיר, אין אַ סוחרישער בורקע. דער ברײטער פּאַסאַזשיר באַװײזט זײַן ברײטקײט דערמיט, װאָס ער זוכט אַלץ ענגער צו מאַכן זײַן קלײנעם, דאַרן מיט־פּאַסאַזשיר. בײדע ברוגזע, האַנאַראָװע, האַלטן זײ זיך אין אײן אַרומקריגן, אומזיסט נוצט דער בעל עגלה אַלערלײ קונצן זײַנע פאַרשװינען איבערצובעטן: ער לײגט אװעק אַ פּאַק הײ צװישן זײ, ער אונטערהאַלט זײ מיט אַ חסידישן מופת, פון װעלכן דער פרעמדער דרינגט אַרױס חוזק אויפן רבין, װאָס דאָס ברענגט אַרױס דעם סוחר פון די כּלים. בײם אַרײַנפאָר אין שטעטל האַלט שוין בײ קלעפּ. — צו װעמען־זשע װילט איר פאַרפאָרן? — רײסט דער בעל עגלה איבער די באַטאַליע, — צו לײזער שײנפעלד? — װאָס קער זיך אָן מיט אײַך לײזער שײנפעלד? — גיט זיך אַ כאַפּ דער סוחר. — װאָס איז אײַער עסק? — איך בין לײזער שײנפעלד! — דעם פרעמדנס אײגענער ברודער.

אַ שטײענדיקע סיטואַציע איז פון ראָזענפעלדן פאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַן אימפּעטיק־באַװעגלעכער דערצײלונג, װאָס האַלט דעם לײענער אין געשפּאַנטער דערװאַרטונג ביז צום סאַמע סוף. נאָך קונציקערע דערצײלונג־טעכניק דערהויבט די צוגעטראַכט אויטאָביאָגראַפישע מעשה „אַ פרעמדער״ צו אַן עדגאַר עלען פּו׳ס פאַרכאַפּנדיקער מיסטעריע. בײ אַ צופעליקער באַגעגעניש מיטן פרעמדן דערפילט דער דערצײלער, אַז אײן טראַגישער גורל פאַרבינדט זײ בײדן. טעג און װאָכן פאָלגט ער דעם פרעמדן נאָך, ביז ער קריגט אים אַרײַן אין זײַן חדר, און דאָ שטעלט זיך אַרױס, אַז דער פרעמדער איז אומגליקלעך פאַרליבט געװען אין דער מײדל, װאָס דער דערצײלער האָט איבערגעלאָזט אין שטעטל, און זי פאַר פאַרצװײפלונג האָט זיך אַרײַנגעגעבן אין אַ שאַנד־הויז. דער פרעמדער האָט אים דערקענט לויט דער פאָטאָגראַפיע, װאָס ער האָט אַרומגעטראָגן מיט זיך, כּדי אים צו געפינען. מעלאָדראַמע? יונה ראָזענפעלד האָט געװאוסט דעם סוד פון אָנלאָדן דעם לײענער מיט סודותדיקע פאָרגעפילן, װאָס גרײטן אים צו צו פאַטאַלער עקספּלאָזיע.

אַט די צוגרײטנדיקע טעכניק האָט ראָזענפעלד אײַנגעהאַלטן אויך אין די דערצײלונגען, װאו די געשעענישן זײַנען רעאַל לעבן און די גע־

שטאַלטן זיינען בולט געצייכנט און שאַרף כאַראַקטעריזירט. שאַרפע כאַראַקטעריזירונג געהערט אויך צום קינסטלערישן איינזען אונטער דער הויט. וויפיל דערציילערישע באַוועגלעכקייט און שאַרפע כאַראַקטעריזירונג איז צו געפינען, נאָך אַלע זיינע וואַגלענישן אין אונטערערדישע נשמה־לאַבירינטן, אין זיין סאַמע לעצטן ווערק, דעם פול־אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן פון זיינע לערן־יאָרן אין אָדעס — „איינער אַליין"! דער באַלעבאָס, דער מייסטער־טאָקער, די באַלעבאָסטע, מיט זייער קאַפּיקענער פרומער אכזריות, און זייער זון דער שטאַמלוק, און די יפיפיה דאָס טעכטערל, און די פּאַראַליזירטע אַלטע, וועלכע לעבט און לעבט, זיי אַלעמען אויף צו להכעיס, און נאָך צענדליקער פּאַרשוינען, און דער לערן־ייִנגל אַליין — זיי וועלן אַלע בלייבן לאַנג נאָכדעם ווי יונה ראָזענפעלד אַליין איז אַוועק אויפן עולם האמת.

צום קינסטלערישן אַריינזען און אַריינהערן זיך געהערט אויך די שפּירונג פון דער נאַטור. אין „אַ צופאַל", אַריינפאָרנדיק אין וואַלד, דערשפּירט ער „אַ מין אומרואיקייט פון רואיקייט און שטילקייט" — „ווי מען וואָלט אַריינגעפאַלן אין אומענדלעכן קאָרידאָר, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער פינצטערניש און איז נאָך פינצטערער". „נאַכט און שטילקייט — דאָס איז עפּעס אַ מין אייביק שרעקלעך פאַרליבט פּאָר, און פון דער פּאָר ווערן געבוירן... „משחיתים" (יוחנן טווערסקיס אינטערוויו, געדרוקט אין „צוקונפט"). אַנדערשוואו, „ביים ברעג טייך", נאָכדעם ווי די זון האָט זיך געזעצט: „געדוכט האָט זיך, אַ שפּיגל פון טרויער פליסט, אַ טרויעריקער שפּיגל, אין וועלכן ס'האָט נאָר וואָס אַ מת אַריינגעקוקט" מיט באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט הערט ער זיך איין אין דעם אויפגעוואַכטן געהיימען לעבן פון געוויקסן ביינאַכט. „אין די בערג" איז הוילע נאַטור־שפּירונג. דאָס אינערלעכע אויג, וואָס קוקט פון אונטער דעם מענטשנס אויבערפלאַך — איז דאָס אויג, וואָס שפּירט די נאַטור.

דאָס זיינען אַלץ די עלעמענטן פון קינסטלערישן רעאַליזם, וואָס יונה ראָזענפעלד האָט זיי פול באַהערשט ביז צום סוף פון זיינע טעג. אָבער פון וואַנען נעמט דער רעאַליזם די קוקעלעך פון אונטער דער אויבערפלאַך, וואָס פאַרטיפן און פאַרקינסטלערן די אויבן־אויפיקע באַוועגונגען? די קוקעלעך זיינען העלזעערישע אַריינשפּריצונגען פון צווייט־אונטערשטן פלעין פון קינסטלערישן פסיכאָלאָגיזם. דאָס שאַפן פון צווייט־אונטערשטן פלעין אַרויס איז די קונסט פון הוילער העלזעאונג. די מערסטע רעאַליסטן באַנוגענען זיך מיט די קוקעלעך, וואָס גיבן זיך זיי איין ווען ניט ווען. אַנדערש איז יונה ראָזענפעלד דערמיט געווען, וואָס ער האָט כסדר אַריינ־

געזען אין דעם פסיכישן אונטערשלאַק פון זיינע העלדן. אונטער דעם וואָס זיי טוען האָט ער אַלעמאָל געזען וואָס עס טוט זיך אין זיי. דאָרט אין צווייט־אונטערשטן שיכט איז געווען זיין פּערמאַנענטע קינסטלערישע היים. פסיכאָלאָגיע, אָבער דאָך קונסט, ווייל ער האָט ניט יוצא געווען מיט פסי־כאָלאָגיזירן אויפן חשבון פון זיינע העלדן. דאָס וואָס עס טוט זיך אין זיי איז ביי אים ניט אָפּגעשיידט געווען פון דעם וואָס זיי טוען און וואָס עס טוט זיך מיט זיי. אַ גלייכצייטיקע באַוועגונג פון אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע פּאַסירונגען — אַ טאָפּלט לויפנדיקע דערציילונג. און קענטיק, אַז יונה ראָזענפעלד האָט פון זיינע פאַר־שרייבערישע יוגנט־יאָרן מיטגע־בראַכט אַ רעזערוו פון העלזעערישער אַריינזעאונג, ווייל גאָר גיך האָט דער פּרימיטיווער סטיל פון זיינע ערשטע שרייבערישע פּראָבעס זיך פאַר־דינט און אויסגעאיידלט. די דין־דינע פסיכאָלאָגיע האָט דאָך געדאַרפט גע־פינען פאַר זיך ווערטער און אויסדרוקן. שוין אין דער ערשטער זאַמלונג דערציילונגען, וואָס איז אַרויס אין 1909, איז צוזאַמען מיט זיין ערשטער פּראָבע „דער לערן־יינגל" אָפּגעדרוקט די דערציילונג, וואָס האָט אים בעמאַכט אַ נאָמען — „קאָנקורענטן" — וואו אַ שלימזלדיקער טאַטע און זיין קליין טעכטערל קאָנקורירן, ווער פון זיי זאָל די „באַלעבאָסטע" זיין אין הויז — צו וואַשן און צו ראַמען און דאָס קינד צו פאַרוויגן — בעת ווייב און מוטער איז די פּרנסה־געבערין אין מאַרק — אַ טראַגיש־הומאָריסטישע קאָנקורענץ, ווייל דער קאָנטראַסט צווישן דעם וואָס זיינע העלדן טוען און וואָס עס טוט זיך אין זיי, דער אָפּשיין פון איינעם אויף דאָס אַנדערע מאַכט צום וויינען און צום לאַכן.

אָט דער טראַגיש־הומאָריסטישער טאָפּל־גאַנג, פון אינעווייניק און פון דרויסן, איז שוין געבליבן יונה ראָזענפעלדס שטייגער שרייבן: אין „שיינע רחל" („צוקונפט", 1935) פאַלט אַריין אַ קאָמי־וואָיאַזשער, וואָס פירט מיט זיך געפּעק מיט פאַרפיומען, אויף אַ דאָרפישער סטאַנציע, וואָס איז פאַרהילט אין חושך, און זוכט אַ פור, וואָס זאָל אים ברענגען פאַרטאָג אין שטאָט אַריין. די איינציקע פור וואָס עס מאַכט זיך, איז אַ וואָגן וואו עס ליגט אַן אָרון מיט אַ געשטאָרבענער יידענע, אין דער באַגלייטונג פון אַ דערשלאָגענעם דאָרפישן יידן און אַ טעכטערל, וואָס גיסט טרערן און חלשט. מינטערט ער זי פון חלשות, שפּריצנדיק פאַרפיום אין איר פאַר־ווייגט פנימל, פּאַקט אַריין זיינע געפּעק מיט פאַרפיומען צופוסנס פון מת, און אַליין גייט ער מיט צופוס אַ גאַנצע נאַכט מיט דער לוויה. דאָס טעכ־טערל — אָט טרייסט זי זיך אויף דער ברוסט פון דעם פון הימל־אַראָפּגע־פאַלענעם היימלעכן באַגלייטער, און לאָזט אים אויס דאַנקבאַרקייט אַנזויגן

זיך מיט יונגער ליבשאַפט פון אירע שפּראַצנדיקע בריסטלעך, און אַט, אַ דערמונטערטע, לויפט זי צו דער אַנדער זייט וואָגן טרייסטן דעם פּאַ־טער. דער קאַמי־וואַיאַזשער — ניט ער ווייס דעם נאָמען פון דעם יידן און ניט דעם נאָמען פון זיין טעכטערל. דאָס איינציקע, וואָס איז אים געבליבן צום אָנדענק פון זיין ביינאַכטיקער לוויה־ליבע, איז דער נאָמען פון מת — „שיינע־רחל". די גאַנצע דערציילונג באַוועגט זיך אויף דעם פּלעין פון קינסטלערישן, טראַגיש־הומאָריסטישן רעאַליזם.

אָבער דאָס איז נאָך ניט דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע ביי יונה ראָזענפעלדן. מען קאָן גאָר גענוי ניט באַשרייבן, וואָס און ווי אַזוי עס גייט צו ביי אים אויפן פּסיכאָלאָגישן פּלעין פון העלזעערישער אַרייב־זעאונג, ווען מען זאָל ניט אַרונטערקוקן נאָך טיפער, צו אַ דריט־טיפערן פּלעין. פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אים דער רעזערוו פון העלזעאונג? העלזעאונג האָט זיך געבליצט צו אים פון דריט־אונטערשטן שיכט פון זיין באַוואוסטזיין־אונטערבאַוואוסטזיין. דאָרט הערט אויף פּסיכאָלאָגיע — ריכטיקער, דאָרט איז נאָך ניטאָ קיין פּסיכאָלאָגיע. פּסיכאָלאָגיע האָט באַ־שטימטע נעמען, וואָס באַצייכענען געפילן, ליידנשאַפטן, ליידן און פריידן. דאָרט איז אומבאַשטימטער נאָמענלאָזער לעבנס־דראַנג, וואָס וואַרט ערשט אויף אַ נאָמען, וואָס זאָל אים אויסטייטשן אום צו קענען ווערן באַשטימטע פּסיכאָלאָגיע. דער לעבנס־דראַנג האַלט אין איין פאַרוואַנדלען זיך, לויט די נעמען וואָס דער מענטש גיט אים. יעדער נשמה־צושטאַנד קען איבער־גיין אין זיין קעגנזאַץ, נאָך מער: ער רופט אַרויס זיין קעגנזאַץ. פון ליבע קען ווערן האַס, און פאַרקערט. פון גוטסקייט — רשעות. פון גלויבן — פאַרצווייפלונג, און פאַרקערט. עס איז תוהו פון פאַרן־באַשאַף, אין דער אויבערשטער האָט געדאַרפט זאָגן: עס זאָל זיין — און עס איז געוואָרן. ער האָט נאָך געדאַרפט אַריינרופן אָדם הראשונען, די זאַכן אָנצורופן מיט נעמען — דעמאָלט ערשט זיינען זיי ענדגילטיק באַשאַפן געוואָרן. פון אַט דעם בראשיתדיקן, אור־באַשעפערישן געראַנגל צווישן יאָ און ניין האָט יונה ראָזענפעלד געצויגן די בליצן, וואָס האָבן געצונדן די העלזעאונג, וועמענס שפּריצן האָבן פאַרקינסטלערט זיין רעאַליזם.

דאָס רוף איך דער „פּלעין פון קינסטלערישן נאָמינאַליזם". מיט יאָרן צוריק האָב איך עס גערופן „דער כישוף פון נאָמען". און עס איז ווירק־לעך ווי כישוף. אָפט טרעפט עס, איר זיינט באַגאַנגען אַ טאַט — און קוים ווי איר האָט די טאַט באַגאַנגען, ווי צוויי דערקלערונגען, צוויי אויסטייט־שונגען וואַרפן זיך אַרויף און ווילן זי צונעמען פאַר זיך, און איר צווייפלט, וואָס פאַר אַ נאָמען צו געבן אייער טאַט. צוויי נעמען ראַנגלען זיך פאַרן

כבוד זי אָנצורופן. ווען איר זיינט שוין יאָ זיכער, און איר ווייסט, דאַכט זיך, אַזוי גוט, וואָס אייער טאַט באַטייט — גיט נאָר אַ ריר דעם צודעק פון אייער באַוואוסטזיין, וועט איר באַלד דערשפּירן, אַז פון אייער זיכער־קייט שלאָגט יעדע מינוט אַריין אַ כוואַליע פון אומזיכערקייט. ווען אַפילו איר זיינט שוין זאַט און אָנגעטרונקען מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט, און איר מערקט ניט דעם שונא, וואָס לויערט אויף אייך אין באַהעלטעניש, שטייט איר אויף אויף צומאָרגנס און איר דערקענט זיך אַליין ניט — איר קוקט אויף דער נעכטיקער טאַט אייערער גאָר מיט אַנדערע אויגן: דאָס וואָס איז געווען העלדיש און איידל פון אייך, איז געוואָרן קליינלעך און לעכער־לעך; וואָס הויך — נידעריק. איר חידושט זיך, ווי אַזוי האָט איר געקענט אָפּטאָן אַזאַ מיאוסקייט? אַנדערע נעמען, אַנדערע פּנימער! קענטיק, אַז תמיד גייט אַן אין אונדז אַ מלחמה פון די נעמען. איינע האַלטן אָפּ נצחונות, אַנדערע כאַפּן מפּלות. וועלכע נעמען זיינען די אמתע? וועלכע די פאַלשע? אַלע זיינען זיי די אמתע! פרעגט בעסער וועלכע זיינען די שטאַרקערע? וועלכע וועלן גובר זיין? אָבער לאָמיר איבערגיין פון אַב־סטראַקציעס צו אילוסטראַציעס:

אין דער דערציילונג „אַן אָרענטלעכע פרוי" פירט ראָזענפעלד אַריין אַזאַ מין דעקלאַראַציע: „אָרנטלעך און אומאָרנטלעך זיינען אין תוך געגנו־מען — אַלע פרויען, אַן אויסנאַם. אין אָרנטלעכקייט ליגט אויך אַ געוויסע דאָזע און אָפּט גאָר אַ גרויסע דאָזע אומאָרנטלעכקייט, וואָס די פרוי אַליין באַמערקט עס ניט. אַ „געטרייע" פרוי קומט אַמאָל פון גאַס און וואַרפט אַ שיינענדיקן בליק, אַ שמייכל צום מאַן אירן אַ דאַנק דעם, וואָס זי האָט אין גאַס באַמערקט ווי איינער אַ דורכגייער האָט אויף איר אַ פלאַמענדיקן קוק געוואָרפן. אָדער אַ בילד־שיינע יונגע פרוי אין אַ זומער־האָטעל אין די בערג שלינגט זיך אַן מיט די הייסע בליקן פון די יונגעלייט און היט איין איר אָנגעצויגענע טעמפּעראַטור פאַר די וועכנט־לעכע באַזוכן פון איר מאַן דעם ביזנעסמאַן. צוואַנציק יאָר זיינען אַריבער, די יונגעלייט גיבן זייער חשק אַוועק צו די ייִנגערע, איר מאַן היפּט שוין אויך איבער זיינע סוף־וואָכיקע באַזוכן. זי אָבער שפּילט נאָך אַלץ די געטרייע, און אין דער זיכערקייט אַז זי וועט ניט פאַרראַטן, פאַרפירט זי איר זונס חבר אין טיף־נאַכטיקן וואַלד אַריין, און ראַנגלענדיק זיך מיט אים לאָזט זי טאַקע פון אים זיך פאַרגוואַלטיקן. אין „אַ יונגע אלמנה" ציט „זי" דווקא מיט איר אויפריכטיקן טרויער נאָכן פאַרשטאָרבענעם מאַן יונגעלייט אין איר נעץ אַריין. „אין אַ פלאַנטער" איז אַן ערלעך פאַר־פאָלק שטאַרק ברוגז אויף זייער נייעם קוואַרטיראַנט, וועלכער פאַררייסט

זיך קעגן זיי. איין פרימאָרגן, ווען דער מאַן איז אַוועק, און זי איז נאָך אין בעט, וועלנדיק אויספּרובירן די שטייפע פאַרדריסנקייט פון קוואַרטיראַנט, מאַכט זי זיך שלאָפנדיק און בלייבט אָפּגעדעקט. דערנאָך ערשט לאָזט זי אויפברויזן איר אָנט־ערטע ערלעכקייט און וואַרפט זיך מיט אַ מעסער אויף אים.

אין די דריי דערציילונגען זיינען דאָ צענדליקער אור־באַשעפערישע איבערגאַנגען פון יאָ צו ניין און פון ניין צו יאָ, וואו די געטרייקייט־אומ־געטרייקייט, ערלעכקייט־אומערלעכקייט האָבן נאָך קיין נעמען ניט, ביז עס קומט די האַנדלונג און טייטשט זי אויס. יאָ, אין דער נשמה איז דער נאָמען די עצם זאַך. די קריטיק האָט עס דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען און איז געווען געפּלעפט: פאַרוואָס בלאָנדזשעט יונה ראָזענפעלד אין די פינצטערסטע לעבנס־קעלערס? פאַרוואָס קנוילט ער און פּלאָנטערט און פּעדימט די טונקלסטע נשמה־פּעדים? פאַרוואָס זוכט ער דווקא אויס דאָס קרענקלעכע, דאָס פאַרקריפּלטע? זי, די קריטיק, האָט אים שוין געטאָן אַ טובה, ווען זי האָט געזאָגט אויף אים, אַז געזאָלט האָט ער גאָר זיין אַ פאָרשער, אַ חקרן, און האָט אויסגעדריקט באַדויערן, וואָס ער האָט ניט געגוג שטודירט און באַציִטנס זיך ניט באַקענט מיט זיגמונד פרוידס פּסיכאָ־אַנאַליז — וואָלט ער פאַרשפּאָרט צו אַנטדעקן שוין־לאַנג־אַנטדעקטע אַמעריקעס.

אָבער איז עס פּסיכאָ־אַנאַליז? ראָזענפעלדס פּסיכאָלאָגיע איז אַ סך פריער. דער פּסיכאָ־אַנאַליז האַלט זיך אויף פּאַרטיקע נעמען און אויף אייגענע־געמאַכטע טערמינען. זיין הויפּט־פּונקט איז, אַז די ניט־אויס־געלעבטע, פאַרשטיקטע איבערלעבונגען פון דער קינדהייט קענען זיך אָפּ־רופן מיט קרענקלעכקייט און פאַרקריפּלונגען ביים דערוואַקסענעם. ביי ראָזענפעלדן איז עס דער נאָמענלאָזער אור־באַשאַף, וואָס דאַרף ערשט באַנאָמענט ווערן. צו קענען ווערן אַ חלק פון מענטשנס פּסיכאָלאָגיע. און עס איז ווייט פון קרענקלעכקייט און פאַרקריפּלונג. ער האָט עס געפונען אין זיך און געפונען ביי יעדן נאָרמאַלן מענטשן. דאָס איז דער נאָרמאַ־לער לעבנס־פּראָצעס ניט נאָר אין קינד, נאָר נאָך מער אין דערוואַק־סענעם. בלויז אין איין פּונקט קומט ראָזענפעלד זיך צונויף מיט זיגמונד פרוידן: ביי פרוידן איז דער ערשטער אויסדרוק פון לעבנס־דראַנג דער ליבעס־דראַנג. אויך ראָזענפעלד האָט זיין מעטאָד פון יאָ און ניין מיט פאַרליבע אַנגעווענדט אויף געשלעכטלעכער ליבע. ס'איז אַ ריזיקאַלישער מעטאָד — אַ ספּיראַל, וואָס דרייט זיך אַראָפּ אין אַ לאַבירינט, אַ שרויף וואָס שרויפט זיך אַליין אַרונטער. און ווען די אויסערלעכע סיטואַציעס

לויפן ניט פּאַראַלעל צו דער אינערלעכער באַוועגונג, קען עס ווערן אַ זעלבסטפּאַרדרייעניש, אַ זעלבסטאָנשרויפונג. די טעכניש־געלונגענסטע אין דעם פּרט אין די דערציילונג „היימישע״: צוויי ניט כשרע מיידלעך, וואָס שפּילן די ראָל פון באַלעבאַטישע טעכטער, וואָס נעמען אויף בלויז געקליבענע קונדן, האָבן פאַר זייער שכנה אַ כשרע ווייבל. זיי רעדן זי איבער, אַז אויב זי וועט זיי אויסבאָרגן אויף איבערנאַכט איר קינד, וועלן זיי קענען העכערן דעם פּרייז און אַזוי אַרום אָנזאַמלען גענוג נדן פאַר אַ כשר מאַן־און־ווייב־לעבן. אָבער ווען דאָס קינד האָט זיינס געטאָן, באַדאַרפן זיי עס מער ניט האָבן. דאָס כשרע ווייבל איז מוראדיק אויפגעבראַכט. האָבן זיי דאָך איר אָפּגענאַרט! זי וועט אויפדעקן זייער שווינדל! איינמאָל ווען אַ קונד פאַרבלאָנדזשעט אין איר טיר, און זי נעמט אים דערקלערן, אַז דאָס קינד איז אירס, ניט זייערס, באָט ער איר אָן נאָך אַ העכערן פּרייז. קומען אָנצולויפן די מיידלעך. אין איר גרויסן צאָרן און ביטערער פאַרלעגנהייט, נעמט איר האַרץ זיך וויגן צווישן כשר און טריף. איר אייגענער מאַן קומט פלוצלונג אָן. די שרויף שרויפט זיך ביז אין תהום אַריין, אָבער יעדער קער און ווענד פון דער שרויף איז געדעקט מיט אַ טראַגיקאָמישער סיטואַציע.

נאַטירלעך־געלונגענער, און דאַרום אויך קינסטלערישער, זיינען די דערציילונגען, וואו עס פיגורירן יונגע מיידלעך. יונגע מיידלעך זיינען אין איבערגאַנג צו פרוי. זיי זיינען כסדר אין פאַרוואַנדלונג — כסדר מיניעט זיך ביי זיי: קינד און פרוי. זיינען זיי פּונקט צוגעפּאַסט פאַר דעם גראַנגל צווישן יאָ און ניין, זיינען זיי ראָזענפעלדס באַליבטסטע העלדינס. זיי דאַרפן זיך גאָר ניט פאַרליבן אין אַ באַשטימטן מאַן. דער מאַן איז בלויז דער אָביעקט אויף וועמען אויסצופּרובירן זייער צייטיק־ווערנדיק ליבע־טאַלאַנט — פאַר אַ ליבע־שפּיל. שפּיל איז דאָס ריכטיקע וואָרט. זיינען זיי נאָך אַמאָל צוגעפּאַסט פאַר ראָזענפעלדס מעטאָד פון באַשאַפן זאַכן דורך געבן זיי נעמען, דורך אויפשפּילן האַנדלונגען, וואָס טייטשן אויס — און דאָס איז דאָך די עסענץ פון שוישפּיל. אין דער דערציילונג „אַ שפּיל״ גיט דער דערציילער אַ שפּיל אויף דער מיידל, וואָס אַרבעט מיט אים אין איין אָפיס, מיט דערציילן איר אַ ליגן־מעשה, אַז ער איז שטערבלעך פאַרליבט אין זיין יונגער שיינער פרוי. דאָס מיידל — דאָ גלויבט זי און דאָ גלויבט זי ניט — און זי נעמט קאָנקורירן מיט דער אויסגעטראַכטער פרוי, ביז זי ווערט אַריינגעצויגן. אין דער דערציילונג „אויף אַן אכסניה״ ווערט דעם בעל אכסניהס טעכטערל אַריינגעצויגן דורך אַ קאָרטן־שפּיל. דער דערציילער לאָזט זיך פון איר וואַרפן אין קאָרטן, און זי דאַרף טרעפן,

ווער זיין קינפּטיקע געליבטע וועט זיין. אין אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן „איינער אַליין" פאַלט נאָך אַ יונגערע מיידל אין זייַנע אָרעמס דורך אַ שפּיל מיט אַ גלאָז־וואַסער.

די געלונגענסטע, קינסטלערישסטע און אידלסטע דערציילונג פון דעם מין איז „אַ מיידעלע". אַ קינד, אַ שפּראָץ אויף פרוי, וואָס אירע אויגעלעך שלאָגן אָפּ מיט דער נאַאיוויטעט פון דער ייִנגסטער פרוי און מיט דער חכמה פון דער עלטסטער זקנה. עס הויבט זיך אָן מיט שוישפּיל: אויף זייַנע אָונט־שפּאַצירן נעמט זי אים נאָכגיין טראָט ביי טראָט, נאָכ־מאַכנדיק זיין גאַנג און זייַנע תנועות. ווען ער האָט איינמאָל פאַרפעלט זיין אָונט־שפּאַציר, האָט זי שפּילנדיק אין באָל, דעם באָל אַרייַנגעוואָרפן צו אים דורכן פענצטער, און איז געקומען אויף מאָרגן גאַנץ פרי צו שפּילן באָל איבער זיין בעט. ער האָט נאָך געשטייגערט איר שוישפּילערישקייט מיט אַ מעשה, אַז ער האָט געהאַט פונקט אַזאַ מיידעלע — איז זי געגאַנגען מיט דער מאַמען זיך באָדן, מיטגענומען אַ קאָלדרע צו כאַפּן פישעלעך אין ים — און זי איז דערטרונקען געוואָרן! דער מיידעלע גייט אין לעבן צו וויסן צי די מעשה איז אמת אָדער אַ ליגן — דאָ שפּילט זי זיך אין אמת אַריין, דאָ אין ליגן, און איינמאָל זאָגט זי אים אָן, אַז זי גייט מיט דער מאַמען זיך באָדן, און זי וועט מיטנעמען אַ קאָלדרע — און זי איז דער־טרונקען געוואָרן! דאָס שפּיל פון די אור־באַשעפערישע כוחות לויפט דאָ איבער אין אַ גורל־מיסטעריע, וואָס דערמאָנט מעטערלינקס דראַמעס.

דאָס אַלץ האָט זיך אים געגעבן פון דעם אור־באַשעפערישן פלעין, פון וואַנען עס איז אים געקוואָלן דאָס ליכט, וואָס האָט דורכגעלויכטן פאַר אים דעם מענטשן און די נאַטור. אין גרויסע לעבנס־מאָמענטן פלעגט דער תוהו פון פאַרן־אור־באַשאַף זיך דורכשפּאַרן פון דעק פון זיין נשמה און שטום און באַרעדעוודיק מאַכן זיין צונג. אָט איז אַזאַ מאָמענט אין דער דערציילונג „אַ קרבן פון קאַפּיטאַל", וואו ער און זיין חברל גייען גראָבן זאַמד קורץ פאַר ליכטבענטשן ערב שבת נחמו — צו פאַרקויפן עס פאַר אַ צענער צו דער נגידה. דער זאַמד־באַרג פאַלט איין און באַגראָבט זיין חברל — „ווי אַ גיגאַנטיש מעכטיקער פליגל וואָלט אויף מיר אַ ווייע געטאָן, און כ'האָב דערפילט, אַז כ'האָב מיך אַ שלײדער געטאָן — אַ שליידער, אַ פלי, אַ פאַל, און איך בין ניטאָ. פון גרויס שרעק האָט זיך דאָס לעבן ערגעץ אין מיר טיף פאַרשטעקט און זיך פאַרטאַיעט, אַז אויס, מ'לעבט ניט, מ'איז ניטאָ... יאָ, ס'איז בלויז געבליבן ערגעץ אַזויפיל לעבן אין דיר, וואָס זאָל בלויז דיך האַלטן אינפאָרמירט, אַז מיט דיר איז אויס, דו

לעבסט שוין ניט מער. ערגעץ איז אין דיר פון דיין גאַנצן לעבן נאָר א נר תמיד געבליבן און ווייטער איז הוילער כאָאָס!"

אַט די אור־באַשעפערישע מאָמענטן האָבן אים, אומגעריכט פאַר אים אַליין, אין זיין 22־טן לעבנס יאָר, פאַר אַ שריפטשטעלער געמאַכט, און אין אייניקע יאָר דערהויבן צו אַ פּאָזיציע, וואו אַפילו די קריטיק, וואָס האָט אים ניט פאַרשטאַנען, האָט אים דעם אומגעבילדעטן, געמוזט צו־גלייכן צו זיגמונד פרויד; די מאָמענטן האָבן אַפילו אויסגעפורעמט זיין סטיל, וואָס היט זיך אָפּט אָנצורופן אַ זאַך ביים נאָמען און באַשרייבט זי אַרום און אַרום. אַט די מאָמענטן האָט ער מסתמא געהאַט ניט ווייניק. ער האָט זיך אָנגענומען מיט זיי אין זיין פריסטער קינדהייט און זיי מיט־גענומען פאַרגרעסערטע אין זיין יוגנט. ווען מיר ווייסן, פון וואַנען זיי האָבן זיך צו אים גענומען, וואָלטן מיר דערגאַנגען זיין שריפטשטעלער־סוד.

לויט דעם טווערסקי־אינטערוויו אין דעם טאָג, ווען ראָזענפעלד איז אַוועק צו דער אָפּעראַציע, האָט ער זיך געקליבן שרייבן אַ ראָמאַן פון זיין פריסטער יוגנט. אפשר האָט ער אים אָנגעשריבן. איז לאָמיר זיך ווענדן צום אויטאָביאָגראַפישן „איינער אַליין", וואָס דעקט זיינע יוגנט־יאָרן אין אָדעס, וואו די ברידער האָבן דעם בר־מצוה־יינגל פאַרדונגען אויף פיר יאָר צו אַ מייסטער־טאָקער און מייסטער רוצח. אין ראָמאַן איז דאָ אַזאַ תוהו־ובוהו־מאָמענט, ווען דער באַלעבאָס כאַפּט אַן אָפּגעטאָקט פיסל פון אַ טישל און שלאָגט אים מכות־רצח, אָפּשלאָגנדיק אים די ריפּן. ער ליגט צוויי־דריי טעג אויף די שפּענער אין וואַרשטאַט און ער רירט זיך צו קיין ביסן ניט צו — צו פאַרשווינדן אין זיך, ניט צו פילן די יסורים מער — אויס, ניטאָ מער! אויף די יסורים פון אַ פול־געשלאָגענעם קינד איז אויפ־געבויט די דערציילונג „דער אויסוואורף". אַ שטיפער, אַ קינד, אַ מזיק, וואָס פעלט פון חדר אויס, איז ער ביים פאָטער און ביי אַלע פרומע און גוטע לייט פאַררעכנט פאַר אַן אויסוואורף. שלאָגט אים דער פאָטער ביז ער פאַרלירט זיינע כוחות. אַרבעט זיך אויס ביים יינגל די קונסט פון „פאַרשווינדן ביז ניט צו פילן די יסורים מער". ער האַלט אין די יסורים, ער טוט צו להכעיס, ער טוט אַלץ וואָס מען טאָר ניט. ער דערטרינקט אַ קעצל. דעמאָלט שלאָגט אים שוין ווער עס האָט נאָך אַ האַנט. צינדט ער אונטער ביינאַכט זיין פאָטערס הויז, און ווען אַלע ראַטעווען זיך, בלייבט ער ליגן — ער וויל פאַרברענט ווערן.

אין ראָמאַן איז דאָ אַן אָנצוהערעניש, אַז וואָס דער „אויסוואורף" האָט געטאָן מיט אַ קעצל, האָט ער, ראָזענפעלד, קינדהוויז געטאָן מיט אַ הינטל.

אַכזריות אויס צו להכעיס איז אים אויך ניט פרעמד געווען. די פּאַראַליזיר־טע זקנה, דעם בעל הבית מוטער, וואָס דער לערן־ייִנגל דאַרף טאָן אַלע שמוציקע אַרבעט אַרום איר, און וועלכע כאַטש פּאַראַליזירט, גנבעט זי זיינע מאַלצייטן און לאָזט אים הונגערן — ווערט גרויזאַם באַשטראָפט פון אים. ער טוט אָן אַ שרעק־מאַסקע און בייגט זיך אַזוי לאַנג איבער איר פּנים, ביז זי פאַרלירט דאָס לשון און שטאַרבט אַוועק. אָבער עס קען דאָך ניט געמאָלט זיין, אַז אָט די אכזריות איז געווען אַן אָפּענטפער אויף די קלעפּ, וואָס ער האָט געכאַפּט אין דער קינדהייט. זיין פאָטער, האַלב־מלמד און האַלב־לערער, וועלכער האָט אַפילו די הגדה אויסגעזונגען אין דייטש, אין דער שפּראַך פון שילער — איז זיכער קיין שלעגער ניט געווען. נאָר אויב ראָזענפעלד האָט קיין פיזישע קלעפּ ניט געכאַפּט, האָט ער גע־כאַפּט קלעפּ פון הונגער. ער האָט אַלס קינד קיינמאָל קיין חלה ניט פאַר־זוכט. אין ראָמאַן דערמאָנט ער זיך, ווי איינמאָל האָט זיין מאַמע אים געבראַכט צו גאַסט אין זיין חברס הויז. מען האָט ביידע ייִנגלעך מכבד געווען מיט לוסטעס ברויט, באַשמירט מיט סמעטענע. ער האָט זיך צוגעכאַפּט מיט זשעדנעקייט צו דער לוסטע. דער חבר האָט זיין לוסטע אַ שמיץ געטאָן צו דער ערד. איז ער געבליבן אַ פאַרשעמטער, אַ דער־נידעריקטער. ער האָט קיינמאָל די דערנידעריקונג ניט געקאָנט פאַרגעסן!

דער חבר איז געבליבן די מאָס פון זיינע אומדערפּאָלגן, מיט אים האָט ער כסדר זיך געמאָסטן און זיך פאַרמאָסטן. צוזאַמען זיינען זיי גע־קומען קיין אַדעס. בעת ער איז אָפּגעקומען ביי זיין בעל הבית, געהונגערט און קיינמאָל קיין קאָפּיקע ביי דער נשמה ניט געהאַט, האָט יענער גאַר גיך זיך אַרויפגעאַרבעט צו אַ פּרוכט־ און זיסקייט־שטעל. צו אים, אַ הונגעריקער, פלעגט ער קומען זיך אָפּחיהן מיט נאַשערייען. דער חבר האָט געוועקט זיין שנאה־קנאה צו זיין סטאַטנעם וואוקס און געזונטן פּרצוף־פּנים. ער אַ פיזישער שלימזל — אַ קליינגעוויקסיקער, אַ דאַרינקער, אַ ביסל איינגעהויקערטער — „אַ פּראָדוקט פון אַ שלעכטער קינדהייט" — האָט ער געזאָגט צו טווערסקין.

אַ פיזישער שלימזל! דאָ ערשט אין אַדעס האָט ער געגומען כאַפּן די אמתע קלעפּ — ניט פיזישע קלעפּ בלויז, און ניט קלעפּ פון הונגער, נאָר קלעפּ פון יוגנטלעכן ליבע־הונגער. די ליבע־קלעפּ האָבן עס פאַרשטאַרקט און פאַרשאַפּט די תוהו־ובוהו רגעס, וואו ער האָט געזוכט צו „פאַרשווינדן ביז ניט צו פילן די יסורים מער". „איינער אַליין" איז אפשר ניט אַזאַ געניויע כראָניקע פון זיינע יוגנט־איבערלעבונגען. זיין גאַנצן שפּעטערדיקן וויסן און קענען האָט ער אַריבערגעטראָגן אויף זיינע אַדעסער לערן־יאָרן.

איז אין ראָמאַן דאָס רוב אי קינסטלערישער רעאַליזם, אי קינסטלערישער פּסיכאָלאָגיזם, ווי אויך קינסטלערישער נאַטוראַליזם, וואו זאַכן ווערן ערשט באַשאַפן דורך געבן זיי נעמען. אַזוי אַרום איז דעם בעל הבית טעכטערל זוכה געווען צו ווערן אַ הויפּט־העלדין. גראָטן אין טאַטע־מאַמע מיט איר כאַראַקטער־מיאוסקייט, אָבער מיט אַ שיין פּנימל, אַ זאַפּטיקער טאַליע און געטאָקטע פּיסעלעך, וועט זי זיך אומקוקן אויף דעם גרויסן פאַרשוין, דעם לערן־ייִנגל, וואָס טוט די געמיינסטע אַרבעט אין הויז, ערגער פון אַ דינסט? אָבער זי האָט זיך יאָ אומגעקוקט: אויף אים האָט זי זיך גע־לערנט די הערשערישקייט פון פרויען־ליבע, די האַרצלאָזיקייט פון אַן אָדעסער „קלעאָפּאַטרא”! ווען ער פּוצט אירע שיכעלעך, פּאַכעט זי מיט איר קליידל אויף זיין פּנים; און טורקעט אים די נעז פון די שיכעלעך אונטערן נאָז, אָנווייזנדיק אים, וואו די פּאַדלאָגע איז ניט דערוואַשן. זי מאַכט אים פאַר דעם פּאַטשטאַליאָן, וואָס טראָגט די קאָרעספּאָנדענץ צווישן איר און אירע געהיימע געליבטע.

ער איז אַן עקשן, דווקא אויף איר וויל ער אויסראַנגלען די באַליי־דיקטע ליבע פון אַ פּויזישן שלימזל. ער לאָזט אין גאַנג דעם כישוף פון נעמען, די שווישפּילערייִ פון יאָ און ניין, און זעצט עס דורך. ווען זי בעט ביי אים אַ סגולה, ווי צו געווינען דאָס האַרץ פון אַ פּריצל, מיט גלאַנציקע שטיוועלעך, וואַנצעלעך און אַ בייטשל, טראַכט ער פאַר איר אויס אַ גרויזאַמע כישוף־שפּיל: ווען אַ מייזל וועט געכאַפּט ווערן אין דער דראָטענער פּאַסטקע, וועט ער זי באַגיסן מיט קעראָסין און אָנצינדן — און זי זאָל אַריבערשפּרינגען הין און צוריק, מיטן פּריצלס נאָמען אויף די ליפּן. דאָס קליידל, וואָס זי האָט געפּאַכעט אים אין פּנים אַריין, האָט זיך אָנגעצונדן, די פּיסלעך, וואָס זי האָט געטורקעט אים אונטער דער נאָז, זיינען פאַרסמאַליעט געוואָרן, און אַרויסקומענדיק פון שפּיטאָל, איז זי שוין גנעדיקער צו אים. זי וואָלט שוין גערן אים געוואָלט האָבן פאַר אַ געליבטן. אָבער ער דאַרף איר ליבע מער ניט האָבן — עס האָט אויסגע־פּירט זיינס!

די מעשה איז מסתמא איבערטריבן. אָבער דעם בעל הבית טעכ־טערל חזרט זיך איבער אין אַנדערע דערציילונגען. אַ מילדערע „קלעאָ־פּאַטרא” באַגעגענען מיר אין דער דערציילונג „אייביקייט”: יעדן שבת קומט ער צו גאַסט צו זיין געוועזענעם בעל הבית, וואָס זיי האָבן זיך ביידע פיינט און פירן צווישן זיך דערעסלעכע געשפּרעכן. דאָס טעכטערל טראָגט צו דעם כיבוד אין פולער גלייכגילטיקייט, נישט מער ווייל ער איז איר פאָטערס גאַסט. אָפּגעטאָן די „גאַסט־פרייִנטלעכקייט”, גייט זי זיך

אָוועק אַן שום אַנטשולדיקונג, איבערלאָזנדיק אים מיט אַ צעבראָכן האַרץ. אין דערזעלביקער דערציילונג איז דאָ אַן אינטעליגענטקע, אַ רעוואָלוציאָ־נערקע — פריילין שאַמעס — וואָס ער ברענגט זי צום טויער פון הויז, זי זאָל קלאַמפּערשט די „קלעאָפּאַטראַ" אַגיטירן. און זי — ניט אַזאַ שיינע, וואָלט שוין גאָר ניט בראַקירט מיט דעם פיזישן שלימזל. אָבער „אומ־זיסטע", ניט אויסגעראַנגלטע ליבע שעצט ער ניט. ער איז גאָר ניט געווען אַזאַ אומדערפאָלג אין ליבע, ווי ער מאַכט דעם אָנשטעל. האָט ער ניט פאַרמאָגט די מעלה פון שיינקייט, האָט ער פאַרמאָגט אַנדערע מעלות, וואָס האָבן צוגעצויגן פאַרבענקטע קליינשטעטלדיקע מיידלעך. דער סוזשעט פון „אַ פרעמדער", וואו אַ מיידל, וואָס האָט אים ליב געהאַט און ער האָט זי פאַרלאָזט, גיט זיך אַריין אין אַ שאַנד הויז, איז אודאי איבער־טריבן. פון אַנדערע דערציילונגען דערוויסן מיר זיך, אַז דאָס „שאַנד־הויז" איז פשוט געווען, וואָס דאָס פאַרלאָזטע מיידל האָט חתונה געהאַט מיט אַ מאַן, וועמען זי האָט ניט ליב געהאַט. איך שטויס מיך אָן, אַז דאָס איז געווען די קוזינע פון קאָוועל, וואוהין ער איז געקומען זיך שטעלן צום פּריזיוו, און וואָס זיין בריוו צו איר, אָדער צו איר חתן, האָט געוואָלדיק אויסגענומען ביי זיינע חברים־טאָקערס — אַזאַ געטאָקטער געצירקלטער כתב! ביי דער שטעטלשער אינטעליגענץ האָט ער אויסגענומען מיט דעם געטאָקטן, געצירקלטן אינהאַלט פון בריוו, און זי האָט אים פּראָקלאַמירט פאַר אַ צווייטן „גאָרקי". (די זעלביקע קוזינע פיגורירט אויך אין „איינער אַליין". ער קומט צו איר זיך טרייסטן נאָך זיין פסחדיקער פליטה פון זיין בעל הבית און טעכטערל. און עס פאַרנעמט זיך ביי זיי אויף אַ שפּיל צווישן יאָ און ניין. און זי טוליעט אים צו זיך. און עס ענדיקט זיך זייער שלעכט: דער מאַן קומט גראָד אָן!)

האָט ער דאָך געוואוסט, וואָס אַ שרייבער איז, ווען ער האָט זיך גע־לאָזט באַצייכענען ווי אַ „גאָרקי". פאַרוואָס דאָס גערייד, אַז די אַנטדע־קונג איז ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן? און געוואוסט האָט ער וועגן שריי־בער פון קינדוויייז אָן. זיין פאָטער, האַלב־מלמד און האַלב־לערער, אַ דייטש־קענער, וועלכער האָט אַפילו די הגדה פאַרשילערט, האָט אודאי גערעדט וועגן ספרים און ביכער און שרייבער. און אין די קליינע שטעטלעך איז אַ לערער, מיט אַ געטאָקטן, געצירקלטן כתב, וואָס לערנט בריוו שרייבן, פאַרדעכנט געווען פאַר אַ „שיין־שרייבער", און איז געריכט געוואָרן מער ווי דער בעסטער קענער מיט אַ שלעכטן כתב. ניט אומזיסט איז דאָס ערשטע „ליטעראַרישע ווערק" פון דעם זון געווען אַ בריוו צו אַ כלה אָדער צו איר חתן. וואָס ער האָט ניט געוואוסט, אַז דער ענין שרייבן און

שרייבער זיינען ניט אין הימל און ניט אין פּאַרצייטן אָדער אין דייטשלאַנד, נאָר טאַקע גאָר נאָענט, און אַפילו אין יידיש. דאָס האָט ער זיך דערוואוסט אין זיינע טאָקערשע לערן־יאָרן אין אָדעס פון דער יידינע, וועלכע פלעגט צעטראָגן אין די געשעפטן די שטעקעלעך, די טראָג־הענט־לעך פאַר געפּעק, וואָס ער פלעגט אויסטאָקן בגנבה פון בעל הבית, כדי צו האָבן אַ פּאָר קאָפּיקעס אין קעשענע. דער מאַן פון דער יידענע איז געווען אַ קברות מאַן, וועלכער האָט געאַרבעט אין אָדעסער לוויה־אַמט צוזאַמען מיט משה־לייב ליליענבלום. פון אים האָט ער געהערט וועגן מענדעלען און לינעצקין. פון דער יידענע האָט ער עס באַקומען די „קליאַטשע" און דעם „פּוילישער ייִנגל".

פון די רעוואָלוציאָנערן — די סטודענטן, סטודענטקעס און עקסטערנער — וועלכע האָבן מקרב געווען דעם פּראָלעטאַריער מיטן גוטן קאָפּ און האָבן אים מיטגענומען אויף זייערע דעמאָנסטראַציעס — האָט ער אוודאי געהערט וועגן גאָרקין. פּאַרוואָס־זשע האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט אַ פּראָלעטאַרישער שרייבער און איז גלייך פון זיינע ערשטע פּראָלעטאַרישע פּראָבעס אַריבער צו נשמה־טאָקעריי, צום געטאָקטן, געצירקלטן נשמה־כתב? איז ווידער אַמאָל זיין ליבע קאָמפּלעקס, זיין ליבע־הונגער האָט אַריבערגעשטיגן זיין פּראָלעטאַרישן הונגער, דער פיזישער שלימזל האָט געפּרואווט זיין מזל אין ליבע ביי די סטודענטקעס און איז געבליבן דער־זעלביקער שלימזל, וואָס דאָס האָט אים נאָך מער באַליידיקט. ווערט די פּראָלעטאַרישע סאָציאַלע רעוואָלוציע אויסלייזן דעם שלימזל אין אים און אָפּווישן אָט די בלוטיקע פּערזענלעכע באַליידיקונג? קיינמאָל ניט. און ער האָט זיינע ליבע־אַמביציעס מסתמא ניט איינמאָל אויסגעפּרובירט ניט בלויז אויף באַלעבאַטישע טעכטער, נאָר אויך אויף די געבילדעטע סטודענטקעס, וועלכע האָבן זיך אַרומגעפּירט מיט אים — דערויף זיינען דאָ מערערע דערציילונגען. „אַ קורצער ראָמאַן": אַן אינטעליגענטע האַרציקע פאַמיליע קלייבט זיך אַריין אין הויז, וואו ער אַרבעט אַלס טאָקער אין אַ וואַרשטאַט. דער טאָקער ציט גלייך צו זייער אויפמערקזאַמקייט. ניטאָ קיין טאָג, וואו די פאַמיליע זאָל אים ניט אַרויפרופן צו זיך און מכבד זיין מיט טיי און שמועסן. מסתמא איז געווען אין דעם קליינעם טאָקער גענוג חכמה, שאַרפזין און פאַנטאַזיע, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין די יאָרן פון זיין פיזישן און ליבע־הונגער, צו פאַרכאַפּן זייער אינטערעס. און טאָמער האָט ער זיך ניט געוויזן אַ טאָג, לויפט די טאָכטער אַראָפּ און פאַרפירט אַ שפּיל מיט אים: וויקלט אַ שנור פון אָנגעטאָקטע „לאָקשן" אין אַלץ אַן ענגערן רינג אַרוםביידן ביז צו אַרומנעמונג. איז, דאַכט זיך, שוין גוט?

נאָר פּריינטלעכקייט און שפּיל — יאָ, אָבער אַ קאַנדידאַט פאַר אַ חתן איז יעדער שנעק מיט וואָנצעלעך און שטיוועלעך און רוסיש־רעדן. זייערע פאָטאָגראַפיעס מיט דער פאָטאָגראַפיע פון הויפּט־קאַנדידאַט דעם קוזען מאַכן אַ גאַנצע אויסשטעלונג וואָס מען שפּיגלט זיך אין זיי. אַז דער טאַ־קערל איז אויך אַ מעגלעכער קאַנדידאַט — דאָס פאַלט זיי ניט איין. אַן אַנגעפּאַריבלטער באַשליסט ער צו פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, און זי פירט אים צו אַ פאָטאָגראַפיסט — איז אַפילו דער פאָטאָגראַפיסט אַ קאַנדידאַט. מיט אַ פּראַנטל, וואָס קומט אָן, איז זי אויפן שטעל גרייט צו לאָזן זיך פאָטאָ־גראַפירן צוזאַמען, אָבער זי באַט זיך ניט אָן זיך צו פאָטאָגראַפירן מיט אים. און ווען ער קומט מיט די פאָטאָגראַפיעס, זי זאָל זיך אויסקלייבן איינע, דוכט זיך אים, אַז ניט זי בעט עס ביי אים, נאָר ער בעט זיך ביי איר — צערייסט ער אַלע פאָטאָגראַפיעס אויף פּיק פּיצלעך פאַר אירע אויגן — און געענדיקט!

אַפילו אין ליבע איז דער פּראָלעטאַריער אַן עקספּלואַטירטער פון דער בורזשואַזיע. אַלע נעמען זיי ביי אים: אי חכמה, אי שאַרפזין, אי פאַנטאַזיע — און גאָרנישט גיבן זיי אַנטקעגן. האָט ער געשוואָרן זיין פּערזענלעכע פּראָלעטאַרישע שבועה קעגן דער פּראָלעטאַרישקייט פון די סטודענטן און סטודענטקעס — און דערפאַר אַזוי גיך ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט האַלטן אַ פען אין האַנט, האָט פון אים אַ פלייץ געטאָן דער גאַנצער אור־באַשאַפערישער עקסטאַז, וואָס דער פיזישער הונגער פון זיינע קינדער־יאָרן און דער ליבע־הונגער פון זיינע טאָקער־יאָרן, האָבן אָנגעזאַמלט אין אים. טאָקעריי איז אַזאַ מלאכה, דריקט זיך אויס ערגעץ יונה ראָזנפעלד, וואָס לאָזט פריי די פאַנטאַזיע. אַנשטאָט צו הובלעווען האַרטע פּראָלעטאַרישע שפענער, האָט ער גענומען טאָקן צאַרטע נשמה־פאָסן און פּלעכטן נשמה־„לאָקשן" אין אַרומנעמעדיקע רינגען. ער איז דערגאַנגען צו דעם, אַז ניט נאָר ער דער ניט־שטודירטער עמך'ניק איז ראוי געווען צו לערנען ביי זיגמונד פרוידן, נאָר זיגמונד פרויד האָט אויך געמעגט לערנען ביי אים!

דאָס אַלץ אין דער אַלטער היים, וואו עס האָבן זיך איינגעשטעלט זיינע גרונט־סיטואַציעס. אין אַמעריקע האָט ער די אויבן־אויפיקע סיטואַ־ציעס באַלד געכאַפּט: די זעלבסט־באַזעסנקייט פון די בראָנזווילער רעזי־דענצן, די „אַמעריקאַנישע" פאַראַכטונג פון די נעכטיקע גרינהאָרנס צום נייעם גרינהאָרן, די פעטע מיסעסעס, וואָס מאַכן וואולגאַרע אויסשטעלונ־גען פון זייער מאַן־און־ווייב־תאווה די באַרדערס אויף צו פלאַצעניש, די נאַקעטקייט פון קוני איילענד, די איבערגעפרעסנקייט פון די האָטעל־

בערג, דער אינטעליגענטער ציניזם — געכאַפּט פון דער אויבערפלאַך און אַראָפּגעבראַכט צום פלעין פון קינסטלעריש־פּסיכאָלאָגישן רעאַליזם. נאָך אַלעמען, אונטער דער הויט זייַנען אַלט־היימישע און אַמעריקאַנער יידן די זעלביקע מענטשן, וואָס יונה ראָזענפעלד האָט זיי אַזוי גוט געקענט פון אינעווייניק. איז ער ניט געווען דאָ אויסרן וועג. אין שפּעטערישע כוחות איז ער דאָ אויך ניט „צו קורץ געקומען": „אַן אָרנטלעכע פרוי", „אַ שפּיל", „אַ מיידעלע" און „איינער אַליין" זייַנען דאָך אַלע אַמעריקאַנער פּראָדוקטן, אָבער די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון קינסטלערישן נאַטוראַליזם, וואו ער האָט געדאַרפט שאַפן אַ יש מאין דורך געבן נעמען — אויפן דריט־אונטערשטן שיכט, וואו ער איז געווען אין זיין אייגענער היים — פאַר אָט די קאָמפּליקאַציעס האָבן אים אַמאָל אויסגעפּעלט סיטואַציעס. אין אַ צוויי־ אָדער דריי־אַקטער, וואָס איז געדרוקט געווען אין „צוקונפט" און וואָס איך האָב פאַרגעסן דעם נאָמען — וויגט זיך אַ פרוי אין איר'ע בראשיתדיקע געפילן צווישן איר מאַן און זייער ביידנס יוגנט־חבר. איר ליבע גיסט זיך איבער פון איינעם צום אַנדערן, הין און צוריק. אָבער דרויסן געשעט גאָרנישט. אַ שטייענדיקער דריילינג. אין „דאָס איז שוין גאָר אַ נייעס" (געדרוקט אין „צוקונפט", מערץ, 1943) איז אַן אומפאַר־ ענדלעכע סיטואַציע צווישן צוויי: זי האָט זיך אָפּגעזאָגט חתונה צו האָבן מיט אים, נאָכדעם, ווי זיי זייַנען יאָרן „אויסגעגאַנגען". אָבער ווען ער גיט זיך אַריין פרייוויליק אין דער אַרמיי, פאַרליבט זי זיך אין אים פון דאָס־ניי און זיי האָבן חתונה. ער קומט צוריק אַן אינוואַליד — מיט אַ דורכגעשאָסענעם פוס. די פליכט צו ליבן אים פאַלט איר שווער. שרויפט זיך אַ שרויף אין זיי ביידן ביז קאָפּפאַרדרייעניש. אַן אינערלעכע שרויפונג, וואָס איז ניט געדעקט מיט אויסערלעכע פּאַסירונגען — ביז צום פינאַל, ווען נאָכן לעצטן פאַרראַט אויף צו געזעגענען זיך מיטן געליבטן, וואַרפט זי זיך דורכן פענצטער און צעברעכט זיך אַ פוס, אויסגלייכנדיק זיך מיט דעם מאַן דעם אינוואַליד.

דאָ האָט יונה ראָזענפעלד געדאַרפט הילף אויף צו שטייגן העכער, אָבער די קריטיק, בעוונותינו הרבים, ווי קנאַפּ זי האָט אים געהאָלפן אין דער אַלטער היים, האָט זי נאָך ווייניקער אים געהאָלפן דאָ. זי האָט אים געדאַרפט צוטראָגן נייע סיטואַציעס. די וועלט־קענטעניש, וואָס האָט אים, דעם עמך'ניק, געפעלט, האָט זי אים געדאַרפט צושטעלן. ער האָט געקענט צוגעפירט ווערן צום גורל־שאַפנדיקן מיסטיציזם פון מעטערלינק; צו דער מיטאָס־שאַפונג פון שטראָם פון אונטערבאַוואוסטזיין אַרויס, פון דזשאָיס, וועלכער איז דאָך פאַררעכנט פאַר אַ גאון, באָטש

אַזוי אומפאַרשטענדלעך. יונה ראַזענפעלדס אורשעפערישער כוח האָט געשלאָגן נאָך העכער — צו אַ הייליקן מכשף, וואָס שאַפט נייע וועלטן דורך דעם כישוף פון נאָמען — אַ גיבור אין גייסט, אין וועלכן מיר נויטיקן זיך זייער. ווען זיינע אויגן וואָלטן געעפנט געוואָרן אין אָט דער ריכטונג, וואָלטן זיך אַנטפּלעקט פאַר אים נייע יידישע וועלט־סיטואַציעס. האָט ער ניט דערטאָן, איז אָבער געבליבן אַ ירושה פון אים, וואָס דאַרף אויפגעכאַפּט און פאַרטגעזעצט ווערן.

„עפּאָכע“, 1944.

פּרץ הירשביין

פּרץ הירשביינס ראָמאַן — אַ דין געוועב אין אַ ברייטער ראָם

(„קינדער־יאָרן", „רויטע פעלדער", „בבל")

אַלץ, וואָס פּרץ הירשביין האָט פאַרמאָגט אין תוך און מעטאָד; וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט ביז צום מיטן פון זיינע מיטעלע יאָרן אין אַריינגעהאַדעוועטער, אָנגעהאָרעוועטער און דערוואָרבענער דערפאַרונג: די אריינגעהאָדעוועטע דערפאַרנוג וואָס דער שריפטשטעלער האָט מיטגענומען פון זיינע קינדהייט־און יוגנט־יאָרן; די אָנגעהאָרעוועטע דערפאַרונג, וואָס די שריפטשטעלערישע פען האָט אַריינגעאַרבעט אין אים; און די דערוואָרבענע דערפאַרונג, וואָס זיינע דריי וועלט־וואַנדערונגען האָבן אים געגעבן — דאָס אַלץ האָט ער אַריינגעגעבן אין זיינע ראָמאַנען, וואָס ער שרייבט זיי זייט 1933 — „רויטע פעלדער" און די טרילאָגיע „ניו־יאָרק — בבל".

זיינע „קינדער־יאָרן", פון 1931־1932, זיינען אַן אָפּשלוס און אַ נייער אָנהויב, זיי פאַרשליסן און עפענען, זיי גיבן דעם שליסל צו דעם שירפטשטעלער, וואָס ער איז געווען ביז צו אָט דעם ווערק, און צו דעם שריפטשטעלער, וואָס ער איז געוואָרן נאָכדעם. דאָס ווערק ענטפערט אויף אַ ריי פראַגן, וואָס לאָזן זיך פרעגן אויף הירשביינען. פראַגע נומער איינס: — וואָס האָט אים געמאַכט אָנהויבן אין 1904 מיט געקינצלטן, פאָרסירטן, געדיכט פאַר מרה־שחורהטן רעאַליזם פון „מרים" (אין העברעאיש; אין יידיש איבערזעצט: „באַרג אַראָפּ") — אַ רעאַליזם, וואָס ער האָט דערטריבן דורך די פיינלעכע „איינזאַמע וועלטן" ביז צום פאַרמאַטערטן נאַטוראַליזם פון דער „נבלה"? די פראַגע צום פרעגן איז דאָ: וואָס איז דאָס פאַר אַ רעאַליזם, וואָס איז נישט מער ווי אַן אונטערבעט — אַ בייט פאַר סימבאָליש־מיסטישע אַרויסשפּראָצונגען? אָט דער קעלער פון „איינזאַמע וועלטן", וואו עס זיינען מיט דער האַנט צונויפגענומען זעקס אָפּפאַל־פּראָדוקטן פון אָרעמקייט, קראַנקייט און עלטער — רעאַליזם איז

עס ? אַ פֿאַרהויז פֿון אַ משוגעים־הויז, מיט ערב־משוגעים, האַלבע משוגעים, ווי אַ סוויטע פֿאַר אַ גאַנצן משוגענעם, עזריאלן, וועלכער זוכט אין די פּינטעלעך, פּאַסיקלעך און פֿלעקן אויף דער וואַנט און סטעליע דעם טייך סמבטיון. — דער רעאַליזם איז דאָ נאָר אַ מיטל אַרויסצוצווינגען פֿון דער רעאַליטעט אַ סימבאָלישע אַנצוהערעניש אויפֿן וועלט־סוד. און נאָך מער אַזוי איז דער נאַטוראַליזם פֿון „נבלה". דער אינטעליגענט, דער נבלה־שינדער, וואָס מאַטערנדיק זיך פֿאַרמאַטערט ער אונדז, ער רייסט זיך ניט נאָר די סטעליע, נאָר דעם הימל אויפֿצורייסן. און וואָס האָט הירש־בײַן זיך אַנגעזעצט אויף דעם אינטעליגענט? ניט נאָר אין „נבלה", נאָר אין אַ 4—5 דראַמען מאַטערט ער אים אויף אַלע אופֿנים. מיט וואָס האָט דער אינטעליגענט זיך פֿאַרזינדיקט אין זײַנע אויגן?

און ס'איז אַ פֿראַגע צו פֿרעגן אויף הירשבײַנס צוויטן שריט גלײַך דערויף. גייענדיק נאָך זײַן ערשטן „רעאַליסטישן" שריט, מאַכט ער שוין דעם איבערגאַנג צום „ריינעם" אינטעליגענטישן מיסטיציזם. מיט זײַן ערשטן יידישן ווערק „אויף יענער זייט טייך", אין 1906, הויבט ער אָן אַ סעריע דראַמען, וואָס האָבן אים געגעבן דעם שם פֿון ערשטן מיסטיקער אין דער יידישער ליטעראַטור. — אָבער מיסטיציזם איז עס? אין „תקיעת כף" צב"ש — אַרום אַן אויסגעבאַרגטן ביים פֿאָלק אָבערגלויבן איז אָנגעווייעט אַ לופֿט, וואָס זאָל שמעקן דעם אינטעליגענט מיט געהיימניש על־פּי מעטערלינק. אַ ווערק וואָס פֿאַרט שטענדיק פֿאַלקסטימלעכקייט מיט אינטעליגענטישקייט. און עס פֿאָלגן אין פֿאַרלויף פֿון 3—4 יאָר וואָסערע 15 דראַמאַטישע ווערק וואָס מיניען זיך מיט פֿאָלקסטימלעכקייט אין רעאַליזם אַריין און מיט אינטעליגענטישקייט אין מיסטיציזם אַריין. זיי באַוועגן זיך גלייכצייטיק אויף ביידע פֿלעינען — רעאַליסטישן און מיסטישן. זיי זײַנען דאָ און דאָרט און ניט דאָ און ניט דאָרט. דאָס וואָלט נאָך ניט אויסגעמאַכט. ס'קאָן אַפֿילו גוט זײַן. ערגער איז, וואָס סיי דער רעאַליזם איז אַ געצוואונגענער און סיי דער מיסטיציזם איז אַ געצוואונגענער. מען פֿילט יאָ, אַז געהיימעניש קוועלט אים פֿון האַרצן אַרויס, אָבער עס דער־טראַגט זיך צו אים פֿון עפּעס אַ דערווייטנס, דורך אַ שיכט ליידיקע לופֿט. און עס באַקומט זיך דער אײַנדרוק, אַז ער זאָגט נאָך און יאָגט נאָך מיט מליצה אַ דערווייטערטן שפּור פֿון געהיימנישקייט. דאָך אַפֿילו דורך דער מליצה זייט זיך דורך אַן עכטער אויפֿריכטיקער טאָן, ס'הערט זיך אַ ציענדיקער, צעצויגענער נאָכקלאַנג פֿון אַ לכתחילה האַרציקן ניגון. נאָר עפּעס שטערט און פֿאַרוועכט.

און אומגעריכט איז ממש אַ וואונדער געשען. — נאָך 2—3 יאָר אַפֿרוז

פרץ הירשביין

פון דער פען — פון 1908 ביז 1910 — אין וועלכע פרץ הירשביין איז איבערפלייסיק פארנומען געווען מיט דער „פרץ הירשביין־טרופע" — דער דריטער שפריץ. אנהויבנדיק אין 1911 מיט דער „פוסטער קרעטשמע", שרייבט ער אין משך פון א קורצער צייט איבער א צענדליק פאלקסטימלעכע דראמען און איינאקטערס, וואס האבן אים אליין געהיילט און דעם יידישן טעאטער געהיילט. דער אינטעליגענט איז דער רעזשיסאר הינטער די קוליסן. אויף דער בינע די סביבה און די העלדן פון זיין דארפישער קינדהייט און יוגנט, וואס דער אינטעליגענט האט זיי פארשטעלט און באהאלטן. ער לאזט זיי אליין רעדן און האנדלען. קיין שום געקינצלטקייט און געצוואונגענקייט. מיסטיציזם נאר אויף אזוי פיל, וויפיל ער איז אויף א נאטירלעכן אופן איינגעשלאסן אין רעאליזם. דער פאלק־שטייגער איז דאך געווען אנגעשפארט אויף דעם געהיימעניש, וואס האט געהויערט גלייך הינטער דעם אויסערלעכן שיין. קיין פאפירענע מליצה־קוויטן, צום אנדענק פון פארוועלקטע געפילן. נאר דער פרישער ריח פון געפילן אין בליען. ניט קיין ציענדיקער, נאגנדיקער נאכקלאנג פון אן אוועקלויפנדיקן טאן, וואס מאכט קרענקען און בענקען. נאר דער פולער ניגון, ווי ער זינגט זיך דעם פאלק פון הארץ אין אויער אריין און מאכט פריילעך און געזונט.

איז די הויפט־פראגע צו פרעגן אויף הירשביינען: — וואס איז געווען די סיבה פון זיין קרענקען און בענקען און פון דעם פלעצלעכן וואונדער פון זיין זעלבסטהיילונג? דעם פולן ענטפער דערויף גיט הירשביין אין זיינע „קינדער־יארן". אויב אין די פאלקס־דראמען, וואס האבן אים געזונט געמאכט, גיט ער די סביבה און די העלדן פון זיין קינדהייט און יוגנט, — גיט ער אין די „קינדער־יארן" זיך אליין, זיין אייגענע פסיכיק — דעם געמיט, וואס די סביבה און די העלדן האבן אין אים אריינגעהאדעוועט. דאס ווערק דעקט אויף פון וואנען דער שריפטשטעלער, מיט אלע זיינע גאנגען און איבערגאנגען, האט זיך ארויסגענומען.

בראשית איז ער געווען א דארפס־ייד — א זון פון דור־דורות דארפס־יידן. און א דארפס־ייד איז ער געבליבן אפילו נאכדעם ווי ער האט גענומען אנמעסטן אויף זיך די שטאטישע קליידער, וואס האבן אים ניט געקליידט. — און נאך מער ווי דער פויער האט דער דארפס־ייד אין אים געלעבט מיט דער נאטור פון קינדוויז אן. ווייל דאס הויזגעזינט האט געצויגן חיונה פון א וואסער־מיל. די שטוב איז געווען איינאיינעם מיט דער מיל. אריינגיין אין שטוב איז מען געגאנגען דורך דער מיל. די שטוב איז געשטאנען אויף סלופעס איבערן וואסער. אז די מיל איז געגאנגען,

האָט דאָס וואַסער געררושט אונטער דער שטוב. אַלע ווענט האָבן געצי־טערט, ווען די מיל האָט פריילעך געקלאַפּט. וואַסער־גערויש, וואַסער־געמורמל שטענדיק אונטער דער שטוב — זיינען די שטוביקע געווען הוילער געהער, ווייל לויט דעם ווי דאָס וואַסער רוישט האָט מען געדאַרפט דערקע־נען צי די מיל וועט האָבן כּוח צו אַרבעטן, צי עס קומט צו, צי עס קומט אָפּ וואַסער.

באַזונדערס הערעוודיק איז געווען די מאַמע. זי האָט פאַרנומען יע־דן שאָרך. זי סאָט ניט געקאָנט פאַרליידן, ווען די לאָפּעטקעס אין וואַסער־ראָד האָבן ניט ריכטיק געקלאַפּט. זי, די שפּראַך־לערערין, איז אויך געווען די נאַטור־לערערין פון די קינדער. אין די ערשטע ווערטער, וואָס זי האָט זיי געלערנט, האָט זי אַריינגעלייגט אויג און אויער. אַ שפּראַץ אויף פריי־לינג, פלעגט זי זיי אַריינפירן אין גאָרטן און לאָנקע און אָנרופן יעדעס בלימעלע ביים נאָמען. — און זעט, קינדערלעך, ווי די וואָלקנס קוקן אַראָפּ אין וואַסער — זעט, זעט, אָט דאָס ווייבערל וועט פריער פון אַלע צייטיק ווערן — דער דרויסן שמעקט אַזוי — ממש אויף חידושים.

פון דער מאַמען האָט פרצל איבערגענומען צו זען, ווי דאָס גראָז וואַקסט און צו הערן ווי די נאַכט פליסט. צו פיר יאָר האָט ער שוין געוואוסט, וועלכע בוימער זיינען פאַטערס און מאַמעס און וועלכע — שוועסטער און ברידער, צו פינף יאָר — וועלכע בוימער האָבן ליב, מען זאָל אויף זיי קלעטערן — אָט די, וואָס לאָזן נידעריק אַראָפּ זייערע צווייגן. די לעבעדיקייט פון די בוימער איז אים נאָכגעגאַנגען דורך די אַלע קינדער־און יוגנט־יאָרן. לויפנדיק צום שטעטלשן חדר האָט ער געפילט, ווי די ביימער באַגלייטן אים אומעטיק. אויפן וועג צוריק פלעגן זיי אים באַ־געגענען ווי אַן אייגענעם. ער האָט געוואוסט פון אַלע נעסטן אין די ביימער און קוסטעס פון ביידע זייטן וועג. פלעגט כאַפּן אַ זופּ וואַסער פון סטאַוו פון דער שטעטלשער מיל, באַהאַלטן אין מויל דעם טעם, כּדי צו פאַרגלייכן מיט דעם טעם פון אייגענעם סטאַוו — דער אייגענער סטאַוו איז געווען אַ סך געשמאַקער. אין פרילינג פלעגט ער דערקענען די פאַר־אַיאָריק פייגל לויט זייער טשוויטשערן. אין האַרבסט פלעגט אַלץ קלע־נער ווערן — דער וועג, די ביימער, דער הימל און אַפילו דער שבת.

די דאָרפישע היים האָט אין אים אַריינגעפילט באַזונדערע חושים. און האָט אין אים אַריינגעהילכט ניגונים, וואָס הילכן זיך נאָך עד־היום אין זיין געהער. דער צושטעלער פון ניגונים איז געווען דער 100־יעריקער זיידע יהושע, דעם טאַטנס טאַטע, וועלכער איז שטענדיק אומגעגאַנגען מיט

אַ ניגונדל. ער האָט געהאַט ניגונים פון אַלע קאָלירן — אַ רויטן, אַ בלויען, אַ געלן, אַ גרינעם און דעם באַליבטסטן — דעם ראַבן ניגון, וואָס ער האָט זיי אַלע אויסגעלערנט דעם אייניקל. דעם ראַבן ניגון האָט מען שטיל־שטיל געדאַרפט אָנהויבן — אַ ווייטער ניגון, וואָס איז אַלץ בעענטער גע־וואָרן, ווען מען האָט אים איבערגעזונגען אַ מאָל פינף. ווען פרץ, אַלס עלף־יעריקער יינגל, האָט זיך אומגעקערט פון זיין ערשטן אַרויספאָר קיין בריסק, איז דעם זיידנס ערשטע בקשה צו אים געווען: זינג מיר, אייניקל, דעם ראַבן ניגון — און זיין צוואה איז געווען: — געדענק מיינע ניגונים, פרצל.

און די דאָרפישע היים האָט אים מיטגעגעבן אַזויפיל נאַטירלעכע גע־היימעניש, אַז עס זאָל אים קלעקן אויפן גאַנץ לעבן, און ער האָט זיך גאַנץ גוט געקאָנט פאַרשפאָרן צו גיין לערנען מיסטיק ביי מעטערלינקען. — „נישט־גוטע" זיינען געווען שטוביקע וועזנס. נאָכדעם ווי מען פלעגט אַ ווינטער־אָוונט פאַרברענגען מיט מעשיות וועגן נישט־גוטע, פלעגט מען זיי פאַריאָגן מיט קריאת־שמע לייענען. שולדיק אין דעם זיינען געווען זייערע פאַרשאַרפטע חושים. ביינאַכט, ווען די מיל איז געגאַנגען, פלעגט איר נערוודער פאַרטרייבן די מורא; אָבער אַז זי איז געשטאַנען, און דער ווינט האָט געשפּילט אין די ביימער, האָט מען שוין אָנגעשפּיצט די אויערן. וואָרים די שטוב־מענטשן — דער זיידע, דער טאַטע — האָבן שוין ניט איין מאָל געהאַט באַגעגענישן מיט נישט־גוטע. דער עלטערער ברודער קלמן האָט איין מאָל פאַרנדיק ביינאַכט פון שטעטל דערזען עמעצן זיצנדיק אין גראָבן, ביי דער זייט פון וועג, און דער „עמעצער" האָט געמאַכט צו אים מיט דער האַנט. — און וואָס עס האָט פאַראומערט דעם טאַטנס גאַנץ לעבן איז געווען דער טויט פון זיין בכור פון דער ערשטער פרוי, יעקב־מרדכי, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן און האָט געזאָלט זיין אַ רב. פאַרלאָזנדיק דעם שטעטלשן בית־מדרש, אין אַ לבנה־נאַכט, ערב פסח, ווען דער שניי האָט געלאָזט, האָט ער אויפן וועג צו דער מיל פלוצלונג דערזען ביי זיין זייט אַ באַקאַנטן פויער, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז מיט אַ וואָך צוריק איז ער געשטאָרבן, מסתמא איז דאָס געווען זיין אייגענער שאָטן. האָט ער זיך געלאָזט לויפן, און דער פויער מיט אים. אָנקומענדיק אַהיים, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ פיבער, פון וועלכן ער איז שוין ניט אויפגע־שטאַנען. פרץ האָט עס געזאָלט אים פאַרבייטן אַלס דער רב פון דער משפחה. האָט דער טאַטע אים געלאָזט וואַנדערן פון שטעטל צו שטעטל, עסן טעג, זיך וואַלגערן אין בתי־מדרשים, ביז ער וועט דערלערנען צו סמיכה אויף רבנות. אויסגעלאָזט האָט זיך, ווי מיר וויסן, אַז ער האָט

דערוואַנדערט ביז ווילנע, און אָנשטאָט צו ווערן רב, איז ער געוואָרן אַ פּאָעט.

און ווידער שטעלט זיך אַרויס, אַז די מאַמע איז געווען נעענטער, בעסער אים פאַרשטאַנען און האָט געהאַט אַ גרעסערן חלק אין אים. ווי אַ מאַמע, וואָס האָט געבאָרן עלף קינדער, וואָס נאָר פיר פון זיי זיינען געבליבן לעבן — האָט זי געוואוסט פון אַ סך סגולות. אַ סגולה קעגן „זאַוועלקעס": — דאָס קינד זאָל זיך שטעלן מיטן פּנים צום קוימען, אַריינשטעקן דעם גראָבן פינגער אין מויל, אונטערשפּאַרן מיטן פינגער דעם גומען און דריי מאָל אַריינהויכן אין קוימען.

אָבער אַפילו דער אָבערגלויבן איז געמילדערט געוואָרן דורך איר פּאָעטישער נאַטור. — פּאַר אַ דונער פלעגט זי מורא האָבן: — איך פאַרשטיי דאָס ניט. אַ סך זאַכן, מיין קינד, פאַרשטיי איך בישט. נאָר אַז עס טוט אַזאַ דונער איבערן קאָפּ, פאַלט מיר דאָס האַרץ אַרויס. אוודאי וועסטו וויסן אַ סך מער. אוודאי, מיין קינד וועסטו פאַרשטיין. — און באַלד פלעגט איר פּנים אויפגעליכטיקט ווערן: — זעסט, פּרצל, סאַראַ רעגנבויגן דאָרט אין מזרח זייט, ס'איז שוין ווערט געווען די שרעק. וואָס פאַר אַ קאָלירן זיינען דען אין אים נישטאָ...

און ווען ער איז אַוועק איבער שטעטלעך און שטעט און געלערנט תורה מיט השכלה, האָט זי פון דער וויטנס ווי מיטגעפילט און מיטגעלעבט מיט אים. ווען ער פלעגט קומען אויף באַזוך, איז זי זייער בייגעריק געווען זיך נאָכצופרעגן וועגן דער גרויסער וועלט. און געחלומט וועגן אַ צייט, ווען מיידלעך וועלן אויך עפּעס לערנען צו וויסן. און זי האָט פאַראיבל געהאַט אויפן מחזור פאַר זיינע שווערע תפילות. זי וואָלט בעסער געוואָלט דורך אייגענע תפילות זיך אויסטענהן מיט גאָט. און זי איז שוין ניט באַשטאַנען דערויף ער זאָל דווקא אַ רב ווערן — נאָר צו וואָס דאָס האַרץ וועט אים טראָגן. זי איז אַפילו געוואָרן אַ ביסעלע „אומגלויבעריש". ביי זיין לעצטן באַזוך האָט זי אים געפרעגט: וואָס זאָגט מען עפּעס וועגן יענער וועלט אין אַזאַ שטאָט ווי ווילנע?

און פּרץ, וואָס פון אַלע קינדער האָט ער געהאַט דעם אָפנסטן געהער און די שאַרפסטע ראיה און וואָס גראָז, פויגל, בוים, שטיין, דער וועג און דער סטאַוו האָבן גערעדט צו אים ווי לעבעדיקע — האָט דאָך זיין פאַנטאַזיע געדאַרפט אָנגעלאָפן ווערן מיט נישט-גוטע און „שדים ווייסן וואָס"? ניין הערט און שטוינט! דווקא דער חדר האָט זיין קאָפּ אויסגעלייטערט. דער חומש, דער תנ"ך, וואו גאָט איז אין אַזאַ נאָענטן פאַרקער מיט מענטשן, זיינען געווען די לייטערער. אַלע שטעלן אין תנ"ך, וואו

גאָט רעדט צו מענטשן און מענטשן צו אים, פלעגן אים פאַרכאַפּן. ער וואָלט אויך געוואָלט אַזוי רעדן מיט גאָט. ער ווערט אַ גאָט־זוכער. מיט איובן האָט ער טענות צו גאָט. מיט ירמיהון בעט ער זיך איבער מיט גאָט. זיין שטרענגער רבי מאַטעס איז ישעיה. שפּעטער, ביים גמרא לער־נען, איז ער טיטוס הרשע. ביי זיין בעסטן רבין, זלמן שרייבער, וועלכער האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים גמרא מער דורך הגדה, ווי דורך הלכה, דוכט זיך אים שוין אַז ער האָט דערגרייכט. גאָט וועט באַלד רעדן צו אים און ענטפערן אויף אַלע זיינע שאלות. צו בר־מצוה — פּונקט ווי דעם גרינעם גראָז, האָט ער געזען גאָט אומגיין ביי זיין זייט, אַכטונג צו געבן אויף זיינע טריט און מעשים. — פאַריאָגט זיינען געוואָרן די נישט־גוטע, די יענע וועלטיקע, — געבליבן איז דאָס לעבעדיקע געהיימעניש האָרט לעבן אים. דער תנ"ך, דער עיקר תהילים, דער עיקר פון עיקר קאַפּיטל י"ט — „השמים" מספרים" — איז געווען דער בריק, וואָס האָט אים אי־בערגעפירט פון תורה צו השכלה. „די הימלען דערציילן" — דאָס האָט ער געוואוסט פון קינדוויז אָן. די מאַמע האָט עס אים נאָך געלערנט. האָט ער ליב באַקומען העברעאישע שירים און אַליין זיי גענומען שרייבן...

דאָס איז וואָס די דאַרפישע היים האָט אים געגעבן: דאָס אינטימע צוזאַמענלעבן מיט דער נאַטור, דאָס צוזאַמענהויזן מיט וועלט־געהיימעניש און דעם זיידנס ניגון. ער האָט די אַלע דאָרפישקייטן אַריינגעצויגן אין זיך, אין זיין פּסיכישן געבוי. זיי זיינען געוואָרן זיין אינעווייניקסטע היים. און אַלץ איבעריקער איז אים געוואָרן די דרויסנדיקע היים. נאָך זיין ערשטן אומקער אַהיים האָט ער זיך נאָך געקאָנט צוזאַמענרעדן מיט דער זשאַבקעלע. — ווייסטו, אַז דאָ בין איך געבאָרן געוואָרן? — אָבער נאָך יעדער ווייטערן באַזוך, אַלץ ווייניקער באַרעדעוודיק זיינען געוואָרן דער וועג, דער סטאַוו, דער בוים, ביז זיי זיינען אין גאַנצן אַנטשטומט גע־וואָרן. דעמאָלט האָט ער געוואוסט, אַז ער האָט זיך אַרויסגעוואָרצלט, ניט מער זיך אַריינצוואָרצלען אין זיין היים. ביי זיין לעצטער געזעגענונג מיט דער מיל, גייענדיק צו דער באַן, איז ער גערן אָדער אומגערן אַריינ־געפאַלן אין סטאַוו. קיין סכנה איז ניט געווען. ער האָט געקאָנט שווימען ווי אַ פיש אין וואַסער. נאָך ייִנגלוויז האָט ער אַרויסגעראַטעוועט פון סטאַוו אַ פויער, וואָס איז דריי מאָל גרעסער געווען פון אים. נאָך אָט דער טבילה אין סטאַוו איז ער אויך אייביק אָפּגעשניטן געוואָרן פון זיינע קינדער־יאָרן.

עס איז אַ זכיה צו שרייבן אַזאַ ווערק, וואָס פאָלגט נאָך דער אייגענער נשמה ביז צו אירע פריסטע וואָרצלען. עס איז אַ טבילה און אַ תפילה. נאָך אַזאַ חשבון הנפש, נאָך אַזאַ נשמה־רייניקונג, פילט מען זיך ווי ביי־

געבאָרן. עס איז דאָס גליקלעכסטע ווערק פּרץ הירשביינס.

מיט די „קינדער־יאָרן" אין הינטערגרונט, קאָנען מיר איצט געניי נאָכפאָלגן הירשביינס פּסיכאָ־ביאָגראַפיע.

בעת ער האָט אָנגעהויבן, איז די דאָרפישע פּסיכיק נאָך געווען לעבע־דיק־רוי אין אים. ער האָט נאָך געלעבט מיט איר. אָבער אינסטינקטיוו האָט ער מורא געהאַט זיך צוצורירן צו דעם. עס וואָלט אים ווי געטאָן. מען פּלאַפּלט ניט אַרויס די פּערזענלעכסטע, די אינטימסטע סעקרעטן. אָבער אַ שריפטשטעלער בטבע איז דאָך אַ ריידער און זעלבסטבאַריידער. האָט ער זיך פאַרשטעלט מיט דעם אינטעליגענט. אַט דאָס פאַרשטעלעניש איז עס געווען, וואָס האָט אים קראַנק געמאַכט, פאַרנעפּלט און „פאַרמיסטיפּי־צירט". דער אינטעליגענט האָט דעם „טוט־ווי" איבערגעזעצט פון האַרצן אין קאָפּ אַריין. אָבער דער שטאָטישער מוח־לשון האָט אומבאַקוועם זיך געלייגט אויף זיין דאָרפישער צונג. ער האָט ניט געצויגן דעם קול פון האַרצן. אָנשטאָט ברוסט־קול — פאַלצעט. די דין־דינע קאָפּ־שטיקלעך, די מוח־פּענעצלעך, די אַבסטראַקציעס האָבן ניט געכאַפּט דעם געזונטן טעם פון דעם אידעלן דאָרפישן מאַטעריאַל, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין באַ־זיך — מיט זיינע דריי גרונט־עלעמענטן: נאַטור, געהיימעניש און ניגון. נאָר שאָטנס פון טעם האָבן זיי געכאַפּט. וואָס דער טרוקענער מוח־לשון האָט זיי נאָך מער צעריבן — אין מיסטישן שטויב, שפּריי און טוי. האָט ער זיך געפּרואווט אויף רעאַליזם, נאַטוראַליזם — מיט אַריינגעשטעקטע, מיסטיש באַשפּרענקלטע, סימבאָלישע שטעקעלעך. האָט ער זיך געפּראַוווט אויף „ריינעם מיסטיציזם", אויף לידער און פּראָזע, וואָס האָבן געהויכט הוילע לופט — מיינענדיק שוין, אַז די אַלע „במקומס" פון זיינע דריי דאָרפישקייטן. — נאַטור, געהיימעניש, ניגון — די אַלע „במקומס" וועלן שוין בלייבן זיין באַרוף. אָבער די אַלע „במקומס" האָבן אים איבערגעלאָזט מיט איין אומגעשטילטן דאָרשט און הונגער. האָט ער אָוועקגעלייגט די פּען. דעם שרייבטיש האָט ער פאַרביטן מיט די בינע־ברעטער. דער דראַמאַטורג איז געוואָרן אַ טעאַטראַל. איז געקומען דער צוזאַמענברוך פון זיין צווייטער שטאַרקער יוגנט־האָפענונג, דער פאַנאַנדערפאַל פון דער „הירשביין־טרופּע", מיט זיין נאָכווייעניש, דעם יאוש, און דאָס האָט אים גוט געטאָן. אים האָט זיך געדוכט, ער איז אויסגעליידיקט געוואָרן. אין דער אמתן האָט ער אַרויסגעטרייסלט פון זיך דאָס אינטעליגענטישע פאַר־שטעלעניש. דער דאָרפסיונג אין אים האָט זיך צוריקגעפונען. דערצו איז צוגעקומען זיין פאָרן קיין אַמעריקע. — אַמעריקע האָט אים צוגעשטעלט אַ פּאַרטיקן דעם טעאַטער־אינסטרומענט, וואָס אין דער היים האָט ער אים

אַליין געדאַרפט שאַפן און שיעור ניט געבראַכן זיין שריפטשטעלערישע קאַריערע דערביי. אַמעריקע האָט אים אויך צוגעשטעלט אַ לעבעדיקע ליי־טעראַטור און טעאַטער־אוידיענץ מיט נאָך גאָר אַ לעבעדיקן היים־אינטע־רעס. און אַמעריקע האָט אים אַריינגעשטעלט אין אַ יונגער ליטעראַטור, וואָס האָט געקוואָלן מיט שעפערישקייט. אַמעריקע מיט איר אימפּעט האָט אים אויפגעוועקט צו אַ נייעם שעפערישן פאַרנעם. און דער עיקר אַמע־ריקע האָט אים געגעבן די נויטיקע דיסטאַנץ און אָביעקטיוויטעט אַרי־בערצוקוקן ווי אַ זייטיקער צו זיין היימישער דאָרפישער סביבה. דווקא די דערווייטערטקייט פון דער היימישער סביבה האָט אים אַלץ מער דער־נענטערט צו איר. הגם זיך פּערזענלעך האָט ער אין זיין נייער סעריע פאָלקס־דראַמען ניט אַנגערירט — דער שריפטשטעלער שפּייזט זיך נאָך אַלץ מיט די אינטימע היימישע סעקרעטן, וואָס טאָרן ניט אויסגעזאָגט ווערן, אָבער די סביבה, וואָס איז אַריינגעוואָקסן אין זיין געביין, רעדט זיך פון אים אַרויס פריי, מיט זיין נאַטירלעכסטן קול, אָן מחיצות און פאַר־שטעלענישן.

און עס קומט דער לעצטער אַקט פון זיין זעלבסט־באַפרייאונג. פריי פון פאַרשטעלענישן, אין אוממיטלבאַרער נאָענטקייט צו זיך אַליין, נעמט ער אונטער זיינע וועלט־רייזעס, וואָס נעמען אים אַ מאָל פינף דורך צפון־אַמעריקע; צוויי מאָל דורך דרום־אַמעריקע; דורך דרום־אַפריקע, ניי־זעלאַנד און אויסטראַליע. און אומעטום, אַפילו אין דער ווילדעניש, זוכט ער און געפינט דעם יידן. און דורך ביידע ברעגן פון אַזיע — דורך דעם ווייטן מזרח און נאָענטן מזרח — מיט אַ לענגערן אָפּשטעל אין ארץ־ישראל. און ענדלעך דורך סאָוועט־רוסלאַנד — מיט אַ לענגערן אָפּשטעל אין ראַיאָן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע. צוריקקומענדיק צו זיין אָבסערוויר־סטאַנ־ציע אין אַמעריקע, האָט ער מיט איין בליק געקאָנט אַרומנעמען די גאַנצע יידישע וועלט־פּאַנאָראַמע. האָט ער זיך דערפילט אויף אַזויפיל באַריי־כערט מיט נייע דערפאַרונגען, אַז ער האָט זיך שוין געקאָנט פאַרשפּאַרן אויסצולעבן זיך שריפטשטעלעריש אויפן חשבון פון זיין קינדהייט און יוגנט. איז שוין קיין געפאַר ניט געווען אויפצודעקן די אינטימע היימישע סעקרעטן, וואָס האָבן געשפּייזט דעם שריפטשטעלער אין אים. טוט ער עס אין די „קינדער־יאָרן", כדי פּטור צו ווערן פון זיי. און כדי צו דער־פירן זיך ביז צו דער לעצטער קלאָרקייט, ניכטערקייט און לויטערקייט. דאָס ווערק איז אי אַ געזעגענונג מיט דעם שריפטשטעלער, וואָס ער איז געווען, אי אַ זעלבסט־מאָביליזאַציע פאַר נייע שריפטשטעלערישע אונטער־נעמונגען. וואָרים מיט די „קינדער־יאָרן" האָט ער ניט אַרויסגעוואָרפן זיין

קינדהייט און יוגנט פון זיך. נאָר דאָס וואָס איז געווען איבערלעבונג, איז געוואָרן טעכניק, וואָס איז אים אריינגערונען אין די פינגער. וואָס איז געווען תוך, איז געוואָרן מעטאָד. דאָס ווערק איז דערמיט אויסגעצייכנט, וואָס עס אַנטפּלעקט הירשביינס מעטאָד און מאַכט אי דעם לייענער, אי דעם שריפטשטעלער באַוואוסטזיניק וועגן דעם. דער זעלביקער מעטאָד, וואָס האָט פריער געמאַכט הירשביינען פאַר אַ דראַמאַטורג, דינט איצט הירשביינען דעם ראָמאַניסט. דערפאַר איז דאָס ווערק אַ ווענד־פונקט, און דער שליסל צוביידע הירשביינס — פון אַמאָל און איצט.

אין וואָס באַשטייט דער הירשביינישער מעטאָד, וואָס ער האָט זיך צורעכטגעמאַכט פון זיינע קינדהייט־ און יוגנט־איבערלעבונגען?

דאָס איז דער מעטאָד פון דער וואַסער־מיל — דער מעטאָד פון די מילשטיינער, וואָס זייער קריצעניש איז ווייך געמאַכט געוואָרן דורך דעם וואַסער־געדויש אונטער דער שטוב. די מילשטיינער, מאָלנדיק קערנער אין מעל, האָבן געשאַרפט און געשליפן דאָס געהער פון די שטוביקע און, דורך דאָס געהער, אויך די ראיה און אַלע זייערע חושים. באַזונדערס די מאַמע פון הויזגעזינט — זי איז געווען פינפאַך הערעוודיק, זעעוודיק און שפּירעוודיק. און פון דער מאַמען האָט זיך דאָס איבערגעגעבן צו איר געראָטנסטן קינד — פּרצל. בייביידן — דאָס מינדסטע געשען, וואָס איז דערגאַנגען צו זייערע חושים, האָט זיך געשפּליטערט, און יעדער שפּליטערל איז אויפגעכאַפּט און געשפּירט געוואָרן. עס געשעט, עס געשעט, און כאָטש עס געשעט גאָרנישט, געשעט עס גאָר אַ סך. יעדע רגע איז פול מיט געשען! — אָט דער מעטאָד — דער מעטאָד פון „הערן ווי די נאַכט פליסט און פון זען ווי דאָס גראָז וואַקסט” — האָט זיך איבערגעגעבן פון פּרצלען, דער מאַמעס קינד, צו פּרץ הירשביינען דעם שריפטשטעלער־דראַמאַטורג.

זיין ערשטן אויסדרוק האָט דער מעטאָד געפונען אין לשון — אַ לשון, וואָס חלפט און פאַלמעסט, וואָס ער זעט, הערט און שפּירט, חלפט רגעס, חלפט שטראַלן, קאָלירן און שאָטנס; חלפט געדאַנקען און געפילן. אויך די מאַמע איז געווען אַ „בעל־לשון”. איר גאַנץ רעדן איז געווען אין „געחלפטע רגעס” — אין קורצע פסוקים, אַנגעלאָפענע מיט שפּירונג, געדאַנק און געפיל. איר יעדער זאָג האָט געהאַט וואָג. די קאַפּיטלען „צו־פוס קיין מעלייטשיטש” און „קינדער־יאָרן באַגעגענען די מאַמע” לייענען זיך ווי מגילת רות — אַנדערש נאָר דערמיט, וואָס דאָ גייט זי צוריק צום וואַלד־שטעטל, וואו זי איז געבאָרן געוואָרן, וואו זי האָט טאַטע־מאַמע און משפחה; דאָס פירט זי דעם זון אַ קלויזניקל זיין צווישן אייגענע; רעדט זי צום זון וואונדערלעכע, מחיהדיקע רייד...

— אַזוי זיצט מען, מיין קינד, אויף אַן אָרט, ווי אַ וואָרים אין כריין — מיך האָט עס אויך, מיין קינד, אין דער יוגנט געריסן אין דער ווייטער וועלט אַריין. האָט מען נישט קיין פליגל, היניעט מען אָפּ דאָס ביסל יאָרן...

אַז מען וועט זיך גוט איינהערן, וועט מען אין דער מאַמעס שפּרוכן געפינען די שפּראַצן פון דיאַלאָג אין „פאַרוואָרפענעם ווינקל", „ראַזשינ־קעס מיט מאַנדלען" און „אליהו הנביא" — אַ „געהלפטער דיאַלאָג" אין געהלפטע רגעס; וואו פון זאָג צו זאָג איז אַ דין־דינע אָפּשטופּונג אין געדאַנק, אַ דין־דין אָפּשניצל פון געפיל וואו עס דוכט זיך, אַז גאָרנישט געשעט און דאָך געשעט גאָר אַ סך, געשעט אַזויפיל, אַז דער דיאַלאָג פון הירשביינס דאָרפישע דראַמעס האָט דעם קונסט־טעאַטער אויפגעהויבן און אַוועקגעטראָגן. דאָס איז דער דיאַלאָג, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון זיין מאַמעס רייד צו אים, וואָס האָט הירשביינען פאַר דעם נאַטירלעכסטן דראַמאַטורג געמאַכט. אין זיין אינטעליגענטישן פּעריאָד, ווען זיין דיאַלאָג האָט געהלפט לופט און געשניטן פאַסן פון שאָטנס און זיי דין־דין געמאַכט, האָט זיך באַקומען מיסטישער טוי. אין זיינע פאָלקס־דראַמעס וואו זיין דיאַלאָג האָט געהלפט ברויט און האַרץ, ווי דין ער האָט די פענעצעס ניט געמאַכט — האָבן די דינקייטן נאָך אַלץ געגעבן געשמאַקן טעם.

דיאַלאָג איז דער ערשטער גרונט־עלעמענט פון הירשביינישן מעטאַד. די איבערלעבונגען פון זיין קינדהייט, וואָס זיינען דער עיקרשט געווען איבערלעבונגען פון דער לעבעדיקייט פון דער נאַטור אַרום מיל, זיינען דורך זיין דיאַלאָג אַריינגערונען אין זיין מעטאַד, איבערלעבונג איז געוואָרן מעטאַד.

דער צווייטער גרונט־עלעמענט פון הירשביינישן מעטאַד איז דעם זיידנס ניגון. וואו זיין דיאַלאָג האַלט אין דעם געזונטן דאָרפישן טעם, הערט זיך דער ניגון גאַנץ שטאַרק איבער די רייד. מען קאָן זיי רעדן מיט אַ זינגענדיקן ניגון, אַט ווי פּרץ הירשביין אַליין רעדט. די זיידעס אין זיינע פאָלקס־דראַמען האָבן אַלע זייערע זמרלעך. ווען הירשביין וואָלט געשריבן מוזיקאַלישע פאָלקס־דראַמען, וואָלט דעם זיידנס ניגון זיך נאָך שטאַרקער געהערט.

דער דריטער גרונט־עלעמענט פון הירשביינישן מעטאַד שטאַמט אויך פון נאַטור איבערלעבונג, ווי די נאַטור לעבט זיך אויס אין יונגע מענטשי־שע הערצער; ווי זי רעדט זיך אַרויס אין בחור־מיידלשע ליבעס. די הירשביינישע ליבעס האָבן אַלע כאַראַקטעריסטיקעס פון הירשביינס דיאַ־לאָג — דאָס זיינען געהלפטע רגעס פון געהלפטע ליבע־געפילן. נאָך קיינער האָט ניט אַנטדעקט אַזויפיל דינקייטן אין ליבע ווי פּרץ הירשביין. די

ליבע־ברוגזן צווישן בחור און מיידל, די ליבע־אייפערזוכטן צווישן שוועס־טער און חברטעס, די ליבעס וואָס ווערן האָסן, און האָסן וואָס ווערן ליבעס — אין „שמידס טעכטער", „גרינע פעלדער", „פאַרוואָרפענעם ווינקל", „פּוסטע קרעטשמע" — ליבעס, וואָס לויפן אין אַזויפיל זיגזאַגן, וואַריאַציעס און שאַטירונגען — די דאָרפישע טעכטער זיינען דאָך ראוי צו זיין פּרינ־צעסינס; דאָס כלה־מיידל בעבעלע, מיט דעם כסדרדיקן איבערגעלאָף פון אירע נאַאיוו־פאַרוואונדערטע שטימונגען און רייד — זי איז דאָך ראוי צו זיין אַ בת־מלכה אין אַ קינדער־מעשהלע! וואו ליבע־שפּיל קומט זיך צונויף מיט הירשביינס דיאַלאָג — קומט אַרויס דאָס שענסטע פון אונטער זיין פּען...

(אַגב, איז „בעבעלע" אַביישפּיל פון הירשביינס ניט גענקינצלטן, נאַ־טירלעכן מיסטיציזם. בעבעלע לעבט אין זכות פון אַ נדר. ווען די מאַמע אירע, וואָס אַלע אירע קינדער פלעגן שטאַרבן אין די וויגן, האָט פאַר־שווענגערט מיט בעבעלען, האָט זי זיך אַ נדר געטאָן, קיינמאָל איר ניט אַ קוש טאָן — ביז נאָך דער חתונה — און זי האַלט דעם נדר!).

איך האָב געמיינט, אַז הירשביינס מייסטערשאַפט אין ליבע־שילדע־רונגען וועל איך קאָנען אילוסטרירן בלויז מיט ביישפּילן פון זיינע דראַ־מען; אַז אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע „קינדער־יאָרן", אַריבערטראָגנדיק זיין יוגנטלעכע שעמעוודיקייט אין זיינע דערוואַקסענע יאָרן, וועט ער ניט אויסזאָגן, וואו ער האָט זיין מייסטערשאַפט אין ליבע־שפּיל געלערנט; אַז דאָס וועט בלייבן זיין פערזענלעכער הויפּט־סעקרעט. שטעלט זיך אַרויס, אַז ער האָט יאָ אויסגעזאָגט — האַלב ניט דערזאָגט. איר נאָמען איז געווען שיינדל, דער נאָמען פון זיין מאַמען — אַ שוועסטער־קינד, דעם פעטער אברהם טומענערס טעכטערל. ביי זייער ערשטער באַגעגעניש אַלס קינ־דער — „אַ שוואַרצינקע איז זי; און קאָן שוין גאַר שיין שרייבן. האָט נאָך אַ שענערן כתב פון מיר". — שפּעטער פאָרט ער צוליב איר לערנען תורה אין וויסאָקע. זי איז ניט אַזאַ שעמעדיקע ווי ער, און גלעט אים שוועסטערקינדעריש די באַקן. איר געפעלט שוין ניט, וואָס ער לערנט פאַר אַ רב. לערנען זאָל ער קאָנען, אָבער זיין זאָל ער אַ שטאַרקער מאַן, וואָס רייט אויף פערד; און זי פרעגט אים שוין מיט שרעק: — מען זאָגט אַז אַ בחור טאָר ניט נעמען אַ מיידל פאַר אַ ווייב, וואָס האָט דעם אייגענעם נאָמען ווי זיין מאַמע?... — נאָך שפּעטער, פון אָרלע, שרייבט ער איר בריוו, וואו ער לייגט אַריין אַ האַלבן שיר־השירים, און זי ענטפערט אים מיט נאָך שענערע גראַמען און מיט נאָך שענערן כתב. אירע בריוו ווערן אַלץ אָפענער — ליבעס־בריוו: — אַ, ווען זי וואָלט האָבן פליגלען, וואָלט

זי צו אים אויף איין רגע אריבערגעפלויגן; נאר א קוק טאן אויף אים, און ער אויף איר! — זי ווייס אויך פון דער בת־ציון, צו וועלכער ער שרייבט זיינע שירים; און עס שאדט נישט וואס איר נאמען איז שיינע. — ער זאגט קיין ווארט ניט וועגן דעם, צי ער האט זי ליב, אבער געטריי איז ער איר. ווען די ארלער שטעטלשע שיינהייט — פון דעם הויז, וואו ער האט געגעסן דעם מיטוואך־טאג — האט אים פראוואצירט: — אז אויב ער וועט זיין אזוי ווי פושקין, וועט זי אים ליב האבן. — האט ער זי באשיידן־באַ־ליידיקנדיק אפגעשניטן: — א, ער וועט קיין מאל ווי פושקין ניט זיין!

אויף זיין לעצטן באזוך אין ווילקע, פארן שטעלן זיך צום פריזיוו, האבן אירע עלטערן זיי שוין געלאזט שפאצירן גיין ווי חתן־כלה. אבער באלד נאך זיין אפפארן פארסמט זי זיך. דער אויסרייד איז געווען — זי האט אומגערן פארזוכט פון די לאטקעס, וואס איר מאמע האט ארויסגע־שטעלט פאר די מייז.

די „קינדער־יארן" זיינען אין דער אמתן אן אויטאביאגראפישער ראָ־מאן מיט א הויפט־העלדין אין ליבע. און זי איז די הויפט־ליבהאבערין פון זיינע דראמען און ביידע ראמאנען. אין „בבל" הייסט שיינדל — קריינדל, און לעבט אויס אירע פולע יארן.

שיינדל איז דער דריטער גרונט־עלעמענט פון הירשביינישן מעטאד. זיינע ראמאנען שרייבט ער פון זיין דערוואַרבענער דערפארונג מיט דעם מעטאד, וואס ער האט זיך אויסגעארבעט פון זיין פערזענלעכער דערפא־רונג. זיין ראמאן איז א דין־דין געוועב אויף א קאנווע פון ליבע־שפיל, אויסגעשטרעקט אין א ברייטער ראם. די ברייטע ראמען פאר זיינע ראמא־נען האבן אים געגעבן זיינע וועלט־וואנדערונגען.

זיין צווייבענדיקער ראמאן „רויטע פעלדער", אפגעדרוקט אין בוך־פארם אין 1935, גיט איבער אין בעלעטריסטישער פארם די סביבה־און מענטשן־מאטעריאל פון זיין רייזע־בוך „שווארצברוך", אפגעדרוקט אין 1930 — א מאטעריאל, וואס איז פון אים געזאמלט געווארן אין די 10 חדשים וואס ער האט פארבראכט מיט די יידישע איבערוואנדערער אין קרים אין 1928—1929. דער איבערבוי, דער איבערברוך אין דער פסי־כאלאגיע — דאס איז די געזעלשאפטלעכע ראם פון ראמאן. אריינגעשטעלט האט ער אין דער ראם די הויפט־העלדן, וואס אויף זיי ווענדט ער אן דעם הירשביינישן מעטאד פון ליבע־זיגזאג. די גאנגען און איבערגאנגען אין זייער ליבע־ברוגז־שפיל זיינען די טרעפן, אויף וועלכע די געשעענישן שטייגן. אויף די הארץ־בלעטער פון יונגע פרויען און מענער וויקלען די

געשעעניש זיך פונאַנדער. דער גערא̈נגל פון געזעלשאַפטלעכע אידייען איז די באַגלייטונג.

עס איז אַ גרויסע שטיצע פאַר הירשביינען, וואָס די געזעלשאַפטלעכע אידייאישקייט איז דאָ לעבעדיק און אַקטועל — די צייט און דער אָרט האָבן עס אים אונטערגעטראָגן, און ער דאַרף עס ניט צוטראַכטן. די געזעלשאַפטלעכע סתירות — צווישן די איבערוואַנדערער פון בורזשואַזער און פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג; און די אידייאישע סתירות צווישן דאָרפיש־פויערישן און שטאָטיש־פּראָלעטאַרישן קאָמוניזם; צווישן דער שטרענג־קאָמוניסטישער און יידיש־נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע — דאָס אַלץ איז אים געגעבן פאַרטיקערהייט. אַלץ וואָס ווערט גערעדט וועגן דעם, איז ניט אויסערן וועג; געזעענע, פון לעבן גענומענע פאַרשוינען ריידן די רייד. — אַז ער קען כאַפּן פנימער און געשטאַלטן פון דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט אַרויס און זיי אָפּשילדערן אַפילו ווען זיי זיינען פּערזענלעך אים ניט נוגע — דאָס האָט ער נאָך אין „שוואַרצבוד” געוויזן.

דער עיקר זיינען אָבער די הויפּטהעלדן, דורך וועמען דער ראָמאַן דאַרף געטראָגן ווערן און וואָס דער אידייאישער געראַנגל דאַרף זיך דורכראַנגלען דורך זייער ליבע־געראַנגל. צוויי זיינען זיי דאָ אויפן ערשטן פּלאַן; בערע קאָוואַלסקי און לאַנע ברעזער. — בערע, זיין פאָטער לייזער, זיין זיידע עוזר, זיין יינגערער ברודער נחום, — שמידן אונטערן שטעטל זיינען זיי געווען. אין פּאָגראָם זיינען זיי אַלע אַרויס מיט אָנגעגליטע אייזנס און אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף די באַנדיטן. אין בירגער־קריג איז ער הויך געשטיגן. דער באָלשעוויזם איז אין אים אָנגעגליט אייזן. ווען די סאָוועט־רעגירונג האָט געהייסן יידן גיין אויף דער ערד, איז עס אַ באַפעל צו אים. ער דער ערשטער. דער שמידער פון אָקעראייזנס גייט צום אָקעראייזן. איז ער אַ יידישער פויער אויס באָלשעוויסטישער איבערצייגונג. די אמתע סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט דורכגעפירט ווערן אין דאָרף! ער איז פאַר אַ קאָלעקטיוו — ווילן זיי אָבער ניט! די רעוואָלוציע האָט זיי צעטרייבערט — זיינען זיי געקומען צו דער ערד געפינען מציאות! ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן עלטסטן פון קינפּטיקן יידישן דאָרף. האַלט ער זיך פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר זיי צו דער רעגירונג. קוקט ער מיט חשד אויף די געוועזענע הענדלער, וואָס עס ציט זיי אונטערצוספּעקולירן. — ער וועט זעצן אין „דאָפּר!”... ער זעצט ניט, נאָר ער האַלט אַן אויג. און ווען די פאַרשטייער פון ראַיאָנעם סאָוועט קומען אַראָפּ, טרעפן זיי צו די ריכטיקע שולדיקע.

עס איז ניט אַזוי זיכער, צי פּרץ הירשביין האָט אים שטאַרק ליב,

אָבער ער איז אַרויסגעקומען בולט און סימפּאַטיש אַ דאַנק לאַנע ברעזער, זיין קעגנשפּילערין אין ליבע — וואָס אין איר האָט פּרץ הירשביין באַזעצט זיין גרויסע פּרוי, אַ גלגול מסתמא פון שיינדלען.

לאַנע, די 20־יעריקע טאָכטער פון געוועזענעם איינגעפונדעוועטן שטעטלשן בעל־הבית וואָווע ברעזער — האָט זי מיט אירע אויגן געזען, ווי די מאַמע אירע איז געקוילעט געוואָרן מיט אַ טעמפּן קיך־מעסער. — האָט זי באַשלאָסן איבערגעבאָרן צו ווערן מיט דער נייער סאָוועטישער אָרד־נונג. באַשלאָסן, איז געטאָן. זי ברענגט אַראָפּ דעם טאַטן מיט דער יינגע־רער שוועסטער ביילקען אין קינפּטיקן יידישן דאָרף — און זי איז טאַקע אַן איבערגעבאָרענע. אַ שמאַלינקע, מיט שוואַר־געקרויזטע האָר, מיט שוואַרצע פּאַרטאַיעטע אויגן — איז זי אַ קאַנאָן וואָס שיסט מיט ענערגיע. זי אַקערט, זי טרייבט אָקסן, זי קנעט מיט באָרוויסע פיס ליים — און צווינגט די יינגערע שוועסטער איר נאָכצוטאָן — און צווינגט דעם טאַטן בויען אַ הויז — אין געוועט מיט בערעס משפּחה, די קאָוואַלסקיס. זייערע צוויי שטיבער וועלן זיין די ערשטע אין דער קאָלאָניע, בעת אַלע אַנדערע איבערוואָנדערער וואַלגערן זיך נאָך פּאָר מרה־שחורהטע, אין „בודעס", אין דזשווינט־הויז. מיט דעם געוועט עפנט זיך דער ראָמאַן: לאַנע, מיטן פּאָטער, מיטן זיידן יאָשע ברענגען געהילץ פון יעווּפּאַטאָריע — מיט אַן אָקסן־געשפּאַן.

אינאיינעם מיט דער שטיבער געוועט, זיינען לאַנע און בערע איינגע־שפּאַנט אין אַ ליבעס־געוועט. זיי האָבן זיך געפונען, ווייל זיי זיינען די צוויי קענטניקסטע פּאַרשוינען אין דער קאָלאָניע. און דער ראָמאַן ווערט שוין פון הירשביינען געטריבן אויף זיין כאַראַקטעריסטישן שטייגער — מיט פּאַ־וואָליעדיקן אימפּעט.

מען דאַרף לייענען הירשביינס ראָמאַנען פּונקט ווי ער שרייבט און דרוקט זיי — קאַפּיטלעכווייז. אַ קאַפּיטל און אַן אָפּשטעל. יעדער קאַפּיטל אַ זאַך פאַר זיך. אין יעדן קאַפּיטל איז דאָ דאָס הירשביינישע „עס גע־שעט און געשעט און דאַכט זיך, עס געשעט גאַרנישט און עס געשעט גאָר אַ סך!"... — און ווען אַ קאַפּיטל געלינגט, האָט מען הנאה פון דעם בעסטן, וואָס איז דאָ אין הירשביינען — דאָס זיגזאַגישע אין האַרץ און אויגן. און דאָ געלינגט אים מערערע מאָל. ווייל די סיטואַציע האָט אים צום צווייטן מאָל צוגעשפּילט: עס איז דאָך דאָרף, סטעפּ, זון און רעגן, שניי און זאַווערוכעס. האָט זיך אין אים אָפּגערופן דער געבאָרענער דאָרפס־יונג, וואָס האָט איינגעזויגן נאַטור־איבערלעבונג מיט דער מאַמעס מילך. זיינס אַ נאַטור־בילד שמעלצט זיך אין חיות־טראַפּנס, קאָמבינירט מיט ליב־

שאפט, וואס ווערט געטרונקען טראַפּנווייז — זיינען דאָ קאַפּיטלען, וואָס פאַרשיכורן ממש. איך קאָן ניט פיל ציטירן.

„— הייסט עס, דו האָסט מיך פיינט... ווי אַזוי האָסטו מיך פיינט, לאַנע ?

— און דו האָסט מיך ליב — ווי אַזוי האָסטו מיך ליב, בערע ? — דו זינדיקסט מיט דיין ליבע צו אַ בורזשויקע, כאַ־כאַ־כאַ!

איר געלעכטער איז געווען מיט ווייטאָק. זי האָט אָנגערירט אַן אָרט, וואָס האָט ביידן ווי געטאָן...

זי האָט בערען אַרומגענומען און שטאַרק געקושט. — פון דער נאַכט און פון פעלד האָט געשמעקט מיט זיסע בליעכץ, וואָס האָט געוועלקט און אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר קערנער, דער ווינט האָט פאַרטראָגן די בליטן־פליטערלעך, און דער זאַנג האָט געקוואָלן און געאָטעמט מיט גרינער זאַטקייט..."

גרויסאַרטיק זיינען די צווי נאַכט־עקספּעדיציעס פון דער יוגנט צו פאַרטרייבן די שאָף, וואָס די אַלט־געזעסענע שכנים — די דייטשן, די טאַ־טערן, די רוסן — האָבן אַרויסגעשיקט אויף די יידישע פעלדער. דער קאַפּיטל „ליבע אין אַ זאַווערוכע", וואו בערע טראָגט לאַנען אויף די הענט, איינגעוויקלט אין זיין פעלץ, איז הוילער עקסטאַז — הלוואי וואָס מער אַזעלכע זאַווערוכעס! זייער ליבע שטייגט — און זי ווייכט פון אים. זי קושט זיינע שפּיץ־פינגער, און שיידט זיך אָפּ פון אים.

עס איז ניט בלויז דער חשד, וואָס זי איז אים חושד, אַז ער, דער גראַדליניקער, דיסציפּלינירטער פּראָלעטאַריער, וועט קיין מאָל ניט איבער־קומען זיין אומצוטרוי צו אַ בורזשואַזער טאָכטער. נאָר דאָס איז ער דער ליבע־זיגזאַג, וואָס אויסגעשפּרייט אויפן שטח פון ראָמאַן, זעט מען דאָ בעסער ווי אין די דראַמען אין וואָס ער באַשטייט: דאָס איז שעמעוודיקייט, וואָס איז שטאָלץ — פון ביידע צדדים. פון דער פרויס צד איז עס די זעלבסטפאַרטייערונג פון דער פרוי, די פאַרטייערונג פון ליבע, זי זאָל ניט אָנקומען גרינג. — ליבע פאַר אַ קאָפּיקע קומען זיי ביי מיר בעטן, טוט זי אַ זאָג, ווען בעלנים נעמען צושטיין צו איר. קלייבט זי אויס דעם שטאַרקסטן, כדי אין געראַנגל מיט אים זאָל די ליבע אַלץ פאַרטייערטער ווערן. עס איז ניט אין דעם, ווער וועמען זאָל באַהערשן, נאָר ווער וועמעס באַשאַפער זאָל זיין. און ביידע גיבן ניט נאָך אויף אַ האָר. בערעס מאַמע, רייזל, איז אויסער זיך: — וואָס פאַר אַ גוט יאָר האָט צווישן אייך ביידן זיך אַריינגעמישט? — ענטפערט ער: — מיר גייען די מוידן ניט אָן, מאַמע!

ווי אַזוי האָט הירשביין אָט דעם ליבע־געראַנגל צונויפגעפלאָכטן מיט דער גרויזלאָפּטלעך־אידייאישן געראַנגל? עס האַנדלט זיך וועגן דער גרינ־דונג פון אַ קאָלכאָז, וואָס מאַסקווע פּאָדערט און וואָס נאָר יחידים צווישן די איבערוואַנדערער ווילן צו אים צושטיין. און דאָ האָט בערע אַן אומ־געריכטן אַרויסהעלפער אין יוסף ראַטנערן, וועלכער איז דער היפּוך פון אים. אַ שניידערס אַ זון, אַ סטודענט, וועלכער איז אַראָפּגעקומען אויף זומער אַרויסצוהעלפן זיין משפחה אין פעלד און איז געבליבן אַ געפאַנגענער.

אין ראַטנערן איז הירשביין אַליין צו דערקענען און אַ סך פון אונדז וועלן זיך אין אים דערקענען. אַ נאַציאָנאַלער ייד, און אפשר גאָר אַן ארץ־ישראל ייד — איינער פון די, וואָס זיינען אַריבערגעקומען פון דער קבוצה „תל־חי" אין ארץ־ישראל און האָבן אין קרים געגרינדעט די קאָ־לאָניע „וואַיאַ נאָווא (אויף עספּעראַנטאָ: אַ נייער וועג"), וואָס הירשביין באַשרייבט זי אין „שוואַרצבוך" — יוסף ראַטנער וויל מאַכן פון קרים ארץ־ישראל. ווען ער חלומט מיט אָפענע אויגן, בלעטערט זיך ארץ־ישראל איבער די קרימער רויטע פעלדער. אָבער אין די איבערוואַנדע־רער געפינט ער קיין סימן פון ארץ־ישראל ניט: — זיי זיינען געקומען זוכן ברויט, ניט צו בויען אַ יידישע היים אויף דער ערד! — אַן יידישן תחית המתים קיין קאָלאָניזאַציע! אָט ווען אַ קאָלכאָז אויף סאָציאַליס־טישע און יידיש־נאַציאָנאַלע יסודות דעמאָלט וועלן זיי ברענגען קרבנות, ווי די חלוצים אין ארץ־ישראל זיינען זיך מקריב...

בערע איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ פאַרוואונדעטער: — איך וואָלט דיר געגעבן טורמע צו פאַרזוכן פאַר אַזעלכע רייד! ווער דאַרף קרבנות! די סאָוועטן־רעגירונג גיט יידן ערד פריי. נאָר דער סאָציאַליזם איז ווערט מען זאָל פאַר אים קרבנות ברענגען. — וועסט נאָך קומען צום שכל, בערע, אַ פאָלק איז ניט קיין גרודע ערד...

אָט דער יוסף ראַטנער פירט אפילו דורך אַ „רעליגיעזן עקספּערי־מענט" אין דער קאָלאָניע: דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, ווען דער על־טערער עולם איז ביים דאַוונען, מאַכט ער עס דעם פאַרשלאָג, אַז די יוגנט זאָל גיין פאַראַקערן די פעלדער פאַר ווינטער. מען לאָזט זיך גיין, און יוסף טריאומפירט, ווען זייערע פּיס האַקן זיך אונטער — זיי קאָנען ניט גיין. דער ימים־נוראים פון דער לופטן פרעסט אויף די פעלדער. דער קאַפּיטל איז איינער פון די בעסטע. — דעם צווייטן טאָג ראש־השנה האָט בערע זיך געמאַכט האַרץ און אַרויס אַקערן. אָבער יום־כפור שוין ניט — ניט געקאָנט צוזען דער מאַמעס צער...

ווען עס איז אַרויס דער רוף קיין בירא־בידזשאַן, איז יוסף נאַטיר־

לעך געווען דער ערשטער פאַרכאַפּט צו ווערן: — יידן פון דער גאַנצער וועלט וועלן קומען זוכן אַ היים אין ביראָ־בידזשאַן! — זאָגט ער צו לאַנען. זי איז אומגליקלעך. זי האָט איר לעבן פאַרפלאַנצט אין דער קרימער ערד, כדי ווידער געבאָרן צו ווערן: — ניט קיין ברכה, נאָר אַ קללה איז דער־וויל ביראָ־בידזשאַן פאַר קרים — שרייט זי אין פאַרצווייפלונג צו יוספן. — זי איז גרייט אויף איר גרעסטן קרבן: — איך וועל פאַר דיר דעם קאָפּ פאַרלייגן, בלייב דאָ! — אומזיסט, די בערעס וועלן שוין זאָרגן דערפאַר, אַז קיין יידיש לעבן זאָל דאָ ניט זיין...

אָבער בערע — ער פאָרט אויך קיין ביראָ־בידזשאַן! און ניט אַליין. ער נעמט מיט סימען, דעם בעקערס טאָכטער — אַ ברייט־ביינערדיקע, פול־בוזימדיקע פראָלעטאַרקע, וועלכע אין בירגער־קריג איז געגאַנגען פאַר־אויס פאַר די רויטע אַרמייען און זיין מיטצויגן אין שלאַכט מיטן רייץ פון איר קערפּער. איז זי דאָס געקומען פאַרנעמען בערען פון דער קאָלאָניע, אַנצושליסן אים אַן שטאַטישן פּראָלעטאַריאַט. פאַרנעמט ער זי גאָר קיין ביראָ־בידזשאַן. דאָס איז זיין „נקמה" אַן לאַנען. און אפשר האָט ער אויך מורא, אַז יוסף דער „ציוניסט" וועט קאַליע מאַכן ביראָ־בידזשאַן? — וועט ער אים אַרעסטירן!

בערעס לעצטע זעאונג מיט לאַנען איז אַ שטומע ליבעס דערקלע־רונג פון ביידע זייטן. אָבער לאַנע האָט זיך ניט פאַרלאָרן. הירשביין האָט אַ צווייטן ליבלינג אין ראָמאַן, אַ חוץ יוספן — בענען, וועלכער איז אַ דאָרפס־יונג פון דורות דאָרפס־יידן, פּונקט ווי הירשביין אַליין — מיט לאַנגזאַמער דאָרפישער גבורה — און גאָר אַ מענטשלעכער באָלשעוויק, וועלכער האָט ניט זייער ליב בערען און זיין גלייכן: — זיי זיינען נאָך גרעסערע בעלי־גאווהניקעס, ווי די אַמאָליקע בורזשויען! נעמט אים לאַנע אין די הענט אַריין, לערנט אים פריער פון אַלץ אויס גובר צו זיין זיין שעמעוודיקייט און שטאַרק, שטאַרק זי ליב האָבן. דערנאָך שיקט זי אים אין שטאָט אַריין זיך אויסלערנען טרייבן אַ טראַקטאָר. די שלוס־סצענע פון ראָמאַן: בענע און לאַנע פאָרן אַרויס אויף צוויי טראַקטאָרס צו פאַראַקערן די „רויטע פעלדער" פאַר אַ קאָלכאָז.

די אידייאישע זייט פון ראָמאַן איז אַ ביסל פאַרטונקלט דורך דעם, וואָס יוסף, הירשביינס ליבלינג, איז אַ געשטוקעוועטער כאַראַקטער. און אַלץ דערפאַר וואָס הירשביין האָט אים ניט געגעבן קיין ריכטיקן זיווג. פאַרליבט האָט ער אים אין לאַנעס יינגערער שוועסטער ביילקע, וועלכע גייט אַרום אַ פאַרחלומטע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. אָבער פאַרחלומט איז איר לייב. זי איז וויינ. ווען די גרויסע דעבאַטירן, לעבט זי פריי אונטער

די פרייע הימלען מיט בערעס ייִנגערן ברודער נחום. בעסער וואָלט געווען, ווען הירשביין גיט אים פּאַר אַ זיווג אַזאַ איינע ווי לאַבע, וואָס אין ליבע־געראַנגל מיט איר וואָלט ער אויסגעראַנגלט ביז צו פולער קלאָר־קייט זיין ארץ־ישראל־קרים־בירא־בידזשאַן־פּראָבלעם, און דער ראָמאַן וואָלט אַרויסגעקומען גאַנצער און געבונדענער. אָבער אַ וויכטיקער יידיש־היסטאָרישער מאָמענט — אַן איבערקערעניש אין יידישן לעבן — איז פון אינעווייניק באַלויכטן געוואָרן — בעסער, ווי די סאָוועטישע ראָמאַנען פון דער קאָלאָניזאַציע טוען עס. יענע פאַרזעען אין גאַנצן יוספן. און ווען זיי פאַרזעען אים ניט, מאַכן זיי אים פאַר אַ רעאַקציאָנער און פאַרשיקן אים אין די פעלדער, וואו דער רויטער פעפער וואַקסט.

„בבל" אָדער מיט זיין צווייטן נאָמען „ניו־יאָרק" איז אַ ראָמאַן, וואָס איז דריי ראָמאַנען אינאיינעם — אַ — טרילאָגיע. האָט זיך געדרוקט קאַפּיטלעכווייז אין „טאָג" אין משך פון דריי־פיר יאָר, אָנהויבנדיק פון שבת, דעם 15־טן יוני, 1935. ערשט איצט ווערט דער ראָמאַן פאַרפער־טיקט צום דרוק אין בוך־פאָרם, מיט איבעראַרבעטונגען, פאַרקירצונגען און אויסברייטערונגען. עס וואָלט דאַרום געווען אַן אומרעכט פאַראויס־צולויפן דעם בוך מיט אַן ענדגילטיקן אורטייל אויפן סמך פון צייטונגס טעקסט, פאַרלאָזנדיק זיך אויפן זכרון. נאָך די פאַרבינדונגען מיט די פריי־ערדיקע ווערק, די שייכותן צום שריפטשטעלער וועל איך זוכן.

עס איז אַ שווערערע, אַמביציעזערע אונטערנעמונג, איידער די „רוי־טע פעלדער". דאָרט איז די געזעלשאַפטלעך־אידייאיש ראַם געגעבן גע־וואָרן פאַרטיקערהייט, דורך דער יידיש־סאָוועטישער סיטואַציע; דאָ דאַרף עס פון שריפטשטעלער אַליין צוגעשטעלט ווערן. דאָרט אַ מאָמענט, וואָס הויבט מעגלעך אָן אַ נייע יידישע עפּאָכע. דאָ ווערט אונטערגעפירט דער סך־הכל פון אַ גאַנצער יידישער עפּאָכע. אין דעם טאָג, ווען דער ראָמאַן האָט זיך גענומען דרוקן — דעם 15־טן יוני, 1935, — ווערט געפייערט דער 70סטער געבורטסטאָג פון קעראַליין סטאָון — געוועזענע קריינדל לוריע — געפייערט אין אַ פּאַלאַץ אין רעזידענץ־קוואַרטאַל פון מיליאָנערן. ליגנדיק נאָך אין בעט, מיט באַדינערינס, וואָס פוצן זי צום יום־טוב, דער־מאָנט זי זיך, אַז ווען זי איז געקומען קיין אַמעריקע, איז זי אין גאַנצן אַלט געווען 18 יאָר — דאָס מיינט, געקומען מיט 52 יאָר צוריק — אין 1883 — מיט דער ערשטער גרויסער עמיגראַציע־כוואַליע, וואָס האָט אַ שלאָג געטאָן נאָך די ערשטע גרויסע רוסישע פּאָגראָמען — וואָס צוזאַ־מען מיט די אַלע זיך צושלאָגנדיקע נייע כוואַליעס, אַרויסגעשטויסענע פון פּאָגראָמען, מלחמות און רעוואָלוציעס — צוזאַמען מיט די צוויי דורות

דאָ צוגעקומענע — האָט עס געגעבן דעם 2־מיליאָנעדיקן בבלדיקן ידישן ישוב פון ניו־יאָרק, אין אַלע זיינע געשטאַלטן און פאַרצווייגונגען.

צוויי משפחות זיינען זיי געווען — די לוריעס און די חלפנס וואָס האָבן איינע מיט דער אַנדערער זיך פאַרבונדן. קריינדל־קעראָליינס מאַן — לעאָנאַרד סטאָון — איז אַ געוועזענער חלפן — לייבל חלפן. די חלפנס, אַ טרוקענע סוחרישע משפחה פון אַ ווייס־רוסישער גרויסער שטאָט, האָבן דאָ אין אַמעריקע זיך געהאַלטן צוזאַמען דורך זייער רויבערישן אינסטינקט. לייבל חלפן, דער בריה פון דער משפחה — „קורץ געוואָקסן, שמאָל־פּליי־ציק, מיט אַ לענגלעכן קאָפּ און דינעם האַלדז" — האָט אויף די סוועט־שעפּער פון העמדל־נייערײ אַרויפגעקלעטערט זייער הויך, מאַכנדיק שותפות מיט אַ יאַהודימשן מאַנופעקטשורער, ביי וועמען ער איז פריער געווען קאָנ־טראַקטאָר.

אָבער די לוריעס, אַ וואַרעם־טראַדיציאָנעלע משפחה, מיט תורה און השכלה, פון אוקראַינע, זיינען דאָ אין אַמעריקע צעפאַלן געוואָרן. די מו־טער איז זיי געשטאָרבן אויפן שיף און געפונען איר קבר אויפן גרונט פון ים. ביים אָנקומען קיין אַמעריקע איז די משפחה באַשטאַנען פון 45־יאָריקן פאָטער ישראל און פון זעקס זין, אַ חוץ דער בת־יחידה קריינדל: — שלמה, נתן, הילל, דניאל, אָשר און דעם יינגסטן, זכריה, קריינדלס צוויי־לינג־ברודער. לכתחילה האָט קריינדל געפּרואווט פאַרבייטן די מוטער, די ברידער זאָלן זיך ניט צעקריכן. די מערסטע פון זיי, מיטן פאָטער בראש, זיינען אַוועק אַרבעטן אין די סוועט־שעפּער פון די חלפנס. אָבער ווען דער פאָטער, נאָכן ערשטן יאָרצייט, האָט אומגעריכט חתונה געהאַט מיט דער יונגער, פרייליכער, זינגענדיקער שאַפּ־מיידל, ריוועטשע, דער „רוי־טער ליטוועטשקע", זיינען די ברידער זיך צעגאַנגען, יעדער זיך פאַר־קלייבנדיק אין אַ באַזונדערן עטאַזש פון ידישן בבל־טורעם. שלמה — אין פראַלעטאַריאַט. אַ ציגאַרן־מאַכער, שטאַרבט ער יונגערהייט פון שווינד־זוכט. נתן אין אַרבעטער־פירערשאַפט. ער האָט די מלאכה געלערנט, פירנדיק סטרייקס ביי די חלפנס. הילל אין פאַרמערײ. זכריה אין דאָק־טאָרײ. דניאל אין פעדלערײ, אַרויפאַרבעטנדיק זיך פון פעדלערײ צו אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר און צו אַ גליקלעכער געמישטער חתונה מיט אַן איי־ריש ווייבל, וועלכע האָט זיך מגייר געווען. און אָשר, ניט אויסגע־רעדט זאָל עס זיין — אין גענגסטערײ, מיט די באַגלייטנדיקע טריפענע פרנסות.

גוט, וואָס דער ערשטער קאַפּיטל זאָגט אויס דעם סוף פון ראָמאַן. ווערן מיר געוואָר, וואָס איז געוואָרן מיט דער משפחה נאָך 52 יאָר בבלען

זיך אין בבל, ניט וואַרטנדיק אויף די 1400 בלעטער פון בוך. וועגן קריינדלען ווייסן מיר שוין. זי פייערט איר 70סטן געבורטסטאָג. ס'פאַר־זאַמלט זיך היכע געזעלשאַפט — פון געבאָרענע און געוואָרענע יאָהו־דים; פון קריסטן, וואָס האָבן זיך מיט זיי משדך געווען; פון מיטליעריקע פּראָדוקטן פון אַסימילאַציע און יינגערע פּראָדוקטן פון געמישטע חתונות. קריינדל־קעראַליין סטאָונס איינגן אייניקל האַלט ביי אַ כלה ווערן פאַר אַן איטאַליענישן לאָיער גאָלדאַני. זי וויל היינט זען ביי זיך די צוויי נאָך לעבן־געבליבענע ברידער — איר צווילינג־ברודער זכריהן און היללן, דעם עלטסטן ברודער.

מיר געפינען ד"ר זכריה לוריע — אַ הויך־געוויקסיקער מידער מאַן אין אַ צילינדער — אַנגעשפּאַרט אַן דער עמפּייער סטייט בילדינג. פאַר זיינע אויגן טראָגט זיך דער הו־האַ פון ניו־יאָרק. אַ מענטש ווערט דער־הרגעט, אַן אַריבערגעפאָרענער פון אַן אויטאָמאָביל. — בבל, דער פאַר־שאָלטענער בבל! — שעפּטשן זיינע ליפּן. — הילל̇ן געפינען מיר ביים צע־בראָכענעם טויער פון זיין פאַרם אין די קעטסקילס. טאַראַס, אַ רוסישער פויער, מיט וועלכן ער האָט זיך פאַרחברט אַרבעטנדיק אויף יענקישע פאַרמס אין זיין יוגנט, טאַראַס רעדט אין אים אַריין: דיינע זינדעלעך ווילן אַפילו ניט קומען אַ קוק טאָן אויפן אַלטן טאַטן — נו, געדאַרפט חתונה האָבן, גילעל? — אָבער אָט באַווייזט זיך אַן אויטאָמאָביל — איז עס דער גוטער זון ד"ר מאָריס לוריע, אָדער דער שאופער, וואָס דאַרף פירן הילל̇ן צו קריינדלס פייערונג?

הילל און נתן זיינען געקומען קיין אַמעריקע אַלס עם־עולמניקעס. נתן האָט זיך פאַרניו־יאָרקעוועט מיט די ניו־יאָרקער גענאָסן. אָבער ער, הילל, האָט זיין גאַנץ לעבן געחלומט וועגן יידישע דערפער. און געהאַלטן עס פאַר אַ פאַרברעכן, וואָס יידן בבלען זיך אין די גרויסע שטעט. איי, אויסגעלאָזט האָט זיך אַ חרובע באָרדער־פאַרם, וואָס וואַרט אויף אַן אויס־לייזער! אַזוי איז דאָס לעבן!

קלאָר, אַז הירשביין האָט זיך דאָ פאַרמאָסטן אויף אַן עפּאָכע אַרומ־נעמענדיקן ראָמאַן. ער נעמט אינוועטאַר פון דעם מענטשן־מאַטעריאַל, פון דעם אידייאישן צעמענט, פון די אייזערנע נויט־טענדענצן, וואָס האָבן דעם מאַטעריאַל געפורעמט און אויסגעפורעמט אין דעם איצטיקן פּיל־געשטאַלטיקן יידישן ישוב, אַ ראָמאַן אַ סך־הכל־מאַכער.

עס איז שוין געווען אַזאַ עפּאָכע־אַרומנעמענדיקער סך־הכל־ראָמאַן, וואָס איז פאַראויסגעגאַנגען הירשביינס מיט זיבן יאָר — דוד איגנאַטאָווס דריי־בענדיקער ראָמאַן „אויף וויטע וועגן". פאַראַן מערערע פאַראַלעלן

און נאָך מער אונטערשיידן אין צוגאַנג און באַהאַנדלונג צווישן די ביידע ראָמאַנען. ערשטנס איז איגנאַטאָוו מקצר דעם פּעריאָד אויף העלפט — פון פערציק יאָר (1880־1920) ווערט צוואַנציק — כדי איינצוהאַלטן זיין הויפּט־העלד אין יוגנטלעכקייט. אַרום זיין הויפּט־העלד, בערמאַן, וועלכער איז אַ זעער פון זעאונגען קאָנצענטרירט ער אַלע געשעענישן. די געשעע־נישן לויפן צו און פון בערמאַנען אַוועק. ערשט אין קאָנטראַסט צו דעם זעער בערמאַן זעט ער אַלע אַנדערע, רעאַל־וואָכעדיקע, פּאַרשוינען. און זיין מעטאָד פון דערציילן איז אַ מעשה־אַרטיקער. ער לאָזט לויפן בער־מאַנס זעאונגען איבער דער ווירקלעכקייט, כדי וואָס שאַרפער זי אַנצוקוקן.

הירשביין היפּט קיין יאָרן ניט איבער. דעם גאַנצן פּעריאָד זיינעם פון 52 יאָר פאָלגט ער נאָך פון יאָרצענדליק צו יאָרצענדליק — איז זיין ראָמאַן טאָפּלט אַזוי גרויס.

און הירשביין באַדאַרף קיין זעאונגען ניט אָנטאָן אויף זיינע אויגן, כדי אָנצוקוקן פּנימער. אויף זיינע וועלט־רייזעס האָט ער אַזויפיל זיך אָנגעזען פּנימער און זיי געכאַפּט און פאַרצייכנט, אַז ער האָט קיין דאגות ניט וועגן די וואָסערע 200 פּאַרשוינען, אַ גוטע העלפט פון זיי פון דער פרומער אַלטער וועלט, וואָס באַווייזן זיך אויף דער סצענע פון ראָמאַן אין משך פון האַלבן יאָרהונדערט — זיי זיינען אַלע כאַראַקטעריזירט מיט זייער הילוך און לשון. אַ חוץ וועלט־רייזנדער איז ער דאָך אַ געניטער טעאַטראַל, וואָס קען די מלאכה פון גרימירן. ווען אַ כאַראַקטער טרעט אויף פאַר אַ מאָמענט אין אַ קורצער סצענע — גרימירט ער אים. אָט ערשט ווען אַ כאַראַקטער האַלט זיך אויף דער בינע דורך אַ גאַנצן אַקט, בפרט דורך אַלע פיר אַקטן — דעמאָלט איז גרים ניט גענוג, דעמאָלט דאַרף ער זיך באַזעצן אין אים, אָדער גאָר אַליין שפּילן...

אָט אויף די הויפּט־העלדן, די הויפּט־באַוועגער פון ראָמאַן, און אויף זייערע אַרויסהעלפער, צו וועלכע ער האַלט אָן אַ לענגערן אינטערעס — אויף זיי ווענדט ער אָן זיין הירשביינישן מעטאָד פון געהלפטע רגעס, ווען „עס געשעט, געשעט, עס געשעט גאָרנישט און גאָר אַ סך“, און פון געהלפטע ליבעס, וואו ליבע־זיגזאַגן זיינען די טרעפן פאַר געשעענישן. ספּע־ציעל די געהלפטע ליבעס. אַזויפיל ליבעס האָט נאָך קיין שריפטשטעלער ניט אָנגעליבט, הירשביין אַליין אויך ניט, ווי ער האָט עס געטאָן אין ראָמאַן „בבל“ — אַן אמתער בבל פון ליבעס!

איך מוז מודה זיין, אַז לויטן איינדרוק פון ציטונגס־טעקסט, האָט הירשביינס מעטאָד פון אויספּראָבירן העלדן אויפן חלק פון ליבע מער פּעולה געטאָן מיט די אַרויסהעלפער פון די הויפּט־העלדן, ווי מיט די

הויפּט־העלדן גופא. דער מעטאַד האָט הירשביינען געגעבן צוויי ליבע־נאָוועלן, וואָס זיינען צעשפּרייט איבער מערערע קאַפּיטלען און וואָס עס איז אַ געפאַר זיי זאָלן ניט פאַרלאָרן גיין אין דער פילבלעטערדיקייט פון ראָמאַן און מען דאַרף זיי באַצייטנס צונויפזאַמלען און אַרויסראַטעווען — דעמאָלט וועלן זיי פאַרנעמען דעם אויבנאַן אין הירשביינס שאַפן גלייך נאָך די פאָלקס־דראַמען. דאָס זיינען די ליבע־געשיכטעס צווישן דער רויטער ליטוויטשקע און ישראל לוריע און צווישן דער איירישער שיקסע און זיין זון דניאל.ביידע ליבעס אויף שטום־לשון — דערפאַר האָט דער חלף־מעטאַד אַזויפיל געלעגנהייטן געהאַט אויסצושיילען רגעס און זיג־זאַגן און מיט אַזאַ גרויסער פּעולה!

יעמאָלט אין די סוועט־שעפּער זיינען געווען ניט וויניק למדנים, וואָס האָבן געזאָלט זיין רבנים. און דער פאַרנעמסטער און דער איידלסטער צווישן זיי איז אין חלפנס שאָפּ געווען ישראל לוריע. דער צער נאָך דער פאַרשטאָרבענער פרוי האָט אים נאָך איידעלער געמאַכט. און ריווטשע — רבקה האַלפּערן — וועלכע האָט געסטריגעוועט העמדער ישראלן צופוסנס — מיט איר איינגעבאָרענעם ליטווישן דרך־ארץ פאַר תורה־לערנער — האָט זי געזונגען אירע פאָלקסלידער גלייך אין זיין שיין פּנים אַריין. אָן ווער־טער — ווי האָבן זיי גאָר געקאָנט רעדן וועגן דעם: — אָן ווערטער, נאָר דורך געפעליקייטן און באַרירונגען האָבן זיי זיך פאַרליבט. אָן ווערטער האָבן זיי באַשלאָסן חתן־כלה צו ווערן. און איידער נאָך זי האָט אַ וואָרט געזאָגט וועגן דעם צו ישראלן, גייט זי צו די קינדער און זאָגט זיי אָן, אַז זי איז זייער טאַטנס ווייב. די קינדער, באַליידיקט פאַר דער מאַמען, באַזונדערס קריינדל, פאַרלאָזן זיי דאָס הויז. אָבער די ליטוויטשקע לאָזט ניט אָפּ. זי קומט צו זיי. — „וואָס מיינט איר, איך מאַך צוניסט אייער סיינע מיספּאָכע?” און געווינט מיט איר אויפריכטיקייט און גיבציקייט קריינדלען פאַר אַ חברטע־מאַמע. — די פאַרוואַנדלונג אין ישראלן איז גאָר ניט צו באַשרייבן. דער יורד, דער אַלמן איז צוריק יונג געוואָרן. זיך אויסגעגלייכט, צוריק געוואונען זיין באַלעבאַטישן שטעל, צעפירט די הענט, עפנט אַליין אַ שאָפּ מיט די בנים און למדנים, גייט באַרג אַרויף — עס איז באַשיינפערלעך צו זען אַז עס איז גאָר אַ מצווה פאַר אַ יונג מיידל חתונה צו האָבן מיט אַן אַלטערן יידן. אָבער לויטן רוסישן ווערטל, וואו דין, דאָרט רייסט זיך. ריווטשע שטאַרבט אין קינפּעט, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ נאָמען — רבקהלע. ווערט קריינדל די מאַמע פון טאַטן און קינד. אָבער דער טאַטע נעמט איינגיין און שטאַרבט אַוועק. האָדעוועט זיך רבקהלע אויף קריינדלס הענט און וואַקסט אויס אַ רעבעקאַ, וואָס קריינדל האַלט

זי פאַר אַן אייגענע טאָכטער אויך נאָכדעם ווי זי איז מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן קעראָליין סטאָון. אָבער רעבעקאַן דערעסט דער וואָילטיק פון מעדיסאָן עוועניו און זי באַשליסט אויפצוזוכן איר באָבען אויף מעדיסאָן סטריט, וואָס מען האָט פון איר זי באַהאַלטן, און זי ווערט אַ שאָפּ־אַרבע־טאָרין, ווי איר מאַמע די ליטוויטשקע איז געווען. און ווערט נאָך חתונה האָבן מיט אַן עלטערן יידן, ווי די מאַמע אירע.

עס געהערט צו דער נאָוועלע אויך די מעשה וועגן אָשרן, די שוואַרצע שאָף פון דער משפחה. ווען אַלע קינדער האָבן פאַרלאָזן דאָס הויז, איז ער דער אייציקער וואָס בלייבט. אַ הייסבלוטיקער, אַן „אַרטיסטי־שער" טעמפּעראַמענט, האָט ער געוואָרפן אַן אויג אויף זיין טאַטנס יונג ווייבל. ווייל ער טאָן צו איר, וואָס ער האָט געטאָן צו קריינדלס שיף־קאָמפּאַניאָנקע, דער בלענדנדיק־בלאָנדער שיינהייט יוכבד. די ליטוויטשקע איז ניט דערשראָקן, נאָר דערשיטערט: — „סטייטש, צו דיין טאַטנס ווייב? וואָס בין איך דיר אַ נאַפקע?" מיט איר גאַנצן כוח גיט זי אים אַ שליי־דער פון זיך, אַז ער קלייבט די ביינדעלעך. מער האָט ער זיך שוין ניט געוויזן. אַ הולטאַי, אַ הפקר־יונג־ אַ באַליידיקטער, אַ פאַרשטויסענער, האָט ער זיך נאָך מער פאַרהולטייעוועט און פאַרהפקרט. פאַרלאָזט עלען סטריט און די בויערי, און לאָזט הערן פון זיך פון שיקאַגאָ מיט אַ טריפע־נעם געשעפט אונטער זיין אייגענער פירמע. יוכבד אָבער בלייבט צוגע־בונדן דורך אַ טראַגישן געפיל צו אים. ווייזט אויס, ער איז דאָך געבליבן אַן אַרטיסט אין ליבע. דאָ קומט זי צו אים, דאָ אַנטלויפט זי פון אים. אין ערשטן קאַפּיטל פון ראָמאַן, וועלכער איז אויך דער לעצטער, איז די בלינדע יוכבד, אַ קרבן פון איר טראַגישער ליבע, אויך געלאַדן צו קריינדלס געבורטס־פייערונג. געפירט פון איר אייניקל, האָט זי גרויסע שוועריקייטן צוגעלאָזן צו ווערן צו איר יוגנט־פריינדין. מיט זייערע בשותפותדיקע טרערן וואַשן זיי אָפּ 50 יאָר שאַנד און לייד.

די צווייטע נאָוועלע וועגן דניאל לוריע און לילי בראַנדט, ווי קונציק מען זאָל זי ניט איבערדערציילן — די דינע רגעלעך, ווי פערעלעך, וועלן ווי דורך אַ זיפּ אויסרינען. און דאָך אזוי וואָגיק — מיט דער האַנט אָנצו־נעמען! אַז מען זאָל די נאָוועלע איבערזעצן פאַר איירישע, וואָלטן זיי אי געשאָלטן, אי געבענטשט יידן. — דניאל, דער אייציקער פון די ברידער, וואָס האָט ניט געוואָלט קיין האַרעפּאַשניק זיין — אַ פּעדלער ווערט ער זיין! נתן און הילל, די עם־עולמניקעס, זיינען פאַרחידושט: אין דער היים האָט ער זיך געקליבן פאָרן קיין ארץ־ישראל מיט די בילוצעס, און דאָ אַזאַ אויסגערעכנטער געשעפטסמאַן! — לילי, אַ דין ריטעלע, מיט אַ פלאַקסן

קעפּל, וואָס האָט זיך געבלעזלט מיט אויסטערלישע פאַנטאַזיעס. צו 17 יאָר אַריינגעפאַלן צו אַ מאַן אַ שיכור, וואָס האָט זי געשלאָגן מכות רצח. — ווען דניאל קומט צו איר צום ערשטן מאָל, געפינט ער זי מיט אַ קינד ביי דער אָפענער ברוסט. אָן אַ וואָרט ענגליש, גיט ער איר צו פאַרשטיין, אַז זי מעג זיך אויסקלייבן פון זיינע צירונג־זאַכן, וואָס זי וויל — ער געטרויט איר. און זי, נאָר וואָס אַ געשלאָגענע פון איר מאַן, פאַנטאַזירט אַריין איר גאַנצן חלום וועגן גליק אין זיינע גרויסע גוטע אויגן. — צום צווייטן מאָל, אַז ער איז געקומען, האָט ער זי געפונען אַ האַלב־נאַקעטע, אַ פאַרפאַרעטע, אַ געבויגענע איבער אַ סינק מיט וועש. זי האָט שוין געהאַט באַשלאָסן, אַז דער גוטער ייד וועט איר מאַן זיין. און ווי אַ מלאכטע, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ מכשפה, מאַכט זי אים פאַר איר מאַן אויף אָרט און שטעל. און מיט יעדער מינעלע, מיט יעדן האַרץ־שלאָג האָט זי אים באַוויזן, אַז דאָס איז ניט צעלאָזנקייט, נאָר ליבשאַפט. — דער קאַפּיטל איז אַ גרויסער פערל.

וואָס זיינען די ווערטער געווען, מיט וועלכע זי האָט אים באַגלייט, האָט ער ניט פאַרשטאַנען. אָבער אַ יאָר צייט האָט ער זי ניט געזען. געדאַוונט דריי מאָל אַ טאָג, געפאַסט, כדי גובר צו זיין דעם יצר־הרע. אָבער נאָך יעדער האַלבער נאַכט איז ער געשטאַנען ביי איר טיר, געכאַפּט קלעפּ פון איר מאַן עדין, וועלכער האָט שוין אַלץ געוואוסט. און ער, גרינערהייט, האָט נאָך ניט געוואוסט, אַז אין אַמעריקע דאַרף מען קענען די מלאכה פון „פייטלען" זיך. האָט ער די פאַרדינטע קלעפּ אָנגענומען באהבה. — אין אַ יאָר אַרום האָט ער זי געטראָפן אין אַ דראָג־סטאָר, עסעקס קאָרנער ברום. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט גערעדט צו אים: — „דו שלעכטער! פאַרוואָס האָסטו מיך ניט אָפּגעוואַרט, וואו איך האָב דיר אָנגעזאָגט:" — זי איז באַקערט געוואָרן צו יידן, ווי אַ מאָל קינדווייז צו קריסטוסן. אַזויפיל מעלות וויפיל זי האָט אַנטדעקט אין יידן — הלוואי וואָלטן מיר אַזוי געווען, ווי די גרטע האָט אונדז אויסגעפאַנטאַזירט! אָן דער גרטע וואָלטן מיר ניט געוואוסט, ווי גוט מיר זיינען! לילי לוריע האָט ווידער צונויפגענומען די פאַמיליע. קריינדל פלעגט קומען צו איר טרייסטן זיך. אַלע שמחות, בר־מצווהס, יום־טובים, סיום התורהס פלעגן ביי איר געפראַוועט ווערן. אַ גרטע אַ צדיקת! ווען דניאל איז רייך געוואָרן, האָט זי אים געמאַכט געבן היפשע צושטייערס צו אַלע ציוניסטישע פאָנדן. און וועלנדיק, אַז איר יינגערער שוועסטער עליזאַבעט, זאָל אַזוי גוט זיין ווי איר, האָט זי איר צוגערעדט זיך צו פאַרליבן אין זכריהן. און דאָס שיקסל איז טאַקע פאַרקאָכט געוואָרן אין זכריהן, ווייל אַ שיינער יונג! נאָר אונטערגעהעצט פון דער פאַמיליע, וועלכע האָט געזוכט נקמה, איז זי באַ־

שטאַנען דערויף, ער זאָל ווערן אַ קאַטוילִיק — צו באַצאָלן מיט אַ רעליגיע פאַר אַ רעליגיע. און ווען זי איז שוין גרייט געווען צו ווערן אַ יידישקע, האָט זכריה שוין קיין צוטרוי צו איר ניט געהאַט.

נאָך איין מאָל אין די 50 יאָר, האָט דניאל געהאַט אַן איבערגעריד מיט לילין. דאָס איז געווען, ווען זייער עלטערער זון דייוויד איז אַרונטער־געפאַלן אונטער דער השפעה פון אַ קאַטוילישן גלח, וועלכער איז געווען אַ פאַרברענטער „ציוניסט" און אַ שונא ישראל, ווייל די יידן ווילן צונע־מען ביי קריסטוסן ארץ־ישראל. האָט דייוויד זיך געשמדט. און דער פאָ־טער האָט אים פיינט באַקומען. האָט דער מוטער עס פאַרדראָסן. ווי שטאָלץ די יידן זיינען! זי האָט געמעגט ווערן אַ יידישקע — און דייוויד טאָר קיין קאַטוילִיק ניט זיין? — אָבער צו דער גרויסער פראָטעסט־דע־מאָנסטראַציע קעגן די נאַצישע רציחות, גערופן פון יידישן קאָנגרעס אין 1933, צו וועלכער הירשביין האָט צוזאַמענגעבראַכט אַלע זיינע לעבן־גע־בליבענע העלדן, האָט ער אויך דניאלס איירישע אַלטיטשקע מיטגע־בראַכט. זי איז געגאַנגען אין די ערשטע רייען, פאַרקיילעכענדיק די צאָל פון די מיטבאַטייליקטע ביז צו 600,000. — איך געדענק ניט, צי דער באַרימטער קאַטוילישער פאָליטיקער דזשאַרדזש דייוויד לאָריע איז געווען צווישן די געלאַדענע צו קעראָליין סטאָנס געבורטס־פייערונג.

איך האָב אומישנע איבערדערציילט די צוויי נאָוועלן, כדי עס זאָל לייכטער זיין זיי צו געפינען אין ראָמאַן. פאַרכאַפנדיק, איבערגעלאָדן מיט נשמהדיקע האַנדלונגען — יעדער רגע אַרויסגעקריצט פון אַ קריץ אין עמעצנס האַרצן, און קריצט זיך אין האַרצן אַריין.

ווייל הירשביין האָט אַזויפיל ליבע־שפיל פאַרוואַנדט אויף די אַרויס־העלפער פון זיינע הויפט־העלדן, איז אים קנאַפּ־וואָס געבליבן פאַר די הויפט־העלדן גופא. ער האָט ניט געפונען פאַר זיי קיין פאַסיקע זיווגים, קעגן־שפילערס אין ליבע. ליידן זיי שאַדן. זיי האָבן ניט קעגן וועמען אויסצוראַנגלען בולטן כאַראַקטער. דאָס דאַרף פריער פון אַלץ געזאָגט ווערן וועגן קריינדל, וועלכע איז דאָך שיינדל פון די „קינדער־יאָרן" און לאַנע פון די „רויטע־פעלדער". דעם גרונט־שטריך פון לאַנעס כאַראַקטער פאַרמאָגט זי דאָך — די פאַרטייערונג פון איר פרויענשאַפט — אין קעגנ־זאַץ צו דער פאַרביליקונג פון דער פרוי דורך די ביילקעס, וואָס זייער לייב איז ווייב, וויכער טייג צום קנעטן. דאָס איז אויך דער קעגנזאַץ צווישן דער פרוי מאַן־באַשעפערין און מאַמע קינדער־געבערערין. אַן גע־בורטס־וויען, האָט דאָס מאַמעשע אין קריינדלען אַריבערגעשטיגן און איינגעשלונגען דעם שאַרף, די שפּיציקייט פון איר פרויענלעכן שטאָלץ.

צוליב אומשטענדן: זי איז יאָרן־לאַנג געווען אַ מאַמע צום טאַטן, צו די ברידער, און ווען זיי האָבן שוין מער קיין מאַמע ניט באַדאַרפט, איז זי געוואָרן אַ מאַמע צו רבקהלען, ריוושעס פאַריתומט טעכטערל. צוליב צופיל מאַמע, האָט זי איר זעלבסט־פאַרטייערונג נאָר באַוויזן מיט פאַסיון אָפּוואַרפן פון זיך די מענער, וואָס האָבן געזוכט זי צו פאַרביליקן. דער ערשטער עס צו דערשפּירן איז געווען ליבל חלפן. ער, דער האַרטהער־ציקער סוועט־שאַפּ־באַס, מיט זיין סוועט־שאַפּ־פילאָזאָפיע, אַז ער טוט זיינע לאַנדסלייט נאָך אַ טובה, ווען ער צאָלט זיי וויניקער — וועט ער האָבן פאַר זיי מער אַרבעט, פון פאַרטאָג ביז האַלבער נאַכט — זיין האַרטהער־ציקייט האָט זיך דווקא צוגעקלעפּט צו דער וויכהערציקער שטאָלצער פריינטשאַפט פון קריינדלען. לכתחילה האָט ער געפּרואווט האַנדלען אַ מציאה, פאַרפירנדיק זי אין אַ באַזונדערן קאַמער פון „אַטלאַנטיק גאַרדנס" אויף דער בויערי. אָבער באַקומענדיק אויסגעוואַשן דאָס פּנים מיט אַ קופל ביר, האָט ער זי שוין ניט אָפּגעלאָזט און גאַנצע צען יאָר געדולדיק געלויערט אויף איר. און וואָס עס איז אָפּגעקומען פון קריינדלען, איז צוגע־פאַלן ליבלען. ער האָט גאָר גענומען געניסן — ביחידות — פון דער גע־שמאַקער זאַפט פון ליבעס־שפּיל.

נאָך דער דערפאַרונג מיט ליבלען אין „אַטלאַנטיק גאַרדענס", האָט מען מיט קיינע „פּריווילעגיעס" ניט געקאָנט אַריינבאַרן קריינדלען אין די חלפן־שעפּער — אויס חשד, אַז מען וויל זי „קויפן". איז זי אַוועק אַרבעטן ביי שמאַטעס, דערנאָך ביי סיגאַרן, אין שאַפּ, וואו איר ברודער שלמה האָט געאַרבעט און וואו זי האָט געהאַט איר ערשטע אָפּדוכטעניש אין ליבע מיט פאַלק בערנשטיין — אַן „אַנאַרכיסט־פּאָזיטיוויסט", וועלכער האָט געפּריידיקט קעגן יוניאָנס, סטרייקס און קלאַסנקאַמף, נאָר אָפּגעבן זיך זאָל מען מיט דער קולטיווירונג פון דער אייגענער פּערזענלעכקייט. אַ פּאַראַלעל צו דוד איגנאַטאָוו אָפּערע־זינגער פון „אויף וייטע וועגן", וועלכער איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַרגוואַלטיקער. ניט זייענדיק קיין אָפּערע־זינגער, איז פאַלק געווען וויניקער בעל־חוצפה. אָבער אַ שטיקל קינסטלער איז ער יאָ געווען. ער האָט אויסגעלערנט שלמהן און קריינדלען ניט צו חלשן און ניט צו ברעכן נאָכן אָנאָטעמען זיך מיטן טאַבאַק־ריח. און ניט קאָנענדיק שיין זינגען, האָט ער גערעדט זיסע רייד וועגן „סוד פון לעבן", וואָס פלעגן קריינדלען פאַרכאַפּן — ביז איין מאָל אַריינמאַנעוורירנ־דיק זי אין זיינע אָרעמס, האָט ער איר געוואָלט באַווייזן, אין וואָס עס באַשטייט דער „סוד פון לעבן". זייט דעמאָלט איז פאַלק בערנשטיין געווען פאַר איר ווי געשטאָרבן.

(אַגב אורחא, האָט פּרץ הירשביין דען ניט געהערט, אַז אַ חוץ אַנאַר־כיזם־אינדיווידואַליזם, איז שוין דעמאָלט געווען אַן אַנאַרכיזם־קאָמוניזם, וואָס האָט יאָ געהאַלטן פון יוניאָנס, סטרייקס און קלאַסנקאַמף און האָט שפּעטער צוגעשטעלט אַ היפּשן פּראָצענט פירערשאַפט דער יידישער אַר־בעטער־באַוועגונג ?).

איר צווייטע אַפּדוכטעניש אין ליבע האָט זי געהאַט מיט פאַלקס חבר דעם הויקער אַלעקסאַנדער. צוליב זיין מום האָט ער אַלץ געציטערט, מען זאָל אים ניט ליב האָבן פאַר רחמנות. האָט ער אָנגעטאָן אויף זיין אַנאַרכיזם אַ הייליקן חכמה־שיין. האָט קריינדל געהאַט אַ געלעגנהייט צו געבן אים אַלץ וואָס ליבע קאָן געבן — אויסער קערפּערלעכער באַרי־רונג. איז עס די דינסטע מאַמעשע פריינטשאַפט, דערפירט ביז צום 100טן גראַד. און ווען אַלעקסאַנדער איז געשטאָרבן פון די פילע קראַנקייטן, וואָס זיינען געלעגן באַהאַלטן אין זיין הויקער, זיינען זיינע לעצטע ווערטער צו איר געווען: — „עס לוינט ניט צו פּטרן אַ לעבן אין געראַנגל מיט נויט. קאָנסטו זיך באַפרייען דערפון, טו עס. וועסט האָבן דיין פרייד אין טאָן טובות. וואָס זי האָט געטאָן צו אייגענע און צו פרעמדע, האָט זי אויך לייבל חלפן אַ טובה געטאָן און מיט אים חתונה געהאַט. איז זי געוואָרן אַ בעל־טובהניצע אויף איר גאַנץ לעבן. וואָרים לייבל חלפנס־לעאָנאַרד סטאָונס הנאה איז געווען צו טאָן שלעכטס, כדי קריינדל זאָל אים צווינגען צו טאָן גוטס. האָט ער ניט אַרויסגערופן ביי זיך סטרייקס, האָט ער רעאָרגאַניזירט זיינע שעפער און אַרויסגעוואָרפן אַרבעטער. און די יוניאָן האָט שוין געוואוסט, אַז דורך מרס. לעאָנאַרד סטאָון וועט זי אַלץ פועלן ביי מר. לעאָנאַרד סטאָון.

איז וואָס האָט איר געהאָלפן דער קריינדל, וועלכע איז געווען די פרי־פאַרשטאָרבענע שיינדל, וואָס זי האָט אויסגעלעבט אירע פולע 70 יאָר, אַז איר לאַנג לעבן האָט זי באַדאַרפט באַווייזן ? דאָס אַליין, וואָס רעבעקאַ איז אַנטלאָפן פון אירע טובות צו ווערן אַ שאַפּ־אַרבעטאָרין, איז געווען גענוג סיבה פאַר געוויין. פון וואַנען האָט זיך עס צו רעבעקאַן גע־נומען, אַז זי האָט אַפילו איר מאַמעס מילך ניט געזויגן ? דאָס האָבן די „טובות" אויפגערייצט אין איר דער מאַמעס אַרבעטער־בלוט. — איז קריינדל געווען אַ לעבנסלענגלעכע שיינדל און אַ דורכגעפאַלענע לאַנע. הירשביינס שולד. פאַרוואָס האָט ער ניט געפונען פאַר איר איר ריכטיקן זיווג ?

און פונקט אַזוי האָט הירשביין „באַוועלט" אַ צווייטן הויפּט־העלד, וואָס ער האָט אַריבערגעבראַכט פון די „רויטע פעלדער" אין בבל ניו־

יאָרק — נתנען. לויט דעם פּלאַן, וואָס ער פאַרנעמט אין ראָמאַן, און לויט דער טעאָרעטישער פּאָזיציע, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן, האָט ער געדאַרפט זיין דער הויפּט־הויפּט־העלד פון ראָמאַן. און ער פאַרדינט אַזאַ אויבן־אָן לויט דער ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט און שפּילט אין יידישן לעבן פון אַמעריקע. ער איז דאָס, וואָס בערע אין די „רויטע פעל־דער" — דער גראַדליניקער, אומבויגזאַמער, אייפּערזיכטיקער סאָציאַ־ליסט, אָן שום הנחות צו וועלכע עס איז אַנדערע אַספּיראַציעס. נתן אין אַמעריקע איז דער טיפּישער „גענאָסע", ווי מיר האָבן אים געקענט, איידער דער געווערקשאַפטן קאַמפּיין האָט אים וויפיל ניט איז געיידישט. בערע איז קאַלט־הייס, אַ רעוואָלוציאָנער פאַר דער סאָוועט־רעגירונג. נתן איז קאַלט־ניכטער. ער איז אָפן מודה, אַז ער איז קיין רעוואָלוציאָנער ניט. וואָס פאַר רוסלאַנד איז רעוואָלוציע, איז פאַר אַמעריקע די קאָנסטיטוציע. כאָטש זיין סאָציאַליזם האָט ער מיטגעבראַכט פון רוסלאַנד, פאַרדריסט עס אים וואָס מען לאָזט רוסלאַנד ניט אַרויס פון מויל: — „גייט זיך אייך געזונטערהייט קיין רוסלאַנד, אויב רוסלאַנד איז אייך אַזוי ליב. דאָ וועלן מיר מיט פּאָוואָליעדיקן פּראָגרעס אונטער דער קאָנסטיטוציע צוקומען צום סאָציאַליזם. אַזוי פאָדערן די אַמעריקאַנער באַדינגונגען" — דאָס זיינען די רייד, וואָס ער רעדט ניט דעררייידנדיק.

לויט הירשביינען איז רעוואָלוציאָנער בלויז דריי מאָל אָפּגעצויגן גע־וואָרן פון דאַנען קיין רוסלאַנד, ניט צוויי מאָל ווי עס איז אָנגענומען — אין 1905 און 1918 — צוביידע רעוואָלוציעס. אַז אין די ניינציקער יאָרן איז אויך געווען אַזאַ יציאת אַמעריקע קיין רוסלאַנד, צו דער גרינדונג פון די נייע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — ס. ד., ס. ר. און „בונד" — דאָס האָט הירשביין אויסגעפונען. שוין דעמאָלט זיינען געווען הייסבלוטיקע, וואָס האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן די הויכע פראַזן פון די הויך־רעדנער וועגן סאָציאַליזם און רעוואָלוציע. — „אָבער פון שלאַכטפעלד זייט איר אַנט־לאָפן?" — פלעגן זיי אָנטקעגנשרייען, און זיך איינפּאַקן און אַוועקפאָרן. געבליבן זיינען די קאַלטבלוטיקע און די אָפּגעקילטע.

מעגלעך, אַז הירשביין האָט זיי ניט ליב. דער טיפּ „גענאָסע" אַפּע־לירט צו אים ניט. אָבער כאָטש נתנען האָט ער ניט ליב, אַ גרויסע ליבע האָט ער אים געדאַרפט געבן — אָן „עזר כנגדו" וואָס זאָל פונאַנדערשפּילנ־דיק אים, אים פונאַנדערשפּיליען און אַרויסציען דאָס בעסטע פון זיין כאַ־ראַקטער. אָט האָט ער אויך בערען ניט ליב געהאַט — פונדעסטוועגן האָט ער אים אונטערגעטראָגן אַ לאַנען, וואָס האָט אים יעדע רגע געגעבן אַ נייע ליבשאַפט, וואָס דאָס האָט אים גרויס געמאַכט. און זאָל מען ניט

זאָגן, אַז בערע איז אַ ווערטפּולער מענטש און פאַרדינט אַ בעסערע באַ־האַנדלונג. עס איז דאָ וואָס צו באַוואונדערן אין נתנען. אַזוי גיך ער האָט זיך אויסגעניכטערט פון עם־עולמשע חלומות — זייערע קאָמונעס זיינען דורכגעפאַלן — האָט ער אַריינגעטאָן אַן ענטוזיאַסטישן חלום אין די מעשים פון זיינע הענט: האָט ער געשוואָרן אַ שבועה! יידישע אַרבעטער דאַרפן אַרויסגעפּירט ווערן פון די סוועט־שעפּער, יידישע אַרבעטער דאַרפן אויס־געגליכן ווערן אין זייערע לעבנס־קאָנדיציעס מיט די אַמעריקאַנישע אַר־בעטער. און דער שבועה איז ער געווען געטריי. און דאָס האָט ער דאָך דערגרייכט. ער איז אומדערמידלעך געווען אין גרינדן 3 מאָל און 10 מאָל די זעלביקע יוניאָן. און אַן סטרייק־לופט האָט ער ניט געקאָנט אָטעמען. ער איז דער באַשאַפער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

איבערלאָזנדיק אים אָן אַ ליבע־ראַנגלעניש וואָס זאָל פאַנאַנדערוויגן זיין האַרץ און פאַרזאַפטיקן זיינע ליפּן, האָט הירשביין געמאַכט אים אויס־זען, ווי ער וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ שטעקן, און דער שטעקן איז מאַרקס. — פאַרוואָס קומט אים דאָס, חבר הירשביין? פאַרוואָס האָט איר געזשאַלעוועט נתנען אַ רעכטע געליבטע? אַן עוולה, ווי איך בין אַ ייד!

(אָבער מיט דעם בוך־טעקסט פאַר די אויגן, וועט דער איינדרוק מעגלעך זיך פאַרבעסערן. וואָרים איך זאָג נאָך אַ מאָל: עס איז אַ פאַר־לויפיקער איינדרוק, לויטן זיכרון).

און ווידער אַ מאָל דאַרף געזאָגט ווערן: וואָס איז אָפּגעקומען אַ לוריען, איז צוגעפאַלן אַ חלפן. די חלפנטע, וואָס טראָגט אים אַנטקעגן ליבע, איז דורך אים געוואָרן אַ ליבע־שפּילעריין. דאָס איז לעאָנאַרדס שוועסטערל — מלכה (מילדרעד) חלפן. אַ פאַרריסענע, אַ פאַרביסענע, מיט פאַרשנירלטע ליפּן, שפּיציק נעזל און גרינלעכע אויגן, אַ רויב־פייגעלע, האָט זי זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ רויבערישן געיעג נאָך דעם קלאַסן־שונא פון די חלפנס — נתנען. אָבער דער פּרינציפּיעלער סטרייק־פירער, וועט זיך מיאוס מאַכן מיט אַ באַסישער טאָכטער? האָט זי איין מאָל פאַר פאַר־צווייפלונג געמאַכט אַ רויבערישן אָנפאַל אויף נתנס יינגסטן ברודער, זכריהן, פאַרפלעקנדיק זיין יינגלשע אומשולד. און עס האָט איר גאָר ניט געשאַדט. זי האָט נאָך אַלץ זיך געיאָגט נאָך נתנען, ביז יענער האָט חתונה געהאַט מיט זיין טרוקענער „אידייע״ — די אַרבעטער־פירערקע דינה. און מילדרעד האָט שוין קיין ברירה ניט געהאַט און געטאָן אַ שידוך מיט איר גלייכן.

נתן שטאַרבט קינדערלאָז אין זיינע זעכציקער — לויט איין ווערסיע. אָבער לויט דעם צייטונגס־טעקסט פון ערשטן קאַפּיטל, וואָס כאַפּט פאַר־

אויס דעם שלום פון ראָמאַן, איז נתנס אַן איניקל, אַ סטודענטקע, צווישן די געסט צו קריינדלס געבורטסטאָג־פייערונג. און זי רעקאָמענדירט זיך זייער פיין; זי פּאַטשט אויס אַ סטודענט פּאַר באַנעמען זיך „פרעש" צו איר — ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַן אומעסטעטישן וואָרט וועגן די „גרינע". און זי שטאָלצירט מסתמא מיט איר „גרינעם" זיידן. אָבער זי בעט אים גלייך איבער מיט אַ קוש. — וועמעס טעות איז עס — מיינער צי הירשביינס? עמעצנס טעות דאַרף דאָ פאַרריכט ווערן.

אַרום און אַרום קומט אויס, אַז אַפילו די פאַרקניפּונג פון די צוויי משפחות פון די לוריעס און די חלפנס — איז אויך אַ רעזולטאַט פון הירשביינישן מעטאָד פון איינשטעלן כאַראַקטערן אויף ליבע־שפּיל. נאָר די צושטעלער פון שפּיל זיינען דאָ די חלפנס, ניט די לוריעס. און די חלפנס ציען אויך כאַראַקטער־פּראָפיט דערפון: זיי זיינען שאַרפער כאַראַקטעריזירט ווי מאַנבע פון די לוריעס. — אַגב, די גלוסטונג פון די חלפנים צו די לוריעס איז געווען זייער מענטשלעכסטער שטריך. זיי, די געלט־גדלנים און גזלנים, האָבן דווקא געוואָלט זיך איינקויפן אין אָרעמאַנסקן יחוס פון די לוריעס. זיי האָבן געזוכט אַ זכות אויף זיך. צוליב צו טאָן די לוריעס, פלעגן זיי אַפילו אין די פריע סוועט־שאָפּ יאָרן אַמאָל האַנדלען מענטשלעכער, נאָכגעבנדיק אין סטרייקס פריער פון אַלע באָסעס. און צוליב צו טאָן די קינדער, כדי צו עפענען פאַר זיי די פאַרשלאָסענע הערצער פון קריינדלען און נתנען, האָט זייער פאָטער, מאיר חלפן, אַפילו איין מאָל געפּרואווט צוצוציען פאַר אַ שותף ישראל לוריע, וועלכער האָט גענומען מקיים זיין זיין חלק שותפות מיט אַרבעטן נאָך לענגערע שעהען, ווי פריער, און מיט בעמען זיך די פּריווילעגיע אריינצושטעלן אין שאָפּ אַן אָרון־קודש מיט צוויי ספר־תורהס. אָבער פון דעם פּרואוו איז גאָרנישט געוואָרן. דער אײדעלער בן־תורה, ר' ישראל לוריע, האָט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט זיין קיין שותף צו דער קאַלטער רציחה, וואָס האָט געמאַכט יידן־ברידער אַרבעטן עבודת־פּרך אין נייעם מצרים פון סוועט־שאָפּ־שקלאַפעריי.

און אחרון, אחרון חביב — דער דאָרפסיונג. וואָס בענע איז אין „רויטע פעלדער", איז הילל אין „ניו־יאָרק־בבל". ער איז אַ סך מער דאָ, ווי בענע דאָרט. און ווען הילל איז אין ניו־יאָרק, איז אַ פרייד אַלע מאָל צו זען אים און איך וואָלט קיין מאָל ניט מיד געוואָרן צו הערן אים רעדן. מיט היללן זעט הירשביין די נאַטור אין שטאָט און אין דאָרף, און זעט זי אַלע מאָל פונדאַסניי. מען קאָן אַלע מאָל הנאה האָבן פון הירשביינס אַ נאַטור־באַשרייבונג, ווי מען קאָן הנאה האָבן פון דער טויזנסטער אויפפירונג פון אַ מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע. און אַז מען הערט היללן

רעדן, הערט מען אַלע מאָל הירשביינס דאָרפישן ניגון איבער זיינע רייד —
דעם ווינט־ברויז און דעם וואַסער־געוויש. מיט היללן, ווי מען וואָלט
געלייענט אין „בבל" שטיקער פון די „קינדער־יאָרן".

און איך האָב מורא אויסצוזאָגן, אַז אויף היללן דאַרף הירשביין ניט
„אָנווענדן" זיין הירשביינישן מעטאָד פון ליבע־שפּיל־געראַנגל. הילל,
דער דאָרפסיונג, דאַרף זיך ניט „ראַנגלען", — דער „מעטאָד" איז אין אים.
ער דאַרף זיך נאָר אָפּשעמען — ראַנגלט ער זיך אַ ביסל. ווען אין ליבע,
קומט שפּיל נאַטירלעך ביי אים צום אויסדרוק, ווי ביי אַ חיה, אַנטשול־
דיקט פאַר דעם אויסדרוק. ווען ניט לאַנג, וואָלט בענע אין די „רויטע
פעלדער" אויך זיך ניט פאַרגאַנגען אין אַ ליבע־שפּיל, — און איך וועל
זיך ניט קלאָגן, הלמאי הירשביין האָט אים ניט צוגעטיילט דעם ריכטיקן
זיווג. וועגן פרויען האָט הילל קיין זאָרג ניט. זיי קומען צו אים ניט
געבעטן, ניט געזוכט, קעגן זיין ווילן און אַפילו איבער געוואַלט, ווי די
געשלעכט־הונגעריקע יענקיכע, דאָס ווייב פון פאַרמער פילסבוירי, ביי
וועמען אין זיינע יונגע יאָרן ער האָט אָפּגעאַרבעט זומערס און ווינטערס.

זיין יידישע פרוי, מינאַ האָראָוויץ, האָט ער אויך געוואונען פויעריש —
דורך אַ געשלעג. מען איז אַרויסגעפאָרן אויף אַ „פּלעזשור"־באַרזשע אי־
בערן איסט־ריווער צו אַ פּיקניק אויפן האַרלעם־ריווער — וואָס דאָס איז
געווען דעמאָלט אַ מהלך ווייט פון ניו־יאָרק. זיין יידיש־רעדנדיקער חבר־
פויער טאַראַס האָט אונטערגעהאַלטן דעם יידישן פּיקניק מיט קאָזאַצקעס
אויף זיין האַרמאָשקע. איז עס ניט געפעלן אַ חברה איריש־דייטשישע
בויאַנעס. זיינען זיי באַפאַלן דעם יידישן פּיקניק. האָבן די צוויי איינס־
צוויי זיי אַלעמען אויסגעלייגט. איז מינאַ האָראָוויץ פאַרכאַפּט געוואָרן פון
זיין גבורה — איי, אַ כוואַט! אַליין אויך אַ גיבורטע, אַ סטאָליערס אַ טאָכ־
טער, אַ בעקערקע פון עסעקס סטריט, וואָלט זי אים זייער געפּאַסט פאַר אַ
ווייב. האָט ער יאָ געהאַט מיט איר אַ „געראַנגל". עס האָט אים גענו־
מען יאָרן ביז ער האָט זי אַרויסגעקראָגן פון שטאָט אין דאָרף אַריין — זי
האָט בשום אופן ניט געוואָלט — זי האָט אַרויסגעהאָלפן דעם טאַטן, דעם
סטאָליער, צו דער הוצאה. איז אָט דער געראַנגל צווישן דאָרף־הילל און
שטאָט־מינאַ געווען אַזוי גוט ווי אַ ליבע־געראַנגל, וואָס פון הילל זייט
איז ער געפירט געוואָרן מיט דער זעלביקער רואיקייט פון געמיט, ווי אַ
פויער ראַנגלט זיך מיט שלעכטן וועטער. האָט עס דערלאַנגט געגנוג שפּיל,
וואָס האָט געגעבן דעם געפיל, ווי אַ פעלד וואַרפט זיך צווישן היץ און
קעלט. אַ נאַטור־דערשיינונג. שלינגען מיר זשאַדנע די אַלע שטעלן, וואו
הילל באַווייזט זיך מיט אָדער אָן מינאַן.

נאָר אַ פראַגע צו פרעגן איז דאָ. אויב מיר זײַנען אַזוי פאַראינטע־רעסירט אין הילל, און ער פאַרנעמט אַזויפיל אָרט אין ראָמאַן — אַ סך מער ווי בענע אין „רויטע פעלדער”. נאָך די צוויי אויבן־דערמאָנטע ליבע־נאָוועלן, פאַרכאַפּט ער פאַר זיך די בעסטע קאַפּיטלען פון ראָמאַן — פאַר־וואָס־זשע מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ זײַטיקן, וואָס מישט זיך ניט אַרײַן. אַלס דער עלטסטער פון די ברידער לוריע, איז ער טיטולירט הויפּט־העלד, און איז באַרעכטיקט דערצו, אָבער פּאַקטיש ווערט ער קיין הויפּט־העלד ניט.

ווײַל ער ברענגט מיט זיך קיין פּראָבלעם ניט. ער איז קעגן דאָס יידי־שע בבלען זיך אין די שטעט. אָבער דאָס איז בײַ אים ניט קיין טעאָריע, נאָר אַ געפיל. ער האָט פײַנט שטאָט. ער האָט פײַנט שאַפּ, ער האָט בלויז פאַראַכטונג צו דער נאָדל. ווען אין שטאָט, איז ער אַ שווערער אַרבעטער — אַ האַפן־אַרבעטער, אָדער אַן ערד־גראָבער. און כאָטש ער האַלט, אַז דאָס בבלען זיך אין די שטעט, איז פאַר יידן אַן אומגליק, ווערט עס דערפון ניט בײַ אים קיין ייד־פּראָבלעם. ער איז גענוג ייד, אַז ווען ער אַרבעט בײַ אַ גויאישן פאַרמער, וועט ער ניט שלאַכטן קיין חזיר און ניט שעכטן קיין הון אַפילו. און ייד גענוג אום צו וועלן האָבן אַ יידיש ווײַב. אָבער דאָס וואָס זײַנע יוגנט־חלומות וועגן יידישע דערפער זײַנען ניט מקוים געוואָרן, איז פאַר אים קיין פּראָבלעם ניט. „נו, מילא, אַזוי איז דאָס לעבן”. אָבער עס דאַרף יאָ זײַן פאַר אים אַ פּראָבלעם. — די מעשה איז אין דעם, וואָס אין ראָמאַן איז דאָ דער דאָרפסיונג בענע. אָבער עס פעלט יוסף ראַטנער, דער נאַציאָנאַלער ייד, וואָס חלומט וועגן יידישע קבוצות, וואו עס זאָל ניט זײַן — אין ארץ־ישראל, אין קרים, אין בירא־בידזשאַן. און הירשביין — ער איז בײדע, בענע און יוסף צוזאַמען. הילל דאַרף אַרײַננעמען אין זיך יוסף. אַט ווען הירשביין וועט אַמאָל פאַר־טראַכטן אַ יידישן דאָרפס־ראָמאַן — מיט אַ קבוצה אין אַמעריקע — אַט דעמאָלט וועט אַ הילל־יוסף זיכער בײַ אים ווערן דער הויפּט־העלד. פריער אָדער שפּעטער וועט הירשביין עס טאָן. — אָבער אויך יוסף איז ניט גענוג. הירשביין האָט נאָך אַ דריטן אין זיך, וואָס הילל דאַרף אַרײַננעמען אין זיך — וואָס וועגן דעם וועל איך באַלד רעדן.

אומזיסט געזאָגט „אחרון, אחרון חביב” אויף הילל. הירשביינס „אחרון, אחרון חביב” איז ניט דער עלטסטער, נאָר דער ייִנגסטער פון די לוריע־ברידער — זכריה — קריינדלס צווילינג־ברודער, וואָס בעת קריינדל־קעראָליין סטאָון פײַערט איר 70־טן געבורטסטאָג, שטייט ער

אָנגעשפּאַרט אָן דער עמפּייער סטייט בילדינג און גיט ניו־יאָרק אַ צונאָמען: בבל!

הייסט עס, אַז עס איז פאַראַן עמעצער, וועמען הירשביין האָט נאָך שטאַרקער ליב איידער דעם ידישן פּויער? יאָ, ווען ער קערט זיך אום פון זיינע וועלט־רייזעס און באַזעצט זיך אין ניו־יאָרק, איז צום ליבסטן אים דער ידישער דאָקטאָר פון דער איסט־סייד. און דאָס איז זכריה געוואָרן. אין ערשטן ראָמאַן פון דער טרילאָגיע איז זכריה פאַרבליבן כמעט אומבאַמערקט. ער איז געווען קריינדלס שאָטן. וואו זי איז געגאַנגען שטעלן אַ הויז, איז ער איז נאָכגעגאַנגען. און בעת די ברידער האָבן געמהומהעוועט און איינגעריסן וועלטן, האָט ער בייטאָג געשוויצט אין די שעפּער און ביינאַכט האָט ער געלערנט. פּלוצלונג האָט ער גענומען זיך אַרויסרוקן און שטייגן. אין צווייטן ראָמאַן איז ער שוין ד״ר זכריה לוריע. אין דריטן ראָמאַן איז ער דער באַרימטער ד״ר לוריע, דער ליבלינג פון דער גאַנצער ידישער אָרעמקייט. ער וואָלט שוין לאַנג געקאָנט מאַכן אַ קאַריערע אין די רייכע געגנטן — ער האָט אַ מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט און איז אַן עקספּערט־היילער — אָבער זיינע אָרעמעלייט פון דער איסט־סייד וויל ער ניט פאַרלאָזן. בייטאָג שלאָגן זיי אים אָפּ די שוועלן ווי אומזיסטע פּאַציענטן. און קיין שעה אין דער נאַכט איז אים ניט שפּעט צו קלעטערן אין זייערע טענעמענטס. און אַלץ וויס ער און אַלץ פאַרשטייט ער. שטייט צו קיין זאַך ניט צו, ווייל „הכל הבל!", און דאָך פאַראינטערעסירט אין אַלץ און אַלעמען. גרייט געווען צו פאָרן קיין רוסלאַנד און קיין ארץ־ישראל. מישט זיך ערגעץ ניט, און דאָך ווערט ער אומעטום אַריינגעמישט. צו אים קומען זיי: דרשנים און רבנים, ציוניסטן, סאָציאַליסטן, טעריטאָריאַליסטן און אַפילו קאָמוניסטן; און נאַטירלעך, די קאַמפּיינערס פאַר אַלערליי פאָנדן. און האָט ער קיין אייגן געלט ניט, שאַפט ער געלט. פון זיינע לעצטע דאָלאַרן רייסט ער אָפּ אויף ידישע און העברעאישע ספרים. מיט איין וואָרט: דער אידעאַלער ד״ר פון דער איסט־סייד איז ד״ר זכריה לוריע. די ידישע דאָקטוירים דאַרפן אים שטעלן אַ מאָנומענט און מאַכן הירשביינען אַ באַנקעט. ער האָט זיי געגעבן אַ תיקון.

זיין צוגעהעריקייט צו הירשביינס הערצן־טיפּ באַווייזט ער מיט זיין פאַרטייערונג פון דער פרוי און מיט זיין איבערקלייבערישקייט אין ליבע. נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהאַלטן צוויי אַטאַקעס אין זיין יוגנט: פון מלכה חלפן און עליזאַבעט בראַנדט — און אַ דריטע אַטאַקע אין זיינע מיטעלע יאָרן פון אַ מעלאַנכאָלישער פּאַציענטקע, דער כלה־מיידל בערגער, וועלכע

האָט צוגעזען דעם טויט פון איר חתן אין אַ פּאָגראָם און זי טראָגט אויף אים איבער איר היסטערישע ליבע — איז ער פאַרזעסן געוואָרן ווי אַן אַלטער בחור: איידער פּוסטע ליבע, איז בעסער גאָר קיין ליבע ניט!

אָבער ווען הירשביין האָט ליב, גיט ער אים אויף דער עלטער אַ יונג מיידל פאַר אַ ווייב — פריער ישראלן און איצט זיין זון זכריהן. די 20־יעריקע פּערל דובין האָט זיך אים אונטערגעטראָגן ווי אַ מתנה. און די פּערל — איז אַ פּערל! אַ הי־געבאָרענע, נעמט זי זיך צום האַרצן אַלע ווייטיקדיקע יידישע פּראָבלעמען — ביז צום אויסלערנען זיך יידיש.

ניין, הירשביין איז ניט פאַרצווייפלט וועגן דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע. אַ סך לאָזן זיך טאַקע אַריין אין שמד־שטיק און אין שמד פון אַסימילאַציע. אָבער עס זיינען פאַראַן וואונדערלעכע אויסנאַמען. אָט די פּערל, און רעבעקאַ, וועלכע גייט פרייוויליק זיך פּראָלעטאַריזירן, און ד״ר מאו (מאָריס) לוריע, דער זון פון הילל, וועלכער גייט אין די פוסטריט פון זיין אָנקל ד״ר זכריה לוריע. און ער נעמט־מיט מיט זיך אַ האַלבע יידישקע — פון יידישער מאַמען און קריסטלעכן פאָטער — עווע־לין ווילסאָן — אַ לילי בראַנדט מיט העכערער בילדונג — וועלכע וויל זיך צוריק צונויפשמעלצן מיטן טראַגישן יידישן גורל. — מאָו פירט זי צו אַ נאָרוואָס אַריבערגעקומענעם יידישן פאַטריאַרך. ניט פאַרשטייענדיק איי־נער דעם אַנדערנס לשון, באַנעמט זי דאָך, אַז ער גיט איר זיין ברכה. איר האַרץ עפנט זיך פאַר אַזאַ גרויס גליק, אַז זי קאָן עס ניט אויסהאַלטן. זי פאַרלאָזט דעם חדר. דער פאַטריאַרך רעדט וועגן משיחס צייטן און זאָגט נביאות, אַז די יידישע גאולה וועט זיך אָנהויבן אין אַמעריקע.

דער עפּיזאָד שליסט די עפּאָכע, וואָס האָט זיך געעפנט מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק מיט אַ פּאָגראָם־בהלה, וואָס האָט גענומען וואַרפן גרודעס פון צעשראָקענער יידישער מענטשן־מאַסע איבערן אַטלאַנ־טיק. און די מענטשן־מאַסע האָט זיך דאָ באַרואיקט, איינגעפונדעוועט און זיך אויסגעפורעמט אין אַ ישוב, וואָס הירשביינען געפעלט עס אָנצורופן „בבל", אָבער וואָס אַ גלויביקער יידישער פאַטריאַרך האַלט אים פאַר גענוג ראוי אַריבערצוטראָגן אויף אים די יידישע גאולה־האָפענונג. איי־דער מיר האָבן פאַר זיך דעם ענדגילטיקן טעקסט פון ראָמאַן אין בוך־פאָרם, איז שווער צו זאָגן, צי דער צונאָמען „בבל" איז באַרעכטיקט אָדער די גאולה־האָפענונג איז באַרעכטיקט. דער איינדרוק פון פאַרלויפיקן, קאַ־פּיטלעכווייז געלייענטן צייטונגס־טעקסט איז, אַז דער ראָמאַן פאַרמאָגט גענוג גוטס צו קאָנען באַשטיין פאַר זיך ווי ער איז, אָבער לאָזט דאָך אָפן די מעגלעכקייט פאַר נאָך בעסער. די הויפּט־העלדן פעלט נאָך עפּעס

צו פולער בולטקייט, גאַנצקייט און פעסטער שטעלונג. עס פעלט נאָך אַ הויפּט־ראָלע. עס פעלט נאָך אַ הויפּט־העלד, וואָס זאָל פאַרקערפּערן הירשביינען אין גאַנצן, ניט נאָר דעם בענען און דעם יוספן אין אים, נאָר אויך דעם דריטן, וואָס ער באַהאַלט אין זיך און האָט אים נאָך קיין געשטאַלט און קיין נאָמען ניט געגעבן. אָט דער דריטער הויפּט־העלד, וואָס וועט פאַרקערפּערן הירשביינען אין גאַנצן, וואָלט צו די אַלע אַנדערע הויפּט־העלדן צוגעגעבן בולטקייט, גאַנצקייט און פעסטע שטעלונג.

מיט אַנדערע ווערטער, הירשביין אַליין האָט נאָך קיין פעסטע שטעלונג ניט צו די הויפּט־העלדן, וואָס ער פירט אַרויס. ווייל ער אונטערדריקט עפּעס אין זיך. עס איז לייכט צו טרעפן, אַז דער דריטער עלעמענט, וואָס פעלט נאָך, איז די לעבעדיקע שפּירונג פון געהיימעניש האַרט לעבן אונדז, וואָס ער פאַרמאָגט עס אין פולער מאָס, לויט דעם עדות־זאָגן פון די „קינדער־יאָרן", און וואָס אין זיין אינטעליגענטישן פּעריאָד איז עס אַנגעשרויפט געוואָרן ביז צום געקינצלטן מיסטיציזם פון די דראַמען על־פּי מעטערלינק, און אין דעם געזינטערן פּעריאָד פון זיינע פאָלקס־דראַמען האָט עס געפונען אויסדרוק אין דעם רעאַליסטישן מיסטיציזם פון אַ „בעבעלע" און אין דעם האַלב־רעאַליסטישן מיסטיציזם, וואָס פאַנטאַזירט זיך אַרויף אויף אַ פאָלקס־לעגענדע, פון „אליהו הנביא" און „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען" — ביידע געשפּייזט פון דער געהיימעניש איבערלעבונג פון זיינע קינדער־יאָרן. וואו איז דאָס אַהינגעקומען — פאַרלאָרן געגאַנגען? ניין! אַז די געהיימעניש־איבערלעבונג מורמלט נאָך אין אים, איז צו דערקענען אין דער ליבשאַפט, מיט וועלכער ער מאָלט די פרומע אַלט־יידישע וועלט; אין דעם עקסטאַז, וואָס ער זויגט אַרויס פון יעדער פרישער נאַטור־איבערלעבונג — און אויך אין דער רייכער פרוכפּערדיקייט פון זיין ליבע־שפּיל־מעטאַד. — אַ הויפּט־העלד, וואָס וועט אָפּנהערציק נעמען אויף זיך צו זיין דער טרעגער פון דער געהיימעניש־איבערלעבונג, וואָס על־פּי דין וועט ער אַ שטאַרקער ייד זיין, וואָלט צוגעגעבן פול־געשטאַלטיקייט צו אַזעלכע טיפּן, ווי יוסף און הילל, און אין קאָנטראַסט צו זיי, פול־בלוטיקייט צו אַזאַ טיפּ, ווי „געגנאַסע" נתן. און ווען הירשביין וואָלט מיט יענעם הויפּט־העלדס אויג אַרומגענומען די עפּאָכע פון „בבל", וואָלט ער פון „בבל" אַרויסגעקראַצט די אמתע גאולה־נבואה.

מעגלעך, אַז די אויטאָביאָגראַפישע זכרונות, וואָס ער שרייבט איצט און וואָס דאַרפן אים אין גיכן אַריינפירן אין פּעריאָד פון זיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע, ווען זיינע פאָלקס־דראַמען זיינען געשריבן געוואָרן,

פרץ הירשביין

וועלן טאָן מיט אים נאָך אַ גרעסערע פעולה, ווי די „קינדער־יאָרן" און וועלן צוגרייטן אַ נייעם, פעסטערן און גאַנצערן שאַרף־זעעוודיקערן, עפּאָכע אַרומנעמענדיקן ראָמאַן, מיט אַן אויבן־אָן פאַר דעם הויפּט־העלד, וואָס וועט פאַרקערפּערן הירשביינען אין גאַנצן. וואו וועט יענער ראָמאַן זיך אָפּשפּילן? מעגלעך אויף דער וועלט־סצענע, וואָס פּרץ הירשביין האָט דריי מאָל אַרומגערייזט.

פּרץ הירשביין, 1941.

דוד איגנאַטאָוו

דוד איגנאַטאָוו — דער פּאָעט־ראָמאַניסט

אַ מעשה אין אַ מעשה — די טרייבקראַפט פון געשעענישן

עס איז משמעות ניט לייכט פאַר אונדזער קריטיק צוצוטרעטן צו דוד איגנאַטאָוון.

אַט איז שוין אַ צוויי יאָר, ווי זיין דרייבענדיקער ראָמאַן „אויף וועגן" איז דערשינען — און אַ חוץ רעצענזיעס אין צייטונגען און וואָכנשריפטן, וואָס זיינען גיכער געווען צוזאָגן צו שרייבן, פאָרלויפיקע באַמערקונגען, וואָס דאַרפן דינען אַריינצופירן אין אַן אויספירלעכער קריטיק — איז דערוויל נאָך קיין גרינטלעכע אָפּשעצונג פון ראָמאַן — זאָל זיין אַפילו אַן אַרונטעררייסנדיקע — ניט דערשינען.

אָבער וואָס ווייטער אין דער פּערספּעקטיווע, וואָס מער מען באַפרייט זיך פון דעם ערשטן איינדרוק, וואָס קאָן מעגלעך זיין פאָרפירעריש, אַלץ מער פעסטיקט זיך די איבערצייגונג — ביי אַ צאָל קריטיקער און לייענער, — אַז דער ראָמאַן איז אַ קאַפּיטאַל־ווערק, אַפילו ווען מען זאָל שוין צוגעבן אַ העלפט פון די פעלערן, אָדער גאָר אַלע פעלערן, וואָס די ערשטע רעצענזענטן האָבן אַנגעטאָפּט; אַ קאַפּיטאַל־ווערק, וואָס וועט באַצייכענען אַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור, צו וועלכן מען וועט נאָך אין פאַרלויף פון די יאָרן מערערע מאָל זיך אומקערן.

די קריטיק האָט עפּעס מורא צוצורירן זיך צום ראָמאַן; ווי זי וואָלט עפּעס ניט געטראָפן, וואו איז דאָ די אייגנאַרטיקייט וואָס קאָן זיך אַרויסשטעלן פאַר אַ גרויסער מעלה אין וואָס זי באַשטייט, קאָן זי ניט כאַפּן.

און וועגן זיך בין איך נאָך אויך ניט זיכער, צי איך האָב שוין די ריכטיקע מאָס פאַרן ראָמאַן; אָבער אַנצוהאַלטן דאָס פאַרשוויגן, וואָלט שוין געווען אַ פאַרברעכערישע פאַרנאַכלעסיקונג. בלייבט קיין אַנדער ברירה ניט, ווי צו עקספּערימענטירן מיט קריטיק — פאָרלויפיק זיך צו באַנוגענען מיט באַשרייבן די אייגנאַרטיקייט אין דעם איינהאַלט און געבוי פון ראָמאַן — אין דער האָפענונג, אַז אַזוי אַרום וועט די געזוכטע מאָס, מיט וועלכער אים צו מעסטן, מיר זיך שפּעטער געבן.

ווי זאָל איך אָנהויבן? — איך וועל פּרוּוון אַזוי:

מען שטעלט אָפּט די פראַגע — ביי די אַמעריקאַנער: ווי וואָלט גע־וועזן, ווען יעזוס זאָל זיך באַווייזן אין אַמעריקע פון היינט צו טאָג? — ביי אונדז יידן: ווי וואָלט געווען, אַז משיח זאָל קומען קיין אַמעריקע? — וואָס פאַר אַ קבלת פּנים וואָלטן זיי געהאַט?

די טעמע איז שוין אייניקע מאָל באַאַרבעט געוואָרן אין דער ליטע־ראַטור — סאַטיריש אָדער הומאָריסטיש; עס ווערן אויסגעלאַכט אי די קבלת פּנים געבער, אי די בכבודיקע געסט...

די פראַגע, וואָס איגנאַטאָווס ראָמאַן פרעגט, און אָן שום ליצנות, אין פולן ערנסט: ווי וואָלט געווען, אַז אַ פּאַרצייטיקער נביא זאָל זיך באַווייזן היינטיקע צייטן צו די יידן פון אַמעריקע? — און דער ראָמאַן ענטפערט: ניט נאָר ווי וואָלט געווען, נאָר עס האָט זיך טאַקע באַוויזן, און ניט איין מאָל; ער איז אַלעמאָל דאָ — אין אַלערליי געשטאַלטן, פאַר־שטעלטע, ניט דערקענטע. — נאָך בעסער: פאַרלאַכטע, פאַרשפּאָטע, אויס־געחוזקטע, דורכגעפאַלענע — אָבער דער נצחון איז אַלמאָל זייערער טראָץ זייערע אויגנשיינלעכע דורכפאַלן.

און נאָך בעסער: אויב עס איז וואָס אויפגעבויט געוואָרן, אויב אַ בנין פון יידישן לעבן אין אַמעריקע איז אויפגעשטעלט געוואָרן, איז עס דעם נביאס אויפטו. אָן זיין בעטשנדיקער אַריינמישונג קיין אויפטו. אַפילו זיין דורכפאַל איז אַ ברכה.

דאָס איז איין שטיק פון דער אייגנאַרטיקייט פון ראָמאַן.

אָבער איך האָב עס געזאָגט מיט מיינע ווערטער; איך וועל עס פּרוּוון זאָגן מיט איגנאַטאָווס שפּראַך — נוצנדיק זיין טערמינאָלאָגיע.

דוד איגנאַטאָוו איז לכתחילה אַ דערציילער פון מעשהלעך געווען — און בלייבט עס נאָך איצט אויך. אַפילו ווען ער שילדערט דאָס רעאַלע לעבן, מיט צענדליקער העלדן, וואָס גייען האַרט ביי דער ערד, דערציילט ער אויך אַ מעשהלע. ווי קומט די מעשהלע אַהין אַריין? — ער טוט זי אינעווייניק אַריין אין די געשעענישן. און נאָך בעסער: איגנאַטאָוו זאָגט, אַז די מעשהלע אינעווייניק איז די געהיימע קראַפט, וואָס טרייבט אָן מיט די געשעענישן. און וואו שפּילט זיך די באַהאַלטענע מעשהלע אָפּ? — אין די נשמות פון די מענטשן. פון דאָרט, פון די נשמה־באַהעלטענישן פליִיצן די געשעענישן אַרויס, אָפּשפּיגלענדיק דעם דרויסן, אין דער גרויער ווירקלעכקייט, די וואונדער מעשהלע, וואָס שפּילט זיך אינעווייניק — און די ווירקלעכקייט ווערט דורך דעם שוין אויס גרוי, זי ווערט וואונדערלעך. און ווען אַפילו די געשעענישן פליִיצן ניט דירעקט פון די מעשהלעך אַרויס,

זיינען עס די מעשהלעך, וואָס ציען זיי צו צו די מענטשן, די טרעגער פון די מעשהלעך; זיי מאַכן אַז אַזאַ אָדער אַנדער געשעעניש זאָל געשעען צו דעם מענטשן.

און ניט נאָר זאָגט עס איגנאַטאָוו, נאָר ער האָט דערויף אַ גאַנצע מעשה־פילאָזאָפיע: מענטשלעכע נשמות זיינען נעסטן, וואו עס הויערן, ווי פויגל, מעשהלעך. — ווי אַזוי קומט דאָס?

וואָס עס גילט אין דער נשמה, וואָס עס האָט דאָרט ווערט און האָפט איז עס דאָס שפריץ ליכט, מיט וועלכן זי פאַרמערט די ליכטיקייט פון דער וועלט.

(ליכט ביי איגנאַטאָוון שטייט פאַר הייליקן גייסט. איגנאַטאָוו איז ניט דער ערשטער צו געברויכן דעם אויסדרוק. אַלע מיסטיקער — די מקובלים, די חסידים — האָבן עס געטאָן פאַר אים. ר׳ נחמן בראַצלאַווער האָט זיין גאַנצע תורה אין „ליכט" אַריינגעטאָן. דער סימבאָלישער זין דערפון איז, אַז ווען הייליקער גייסט וואָלט געוואָרן זיכטבאַר, וואָלט דאָס אויג עס געשפּירט ווי ליכט. און מיסטיקער, אין זייער עקסטאַז, זען טאַקע בפועל ממש ליכט).

און ליכט שפריצט זיך אין דער נשמה אָן, ווען דער מענטש טוט זיך אָן אַ גבורה, האַנדלט אין הייליקייט, אָפּפערוויליקייט, אין ריזיקע, פון זיין נשמה וועגן — אין קאַמף מיט זיין איגענעם גוף, אָדער מיט דעם גוף פון דרויסנדיקן לעבן — מיט דעם חומר, מיט דער מאַטעריע פון דערווירקלעכקייט. ראַנגלענדיק זיך מיט שטערונגען, מניעות, וואָס גיבן ווידערשטאַנד, וואָס דאָס טאַקע איז די מאַטעריע פון לעבן — ווען ער איז זיי גובר מיט נשמה־גבורה, פאַרמערט דער מענטש זיין נשמה־ליכטיקייט. און דער מענטש ווייס, ווען ליכט שפריצט זיך אין אים אָן — ס׳קוועלט אין אים אָן גלויבן, טראָפּן פאַר טראָפּן.

און אָט די ליכט שפריצן, אָט די טראָפּעלעך גלויבן — אָט די גייסט קערנדלעך — ווערן געציילט און אויפגעהיט: זיי ווערן געוואויגן און גע־מאָסטן אויפן האָר. די פּינקטלעכסטע רעכענונג ווערט פון זיי געפירט, און זיי ווערן איינגעקריצט פונקענווייז אין ספר הזכרונות פון אַ מענטשנס נשמה.

און לויט די אויסגעקריצטע פונקען פון דעם ספר צייכנט זיך דער גורל פון מענטשן. צייכנט זיך, אָבער ווערט ניט פאַרזיגלט. ווייל דער ספר איז דאָך קיינמאָל ניט קיין געענדיקטער. אַלץ ער בלעטערט זיך, עס קומט צו בלאָט נאָך בלאָט — מיט די ווייטערדיקע אויפטוען פון דער נשמה אין צוזאַמענשטויס מיט דער מאַטעריע פון דער ווירקלעכקייט.

די פּינקלדיקע בלעטער ווערן אויפגעזונגען ווי נאָטן, אָדער ווערן אויפגעבליצט אין זעאונגען אָדער וועבן זיך אויס אין אַ מעשהלע, כסדר — און אַט די געהיימע מעשהלע וואַרפט זיך אַריין אין דעם אינעווייניק פון די געשעענישן און פּאַסירונגען, דורך וועלכע דער מענטש טרעט — זי גיט עס ערשט אַריין אין זיי זייער אמתן זין.

עס קומט אויס, אַז דער מענטש שפּילט אין זיי אַריין אַ מעשהלע. דאָס פרעמדע אויג אַלעמאָל, און דאָס אייגענע אויך, כמעט אַלעמאָל — זעט בלויז די געשעענישן און פּאַסירונגען, און זעט ניט די געהיימע מעשה־לע, וואָס האָט זיך אַריינגעשפּילט אין זיי — וויס דער מענטש ניט זייער כוונה, וויס ניט זייער זין, וויס ניט זייער פאַרוואָס און פאַר ווען, און וויס אַוודאי ניט דעם צוועק, צו וועלכן זיי דינען. ער זעט נאָר אַ ווילדן זינלאָזן געלאַף פון טועכצן און אָפּטועכצן, אָן אַ פאַרוואָס און פאַר ווען.

איגנאַטאָוו, שילדערנדיק רעאַלע לעבנס פּאַסירונגען, מיט זיך אויך אַריינצודערציילן אין זיי די געהיימע מעשהלע אויך — די געהיימע מעשהלע פון דעם מענטשן, וואָס האָט אַריינגעבלאָנדזשעט אין זיי.

אַזוי אַז יעדן מענטשנס לעבן קאָן אויסגעלייגט ווערן ווי אַ מעשהלע. איגנאַטאָוו רופט עס: יעדער מענטש איז אַ מעשה. און ווען ער דער־ציילט וועגן דעם מענטשן, דערציילט ער אַ טאָפּלטע מעשה — אַ מעשה אין אַ מעשה — די מעשה פון די אויסוויינקסטע פּאַסירונגען, וואָס דאָס אויג זעט, און די אינעווייניקסטע מעשהלע פון דעם מענטשן אין די געשעענישן, וואָס ער, דער קינסטלער, דאַרף טרעפן.

ניט ביי יעדן העלד טוט עס דאָס אויספּירלעך; טאָן טוט ער עס מיט די אויסדערוויילטע יחידים, וועלכע האָבן אָנגעראַנגלט אין זיך גענוג נשמה־ליכט; מיט די יחידים, וואָס זייערע נשמות זיינען ברונימער פון גלויבן. וואָרעם זייער געהיימע מעשה איז רייך גענוג, זי זאָל ווערט זיין דערציילט צו ווערן. זיי גייען אַן עליה, באַרג אַרויף, בייקומענדיק שטע־רונגען דורך נשמה־העראָאיזם.

אַזוי טוט ער מיט דעם הויפּט העלד בערמאַן פון ראָמאַן „אויף ווייטע וועגן" — וועלכער טראָגט אין זיך דאָס נשמה ליכט פון אַ ריי גלויביקע אָבות — אַ ירושה וואָס ער האָט ניט געלאָזט פאַרגליווערט ווערן אין זיך, נאָר ער האָט עס נאָך דערפרישט, איבערזעצנדיק זייער אַלט־גלויבן אין זיין סאָציאַליסטישן ניי־גלויבן.

עס איז נישט קיין הוילע פאַנטאַזיע, אַט די דאָזיקע איגנאַטאָווישע מעשה־פילאָזאָפיע. דאָס איז ניט קיין פאַרלייקענונג פון דער מאַטעריע פון דערווירקלעכקייט. פאַרקערט, ער אָנערקענט זי, ער מוז זי אָנערקענען.

וואָרום אַנדערש קאָן גאָר אַ נשמה זיך ניט אַנטעמען מיט גבורה — צו דער פאַרמערונג פון איר ליכטיקייט, און פול גלויביקייט — סיידן אין צו־זאַמענשטויס מיט דער מאַטעריע פון דער ווירקלעכקייט, אַפּהאַלטנדיק אי־בער איר אַ נצחון. דעמאָלט ערשט שפּיגלט זיך אַ נשמה־מעשהלע אין אים אויס.

און דאָס וועלן דאָך אַפילו עקאָנאָמישע מאַטעריאַליסטן צוגעבן, אַז דער מענטש מוז פאַרוועגדן גייסטיקע גבורה — זאָל זיין ווילן, זאָל זיין גלויבן, זאָל זיין מענטש־ליבע ביז מסירת נפש, כדי איבערצופורעמען די האַרטע עקאָנאָמיק.

אַלזאָ, איז איגנאַטאָוס דערציילונג מעטאָד אַ מעשה אין אַ מעשה. און דאָס פּלאָנטערט די קריטיקער; דאָס שרעקט זיי.

און דער ענין ווערט נאָך פאַר זיי פאַרפּלאָנטערטער דערמיט, וואָס איגנאַטאָוו טראָגט אַריבער זיין מעשה אין מעשה־מעטאָד פון יחיד אויף אַ גאַנצן קרייז, פון קרייז אויף אַ דור, אָדער אויף צוויי דורות, וועלכע בייטן אָפּ איינער דעם אַנדערן.

אַ דור, ווי אַ יחיד, האָט זיין איגענע נשמה־מעשה, וואָס באַשטימט זיין גורל אין דער געשיכטע. יעדן דור ווערט אויפגעגעבן אַ סכום מאַ־טעריעלע אויפגאַבן; האָט ער זיי אויפגענומען אין גרייטקייט צו קרבן, אָדער ער האָט געוואָלט זיי אָפּקומען אין לייכטזין, אָן דעם ווענדט זיך זיין עליה, אָדער ירידה. וויפיל ער האָט זיך אָנפּאַרדינט נשמה־ליכט, אַזאַ ראָל איז אים באַשערט. האָט ער באַוויזן גבורה, וועט ער זוכה זיין, אַז דאָס גרויסע היסטאָרישע געשעעניש, פאַר וועלכער די צייט איז שוין ראוי, וועט זיך אָפּשפּילן פאַר זיינע לעבנסצייטן מיט זיין באַטייליגונג. טאָמער ניט, האָט ער אויסגעמיטן דאָס באַגעגעניש, ווערט ער מיט בזיונות אַראָפּגע־טריבן פון דער סצענע.

דער ראָמאַן „אויף ווייטע וועגן" שפּילט זיך אָפּ אין אַ מיטן — אין דעם גערעַנגל צווישן צוויי דורות — דעם עלטערן פרענקל־דור און דעם יונגערן בערמאַן דור.

און נאָך געדיכטער ווערט דער פּלאָנטער פאַר דער קריטיק — איג־נאַטאָוו אין זיין ראָמאַן מאַכט אַ שפּריינ פון דורות אויף פעלקער.

וואָס עס גילט פאַר דורות, גילט אויך פאַר פעלקער.

ווען מיליאָנען מענטשן נעמען זיך צונויף דורך די צייטן אין אַ פאָלק, האָבן זיי אַ בשותפותדיקע ראַנגלעריי צו אַ העכערער ליכט־עליה — איז דאָס גאַנצע פאָלק אַ שטייגנדיקע עליה, אַ בשותפותדיקע פאָלקס־מעשה.

די ייִדן האָבן אַ ייִדישע פאָלקס־מעשה, די רוסן — אַ רוסישע פאָלקס־מעשה, און די אַמעריקאַנער — אַן אַמעריקאַנישע פאָלקס־מעשה, וואָס האָבן זיך דערציילט אין געהיים איבער די קעפּ פון די פעלקער, ביז אַהער, און ווילן זיך ווייטער דערציילן...

און ווען די פעלקער בעמען זיך צונויף אין אַ מענטשהייט, איז עס אַ וועלט־עליה: די גאַנצע וועלט גייט ווערן איין מעשה — די מעשה פון דער וועלט.

צו יענער מעשה פון דער וועלט איז איגנאַטאָוו נאָך ניט צוגעטראָטן. ער האָט בלויז דעם טיטל אָוועקגעשטעלט. דעם סימבאָל פונאַנדערגעוויקלט אין מעשהלע־פאָרום, אין זיין איבערדיכטונג פון נחמן בראַצלעווערס מעשות — „דאָס פאַרבאָרגענע ליכט".

אָבער דעם אָנהויב פון ערשטן טראָט צו דער „מעשה פון דער וועלט" האָט ער שוין געמאַכט — מיט זיין ראָמאַן „אויף ווייטע וועגן". צוויי־דריי פעלקער מעשות שמעלצן זיך דאָ צונויף און פּרוּוון ווערן איינס.

ווען צענדליקער טויזנטער ייִדן, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן הונדערטער טויזנטער, האַלבע, גאַנצע מיליאָנען, האָבן זיך אַ טראָג געטאָן פון מזרח, איבער יבשה און ימים קיין אַמעריקע — האָט אַ מעשה זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מעשה.

די ייִדישע פאָלקס־מעשה — אַ פאַרצייטיקע, אַ פאַרטיפטע, אין געדיכטע אייביקייט־שאָטנס געשלייערטע; מיט ריחות פון אַלע לענדער און צייטן אָנגעזאַפּטע, מיט סכנות אָנגעלאָדענע, מיט גלותן אָנגעבלוטיקטע; אויף שחיטה־חלפים אויסגעפּרוּווטע, אויף העלדזער געכשרטע, אויף קידוש־השם געהייליקטע — און צו דעם אַלעמען נאָך אָן אָנגעלאָפענע און איבעראָנגעקוואָלענע מיט גלויבן, בטחון און נבואה...

(דער הויפּט־העלד פון ראָמאַן — בערמאַן — איז דער טרעגער פון אָט דער פאַרצייטיקער ייִדישער פאָלקס־מעשה).

און דערצו נאָך איז די ייִדישע מעשה באַהעפט געוועזן, מיט אירע אייבערשטע שפּיצן, דורך דער פּסיכישער אָנגעשטעקטקייט פון די דעמאָלטיקע ייִדישע ראַדיקאַלן, מיט דער רוסישער מעשה — דעם אונטערצאַרישן, אונטערערדישן, ברייט און געדיכט ברומענדיקן, פאַרפּייניקטן און פאַרשטיקטן רוסיש־פאָלקישן מאַסן־דראַנג צו בונט און רעוואָלוציע.

די רוסישע מעשה, וועלכע ווי זי האָט זיך אַהער דערטראָגן, איבערזעצט אין דער פּראָזע, און טיילווייז אויך אין דעם באַוואוסטזיין און אַ האַרעלע אויך אין די מעשים פון די אַריבערגעקומענע ייִדיש־רוסישע ראַדיקאַלן.

— אַ געשאַרפטע אויף פּויערשע העק און קאָסעס, אַ געשליפענע אויף דער סענסיטיוועס אַדעלקייט פון דער רוסישער אינטעליגענץ; אַן אַנגעטריפטע מיט פערזענלעכער מאַרטירערשאַפט, אַ הערהאַיזירטע, אַ געשטרעקטע אויף תליות, אַ פאַרקלעמטע אין קאַזעמאַטן — דאָ בלאַנקט פינקלענדיק מיט דעם בלענד פון די סיבירער שנייען, דאָ קופּערדיק רויט מיט דעם פאַררויכערטן פייער פון עקספּלאָדירנדיקע באָמבעס.

(פרענקל און זיינע חברים, און עכטער פון זיי אַלעמען ווידער אַמאָל בערמאַן — און אויך די פּאָר פּאַראַדישטע רוסן פון ראָמאַן — זיי זיינען די טרעגער פון די צוויי מעשות אין איינעם — פון דער פאַררוסישטער יידישער אָדער פאַריידישטער רוסישער מעשה).

און די אַמעריקאַנישע מעשה —

אַמעריקע האָט איר אייגענע פּאָלקס מעשה צו דערציילן דער וועלט: אַ יונגע, אַ פרישע, אַ צייטווייליקע, אַ דערווייליקע — „דערווייליקייט" איז אַמעריקעס חלק אין דער אייביקייט, לויט איגנאַטאָווס מעשה־פילאָזאָפיע — אַן אָפענע און אַ פלאַכע מעשה, וואָס גיט זיך פלוצלונג אַ ריס מיט רוישיקן אימפּעט און שוואונג אין דער הויך, אין דער הויך, כדי באַלד ווידער אַראָפּצולאָזן זיך נידעריק און פלאַך — אַזוי אירע פּרעיריס, אַזוי אירע שטעטלעך און שטעט און אַזוי אירע מענטשן.

— צוויי־דריי פעלקער מעשיות האָבן זיך באַגעגנט און פאַרמאָסטן — צוויי־דריי צו ליכט זיך ראַנגלענדיקע פאָלקס נשמות — און עס האָט זיך גענומען וועבן אַ נייע נשמה־ליכט מעשה וועגן דעם רוסישן יידן אין אַמעריקע.

און אויך די מעשה איז די מעשה פון איגנאַטאָווס ראָמאַן. — לויט איגנאַטאָווס ראָמאַן האָבן די צוויי־דריי פעלקער מעשיות זיך באַגעגנט, זיך פאַרמאָסטן, און נאָך עד היום — ביז צום סוף פון ראָמאַן נאָך ניט שלום געמאַכט.

דער סוף פון ראָמאַן איז בערמאַנס אַ נייער פאַרמעסט אויף אַמעריקע דורך אַ טיפערן אַריינטאָן זיך אין דער יידישער מעשה, און ער באַצאָלט מיטן לעבן פאַר אָט דעם נייעם פאַרזוך. — דער עיקר אָבער, ווי געזאָגט, פאַרנעמט זיך דער ראָמאַן מיט דעם געראַנגל פון די צוויי דורות.

כדי אַריינצופירן דעם לייענער אין ראָמאַן און גלייכצייטיק אים געבן צו שפּירן די אייגנאַרטיקייט, מיט וועלכער איגנאַטאָוו באַהאַנדלט זיינע מענטשן — קלייב איך אויס אַן אָונט ביי פרענקלען — די פייערונג פון געבורטסטאָג פון זיין טאָכטער זינאַ — צו וועלכער די מערסטע העלדן

פון ראָמאַן קומען זיך צונויף און שטויסן זיך צונויף. דאָס וועט מיר געבן אַ געלעגנהייט צו באַקענען דעם לייענער מיט זיי, פאָרשטעלנדיק זיי איינעם נאָכן אַנדערן.

פרענקל — אַן אַנטלאָפענער פון סיביר. דער ערשטער וועקער, דורך וואָרט און שריפט, פון דעם יידישן אַרבעטער דאָ. שרייבער, רעדנער און אידייאישער פירער פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, איידער נאָך די גרויסע יידישע יוניאָנס האָבן זיך דאָ איינגעשטעלט. לויט איגנאַטאָוון, איז אָט דער געוועזענער „ביבלישער ברודער", אויסקריסטאַליזירנדיק זיך פאַר אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט קיינמאָל ניט פאַרטיק געוואָרן מיט זיינע אינערלעכע ספקות; בלייבט ער — אין האַרצן — אַ האַלבער אַנאַרכיסט, אָבער פאַר דער עפנטלעכקייט — אַ שטרענג־שבשטרענגער סאָציאַלער דעמאָקראַט — וואָס דאָס שטערט אים אָבער ניט צו זיין גלייכצייטיק, אונטער דער מאַסקע פון שטרענגקייט, אַ גאַנץ ווייכינקער קאָמפראָמיסלער.

ער האָט גלויבן, אָבער אַ האַלבן גלויבן, ניט קיין געלייטערטן — אַ גלויבן, וואָס ווערט ניט אונטערשטיצט פון אַ לויטערן ווילן.

ווען די גענאָסן פון זיין קרייז אַרבעטן זיך אַרויף און ווערן באָסעס־מאַנופעקטשורערס, שטורעמט ער צוערשט און פראָטעסטירט, דערנאָך אָבער געוואוינט ער זיך צו און מאַכט שלום — ווייל גוטפריינטשאַפט מיט רייכע גענאָסן איז „נוצלעך" פאַר דער באַוועגונג.

אין האַרצן עקלט אים פאַר דער „פרייע־ליבע" הפקרות, אָבער ווען די באַוועגונג „פאַרלאַנגט" עס פון אים, האַלט ער אַ קורס לעקציעס וועגן פרייער ליבע פאַר יונגע יינגלעך און מיידלעך.

אים געפעלט דווקא אַמאָל אויסצוהערן בשתיקה אַ דרשה פון אַ רב — אָבער ווי קאָן ער זיך מודה זיין פאַר דער באַוועגונג אין אַזאַ שוואַכקייט? — פאַרגיטיקט ער זיך דערמיט, וואָס ער פירט אַ שאַרפע אַנטי־רעליגיעזע פראָפאַגאַנדע אין זיין וואָכנשריפט „ליכט".

אַ שוועכלינג, וואָס באַפּאַנצערט זיך מיט כלומרשטער גבורה.

ווען בערמאַן באַווייזט זיך, איז די צייט פון רעכענונג פאַר פרענקלען געקומען.

איין דור האָט געיאָגט דעם צווייטן פון דער סצענע. פריער פון אַלץ, איז אויפגעלאָפן ווי אַ מכה און געפלאַצט פרענקלען אין פנים אַריין זיין קאָמפּראָמיסלעכע טאָלעראַנץ צו די באָסעס אין דער באַוועגונג — צוליב די אינטערעסן פון דער באַוועגונג! — אַ דאַנק בערמאַנען.

עס האָט דעמאָלט געהאַלטן אין מיטן אַ גענעראַל־סטרייק, אין דאַמען־היט־פאַך — אַ סטרייק, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן און איז געטראָגן געוואָרן אין דעם גייסט פון ענטוזיאַזם און גלויבן, וואָס בערמאַן, דער „נביא־סאָציאַליסט", האָט אין אים אַריינגעבלאָזן.

דאָס איז געווען דער ערשטער סטרייק פון דעם מין. פרענקלען און זיינע גענאָסן איז קיינמאָל ניט געלונגען אַזאַ סטרייק אַרויסצורופן. דורך זיינע רעדעס און דורך זיין סאָציאַליסטישער וואָכנשריפט „ליכט" האָט פרענקל געפּאַדערט און געמאָנט סאָציאַליזם און יוניאָניזם. האָט ער גאָר ניט טאָקע אויסגעפירט? וויפיל ניט איז יאָ. סאָציאַליזם איז יאָ געוואָרן דעם יידישן אַרבעטערס נייע תורה, לכבוד שבת און יום־טוב, וואָס האָט אים פאַרביטן דער רבס דרשה. פרענקל פלעגט זיי דערציילן מעשיות וועגן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן מאַרטירער — זשעליאַבאָוו, פּעראָווסקאַיאַ. דער יידישער אַרבעטער פלעגט עס אויסהערן מיט פאַרגעניגן און אַפּלאָדירן. און ביי דעם פלעגט עס בלייבן. יוניאָניזם האָט פרענקל ניט אויסגעפירט. די סטרייקס פלעגן זיך ענדיקן מיט מיאוסע דורכפאַלן. די אַרבעטער פלעגן זיך צולויפן. סקעבס פלעגן פאַרנעמען די פלעצער פון די סטרייקער. די לעצטע פלעגן זיך אומקערן אין די שעפּער מיט בזיונות, איינגעבעטענע. און איינמאָל האָט אַזאַ סטרייק אין אַ דאַמען־הוט־פּעקטאָרי, גאָר געפירט צו אַן אומגעריכטן פאַר פרענקלען רעזולטאַט: די צוויי אַרבעטער פון זיין ערשטן סאָציאַליסטישן קרייז, די „אַפּגעריסענע בלעטער" — קאַלמאַנאָוויטש און בערנשטיין — זיינען אַליין געוואָרן באָסעס פון אַ סוועט־שאַפּקע — מיט די בעסטע ברכות אויפן סאָציאַליזם, אָבער באָסעס.

(די צוויי געוועזענע אַרבעטער — קאַלמאַנאָוויטש און בערנשטיין: קאַלמאַנאָוויטש'ס — גוטמוטיקייט און האַרץ; בערענשטיינ'ס — אויס־רעכענונג און קאָפּ. ווען זיי אַרבעטן זיך אַרויף אויף מאַנופאַקטשורערס, ווערן זיי די ערשטע „אַלרייטניקעס" אין דער באַוועגונג).

דאָס מאָל אָבער אין דעם סטרייק, וואָס בערמאַן האָט אַרויסגערופן, האָט עס אויסגעזען, אַז דערפאָלג איז געזיכערט — דער סטרייק וועט געוואונען ווערן, און אַ יוניאָן וועט געגרינדעט ווערן.

דער יונגער בערמאַן, אַ זון פון אַ שטאָט־מגיד, — וועלכער האָט אין דער היים געזאָלט ווערן אַ רב, און מיט זיין סמיכה אויף רבנות און רבני־שער התלהבות, זיך אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און קומענדיק קיין אַמעריקע דאָ געוואָרן פרייוויליק אַ שאַפּ־אַרבעטער. — בערמאַן האָט גאָר אויף אַן אַנדער אופן געווירקט אויף די אַרבעטער. — ער פלעגט זיי נעמען מיט דעם, וואָס קענען זיין ווילן אַפילו פלעגן אין זיינע

רעדעס זיך אַריינרייסן מעשהלעך, — אגדות פון תלמוד און מדרש: רבא בר בר חנא, רב שמעון בן יוחאי...

אים האָבן די אַרבעטער ניט נאָר אַפּלאָדירט; עס פלעגט זיי אַ הויב טאָן פון די פיס, און זיי פלעגן אַלע נאָכגיין.

און ווירקלעך, אַ יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרן, אָבער ניט אַזוי, ווי בערמאַן האָט דאָס דערוואַרט.

בערנשטיין, דער באַס־סאָציאַליסט, אונטערשטיצער פון „ליכט" און בוזים־פריינט פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישע פירערשאַפט און פון פרענקלען — האָט די באַסעס פאַראייניקט אין אַן אַסאָסיאיישאָן.

— וואָרום — האָט בערנשטיין זיך צוגעטראָכט אַ תירוץ — ווען ניט ער, וואָלט עס אַן אַנדערער געמוזט טאָן, און מיר לעבן נאָך דערווייל אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם.

און די אַסאָסיאיישאָן האָט אַנגעשטעלט „שטאַרקע", וועלכע האָבן געשלאָגן מכות רצח די פּיקעטס, ניט דורכלאָזנדיק די פּיקעטס אַרום דער שאַפּ פון דעם גרינגדער פון דער אַסאָסיאיישאָן בערנשטיין...

— וואָרים וואָס איז דער אונטערשייד? — האָט בערנשטיין זיך פאַרענטפערט אין זיינע געדאַנקען. — אויב ניט ביי זיין שאַפּ, וואָלטן די פּיקעטס צעשלאָגן געוואָרן ביי עמעצנס אַנדערש שאַפּ; און ווען ניט ער, וואָלט אַן אַנדערער געווען דער באַס פון זיין שאַפּ — עס איז דאָס סיסטעם.

צווישן די צעשלאָגענע און צעבלוטיקטע ביי בערנשטיין־קאָלמאַנאָ־ וויטשעס שאַפּ איז אויך געווען איינער פון זייערע אַרבעטער — בערמאַן. — אײדער ער האָט פאַרלאָרן דאָס באַוואוסטזיין, איז ווילקע — אויך אַ סטריי־ קער, אַ גרויסמיילעקער און אַ געוואַלט־שרייער, צוגעקומען צו אים מיט אַ „העלאָ, בערמאַן!" — און אים אַזוי אַריינגעקוקט אין פנים אַריין, און אַזוי אַרויסגערעדט: „בערמאַן" — ווי ער וואָלט אַנגעוויזן: אָט דאָס איז ער בערמאַן! — און גלייך דערויף איז בערמאַן באַפאַלן געוואָרן פון די „שטאַרקע".

און די גאַנצע צייט, וואָס בערמאַן איז געלעגן אין בעט, זיך דער־ האַלנדיק פון די קלעפּ, האָט אים אַלץ געבויערט אין מוח: ווער איז ווילקע?

(זיין חשד איז ניט אומזיסט געווען: ווילק איז געווען אַ האַלבער גענגסטער).

אונטער דער שוץ פון די „שטאַרקע", האָבן סקעבס פאַרנומען די פּלעצער פון סטרייקערס. עס איז געוואָרן אַ מהומה און אַ געלאַף פון אַ טייל סטרייקערס צו זיין צווישן די ערשטע אויסצוכאַפּן די קאָנטראַקטלעך — און עס האָט אויסגעזען, אַז דער סטרייק איז שוין אַ האַלב רואינירטער...

דאָס צווייטע גרויסע געשעעניש, פון וועלכן אַלע ווייטערדיקע געשעענישן זיינען זיך פונאַנדערגעלאָפן, איז געווען דער דערמאָנטער אָונט ביי פרענקלען, ווען עס איז געפייערט געוואָרן זיין טאָכטער זינאַס געבורטסטאָג. דאָרט זיינען זיך צונויפגעקומעןביידע דורות פון דעם קרייז — יונג און אַלט — דאָרט האָבן זיך צונויפגעצויגן אַלע פעדעם פון דעם פאַרפּלאָנטערטן קנויל:

פריער פון אַלץ, זיינען צווישן די געלאַדענע געווען פון איין זייט די באַסעס — בערנשטיין און קאַלמאַנאָוויטש; פון דער אַנדער זייט — דער אַנפירער פון סטרייק — בערמאַן.

פרענקל, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז בערנשטיין און קאַלמאַנאָוויטש זיינען העט־מאַנופעקטשורערס און כאָטש דורך זיין וואָכנשריפט „ליכט" איז געפירט געוואָרן די אַגיטאַציע פאַרן סטרייק — בערמאַנס אויפרופן צו די סטרייקערס זיינען דאָרט געדרוקט געווען — האָט ער אָבער אין זיין נאַאיוויטעט עפּעס זיך ניט פאַרגעשטעלט, אָדער אין זיין געדאַנק האָט זיך עפּעס ניט געבונדן (ניין, עס איז ניט אַזוי געווען נאַאיוויטעט און אומפעאיקייט צו דענקן; גיכער איז דאָס געווען דער אייביקער קאָמפּראָמיס, וואָס ער האָט דערלאָזט, וואָס האָט אָפּגעטעמפּט זיין פאַרשטאַנד) — אַז דאָס זיינען צוויי קעגנגעזעצטע צדדים אין אַ פאַרביטערטן סטרייק, אין וועלכן אַרבעטער־בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן. אין זיין אַבסטראַקטן סאָציאַליסטישן מוח האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט איינס צום אַנדערן — קאָנקרעט, פּראַקטיש האָט ער זיך קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן: ווער איז ווער? — עס האָט אים אפשר אויך ניט אינטערעסירט. האָט ער געלאַדן באַסעס, „פּריינט" פון סאָציאַליזם, און אַרבעטער־פירער, וועלכע האָבן געבלוטיקט פאַרן סאָציאַליזם — דאָ, אין דעם אָונט איז אים באַשערט געווען צו לערנען אַ האַרבע לעקציע, וואָס האָט אים דעם מוח אויפגעריסן.

אָבער ניט נאָר אויפן פלעין פון אַרבעטער און באָס — און סאָציאַליזם, האָט די באַמבע געפּלאַצט פרענקלען אין פּנים אַריין. אום מעגלעך צו מאַכן, אַז נאָך אַנדערע באָמבעס זאָלן קאָנען עקספּלאָדירן, דאַרף מען באַקענען די לייענער מיט די אַנדערע פאַרשוינען, פאַרזאַמלטע אַרום טיש — מיט די געלאַדענע געסט און דער בעל־הביתטע און דער טעכטערל, וועמעס געבורטסטאָג ווערט געפייערט...

די באַלעבאָסטע, פרענקלס פרוי, — ליזאַ: רויכערט און זינדיקט מעשה מאַן. די ערשטע רויכערין אין דער באַוועגונג — אַ קלייניקייט! כדי מקיים צו זיין די מצווה פון פרייער ליבע, וואָס איר מאַן פּרידיקט מיט עקל אין האַרצן, באַשליסט זי מיטן קאָפּ צו פאַרלאָזן פרענקלען מיטן קינד — און

גייט אַוועק צו ד"ר מינדלינען צו דינען אים פאַר אַ קעפּס־ווייב, ביז יענער פאַרבייט זי מיט מיס פינק.

ווער איז ד"ר מינדלין און ווער איז מיס פינק? זיי זיינען געלאַדענע צום טיש.

ד"ר מינדלין — אַ פּרינציפּיעלער „פּרינציפּיעלער" אַנאַרכיסט, דער קאַסירער און קרעדיטאָר פון דער באַוועגונג, וואָס אויף זיין שייכות צו איר בויט ער זיין רעפּוטאַציע און קאַריערע. זיין ליבע צום אַרבעטער באַווייזט ער דערמיט, וואָס ער שינדט פון אים די הויט אייגנהענטיק. „פּריב־ציפּעל" צערייסט ער דעם רעצעפּט, וואָס ער האָט פאַרשריבן צו אַ גוססן קינד פון אַן אַרבעטסלאָזן אַרבעטער, ווען דער פאָטער דערלאַנגט אים ניט זיין „בלוט־פּרייז" — 3 דאָלאַר — צו יענע צייטן אַ משונהדיקער פּרייז. זיין „פּרינציפּ": מען טאָר דעם אַרבעטער ניט צוגעוואוינען צו פילאַנ־טראָפּיע; וואָס ערגער ס'וועט אים זיין, אַלץ בעסער פאַר דער רעוואָלוציע. דער קרייז זעט אין דעם קלאַסנאויסגעהאַלטנקייט. און דאָס ווערט מינדלינס פּאַספּאָרט אויף אַ רעוואָלוציאָנער. און דאָס אויך: מיט זיינע לאַסקאַווע בליקן און תאוהדיקע שמייכלען נעמט ער די פרויען — צוערשט אין דער מחשבה, דערנאָך בפועל ממש.

מיס פינק — אַן עמאַ גאָלדמאַן אין מיניאַטור־פאָרמאַט. איגאַנטאָוו האָט זיך זייער געהיט, זי זאָל ניט דערמאָנען עמאַ גאָלדמאַן. האָט ער זי אַ סך קלענער געמאַכט, סיי אין גייסט און סיי אין קערפּער. צווישן איין פרייער ליבע און דער אַנדערער, געפינט זי צייט אַנצופירן פּראָפּאַגאַנדע צווישן די דרעסמייקערינס — און איינמאָל פירט זי אַפילו אַן מיט אַ סטרייק. זי איז ד"ר מינדלינס קעפּס ווייב, ביז יענער באַשליסט חתונה צו האָבן פאַר אַ תכלית.

און די אינטימסטע פריינט פון פרענקלען — די פיינמאַנס.

דער פיאַנע־פּראָפעסאָר פיינמאַן, אַ שווער לייביקער, לאַנגזאַם דענקע־דיקער, אָבער ערלעך פילנדיקער; מיט מאָדנע טונקעלע בענקשאַפטן, וואָס ער קאָן ניט אַרויסרעדן. פון זיין ביבלישער ברודערשאַפט עפּאָכע האָט זיך ביי אים אָפּגעשטעלט עפּעס אַ חלום, וואָס ער האָט קיינמאָל צום וואָרט ניט געבראַכט, וועגן לעבן אין דרויסן אונטער פרייען הימל, אַן הייזער, אַן היטלען און האַלב־נאַקעט. זיין שטומע התלהבות גייט ער אָפּ אין דינסט צו זיין רייצנדיק שיינער פרוי, וואָס ער פּאַסט אויף, אַז קיין בייז זאָל איר ניט געשען, בשעת זי גייט איבער פון געליבטן צו געליבטן; אין דער צווישן־צייט איז ער איר מאַן.

זיין פרוי, פאַניאַ פיינמאַן, די קעניגין פון דער גרופּע, וועלכע רעגירט

דורך איר שיינקייט. אין דינסט צו איר שיינקייט פייערט די גרופּע ליבע־פּאָעזיע — איר לייב איז ליבע־מזבח, אויף וועלכן זי ברענגט זיך אַליין פאַר אַ קרבן.

פאַר פאַניאַ פיינמאַן איז איר שיינקייט איר שטאַרקסטע איבערלע־בונג. זי האָט אַ זינגנדיקע, הגם אומגעהויבלטע שטימע; זי קאָן זיך אַנטאָן מעשה רוסישע שיקסע, און אַביסל אונטערטאַנצן מעשה שיקסע — אָבער איר שמחה איז ניט פאַרפול, ווען ניט פאַרענדיקט מיט דעם ליבעס־אַקט. ניט מחמת צעלאָזנקייט, נאָר ווייל זי קאָן אַנדערש ניט פונקציאָנירן, ווי נאָר דורך ליבע. דאָס איז איר שיינקייט צו טאָט געבראַכט. לויט אַלע כללים פון יושר געהערט זי אַלס פּריז צו דעם „קאָפּ" פון דער באַוועגונג — צוערשט איז דאָס דער רוס שליאַפּניקאָוו, דערנאָך גאַבריעל...

„ואחרון אחרון חביב" — לעאָן גאַבריעל. פון דער היים מיט אַ טונ־קעלן יחוס — אַז ער זאָל האָבן זיך באַטייליקט אין אַ בלוטיקער עקספּראָ־פּריאַציע. גילט פאַר אַ מוראַדיקן אַנאַרכיסט; אין דער אמתן — אַ 100 פּראָצענטיקער עגאָאיסט. אַ מיאוסקייט, אַ קליינטשינקער, מיט אַ גע־קרייזלטן קעפּל, אָבער אַ געוואַלדיקער עזות מחוצף פּנים, וואָס חוצפּה און תאווה — לייב און ווייב — איז זיין רעוואָלוציע. אַזוי ווי ער איז דער אַראַנזשירער פון די פרייע ליבע־אָרגיעס, דער צערעמאָניע־מייסטער אויף די קאָנצערטן לטובת דער „רוסישער רעוואָלוציע" — די צוויי הויפּט־באַ־שעפטיקונגען פון דעם קרייז — איז ער פאַררעכנט פאַר דעם „קאָפּ" פון דער באַוועגונג — ניט פרענקל — ספּעציעל ביים ווייבערשן טייל פון דעם קרייז.

גאַבריעל פאַרקערפּערט דעם ציניזם פון עלטערן דור; פרענקל — דעם האַלב־גלויבן, וואָס האָט קיין כוח ניט אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם ציניזם. האָבן די צוויי אַ דירעקטע שייכות צו בערמאַנען: אַלס זיין פאַר־גענגער און גאַבריעל אַלס זיין היפוך אין פריערדיקן דור.

און גאַבריעל פאַרלאָזט די מאַדאַם פיינמאַן, פרעך פאַרראַטנדיק זי פאַר איר אין די אויגן מיט אַ צווייטער...

און דערצו נאָך פאַרט ער אין גיכען אָפּ קיין בערלין, ווי עס האָט געהייסן, שטודירן אָפּעראַ — אַוועק, ניט געזעגנדיק זיך מיט קיינעם, פאַר־כאַפּנדיק אין פאַראַויס ביים קאַסירער, ד"ר מינדלינען, די קינפטיקע איינ־נאַמע פון געזעגענונגס־אָוונט — וואָס אָט דאָס שטיק קליינלעכע לומפּעריי איז פון די ווייבער אויך באַוואונדערט געוואָרן אַלס אַ גוואַלדיקע העלדיש־קייט, — אַי, איז דאָס אַ רעוואָלוציאָנער! — דאָס קאָן נאָר גאַבריעל! — האָבן זיי געשמונצערט.

ווען גאַבריעל פּאַרדאַט זי פֿאַר איר אין די אויגן מיט אַ צווייטער, און פֿאַרט באַלד אָפּ קיין בערלין, אַנטדעקט מאַדאַם פּיינמאַן נאָך אַמאָל די שטילע, אונטערטעניקע התפּעלות פֿון איר מאַן פֿאַר איר, און זי ווערט אַ געטרייע ווייב, און געבעדט אים צווי טעכטער — וואָס דאָס אַגב שטערט איר אָבער ניט אָנצוהאַלטן פֿאַר אַ ריי יאָרן אַלס איר אָפּיציעלן געליבטן איינעם פֿון די צווי געוועזענע אַרבעטער פֿון דעם קרייז — בערנשטיינען, נאָכדעם ווי יענער האָט זיך אַרויפֿגעאַרבעט אויף אַ מאַנופֿעקטשורער, און איז געוואָרן דער ערשטער גביר פֿון קרייז, און קאָן דורך דעם, אַזוי צו זאָגן, פֿאַרבייטן איר דעם „קאָפּ" פֿון דער באַוועגונג — אַ „במקום קאָפּ" — וואָס על פּי יושר, דין און טראַדיציע קומט אים איר ליבע.

איך ווייס ניט צוליב וועלכע מעשים טובים — אָדער איך ווייס יאָ, נאָר איך וויל פֿאַרלויפֿיק ניט אויסזאָגן — האָט דאָס פּאָרל פּיינמאַנס זיך פֿאַרדינט ביי איגנאַטאָוון אַ גרויסע זכיה: זייער טעכטערל גערטרוד לאָזט ער אויסוואַקסן צו ווערן די הייליקע כלה פֿון דעם הויפּט־העלד בערמאַן.

קורץ פֿאַר דער געבורטס־טאָג־פֿייערונג פֿון פּרענקלס טאָכטער זינאַ, האָט גאַבריאַל זיך באַוויזן אויף דער סצענע — פּונקט צו דער באַגעגעניש פֿון בערמאַן און גערטרוד קומט ער אַראָפּ פֿון בערלין, נאָך אַן אָפּוועזנקייט פֿון 18־20 יאָר, און ווי עס האָט געהייסן, איינגעלאַדן פֿון דער ניו־יאָרקער אָפּעראָ פֿאַר אַ פּראָבע־אויפֿטריט.

איז ער דער ערן־גאַסט ביים טיש, און מען איז הויפּטזעכלעך פֿאַר־נומען מיט אים. בין איך פֿאַרטיק מיט די הויפּט־פּאַרשוינען פֿון דעם עלטערן דור.

אַן אַנבליק האָט „אויף ווייטע וועגן" פֿון אַ היסטאָרישן ראָמאַן. עס הויבט זיך אָן מיטן אָנהויב פֿון די 80־ער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט — די „ביבלישע ברודערשאַפֿט" און „עם עולם" זיינען נאָר וואָס געוועזן אָנגעקומען — און שליסן שליסט זיך דער ראָמאַן מיטן יאָר פֿון דער קערענסקי־רעוואָלוציע, ווייל אַ צאָל פֿון די העלדן קלייבן זיך אין דער רעוואָלוציע אַריין. איז עס אַ קיימאַ־לן פֿון אַ יאָר פֿערציק.

איז אָבער זייער מאָדנע: צווישן די, וואָס לאָזן זיך קיין רוסלאַנד אַוועק, זיינען דאָ פּאַרשוינען, וואָס געדענקן נאָך די „ביבלישע ברודער־שאַפֿט". און פּאַרקערט, דער הויפּט־העלד בערמאַן, דער פֿאַרשטייער פֿון יונגערן דור, וועלכער איז אַן „עם־עולמניק", איז נאָך אַלץ יונג, פֿאַר־ליבט זיך ערשט צום ערשטן מאָל, און קלייבט זיך חתונה האָבן.

וואָס איז די מעשה? — איגנאַטאָוו וויל זאָגן, און עס איז אויך אַ פאַקט, אַז דער עלטערער טיפּ, דער ציבישער, ווירקט נאָך היינט צו טאָג. — מען קאָן מיט די פינגער אויף אים אָנטייטלען. און דער יונגערער טיפּ, דער גלויביקער, איז אויך דעמאָלט געווען. זיי זיינען אַלעמאָל דאָ פּנים אל פּנים. עס איז אַן אייביקער געראַנגל צווישן ציניקער און גלויביקן — היינט צו טאָג אויך אַזוי. פאַר אונדזערע אויגן שפּילט זיך דאָס אָפּ.

פון דער אַנדער זייט וויל איגנאַטאָוו אויך זאָגן, און עס איז ווידער אַמאָל אַ פאַקט, אַז דער ציבישער טיפּ ווערט אַלץ מער פאַרדרענגט; דער גלויביקער טיפּ שטופּט אים אַלץ מער אַראָפּ פון דער סצענע. — זיי זיינען באמת צוויי באַזונדערע דורות, וואָס פירן מלחמה אויף טויט און אויף לעבן. — איז עס גלייכצייטיק אַ היסטאָרישער ראָמאַן און אַ מעשה פון היינטיקן טאָג. איז דער ראָמאַן געשריבן מיט אַ טאָפּלטער פּען. טאַקע ווי געזאָגט: אַ מעשה אין אַ מעשה.

פאַר די אַלע צוועקן האָט איגנאַטאָוו זיך דערלויבט אַ טאָפּלטן קונץ מיט דער צייט: פערציק יאָר האָט ער צענויפגעפּרעסט אין וואַסערע פינף. און איין יאָר — צווישן דער „ביבלישער ברודערשאַפט" און „עם העולם", צום ביישפּיל, האָט ער אויסגעשפּרייט אויף צוואַנציק, צו באַצייכענען דעם אָפּבייט פון צוויי דורות.

די קריטיקער קענען זיך קיין עצה ניט געבן און פרעגן קשיות און האָבן טענות: סטייטש?

האָב איך מיר אַן עצה געגעבן: דער ראָמאַן איז געגליכן, זאָג איך, צו אַ חלום, וואָס טוט דאָסזעלביקע: איז מקצר צייט און שפּרייט אויס צייט.

און ווידער איז דער ראָמאַן געגליכן — איגנאַטאָוו וועט ניט דער־לויבן זאָגן להבדיל, איז אַן אַ להבדיל — געגליכן צו דער תורה, וואו ווי באַוואוסט, איז אויך ניטאָ קיין מוקדם און מאוחר — קיין פריער־שפּעטער...

אָפּגעבנדיק די דערקלערונג, זעץ איך מיך ווידער צום טיש, מיט אַלע געלאַדענע געסט, ביי פרענקלען אין הויז, וואו עס ווערט היינט גע־פייערט דער געבורטסטאָג פון זיין טאָכטער זינאַ, — און איך נעם באַקענען דעם לייענער מיט די יונגערע פאַרשוינען פון געזעמל. די ערשטע פאַר־דינט נאַטירלעך פאַרגעשטעלט צו ווערן זינאַ, צוליב וועמען די גאַנצע שמחה ווערט געפּראַוועט.

זינאַ, אַ ריכטיקע טאָכטער פון איר טאַטע־מאַמע — פון פרענקלען מיט זיין ווייבלעכקייט, און לייזען מיט איר מענערישקייט, וואָסביידע בטבע זיינען ניט אַזוי להוט געווען נאָך געשלעכט פאַרגעניגנס; נאָר לייזאַ האָט

מענעריש געזינדיקט, און פּרענקל האָט ווייבעריש געדולדעט. די טאָכ־טער, אין זייביידן געראָטן, האָט זיך געהאַלטן פאַר אינטעליגענט, אַפילו פאַר איבערגעשפּיצט. איר אַמביציע איז געווען צו זיין אַן אויסערגעוויינ־לעך מיידל, אַן אויסנאַם צווישן מיידלעך, סיי אין אירע ראַדיקאַלע אידייען, סיי אין אויסטערלישע געפילן. זי איז עס ניט געווען. אָבער געדוכט האָט איר עס. — אַן ווילדן רעש אין לייב, האָט זי אָבער געוואוסט, אַז וואָס עס גלוסט, איז געמעגט. וואָס אַן אַפּגעשטאַנענע איז זי? ווער איז באַלעבאָס איבער איר קערפּער? זי צי עמעצער אַנדערש? און ווען זי האָט איינמאָל דערפילט אַ דין־דינע גלוסטונג צו איר חברטע גערטרודס נאַקעטן לייב, האָט זי זיך דערפרייט: דאָס איז עס! זי איז אַן אויסנאַם! אַזאַ אויסצייכענונג! זי איז אַבנאָרמאַל — אַ ליבינקע! און זי האָט זיך געוואָרפן קושן גער־טרודס נאַקעטן לייב, מיט מענערשע ליבע־ווערטער, וואָס יענע האָט ניט פאַרשטאַנען.

זי איז געווען אַ פּליסיקע צוהערערין פון מאַדאַם פיינמאַנס ליבע־לעקציעס; יענע האָט איר איינגעוויזט אין אַלע אירע יוגנט־סעקרעטן. פאַר איר אייגענער טאָכטער האָט זי זיך געשעמט; און אפשר אויך מורא גע־האַט. יענע — אַ מאָדנע נאַר! — וואָלט פּראָטעסטירט און עס קיינמאָל איר ניט מוחל געווען. האָט זי אויסגעקליבן זיגנאַן, אַ פרעמדע טאָטע־מאַמעס טאָכטער, פאַר אַ תלמידה אויף איבערצוגעבן איר רייכע ליבע־דערפאַרונגען.

איז זינאַ געווען אַ דערפאַרענע, אָן אייגענע דערפאַרונגען. איין מאָל, נאָך אַ פרייליכן רוישיקן אָוונט, האָט זי באַשלאָסן, אַז זי דאַרף שוין אַ מאַן — פאַר געשלעכטס־דערפאַרונג — איז זי אַוועק אויסזוכן דעם סטודענט בראַ־ווערמאַנען, וועלכער האָט זיך געשאַרט צו איר, און זי פלעגט אים אַלץ אַפּשטויסן. היינט וועט זי זיך אים איבערגעבן. אָבער דער שלימזל איז אין דער היים ניט געווען.

איז זי אונטער אַ תירוץ אַוועק צו בערמאַנען אין צימערל, גרייט אויף אַלץ. יענער האָט זי אויפגענומען מיט אַ סך פּאָעטישע רייד, וואָס האָבן זי זייער באַגייסטערט — און זי איז געוואָרן נאָך גרייטער. און ווען בערמאַן האָט זי אַנגענומען ביי ביידע הענט, האָט זי שוין געמיינט: אָט איז עס! — ערשט ער פירט זי אַרויס אין גאַס, און פון גאַס צו גאַס פאַר אַ לאַנגן שפּאַציר אין ווינטערדיקן פּאַרק אַריין — אין פינצטערניש, צווישן נאַקעטע בוימער, אין געדיכטן שניי — און ווידער אַמאָל שיינע פּאָעטישע רייד. און פלוצלונג גיט ער זי אַ כאַפּ און לאָזט זיך מיט איר לויפן באַרג אַראָפּ — און דאָרט, אויף אַן אויסגעזוכט ערטל, אין אַ קרייז פון בוי־

מער, גיט ער זי אַ וואָרף אין שניי אַריין, און זי האָט זיך שוין דערפריײט: ענדלעך! — ערשט ער האָט זיך באַנוגנט מיט איינפּערסאַן איר פיגור אין שניי: זאָל אַן אויסגעפּרעסטע מענטש־געשטאַלט זיך וואַלגערן בײַנאַכט צווישן באַקעטע בוימער, ווי אַן אײַנגעשלאָפענע זעאונג.

(דאָס איז געווען בײַ בערמאַנען אַ מין שפּילעוודיקער שניי־צערעמאָניאַל — אַן אומשולדיקער פאָרשפּיל צו דערוואַכנדיקער ליבע; ער האָט דעם צערעמאָניאַל, נאָך מיט מער פּייערלעכקייט, שפּעטער אויך דורכגעפירט אויף גערטרודן).

נײַן, זינאַ איז ניט זײַן זיווג געווען. און פאַר גלאַט אַזוי און סתם אַזוי, ווי זינאַ האָט עס געמיינט, איז בערמאַן ניט גרייט געווען. איז זינאַ טאַקע געווען אָנגעשטויסן אויף אים. דאָס האָט איר אָבער ניט געשטערט, ווען זי האָט דערשפּירט, אַז צווישן בערמאַנען און איר חברטע גערטרוד גייט אַן אַ שטומער ליבע־שפּיל — זייערע הערצער האָבן זיך שוין געהאַט צונויפגערעדט, נאָר די ליפּן זײַנען נאָך געווען פאַרשלאָסן — האָט דאָס איר ניט געשטערט, צו ברענגען גערטרודן צו בערמאַנען אין צימערל אַריין, ניט אָנזאָגנדיק בײַדן, אַז זי גייט עס טאָן — בלויז פאַר דער טשיקאַווער הנאה באַהילפיק צו זײַן צווײ „נאַרן" אין איבערקומען זייער ערשטע שרעק.

(און דאָס האָט איר אויך ניט געשטערט, שפּעטער — ווען זי האָט שוין איר מאַן געהאַט געקראָגן, און אַ קינד פון אים געטראָגן — זי איז מיט מזל געוואָרן די יונגסטע קעפּס־ווייב פון דעם פאַרעלטערטן גאַבריעלן — האָט עס איר ניט געשטערט צו קומען ווידער צו בערמאַנען אין צימערל אַריין — בלויז פאַר דער טשיקאַווער הנאה צו פאַרזוכן פון נאָך אַ מאַן, אַ חוץ איר אייגענעם מאַן).

נײַן, זינאַ איז דווקא געווען אַ געוויינלעך מיידל, נאָר אַ היינט וועלטיקע, זייער אַ היינטוועלטיקע! אַ געוויינלעך מיידל, מיט איבערטריבענע פּרעטענזיעס אויף אויסערגעוויינלעכקייט.

גערטרוד — זי איז עפּעס אַנדערש. זי איז ווירקלעך געווען אַן אויסערגעוויינלעכע — אַ צנועה — וואָס אַזעלכע טרעפט מען גאָר ניט היינטיק צײַטן צווישן געבילדעטע און אינטעליגענטע מיידלעך, אַלץ איינס, ראַדיקאַל צי ניט ראַדיקאַל: אין פּרט פון צניעות זײַנען זיי אַלע היינטיקע צײַטן ראַדיקאַל...

אַזעלכע ווי זינאַ איז דאָ אַ מיליאָן, אָבער גערטרוד איז איינע אין אַ מיליאָן!

עס איז אײַנגעטאָוס אַ הויפּט־פּאַרדינסט: די אַנטדעקונג פון גער־

טרוד. אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור איז ניטאָ צו איר קיין גלייכן. ניט וואָס עס זיינען קיין צנועות ניטאָ, נאָר ניטאָ איז די מאָדערנע פרוי, וואָס זאָל באַטראַכטן איר ליבע פאַר אַן אינסטרומענט פון וואונדער. עס זיינען זיכער דאָ אַזעלכע פרויען, נאָר מען דאַרף זי געפינען; און גע־פינען קאָן זיי נאָר איינער, וואָס איז אַליין אין דער בחינה פון בערמאַן. צווישן דער אַלגעמיינער פאַרביליקונג פון ווייב־ליבע, בפרט אין אונדזערע ראַדיקאַלע קרייזן, איז אויפצוכאַפּן אַט דעם טיפּ און אים אַרויסברענגען — ממש אַ קינסטלערישער מופת.

און קלוגע קינסטלערישע אינטואַציע האָט אונטערגעזאָגט איגנאַ־טאָוון אַריינצוגעבן אַזאַ טאַכטער דווקא צו די פיינמאַנס — די אַמוויב־ציקסטן אידייאישע פון דעם קרייז — צו מרס. פיינמאַן, דער ליבע פּריס־טערין, און מר. פיינמאַן, איר אונטערטעניקן פאַטאַקעווער.

דווקא דערפאַר, ווייל זיי די אַמווינציקסטן אידייאישע, איז ביי זיי ליבע־הפקרות ניט געווען קיין הפקר־אידייע — קיין פּרינציפּ, צו וועלכן דאָס ליבע דאַרף בלינד זיך אונטערוואַרפן, אַלץ איינס צי עס וויל הפקרן, צי ניט. ווען דאָס ליבע איז אונטער צוואַנג פון אַ דרויסנדיקן הפקר־געבאָט, קאָן עס זיך ניט אויסהפקרן אין גאַנצן; קאָן עס ניט אויסלעבן זיין ווילד־לוסט; בלייבט עס אַלעמאָל זשעדנע, און הונגעריק און נייגעריק — און דאָס גייט אָפּט אַריבער צו די קינדער, וואָס דאַרפן פאַרענדיקן דעם הפקר־עקספּערימענט.

איז דאָס פיינמאַן־פּאָרל — די ערלעכסטע, די אויפריכטיקסטע, די „אומשולדיקסטע" — דאָס בעסטע פּאָרל פון דעם קרייז — האָבן זיי דווקא זוכה געווען צו אַזאַ טאָכטער, ווי גערטרוד.

דער מוטערס שפּילנדיקער ליבעס־ווייץ, און דעם פאָטערס איבער־מענטשלעכע גינציקייט, די ליבע זיינע, וואָס האָט זיך אַליין גובר געווען, זייערביידנס ערלעכקייט און „אומשולד" — איז גערטרודן אַריין אין די גלידער — אָן דעם ניט געשטילטן, ניט באַפרידיקטן ליבעס־הונגער, אָן דער בייסעניש, וואָס עסט זיך איין אין די ביינער. אין פיזישן פּרט האָט זי גאָרנישט געהאַט צו דערפילן, וואָס די עלטערן האָבן פאַרפעלט. דעם פיזישן חשבון האָט די מוטער פולשטענדיק אויסגעשעפּט. דערפילן האָט זי נאָר געדאַרפט דעם פאָטערס פאַרשטיקטן, אומבאַוואוסטזיניקן פּראָטעסט קעגן דעם ווידערשפּרוך צווישן זיין ליבעס־אידעאַל, און דער מוטערס ליבעס־פּראַקטיק; דער פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס ער האָט געמוזט צוזען, ווי זיין ליבעס קרבן גייט אַוועק אויף הפקר — צו דער באַפרידיקונג פון די גרעבסטע מענערשע אַפּעטיטן פון אַלערליי טויגעניכסטן.

גערטרוד האָט געדאַרפט געבן אויסדרוק צו אָט דעם פּראָטעסט; איז זי, די ערשטע געבאָרענע פון די פיינמאַנס, די פאַרקערפּערונג פון דעם פּראָטעסט; איז איר קערפּער געווען דאָס געפעס פון דעם ציטערדיקסטן, אומבאַפלעקטעסטן ליבעס־געפיל.

איז זי, גערטרוד, געווען פונקט דער זיווג פאַר בערמאַנען — אַ בתולה פון אַ כּוהן, אַ פיאָנער צווישן מענטשן, וועלכער האָט כּסדר געדאַרפט געבן געבורט צום מענטשן אין זיך, האָט געדאַרפט באַהעפטונג מיט אַ פרוי, וועלכע איז כּולה בתולה, אַ פרוי ערשטלינג, פון קיין מאַן ניט באַרירט; וואָס די פרוי אין איר איז ניט פאַרמינערט געוואָרן; וואָס איר לייב איז נאָך ניט קיין פלייש געוואָרן.

ביי אַ פרוי־בתולה, וואָס איר גאַנצער ליבעס אימפּעט איז נאָך גאַנץ, איז לייב לייכטנדיקער לבוש פאַר מענטש־געבורט. דער מאַן, וואָס באַרירט זי, איז תיכף אַ ווידערגעבאָרענער, כּהרף עין איז ער אַ דערוואַקסן קינד. אָבער זי וועט זיך ניט עפענען פאַר קיין מאַן. יעדער מאַן איז פרעמד־מאַן פאַר איר. סיידן דער מאַן — דאָס איז זי. און דאָס איז געווען בערמאַן. ער איז געווען אין גייסט, וואָס זי אין לייב: — ליכט; דראַנג צו מענטש־געבורט; וואָס ביי אים איז געווען גלויבן, איז ביי איר געווען צניעות. צניעות איז ליבע, וואָס וואַרט אויף אַ וואונדער — איז דאָס אויך גלויבן. — זיינען זיי פונקט אַ זיווג געווען.

אַזאַ לייב, ווי גערטרודס, וואָס איז אַליין זיין העכסטער זעלבסט געזעץ אין אומבאַרירלעכקייט, אין אומבאַפלעקטקייט, וואָס קיין מאַן קאָן זיך צו איר ניט דערנענטערן, סיידן דער מאַן דאָס איז זי — אַזאַ לייב איז שוין קיין לייב ניט. עס איז איינס מיט דער נשמה. עס איז נשמה־לייב. אַזאַ לייב האָט ריינעם נשמה־ווערט, און דאַרף געוואויגן ווערן אויף נשמה־וואָג. עס איז אַ גערצייג אויף צו פּראָדוצירן נשמה־ליכט. און בערמאַן פילט זי, ווי דאָס ליכט פון זיין נשמה. ער ווערט ניט מיד ריידנדיק וועגן איר וואַרעמער גלעטנדיקער ליכטיקייט. זי איז דער איינפאַס, דער לבוש, דאָס לייב פון זיין נשמה. און ווען ביי בערמאַנען געפינט זיין נשמה־ליכט אויסדרוק אין וויזיע, וואָס דאַרף שפּעטער מקוים ווערן אין זיין לעבן — געפינט ביי גערטרוד איר נשמה־ליכט אַ לייבלעכן אויסדרוק — אין מוזיק, אין איר פיאַנע־שפּילן. דאָס זיינען אירע פינגער־וויזיאָנען, וואָס דאַרפן מקוים ווערן אין איר לעבן. און איגנאַטאָוו דערציילט מעשהלעך און זינגט לידער אויף איר פיאַנע־שפּילן, פונקט ווי ער טוט עס אויף בערמאַנס וויזיעס.

גערטרוד סימבאָליזירט פאַר בערמאַנען זיין לעבנס־באַרוף, זיין

לעבנס־וועג, זיין גורל — און אפשר אויך די קרוינונג פון זיין לעבן דורכן טויט. אַזוי גיך זי האָט זיך אים באַוויזן, סימבאַליזירט זי פאַר אים די רעוואָלוציע. זי וועט סימבאַליזירן פאַר אים אַמעריקע, דאָס יידישע פאָלק, די וועלט — זי איז דאָס מיסטעריעזע ליכט פון דער וועלט און די „מעשה פון דער וועלט".

מען דאַרף ניט מיינען, אַז וויבאַלד אַ זיווג, איז תיכף ומיד אַ האַרמאָנישער צונויפשלוס. עס איז פון אָנהויב אָן געראַנגל. פריער פון אַלץ דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן, אַז מען איז אָן שום ספק באַשערטע. און יעדע געלעגנהייט, און יעדע מיספאַרשטענדניש ווערט אויסגענוצט אויף צו שטעלן איינס דאָס אַנדערע צו פּראָבע, אויף אונטערצודריקן איינס דער אַנדערער שטרויכלונגען. פּראָבע נאָך פּראָבע; שטרויכלונג נאָך שטרויכלונג. דער מינדסטער חשד, און גלייך זיין אָפּגעצאַמט מיט קעלט, מיט ברוגז.

און אַז עס איז שוין פעסטגעשטעלט, אַז מען איז אַ זיווג, איז מען נאָך אַלץ ניט פאַרטיק. מען דאַרף זיך פאַרטייערן איינס פאַרן אַנדערן, פאַרשאַרפן דעם קעגנזייטיקן באַדאַרף ביז טויט־הונגער. ער איז די גאַנצע צייט דערנענטערונג, באַגלייט מיט כסדרדיקער דערווייטערונג, כדי די ליבע צו פאַרמערן, כדי דורך דער ליבע זאָל וואָס מער נשמה־ווערט אָנגעזאַמלט ווערן.

דערפאַר טאַקע שטייט געשריבן, אַז דאָס צונויפקומען פון אַ זיווג איז אַזוי שווער ווי קריעת ים סוף.

און וואָס העכער דער ליבעס־ציל, אַלץ מער דאַרף מען עס פאַרדינען. מען דאַרף האַרעווען מיט דער נשמה. עס דאַרף זיך אַליין באַווייזן ווערן אַז מען איז גרייט אויף יעדן קרבן — און וואָס קאָן זיין אַ גרעסערער קרבן, ווי דער קרבן מיט ליבע גופא — די גרייטקייט צוליב דער ליבע אָפּצוזאָגן זיך פון דער ליבע גופא? מען דאַרף קאָנען ריזיקירן אַפילו ביז אָנגעוואָרן צו ווערן איינס פאַרן אַנדערן. ריזיקיר ביז אָנווערן אַפילו די ליבע — די ליבע, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַט די העכסטע פּראָבע, דורך דער לעצטער ריזיקע, האָט זיך אַליין פאַרמערט כפל כפלים.

ניט אומזיסט שטייט געשריבן: ליבע איז אַזוי שטאַרק ווי דער טויט, די ליבע, פאַר וועלכער מען איז גרייט געווען אפילו מיטן טויט צו באַצאָלן, איז די שטאַרקסטע.

און דווקא ווייל בערמאַן און גערטרוד זיינען געווען ווי געבאָרן איינס פאַרן אַנדערן, דווקא דערפאַר, ווייל זיי האָבן געדאַרפט ווערן די פולע דערפילונג איינס פאַרן אַנדערן — האָבן זיי כסדר געשפּילט מיט אַט דער

לעצטער, אַלץ אין סכנה אַוועקשטעלנדיקער ריזיקע; ספּעציעל גערטרוד — די ליבע ליפּעראַנטין — זי האָט אַנדערש ניט געקענט ווי נאָר גיין אויפן ראַנד פון ליבעס אָפּגרונט.

גערטרודס ליבע קאַפּריזן — איר ליבע איז לויטער ליבעס־קאַפּריז — זייער ביידנס חלק אַן אייביקער געראַנגל פון די ליבנדיקע — איז פון איג־נאַטאָוון געשילדערט מיט אַזאַ רייכקייט און בייגיקייט און מיט אַזויפיל אומ־געריכטע פיין־פיינע שאַטירונגען פון געפיל, וואָס פאַרשטייגערן זיך גראַד נאָך גראַד און ברייטערן זיך אין שוואונג, און איבער אַלץ מיט אַזאַ זיכערן עפעקט פון אמתער, ניט געפעלשטער איבערלעבונג — אונטערגעהערט, אָפּ־געטראָפן! — דער טיפסטער מהות פון אָט די צוויי נשמות, וואָס האָבן זיך געפונען און אויסדערוויילט, ווערט אַלץ אָפענער און אַנטפּלעקטער דורך אָט דעם קאַפּריז־געראַנגל — אַז מען מוז מודה זיין, אַז דער טייל פון ראָמאַן געהערט צו די זעלטנסטע ליבעס־געשיכטעס אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור — און אפשר איז דאָס גאָר די איינציקע ליבעס־געשיכטע, וואָס האָט פאַר אירע העלדן די יוגנט פון אונדזער מין?

גערטרוד סימבאָליזירט פאַר בערמאַנען ניט נאָר זיין לעבנס יאָ, נאָר אויך זיין לעבנס ניין. זי איז זיין גורל אין פּאָזיטיוו, און אויך בנעגאַ־טיוון זין. זי איז זיין לעבנס וועג, און אויך דער קאַמף, וואָס ער האָט געדאַרפט פירן אויף דורכצוברעכן דעם וועג. פּאַקטיש, זייט זיין באַגעג־געניש מיט איר, זיינען אַלע זיינע קאַמפן צונויפגעלאָפן אין אַ קרייז אַרום גערטרודן — זיי ברענגען אים נאָענט צו איר, און רייסן אים אַוועק פון איר. גערטרוד ווערט דער צענטער, אַרום וועלכן זיין לעבן מיט אַלע זיינע געזעלשאַפטלעכע און וויזיאָנערישע גאַנגען נעמען זיך דרייען.

פון איצט אָן וועט בערמאַנס לעבנס געשיכטע זיך נעמען באַוועגן אַלץ האַסטיקער — די מעשה בערמאַן וועט זיך נעמען דערציילן מיט טאָפּלטער געשווינדקייט, אַלס די טאָפּלטע מעשה בערמאַן־גערטרוד.

און עס וועט בעמען אַ סך ווייניקער צייט און עס וועט זיך לאָזן אי־בערגעבן אַ סך קירצער און קאָנקרעטער דער וויטערדיקער פאַרלויף פון ראָמאַן.

פאַרוואָס איז די באַגעגעניש פון מאַן און פרוי אַמאָל אַזוי גורלדיק? — זייער ליבע אַזוי וואונדערלעך, אויגנבליקלעך? אַ דערוואַרטעטע, לאַנג גע־האָפטע איבערראַשונג? ווי אַ נס, אויף וועלכן מען האָט זיך געריכט און איז דאָך געקומען אומגעריכט?

ווייל דער געזעץ פון לעבן איז לעבן פאַרמערן; ביי מענטשן — ניי־מענטש געבערן.

די גאַנצע אַקטיוויטעט פון גייסט צילט אויך צו דעם: שעפעריש־קייט איז מענטש־געבורט; זעלבסט־באַנייאונג; ניי־געבורט. די געהיימע מעשהלע, וואָס שפּילט זיך אין דער נשמה, איז דער קינפּעט, דער בראַך־שטול, דאָס רעמל, די אויספורעמונג פון געבורטסאַקט, דורך וועלכן דער מענטש אַליין דאַרף ניי־געבאָרן ווערן.

פרוי צום מאַן איז געבערערין. אויפן פיזישן פּלעין טוט די נאַטור נאָך אין פיזישער שעפערישקייט דעם גייסט, און אַ ניי באַשעפעניש ווערט געבאָרן — אַ קינד. אויפן גייסטיקן פּלעין איז דאָס ניי־באַשעפעניש ניט קיין קינד, נאָר דער מאַן אַליין איז דער ניי־געבאָרענער. — און די פרוי איז דער קינפּעט, דער בראַך־שטול, דאָס רעמל, די אויספורעמונג פון דעם געבורטסאַקט.

און ווען עס טרעפט, אַז די פרוי טרעפט פּונקט צו צו דער געהיימער מעשהלע, וואָס שפּילט זיך אין דער נשמה, דעמאָלט ווערט דער פריער אינעווייניקסטער געבורטסאַקט פאַראויסערלעכט, הונדערטפאַך פאַרשנע־לערט — און דעמאָלט איז דאָס באַגעגעניש אַזוי גורלדיק: די ליבע וואונ־דערלעך איינגבליקלעך, ווי אַ לאַנג געהאָפטער נס, וואָס קומט אומגע־ריכט.

(אויפן גייסטיקן פּלעין לאָזט זיך זאָגן, אַז פאַרקערט איז אויך אַזוי: וואָס די פרוי צום מאַן, איז דער מאַן צו דער פרוי — די פרוי דורך דעם מאַן איז די ניי־געבאָרענע).

אַזוי איז געווען מיט בערמאַנען און גערטרודן. זיי האָבן איינס דאָס אַנדערע געפורעמט; איינס דעם אַנדערן געגעבן ניי־געבורט. און אויב בערמאַנס אייגענער וועג צו ניי־געבורט איז געווען דורך אַ נצחון איבער דעם דור פון די ציניקער, איז עס געוואָרן זייער שותפותער וועג. ביידע טוען בשותפות איין ווערק. און ווייל עס טרעפט אַזוי זעלטן אָט די צוזאַ־מענטרעפונג פון צוויי נשמות; און ווייל דאָס איז דאָס ווערטפולסטע, וואָס קאָן פּאַסירן צו צוויי מענטשן, און ווייל די מינדסטע פעלשונג טאָר דאָ ניט צוגעלאָזן ווערן — מוז עס געפּרופט, געפּרופט און געפּרופט ווערן. איז עס בסדר פּרופונג, פּרופונג, פּרופונג; אמאויפהערלעכער גערעַנגל — און די ליבע פאַרן אויג קאָן אַפילו אַננעמען די פאָרם פון אַ ברוגז.

אַזוי איז אויך פאָרגעקומען מיט בערמאַנען און גערטרודן.

זיין ערשטע באַגעגעניש האָט בערמאַן מיט איר געהאַט אויפן מיטינג, וואו עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער געראַנגל־סטרייק פון די דאַמען־

היט־מאַכער. זי איז אים פאַרגעשטעלט געוואָרן פון סטודענט בראַוּוער־מאַנען, וועלכער איז געווען איינער פון די רעדנער, אַלס פאַרטרעטער פון פרענקלס וואָכנשריפט „ליכט". דעם גאַנצן וועג אַהיים פון מיטינג האָט איר געשטאַלט, אַז זיין ווייסן, געשפּילט ווי אַ זעאונג פאַר זיינע אויגן. און זי איז אים בייגעשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט ווי זיין סימבאָלישע כלה־רעוואָלוציע.

אַגב, האָב איך זיך דאַ דערמאָנט, אַז איך האָב פאַרגעסן פאַרצושטעלן בראַוּוערמאַנען, וועלכער איז דאָך אויך איינער פון די געלאַדענע געסט צו זינאַס געבורטסטאָג־פייערונג. וועל איך אים וואָס גיכער אָפּפטרן, ער זאָל זיך מיר ניט וואַלגערן אונטער דער פּען.

בראַוּוערמאַן, אַ יורש פון ד"ר מינדלינען און פרענקלען: פון מינדלינען האָט ער גענומען זיין קאַריעריזם, פון פרענקלען זיין תורה. ער וועט ניט צאַפּן דריי דאַלאַרדיקע פון אַרימעלייט, און צודעקן זיין בלוט־צאַפּעניש מיט פּרינציפּ, ווי ד"ר מינדלין: ער וועט עס מאַכן גלאַטער און בלאַטער. ער וועט אויסשטודירן לאַיער, און קאָמבינירנדיק לאַיעריי מיט פּירער־שאַפט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועט ער זיך האָבן פּרנסה בכבוד. פרענקלס תורה האָט ער איבערגענומען אָן האַרצוויטיק, און אָן קאָפּוויי־טיק און אָן ספקות. ער טראָגט עס אויפן צינגל. ער ווייסט אַלע נייטיקע פסוקים אויף אויסווייניק. גייענדיק מיט גערטרודן צוריק פון מיטינג, האָט ער פאַר איר אויסגעלייגט זיין תורה:

— אַט די אַלע אַרבעטער זיינען אומוויסנדיק, אומוויסנדיק ביז גאָר; זיי האָבן גאָרניט געלערנט. נאָר זייער עקאָנאָמישע לאַגע צווינגט זיי צו פאַראייניקונג. צו סאָלידאַריטעט, וואָס דאָס צוזאַמען מיט דער קאָנצענטרירונג פון קאַפּיטאַל, וועט עס נויטווענדיק פירן צום סאָציאַליזם — איר האָט געהערט דעם בערמאַנען רעדן? — אַ פּשוטער אַרבעטער, ניט קיין געלערנטער, נאָר זיין עקאָנאָמישע לאַגע רעדט דורך אים...

מיס פינק, מיט יאָרן צוריק אַ פאַרבראַקירטע פון ד"ר מינדלינען, און איצט בראַקירט פון אַלע חברים פון איר עלטער, פּרוּווט ווערן חבר מיט בראַוּוערמאַנען, וועלכער איז מיט צוואַנציק יאָר יינגער פון איר; זי איז אים מדריך אין דער טעאָריע און פּראַקטיק פון סאָציאַליזם, און אין דער סטראַטעגיקע פון פירערשאַפט; זי גרייט אים איבערצונעמען פרענקלס פּאָזיציע — און זי וועט אים קרוינען פאַר דעם קאָפּ פון דער באַוועגונג; וועט זי האָבן דערגרייכט איר העכסטן לעבנס־ציל, נאָך וועלכן זי האָט די אַלע יאָרן געחלומט; אַ פאַרדינטע לוין פאַר איר טרחא...

בראַוּוערמאַן האַלט עס פאַר נוצלעך צו באַמאַנען זי פאַר אַ שטיקל

צייט — אָפּגעפּטרט פאַר אַ ווייל בראַוּוערמנען, קער איך מיך צוריק אום צו בערמאַנען און גערטרודן.

שוין זייער ערשטע ליבעס סצענע — ווען זי איז אַן זיין וויסן און אָן איר וויסן געבראַכט געוואָרן פון איר חברטע זינאַ צו אים אין צימערל אַריין און איז איבערגעלאָזן געוואָרן מיט אים אויג אויף אויג, — שוין זייער ערשטע ליבע איז דורכגעגאַנגען אויפן שוועל פון באַלאַגערונג און קריגס־צושטאַנד.

דאָס צימערל איז געווען פאַרפּוצט מיט פעלכעלעך, בלומען און ברע־נענדיקע ליכט. ער האָט זיכער אויף עמעצן זיך געריכט. דאָס טאָר ניט זיין. ער האָט געדאַרפט זיין אָפּגעהיט און אומבאַרירט, אַזוי ווי זי איז עס געווען; ער האָט געדאַרפט וואַרטן אויף איר, ווי זי האָט געוואַרט אויף אים, ניט קענענדיק אים.

יאָ, ער גיט צו: ער האָט זיך אויף עמעצן געריכט. — אויף וועמען? — אויף דער מלכה שבת! און דאָס טישל מיט די בלומען, מיט די ברענענ־דיקע ליכט איז אַ ליבעס־מזבח פון דער מלכה שבת וועגן — ער גיט עס צו.

נאָך אַ נס, וואָס זי האָט דערשפּירט, אַז די מלכה שבת איז זי פאַר אים אין דער רגע געווען.

(ס'איז געווען אַ האַלבער ניט אמת; ער האָט יאָ געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז עמעצער — אַ פרוי — אַ רעאַלערע געשטאַלט, ווי די מלכה שבת, וועט אַנקלאַפּן היינט אָוונט אין זיין טיר. דאָס איז אָבער ניט דער איינציקער פאַל, וואו פאַרגעפיל, טעלעפּאַטיע און אַנדערע מיסטעריעזע דערשיינונגען האָבן געגעבן פון זיך סימנים דורך און אַרום בערמאַנען).

און די גאַנצע צייט איז גערטרוד געגעגט געווען פון געדאַנק, צי איז אָקאָרשט ניט זינאַ געווען מער פאַר אים, ווי אַ פיגור אַריינצו־פירעסן אין שניי?

און ווען בערמאַן האָט געבראַכט צו די פרענקלס, צו זינאַס געבורטס־טאָג, איינע אַ מיס פעלדמאַן, זיין מיטקעמפערין אין סטרייק, וועלכע האָט גאַנץ ערלעך און ערנסט קאָקעטירט מיט אים — איז גערטרוד שוין אויי־סער זיך...

(מיס פעלדמאַן, אַ היימישע גימנאַזיסטקע, וועלכע איז דאָ געוואָרן אַ שאָפּ־מיידל, איז געווען די פאַרזיצערין וואָס פלעגט עפענען די סטרייק־מיטינגען. איר רעדן איז געווען ווי מיט בייטשן געשמיסן איבער באַקעטע לייבער:

— רויבער! בלוטזויגער! שקלאַפּנטרייבער! מענטשנפרעסער!

דער עולם פּלעגט זיך באַלעקן פון די פעטע פאַרבלוטיקטע ווערטער.

בראַוּערמאַן פּלעגט צושטעלן די אַרטילעריע — וועגן סאָציאַליזם, קלאַסנקאַמף, קאַרל מאַרקס, פרידריך ענגעלס, ראַבעספּיער און סאָציאַלע רעוואָלוציע. דער עולם פלעגט מיט שטאַרקן דרך ארץ אויסהערן די שווערע ווערטער, און בלייבן רואיק אויף די ערטער. — ערשט בערמאַנס נבואה־רייד פּלעגן אים ברענגען אין באַוועגונג.

מיס פעלדמאַן, דערזעענדיק איר באָס בערנשטיין, האָט זיך אַפילו צום טיש ניט צוגעזעצט: — זי מיט איר באָס ביי איין טיש? — און זי איז דעמאָנסטראַטיוו אַנטלאָפן, אַ קלאַפּ טוענדיק מיט דער טיר — צו דער גע־פלעפקייט פון אַלע פאַרזאַמלטע, אויסער בערנשטיינען, וועלכער האָט די מיס פעלדמאַן גוט געקענט.

גערטרוד, זעענדיק בערמאַנען אַ צעטומלטן, מאַכנדיק אַ באַוועגונג, ווי נאָכצולויפן דער מיס פעלדמאַן — האָט עס גאָר אַנדערש פאַרשטאַנען. אַ, זי ווייסט עס אים קיינמאָל ניט מוחל זיין — „פויער!" — האָט זי אים אַריינ־געשליידערט אין פּנים אַריין, מיט אַ מינע, ווי אַלץ וואָלט געווען געענ־דיקט צווישן זיי.

צוליב גערטרודן, איז בערמאַן געבליבן ביים טיש, אַ פאַרקלעמטער און אַ שטומער. און זיין שכן ביים טיש איז גראָד געווען בערנשטיין, וועל־כער האָט זיך געמיט צו זיין העפלעך און קאָרעקט. בערמאַן איז געזעסן אַ צוגעשמידעטער צום טיש, אַ געדעגטער דורך גערטרודס האַלטונג.

פויער! — אָט דאָס איז זי די אַריסטאָקראַטקע! — און ער זינקט פון עקסטאַז אין פאַרצווייפלונג אַריין. ער האָט ניט געוואוסט, אַז פויער איז ביי גערטרודן אַ קאָמפּלימענט. דאָס איז איר קינדיש־מיידלשער טרוים געווען צו זיין דאָס ווייבעלע פון אַ ריטערלעכן פויער — אַ פאַרשטעלטן לאַענגרין.

און ווען גאַבריעל האָט זיך באַוויזן, איז געקומען בערמאַנס ריי אַריינ־צופאַלן אין גרימצאָרן, וואָס האָט אויך געדאַרפט מאַכן אַ סוף צווישן אים און גערטרודן.

עפּעס איז ער אָן אַ פאַרוואָס געדרייצט געוואָרן דורך גאַבריעלן, וועלכער איז קענטיק געווען דער ערנגאַסט פון דער גאַנצער סוויטע, צוציענדיק צו זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, און וועגן וועלכן ער, בערמאַן, האָט שוין געהערט, אַז דאָס איז אַ פּרויען־העלד און אַן אַמאַליקער קאָפּ פון דער באַוועגונג.

און געריצט איז ער געוואָרן אַן אַ פאַרוואָס דורך גאַבריעלן, ווייל געשפּירט האָט ער מיט עפּעס אַ זעקסטן חוש אַ געוויסע אָנגעשטרענגקייט צווישן גאַבריעלן און גערטרודן. עפּעס איז פאַרגעקומען אָדער געזאָלט פאַרקומען צווישן זיי. וואָס? — דאָס האָט בערמאַן פּונקט אַזוי שלעכט געטייטשט, ווי גערטרוד זיין צעטומלטקייט בשעת מיס פעלדמאַנס אַנטלויפן.

פּונקט, ווי ער האָט ניט געוואוסט, אַז פויער אין גערטרודס מויל איז אַ האַלבער קאָמפּלימענט, האָט ער אויך ניט געקאָנט וויסן, אַז אַ ווילדע פריער האָט גאַבריעל, אַפּוואַרטנדיק, ווען גערטרוד איז געווען אַליין, אין אַ וויטן צימער, געוואָלט טאָן מיט איר, וואָס ער איז געוויינט געווען צו טאָן מיט אַנדערע פרויען, יונג און אַלט. ער האָט שוין געהאַט באַשלאָסן, אַז אַזוי ווי די מאַמעס האָבן זיך שוין אויסגעשפּילט, וועט ער זיך נעמען צו די טעכטער — איצט, ווען ער איז אַ באַרימטער אָפּערע־זינגער, נאָר וואָס פון בערלין, וועלן די יונגיטשקע אויך פאַלן פאַר אים, ווי אַמאָל די מאַמעס. ער האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אויסגעפּרואווט זיין מעטאָד אויף זיבאַן, און עס האָט געאַרבעט. האָט ער דאָ אויך, פראָסט און גראָב און חוצפּהדיק, אָן שום פאַררעדעס, נאָר מיט די ווערטער: — זיי ניט קיין דומקאָפּ און שריי ניט! — גענומען זיך שטרעקן צו איר. אָבער דאָ איז געשען, וואָס נאָך קיינמאָל ניט: גערטרוד, אַנשטאָט נאָכצוגעבן, האָט אַריינגעלאָזן אירע שאַרפע שפּיציקע נעגל אים אין באַקן אַריין — ער האָט אַזש אויסגעשריען פאַר ווייטיק, און איז גלייך אַרויסגעלאָפן וואַשן און פּודערן זיינע וואונדן.

איז ער דאָ איצט געזעסן אַ בערוועזער, נאָך אַלץ ניט האָבנדיק גע־קומען צו זיך פאַר איבערראַשונג.

וועלנדיק ברעכן דאָס שטומעניש פון די צוויי — בערמאַנען און גאַב־ריעלן — האָבן די אַרומיקע פאַרפירט אַ געשפּרעך, מיט דער בפירושדיקער כוונה אַריינצוציען דעם „ווילדן מענטש" בערמאַנען אין אַ דיסקוסיע, אַלס אַ כיבוד פאַר זייער ערנגאַסט: אַנו, גאַבריעל, קוק נאָר אָן דעם טשיקאַוון פּראָדוקט!

און די צוויי האָבן ווי געפּילט, אַז זיי זיינען אַנטיפּאָדן: פּונקט ווי בערמאַן איז געווען אַ גלויבנס־שיכור, איז גאַבריעל געווען די פאַרקער־פערונג פון אַנטי־גלויבן. די צוויי האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן איינער אויפן אַנדערן, ווי זיי וואָלטן איינס דאָס אַנדערע געוואָלט אויפעסן לעבעדיקער־הייט. בערמאַן האָט גערעדט פון זיין מיסטישן גלויבן אַרויס — אַפילו פון דער סימבאָלישער באַדייטונג פון דער סוכה האָט ער גערעדט — אויף וואָס גאַבריעל האָט געענטפערט מיט אָפענע שפּאָס און חוזק, פון אויבן אַראָפּ:

יונגע! — און נאָך פּראָסט־פּשוטער: איזיל קאָפּ! — שוין ניט דאָס צערט־לעכס „דומקאָפּ!" וואָס ער האָט געהאַט פאַר יונגע פרויען.

מיט בערמאַנען אַלס קאָנטראַסט, ווערט ערשט קלאָר, אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער סעקרעט פון גאַבריעלס ווירקונג: זיין אומגלויבן איז אויך געווען אַ מין גלויבן — אַ פּרינציפּיעלע ליידנשאַפטלעכע פאַרלייקע־נונג פון אַלץ, וואָס רוט אויף גלויבן, נשמה. ער איז געווען דער בול, וואָס האָט געוואָלט אַלץ איינשלינגען אין זיין לײדיקייט. דער האַר פון גאַר־נישט. איז ער אַן אַ „פאַרוואָס" — בלויז מיט דעם כוח פון „גאַרנישט" פאַררעכנט געווען פאַר אַ העלד — פון די ווייבער, וואָס דאַרפן אַנטציקט ווערן, איידער זיי גיבן זיך אונטער.

פנים אל פנים מיט זיין אַנטיפּאָד (ריכטיקער: מיט זיינע אַנטיפּאָדן — בערמאַן און גערטרוד), האָט גאַבריעל דערפילט זיין אייגענע ספערע, ווי נאָך קיינמאָל ניט; און געמיינט האָט ער, אַז ער וועט דאָ האָבן זיין העכסטן טריאומף; ער האָט ניט חושד געווען, אַז אָט דאָס באַגעגעניש איז דער אָנהויב פון זיין מפּלה; פון היינט אָן און ווייטער וועט ער גיין צו זיין רואינירונג — ווי עס איז אַלעמאָל דער פאַל, ווען דער טייוול קוקט אָן זיין היילִיקן קעגנזאַץ.

און אויב בערמאַן, אין שאַרפער זעלבסטדערקענטניש, האָט געלאָזט פריי אַרויסלויפן זיין פאַרשטיקטן פּראָטעסט, וואָס האָט זיך געזאַמלט אין אים דעם גאַנצן אָוונט — דעמאַסקירנדיק און פאַרדאַמענדיק בערנשטיינען און זיינע סאָציאַליסטישע פריינט, מיט דעם סאָציאַליסטישן פירער פרענקל בראש, וואָס חברט זיך מיט אים — און קרויוענדיק דעם סקאַנדאַל, איז ער אויפגעשפרונגען, מיטשלעפּנדיק מיט זיך דעם טיש, אַן וועלכן ער האָט זיך געקלאַמערט, איבערקערנדיק דאָס געשיר, מיט די גלעזער ווײַן — און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, און איז פאַרשוואונדן, און מער האָבן זיי אים ניט אָנגעקוקט — גערטרוד אויך ניט...

אַזוי, אַז דער געבורטסטאָג פון זיין טאָכטער איז פאַר פרענקלען פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָג פון רעכענונג. דער קאָמפּראָמיס, אויף וועלכן זיין נשמה האָט איינגעדרעמלט, איז פּלוצלונג געשוואָלן געוואָרן און האָט געפּלאַצט; ער, וועלכער האָט זיין לעבן אָפּגעגעבן אין דינסט פון סאָציאַ־ליזם — אַ לעבנס חבר פון אַן אַרבעטער שונא, אַ בלוט־פאַרגיסער, וועל־כער מאַסקירט זיך אַלס אַ סאָציאַליסט...

דער טאָג פון רעכענונג איז געקומען. פרענקל האָט גענומען צאָלן, און מיט אים דער גאַנצער קרייז: גאַבריעל, מיס פינק...

2

אויך די מפּלות פון די גלויביקע זיינען נצחונות

דאָס איז אַ געשיכטלעכע און אויך טאָג־טעגלעכע געשעעניש:

נאָכדעם, ווי בערמאַן איז אַנטלאָפן פון פרענקלס הויז, איבערקערנדיק דעם יום־טובדיקן טיש, איז ער אַוועק צו די אַרבעטער, און האָט זיי אויפגערודערט און אויפגעשטורעמט מיט דעם געשריי: „פאַרראַט"! — פאַרראַט אין אייערע אייגענע רייען! אייערע פירער חברן זיך מיט אייערע באָסעס! פאַררעטער האָבן אייך אויסגעליפערט צום שונא!

מיס פעלדמאַן, אינטערגעפייערט פון איפערזוכט צו גערטרודן, האָט אים אונטערגעהאָלפן, און אייך... ווילק — אָט דער, וואָס ביי בערמאַנען איז געווען אַ זיכערער געפיל, אַז ער האָט אָנגעוויזן די „שטאַרקע" אויף אים — אים צו ממיתן... אָט דער חצי סטרייקער, חצי גענגסטער, האָט זיך גאָר מחיה געווען מיט דעם געשריי: פאַררעטער!

פאַררעטער? — לאָזט אים! נידער מיט די פאַררעטערישע פירער! — דערמיט האָט ער אַראָפּגענומען פון זיך יעדן חשד. און פאַרשטאַרקנדיק בערמאַנס נביאישן פּראָטעסט מיט זיין דעמאַגאָגישן פּראָטעסט, בערמאַנס האַרץ מיט זיין קולאַק, האָט ווילקן די אויפגערעגטע מאַסע געפירט צו דער רעדאַקציע פון „ליכט", און ער, דער ערשטער, האָט געוואָרפן דעם שטיין. — און די מאַסע, אַ גליקלעכע, אַ גליקלעכע דערמיט, וואָס זי האָט געפונען די שולדיקע, אויף וועמען אויסצולאָזן איר צאָרן, האָט צעשמעטערט טיר און פענצטער אין דער „ליכט"־רעדאַקציע.

דאָרט האָבן זיך דעמאָלט געפונען פרענקל און זיין ליבלינג בראַווערמאַן. פרענקל, אַ געפייניקטער פון זיין אומשולדיקער שולדיקייט, האָט זיך ניט געוואָלט ווייזן פאַר די אויגן פון דער מאַסע. אָבער בראַווערמאַן האָט אויגנבליקלעך אויסגערעכנט, אַז דאָ איז די געלעגנהייט געווען, צו וועלכער מיס פינק האָט אים געגרייט. דורך אַ הינטער טיר איז ער אַרויס צו דער מאַסע, און אויפן וואונק האָט ער געמאַכט יד אחת מיט ווילקן, און אויפן אָרט איז געשאַפן געוואָרן די נייע פירערשאַפט, וועלכע האָט איבערגענומען די אָנפירערשאַפט מיטן סטרייק.

די חכמה פון דער נייער פירערשאַפט איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אויב „שטאַרקע" זיינען גוט פאַר די באָסעס, זיינען זיי אויך גוט פאַר די אַרבעטער; און סקעבס זיינען געממיתט געוואָרן פונקט ווי פריער די פיקעטס, און דער סטרייק איז געוואונען געוואָרן, און אַ יוניאָן איז גע־

גריבדעט געוואָרן — אונטער די נייע פירער — דעם קאַריערׅיסט בראָוּוער־מאַן און דעם בלאָטן נפש ווילק.

און פרענקל? ווען דער טומל איז אַריבער, און די מאַסע האָט פאַר־געסן קעגן וועמען זי האָט נאָר וואָס געשטורעמט, האָט בראָוּוערמאַן אַרייב־געגעבן שכל ווילקן, אַז פרענקלען קאָן מען אויסנוצן; מען קאָן מיט אים פאַרפּוצן די ימים טובים; זאָל ער זיך דרשענען סאָציאַליזם מיט שיינע פראַזן; די מאַסע האָט עס ליב. אָבער צו ווירקלעכע דעה ניט צולאָזן. מיט דער פּאַקטישער פירערשאַפט און מיט דעם לוין אין ממתקים וועלן זיי זיך ביידע טיילן.

און פרענקל האָט אויך דערמיט שלום געמאַכט, ווי ער האָט אַמאָל שלום געמאַכט מיט די סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געוואָרן באַסעס. און אַלץ צוליב די אינטערעסן פון דער באַוועגונג, ווארום ווי קאָן ער זיך אָפּטיילן פון דער באַוועגונג? — פרענקל איז געבליבן דינען אַלס „געווויסן”, אַלס „שיינדל” ביי דער בראָוּוערמאַן־ווילק־קליקע, כדי וויפיל ניט איז צו פאַרשענערן איר מיאוס אויסזען.

און בערמאַן? — ער האָט ניט שלום געמאַכט. ער איז אַוועק. ציני־קער און טייגעניכטסן האָבן אים געירשנט. זיי האָבן געירשנט סיי פרענק־לען, סיי בערמאַנען. נאָר אין פאַרגלייך מיט דער ירושה, וואָס בערמאַן האָט זיי איבערגעלאָזט, האָבן זיי ביי פרענקלען בלויז גענומען די פראַזע. אָבער בערמאַנס נשמה, האַרץ און גלויבן זיינען אַריינגעמויערט געוואָרן אין פונדאַמענט, אויף וועלכן די אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אויסגע־בויט.

זיין נשמה איז געוואָרן חומר, זיין מעשה איז געוואָרן ווירקלעכקייט. זיין מפלה איז זיין נצחון געווען: אַ יוביאַן איז געגרינדעט געוואָרן. און ער איז פּטור און פריי. ער דאַרף זיך אַוועקלאָזן זאַמלען נייע נשמה און נייע מעשה.

ציניקער ירשענען אים און וועלן אים ירשענען. אַזוי וועט אַלעמאָל זיין. דאָס איז זיין באַרוף. אָבער אַפילו זיינע מפלות זיינען נצחונות. דע־רויף איז ער געשיקט געוואָרן. ער איז דער צושטעלער פון דער נשמה־מעשה, וואָס אויף אירע דינע פעדעם ווערט חומרדיקע ווירקלעכקייט אַרויפגעקנאָטן.

דאָס לעבן באַוועגט זיך אויף צווי פלעינען: אויבן איז נשמה־מעשה און לעגענדע; און אונטן איז פּאַקטישע, נאַטירלעכע לעבנסווירקלעכקייט. די פון דער אויבערשטער פלעין לאָזן זיך פון צייט צו צייט אַראָפּ אויף דער אונטערשטער פלעין, כדי צו פאַרזוכן דעם טעם פון דער טראַגעדיע,

וואָס גיט זיי ווידער אַ הויב אין דער הויך, וואָס גיט זיי שוואונג און אימפּעט אַרויפצוכאַפּן זיך צוריק אויף דער אויבערשטער פּלעין — בייס לעבנס־מעשה צו שפּינען — בערמאַן געהערט צו דער אויבערשטער פּלעין.

פאַראַן נאָך אַ דריטע פּלעין, אַ צווישן־פּלעין, צווישן מעשה און ווירקלעכקייט — דאָס איז די פּלעין פון די פרענקלס, מיטן שפּיץ קאָפּ אויף דער אויבערשטער פּלעין; און מיט לייב און לעבן אויף דער אונטערשטער. זיי האָבן אויך זייערע טראַגעדיעס — זיי צאָלן טייער פאַר זייערע קאָמפּראָמיסן מיט לאַנג דויערנדיקער גסיסה — מיט גהינום, וואָס זיי טראָגן אַרום אין זיך.

מיר האָבן נאָר וואָס געזען, ווי ער האָט געצאָלט פאַר זיין קאָמפּראָמיס מיטן באַסישן סאָציאַליזם. נאָך פריער האָט ער גענומען צאָלן פאַר זיין קאָמפּראָמיס מיט פרייער ליבע.

מיט אַ פּאָר אָוונטן פריער פאַר איר געבורטסטאָג פייערונג האָט פּאַסירט, אַז זינאַ איז איין נאַכט ניט געקומען אַהיים שלאָפן. אין אָוונט איז זי אַוועק מיט בראַוועערמאַן און גאַבריעלן זיך גליטשן. אַ גאַנצע נאַכט האָבן פרענקל און ליזאַ, די ראַדיקאַלע טאַטע־מאַמע, די פּראָפּאַגאַנדיסטן פון פרייער ליבע, אַן אויג ניט צוגעמאַכט. און פאַרטאָג, ווען זינאַ האָט זיך אומגעקערט, און זיי האָבן זי גענומען אויפן פאַרהער, האָט זי אָפּגעענטפערט כהלכה: יאָ, זי האָט איבערגענעכטיקט מיט גאַבריעלן, און טוט איר וואָס...

פון גליטש זיינען זיי געפאָרן זאַלבעדריט: זינאַ, בראַוועערמאַן און גאַבריעל. בראַוועערמאַנען האָט גאַבריעל פון מיטן וועג משלח געווען. — און דו זינאַ, וועסט דאָך גיין מיט מיר אין האָטעל? — און זי האָט געענטפערט: יאָ! — וואָרום ווי האָט זי געקאָנט ענטפערן: ניין! — אַז ניט לאַנג צוריק האָט זי דאָך אַליין אַזאַ געלעגנהייט געזוכט מיט בראַוועערמאַנען און בערמאַנען?

אָבער כאָטש מיט פּרעטענזיעס אויף אויסערגעוויינלעכקייט, איז זי געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע מיידל און איז גאָר גיך געוואָרן אַ וואויל ווייבל. איינמאָל האָט גאַבריעל זי גענומען, איז זי זיך פאַרגאַנגען אין התפּעלות פאַר דעם גרויסן קינסטלער, וואָס האָט איר אָנגעטאָן אַזאַ כבוד, און איז אַפילו באַלד פאַרגאַנגען אין טראָגן אויך — צו גאַבריעלס גרויסער אַנטריסטונג — און זינא איז געוואָרן זיין מעטרעסע, זיין קעבסווייב, און זיין ווייב.

און פרענקל און ליזאַ האָבן געמוזט פאַרבייסן די ליפּן און שווייגן — געמוזט אַפילו אַ פריילעכע מינע מאַכן צום טרויעריקן שפּיל.

און אַפילו די, וואָס געפינען זיך גאָר אויף דער אונטערשטער פלעין, האָבן זייערע טראַגעדיעס — די טראַגעדיע פון לייבער, וואָס האָבן זיך אַליין באַרויבט פון נשמה. לייבער, אויסגעליידיקטע פון נשמה, פילן כסדר אַ שטומען אומבאַוואוסטן הונגער נאָך נשמה. זיי שטאַרבן אַ לאַנגזאַמען לייבלעכן טויט, וואָס דאָס קאָן זיך פאַרענדיקן מיט אַ פּלעצלעכער מיתה משונה.

מיט אַזאַ טראַגעדיע באַגעגענען מיר זיך אויך אין ראָמאַן — די טראַגעדיע פון מיס פינק.

די פאַרעלטערטע שיינקייט מיס פינק, מיט יאָרן צוריק אַ פאַרבראַקירטע פון ד"ר מינדלינען, און איצט געבראַקירטע אַפילו פון אירע מיט־דערוועטיקערע דור־געגנאָסן, האָט געפּרואווט, ווי מיר ווייסן, ווערן חבר מיט דעם שנעק בראַוערמאַנען, וועלכער איז געווען מיט אַ יאָר צוואַנציק ייִנגער פון איר, און יענער, ווי מיר ווייסן, האָט עס געהאַלטן פאַר נוצלעך צו „באַמאַנען" זי פאַר דער צייט, וואָס זי האָט אים מדריך געווען אין דער טעאָריע און פּראַקטיק פון „פירערשאַפט" — ביז יענער האָט גראַדואירט פון אירע הענט, ביז אים איז געלונגען צו פאַרכאַפּן פּרענקלס פּאָזיציע אין דער באַוועגונג.

דעמאָלט טוט ער איר אָפּ, וואָס ד"ר מינדלין פאַר צוואַנציק יאָרן; ער איז זי משלח, באַשליסנדיק חתונה צו האָבן פאַר אַ תכלית.

איין מיאוסן פרימאָרגן — מסתמא האָט זיין אויג שוין געכאַפּט אַ פּראָספּעקט אויף אַ רייכע כלה — האָט ער דער מיס פינק גראָב און פראָסט און האַמעטנע אַ שליידער געטאָן אין פנים אַריין, אַז עס איז אויס צווישן זיי.

פּראָטעסטירן האָט זי ניט געקאָנט, ניט געטאָרט — פרייע ליבע איז פרייע ליבע! — האָט זי געגומען אויסלאָזן איר כעס אין בייזע פּאַראיבלס אויף אירע אַמאָליקע יוגנט־פריינט — אַלע, אַלע זיינען זיי קליינבירגער געווען — מאַנעלעך און ווייבעלעך! — בעת איר אייגן הערצל איז אויסגעגאַנגען נאָך דעם דאָזיקן ביסל קליינבירגערלעכקייט — די מיזעראַבעלע טראַגעדיע פון אַ לייב, וואָס איז הויל, נשמה־ליידיק ווייב און הונגערט נאָך אַ טראָפּעלע זאַפטיקייט — אַ קליין אָרים טראַגעדיעלע פון אַ ווייבעלע, וואָס מישט איר ווייבערישקייט מיט אידייע, פרייע ליבע מיט אַרבעטער־באַוועגונג, אַן עמאַ גאָלדמאַן אין מיניאַטור־מאַסשטאַב — אַ פאַרצויגענע מאַטערניש, וואָס קאָן פונקט אַזוי פּלוצלונג איבערגעריסן ווערן.

די מיס פינק איז שוין אויסגעשפּילט; זי וועט שוין צו זיך ניט קומען; זי וועט ענדיקן שלעכט.

וואָס דאַרפט איר מער? אַפילו גאַבריעל, דער אונטערערדישער, וואָס

זיין נשמהקעלע האָט זיך געבאַבערעט אונטער יעדן פלעין — אַפילו גאַבריעל האָט זוכה געווען צו זיין חלק טראַגעדיע.

גאַבריעל איז באַשיינפּערלעך געגאַנגען דעם וועג פון ירידה. דאָס באַגעגעניש מיט דעם „אייזלקאָפּ" בערמאַן (אָדער מיט דער „דומקאָפּ" גער־טרוד — וואָס דאָס איז אַלץ איינס: ביידע איין לעבעדיקער פּראָטעסט קעגן זיין גראָביאַנסקן ציניזם — אויף דעם ווייבערשן לשון: דעמאַניזם) — דאָס באַגעגעניש איז אים ניט מזלדיק געווען.

אַנהויבנדיק דערפון, וואָס אַזוי גיך זיין נאָמען איז דערמאָנט געוואָרן אין „ליכט", אַלס די הויפּט־קראַפט אויף אַ באַוועגונגס־קאָנצערט, האָט ביים אַריינגאַנג צו פיינמאַנס הויז אים אָפּגעוואָרט אַ יונגערמאַן, וועלכער אַזוי גיך גאַבריעל האָט זיך באַוויזן, איז ער אים געפאַלן אויפן האַלדז מיטן אויסגעשריי: „טאַטע!"

דאָס איז געווען דער זון פון דער מיידל, וועלכע ער האָט איבער־געלאָזט מיט אַ קינד, ווען ער איז אַוועק קיין בערלין שטודירן אָפּעראַ — דער מיידל, מיט וועלכער ער האָט געהאַט פאַרראַטן די מאַדאַם פיינמאַן, די געליבטע פון זיינע בלי־יאָרן, פאַר יענער אין די אויגן.

— טאַטע! — גאַבריעל האָט מיט עקל אים אָפּגעשטויסן פון זיך, ווי מען שטויסט אָפּ אַ קרעציקן הונט. און הויך אויסשטרעקנדיק זיין גע־קרייזלטן קעפּעלע, איז ער מעשה טריאומפירנדיקער דעמאַן אַרויף צו די פיינמאַנס, זיך אויסצובאַריימען מיט זיין דעמאַנישער העלדעשקייט.

אָבער דער יונגערמאַן קענטיק האָט זיך שרעקלעך באַליידיקט. — די אַלע יאָרן מסתמא האָט די מאַמע זיינע אים געזונגען אָפּערע וועגן זיין פאָטער, דעם באַרימטן אָפּערע־זינגער גאַבריעל. און דער יונגערמאַן קענטיק איז געווען אַן עקשן, און מיט אַ פּרייזפייטערס יושר אין האַרצן, האָט ער טעג געלויערט מיט געביילטע פויסטן, אַנטקעגן פיינמאַנס הויז, ביז פיינמאַן האָט זיך ביי דעם יונגענמאַן איינגעבעטן, ער זאָל דערווייל זיין טאַטן אָפּלאָזן — ער, פיינמאַן, וועט שוין זען אַלץ גוט מאַכן.

אָבער דער „דעמאַן" אין גאַבריעלן, איז שטאַרק איינגעשרומפּן גע־וואָרן פאַר שרעק, ווען ער האָט די אַלע טעג ניט געוואַגט צו פאַרלאָזן פיינמאַנס הויז.

און נאָך ערגערס האָט פּאַסירט: ווען פיינמאַן איז געוואויר געוואָרן, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן גאַבריעלן און גערטרודן, אין אַ ווייטן צימער פון פרענקלס הויז, יענעם אָוונט, צו זינאַס געבורטסטאָג־פייערונג — אַז גאַבריעל האָט געוואָלט טאָן צו זיין טאָכטער, וואָס ער האָט אַמאָל גע־טאָן צו איר מוטער — האָט פיינמאַן אים אָנגעכאַפּט ביי די לאַצן, אַראָפּגע־

שלעפט פון אַלע טרעפּן, פאַרהאַקט אים די טיר פאַר דער נאָז און אים פאַרווערט נאָך אַמאָל צו קומען.

און נאָך ערגער: די וואונדן, וואָס גערטרוד האָט אים יענעם אוונט מיט אירע שפּיציקע נעגעלעך אין נאַקן געמאַכט, זיינען אים ניט אָפּגע־גאַנגען גלאַט. צי די פּודרע, מיט וועלכע ער האָט באַשאָטן די וואונדן, איז געווען שמוציק — זיין בלוט איז פאַרסמט געוואָרן. ער האָט גענומען קרענקלען און קרענקען, און אָפּליגן וואָכן נאָכאַנאַנד אין די האָספּיטעלער.

און דאָס ערגסטע פאַר אים: זוען ער האָט געדאַרפט אויפטרעטן אין דער אָפּערע, אין דער טרופּע, פאַר וועלכער ער איז ספּעציעל אויסגע־שריבן געוואָרן פון בערלין, איז ער באַפאַלן געוואָרן פון אַזאַ בינען־פיבער, אַז ער האָט דאָס מויל ניט געקאָנט עפענען. וויפיל זיין מענעדזשער האָט אים ניט געמינטערט, איז געווען אומזיסט. זיין גאַנצע זעלבסטזיכערקייט, מיט וועלכער ער האָט אַזוי בראַווירט — „גרעפינס און פּרינצעסינס פלעגן פאַלן פאַר אים, באַצוויבערטע פון זיין העלדישן שטעל אויף דער בינע!" זיין גאַנצע טעאַטראַלישע זעלבסטזיכערקייט איז ווי אויסגערונען געוואָרן, און עס איז געוואָרן אויס אָפּערע פאַר גאַבריעלן...

פון די אַלע קלעפּ איז ער אַזוי דערשלאָגן געוואָרן, אַז ער האָט אפילו ווי געהעריק ניט געקאָנט פּראָטעסטירן, ווען די קינדלדיקע זינאַ איז אַ צווייטן מאָל פאַרגאַנגען געוואָרן...

דער אַנגעבלאָזענער פּענכער האָט געפּלאַצט. און דאַכט זיך, וואָס האָט אים בערמאַן געטאָן? — בלויז אָנגעקוקט. און וואָס האָט אים גער־טרוד געטאָן? — בלויז אַ גראבל געטאָן. אָבער דער קוק און דער גראבל האָבן געמאַכט אַ לעכעלע אין פּענכער. און עס האָט זיך באַשטעטיקט, אַז דער דעמאָן איז טאַקע ניט מער ווי אַן אָנגעבלאָזענער פּענכער — דער האַר פון גאַרנישט.

אָט אַזוי איז עס, ווען אַ נייער דור טרעט אַרויף אויף דער סצענע — זיי פאַרטרייבן גלייך די אויסגעשפּילטע העלדן...

בערמאַן איז פאַרשוואונדן פון ניו־יאָרק, איבערלאָזנדיק גערטרוד מיט איר ליבע צו אים. דערווייסנדיק זיך דעם אמת, אַז זיין צעטומלטקייט אויף יענעם אָוונט איז ניט געווען צוליב דער מיס פעלדמאַן, נאָר צוליב דעם באָס־סאָציאַליסט — אַרבעטער־שונא בערנשטיין — איז זיין געשטאַלט אַלץ לויטערער געוואָרן פאַר איר. דער „פּויער", דער פאַרשטעלטער לאַנגריז, איז געוואָרן די ליכטיקע זעאונג פון אירע אויגן. דער קרייז — די פּריינט

פון אירע עלטערן — איז געוואָרן נאָך פאַרהאַסטער צו איר. פלעגט זי זיך פאַרשפּאַרן אין איר ציכטיק־ליכטיקן חדרל, און נאָכפּאַלגן און נאָכשפּירן און אַרומזוכן בערמאַנען מיט אירע פינגער, וואָס האָבן אויסגעקלאַפּט איר בענקשאַפט אויף די פּיאַנע־קלאַווישן.

און בערמאַן אויף זיינע וואַנדערונגען, האָט געלייטערט איר געשטאַלט אין זעאונגען וואָס האָבן זיך געשפּונען פאַר זיינע אויגן דורך טעג און נעכט, צונויפגעוועבטע מיט זעאונגען, וואָס האָבן דערציילט די צוקונפט־מעשה פון זיין לעבן — די נבואה־מעשה אויף אים אַליין, אויף זיין פאָלק, אויף אַמעריקע און אויף דער וועלט.

„זשורנאַל שיקאַגאָ", 1933.

י. אַפּאַטאָשו

1

געשלעכט־שפּראַך

פאַראַן מענטשן געשלעכטלעך־רעדעוודיקע און געשלעכטלעך־שטומע.

עס טרעפט זיך אַן „ער" מיט אַ „זי" און עס פאַרבינדט זיך צווישן זיי אַ לעבעדיקער געשפּרעך; און אָט איז אַן אַנדער פּאָר, קענען זיי קיין צוויי ווערטער ניט אַרויסרעדן. עס קלעפּט זיך ניט קיין שמועס; אָט הויבט ער אָן, אָט הויבט זי אָן, אָבער די ווערטער פאַנגען ניט איינס דאָס אַנדערע, רייסן זיך איבער און בלייבן הענגען...

אָבער מענטשן מיט לשון פאַרשטייען זיך אויפן וואונק; באַגעגענען זיך און ווערן אָנגעצויגן; זיי רעדן שוין, אײדער זיי האָבן אַ קלאַנג געלאָזט הערן.

פאַראַן אַ רייכע געשלעכט־שפּראַך, אַ בלומען־שפּראַך; זי שמעקט, און קאָן באַנומען ווערן מיט ציטערנדיקע נאָזלעכער. פאַראַן אַ האַרטע, שאַרפע, קלוגע שפּראַך; און פאַראַן אַ חנעוודיק פּיפּטשן, ווי ביי אַ פאַרליבט פייגעלע. גייט אין גאַס און קוקט זיך איין אין די פּנימער פון אייער קעגנערישן געשלעכט, וועט איר מערקן, אין וויפל פאַרשידענע טענער עס רעדט זיך די געשלעכט־שפּראַך, און לייכט וועט איר אויסגעפינען, אַז אין אַלע פאַלן זיינען דאָס אונטערשטע טענער. נישט דער שכל, נישט דער קאָפּ, נישט די לאָגיק רעדט דורך זיי, נאָר דער אינסטינקט, דער וואָס קומט אומגעבעטן און גייט אָן דערלויבעניש. דער טאַלאַנט פון געשלעכטלעכן בעל דברן איז אין דעם, וואָס ער קאָן נאָר האַלטן דעם אונטערשטן טאָן פון אינסטינקט. דער געשלעכטלעכער שלימזלניק — אָדער ער קאָן נישט באַווייזן נאָכצויאָגן דעם אינסטינקט, אָדער ער פאַרלויפט אים דעם וועג. זיינע ווערטער זיינען אָדער פריצייטיקע, אָדער פאַרשפּעטיקטע. זיי טרעפן קיינמאָל נישט דעם ריכטיקן טאָן.

אַפּאַטאָשו האָט פיינט דעם געשלעכטלעכן שלימזלניק און האָט ליב דעם בעל־דברן. ער אַליין איז מבין בלשון.

פונקט ווי זיינע ליבלינגס העלדן, וועלכע רעדן אַ פול־געשלעכטלעכע

שפּראַך. דער וואוילקענעוודיקער אין הלכות געשלעכט איז ביי אים די מאָס פון מענטשן. באַגעגענט ער אַ מענטשן, מעסט ער אים גלייך אָפּ מיט דער געשלעכטלעכער מאָס, און אַזוי רעקאָמענדירט ער אים פאַר אונדז אָפּ. די פולע מאָס האָלטן ביי אים זאַנוויל, אין „ראָמאַן פון אַ פערד גנב", וועלכער גנבעט פערד פון די שטאַלן און מיידלעך פון די בעטן; פּאַליא — אַ מיידעלע פלאַם־פייער פון ניו־יאָרק. פאַראַן ביי אים האַלב און פערטל־קענעוודיקע, וואָס האָלטן אַ האַלב און אַ פערטל מאָס, אָבער איגנאָראַמוסן זיינען ביי אַפּאַטאָשון גאָר נישטאָ. דער ערגסטער איז ביי אים דער עקל־האַפטער געשלעכט־שטאַמלער, ווי דער העלד פון זיין נאָוועלע, וואָס דרוקט זיך אין „דעטראָיטער וואַכנבלאַט" — „אין אַ קליין וועלטל".

זאָגט נישט, אַז אַפּאַטאָשו איז גלייכגילטיק צו זיינע העלדן; וויבאַלד ער האָט אַ מאָס פאַר זיי, האָט ער זיי שוין אָפּגעשאַצט. דאָס איז אַ טייערע מאָס, זי מעסט אָפּ דעם עיקר פון מענטשן. און ווייסט איר דעם געשלעכט־לעכן ווערט פון אַ מענטשן, ווייסט איר זיין ווערט פאַר אַלע אַנדערע זאַכן.

דער עיקר פאַר אַפּאַטאָשון איז צירקולירנדיקע בלוט, רוישנדיקע געבליטן, וואָס צייטנווייז גיבן זיי אַ גאָס אין אַ שטראָם און טראָגן אַוועק די נשמה מיטן האַרץ, מיט לייב און לעבן.

בלוט־באַוועגונג איז אַנשטעקיק און רופט זיך אָפּ אויף אייך, צי איר ווילט צי נישט. טראַכט אויס, וואָס פאַר אַ בלבול איר ווילט אויפן ראָמאַן פון אַ פערד־גנב, אָבער איר קענט זיך נישט העלפן; איר זיינט פאַרפירט געוואָרן פון זאַנווילן, פונקט ווי דאָס חסידיש קינד רחל. איר קענט שוין פון אים נישט אָפּטרעטן. איר שוואַרצט מיט אים קאָנטראַבאַנדע איבערן גרענעץ און ליבע דורכן פענצטער. איר מיאוסט זיך אַפילו נישט אים נאָכצוגיין אין פריילעך הייזל. זאַנוויל פירט אייך אַראָפּ פון גלייכן וועג און איר זיינט אים דאַנקבאַר דערפאַר.

און צוליב פּאַליאַן פון דער „ניו־יאָרקער געטאָ" — אַ ברענענדיקער ספּירט אין דער געשטאַלט פון אַ מיידל — זיינט איר אַליין גרייט צו שלאָגן זיך אויף מעסערס מיט דעם איטאַליענער, ווען זי ברענט אויס די אויגן מיט איר פייער. עפּעס פאַרמאָגט זי, וואָס מלאכים אין הימל פאַרמאָגן נישט. אַזאַ לעבנס שפּילעוודיקייט. אַזויפיל שטימונגען לויפן ביי איר דורך אין אַ מינוט, זיי לויפן איינע איבער דער אַנדערער און איינע דורך דער אַנדערער און דאָס אָרימע מיידל וואָלט זיך זיכער פאַרפלאָנטערט, ווען נישט איר פיין אינסטינקטל פון אַ קעצל, וואָס קאָן גראַבלען און לאַסטשן גלייכ־צייטיק.

אַפּאַטאָשו קאָן זיך נאָכיאָגן נאָך זאַנווילען, נאָך פּאַליאַן, און בלייבט

נישט הינטערשטעליק. ער ווייסט ביי וואָס זיי אַנצוכאַפּן? ביי די אונ־טערשטע טענער, דורך וועלכע דער נפש רעדט — צו די אינסטינקטן. די אינסטינקטן זאָגן דעם אמת, זיי פאַלשעווען קיינמאָל נישט. פאַראַן אַ וועלט מיט מענטשן, וואָס רעדן בלויז מיט זייערע אויבער־טענער, וואָס הילכן אָפּ מיט דער פוסטקייט פון דעם אויבער־קעסטעלע, וואו זייער מוח איז איינגעשפּאַרט. און טאָמער שטעלט זיי אונטער, איינמאָל אין אַ יובל, דער אינסטינקט אַ פּיסל, קוליען זיי זיך איבער.

אַפּאַטאָשוס העלדן גייען אַלע מאָל זיכער אויף די פיס און די אינ־סטינקטן דינען זיי פאַר וועגווייזער.

וויפל מאָל אַפּאַטאָשון קומט אויס צו דערציילן וועגן זאַנווילען:

„זאַנוויל האָט דערפילט אַ קאַלטן שוידער איבער זיין גאַנץ לייב",

„זאַנוויל האָט דערפילט ווי עפּעס צעגיסט זיך איבער אַלע זיינע גלידער",

„זאַנוויל האָט מיט אַמאָל דערפילט, אַז ווייטער אַזוי לעבן קאָן ער נישט אַז"וו.

ווי שווער עס איז, טונקנדיק די פען אַלע ווילע אין געפילן און נים אַראָפּצושלאָגן זיך פון וועג, נים פאַרלירן די ריכטונג און פאַרבלאָנדזשען... אָבער אַפּאַטאָשו בלאָנדזשעט נישט. ער איז פונקט אַזוי זיכער מיט זיין ריכטונג, ווי זאַנוויל און פאַליא זיינען זיכער אין דעם צוטרויען צום קול פון די אונטערשטע טענער. זאַנוויל און פאַליא שטייען פאַרט פאַר אונדז גאַנצע, נישט געבראָכענע באַשעפעניש. זיין האַנט ווערט אויך גע־פירט פון אַ גוטן אינסטינקט. ער ווייסט, ווי אַרויסצוגאַרן די אינסטינקטן פון זייער באַהעלטעניש און הייסן זיי גיין.

צו זיין ידישן שלימזל, האָט אַפּאַטאָשו געמוזט זוכן מענטשן, וואָס פאַרשטייען זיך אויף דער שפּראַך פון די קאָנטראַבאַנדיסטן און אונטער־וועלט העלדן. זיי זיינען דאָס ביי אונדז די יעניקע, דורך וועמעס פייערדיקע אויגעלעך די אינסטינקטן שטעקן אַרויס זייערע זשעדנע קעפּלעך. אַנדע־רע זיינען ביי דער האַנט נישט געווען צו געפינען. אָבער דאָס מיינט נישט, אַז אַפּאַטאָשו האָט זיך אויף אייביק פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער חברותא. די האָבן אים נאָר געדינט איינצואַרבעטן די האַנט, אָנצוטאַפּן זיין וועג. אין זיין גרויסן ראָמאַן „אין די פּוילישע וועלדער", וואָס האָט זיך געדרוקט אין „אידישן קעמפּפער"*) איז ער צוגעגאַנגען צו אַ קרייז מענטשן, וואָס לעבן אויך פון דער טיפעניש פון זייער נפש אַרויס. דאָס זיינען די חסידים. חסידות איז דאָך אויך איינגעטונקט אין געשלעכט.

---

*) דער ערשטער טייל „אין פּוילישע וועלדער" האָט זיך געדרוקט אין 1915 אין „אידישן קעמפּפער".

2

דערציילטע באַשרייבונג

ווייסן מיר, פון וואַנען אַפּאַטאָשו שעפּט זיין פּאַטאָס: פון דעם אייביקן שמועס צווישן די געשלעכטער. בריהשאַפט ווייזט ער אין אַרויסרעדן אויפן קול דעם שטומען געשפּרעך, וואָס די געשלעכטער פירן צווישן זיך. ער שאַצט דעם מענטשן לויט זיין געשלעכטלעכן שפּראַך־פאַרמעגן. ווער עס האָט אַ רייכע שפּראַך און ווער אַן אָרימע; ווער עס האָט אַ שאַץ־קאַמער און ווער אַ בעטלער־טאָרבע. און רייכע, ווי רייכע, זיינען זשעדנע: ראַבעווען פרעמדע שאַץ־קאַמערן, אונטערהערן פרעמדע שמועסן, גנבענען ווערטער און באַרייכערן זייער ווערטער־בוך. געשלעכטלעכע עשירות איז אין פיל־שפּראַכיקייט; גבירים זיינען שפּראַכן־קענער. און ווי צו די, וואָס לעבן אָפּ אַ לעבן מיט איין אָרימינקער שפּראַך!...

גלויבט אַפּאַטאָשו, אַז די תורה פון דער וועלט איז געשריבן אין געשלעכטס־אותיות; אויף וועמעס פּנים איז אַ גאַנצע פּרשה אָנגעשריבן און אויף וועמעס — אַ שורהלע בלויז, און דאָס אַ האַלב־פאַרמעקטע. און זאָגט אַפּאַטאָשו צו זיינע העלדן, זייט גוטע בעלי־קוראס, מען זאָל אייך נישט דאַרפן אונטערזאָגן... אַפּאַטאָשוס פּאַטאָס איז אַ גוטער לייענען פון דער סדרה פון געשלעכט!...

אָבער נישט אַלע מאָל איז ביי אַפּאַטאָשון אַ לייענען! נישט אַלע מאָל רופט ער אויף זיינע העלדן צו אַן עליה. ער קען אַ סך עלטערע יידן, וועמען עס גייט שוין קיין עליה נישט אָן. ער קען אויסגעשפּילטע משוררים, שוחטים, סוחרים, קברות־לייט; ער קען גלאָט גראָבע נפשות — „סטייבל"־לייט, פאַרחושכטע באַשעפענישן, וואָס לעבן ווי אין הינערפּלעט. זיין אויג קוקט דורך אַ גאַנץ ברייטלעכן געזיכטס־קרייז. קומענדיק אין אַמעריקע, האָט ער נישט נאָר דערזען זיינע אַלט באַקאַנטע זאַנווילס: גראָב־אומגעלומפּערטע און דעלעקאַט־ראַפינירטע געשלעכטס העלדן, נאָר ער האָט נאָך אַריינגעקוקט, צום ביישפּיל, אין אַ ספּעציעל ווינקעלע: די „היברו סקול".

וואָס זשע שפּאַרט אָפּ אַפּאַטאָשו פון זיין פּאַטאָס פאַר די העלדן זיינע, ווען זיי באַוועגן זיך אויסערן געשלעכט?

פון פּאַטאָס, וואָס זיין אינהאַלט איז געשלעכט, האָט אַפּאַטאָשו אָפּגעשפּאַרט פאַרן טאָג־טעגלעכן געברויך די אויסערלעכע פאָרם פון פּאַטאָס — דעם גיכן טעמפּ, דעם שנעלן, געכאַפּטן ריטם, די שווינדלענדיקע באַוועג־

לעכקייט. זיין פען, וועלכע איז געוואוינט צו לויפן משוגענערווייז איבער די זיגזאגגן פון געשלעכט, ווען זי פאלט אראפ פון איר געוואוינטער ליניע, האלט נאך אלץ אין איר גאלאפירן...

אט דאס איז, וואס אפאטאשו נעמט מיט פון זיין פאטאס: די קאכעדיקע מאנערע. זיין טעכניק האט דעם הייסן אטעם פון דער ליידנשאפט, אפילו ווען זי איז ליידיק פון ליידנשאפט.

דערפון קומט, וואס אפאטאשו האלט אין איין דערציילן, דערציילן, און קען זיך נישט אפשטעלן; ווי ער וואלט האבן א פולע מויל מיט דער־ציילונג, וואס ער מוז מיט א מאל אויסשיטן. און ווען ער דארף מאלן, מאלט ער עס מיט אזא געשווינדקייט, אז עס דוכט זיך, אז דאס געמאלענע לאזט קיין שאטן נישט איבער. זיין פען פליט איבער איין ליניע, אן א שאטן. ער דערציילט, וואס ער דארף מאלן; ער דערציילט, וואס ער דארף באַ־שרייבן. און ווען ער דארף אויפכאפן א שטיק פלאץ, א רוים, טוט ער נישט ווי אנדערע; ער בלייבט נישט שטיין אויף איין פונקט, צו ווארפן א בליק ארום זיך, אום דערנאך אלץ צו באשרייבן פון דעם איין פונקט. נאר ער לויפט מיט זיין פען געפלינק, פלינק ארום און ארום, ביז וואנען ער פילט אויס דעם גאנצן פלאץ מיט באוועגונג, און עס באקומט זיך א דערציילטע באשרייבונג.

אפאטאשו מאלט רוים דורך דער צייט — דאס איז דאס סאמע כאראק־טעריסטישע פאר זיין מאנערע.

דערפון קומט, וואס אין זיבן־צען שורות ביי אפאטאשו שפילן זיך אפ א וועלט מיט זאכן. איר זיינט כסדר ביי אים פארנומען, ער לאזט אייך נישט אפרוען. ווארים שנעלע באוועגונג מוז מיטציען; איר קוקט זיך נישט ארום, ווי איר זייט שוין אין מיטן, אין לויף. איר זיינט פאראנטערעסירט, כאטש אייך דוכט זיך אמאל, אז איר קענט די העלדן איבערלאזן אין מיטן גאס, און עס וועט אייך נישט אנהויבן ארן. דאס איז דערפאר, וואס איר האט זיך צופיל מיט זיי אנגעלאפן...

אבער דאס איז נישט אמת, אז עס שטעלט זיך ביי אייך גאר נישט אפ, ווי די קריטיקער ווילן זיך און אייך איינריידן. זאנוויל בלייבט אייער שטענדיקער באקאנטער; מיט פאליאן פון „ניו־יארקער געטא" שפילט איר א ליבע נאך עד היום, אפילו די דראטן־גייערין פון „איבערן בריק" פארדרייט אייך נאך דעם קאפ. אפילו די מיסעס פון דזשייק דעם שיכור (אין ניו־יארקער געטא), מיט וועלכער אפאטאשו באקענט אייך צופעליק אויף א פאר מינוט, בלייבט שוין פאר א מיסעס, צו וועלכער איר קענט זיך אריינכאפן, ווען דער מאן איז אין דער היים נישטא. סעם, דער

הפקר־יונג, מיט וועלכן אַפּאַטאָשו פירט זיך אַרום איבער דער גאַנצער דערציילונג, קלאַפּט אָן צו איר אין טיר און זי שרעקט זיך; סעם, דער שמד־קאָפּ ווייסט, ווי אַנצורירן די סטרונעס פון אַ מיסעס האַרץ. נאָך אַ ברוגזע, קאָקעטירט זי שוין. שפּעטער, ווען איר קוקט אָן איר מאַן, איז אַז איר וועט מיר זאָגן, אַז איר ווייסט נישט, וואָס מיט דער מיסעס איז פריער געווען און וואָס עס וועט מיט איר זיין, וועט איר זאָגן אַ ליגן.

אַפּאַטאָשוס געשטאַלטן לאָזן יאָ איבער שאָטנס. און נישט אמת, אַז זיי לאָזן אייך איבער גלייכגילטיק, ווי זאָכן, וואָס ווערן אייך דערציילט אין גלייכגילטיקייט. אַפּאַטאָשו דערציילט שוין גאָר נישט גלייכגילטיק. ער ווייסט, ווענען ער האָט ליב און וועמען ער האָט פיינט. אָט די, וואָס זיינען די טרעגער פון זיין פּאַטאָס, די, וואָס פאַרשטייען זיך אויף דער כישוף־שפּראַך פון געשלעכט, זיינען זיינע ליבלינגע. און אויך אייערע.

אמת, צוליב זיין רעשיקער מאַנערע, פאַלן ביי אַפּאַטאָשון אַרויס די שטילע מאָמענטן, וואו עס איז אָנגענומען, אַז מען דאַרף שעפּטשן פּסיכאָ־לאָגיע. אָבער אַפּאַטאָשו ווייסט זיך ווי צו העלפן: אין די שטעלן, וואו עס דאַרף לויטן מנהג קומען געשעפּטשעטע פּסיכאָלאָגיע, קומט ביי אים אָן אַריינגעוואָרפענע דערציילונגעל. ער ווענדעט אָן אין אַזאַ פאַל דעם זעלבן מיטל, וואָס דער לייוונט פון קינעמאָטאָגראַף.

אין דער דערציילונג „אויף גאָרעק סטריט", וואו אַן אַריבערגעקומענער היימישער סוחר און למדן, דאָ אַ טרימינג־פּעדלער, פאַרשדכנט זיין בלאַסע 17־יעריקע טעכטערל צו אַ קאָלעגע פון דער פּראָפעסיע, וואָלט זיך זייער געבעטן, מע זאָל שילדערן דעם האַרצוויייטיק פון דער מיידל. אַפּאַטאָשו וואַרפט דאָ אַריין אַ סצענקע אויף די טרעפּן, וואו די בלאַסע מיידל באַ־געגענט זיך מיט איר סקול־חבר סידני, און דער ווייטיק גיט זיך איבער. די דערציילונג „שאָטנס" וואָלט ביי אַן אַנדערן איבערגעזאָגט געוואָרן אויפן אויער. סודות וואָלטן זיך געהאַלטן אין איין שושקען; רעדט זיך דאָך דאָ פון די פאַרשמאַכטע אָפּגעהלשטע אוראייניקלעך פון די פראַנקיסטן; וועגן די אויסגעלאָשענע פונקען פון אַמאָל גאָר היציקער, ברענענדיקער תאווה־רעליגיע. אַפּאַטאָשו טוט אָן פאַרציטערטע אַבסטראַקציעס, די פאַרשטוי־בטע שאָטנס, אין אַ געפלעכט פון בלאַנקער פאַנטאַסטישער ממשות, און לאָזט זיי טאַנצן אונטער שאַרף־שאַרפע טענער, וואָס ער רופט מיט געוואַלט אַרויס פון די איבעראַנגעצויגענע סטרונעס פון אַ 150 יאָר אַלטער פידל. דער עפעקט איז דערגרייכט. די וויסל־שטימונגען ווייעט ער אויך אָן מיט וואַריאַציעס פון דער כסדר זיך ווידערהאַלענדיקער, אָבער יעדעס מאָל

אַנדערש איבערדערציילטער וואַנדאַ־לעגענדע. וואַנדאַ איז די ווייסל־קעניגין.

ער דערציילט אייך אַ שטימונג, ווי ער דערציילט אייך אַ באַשרייבונג. איר וועט זאָגן, אַז דאָס איז קינעמאַטאָגראַף; אַז אָפּאַטאָשוס שטענדיק האַווען און לויפן איז דאָס יאָגעניש פון די באַוועגלעכע בילדער אויפן לייוונט. עס איז דאָ אַן ענלעכקייט, אָבער אַ פאַרקערטע. אויפן לייוונט איז עס באַשריבענע דערציילונג; ביי אָפּאַטאָשון איז עס דערציילטע באַשרייבונג. דער לייוונט גיט הויפּטזעכלעך צייט אַנשטאָט רוים. דער לייוונט בלייבט כסדר הינטערשטעליק און מוז אונטערזאָגן דאָס בילד מיט געשריבענע ווערטער; אָפּאַטאָשו איז קיינמאָל נישט הינטערשטעליק; די דערציילונג טראָגט אים דורך אַלע געפאַרן.

ריכטיק, ער אַרבעט מיט באַשרענקטע מיטלען — מיט דערציילונגס־מיטלען. אָבער דאָס איז נישט קיין פאַרוואורף פאַר אַ קינסטלער. אַרבעט דאָך דער סקולפּטאָר מיט באַגרענעצטע מיטלען — בלויז מיט ליים און שטיין; דער מוזיקער בלויז מיט טענער; דער מאָלער בלויז מיט פאַרבן. אָבער דער רעזולטאַט קויפט אַלץ אויס. אַט אַזוי דאַרף מען אויך קוקן אויף אָפּאַטאָשון: דער רעזולטאַט קויפט ביי אים אַלץ אויס.

מיר ווייסן שוין, וואו אָפּאַטאָשוס שוואונג איז; מיר קענען זיינע מיטלען. איצט לאָמיר זיך באַקענען מיט די רעזולטאַטן.

3

ר׳ זאַנוויל חסיד

צווישן זאַנוויל, דעם פערד גנב, פון אָפּאַטאָשוס ערשטן ראָמאַן ביז דעם לעצטן העלד פון זיין לעצטן ראָמאַן „אין פוילישע וועלדער״, ר׳ איטשע מקובל, וועלכער ווערט הייגט מאָרגן אַ רבי מיט אַן אייגענעם הויף, גייט אַ גלייכער וועג.

אַז איר ווילט, זאָגט, אַז זאַנוויל איז דער פאָרלויפער פון ר׳ איטשען; און אַז איר ווילט, זאָגט, אַז אָפּאַטאָשו האָט אַריינגעאַרבעט דעם פוילישן פערד גנב אין פוילישן רבין.

און נאָך אמתער איז, אַז אָפּאַטאָשו האָט איינגעאַרבעט זיין האַנט אויף די זאַנווילס מכל המינים, אום שפּעטער זיך אַ נעם צו טאָן פאַר זיינע פוילישע וואַלד־יידן און פוילישע חסידים.

וואָס עס פאַראייניקט זיי אַלעמען איז: זיי זיינען אַלע פוילישע יידן,

וועלכע אין קעגנזאַץ צו די ליטווישע יידן, לעבן נישט מיטן שפּיץ מוח, נאָר מיטן גאַנצן נפש זייערן. זיי לעבן פולער, שטאַרקער, געשמאַקער, אינערלעכער. נפש איז דאָס, וואָס אויף גויאיש לשון רופט זיך אינסטינקט.

ווי דער שטייגער איז פון יונגע, ערשט געבוירענע טאַלאַנטן פאַר־זאָניפיצירן זיי אין זייערע ערשטע העלדן זייער שעפערישע עסענץ. זייער אייגענעם דראַנג פאַרקליידן זיי אין געשטאַלטן.

דאָס איז זאַנוויל פאַר אָפּאַטאָשון. דורך זאַנווילן האָט ער אונדז גלייך געלאָזט וויסן, אַז זיין צוגאַנג צום מענטשן איז נישט צו פאַרהערן אים אין זאַכן, וואָס ער ווייס אויף אויסנווייניק, נאָר אין זאַכן, וואָס ער הויבט נישט אָן צו וויסן, דאָך באַהערשן זיי אים און קירעווען אים אויף אומפאָראויסגעזעענע וועגן. מיט איין וואָרט, אָפּאַטאָשו פאַרערט דעם נפש פון מענטשן — מיטן בוך־לשון אויסגעדריקט — די מענטשלעכע אינ־סטינקטן.

זאַנוויל איז דער מאַן מיטן לויזן אינסטינקט. דער אינסטינקט איז ביי אים אַ ווילדער פערד, אויף וועלכן ער פאָרט רייטנדיק, גנבעט זיך אויף אים מיט קאָנטראַבאַנד איבער די פאַרבאָטענע גרענעצן.

און פון דעם אופן, ווי אָפּאַטאָשו האָט זיין ערשטן העלד אויפגענומען, איז צו זען, אַז ער איז פאַר אים דער העלד — זיין ערשטע און זיין לעצטע ליבע. פאַרגלייכט נאָר זאַנווילן מיט די גראָב־יונגישע טיפּן, וואָס האָבן זיך ביז אים באַוויזן אין אונדזער ליטעראַטור: אָדער מען האָט געקוקט אויף זיי מיט חשד און מיט מורא, מען האָט זיך מיט זיי געמיאוסט, אָדער מען האָט זיי פאַרפּוצט, זיי זאָלן אויסזען שיין. אָפּאַטאָשו האָט דער ערשטער דעם טיפּ געגעבן גערעכט. ער האָט לעגאַליזירט דעם הפקר יונג, דעם כוואַט, וועלכער פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין די גויאישע ראָמאַנען.

צווישן דעם רויבער און דעם נעבעכל האָט אָפּאַטאָשו גאַנץ באַוואוסט־זיניק, מיט אַלע סימפּאַטיעז, אויסגעקליבן דעם רויבער, דעם ריזיקאַנט, אין וועלכן עס פאַרליבן זיך שיקסעס און יידישע מיידלעך, וואָס האַלטן ביים ווערן שיקסעס.

איך וועל אייך נישט ערב זיין, אַז אָפּאַטאָשו האָט פיל זיך אָנגעזען מיט אַזעלכע לייט. מיר האָבן בלאָטע חברה, ווארילע יונגן, גנבים, פערד־גנבים, קאָנטראַבאַנדיסטן, אָבער מערסטנס, שטעקט אין יעדן יידישן גנב אַ קעשענע גנב, אַ מאַראָוויכער. צו זייער מלאכה פאָדערט זיך מער כיט־רעקייט און שווינדל־קאָפּ, ווי געוואַגטקייט. אָבער עפּעס געוואַגטקייט האָבן זיי דאָך, ווייניקסטנס אַזוי פיל אום בייצוקומען דעם שרעקנדיקן יידן אין

זיך; און ציניזם אויך, ווייניקסטנס אויף אַזוי פיל, צו געניסן פון נישט דערלויבטן און צו פאַרטרינקן עס מיט בראָנפן.

אַ טירעלע פאַרן רויבערישן אינסטינקט איז דאָך געעפנט און ער קען זיך אַרויסכאַפּן און זיך אַ שפּיל טאָן.

ביי זאַנווילען איז מער ווי אַ טירעלע געעפנט. דער אינסטינקט גנבעט זיך נישט אַרויס, נאָר שפּאַצירט זיך אַרויס פראַנק און פריי, מעשה בעל־הבית פון זיין אייגענעם הויז.

זאַנוויל ביי אַפּאַטאַשון איז הוילע געוואַגטקייט, מיט דעם עכטן שוואונג, וואָס קען אים אַריינזאָגן אַפילו אין כף הקלע אַריין, ווי גויאיש בלוט וואָלט זיך געגאָסן אין זיינע אָדערן, כאָטש עס ווערט געטריבן פון אַ יידיש האַרץ, וואָס האָט אַ קעמערל פאַר רחמנות.

איך זאָג נאָך אַמאָל, איך קאָן קוים נישט, אַז אַפּאַטאָשו האָט זאַנווילען ניט אויסגעטראַכט. ער האָט וואַרשיינלעך גענומען אַ יידישן קאָנטראַבאַנדיסט, פון די פּוילישע גרענעץ־שטעטלעך, און האָט אים אויסגעקלעפּט לויט זיין אייגענער געשטאַלט, — פאַראַפּאַטאָשעוועט פון קאָפּ ביז די פיס. און אויך שפּעטער מיט אים זיך אַרומגעפירט, געמאַכט אים פאַר מער אָדער ווייניקער לייט, אויך פאַראַמעריקאַניזירט — אָבער אַלץ זיינען זיי געבליבן מענטשן, וואָס נעמען פון לעבן מיט אַ פולער האַנט. טרינקען תאווה מיט משקה און זיינען זיך מחיה.

און אַפּאַטאָשו איז געוואָרן אַזוי געניט אין דעם, אַז מיטן פינגער קען ער זיי איצט אַרויסנאַרן די זאַנוויל־פאַרשוינען. און ווען איצט, נאָך פיל וואַנדערונגען, איז ער געקומען צו גאַסט צו זיינע לאַנדסלייט, די פּוילישע יידן, האָט ער אָן פיל מי זיי גלייך דערקענט און אַרויסגעקראָגן פון זיי זייער סוד, וואָס איז ביז איצט פאַרשטעלט געווען אַפילו פון די יידישע לעבנס־מאָלער פון פּוילן — פּוילישע יידן זיינען אַלע מער אָדער ווייניקער זאַנווילס, פון פערד גנב ביז צום צדיק אין הויף. אָן זאַנווילען איז אַ פּוילישער ייד קיין פּוילישער ייד נים.

די פּויליש־יידישע שרייבער זיינען פאַרדאַרבן געוועזן פון די ליטוואַקעס — פונקט אַזעלכע איבערגעשפּיצטע, פאַרמוחטע, פאַרחלשטע און פאַרשמאַכטע, און ווען זיי מאָלן תאווה, האָבן זיי מורא זיך איינצוריכטן די הענט, זיינען זיי זיך טובל פאַר דעם און נאָך דעם.

אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ פּוילישער ייד, ווען מען כשרט אים אויף אַ ליטוואַק?

דער פּוילישער, אַפילו ביז צום פרומסטן און הייליקסטן — איז פרייער

פֿאַר אַלץ אַ בעל־הנאה. ער איז אַ באַטעמטער ייד און אים פֿאַלובעט וואָס איז באַטעמט. אויך אין היילִיקייט זוכט ער דאָס געשמאַקע — די זינד, אין היילִיקייט שעצט ער די ריזיקע — איינס־צוויי קען ער זיך אָפּטונקען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס אין יצר הרעדיק, פֿון וועלכן, אַז ער וועט זיך אָפּ־טרייסלען, וועט ער ווערן נאָך אַ גרעסערער צדיק!

דער פּוילישער רבי איז אַלץ מער ריז, וואָס גרעסער דער יצר הרע, מיט וועלכן ער ראַנגלט זיך — דער יצר הרע אין געשטאַלט פֿון אַ גאַנצן הויף מיט ווייבער פֿון אַלע עלטערס — פֿון דער יונגינקער „פּלימעניצע" ביז דער באַיאָרנטער רביצינס שוועסטער, אָבער נאָך מיט גענוג ווייבערשן חן.

און דער וועלטלעכער פּוילישער ייד איז נישט קיין קלענערער ריזי־קאַנט. בעת דער ליטוואַק אַפּילו אין זיינע חלומות ציטערט ווי אַ בלאַט, כּאַוועט די פּוילישע יידישע לעגענדע אַן אמתן גיבור פֿון שווערד — בערקע פּאַלקאָוויניק, דעם יידישן העלד פֿון דער „פּאַוּוסטאַניע". מוט איז גאָר נישט פֿרעמד דעם פּוילישן יידן, אין נויט איז ער אַ בעלן צו פֿאַרמעסטן זיך מיטן פּאָליאַק. און ער האָט פֿיינט צו לעבן בגנבה.

אָפּאַטאָשו אין זיין ראָמאַן „אין די פּוילישע וועלדער" פֿירט פֿאַר אונדז אַרויס דריי דורות וואַלד־יידן, סוחרים — מרדכי, אברהם און נאָך אַמאָל מרדכי. אייגנטלעך איז עס אין מרדכי געוויזן אַלס זון, טאַטע און זיידע. עס וואַקסט פֿאַר אונדז — פֿון צוריק, פֿון זיידען צום אייניקל — אַ גיבור. ברייטבּרוסטיק, מיט אַ האַרץ, וואָס נעמט אַריין אין זיך די עבירה, פּונקט אַזוי גערן ווי די מצווה. קוקט אים אָן דעם שוואַרץ־בערדיקן, ברייט־האַרציקן, ערלעכן און חוצפּהדיקן, גוטמוטיקן און כעסדיקן יידן — אין אים שטעקט אַ נישט קשהדיקער הולטיי, וועלכן ער האַלט אין צוים, אָבער נישט אויף שלעכטע קעסט, פֿון צייט צו צייט פֿירט ער דעם הולטיי אַרויס אַנהאַדעווען. מאַכט ער נישט חתונה דעם הולטיי צו 50 יאָר מיט אַ 15 יעריקער יידישער טאָכטער, פֿאַיעט ער אים מיט שיקסע.

און זייט ביי זייט מיט די וואַלד־יידן וואוינט איטשע־מקובל, אַ קינפּטיקער רבי. ער האָט נאָך נישט דערגרייכט די מדרגה צו ראַנגלען זיך מיטן יצר־הרע בפּועל ממש אין דער געשטאַלט פֿון אַ גאַנצן הויף מיט לעבעדיקע ווייבער, אָבער יעדעס מאָל ווען ער וויל זיך פֿאַראייניקן מיט הקדוש ברוך הוא, וואַקסט פֿאַר אים אויס די געשטאַלט פֿון אַ זונה, און ער שטעלט זיך אויף איר אַרויף מיט די פֿיס, און האָט עלית נשמה.

פּאַסט נאָר אויף, ווי ער איז מדריך דעם יונגען מרדכי. ער היט אָפּ די רגעס, ווען אין יענעם רופֿט זיך אָפּ דער שטיקל הולטיי און זיין האַרץ

צאַפּלט זיך אין תאווה־קרעמפּן, דעמאָלט זאָגט ער איר זוהר און פּאַרטרעט אים אין די סודות פון קבלה.

איטשע איז נישט קיין פּאַרפּוצטער, נישט קיין פּאַרפּאָעטיזירטער, נישט קיין פּאַרדעקאָרירטער חסידישער רבי, ווי פּרץ האָט אים געמאָלן. פּרץ, ווען ער איז איינמאָל געגאַנגען אָנקוקן אַ רבין — דערציילט רייזען — איז ער גלייך אַנטלאָפן: ער האָט אים נישט דערקענט. נישט אַזוי האָט ער אים זיך פאַרגעשטעלט. הוילע, גראָבע פּראָזע.

אַפּאַטאָשו מאָלט נישט מער ווי הוילע גראָבע פּראָזע. אָבער אַפּאַטאָשו ווייסט מער, ער ווייסט אַ גרויסן אמת וועגן רבין: אַז ער איז אַ פּאַרבאַהאַל־טענער זאַנוויל, און אַז זיין גאַנצע הייליקייט איז נישט מער, ווי געליי־טערטע תאווה. און דערפון נעמט זיך ר' איטשעס גבורה. איטשע קען מאַכן ציטערן. ער קען ווייזן מופתים. זיין בליק איז נישט אויסצוהאַלטן. ער גליט אייך דורך. מיט זיין קוק שטעלט ער אָפּ אַן עדה חסידים, וואָס וואַרפן זיך שלאָגן אַ לעסטערער. עס פילט זיך פון אים איינער, וואָס האַלט דעם שד פאַרן גאַרגל. עפּעס אַ מכשף. און ער וואַרפט אַן אימה און מען קריגט צו אים געוואַלדיקן צוטרוי. פאַר אים איז קיין זינד נישט שווער. ער וועט זי לייכט אויפהויבן און נאָך לייכטער אַראָפּוואַרפן. זיין ריר באַפרייט, ער היילט קראַנקע, טרייבט דיבוקים אַרויס. מען גלויבט אים און מען דערוואַרט פון אים אַזוינס, וואָס זאָל איבערראַשן. מען ריכט זיך יעדע רגע אויף אַ וואונדער פון אים...

און דער לייענער גלויבט אויך — צוזאַמען מיט די חסידים. די סצענע, וואו ר' איטשע ווערט דערקלערט פון המון פאַר אַ רבין מאַכט אייך מיטציטערן. אין דעם מאָמענט דוכט זיך אייך, אַז פאַר אייך איז אַ בעל מופת.

ווי דערגרייכט דאָס אַפּאַטאָשו? דווקא די מאַנערע זיינע, וועלכע מען האָלט פאַר אַ חסרון, דינט אים. ער מאָלט נאָר דאָס דרויסנדיקע, אָבער דאָס דרויסנדיקע מאָלט ער איבער דעם זיגזאַגן שפּיל פון אינסטינקט. און איר האָט כסדר דאָס געפיל, אַז עפּעס לויערט פון אינעווייניק און איר זיינט גרייט צו איבערראַשונגען.

אַפּאַטאָשו האָט געמאָלן, אָבער, זאַנווילען אַ הייליקן — און עס האָט זיך באַקומען אַ בעל מופת, דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור.

„אידישער קעמפער", 1916.

4

„אין פוילישע וועלדער"

די „פוילישע וועלדער" איז אַ מאָנומענטאַלע געבידע — די אַרבעט פון אַן אינזשענער.

דער אינזשענער אַרבעט לויט דעם פּלאַן פון אַרכיטעקט, וועלכער האָט אַ גרויסן טאַלאַנט פאַר דעטאַלן — פאַר באַלקאָנען, גאַלערייען, קאַרניזן, פענצטער, טירן, גאַניקעס. ער קען אַוועקשטעלן אַ גאַנצן פּאַסאַד. ער פאַר־געסט אויך נישט אויסצופּוצן די זייטיקע ווענט, זיי זאָלן נישט פאַרשעמען דעם פּאַסאַד, ער קען אויך אָנוואַרפן דעם גאַנצן פּלאַן. אָבער דורכצופירן דעם פּלאַן, „צונויפצופירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט" — דאָס לאָזט ער איבער פאַרן אינזשענער.

דער אינזשענער האָט איינגעאַרבעט זיין טעכניק. די ווענט קומען שוין בעענטער ביי אים זיך צונויף. די קאַפּיטלען פון ראָמאַן „פוילישע וועל־דער" בינדן זיך שוין ענגער, פאָלגן אויס בעסער די ליניען פון גאַנצן פּלאַן, ווי אין ראָמאַן „אַליין".

און דער ראָמאַן „פוילישע וועלדער" איז אַ געשיכטלעכער מאָנומענט, וואָס שטייט כמעט איינער אַליין אין דער יידישער ליטעראַטור.

דאָס גאַנצע דאָרף אַרומנעמען אַן עפּאָכע אין דער פויליש־יידישער געשיכטע — זינט דער יידישער ישוב אין פוילן איז געוואָרן דאָס פוי־לישע יידנטום — פון די 30ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. פאַר דעם צענטער האָט אָפּאַטאָשו אויסגעקליבן דעם אויפשטאַנד פון 1863. צו דעם צילן די געשעענישן פון ערשטן ראָמאַן פון דער טרילאָגיע און פון דעם צענטער וויקלען זיך אַרויס די וויטערדיקע געשעענישן.

מיר באַגעגענען נאָך דאָ דעם געזונטן איינגעוואָרצלטן שטאַם־ייד, דעם דעמבענעם זייל פון יידישן ישוב אין פוילן, וועלכער לעבט אַ העלפט לעבן מיטן וואַלד (עס האָט געקאָנט אויך זיין מיט תבואה און מסחר) און אַ העלפט לעבן מיטן חסידישן הויף: אברהם — מרדכיס פאָטער; און מיר זעען שוין דאָ, ווי דווקא דער חסידישער הויף ציט אַריין זיין זון — מרדכי — מיט איין פוס אין פוילישן שטראָם. און ווען מרדכי וואָלט נישט געווען אַרויסגעראַטעוועט זיין לעבן פון פוילישן אויפשטאַנד, וואָלט שוין געווען אַ סוף צו „פוילישע וועלדער". אַזוי האָפן מיר נאָך, אַז ער וועט זיך נאָך אומקערן אין וואַלד צוריק און וועט נאָך זיין אַ זון צו זיין פאָטער אברהמען און וועט איבערגעבן זיין פוילישן פיבער צו זיין טאָכטער שרהן

צו שפּייזן מיט פייער די שפּעטערדיקע פּוילישע רעוואָלוציעס פון 20־טן יאָרהונדערט.

עס איז אַ מערקווירדיקע געשעעניש, וואָס איז פאַרבייגעלאָזן געוואָרן אומבאַמערקט — אַט די ראָלע פון אַ חסידישן הויף אין אויסבילדן די פּוילישע אינטעליגענץ.

איך ווייס נישט, צי דאַרף עס ווערן פאַרדריסן — אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז דער מיסטישער גלאַנץ פון חסידות האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דער גייסטיקער פיזיאָנאָמיע פון דער פּוילישער אינטעליגענץ. דער מעסיאַניזם, וואָס האָט באַשיינט די קעפּ פון די ערשטע פּוילישע רעוואָלוציאַנערן — איז דירעקט גענומען פון חסידישן הויף; עס זיינען געווען איבערלויפער: רביאישע זין, טעכטער און איידעמס; איבערזעצער פון זוהר אין פּויליש; עס זיינען געווען הענט, וואָס האָבן אַריבערגעטראָגן לעבעדיקע קיילן פון בית־המדרש אין קאָסטיאָל. דאָס נעמען און גנבענען האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פריער — זינט די פראַנקיסטן, אָבער עס איז געוואָרן אָפענע גזילה אין מיטן העלן טאָג, ווען דער חסידישער הויף האָט זיך גענומען ברעקלען, און עס איז מעגלעך געווען, אַז דער לעצטער, גרויסער רבי — מענדל קאָצקער — דער לעצטער פון די ראשונים — זאָל איבערגעבראָכן ווערן אין אַן אפּיקורס, וועלנדיק נאָכטאָן דעם בעל־שם און אַראָפּברענגען דעם רוח הקודש פון הימל...

יאָ, עס איז געווען אַן אומגעזעצלעכע יידיש־פּוילישע יוגנט־ליבע, אפשר דערפאַר ווייל די געליבטע האָבן דעמאָלט דורכגעמאַכט די זעלביקע ליידן: דער פּאָליאַק האָט געליטן פון רוס, און דער ייד פון פּאָליאַק און רוס...

און ווייל עס איז געווען אַזאַ ליבע, איז איצט אַזאַ ברוגז.

און מערקווירדיק, קיינער פון די יידישע שריפטשטעלער אין פּוילן האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז דאָ ליגט פאַר זיי און בעט זיך אַ נשמה פאַר אַ גרויס היסטאָריש ווערק. נאָר פון דער ווייטנס, פון אַמעריקע, האָט אָפּאַטאַשו דאָס דערזען. די וואַרשעווער נאַלעווקיס זיינען צו נאָענט פאַר די אויגן און פאַרשטעלן דעם אויסבליק.

אמת, נישט יעדער קען זיך דאָס אונטערנעמען. מען דאַרף זיין אַ געבוירענער בוימייסטער, וועלכער שרעקט זיך נישט פאַר גרויסע מאָסשטאַבן. מען דאַרף באַזיצן וויסן, בילדונג — יאָ, בילדונג — און אייגענע דערפאַרונג, מער וויפל, קענטיק, עס איז דערלויבט אויף נאַלעווקיס...

די „פּוילישע וועלדער" זאָגן עדות אויף אַן אינטעליגענץ, וואָס איבערשטייגט דעם געוויינלעכן דורכשניט פון אַ יידישן שריפטשטעלער. אָפּאַ־

טאַשו קען אָפּמעסטן דעם גרעסטן תקיף צווישן זיינע העלדן פון אויבן אַראָפּ.

וואָס שייך די אויספירונג איז דאָס דער זעלביקער אַפּאַטאָשו, וואָס אַמאָל, נאָך בעסער, געניטער, פלינקער.

דאָס זעלביקע האַסטיקע צייכענען אין קורצע שטריכלעך, וואָס האַלט נאָך דער געשווינדקייט פון אַן אויג, וואָס עסט און שלינגט זיינע איינדרוקן. די באַוועגלעכקייט מאַכט פון יעדער באַשרייבונג אַ דערציילונג. שטריכע־לעך מאַכן די פּערספּעקטיווע אין רוים; שטריכעלעך מאַכן די פּערספּעק־טיווע אין צייט. אָבער רוים און צייט, אַזוי צו זאָגן, איז אײן אויסמעסט־ונג. טאַקע ווי צייכענער אויפן פּאַפּיר; אָדער ווי אַ בילד אויפן לייוונט. אַפילו אַ נאַטור־שילדערונג איז ווי אַ מעשה דערציילט — און ווי אַ מעשה פאַרכאַפּט זי אייך.

און אויך די זעלביקע קאַנטיקע כאַראַקטער־צייכענונג. די שאַרפקייט פון די דעטאַלן מאַכט בולט די געשטאַלט.

אַמבעסטן זיינען זיינע פּאָרטרעטן פון געשטאַלטן פון אים אַליין גע־זעענע, וואָס זיין שפּיציק אויג האָט אָנגעטאַפּט: דער פאָטער אברהם, דער יידישער אויבערהאַר פון די פּוילישע וועלדער, וועלכער בלייבט אַן אויבער־האַר אַפילו ביים רבינס טיש. אונדזער אַלטע באַקאַנטע, די דינסט־באַלע־באָסטע פון „אַליין" — ברײנע. איטשע מקובל, אין וועלכן עס האָט זיך דערהאַלטן גאַנץ דער פּלאַם פון די ערשטע תלמידים פון בעל־שם, ווייל אַ גליקלעכער אומגליק האָט אים אויסגעהיט פון יעדער באַרירונג מיט דער אויסערלעכער וועלט. ער טראָגט נאָך אויף זיך דעם שם. ער קען ווייזן וואונדער.

עס איז פאַראַן אַ מאָמענט, ווען ר' איטשע וואַשט אַרום אַ פאַר־עיפּושטן און מאַכט ציטערן אַ צעיושעטן חסידישן המון — ווען פון אים טוט אַ בליץ אַ באַהאַלטענער אליהו הנביא...

אַהער געהערט אויך די געשטאַלט פון באַרוויסן פאַנאַטיקער איטשע, און גאָר אַמבעסטן איז דער יונגער מרדכי ביז ער טרעט אַריבער די שוועל און פאַלט אַריין אין קרייז פון די מיסטיש־צעלאָזענע פּויליש יידישע אינטעליגענטן. ביז דאַן קען ער אים, אַפּאַטאָשו, און ביז דאַן צייכנט ער אים, און אַ צייכענער איז ער אַ גוטער, און ווייטער מאָלט ער אים מיט צעשוואומענע פאַרבן — ווי מען דאַרף מאָלן אַ יונגן חסיד, מיט אַ שטאַרקן געמיט, ווען עס עפענען זיך אים די אויגן אויף דער וועלט...

די איבעריקע געשטאַלטן, וואָס אַפּאַטאָשו האָט ניט געקענט, און וואָס דאַרפן פאָרשטעלן היסטאָרישע פּערזאָנען אָדער היסטאָרישע פּערזאָ־

ניפיקאַציעס — מענדעלע קאַצקער אַליין, דער הייליקער, וועמענס געוואַלט־געשריי מ׳נעמט אַן פאַר אַפּיקורסות, יוסף שטראַל, דער ערשטער באַלעבאַ־טישער משכיל־פּיעטיסט, וועלכער שטייט צווישן דער יידישער און פּוילי־שער וועלט, און דוד קאַהנע, דער פּויליש־יידישער משה העס, וועלכער מישט צונויף זוהר מיט פּוילישן פּאַטריאָטיזם און דערנאָך זוהר מיט קאָמו־ניזם, — און דער קרייז פון יידישע טעכטער און פּוילישע יונגעלייט, וואו עס פאַרקאָכט זיך די ערשטע יידיש־פּוילישע ליבע — די אַלע ווערן גע־צייכנט — געמאָלן מיט אַ פולע זאַרגפעלטיק געזאַמלטע שטריכן, מיט דאָקו־מענטאַלישער אַפּגעהיטקייט.

דאָקומענטאַלישקייט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַפּאַטאָשוס מאַנערע. דער „זוהר", אַלטע ספרים, פּוילישע לעגענדעס, דייטשישע פּאַרמען ווערן ציטירט פּסוק פאַר פּסוק. טרייקייט ווערט פאַרביטן מיט געשיכטע.

יוסף שטראַל איבערזעצט „פאַוסט"; „פאַר אים איז געלעגן אַ ווייַמאַר אויסגאַבע, געבונדן אין ווייסן לעדער. די בלעטער דיקע, דאַכט זיך האַריקע דורכגעאַרבעט מיט קרויגען און בוכשטאַבן".

אַפילו מענדעלע קאַצקער אַליין איז אַ דאָקומענט — אַ לעבעדיקער דאָקומענט, — אַ לעבעדיקער, ווייל מער ווי אַ העלפט האָט אַפּאַטאָשו זיכער אים געזען.

אַפּאַטאָשו מוז זיך שטיצן אויף אייגענער דערפאַרונג, זיין מעטאָדע איז אייגענע דערפאַרונג, און ווערן דערצו אַ זייטיקער, אַן אַפּגעקילטער. אייגענע דערפאַרונג — זיינען ביי אים די וואַלד יידן, חסידות און חסידישער הויף, פערזענלעכע באַקאַנטשאַפט — די קאָנטראַבאַנדיסטן פון די פּוילישע גרענעץ־שטעטלעך, די צייטונגס־אונטערוועלט און די „היברו טיטשערס" פון ניו־יאָרק; אייגענע דערפאַרונג און שטעלן זיך דרויסן פון איר. ער אַרבעט ווי אַ פרעמדער איבער אייגענעם מאַטעריאַל. דערפון קומט זיין פלינקייט. דאָס איז נישט קיין חסרון. דאָס איז אַפּאַטאָשו.

און דערצו קומט נאָך אַפּאַטאָשוס קוק אויפן מענטשן, זיין אומגלויבן, זיין שטענדיק חושד זיין. אָט איז אַ ייד מיט אַ הדרת פּנים. אָט איז אַ יונגערמאַן מיט אײדעלער פאַרטראַכטקייט, אָט איז אַ דאַמע, אַ געצערטל־טער עלעגאַנץ. ער גלויבט זיי קיינעם נישט. זאָלן זיי אָקאָרשט ווייזן, ווי זיי ליבן ווען קיינער זעט נישט. נישט זיי צו דערנידעריקן, נאָר צוליבן אמת.

ער שלעפּט אַרויס דרויסן די פּרוזשינעס פון אַ מענטשנס האַרץ און זיי שפּרינגען אייך אין די אויגן.

און די מענטשן קומען ביי אים אַרויס דערפאַר צען מאָל באַוועגלעכער, הייסער ווי זיי וויזן זיך.

דערפאַר זיינען די לעבעדיקסטע סצענעס — די מיסטישע אָרגיעס אין צווייטער העלפט פון ראָמאַן. פלאַמפייער, היילִיקייט טובלט זיך אין זנות.

דערפאַר זיינען זיינע קאָקעטקעס אומפאַרגלייכלעך. ער היט אָפּ זייערע מינדסטע מינע.

און זיין אייגענע מינע דערביי איז פון אַ מענטשן, וואָס שטייט דרויסן. ער קוקט עס צו מיט קאַלטן אינטערעס, אין קאַלטן מוט.

און פון גאַנצן וויעט אַ בריענדיקע קעלט אָדער אַן אָפּגעקילטער ברען. דאָס איז קיין חסרון נישט — דאָס איז אַפּאַטאָשו. נעמט אים ווי ער איז.

און די גאַנצע מאָנומענטאַלע געביידע איז אַזוי — וועגט געגאָסן שטי־קערווייז אין פייער און גלייך איינגעפראָרן.

אָבער פאַרט אַ געשיכטלעכער מאָנומענט...

„די צייט", 1921.

5

אַפּאַטאָשוס הויפּט־אויפטו

ליטעראַטור איז די גייסטיקע היים, וואו אַ פאָלק אַרבעט זיך אויס זיין זעלבסטבאַוואוסטזיין. צוגעגעבן זאָל זיין, אַז אין דער עפּאָכע פון שאַרפע קלאַסנפאַנאַנדערשיידונגען, אַרבעט אויס יעדער קלאַס דורך דער ליטע־ראַטור זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין.

ביי פעלקער, וואָס פירן אַ זעלבסטשטענדיקן מדינה־לעבן, דאַרף מען נישט זיך שטאַרק זאָרגן וועגן דעם, די ליטעראַטור זאָל ווערן מדיניש אין איר כאַראַקטער. דאָס טוט זיך במילא. אויף אַ נאַטירלעכן אופן בלאָזן זיך אין איר אַריין מדינישע איינפלוסן. ביי אונדז יידן אָבער דאַרף געמאַכט ווערן אַ באַוואוסטזיניקע שעפערישע אָנשטרענגונג, די ליטעראַטור זאָל דערפילן איר פונקציע פון אָרגאַניזירן דעם פאָלקסבאַוואוסטזיין. און כל זמן עס פעלט אונדז דער מאַטעריאַל־מדינישער פונדאַמענט פאַר אַ גייס־טיקער היים, דאַרף די ליטעראַטור לכל הפּחות אונדז דינען פאַר אַ טערי־טאָריע, אויף וועלכער מיר לעבן זיך אויס מיט אונדזערע נויטן און באַ־דערפענישן, זכרונות און צוקונפט־חלומות. אַ מאַטעריעלע טעריטאָריע מיינט אַ דורכאויסיקער שטח, וואו עס טרעפן זיך צוזאַמען אַלערליי מענטשן־קרייזן, מענטשן־טיפּן פון אַלערליי לעבנס־ווינקעלעך. אין דער ליטעראַטור,

וואָס דאַרף אונדז געבן גייסטיקע טעריטאָריע, דאַרף אָט־די צונויפטרע־פונג און צונויפפירונג פון פאַרשיידענע מענטשן־טיפּן און מענטשן־קרייזן קינסטלעך און קינסטלעריש געשאַפן ווערן. דער עיקר אָבער מוז אַ גייסטיקע טעריטאָריע זיך שאַפן אַ הינטערגרונט אין צייט, וואָס דאָס זאָל צונויפהאַלטן איר האָריזאָנט פון היינט. אַ ליטעראַרישע טעריטאָריע ווערט דאַרום געעפנט געוויינלעך מיט דער שילדערונג פון אַן עפּאָכע, וואָס לייכט עטלעכע תקופות אויף צוריק, און גיט דעם היינטיקן באַוואוסט־זיין פון אַ קיבוץ אַ צוזאַמענהאַלט אין רוים.

און דאָס האָט געטאָן אָפּאַטאָשו מיט זיינע „פּוילישע וועלדער" פאַר דעם ייִדישן קיבוץ אין פּוילן. אים געהערט דער פאַרדינסט, וואָס ער האָט אַנטדעקט, דורך דער ליטעראַטור, די ייִדיש־פּוילישע טעריטאָריע. ער האָט אויפגעעפנט און אָפּגעשלאָסן אַן עפּאָכע, וואָס האָט זיך געצויגן דורך דריי־פיר דורות. ער האָט אָנגעהויבן פון דעם מאָמענט, און פון נאָך אַביסל פריער פון דעם מאָמענט, ווען די חסידות איז שוין געווען אַזוי פעסט איינגעפונדעוועט, אַז עס האָט זיך שוין גענומען ברעקלען פון צופיל איינ־געפונדעוועטקייט. ברעקלען זיך אין צוויי ריכטונגען: סיי דורך דעם אינערלעכן פּראָטעסט ביי די אידעלערע פאַרשטייער פון דער גוט־ייִדישאַפט גופא, און סיי דורך אָפּשפּליטערן פון זיך אַ השכלה־ליכט, וואָס האָט זיך געלאָזט גיין צו אחדות מיט דער פּוילישער אינטעליגענץ. גלייכ־צייטיק האָט ער אויך היפּשלעך אויפגעדעקט דאָס פּנים פון יענער ייִדיש־געזעלשאַפטלעכער סביבה — דער רייכערער און דער אָרימערער — אויף וועלכער די חסידותשאַפט — גוט־ייִדישאַפט האָט זיך געשטיצט, סיי אין איר פאַרדאַרבענעם צושטאַנד פון פאַנאַטיזם און פּאַראַזיטיזם, סיי אין איר געזונטערער פונקציע — צו באַפרידיקן דעם פאָלק־הונגער נאָך עליה און נשמה יתירה — וואָס דאָס לעצטע האָט באַרעכטיקט און אויפגעהאַלטן און אָפּגעהיט פון פאַנאַנדערפאַל דעם רעזשים פון צדיקיזם, אַפילו ווען חסידות איז שוין געגאַנגען צו ירידה. דער צענטער פון דער עפּאָכע איז אויסגעפאַלן אויף ערב דעם אויפשטאַנד פון 1863, וואָס דאָס איז אויך דער צענטער פון ראָמאַן. דער ראָמאַן איז דערפירט ביז דער שידוך צווישן דער ייִדישער השכלה־אינטעליגענץ און דער פּוילישער פּאַטריאָ־טיש־רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ איז פאָרמעל געשלאָסן געוואָרן — אַ שידוך, נאָך וועלכן בייז גוט לעבן פון דעם זיווג, מיט זיינע זיך בייטנדיקע שטימונגען, פיינטשאַפטן און איבערלעבענישן, האָט זיך געצויגן ביז אַזש אין דער וועלט־מלחמה אַריין.

אָפּאַטאָשו האָט פאַר דעם ייִדישן צד געבראַכט צו באַוואוסטזיין אַט

די אָפּגעשלאָסענע עפּאָכע; און דורך זיין ראָמאַן האָט ער דער עפּאָכע געשטעלט אַ ווירדיקן מאָנומענט.

אָפּאַטאָשו האָט אַנטדעקט די פּוילישע טעריטאָריע פון דער יידישער ליטעראַטור; במילא האָט ער שוין אויסגעברייטערט די טעריטאָריע פון דער יידישער ליטעראַטור בכלל. די אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן פאַר דער טעריטאָריע פון פּוילן, דאַרף און זאָל געטאָן ווערן פאַר די טעריטאָריעס פון רוסלאַנד, גאַליציען, רומעניע און אויך אַמעריקע. און די אַרבעט טוט זיך שוין. די אויפגאַבע איז אויף דער טאָג־אָרדענונג, ביי־פליכט לייגט זיך אויף דעם באַוואוסטזיין פון די שריפטשטעלער און פאָדערט, מאָנט, אַפילו אָן ספּעציעלע דערמאָנונגען פון די קריטיקער. און אָפּאַטאָשו איז אין דעם געווען דער וועגווייזער.

אַחוץ זיין אינזשענערישער אייגנשאַפט, וואָס מאַכט אים אַרבעטן באַוואוסטזיניק און פּלאַנמעסיק אויף צוגעגרייטע מאַטעריאַלן, האָט אָפּאַטאָשון דאָ אויך אַרויסגעהאָלפן זיין גרונט־בייגונג פאָרצושטעלן רוים דורך זיג־זאַג־באַוועגונג, וואָס מאַכט שטח נאָך שטח און צייט — ווידערהאָלנדיק אויף אַ גרויסן שטייגער דעם עלעמענטאַרן פּראָצעס, וואָס אַ קינד מאַכט דורך, ווען עס לערנט זיך מעסטן רוים. האָט ער געמאַכט אַ זיגזאַג מיט די ליפּאָוויצער וועלדער דורך זיין משפּחה־קרייז — ערשטער טייל; אַ זיגזאַג דורך חסידות מיט דעם קאָצקער הויף — צווייטער טייל; און מיט אַ שניט דורך דער פרויען־אָפּטיילונג פון קאָצקער הויף, און דורך דעם הויז פון אַלטן משכיל פערל און זיין יונגע פרוי פעליציע, אַ זיגזאַג צום ערב שטורעם פון 1863 — דריטער טייל. דורך דריי הויפּט־זיגזאַגן אין צייט, מיט דער הילף פון אַ סך קלענערע צייטשניטן און אָפּשניטלעך האָט ער איינגענומען דעם רוים פון יידיש־פּוילן. און רוים שטעלט זיך פּאַקטיש צונויף פון צייט־אָפּשניטן, פון שטחים אין צייט. רוים איז לכתחילה שטח אין צייט. און שטח אין צייט און רוים צוזאַמען איז טעריטאָריע.

ווען אָפּאַטאָשו וויל זיין טעריטאָריש, מוז ער זיין היסטאָריש. ווען פּרץ האָט געוואָלט אויסברייטערן די טעריטאָריע פון חסידות, איבער דעם ענגן צירקל פון חסידישן פאַנאַטיזם פון די פּרנסה־הויפן, האָט ער די חסידות פאַרטיפט, געלייטערט איר עסענץ — אין דער מעשה פון „צווישן צוויי בערג". אָפּאַטאָשו איז געגאַנגען אין דער ברייט — זוכנדיק חסידות אין דער באַוועגטער ווירקלעכקייט; פאָרשנדיק חסידות אין איר באַוועגונג, אין מאַסן־האַנדלונג אין איר פאַרגעשטאַלטיקונג דורך יחידים. ווען פּרץ האָט געוואָלט אויסדריקן דעם פּראָטעסט פון הייליקן גייסט פון חסידות קעגן איר ביליקער פאַרדעגענערירונג, האָט ער אידעאַליזירט די

געשטאַלט פון ר׳ שלמה אין דער „גאָלדענער קייט". אַפּאַטאָשו האָט גענומען אַ ווירקלעכע היסטאָרישע פּערזענלעכקייט, קאָנצענטרירנדיק זיך אויף דער געשטאַלט פון מענדל קאָצקער, וועלכער ברעכט צוזאַמען אין זעלבסט־פּראָטעסט — דער ניצוץ פון בעל־שם אין אים קאָן ניט פאַרטראָגן די נאָענטקייט פון פוילן שטרוי, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו דעם בעל־שמס טראַדיציע — און אים קעגנאיבער שטעלט ער אַוועק די געשטאַלט פון פאַנאַטיקער, ישראל דער באַרוועסער, וועלכער פאַרקערפּערט דעם וואַכע־דיקן גזר: חסידות מוז זיין! אַ רבי מוז זיין! — און די אידעלע רבי־גע־שטאַלט פון ר׳ איטשען, וועלכער ענטפערט גוט יום־טוב אויף דעם פאָלקס־לעכצעניש נאָך עלית נשמה און התלהבות.

אַ חוץ אינזשענערישקייט און היסטאָרישקייט, האָט אַפּאַטאָשו זיך אַרויסגעהאָלפן מיט דעם מאַטעריאַל, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט גע־זאַמלט אין זיך, פון זיך, און אַרום זיך. אַלץ וואָס ער האָט געשאַפן ביז דעמלט זיינען נאָר געווען הכנות צו די „פוילישע וועלדער". אַלע מאָטיוון, וואָס האָבן געשלאָגן פון זיין אינזיך־ברונים, פון זיינע ביידע קוואַלן — פון מוטער־קוואַל און פאָטער־קוואַל, די אַלע חלומות, וואָס האָבן זיך גע־שפונען ביי אים פון פאַרליבטע קינדערשע און מיידלשע הערצער, און פון די הערצער געשפּרונגען אויף די צווייגן פון הונדערטיעריקע ביימער, און זיך ווייטער געטראָגן מיט דעם געוויש פון די בלעטער און אויף די פליגלען פון ווינטן ביז צו דער ווייסל — און געשפּרונגען אין טייך אַריין, כדי דאָרט צונויפגעוועבט צו ווערן מיט די פוילישע טייך־העלדן־לעגענדן; און די טמא כישוף־פאַנטאַזיעס, געשפייזט פון דער תאווה, וואָס וויל גילטן פאַר קדושה, און פאַר וועלכע מ׳האָט קיין אַנדער פאַרקערפּערונג נישט געפונען, ווי נאָר אין די שאָטן־טענץ אויפן ווענטל איבער אַ בעטל, וואו עס ליגט אַ פאַרשמאַכטע מיידל, וואָס חלשט נאָכן ברודערס ליב — דאָס אַלץ איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די „פוילישע וועלדער" און געפונען דאָרט אַ תיקון. אין אַלע זיינע ביזאַהעריקע עקספּעדיציעס אין אונטער־וועלטן, מיט די עקספּערימענטן און בלוט־מישונג צווישן אָרים און רייך, אַלט און יונג, אַדעליקייט און גראָביונגישקייט, צניעות און זנות, יידישע כשרות און גויאישע טרפות — דאָס אַלץ זיינען נאָך געווען עקספּערי־מענטאַל־סטאַנציעס אויפן וועג צו זיין גרויסן ציל, וואו ער האָט געאיבט און געפּרוווט זיין האַנט, וואו עס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן טיילן און גלידער פון דעם קינפטיקן קערפּער פון „די פוילישע וועלדער"; עס איז כמעט נישטאָ קיין אין דערציילונג, קיין אין נאָוועלע, קיין אין האַלבער און אַפילו גאַנצער ראָמאַן, וואָס זאָל קיין צוגרייטונג נישט זיין צו דעם

גרויסן ראָמאַן. אַפילו דער ראָמאַן „אַליין״, וואָס איז איצט פאַררעכנט פאַר דעם שלוס פון דער טרילאָגיע, און וואָס איז פּאַקטיש פאַראויסגעגאַנגען דער טרילאָגיע — איז פּאַקטיש אויך נישט מער ווי אַ צוגרייטונג. דאָרט זיינען שוין דאָ אַ צאָל פון די הויפּט־האַנדלענדיקע פּערזאָנען און אייניקע גרונט־סיטואַציעס. מעג אַפילו כראָנאָלאָגיש די האַנדלונג דאָרט זיך אָפּ־שפּילן נאָך די „פּוילישע וועלדער״, אָבער לויטן זיינען שליסט עס נישט די טרילאָגיע. עס עפּנט גיכער. עס איז אַ פאָרהויז צום אַריינגאַנג אין שפּילזאַל. דאָס האָט אָפּאַטאָשו זיך געמאכט אַ גענעראַל־רעפּעטיציע כּדי פעסטצושטעלן צי ער וועט קענען, און ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער וועט קענען — אָבער נישט ווי אַ שוישפּילער, נאָר טאַקע ממש ווי אַן אינזשענער וואָלט עס געטאָן, וואָס מאַכט זיך פריער אַ מאָדעל, איידער ער נעמט זיך צו דער עצם מלאכה.

און די גאַנצע גענויקייט, וואָס אָפּאַטאָשו האָט זיך דערוואָרבן דורך אַלע זיינע עקספּעדיציעס און עקספּערימענטן מיט דער קונסט צו קוקן און צו הערן טאָפּלט, פון דער אויבערפלאַך אין טיף, מיט דעם קונסט פון שאַרף און בולט צו כאַראַקטעריזירן, פון רעאַליזירן אָנצוהערענישן; מיט דער קונסט אַריינצוקניפּן זיך מיט יעדן שטריך און יעדער באַוועגונג, דורכן פּנים און דורכן לייב, ביז צום האַרץ און ביז דער נשמה — מיט דעם אַלעמען איז שוין אָפּאַטאָשו באַוואָפנט געווען, ווען ער איז אַריינ־געטראָטן אין די „פּוילישע וועלדער״.

באַוואָפנט מיט דעם אַלעם און זיך אַליין אַריינטועענדיק אין דעם הויפּט־העלד זיינעם — מרדכי — מאַכנדיק זיך פאַר דעם יורש פון ביידע טראַדיציעס — דער וואַלד־משפּחהדיקער און רבייאישער — און מיט־אַריינ־נעמענדיק אין דעם הויפּט־העלד אויך דעם פאָטער זיינעם — דוד אָפּאַ־טאָווסקי — אַן אוראייניקל פון תּוספות יום־טוב (אין ראָמאַן איז דער סדר פון דער ירושה איבערגעקערט: מרדכיס פאָטער ווערט דער זון פון וואַלד־סוחר, און מרדכיס מוטער אַ רבנישע טאָכטער — בעת אין דער אמתן איז עס גאָר געווען אָפּאַטאָשוס מוטער, וואָס האָט זיך אָנגעהערט צו דער וואַלד־משפּחה). אַלזאָ, מיט־אַריינגעמענדיק אין זיין הויפּט־העלד דעם פאָטער זיינעם, אַן אָפּשטאַמליגג פון גאונים און מחברים, אַליין אַ משכּיל און מחבר פון שירים, וועלכער פלעגט לערנען מיט זיינע זין יעדן פרי־מאָרגן דעם מורה נבוכים, דעם „כּוזרי״ און אַנדערע חקירה ספרים, דורך וועלכע רבנישע זין פלעגן מאַכן דעם שפּרונג צו דער השכּלה — און וועל־כער האָט זיך אַליין אויף דער עלטער דערלאָזט ביז צו קבלה — האָט אָפּאַ־טאָשו זיך געלאָזט אין וועג אַריין. פאַר צידה לדרך האָט ער אַריינגעזאַפּט

אַ גרויס שטיק פון דער וואַלד־משפחה־כראַניק, פריש און צאַפּלדיק פון ־ער מאַמעס מויל אַרויס; מיט זיין גאַנצן קינדקייט און יוגנט־באַגאַזש: קינדער, מיידלעך, יונגען, ליבעס, גוים, שיקסעס, פּישער, טענץ און פּראָ־צעסיעס, לעגענדעס, אָפּשפּרעכענישן, כישוף און מכשפים.

פאַרפאַרנדיק אויפן וועג אין אַ קליין שטעטל צו אַ זיידן אַ רב, אויס־קריצנדיק פון אים אַ געשטאַלט פון חסידישער לייטזעליקייט און מתנגדי־שער עקשנות, מיט שפּיציקער איידלקייט, און שפּיציקער פרומקייט — מיט פייערדיקע פּעטש, פאַר באַן־בילעטן צום גיהנום און גן־עדן — אַ פאַר־טרעט, וואָס איז ווערט אויפגעהאַנגען צו ווערן אויף דער משפּחה־וואַנט, און ער וועט זיך געדענקען לדורות, אפילו די וואַנט זאָל חרוב ווערן —

און דורך משפּחה־הייזער, און בעל־עגלהשע בוידן, און ירידים און אכסניהס, וואו מען באַגעגנט זיך מיט קהל חסידים, ביי וועלכע אכילה און שתיה פאַרנעמען דערווייל דעם פּלאַץ פון נשמה־עליה, ביז מען קוקט אָן דעם רבינס ליכטיקן פּנים —

פאַרהאַלטנדיק אויף לענגערע און קירצערע ווײַלעס דעם בליק אויף געשטאַלטן פון יונגעלייט — קינפּטיקע אפּיקורסים — חלב־פרעסער און קינפּטיקע רביים־צדיקים, וואָס איידער זיי נעמען ווייזן מופתים, ווייזן זיי וואונדער פון מסירת־נפש אָדער וואונדער פון בלינדער חוצפּה —

און ווערנדיק צוגעשמידט מיט די אויגן פאַר אַ שטיק צייט צו אַ לעבעדיקן דענקמאָל פון יידיש־פּוילישער געשיכטע — צו אַ זקן אויף קו־ליעס, וועלכער האָט געדינט מיטן יידישן פאָלק אין דעם פּוילישן אויפ־שטאַנד אין 1832 — וועלכער מיט זיין פּאַטריאָטישן געצנדינסט צו בערקאָ פאָלקאָוויטש וואַרפט אָן אַ קדחת פון לצנות און אכזריות אויף די חסידישע געצנדינער —

פאַרפאַרט מען ענדלעך אין קאָצקער הויף, וואו מיר זיינען ווירקלעך עדות פון אַ טיטאַנישער ראַנגלעניש — אַ זעלבסט־פאַרבלינדעטער שמשון הגיבור טרייסלט די זיילן פון דעם גאַנצן חסידישן בנין. אַ רבי פאַלט, און אַ רבי שטייגט אויף — פאַר אַ דיבוק, וואָס זיצט אין אַ מיידל, גיבן אָפּ עקאַזמען, און די גאַנצע עדה, דאָס פאָלק פון אָבערגלויבן און גלויבן, פון חשכות און דלות און געחלומטער ליכטיקייט — די גאַנצע עדה שטייט ווי אָן עדות, ווי דער פּסק ווערט אַרויסגעגעבן פון אַ באַשעפעניש, וואָס שמעלצט גן־עדן און גיהנום מיט זיין אָטעם: — געפאַלן איז מענדעלי, לעבן זאָל ער — און לעבן זאָל דער רבי ר׳ איטשע! — און דער וואונטש ווערט גלייך מקוים.

דער פּרויען־טייל פון קאָצקער הויף, וואו עס האַלטן זיך אויף דעם

רבינס טעכטער, שניר און מיידלעך־אייניקלעך, וועלכע האָלטן געפאַנגען אין זייערע צאַרטע, לאַנגע אָרימס און מיט זייערע צאַרטע, לאַנגע בליקן דעם רבינס איידימס און זין — דער פּרויען־טייל דינט אָפּאַטאָשון פאַר אַ דורכגאַנג. דאָ האָט ער נאָך אַמאָל די געלעגנהייט איבערצוגיין דעם מיסטישן וועג פון שבתי צבי ביז יעקב פראַנק — אָבער שוין נישט דורך שאַטנס אויף די ווענט, נאָר איבער לעבעדיקע מיידל־לייבער; איבער זיי, ווי אויף טרעפּן, נידערט די שכינה אַראָפּ צו אהבה, וועלכע איז דער פאַר־שטעלטער נאָמען פאַר תאווה, וועלכע דאַרף איבער זיי און דורך זיי, די מיידל־לייבער, צוריק אַרויפשטייגן צו דער הויך פון קדושה. אָבער אינמיטן שטייגן צינדט זיך אַ שרפה פון סטרא אחרא, וועלכע ברענט און פרעסט די מענער און ווייבער־לייבער צוזאַמען, און גלייכצייטיק כאַפּט אַרום אַ שרפה דאָס גאַנצע הויז.

מרדכי, אָפּאַטאָשוס העלד, אין וועלכן ער איז אַליין דאָ, הערט דאָס ליבע שעפּטשן, וואָס שעפּטשעט זינד מיט אַ ברכה. צו אים דערטראָגט זיך די בענקשאַפט פון אַ יונגפרוי, וואָס דאַרף פריער זיך אָפּגעבן צו גאָט, איידער זי גיט זיך אָפּ צום מאַן. זיידענע בליקן און גנעדיקע שמייכלען און רחמנות אין קול, און אַ חן, אין וועלכן עס ציטערט אַ שימער פון שם המפורש — איינע פון די יינגסטע פון די טעכטער בעט זיך ביי אים, און רופט, און ציט און רייצט, ער זאָל זיין דער אויסדערוויילטער, וואָס זאָל אויסדערוויילן איר לייב פאַר זיין הייליקן מזבח — אָבער ער ווערט נישט צוגעצויגן. דאָ איז פאַר אים נאָר אַ דורכגייענדיקער בריק צו דער פרוי פעליציע. שוין אַ „באַפרייטע” חסידישע טאָכטער, וועלכע פאַרפומירט זיך שוין מיט די בשמים פון דער לעצטער קולטור־מאָדע, און וועלכע פאַרקויפט איר יוגנט־רייץ און פאַרפומירטע אינטעליגענץ צו דעם על־טערן גביר משכיל שטראַל, וועלכער האַלט נאָך ביי מענדעלסאָנען און ביי גערטען — כדי פאַרקויפנדיק איר נשמה, זאָל זי קאָנען פריי אָפּגעבן איר לייב־לעכע ליבע צו איינעם פון די יונגע פוילישע גראַפן, וועלכע זיינען דעמאָלט, ערב דעם אויפשטאַנד פון 1863, געוואָרן שטאַרק פאַטריאָטיש און האָבן זיך געניייטיקט אין יידישן געלט, יידישן קאָפּ, יידישער פירערשאַפט — און יידישע ווייבער פאַר אַ צובייס. גראָד צו אָט דעם טריף־געמאַכטן אי־בער־ווייבערשן רייץ ווערט מרדכי צוגעצויגן; אָבער די נאַרעריי, וואָס זי טרייבט הינטער דעם מאַנס רוקן, איז דערווידער זיין פרומען יידישן געוויסן, און זיין האַרץ ווערט אָפּגעשטויסן פון איר. פעליציע איז אים נאָר אַ בריק אַריבערצוגיין צו זיין קרייז פון אַ נאַר־וואָס געבוירענעם קלאַס יידישע אינטעליגענטן — דער ערשטער דור נאָך די משכילים — וועלכע

האָבן דעמלט געהאַלטן אין שליסן אַ שידוך מיט דער פּוילישער אינטע־ליגענץ אין נאָמען פון ציוויליזאַציע און פאָלקס־באַפרייאונג. זיי זיינען די אָבות פון צוויי דורות יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָבן געלעבט אין זיווג מיט דער פּוילישער אינטעליגענץ.

אין אָט דעם קרייז פון אינטעליגענטן פון נייעם מין פילט זיך אַפּאַ־טאָשו פונקט אַזוי היימיש, ווי צווישן רבנים, רביים, משכילים, פאָלקס־מענטשן און אונטערוועלט־מענטשן. ער פאַרמעסט זיך מיט זיי און איז לייכט גובר, פונקט ווי ער וואָלט געווען מיט צען קעפּ העכער פון זיי. דאָ קומט אַפּאַטאָשון צוניץ זיין אייגענע אינטעליגענץ; זיין באַלערנטקייט און באַהאַוונטקייט אין אַלערליי ספרים — יידישע, העברעאישע, פּוילישע. קאָן ער אויך לייכט לייענען זייערע געדאַנקען — מעגן עס זיין געדאַנקען פון פאַר 75 יאָרן.

מרדכי ווערט אַריינגעדרייט אין דעם ווירבל פון פאַרן שטורעם; מישט זיך מיט די רעוואָלוציאָנערן — גיכער מיט דעם פאָלק פון ערב אויפ־שטאַנד — ווערט אָבער נישט איינס מיט זיי. נאָכגעשפּירט פון דער רוסי־שער זשאַנדאַרמעריע, בלאָנדזשעט ער אוועק איינער אַליין — אַריבער־גנבענענדיק די גרענעץ אויפן וועג צו פּאַריז...

דער ראָמאַן איז אָפּגעשלאָסן מיט דעם אָנהויב פון יידיש־פּוילישן אַסימילאַציע שידוך. איז עס אויך דער אָפּשלוס פון דער עפּאָכע? — ניין, דאָ איז בלויז געגעבן די ערשטע העלפט פון דער עפּאָכע. אָבער די ערשטע העלפט איז אַזוי פעסט אוועקגעשטעלט, אַז די צווייטע העלפט, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז צו דער וועלט־מלחמה, לאָזט זיך שוין פאָר־אויס זען און פאָראויספילן. דער פונדאַמענט איז געלייגט. די אַטמאָס־פערע — די שטימונג איז פאַרטיק.

דער צווייטער טייל פון דער טרילאָגיע — דער ראָמאַן 1863 — איז געשריבן מיט דעם נאָכאימפּעט פון די „פּוילישע וועלדער"; עס האָט געצוגן מעלות פון די „פּוילישע וועלדער" — סיי אין קינסטלערישער שיל־דערונג פון כאַראַקטער און סיי אין פאַנאַנדערוויקלונג פון סיטואַציעס, אָבער עס טראָגט נישט צו קיין נייעס, אַלס בייטראַג צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער עפּאָכע; עס איז בלויז אַ פאָרזעצונג. מרדכי פאַרווילט אין פּאַריז צווישן דער יידיש־פּוילישער אימיגראַציע; קומט צוריק קיין פּוילן, ווען דער אויפשטאַנד פלאַקערט זיך פאַנאַנדער, זיינען דאָ פאַראַן קינסטלע־ריש־שיינע פאָלקס־סצענעס — שילדערונג פון שלאַכטשיצישער אכזריות און פּויליש פאָלקסטימלעכע תמימות, וואָס אָבער נאָר אַ דינע גרענעץ טיילט זי אָפּ פון איינגעוואָרצלטע שנאה צו יידן, וועלכע לאָזט זיך לייכט אויפ־

העצן. ווען מרדכי, נאך דער אונטערדריקונג פון אויפשטאַנד, קומט צוריק אין פאַטערס וואַלד — געפינט ער זיין פאַטער אַ געהאַנגענעם פון די קאַזאַקן, און די נאַכווייענישן פון אויפשטאַנד — יידן — דאָרפס־יידן, וואַלד־יידן און אינטעליגענץ — האָבן ווירקלעך אין ערלעכקייט צוגעטראָגן, וואָס זיי האָבן געקענט — האָב און גוטס און לעבן צום נצחון פון פוילישן פאָלק. זאָג איך איבער מיינע פריערדיקע ווערטער: עס איז דאָ פאַראַן אַ בייטראָג צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער עפּאָכע; אָבער נישט גענוג בייטראָג אויף צו העלפן איינשליסן דאָס רעטעניש פון שנאה־שגעון...

ציט זיך מרדכי צוריק אַריין אין איבערגעריסענעם טאַטנס לעבן, לעבט זיך אַריין אין טאַטנס דרכים, און בלייבט אַליין, נאָך אַליינִיקער ווי ער איז געווען...

„1863" ברייטערט נישט אויס די טעריטאָריע, וואָס די „פוילישע וועלדער" האָבן אָוועקגעלייגט.

דער ראָמאַן „אַליין", ווי געזאָגט, שליסט ניט די טרילאָגיע, הגם אָפיציעל איז עס פאַררעכנט פאַר אַ שלוס. עס איז, ווי געזאָגט, גיכער אַ צוגרייטונג צו די „פוילישע וועלדער", ווי עס איז פאַקטיש געווען — אָנגעשריבן מיט עטלעכע יאָר פריער. דעם טיטל „שלוס" האָט דער ראָמאַן דערמיט, וואָס ער באַהאַנדלט די ווייטערדיקע פאַמיליען כראָניק פון דער וואַלד־משפחה: מרדכיס טעכטערל, שרהלע, געהאָדעוועט אָן אַ מאַמען אויף די הענט פון דער זעלביקער משפחה־דינסט ברײַנע, וואָס האָט אויפגעהאָדעוועט מרדכין — און חתונה געמאַכט געגנויטערהייט פאַר אַ בחור, וואָס דאַרף ווערן רב — פאַרליבט זי זיך און אַנטלויפט מיט אַ סטודענט, דעם זון פון אַ רייכן יידישן גוטבאַזיצער אַ שכן. האָבן מיר דאָ אַ יונגע וואַלד־ליבע, וואָס מיר וועלן שפּעטער אין אַ געדיכטערער און פאַרביקערער פאָרם האָבן אין די „פוילישע וועלדער". נאָר דאָס ביז לעבן צווישן שרהלען און איר כשרן אויסגעוויקטן בחור־מאַן האָבן מיר נאָך נישט געהאַט — איז עס אפשר אַ בייטראָג און אַן אַפּשלוס פון דער משפחה־כראָניק פון די וואַלד־יידן, אָבער נישט נאָר עס ברייטערט נישט אויס, נאָר עס פאַרשמעלערט נאָך די טעריטאָריע, וואָס איז געדעקט געוואָרן פון די „פוילישע וועלדער". — נעמען מיר ביים ראָמאַן „אַליין" אַוועק דעם טיטל „שלוס" און עס בלייבט, אַז דער טרילאָגיע פעלט אַ שלוס.

די „פוילישע וועלדער" זיינען אָבער יאָ אַן אָפּשלוס פון אַן עפּאָכע אין אַפּאַטאָשוס שאַפן. אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן ביז די „פוילישע וועלדער" איז אַהין אַריינגעטאָן — די קרוינונג פון אַלע זיינע אויפטוען. ער

האָט אויסגעשעפּט דעם גאַנצן ברונים פון זיין מאַטעריאַל — פון פאַרטיקן, צוגעגרייטן און ניי־באַאַרבעטן.

וואָסער כוח האָט אָפּאַטאָשון באַזונדערס געדינט? — ער האָט זיך באַדינט מיט אַלע זיינע כוחות, אָבער אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט זיין אינזשענערישע גבורה, וואָס אַ דאַנק איר איז אים געלונגען דורכצוזעצן אַ פאַרמעסט אָס ביז אים האָט עס קיינער נישט געוואָגט.

פאַרכאַפּט פון דעם דרייסטן פאַרנעם האָב איך שוין געזאָגט אויף אָפּאַטאָשון, אַז אין די „פּוילישע וועלדער" האָט ער זיך באַוויזן ווי אַן אינזשענער־אַרכיטעקט. איצט וועל איך בלויז זאָגן: אינזשענער, ווייל אַרכיטעקטאָניש איז דער בנין פון די „פּוילישע וועלדער" נישט פּער־פעקט. דער ראָמאַן איז געבויט אויף אַן אינדיווידועלער ליניע — אויף דעם פּערזענלעכן לעבנס־וועג פון מרדכי. דער וועג פירט אים דורך פאַרשיי־דענע צייט־און־אָרט־קאָרידאָרן, דורך וואַלד, דורך קאָצק, דורך שטורעם, וואָס קיין דירעקטע פאַרבינדונג האָבן זיי אייגנטלעך נישט צווישן זיך, אויסער דעם וואָס מרדכיס פּערזענלעכער גורל ווערט דאָ און דאָרט מער אָדער ווייניקער אַריינגעמישט. מרדכי איז אַביישטייער, אַ פאַרבייגייער, וואָס לאָזט פאַר זיינע אויגן דורך היסטאָרישע געשעענישן — אין בעסטן פאַל אַ היסטאָרישער פּאַסאַזשיר, וואָס פאָרט מיט מיט די געשעענישן, אָבער קיינמאָל נישט איז ער דער טרעגער פון די געשעענישן — סיידן אפשר אין ערשטן טייל אין דער משפּחהדיקער וואַלד־כראָניק. — אָבער דער ערש־טער טייל איז נאָך גוט לגבי דעם שלום: ווי נישט איז גייט מיט אים מיט אַ גאַנצע משפּחה־קייט פון געשעענישן, אַ גאַנצער וואַלד פון געשעענישן: אָבער פאַרענדיקן פאַרענדיקט זיך עס מיט מרדכיס שטרענג און אינדי־ווידועלן גורל: קיינער גייט שוין מיט אים נישט מיט.

אַן אַרכיטעקטאָניש ווערק דאַרף זיין אַ בנין, וואָס פונקציאָנירט גלייכ־צייטיק דורך אַלע זיינע טיילן, וואָס זיינען צווישן זיך געקניפּט און גע־בונדן.

חוץ דעם, איז מרדכי, וואָס זיין לעבנס־פאָדעם דאַרף פאַרבינדן דאָס ווערק אין איין גאַנצער קייט אַלס קינסטלעריש־געשילדערטער כאַראַקטער, דווקא נישט די בולטסטע פיגור אין ראָמאַן, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער שריפטשטעלער איז צופיל מיט אים פאַרנומען. עס פעלן מרדכין נישט בולטע, כאַראַקטעריסטישע האַנדלונגען — ספּעציעל אין דעם ערשטן טייל, און אין אַ גוטער העלפט פון צווייטן טייל. נאָר ווי עס טרעפט, ווען שריפטשטעלער נעמען צופיל פון זיך פאַר זייערע העלדן, ווען זיי חלומען זיך צופיל אַריין אין זייער הויפּט־העלד, איז דער הויפּט־העלד

צופיל דער שריפטשטעלער אַליין. און דעם אייגענעם פּנים זעט מען נישט אַזוי שאַרף, זיכער, צייכנט מען נישט אַזוי שאַרף. ער גיט עס פון זיך אַליין אַ געטרייען זעלבסט־פּאָרטרעט? ווידער אַן אייגענער חלום איז צע־שוואומען. עס האַלט אין איין שפּראַצן — און ווייטער חלומען. איז אַ גע־שטאַלט, וואָס מען מאַכט פאַר דער טרעגערין פון אייגענעם חלום, קיינמאָל נישט שאַרף אָפּגעגרענעצט. און מעגלעך, אַז ווען נישט די נאָענטקייט פון בולט געשילדערטע כאַראַקטערן, וואָלט ער אַרויסגעקומען קענטיקער. אָבער אַנטקעגן די געשטאַלטן, וואָס געפינען זיך האַרט קעגן אים — אַנטקעגן זיין אייגענעם פאָטער, אַנטקעגן ברײנע דער דינסטמויד, אַפילו אַנטקעגן די פּעכער איז ער דער בלאַסטער. בפרט אין קאַצקער הויף — רבי מענדל, ר׳ איטשע, ישראל דער באַרוויסער — זיינען אַנטקעגן אים ריזן. צופעליקע פאָלקס־מענטשן, די פרויען פון הויף, וואָס יעדער פון זיי טיילט ער צו אַזוי ווייניק, די נייע באַקאַנטשאַפטן זיינע אין דעם יידיש־פּוילישן קרייז, וואָס קיינער פון זיי האָט נישט מער ווי איין קאַפּיטל, די מערסטע צו האַלבע קאַפּיטלען — קומען אַרויס אין פאַרגלייך מיט מרדכין אַ סך שטאַרקער. מעגלעך, אַז דאָס איז בלויז אַן אילוזיע פון זכרון, ווייל ווען ווייניק און קנאַפּ, געדענקט זיך בעסער, ווייל ווען ווייניק און קנאַפּ, באַנוגנט זיך דער שריפטשטעלער מיט אַ פּאָר קענטיקע סימנים — זיינען עס גוטע אָנהאַלטן פאַרן זכרון.

דער איינדרוק אָבער איז, אַז די בלאַסטע ליניע איז דער פאָדעם וואָס דאַרף צונויפהאַלטן דאָס געביידע — איז עס פון שטאַנדפּונקט פון קינסט־לערישן עפעקט אַ חסרון.

אָבער צוגעגעבן אַפילו די אַלע קינסטלערישע דעפעקטן, האָבן מיר דאָ אויף טריט און שריט אַזויפיל פעסטע איינגריף און מענטש־כאַראַקטער, מענטש־לעבן און מענטש־געשעענישן; אַזויפיל מענטש־געשטאַלטן שטייען איינגעפונדעוועטע ווי זיילן, אַ גאַנצע גאַלעריע פון זיי, אַז דער בנין בלייבט שטיין פעסט, פון אָרט נישט צו רירן. די טעריטאָריע איז געדעקט און געוואונען. עס איז אַ ווערק אויף צו בלייבן. און אָפּאַטאָשו פאַרדינט אַן אָרט אויבנאָן — אַפילו ער זאָל מער נישט האָבן געשריבן ווי די „פּוי־לישע וועלדער".

עס איז אַ פּיאָנעריש ווערק, אַ וועגווייזעריש ווערק, אַ דערפינדעריש ווערק, אַ ניי־אַנטדעקונג פון טעריטאָריע און פון מענטשן־טיפּן.

„פּראָלעטאַרישער געדאַנק", 1936.

6

י. אָפּאַטאָשו: זיין סטיל און מעטאָד

דער כאַראַקטער פון י. אָפּאַטאָשוס שרייבן איז אַזאַ, וואָס מען דאַרף נישט שטאַרק דעם קאָפּ ברעכן אויף אויסצוגעפינען און אָפּצושאַצן אים. מען דאַרף נישט קריכן אין היילן אויף אַרויסצוקריגן אים פון זיינע באַהעלטענישן. ער איז דער אָפנסטער, באַוואוסטזיניקסטער, דורכזיכטיקסטער נאָוועליסט ביי אונדז. אַלץ וואָס ער האָט צו געבן, לייגט ער עס אַוועק אויבנאויף. אַזוי, אַז פאַר די אָפּשאַצער בלייבט בלויז איבערצוזאָגן זייערע פאַרטיקע איינדרוקן. און אַזוי טוען זיי. אָפּאַטאָשו, זאָגן זיי, איז האַסטיק, אימפּעטיק, דראַמאַטיש פילזייטיק, אַלזייטיק, רעאַליסטיש, מיט אַ שוואונג צום מאָנומענטאַלן, וואָס דערויף זאָגט עדות זיין קרוינווערק: „אין פוילישע וועלדער".

וויל מען אָבער אָפּאַטאָשון גרינטלעך קענען, וויסן דעם וועג וואָס ער איז אָפּגעגאַנגען ביז היינט, טאָר מען זיך שוין נישט באַנוגענען מיט אויבנאויפיקן, מיט די פאַרטיק־זיך־געבנדיקע איינדרוקן, דאַרף מען זיך אַרונטערלאָזן אונטער דעם שריפטשטעלערס הויט. ווי ער, דער שריפטשטעלער, טוט עס מיט זיינע העלדן: ער קוקט זיי אונטער דער הויט אַרונטער, דאַרף מען אָנכאַפּן און אָנטאַפּן און כאַראַקטעריזירן דעם שריפטשטעלערס מהות.

אַ שריפטשטעלער ווערט כאַראַקטעריזירט דורך זיין מאַטעריאַל און דורך זיין פּען — דורך דעם שטאָף, וואָס ער באַהאַנדלט, און דורך דעם אופן פון זיין שרייבן. אַמאָל דוכט זיך, אַז דער שטאָף איז נישט אָפּצוטיילן פון דער פּען. דער שטאָף פליסט פון דער פּען אַרויס. אַזוי איז ביי מענדעלען, און ביי שלום עליכמען אוודאי. לייענענדיק שלום עליכמען, האָט מען דעם איינדרוק, אַז דער לשון זיינער באַשאַפט די אַלע פאַרשוינען זיינע, רופט זיי צום לעבן אַרויס. ביי פּרצן שוין נישט אַזוי. ספּעציעל אין פּרצעס רעאַליסטישע לעבנס־שילדערונגען קומט אויס, ווי דער שטאָף וואָלט געגעבן געוואָרן אַ פאַרטיקער, און ער טונקט זיין פּען אין אים. ביי אָפּאַטאָשון, ווי מיר וועלן עס באַלד זען, מעג מען באַהאַנדלען זיין מאַטעריאַל באַזונדער און זיין פּען באַזונדער.

זיין מאַטעריאַל איז באַשטימט פון די אומשטענדן פון זיין געבורט, קינדהייט־דערפאַרונגען און יוגנט־דערפאַרונגען. אויף דער גרענעץ צווישן וואַלד און רביאישן הויף. דורך דער מוטער — אַן אָפּשטאַמלינג פון וואַלד־

יידן, רייכע און נישט אַזעלכע רייכע — וואַלד־סוחרים פון דור־דורות, גוט־באַזיצער — יוסטע דאָרף־באַלעבאַטים, און סתם ישובניקעס, דאָרף־קרע־מער, שענקער און פעכטער. אָבער רייך צי אָרעם, אַלע האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן שטאַרק געהאַלטן פון „מחיה נפשות", מיט אַ געשמאַק פּאַר אַ גע־זונטן, שטאַרקן און פאַרט אַפילו ריזיקאַנטישן לעבן. דורך דעם פאָטערס — אַן אָפּשטאַמלינג פון פרומען יחוס פון רבנים, רביים, לערנער און מחברים. דורך דעם פאָטער איז געדרונגען אין הויז אַריין די טראַדיציע פון ספר און פון סופר. דער פאָטער אַליין, אַ משכיל, איז אויך געווען אַ מחבר — ער האָט געשריבן העברעאישע שירים, וואָס די זין פלעגן איבערשרייבן לזכרון און ענטפערן אויף זיי איינמאָל אַ יאָר, מיט אַ בשותפותדיקן העברעאישן שיר, וואָס זיי פלעגן דעם פאָטער אונטערטראָגן צו זיין געבורטסטאָג.

אָט דער צונויפגעשפּיל פון די צוויי איינפלוסן, די קרייציקונג פון די צוויי בלוטן, איז געווען דער קוואַל פון אַפּאַטאָשוס אינספּיראַציע — צוערשט די אינספּיראַציע פון זיין אומבאַוואוסטזיניקן שאַפן — פון זיינע קינדערשע חלומות; דערנאָך די אינספּיראַציע פון זיין באַוואוסטזיניקן שאַפן — פון זיינע שריפטשטעלערישע ווערק. זייער אַ רייכער קוואַל, וואָס זויגט פון אַ סך אָדערן. דורך דער מוטערס צד האָט די משפחה זיך געגרענעצט מיט דער דאָרפישער פּראָסט־גויאישער וועלט; אויסגעבונדן געווען מיט דעם פויער, האָלצהעקער און פישער דורך פעלד, וואַלד און טייך; אין שטעטל האָט די משפחה דורך וואַלד־סוחרים זיך געגרענעצט מיט די פערד־הענדלער, וואָס גרענעצן זיך מיט פערד גנבים, וועלכע האָבן שוין פאַר זייערע נאָענטע שכנים די גאַנצע קליינשטעטלדיקע אונטערוועלט, מענטשן פון אַלערליי לויזע פּרנסות — קאָנטראַבאַנדיסטן, קונצנמאַכער. דורך דעם פאָטערס צד האָט די משפחה זיך געגרענעצט מיט דער פּוילישער רביסטווע, מיט די גוט־יידישע הויפן, וואָס זיינען געקומען אין גאָר נאָענ־טער באַרירונג, מער ווי מען מיינט, ספּעציעל דורך זייערע פרויען מיט דער העכערער יידיש־פּוילישער אַסימילאַציע, וואָס האָט באַהעפט די מיסטיק פון חסידות מיט דער מיסטיק פון אונטערדריקטן פּוילישן פאָלק.

אַ קוואַל פון אינספּיראַציע איז דעם יונגן אַפּאַטאָשו געגעבן געוואָרן, וואָס האָט געשפּרודלט מיט איינפלוסן. און וועלכער שטראָם פון איינ־פלוסן האָט געזאָלט אַריבערוועגן — פון דער מוטערס אָדער פון דעם פאָ־טערס צד?

אויף דעם שריפטשטעלער אַפּאַטאָשו האָט דער פאָטער זיכער געדאַרפט שטאַרקער ווירקן — ווייל זיין איינפלוס איז געווען אַ באַוואוסטזיניקער, די־רעקטער און סיסטעמאַטישער, און אוודאי אַנשטויסנדיקער צו שרייבן,

ספרדיקער, שריפטשטעלערישער. און אַפּאַטאַשו וואָלט געוואָרן אַ מחבר פון ספרים, אַ ליטעראַט לויט דעם געוויינלעכן ליטעראַרישן נוסח — וואָס דאָס מיינט אַ מענטש, וואָס דער פּאַפּיר דינט אים פאַר אַ פעלד, וואו ער פאַרזייט ווערטער. האָט אָבער געטראָפן, אַז זיין עלטערער ברודער פּייוול האָט ביי אים אויסגעכאַפּט די בכורה. ער גאָר איז געוואָרן דער ליטעראַט: אַליין געשריבן יידישע לידער און איבערגעזעצט פון רוסיש לידער; מיט פּייוועלן האָט מלאָווע געקלונגען — אַן אויפגייענדיקער ליטעראַרישער שטערן...

וואָס איז געבליבן פאַר דעם יינגערן ברודער? האָט ער זיך באַהאַלטן אין זיך, געמאַכט אַ סוד פון דעם, אַז ער שרייבט, און האָט גענומען אידעלע נקמה: וואָס מיר ספר, ווער מיר ספר? עס איז דאָ אַ שטאַרקערע און אמתערע זאַך, ווי ספר — דאָס לעבן איז שטאַרקער און אמתער. ער האָט געלאָזט דער מוטערס איינפלוס גובר זיין דעם פאָטערס איינפלוס אין זיך, און גענומען ציען אינספּיראַציע פון דעם מוטער־קוואַל. פאַר זיין ערשטן שריט איז ער אַריבערגעשפּרונגען דעם וואַלד און די וואַלד־סוחרים און גלייך אַ לאָז געטאָן זיך צו די שטעטלשע שכנים פון זיין משפּחה — די אונטערוועלט־העלדן, מיט זייערע לויזע פּרנסות.

אין זיין ערשטער דערציילונג, „אויף יענער זייט בריק", האָבן מיר זיי שוין אַלע: אַ קונצנמאַכער איז דאָ, און אַ גוי, און אַ מיידל איז דאָ, וואָס ספק טענצערין ספק גאַסנמיידל — אָבער אַזוי אַ מיידל — אַ ברען. און אַ ווייב איז דאָ און אַ יינגעלע איז דאָ, וואָס קוקט זיך צו דעם אַלעמען צו מיט זשעדנע אויגן, און גייט שוין אין זיינע חלומות אין טאַטנס פּוס־טריט.

די קרייציקונג פון בלוט־שטראָמען אין דעם קינד פון פאָטער און מוטער, בלוט־מישונג איז געוואָרן דער הויפּט־מאָטיוו, וואָס האָט געווּר־דערט אין אַפּאַטאָשוס צאַפּלדיקן שאַפונגס־אָדער. בלוט־מישונג צווישן רייך און אָרעם, צווישן אַלט און יונג, און באַהאַלטענערהייט צווישן ייד און גוי און צווישן כשרער צנועה און אונטערוועלטהעלד; אשת איש, פּרוי אַלס אייביקער רייץ, נישט אויפהערנדיקער כישוף, וואָס פאַרווירקלעכט דעם דראַנג אויסצולעבן זיך פול.

אַזוי, אַז אַפּאַטאָשו האָט גאָר גיך איינגעזאַמלט דעם גאַנצן פאַרמעגן, וואָס ער האָט געירשנט פון מוטערס און פאָטערס צד — נישט מער, ווייל דער אַריינגאַנג צו זיין שאַץ־קאַמער איז געווען דורך דער אונטערוועלט־הינטערטיר, איז אַלץ מיט אַן אַנדער באַלויכטן געוואָרן מיט אונטערוועלט שיין — נישט מיט דעם ליכט, וואָס לויכט אויף די שטערנס, נאָר מיט דעם טונקעלן ליכט וואָס ברענט אונטער דער הויט.

משפּחהדיקייט און ירושה טראָגן אַריבער דעם כישוף פון איין פאָרם אין דער אַנדערער: אין דער דערציילונג „יוסף קאַרו" קומט אַ רעוואָלוציאָנער צו שפּעט צו דער לויה פון זיין טאַטן דעם רבֿ, אַן אור־אור־איניקל פון ר' יוסף קאַרו, דער פאָטער איז געשאָסן געוואָרן פון די רוסן אויף פאַלשער פּוילישער מסירה — גייט דער זון אַוועק, אַזוי ווי ער איז געקומען, אין שווייגעניש, צוריק אין דער רעוואָלוציע אַריין; אָבער גייענדיק הערט ער דייטלעך דאָס קול פון דעם „מגיד" וואָס האָט געלערנט תורה אין אויער אַריין זיין אור־זיידן. אין דער דערציילונג „דער גאון", זוכט אַ זקן, אַ רבֿ, וועלכער איז פאַררעכנט פאַר אַ גאון ביי דער פרומער וועלט — זוכט אַ אַ באַגעגעניש מיט אַ יונגנמאַן, וואָס איז צוריקגעקומען פון דער גרויסער וועלט אין שטעטל אַריין און וועמען די צייטונגען לויבן און רימען אַלס גאון צווישן די פּאָעטן. באַגעגענען זיי זיך, דער גאון רבֿ און דער גאון פּאָעט, פּרובן ריידן און קאָנען נישט, און גייען זיך פאַנאַנדער נישט פאַרשטייענדיק איינער דעם צווייטן; נאָר דער דערציילער פאַרשטייט זיי ביידן; ער ווייסט אַז אויף איין ליניע גייען זיי; דער זעלביקער יידישער כישוף פון גייסט אַרבעט דורך זיי.

אין זיין ערשטער דערציילונג, „אויף יענער זייט בריק", שליסט ער אויך איין: „אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גנבֿ" — אונטערוועלט־ראָמאַנטיק; פערד־הענדלער, פערד־גנבֿים. „אַ משפּט" — די שענסטע דערציילונג אין באַנד — אַ ליבע צווישן קינדער — צווישן אַן אָרעמען וואַלד־ייִנגל און דעם טעכטערל פון רייכן וואַלד־שרייבער; קענטיק, ווידער אַמאָל אַ יוגנט דערפאַרונג פון אָפּאַטאָשו — אַ פאַקט, וואָס ער האָט צוגעגעבן אין דעם לעבן פון די יידישע וואַלד־משפּחות, וואָרים די טעמע הערט עד־היום נישט אויף צו שפּייזן די געלונגענסטע דערציילונגען אָפּאַטאָשוס: „אין וואַלד" — די ליבע צווישן דעם זון פון דאָרפישן שמיד, וועלכער שניידט זיך אויף אַ פערד־גנבֿ, און דער יונגער פרוי פון אַן עלטערן וואַלד־סוחר, וואָס האָט זיך דווקא אויסגעקליבן פאַר אַ ווייב די ייִנגסטע טאָכטער פון אָרימאַן. וואָס ביי אָפּאַטאָשון טוט זיך אָפּ אין איין פּאַראַגראַף! ביי אַן אַנדערן וואָלט עס געקלעקט פאַר אַ גאַנצער דערציילונג.

אַ קורצער אָפּגעהאַקטער זאַץ. אַ זאַץ נאָך אַ זאַץ, אַ זאַץ אין זאַץ אַריינגעוואָרפן אין מיטן דער באַשרייבונג. פּלוצלינגקייטן, צופעליקייטן ווערן עיקר און טראָגן אַוועק די באַשרייבונג ווייטער. דאָס איז עס, וואָס די אָפּשאַצער דערטאַפּן אין אָפּאַטאָשוס סטיל: איילעניש, האַסטיקייט, אימפּעט. עס מוז כסדר געהאַנדלט ווערן, אַנישט בלייבט אַ ליידיקער עקראַן, אָדער עס שטעלט זיך אָפּ אַ צענטל פון אַ פּאָזע. „בילד" אויף אַ פילם איז כסדרדי־

קער לויף. ס׳באַקומט זיך דער איינדרוק פון אַ גאַנצער האַנדלונג אין רוים, אין שטח און פּערספּעקטיוו.

אַזוי אויך ביי אָפּאַטאָשו. ער פּראָדוצירט רוים פון צייט — דאָס הייסט, פון כסדרדיקער באַוועגונג. ער איילט זיך אויסצופילן מיט באַוועגונג וואו עס פעלט אויס שטח און פּערספּעקטיוו.

אָט פון וואַנען עס נעמט זיך אָפּאַטאָשוס האַסטיקייט. עס איז אַן אייגנאַרטיקייט פון אָפּאַטאָשוס פען. די ערשטע מעלה, וואָס קומט אַרויס דערפון איז דערציילערישקייט. ווייל זיין פען דאַרף כסדר זיך באַוועגן. כדי באַוועגנדיק זיך און באַוועגן האַנדלונג, מוז זי האַלטן אין איין דערציילן. און אָפּאַטאָשו איז דערציילעריש דורך און דורך — אַפילו ווען ער רעדט, נישט נאָר ווען ער שרייבט.

און נאָך גרויסע מעלות נעמען זיך אַרויס דערפון, וואָס אָפּאַטאָשוס פען דאַרף כסדר אויסאַרבעטן רוים פון צייט. און דאָס אויג באַנוגנט זיך נישט דערמיט, וואָס עס זעט אויף דער אויבערפלאַך, נאָר עס קוקט אַרונטער דער הויט; דאָס אויער הערט דאָס נישט־דערהערטע. און זיין סטיל ווערט אַ בויערער, וואָס בויערט זיך אַריין אין דעם נישט געזעענעם און נישט געהערטן. און ער קאָן צוגעגליכן ווערן צו אַ גאַנץ מאָדערניסטישן אינסטרומענט — צו דעם אַפּאַראַט, וואָס שיקט אַרויס „שאָרט־וויווס“, די קורצע כוואַליענדיקע ראַדיאָ־שטראַלן, וואָס דערלאַנגען אַ סך ווייטער ווי די געוויינלעכע שטראַלן. קורץ וויברירנדיקע עלעקטראָנישע שטאַרלן ברעכן דעם האַרטסטן ווידערשטאַנד — זיי קענען אַפילו אַריינעסן זיך אין לייב. נעמען מיר די דערציילונג: „אַ דייטשקע“. דער סטיל בויערט זיך אַריין און שלעפּט פון דער דייטשקע אַרויס באַוועגונגען, מיט וועלכע זי וואָלט גאָר מורא געהאַט צו וויזן זיך פאַר איר יידישן בעל־הבית און גנבעט זיך אין אויער אַריין און ציט דאָרט אַרויס אירע אומגערעדטע רייד — אַפילו אירע נישט געטראַכטע געדאַנקען.

דאָס איז געווען אָפּאַטאָשוס ערשטע אַריינדרינגונג — אין דער ערשטער שיכט, וואָס גלייך אונטער דער הויט. באַוואָפנט מיט אָט דעם אונטערהויטיקן קוק, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, איז אים לייכט געווען אויסצוזוכן און אויסצוגעפינען זיינע פוילישע העלדן.

און מען האָט געדאַרפט האָבן אַ מאָדים אַן אויג און אַ בריה אַן אויער, כדי אַזוי גיך זיי צו פּאַקן, אָט די האַלבע אונטערוועלט־פּאַרשוינען, מיט זייערע פולע כאַראַקטעריסטיקעס, און זייער פאַרשידענע אַמעריקאַנישע וואַריאַציעס. אָפּאַטאָשו האָט דאָ אַ ניכטערן אויג פאַר זיי, ווי ער האָט עס געהאַט אין מלאווע: אויס מיט דער אונטערוועלט־ראָמאַנטיק. וואָרים

ער האָט זיי באַגעגנט נישט אין חלומות, נאָר אין קענדי־סטאָרס ביי דעם פּרנסה־סטענד. ער טוט זיי אויס זייערע העלדן־קרוינען. אין זייער געוויינ־לעכן צושטאַנד זיינען זיי שלימזלס. העלדן ווערן זיי נאָר פאַר אַ מאָמענט, ווען עס שטייט אין קאָן דער באַזיץ פון דער ווילד־מיידל, פון דער מיידל־מכשפה. דעמאָלט כאַפּן זיי זיך צום מעסער, און זיינען גרייט צום קאַמף אויף לעבן און טויט.

דערזעלביקער טיפּ מענטש וואָס אין מלאָווע, נאָר אַמעריקאַניש גע־שליירט און מען דאַרף קאָנען אַנכאַפּן און ווייזן די אַנדערש געשליירט־קייט — און אַפּאַטאָשו טוט עס: עס איז צוגעקומען אַ נייער טיפּ אונטער־וועלט־מענטש.

מיט דעם איבערבייטן די סביבה — פון אַ „ניוסבאָי" איז ער געוואָרן אַ „היברו טיטשער" — איז געקומען דער גרעסערער קאָנטראָל. ער האָט זיך באַפרייט פון זיין צוגעבונדנקייט צו אַ געוויסן מין מענטשן — דעם אונטערוועלט־מענטש אָדער צו דעם וואָס שטייט אויפן גרענעץ פון אונטער־וועלט — און דורך אָט דעם מין דורכקוקן צו אַלע אַנדערע מענטשן־מינים. דער מין מענטש — „היברו טיטשער" — איז אין מלאָווע נישט געווען.

און אַזוי ווי אַפּאַטאָשוס אויגן־אויערן זיינען נישט געוויינט געווען צו אַזאַ מאַטעריאַל, זיינען פריער נישט אַנגעשלונגען געווען מיט אַזעלכע איינדרוקן, האָט ער באַוואוסטזיניק זיי געדאַרפט הייסן קוקן־הערן וואו מען דאַרף, און נישט אין איין ריכטונג, נאָר אין מערערע ריכטונגען. און זיי האָבן אים דעם וועג נישט געקענט פאַרלויפן. און הגם אויג־אויער איז נאָך אַלץ זיין זעגל־שיף, וואָס זעגלט מערסטנס לויטן ווינט, אָבער ער האָט פאָרט אַ גרעסערן קאָנטראָל איבערן שיף: וואו עס איז דאָ אַ געלעגנ־הייט, טוט ער אַ רודער, שטעלט איבער די זעגלען און קירעוועט די שיף אָנצוקומען צום ציל. עס איז דאָ מער אָרדענונג, מער פאַרוואַלטונג אין דעם ראָמאַן „היברו". — עס איז אַן איבערגאַנגסשטופע, אַ שולע, וואו ער האָט זיך צוגעגרייט פאַר אַן אַרויספאָר צו אַ ברייטערער סביבה, וואו ער וועט נישט זיין צוגעבונדן צו איין באַשטימטן מין מענטש, אויסער די מינים, וואָס זיינען פאַרזייט אין אים אַליין. פון „היברו" איז ער אַרויס אַ געלערנטער — מיט אַ ברייטערן קוק, מיט אַ טיפערער אַריינדרינגונג, מיט אַ פיאיקייט צו אַ געדיכטערן רעאַליזם. מיט אַ פען און סטיל, וואָס זיינען צוגעמאָסטן פאַר דעם.

פאַרטיק ווערנדיק מיט „היברו", איז ער פריי געוואָרן פאַר עקספּע־רימענטן אין אַלע ריכטונגען, אין אַלע ווינקעלעך פון יידישער אַמעריקאַ־נישער און יידיש־פּוילישער סביבה, און פון דער גאַנצער יידישער וועלט־

סביבה. און מיט פולן באַוואוסטזיין קאָן ער שיקן זיין בויער־אינסטרו־מענט — זיין בליק — אַריין, וואו דער עקספּערימענט דאַרף געמאַכט ווערן. און ער מאַכט אַלץ טיפערע שניטן — צי אַ דריטער, פערטער, פינפטער שיכט אונטער דעם מענטשנס הויט.

אַפּאַטאָשוס כאַראַקטער־שילדערונג קאָן מען נאָכפאָלגן נאָך דעם אויפטו זיינעם מיט וואַלד־מיידל־געשטאַלט, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון פוילן. זיין ערשטע דערציילונג „אויף יענער זייט בריק", פאַלי פון דער „ניו־יאָרקער געטאָ", האָט שוין דעם פּיפּיקן פאַרנעם פון דער אַמע־ריקאַנער גאַס. זי האָט ליב צו באַווייזן איר „מאַכט" אויף יעדן איינעם פון דער חברה. רעגינאַ, די „טענצערין" נעמט שוין אַרום אין איר חלום די גרויסע און ברייטע אַמעריקע. זי האָט שוין פאַרחלומט פאַר זיך אַ ראָלע אויף בראָדוויי; טעאַטערס, קאַבאַרעיס און אַ מיליאָנער, וואָס צאַפּלט זיך אין איר אָרעם. אָבער זי איז אַ קינסטלערין. זי האָט ליב יעדן מאַן — דאָס קונסט ווערק, וואָס זי שאַפט אין אים, ווען זי שענקט אים איר ליבע — זי קנעט אים, זי פורעמט אים, און האָט הנאה. זי זינדיקט נישט, זי פאַרלירט זיך נישט, זי פאַרכאַפּט נישט — זי געניסט איר קונסט. אַט געפעלט איר צו לאָזן פאַרליבן אין זיך און אַליין זיך צו פאַרליבן אין אַן אָרימאַן, וועל־כער האָט באַוויזן גבורה אין פאַרטיידיקן זי קעגן אַ באַליידיקונג, וואָס איז פאַר איר גאָר קיין באַליידיקונג נישט געווען — און פאַרלאָזט אים, ווען ער האָלט שוין ביים ווערן רייך — וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער דערביי מאַכן? אמת, זי קלייבט אויס אַ רייכערן פון אים, וועמען זי רייסט אַוועק פון אַ יחוסדיקער ווייב — אָבער נאָר צוליב דעם, זי זאָל וויסן, ווי געשמאַק דאָס וועט זיין. און סוף־כל־סוף וואַרפט זי דאָס אַלץ מיט אַן אַנדער, מיט אַלע אירע בראָדווייער גדלות — און פאַרליבט זיך אין אַן אָפּגעריסענעם אָפּגע־שליסענעם בעל־חלומות, דעם זון פון וואַלד רבין, וועמען אַפּאַטאָשו אַליין האָט אויסגעקליבן פאַר זיין קינפטיקן העלד. דאָס דאַרף ווערן איר שענסטע ליבעסווערק. גובר צו זיין אַ יונגן צדיק, וועלכער האָט קיינמאָל פון קיין ווייב נישט געוואוסט. געבן אים ווייב־לייב פאַר אַ חלק גן־עדן. מאַכן אַ לייבלעכן וואונדער אין אים. זי זוכט און געפינט איר קינסטלערישן תיקון.

און אַפילו אין דער באַהאַנדלונג פון דעם וואַכעדיקסטן שטאָף איז גאָר קיין פאַרגלייך נישט צווישן אַפּאַטאָשוס רעאַליזם און דעם פּאָפּולערן רעאַליזם.

לאָמיר נעמען אַפּאַטאָשוס דערציילונג „פלאַמען" — פון אויבן אויף אַ גאַנץ געוויינלעכע געשיכטע — אַ טעמע וואָס איז זייער פּאָפּולער ביים

פאפולערן רעאליזם — אבער ווי אויסערגעוויינלעך גוט זי איז ביי אפאַ־טאַשון געשריבן. קיין וואָרט וועגן ליבע, די מינדסטע אינטריגע נישט. קיין באַוועגונג פון דעם יונגנמאַנס זייט, קיין מינעלע פון דער יונגער פרוי, אַז זי קוקט אים אַנטקעגן. און קיין שפּיל אין באַהעלטעניש נישט פון זיין זייט און נישט פון איר זייט. פאַרקערט, זי בעט זיך אויפריכטיק ביים מאַן, ער זאָל זען, דער יונגערמאַן זאָל זיך אַרויסציען. און די דראַמע וואַקסט פון שורה צו שורה. די גאַנצע געשיכטע פון דער יונגער פרוי גייט דאָ דורך, איר פריעסטער יוגנט־חלום וואַכט אויף. און זי דערשפּירט, אַז איר לעבן מיטן מאַן איז אַ פאַרבלענדעניש געווען. און זי ראַנגלט זיך, און פּרוּווט זיך ראַטעווען פון דער סכנה, און ווערט צוריקגעשטויסן אין דער סכנה אַריין. און אָן שום פּסיכאָלאָגישע „אַריינדרינגענישן" און אַרייַנ־ריידענישן פון דעם מחברס זייט. נאָר כסדר האַנדלונג נאָך האַנדלונג, און די געשיכטע פאַרענדיקט זיך מיט אַ קורצער שורה: „און כאָטש ער האָט זי נישט אָנגערירט, איז זי שוין געווען זיינע".

אין דער דערציילונג „פייערדיקע צלמים" אַרבעטן ביי אַ פאַרמער, אַ שטרענגן פינצטערן פוריטאַנער, אַ ייד און אַ דינסטמיידל, אַ נישט דער־באַקענע שיקסע, וואָס מען קאָן גאָר נישט חושד זיין, אַז אין איר מוח באַוועגט זיך עפּעס אַ שטיקל געדאַנק. פּלוצלונג נעמט די שיקסע באַווייזן סימנים פון חכמה, אַפילו פון העזה, אַפילו פון אויסגעלאַסנקייט. וואָס איז געשען? דער קו־קלוקס־קלען פון דער געגנט, מיט זייער בעל־הבית בראש, קלייבן זיך אָנצינדן „פייערדיקע צלמים" כדי אָנצוואַרפן אַ שרעק אויף די קאַטאָליקן. און די שיקסע האָט געהאַט אַ קאַטוילישן טאַטן. דאָס איז די נקמה וואָס עפּנט איר אויף דעם מוח.

דערוויַל פאַסירן אויף דער פאַרם אומפאַרשטענדלעכע זאַכן, דער פעטסטער חזיר פאַלט אַוועק, און נאָכן חזיר די צוויי בעסטע בהמות, און אין דער נאַכט, ווען די צלמים ברענען, ווערט אונטערגעצונדן די פאַרם. און כאָטש אַפּאַטאַשו זאָגט נישט אויס, נאָר דער לייענער און דער יידישער אַרבעטער טרעפן, אַז דאָס איז דער שיקסעס אַרבעט. זי איז אַ שטומע חיה, און אַ פאַרזעעניש און אַ מרשעת, און עס איז אַ קונסט צו מאַכן אַזאַ נפש באַרעדעוודיק און אַפילו סימפּאַטיש; און כאָטש זי איז דעם יידישן אַר־בעטער דערווידער, אָבער דער אויפבליץ פון מענטשישקייט אין אָט דער חיה פאַראינטערעסירט אים אַזוי, אַז ער ראַטעוועט זי, איינשטעלנדיק זיין אייגענעם לעבן, פון דער סכנה פאַרברענט צו ווערן פון די קלעניקעס!...

אָט דאָס הייסט מיט דער פּען אַרויסגעקניפּט נשמה פון אַ לייב, וואָס איז אַפילו נישט ווערט אָנגערופן צו ווערן לייב! — בכלל קאָן אַפּאַטאַשו

גאַנץ גוט זיך אַן עצה געבן מיט שטומע באַשעפענישן, וואָס מען קאָן פון זיי נישט קיין ווערטער און נישט קיין געדאַנקען אַרויסקוועטשן. ער באַדינט זיך אָפט אין אַזאַ פאַל מיט אַ פאַנטאַזירנדיקן בילדער־וואַרפנדיקן סטיל, וואָס איז אים געבליבן אַ ירושה פון זיינע יוגנטלעכע פאַנטאַזיע־עקספּעדיציעס, און וואָס גיט אַ פּינקטלעכע באַשרייבונג פון אַ פּסיכישן צושטאַנד, אַפילו ווען דער מענטש איז האַרט ביי דער ערד, און איז פּסיכיש אַזוי שטום ווי די ערד. אין דער דערציילונג „נויט" (געדרוקט אין „אויפקום" פאַר נאָוו.־דעצ. 1933) ליגט אַן אַרבעטער, וואָס האָט זיך צעקאַליעטשעט אַראָפּפאַלנדיק פון אַ דאַך און גוססט אין אַ פינצטערן קעלער, פוילט לעבעדיקערהייט און פּוכנעט פון הונגער, און עס קומען אים מבקר חולה זיין מיסיאָנערן, סאָציאַליסטן און פרומע יידן — און וואָס זשע טראַכט ער נאָך די אַלע טרייסט־רייד, וואָס ער האָט אויסגעהערט:

„ווערטער ווי פינצטערע ווענט, האָבן זיך געהויבן איבער אים, נישט איבערצוגיין. נישט אַרומצוגיין. דער אויסגעמאַטערטער מוח האָט געעפנט אַלע קעמערלעך, ליידיקע קעמערלעך. אין דער פּוסטקייט האָבן דאָ און דאָרט אויפגעטוקט ווערטער: „מיסיאָנערן, סאָציאַליזם, קאָמוניזם, סטרייק, הונגער..."

און אַזוי אויך ביים שלוס פון דער דערציילונג, ביי דער יציאת נשמה פון דעם גוסס — אַן אָפּשפּיגלונג אין אַ פאַנטאַזיע־בילד פון מוות.

דאָס, וואָס אָפּאַטאָשו דאַרף זיך נישט פאַרלאָזן אויסשליסלעך אויף זיין שעפערישן אינסטינקט, ער זאָל אים אונטערזאָגן וואָס צו טאָן, און דאַרף נישט וואַרטן ביז די חלומות וואָס יערן אין אים זאָלן צייטיק ווערן און אים אַ שטויס טאָן צו דער אַרבעט; דאָס וואָס אָפּאַטאָשו קאָן מיט קאָפּ, מיט אינטעליגענץ, אויפכאַפּן די נאָענטסטע פּראָבלעמען, וואָס בעטן זיך אויפגענומען צו ווערן און געליזט צו ווערן פון דער ליטעראַטור — פון אים, דורך אים; ווי ער וואָלט אַ קריטיקער געווען, וואָס שטייט אויפן וואַך־טורעם און נעמט מיט זיין בליק אַרום דעם גאַנצן שטאַם פון דער ליטעראַטור און זעט וואָס פעלט און וואָס עס איז נויטיק און וואָס אָפּאַטאָשו קאָן און צו וואָס ער איז באַרופן: דאָס, וואָס אָפּאַטאָשו קאָן אויפגעבן פּראָבלעמען אָפּאַטאָשון דעם שריפטשטעלער, און דער שריפטשטעלער קאָן זיך ווענדן צו אָפּאַטאָשון דעם אינזשענער: ווייז מיר דעם וועג, צייכן מיר אַן דעם פּלאַן און גיב מיר דעם מעטאָד, און דער אינזשענער קאָן געבן באַפעלן פאַר דעם שריפטשטעלער אויסצופּאַלגן, אויסצופירן און צושניידן, און צעשניידן אויף שטיקער, און הייסן דעם שריפטשטעלער: בלאָז אַריין דעם שעפערישן אָטעם אין זיי, מאַך זיי לעבעדיק — און די אַלע דריי:

י. אָפּאַטאָשו

דער אינטעליגענט, דער אינזשענער, דער שריפטשטעלער — שטייען איי־נער דעם אַנדערן צו דינסט: מיט איין וואָרט די פולע באַוואוסטזיניקייט וואָס דיריזשירט מיט אָפּאַטאָשוס שאַפן — דאָס האָט אָפּאַטאָשון געמאַכט פאַר אַ פּיאָנער, פּאַראויסלויפער, דערפינדער, אַנטדעקער און נאָוואַטאָר.

„אידישער קעמפער״, 1947.

י. י. זינגער

י. י. זינגערס לעצט ווערק

דורכצושטודירן י. י. זינגערס אַלע ווערק — זיינע נאָוועלן פון „פערל״ ביז די „אמתע פּאַסירונגען״, וואָס דרוקן זיך איצט; זיינע ראָמאַנען — „שטאָל און אייזן״, „יאָשע קאַלב״, „די ברידער אשכנזי״, „חבר נחמן״, „די משפּחה קאַרנאָווסקי״ — דורכצושטודירן זיי אַלע, וואָלט גענומען חדשים; נעם איך זיין לעצט לעבנס־ווערק — דאָס וואָס ער האָט פאַר־ענדיקט און פאַרחתמעט 8 אַזייגער אין דער פרי, דאָנערשטיק, דעם 10־טן פעברואַר, ווען ער איז אומגעריכט געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע, אַן אויסערלעך געזונטער און שטאַרקער, אין עלטער פון 50 יאָר, אין רעכטן בלי פון זיין טאַלאַנט. און פון זיין לעצטן לעבנס־ווערק וועל איך פּרואוון אַ קוק טאָן אויפן גאַנצן זינגערן. ווי קומט עס? אַ מענטש אין אַזאַ עלטער, אין אַזאַ געזונט־צושטאַנד שטאַרבט נישט מיר נישט דיר נישט. אומגע־ריכט פאַר אַנדערע, אומגעריכט אפשר פאַר זיין באַוואוסטזיין, אָבער ניט אומגעריכט האָט עס געמוזט זיין פאַר זיין אונטערבאַוואוסטזיין. טיפערע סיבות האָבן דאָ געמוזט זיין אין דער אַרבעט. אינערלעך האָט ער זיך געמוזט גרייטן צו אַזאַ טויט, ווי ער האָט צוגעטיילט אין „די ברידער אַשכנזי״ צו שמחה־מאיר אַשכנזי: — „אין דער רגע האָט ער דערפילט אַ קלעם אין האַרץ, ווי אַן אייזערנע צוואַנג וואָלט אים פעסט אָנגעכאַפּט...״

אין „די ברידער אַשכנזי״ האָט זינגער געלאָזט אין גאַנג אַ סך פּסי־כאָלאָגיע, אין „די משפּחה קאַרנאָווסקי״ האָט ער שוין גאַנץ באַוואוסט־זיניק אָנגעווענדט זיגמונד פרוידס מעטאָד פון פּסיכאָ־אַנאַליז. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז זינגער שרייבט נאָכדעם אַ ווערק, וואו ער נעמט זיך אַליין פאַר אַ הויפּט־העלד. וואָלט ער זיכער גרינטלעך זיך פּסיכאָ־אַנאַליזירט, אַז אַ טויט דורך אַ צוואַנג, וואָס כאַפּט אַריין זיין האַרץ, וואָלט געוואָרן אומפאַרמיידלעך — לויט פרוידס כלל, אַז פלעצלעכער טויט קומט ניט צופעליק; ער גיט זיך ניט אומזיסט, מען דאַרף אים „פאַרדינען״. סתירות אַרבעטן אַזוי לאַנג, ביז זיי נעמען אַריין דאָס האַרץ אין אַ צוואַנג. דער

טויט ווערט „געוואונטשן”. קומט ער ניט דורך נאַטירלעכע סיבות, קומט ער על פי „סיבה”. אַלץ איינס איז עס אַזוי גוט ווי זעלבסטמאָרד. י. י. זינגער האָט אַזאַ אויטאָביאָגראַפיש ווערק ניט געשריבן — לאָזט זיך אָנ־צייכענען די סכעמע פון אַזאַ ווערק? קאָן מען פון זיינע געשריבענע ווערק אַרויסלייענען אַ צוזאַמענשטויס פון קעגנגעזעצטע כוחות וואָס וועלן סוף־כל־סוף פאַרקלעמען זיין הארץ?

אין 1915, צו 22 יאָר, האָט ער אָנגעהויבן מיט חסידישע מעשות, ראָמאַנטיש־באַהויכטע, פון פּרצעס לופט אָנגעווייעטע — ער, דער קינפטי־קער מחבר פון „יאָשע קאַלב”, וואו ער לאַכט דעם בייזסטן געלעכטער פון חסידישע רביסטווע. זיי האָבן ניט באַוויזן די ליכטיקע שיין צו דערזען. ער האָט זיי צעריסן. דער מתנגד אין אים, דער מתנגד בן מתנגד, דער זון פון אַ מתנגדישן רב, האָט גלייך זיך געמעלדעט מיט פּראָטעסט. אַ סתירה האָט אַפילו קיין צייט ניט געהאַט אַ שפּראָץ צו טאָן.

אין קיעוו, וואו די „קיעווער גרופּע”, איידער זי האָט זיך פּראָלעטאַ־ריזירט און סאָציאַליזירט לויטן מאָסקווער נוסח, האָט זי זיך פאַרשיכורט מיטן מאָדערניזם פאַר געזעגענען זיך מיט אים און האָט „געניסתרט” מיט רמזים און סימבאָלן — איז דער יונגער זינגער פאַר אַ ווילע אויך אָנגעשטעקט געוואָרן. פאָעטישע עקספּערימענטן האָבן אָנגעקלאַפּט אַ סטרונע אין אים. ער האָט אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט מיסטיש־סימבאָ־לישע „ערדוויי”, „דריי”. אָבער איידער נאָך די גרופּע האָט פאַרענדיקט איר שיכרות מיט אַלערליי „איזמען”, האָט זינגער זיך שוין אָפּגעוואָרפן פון איר, און ער קומט מיט זיין נאָוועלע „פּערל”, וואָס האָט אַפילו דעם טאַלאַנטפולסטן פון דער גרופּע, דוד בערגעלסאָנען, איבערגעשראָקן מיט איר „צו ניכטערן” רעאַליזם. דער מתנגד אין אים האָט אים ווידער אויס־געהיט פון אַ סתירה.

מיט „פּערל” איז זינגער געקומען צו זיך, אין זיין אייגענעם. איז עס רעאַליזם? אויב רעאַליזם, איז עס גאָר פון אַ זעלטענעם מין: אַ רעאַליזם, וואָס האָט פאַר זיין אונטערשלאַק פאָעטישע הנאה. אַ מעשה וועגן אַ ציי־רונג־הענדלער, געשניצט פון אַ יוּוועליר, וואָס אים אַרט ניט אַזוי וואָס ער שניצט, אַבי קינסטלעריש זאָל זיין מלאכה זיין. מאַלט אייך, אַז עס אַרט אים יאָ, ער האָסט אים, אָט דעם אַלטן קאַרגון שפּילריין, וועלכער שטאַרבט, שטאַרבט, אָפּליגנדיק דורך די ווינטערס אין בעט, אויסהוסטנדיק זיינע לונגען, און ער שטאַרבט דאָך ניט — די געלט־גייציקייט האַלט אים אויף ביים לעבן; ער האָסט אים, דעם פעטער, וועלכער האָט געמאַכט זיין פּלי־מעניק פאַר אַ גולם, וואָס זאָל וואַכן איבער זיינע אוצרות; ער האָסט אים,

דעם בעל־הבית פון וואַרשעווער הויפן, וועלכער צאַפּט בלוט פון אַלמנות און מאַכט פון די בלוט־טראָפּנס גאָלדשטיקער; ער האָסט אים, דעם צבועק, וועלכער צערטלט קינדער מיט זיינע בלוט־הענט, וועלכער שינדט די הויט פון זיינע קרבנות גלעטנדיק דעם מנוול, אָבער ער לאָזט זיין האָס ניט רעדן, וואָרעם האָס וועט פאַרדאַרבן זיין קינסטלערישן אַפּעטיט. ער לאָזט זיין ראיה און געהער רעדן דורך סצענעס, וואָס זעטיקן אים, דעם קינסטלער, מיט שפּערישער פרייד. זינגער פּרעסט זיין העלד אַ לעבעדיקן מיט זיינע אויגן און אויערן, אָבער פּונקט ווי די מענטשנפּרעסער פּראָוועט ער צוערשט איבער אים אַ צערעמאָניאַל.

וואו האָט זינגער גענומען אַזוי פיל סצענעס, אַזוי פיל פּרטים, אַזוי פיל אויפגעכאַפּטע מאָמענטן? ווי ער וואָלט אַ גאַנץ לעבן אים נאָכגעשפּירט אין הויז און נאָכגעגאַנגען אים דורכן הויף, איבער די וואַרשעווער גאַסן ביז צו דער קאַפע־בערזע פון די צירונג־הענדלער. ניין, דער איינדרוק דערלאַנגט זיך, אַז נאָר איין מאָל האָט ער אים צופעליק באַמערקט און פאַר טשיקאַוועס אים נאָכגעגאַנגען. און דער איינמאָל איז גענוג געווען. איין מאָל געזען, דאָס איבעריקע האָט ער העלזעעריש צודערזען. ניט קיין פאָטאָגראַפישער רעאַליזם איז עס. פון דעם איינמאָל זען האָט ער בלויז די פאָטאָגראַפישע ראַם גענומען; און אין דער ראַם האָט ער אַריינגעפּרעסט אַ פולגעוויקסיקן פּאָרטרעט, וואָס איבערשטייגט דיווירקלעכקייט הונדערטפאַך. עס איז ניט ווי עס איז, נאָר ווי עס מוז זיין און די ווירקלעכקייט מוז פאָלגן!

אין רעזולטאַט איז אַ צופעליקער נישטיק מענטשל אויסגעוואַקסן צו אַ פּאַרזעניש, צו אַ מאָנסטער, אין איין גאַלעריע אַריינצושטעלן מיט מאָליערס „טארטיוף" און גאָגאָלס פּליושקין. דאָס איז די אַרבעט פון אַ קוועלנדיקער, אָנגעקוואָלענער פּאָעטישער פאַנטאַזיע. די העסלעכסטע און צוגלייך אויך די פּאָעטישסטע סצענע אין דער דערציילונג איז דער אויספאַרקויף פון די איבערגעלעגענע משכנות אין לאָמבאַרד, אָבער און ווידער איבערגעריסן פון אויפיאָמערן פון אַ פרוי, וואָס זעט זיך צום לעצטן מאָל מיט איר ירושה־צירונג:

— צוויי טויזנט...

— צוויי טויזנט דריי הונדערט...

דער זאָל פאַרהאַלט אַ ווײַלע דעם אָטעם.

גליק און אומגליק בלאָנדזשעט דאָ איבערן נידעריקן, געוועלבטן זאַל, גליק און אומגליק, וואָס זוכן זיך יעדער זיין מענטש. מען זעט זיי ביידע. מען פילט זיי, נאָר מען דערקענט זיי ניט, ווער גליק און ווער

אומגליק... עס איז געדיכט אין זאַל, הייס. די לופט איז פול מיט הייסן באַגער, מיט גלייך הייסן באַגער פאַר אייגן גליק, ווי פאַר פרעמד אומ־גליק. געדיכט איז ער, דער באַגער, געדיכט און ממשותדיק. איבער אים בליצט העלער אוצר, איבער אים רייצט פייערדיק גאָלד, און איבער זיי אַלעמען ברענט הייסע זון דורך גרויסע פענצטער, שיט בלענדנדיקן שטויב אויף אַלעמען; שיט אויף גאָלד און אויף שכל, אויף שונא און אויף פריינט, און פאַהילן פאַרהילט זי אין זיך אַלץ, וואָס אין געדיכטן זאַל. אויסגעמישט ווערט אַלץ אין איין בלענדענדיקער געדיכטעניש און נאָך קולות רייסן זיך אַרויס איינער העכער פון אַנדערן: — דריי טויזנט...

— דריי טויזנט פינף הונדערט...

דאָס איז אַ ליד אויסגעזונגען צו אַ לאַמבאַרד. דער „מענטשפרעסער" איז אין דינסט פון פאָעט. ווי קומט אַ פאָעט זיין צו בן הרב, וועלכער האָט אַליין זיך געגרייט אַ רב צו זיין? די חריפות פון מוח איז אַריבער אין זיין ראיה און געהער. דיהלכההאָטזיךפאַרזיווגט מיט דער הגדה.

דאָ אין זיין ערשטער נאָוועלע איז כמעט קיין דערציילערישער סוזשעט ניטאָ. די סצענעס באַוועגן זיך דורך אַ ווינטער און אַ זומער פונעם העלד, ווי סצענעס פון אַ פילם, און זייער באַוועגונג איז די דערציילונג. ערשט די שלוס־סצענע מאַכט אַ שליף, וואָס פאַרבינדט דעם סצענען געזעמל אין עפּעס אַן אַנצוועהרעניש פון אַ סוזשעט. ירוחם געצל דער קברות־מאַן, פאַרט אַריין אין הויף מיט זיין קאַרעטע. דער הויף מיינט שוין דער בעל־הבית איז געשטאָרבן — ברוך דיין אמת! ערשט...

„דער הויף האַלט אַראָפּ די קעפּ. קופּקעלעך טוליען זיך צו צו די ווענט, גייען אויף שפּיץ־פינגער און וואַרטן הכנעהדיק מיט אַנגעשטרענגט אויג און אויער צום צוויטן פאַרשטויבטן שטאָק. נאָר אָט גיט עפּעס אַ באַקאַנטער וויס־ביינערדיקער שטעקן אַ בלענד איבערן הויף, אַ פּאָר שפּיציקע קני רוקן זיך פאַראויס און אַ באַקאַנט הוסטל שטיקט זיך פון ווייטנס: — כע־כע־כע, אַ גוטן מאָרגן, ר' ירוחם־געצל...

— וואָס מאַכט מען, ר' ירוחם־געצל?...

צוגעטוליעטע רעדלעך גיבן אַ ציטער, בלייבן שטיין מיט אויפגעריסענע אויגן און מיילער און וואַקסן־צו צו ערד הינטער פיס.

ירוחם־געצל דרייט אויס די בלינדע פערד צו אַ ווינקל אין הויף און אַ ווייבערשער געוויין, אַ יאָמערלעכער און הייזעריקער, פאַרגייט זיך פון ווייט:

— אוי, מיין יונגער בוים...

—ווי, מיין ליכטיקער שפּייזער..."

אַן אָרעמאַן אַ ברויטגעבער איז געשטאָרבן! דער אַנגעשטאָפּטער דבר־אחר, וואָס אָט־אָט שטאַרבט ער, און בלייבט דאָך לעבן! נאַדיר יושר אויף דער וועלט!...

אין קינסטלערישער „מענטשנפּרעסעריי" מיט אויג און אויער איז זינגער אין זיין עלעמענט. דאָ איז ער אין זיין גאַנצקייט, אָן שום סתירה. און סצענאַריאַ, וואָס זייגט דעם תמצית אַרויס פון מענטש און געשעע־ניש, בלייבט זיין געצייג פאַר אַלע מאָל — פאַר דערציילונגען און ראָמאַנען. ווען אַ קורצער עפּיזאָד, וואו סצענע פאָלגט געשווינדט נאָך סצענע, גייט סצענישקייט במילא איבער אין דער דערציילונג. אויך אין ראָמאַנען האַלט ער זיך ביים זעלביקן מעטאָד — יעדער קאַפּיטל וויל ווערן אַ „פּערל" פאַר זיך אַליין. אָבער מיט די ראָמאַנען איז שוין אַנדערש. אַנשטאָט גאַנצקייט פון דעם מחבר מיט זיך אַליין, קומט סתירה, קומט קאָנפליקט און דער פּאָעט ווערט פאַרביטן מיט דעם דראַמאַטורג.

זיין ערשטער ראָמאַן „שטאָל און אייזן" איז נאָך ניט אַזוי אַנדערש. עס איז גיכער אַ לויז־געבונדענע קאָנסעקווענץ פון דערציילונגען, וואָס לויפן נאָך די האַסטיקע געשעענישן פון מלחמה און רעוואָלוציע און שליסן זיך מיט דעם טריאומף פון דער רעוואָלוציע... די רעוואָלוציאָנערע סאָל־דאַטן שטורעמען דעם ווינטער־פּאַלאַץ.

זיין ערשטער אמתער ראָמאַן אויף אַ ברייטן געשיכטלעכן לייוונט איז „יאָשע קאַלב", וואו ער רעכנט זיך גרויזאַם פאַנאַנדער מיט חסידות. און מיר ווערן געוואויר פון וואַנען עס האָט זיך גענומען צו אים די „מענטשנ־פּרעסעריי" — דאָס האָט ער אויסגעפירט די באַשטעלונג פון זיין זיידן דעם רב־מתנגד, וועלכער איז געווען פּאַטריאַרך פון דער זינגער־משפחה. — איך האָב געהערט זינגערן דערציילן, ווי איינמאָל האָט צו זיי אין שטעטל זיך אַראָפּגעלאָזט אַ חסידישער רבי, ווען דאָס פאָלק האָט נאָכדער־ציילט גרויסע מופתים. האָט דער זיידע דער מתנגד אים אויפגענומען ווי זיין גאַסט — גרייט אָפּצוגעבן כבוד אַ תלמיד־חכם. אַרויסגעשטעלט האָט זיך, אַז ער איז אַ וויסטער עם־האָרץ, און פון זיינע מופתים האָט ער אַליין זיך אויסגעלאַכט, און גאָט האָט ער ליב געהאַט, ווייל ער גיט אים אַ הכשר אויף גוף, געלט און ווייב־לייב.

אָט די גרונט־דערפאַרונג פון זיין יוגנט האָט אָנגעשאַרפט און אָנגע־שפּיצט אַלע זיינע חושים דורכצושפּירן דורך אַלע פאַלשע אָנשטעלן ביז צום נאַקעטן לייב. פון דאַנעט זיך טאַלאַנט צו פּרעסן מענטשן מיט די אויגן, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעגעבן פון זיך אַזאַ צעזעצערישן שטאָף, וואָס עסט אויס מענטשן־מאַסקעס צוזאַמען מיט דער הויט ביז צום ביין. אין „יאָשע

קאַלב" זיינען אַרויסגעפירט צענדליקער פאַרשוינגען, וואָס זיינען אויסגעטאָן מוטער־נאַקעט, וואָס עס טראָגט פון זיי לייב־גערוך, מיט דעם ניעשאָווער רבין בראש, וועלכער אָווירט מיט תאווה. אהאָ, איז די חסידישע רביסטווע דעמאַסקירט! און נאָך צענדליקער פאַרשוינגען ווערן אַרויסגעפירט, וואָס איינס צוויי שטייען זיי שוין מיט בולט־אַרויסשטאַרצנדיקע כאַראַקטער־סימנים. און אַלץ מיט קינסטלערישער איינגעהאַלטנקייט. ניט זינגער רעדט פאַר זיי, נאָר די סצענעס רעדן, דערציילן, שילדערן. דער מעטאָד פון „פּערל" טוט וואונדערלעכע שניץ־אַרבעט.

איז דאָך זינגער אין זיין עלעמענט, און ער דאַרף זיך פילן גוט — וואו זשע איז דער קאָנפליקט?

צוויי קאָנפליקטן: ערשטנס, אַ קאָנפליקט צווישן ראָמאַניסט און דעם קינסטלער. אַ ראָמאַן, וואָס איז אויסגעשטרעקט אין דער ברייט פון דער געשיכטע, קאָן ניט געשריבן ווערן אויסשליסלעך מיט דעם מעטאָד פון „פּערל" — פון צופירן סצענע צו סצענע. צווישן סצענע און סצענע בלייבן ליידיקייטן, וואָס מוזן אויסגעפילט ווערן. אַ ראָמאַן דאַרף געפלאַנעוועט ווערן. דאָס פאָדערט קאָפּ און שכל. האָט דער בן־בן הרב, דער גמרא־קאָפּ און שאַרפער בעל־שכל, זיך אַן עצה געגעבן: ער האָט אויסגעלייגט אין די ליידיקייטן צווישן די סצענעס גאַנצע פלאַכטעס פון איבערדערציילטן געשיכטלעכן שטאָף און פון עטנאָגראַפישן, פאָלקלאָריסטישן שטאָף — באַשרייבונגען פון מנהגים, צערעמאָניעס, סגולות און אָבערגלויבנס — ווי אָנגעשריבן פון כראָניקעס און פון אַלטע ספרים. זינגער מאַכט עס פלינק, לעבעדיק, זשורנאַליסטיש, בלייבט עס טאָקע טיילווייז זשורנאַליזם.

האָט דער קינסטלער אין אים פּראָטעסטירט. פון וואַנען ווייסן מיר עס? לאָמיר זיך דאָ דערמאָנען, אַז „יאָשע קאַלב" האָט ער געשריבן נאָכדעם ווי ער האָט זיך געגעבן אַ נדר מער קיין קינסטלערישע ווערק ניט צו שרייבן. ווייל אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס", אונטערן נאָמען קופער, איז ער אַרומגעפאָרן איבער דער פּוילישער און גאַליצישער פּראָווינץ, און געזאַמלט קיצלדיקן שטאָף. האָט מען אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער איז אַ שונד־ליפעראַנט. האָט ער זיך דערפילט געטראָפן. האָט ער אַן אויסגעהונגערטער מיט דער פאַמיליע פאַר אַ ריי מיט יאָרן, באַשלאָסן: גוט, וועט ער טאָן בלויז שוואַרצע אַרבעט, מלאכה, און ניט מער. און ער האָט דעם נדר געהאַלטן עטלעכע יאָר. און אַז ער האָט דעם נדר געבראָכן און זיך יאָ אונטערגעזעצט שרייבן „יאָשע קאַלב", איז עס געווען אַ סימן, אַז ער איז איינגעגאַנגען אויף אַ פשרה צווישן קינסטלער און זשורנאַ־

ליסט. און די פשרה דעקט עס מיט זשורנאַליסטישע פּלאַכטעס די ליידי־קייטן פון ראָמאַן.

און די פשרה האָט אים געקרענקט. ער האָט עס זייער זיך גענומען צום האַרצן. דאָ קומט דער צווייטער קאָנפליקט: צווישן ראָמאַניסט און דעם ניצוץ פון צדיק, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך, ווי אַ ירושה פון זיין זיידן, דעם רב־מתנגד. די „מענטשנפרעסערישקייט", די מתנגדישע שטרענגקייט, די אומרחמנותדיקע דעמאַסקירונג פון די חסידישע „צדיקים" איז דאָך אָנגעשפּאַרט אויף דער מתנגדישער אמונה אין דעם צדיק, וואָס איז חד בדורו, אין דעם ווילנער גאון. אָן אָנצוהעניש אויף יענעם צדיק איז דאָ אין ראָמאַן. דאָס איז יאָשע קאַלב אַליין. אַ מאָדנער צדיק: אַ שטומער צדיק. אַ טראַגעדיע פון אַ צדיק, וואָס איז געשפּאָלטן אין זיך, און ער זאָגט ניט אויס, אין וואָס זיין טראַגעדיע באַשטייט. אַ בעל־תשובה, וואָס האָט זיך געגעבן אַ נדר צו שווייגן, ווי זינגער ניט צו שרייבן. איז דאָך אייגנטלעך די טראַגעדיע ניט אַרויסגעבראַכט. איז עס זייער קונציק־זשורנאַליסטיש, זיך לייכט געמאַכט, אָבער קינסטלעריש אַ גרויסער חסרון — דער צווייטער גרויסער חסרון פון „יאָשע קאַלב", וואָסביידע שטאַמען זיי פון אַ פשרה.

און די פשרה איז נאָך קענטיקער, און דער קאָנפליקט נאָך האַרבער אין זיין גרעסטן און אויך בעסטן ראָמאַן — „די ברידער אשכנזי". פּסי־כאָלאָגיש איז די פשרה די הויפּט־טעמע פון ראָמאַן.

נאָך אַ גרעסערע אונטערנעמונג, נאָך אַן אינטענסיווערע פּלאַנירונג, מיט נאָך מער גרויסן קאָפּ. די געשיכטע פון אַ האַלבן טוץ משפּחות, זייער שטייגן און פאַלן, מיט די גילגולים אין זייערע קינדער און קינדסקינדער, מיט די לעבנס־געשיכטעס פון די צוויי הויפּט־העלדן, די צווילינג־ברידער אשכנזי — אַריינגעשטעלט אין דעם ראַם פון אַן עפּאָכע — דאָס שטייגן פון קליין שטעטל לאָדזש ביז דעם גרעסטן אינדוסטריע־צענטער פון פּוילן, מיט דער פּירנדיקער יידישער ראָלע דערביי, ביז צום פאַלן פון לאָדזש אונטער דער פּוילישער מיסהערשאַפט — אַן עפּאָכע, וואָס דעקט איבער 50 יאָר, פון אָנהייב פון די 80־ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט ביז צום סוף פון די צוואָנציקער יאָרן, מיט אַ צוריקבליק צו פאַר הונ־דערט יאָרן, ווען די ערשטע דייטשישע וועבער האָבן זיך אַריינגעצויגן אין לאָדזש.

דער קינסטלערישער מעטאָד פון „פּערל" דערפירט ביז צו שלימות. כאַראַקטערן אויסגעשניצט נאָך ווירקלעכער ווי אין דער ווירקלעכקייט. איינ־סצענירט, דראַמאַטיזירט, אַפילו וואו ער אינסצענירט ניט, נאָר כאַראַקטע־

ריזירט, דאַרף מען פאַרהאַלטן דעם אָטעם. ער דעקט אויף דעם סוד שבסוד פון אַ כאַראַקטער.

און עס איז גאַרניט אַזוי בייז, רשעותדיק, „מענטשנפרעסעריש", ווי מיר האָבן לכתחילה געמיינט, מיט אונדזער שטענדיקער מורא: מה יאמרו הגויים? — ווי אַזוי זאָגט מען עס אויס די גויים? ווי פאַרברעכעריש, עקספּלואַטאַטאָריש די יידישע פאַבריקאַנטן אין לאָדזש זיינען געווען? — איז ערשטנס, ווייזט אונדז זינגער, אַז די גוישע פאַבריקאַנטן, די הונצעס, זיינען געווען נאָך ערגער — האַרטהערציקער, מיט אַ סך ווייניקער איני־ציאַטיווע און שוואונג. אַפילו צו זייער עשירות האָבן יידן בייגעטראָגן: די אשכנזים, די פלעדערבוימס. צווייטנס, זיינען די יידן אַזוי פאַרנאַטיר־לעכט, אַזוי פאַרמענטשלעכט, אַז גויים וועלן ניט זאָגן יידן, נאָר מענטשן. דריטנס, אַנטקעגן די יידישע גרויס־אינדוסטריאַליסטן ווערט אַרויסגע־שטעלט באַלוט, די פאַרשטאַט פון די יידישע האַנט־וועבער, וואו עס זיינען אויפגעקומען יידישע צדיקים, ניט שטומע נאָר באַרעדעוודיקע און האַנד־לענדיקע צדיקים — דער אומדערמידלעכער פאָלקס־אַגיטאַטאָר טביה, וואָס קיין הונגער, געפענגעניש און סיביר שטעלן אים ניט אָפּ; דער אינטעלי־גענט ניסן, דעם באַלוטער רבס זון, דער אַפּאָסטאָל פון סאָציאַליזם און רעוואָלוציע, און באַשקע, טביהס טאָכטער, וועלכע שטאַרבט אויף די באַ־ריקאַדן, אַ גליקלעכע, וואָס ניסן, אין וועמען זי איז שטומערהייט פאַר־ליבט, זעט ווי איר בלוט ווערט פאַרגאָסן פאַר זיין, ניסנס, און איר טאַטנס אידעאַל — אָט די דריי בעלי־חלומות וועלן אַפילו אין די אויגן פון פאַר־ביסענע גויים אויסקויפן אַלע זינד פון די יידישע געלט־יעגער.

די דריי ווייזן אויך, אַז דער צדיק, וואָס איז געזעסן אין רבס זון, האָט זיך אויך געשטאַרקט — דער צדיק, וואָס איז געווען גאָר אַ נאָענטער קרוב צו דעם קינסטלער אין אים. אָבער געשטאַרקט האָט זיך אויך דער אויסגערעכנטער, פּראַקטישער אונטערנעמער, דער ראָמאַניסט־זשורנאַ־ליסט, און די פּשרה, דער ווידעראַנאַנד צווישן זיי איז אַ סך האַרבער. די פּשרה איז איינגעטיילט צווישן די צוויי צווילינג ברידער — מאַקס און יאַקוב אשכנזי — וואָס ביידע האָט ער זיי פון זיך אַרויסגענומען. — מאַקס, דער עלטערער פון צווילינג, אַ קליין־געוויקסיקער, קאָן ניט מוחל זיין יאַקובן, דעם געבוירענעם מיט 20 מינוט שפּעטער, וואָס יענער האָט אויס־געכאַפּט ביי אים די בכורה — מיט זיין הויך געוויקסיקייט, מיט זיין שיי־נער געשטאַלט, מיט זיין בכורה — מיט זיין מזלדיקייט, וואָס אַפילו קליי־נערהייט קלעפּן אַלע שיינע מיידלעך צו אים. ראַטעוועט ער זיך פון זיין שיפלות־קאָמפּלעקס מיט אַ באַשלוס וועגן נקמה. נאָך קליינערהייט באַ־

שליסט ער צו איבערשטייגן און פאַרטונקלען זיין ברודער, און מיט זיין גמרא־קאָפּ, מיט דריידלעך און פּילפּול, מיט כיטרעקייט און עקשנות פירט ער עס דורך: נעמט צו ביים ברודער זיין כלה. און ער איבערשטייגט ניט נאָר זיין ברודער, נאָר גאַנץ לאַדזש מיט דעם, וואָס ער ווערט דער קעניג פון דער אינדוסטריע. זינגערס איז ניט מאַקסעס כיטריקייט, נאָר זיין בריהשקייט, זיין בויגעוודיקייט, ווי אויך זיין עקשנות, זיין מוח־שאַרפ־קייט, ווי אויך דעם באַשלוס צו ווערן דער קעניג פון דער אינדוסטריע, מיט דעם אויסקוק אויפן אויסלענדישן מאַרק...

אָבער אויך דאָס בעסטע אין יאַקובן איז זינגערס: ער נעמט ביי אים די עשירות ניט אַוועק, ער גיט אים ווייניק גמרא־קאָפּ און למדנות, אָבער ער טיילט אים איין מענלעכקייט, פּערזענלעכקייט, מזלדיקייט, לעבנס־פרייד, וויכקייט פון געמיט און גרויס־מוט. יאַקוב איז דער קינסטלער. צווישן די צוויי ברידער איז כסדרדיקער צוזאַמענשטויס. אין זינגערן איז עס אַ קאָנפליקט צווישן זיינע צוויי נשמה־עלעמענטן — דער ראָמאַניסט אונטערנעמער און קינסטלער. דער ראָמאַניסט איז געוואַלדיק געשטיגן אין בריהשקייט קעגן „יאַשע קאַלב" — ניטאָ קיין פלאַכטעס, וואָס זאָלן דעקן די לײַדיקייטן. יאָ, כראָניקע איז דאָ, אונדז יידן אַ גוט־באַקאַנטע כראָ־ניקע: פון לאַדזש, פון מלחמה און רעוואָלוציע. אָבער, מיטן אויסקוק אויפן אויסלענדישן מאַרק, איז דער כראָניקע־רעפּאָרטאַזש אַזוי קונציק געפירט, אַז פאַר ניט־יידן איז עס אינטערעסאַנטער, פאַרכאַפּנדיקער לייען־שטאָף. אויך פאַר אונדז יידן איז דער רעפּאָרטאַזש אויסגעקויפט מיט אָבער און ווידער אַריינגעוואָרפענע גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיקעס און שפּאַנענדיקע דראַמאַטישע סצענעס, וואָס די געשפּאַנסטע שפּילט זיך אָפּ אויף אַ גרענעץ־סטאַנציע צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און נייער פּוילן: — מאַקס אַשכנזי, צוליב זיינע שמוגל־ספּעקולאַציעס פאַלט אַריין אין קעלער פון לענינגראַדס טשעקא. איז יאַקוב אַשכנזי אים מוחל זיין אייביקע שנאת חינם, און לייזט אים אויס פון דער טשעקא. און אויף דער גרענעץ־סטאַנציע לאָפּי האָבן זיי זייער ערשטע באַגעגעניש מיט אַ פאַרשטייער פון דער נייער פּוילן — אַן אָפיצערל, וואָס האַלט פאַר זיין פּאַטריאָטישער פליכט מבזה צו זיין די צוויי יידן. מאַקס אין נבזהדיקער אויסגערעכנט־קייט: וואָס טויג צערעמאָניעס מיט אַ שגץ? — לאָזט ער זיך שפּייען אין פּנים, טענצלט אַ מה־יפית און זידלט זיך אַליין: זשיד! זשיד! — יאַקוב ענטפערט מיט אַ פּאַטש אין פּנים דעם אָפיצערל און ווערט גלייך אויפן אָרט דערשאָסן פון אים, און מיט זיין טויט מאַכט ער אומשטערבלעך דעם שטאָלצן ייד־קינסטלער אין אים.

י. י. זינגער, דער שטאַלצער ייִד־קינסטלער, וואָלט פּונקט אַזוי געהאַנדלט. די צוויי אשכנזים האָבן זיך געראַנגלט אין אים אין אַן אומ־אויפהערלעכן דראַמאַטישן קאָנפליקט. ווייל דער פּאַרשטיקטער צדיק אין אים האָט ניט באַוויזן זיך אַרויסצורײדן פּול, האָט ער זיך געשטאַרקט אי־בער אים. און וואָס סענסיטיווער, וואָס מער צדיק, אַלץ האַרבער איז די שטראָף. די שאַרף פון דעם ווידערשפּרוך האָט אים געשניטן. די סתירה האָט אים געריבן און געדריבלט — ביז זיין האַרץ איז איינגעקלעמט גע־וואָרן אין אַ צוואַנג, און ער האָט באַשלאָסן צו שטאַרבן...

וואָס האָט אים געפעלט? אים האָט געפעלט דער חלום וועגן מענטשן, זיינע געשטאַלטן זיינען ניט קיין אויסגעחלומטע, נאָר „מענטשנפרעסערישע" אויגן־געזעענע, געשטוקעווטע געשטאַלטן. עס זיינען דאָ מערערע באַוויזן פאַר דעם אין „די ברידער אשכנזי". יעדער קאַפּיטל איז גוט פאַר זיך אַליין, אָבער פון קאַפּיטל צו קאַפּיטל איבערהחזרונגען, ווי ער וואָלט ערשט אָנגעהויבן דערציילן אין בייע פלוצלעכע כאַראַקטער־אַנטפּלעקונגען. גאָר צום סוף אַנטפּלעקט ער וועגן יאַקובן, אַז ווי גיך ער צעהיצט זיך, אַזוי גיך לעשט ער זיך אויס. אַ קינסטלעריש אויסגעחלומט געשטאַלט, אויב זי דערלאַנגט זיך ניט מיט אַמאָל, לאָזט זי פון אָנהייב אַן פאַראויס פילן איר גאַנצקייט.

אין „חבר נחמן" איז דער צדיק געשטיגן ביז צום מאַרטירער, אָבער דער מענטשנפרעסער" איז נאָך שטאַרקער. ער פרעסט־אויף אַלע סאָ־ציאַלע אידעאַלן וואָס טראָגן אַ פּאַרטיי־מאַרקע.

די „משפחה קאַרנאָווסקי" איז אַן אַן אויסלאָזנדיקן אויסלאָז. אין דער דראַמאַטיזירונג לאָזט ער דעם פאָטער, ניט דעם זון, נקמה נעמען פון דעם נאַצי פאַר אַ פשרה מיט דערפאַלג.

און דער קאָנפליקט האָט אים נישט אָפּגעלאָזט ביז צום סוף: אין דער „סביבה" שרייבט ער אַן אַרטיקל, וואו אויף צו להכעיס אַלע צדיקים אין זיינע ווערק דערקלערט ער, אַז קונסט האָט בלויז פאַר איר צוועק געווס; און גלייכצייטיק אין „צוקונפט" רופט ער יידן קיין ארץ־ישראל — אָבער טאָן טוט ער גאָרנישט פאַר דעם. יאָ, ער האָט געחלומט וועגן אַ בר־כוכבא־דראַמע און ניט דערחלומט. און אפשר האָט ער דערפילט, אַז אַזאַ דראַמע וועט ער קיינמאָל ניט אָנשרייבן?

ביים סוף פון „די ברידער אשכנזי" טוט ער אַ חסד מיט דעם רשע פון דעם צווילינג, מאַכט אים פאַר אַ בעל־תשובה, און ביי די ווערטער „הבל־הבלים" — „אין דער רגע האָט ער דערפילט אַ קלעם אין האַרץ, ווי אַן אייזערנע צוואַנג וואָלט אים פעסט אָנגעכאַפּט".

„עפּאָכע", 1944.

ברוך גלאַזמאַן

1

ברוך גלאַזמאַן

ב. גלאַזמאַנס זאַמעלבוך הייבט זיך אָן מיט אַ וויסנשאַפטלעכער דערציילונג: „באַגינען" — די ערשטע אין יידיש פון דעם מין. עס איז אַ דערציילונג אויף אַ פסיכאָלאָגישן עקספּערימענט. ער פּאָפּולאַריזירט פסיכאָלאָגיע, ווי אַנדערע פּאָפּולאַריזירן פיזיקע און אַסטראָנאָמיע.

ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף און געפינט אויפן טישל אַ בייגעלע פּאַפּיר מיט דער אויפשיפט:

— איך וועל אייך ברענגען אַביסל וואַרניש.

ער ווייס ניט: זיין האַנטשריפט צי ניט זיין האַנטשריפט? ער ווייס ניט ווער, ער ווייס ניט ווען, ער ווייס ניט צוליב וואָס איז עס אָנגעשריבן געוואָרן. און ער געפינט עס אויס. ווי ער געפינט עס אויס — דאָס איז די דערציילונג.

אויף אַ ריין וויסנשאַפטלעכן וועג, דורך צוויי פּראָצעסן, וואָס גלאַזמאַן רופט זיי ניט אָן, אָבער די פסיכאָלאָגיע האָט פאַר זיי נעמען.

דער ערשטער פּראָצעס הייסט היפּנאָטיזאַציע, האַלב־היפּנאָז. ער זעצט זיך אַוועק אין רו, שטילקייט און האַלב טונקלקייט, פאַלט פאַמעלעך אַריין אין האַלב־דרימל און ער דערזעט זיך, ווי ער כאַפּט זיך אויף אין מיטן דער נאַכט, שטעקט די האַנט אַרויס פון אונטער דער קאָלדרע און שרייבט אָן:

— איך וועל אייך ברענגען אַביסל וואַרניש.

ווייס ער, אַז ער האָט דאָס געטאָן, אָבער צוליב וואָס?

ווענדט ער אָן אַ צווייטן מעטאָד — דעם טאָג־חלום (דעי דרים). אין מיטן העלן טאָג זעצט ער זיך אַוועק, פאַרזשמורעט די אויגן קעגן דער זון, באַמיט זיך ניט צו טראַכטן און לאָזט זיין פאַנטאַזיע שוועבן. און ער חלומט ביי טאָג איבער דעם חלום פון ביינאַכט.

אַ גאָרטן, אַ הייזקע, די טיר אָפן, די פענצטער פאַרמאַכט.
ביי דער הייזקע אַן אַלטיטשקער שלאָגט צענויף אַן אָרון.
און אַרום גאָרטן אַ פלויט, פון נאַקעטע, פריש געהובלטע ברע־

טער. און איבערן פלויט, באַהאַלטן אין צווייט פון די ביימער, זיצט אַ נאַקעט, גאַר נאַקעט מיידל. דער אַלטיטשקער שלאָגט די צוועקעס און רופט: אַהער! דאָס מיידל שמייכלט מיטן ראַזעווען לייב.

זאָגט דער וואָס חלומט:

— וואַרט נאָר, מיידל, איך וועל דיר ברענגען אַביסל וואַרניש.

אַפּצולאַקירן די נאַקעטקייט — פון פלויט? פון מיידל? — פון פלויט, כדי עס זאָל הייסן, כלומרשט צוגעדעקט די נאַקעטקייט — פון יוצא וועגן, אויף צו פּלייסנס, פאַר שפּאַט.

מען דאַרף ניט קיין צופיל פסיכאָאַנאַליז, אום צו כאַפּן דעם זין פון דעם חלום:

דעם בחורס טויט־ערנסט און דער וויבערשער רייץ ראַנגלען זיך איבער אים, און דער וויבערשער רייץ האָט אַ לייכטן זיג.

עס איז פסיכאָאַנאַליז אין דער פאָרמע פון אַ דערציילונג. דער טאָן, די מאַנערע איז ווי פון אַ דערציילונג: דער נאָמען דערציילונג איז באַרעכ־טיקט, אָבער זי קען אָן סכנה פאַר דער וויסנשאַפטלעכקייט אַריינגעשטעלט ווערן אין אַ וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל.

אַנטקעגן וואָס האָב איך עס געבראַכט? צו ווייזן, ווי באַוואוסטזיניק גלאַזמאַן איז אין דעם, וואָס ער טוט: און ווי ווייט זיין וויסן גרייכט. ער ווייס וועגן זאַכן, פון וועלכע די מערסטע יידישע שרייבער האָבן קוים געהערט. ער קען פסיכאָלאָגיע, די באַהאַלטענע אויך, און האָט זיך ליב צו גריבלען אין איר; צו באַרירן מיט די פינגער די פסיכישע סטרונעס. אַפילו די אומלעגאַלע, מיסטעריעזע פסיכאָלאָגיע קען ער. ער קען אויך דערציילן וועגן משוגעת, וואָס היצט זיך אַריין אין האַלוצינאַציעס; וועגן אויגן וואָס עפענען זיך און בלייבן פאַרגלאָצט; וועגן וויזיאָנען, וואָס מענטשן פאַרן טויט וואַרפן אַריבער אויף אַ מהלך; און אָן אַ שיער וועגן טויט — ווי ער גייט, דערנעענט זיך, אַנזאָגנדיק אין פאָראויס אַז ער קומט: ווי ער ציט, שלעפּט און כאַפּט אַריין.

די מיסטעריע פון טויט איז זיין ליבלינג־טעמע; ניט אין העלד זיינעם הרגעט ער, ווייל ער קען דעם שפּיל.

איז גוט צי שלעכט אַזויפיל וויסן?

איז זיין באַוואוסטזיניקייט אַ מעלה אָדער אַ חסרון?

אַ מעלה — איינמאָל דערפאַר, ווייל וויסן און באַוואוסטזיניקייט, ביל־דונג און אינטעליגענץ העלפן זוכן און געפינען מאַטעריאַל: שפּרייטן אויס דעם באַאָבאַכטונגס־קרייז. ער ווייס, וואו צו זוכן אויף צו געפינען. גלאַז־מאַנס באַקאַנטשאַפט מיט זאַכן און מענטשן איז זייער ברייט — אַנהויבנ־

דיק פון דרום רוסלאַנד ביז אַ שטעטל אין דער ווייטער וועלט פון אַמע־ריקע; פון אַ בעגערשער הייזקע אין דער סאַוט ביז אַ יאַהודימשן צירקל אין אַן אַריסטאָקראַטישן ווינקל פון ניו־יאָרק, איז ער געווען, איז ער דאָ מיטן געדאַנק אָדער מיטן אויג. גלאַזמאַן גרייכט אַהין, וואו אַן אַנדערער האָט קיין צוטריט ניט.

מען קען גלאַזמאַנען אַנטרויען אַ מענטשן, און אַן אינטעליגענטן מענטשן אויך, אָן מורא, ער זאָל אים ניט פאַרשטיין. ער איז איינער פון די ווייניקע צווישן די יונגע, וואָס קען מאַכן רעדן אַן אינטעליגענט. גע־וויינטלעך, ווען אינטעליגענטן רעדן ביי זיי, רעדן זיי נאַרישקייטן.

אין דער דערציילונג „אָקעאַן" האַלט ער אונטער אַ שעה צייט אַ פרייען געשפרעך צווישן פיר אינטעליגענטן, און נאָר שטעלנווייז פילט זיך, אַז גלאַזמאַן שטרענגט זיך אָן צו זיין קלוג.

אין דער לענגערער נאָוועלע, וואָס איז געדרוקט געווען אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" — „אַ טרעפ" — גייט גלאַזמאַן נאָך אַ יונגען געלערטן אַ גאַנצן זומער און בלייבט ניט היינטערשטעליק; ער רעדט פאַר אים, טראַכט פאַר אים, ליבט און ליידט, ווי זיין גלייכן. כאָטש יענער איז מיט 5 יאָר עלטער. נאָר אין דעם פּראָלאָג און עפּילאָג, וואו דער גע־לערנטער איז מיט 15 יאָר עלטער פון גלאַזמאַנען, קען ער אים ניט אַלע־מאָל נאָכהאַלטן; צייטנווייז היינקט ער אים נאָך; ער טראַכט פאַר אים אַן זיכערקייט; לאָזט אים בלאָנדזשענדיק אַבי־וואו.

אַלזאָ גלאַזמאַן קען אויפנעמען ברייטע טעמעס: די פראַגע איז נאָר, צי קען ער זיי אָנפילן מיט קינסטלערישן תוך. אויב יאָ, וועט די ברייטע טעמע דעם תוך רייכער, פולער, טיפער, תוכיקער מאַכן. אויב ניט, וועט די ברייטע טעמע דעם תוך לוידיקער, אָרימער שיטרער מאַכן.

דעמאָלט איז גלאַזמאַנס וויסן און באַוואוסטזיניקייט אַ חסרון און אַ סכנה.

דער ענטפער איז גלאַזמאַן האָט יאָ איינגעבאָרענעם טאַלאַנט; ער האָט אַ נשמה, וואָס האָט געלעבט, איידער ער האָט געלעבט; ער האָט אינטואיטיווע (אינסטינקטיווע) אינטעליגענץ, וואָס ווערט צייטיק, איידער מען נעמט שטורידן, וואָס גיט פאַרשטענדניש פאַר זאַכן, וואָס מען קען ניט לערנען; ער האָט דעם אינעווייניקסטן זעקסטן חוש, וואָס זעט דאָס נאָך ניט געזעענע, און ער האָט שיכרות צו פאַרהוליען.

אָלא וואָס דען? — דאָס געבוירענע און דערוואָרבענע; זיין טאַלאַנט און באַוואוסטזיניקייט האָט גלאַזמאַן נאָך ניט געבראַכט אין געהעריקער האַרמאָניע; זיי גייען נאָך ניט פרייוויליק זאַלבענאַנד; זיי ראַנגלען זיך.

כמעט אין יעדער גלאַזמאַנס דערציילונג שפּירט איר די ראַנגלעריי, און איר האַלט כסדר אין ציטערן, דער קינסטלער זאָל חלילה ניט גע־שטרויכלט ווערן.

פּולן שלום האָבן זיי דערווײַל נאָר געמאַכט אין גלאַזמאַנס סטיל; זיין מוטער־שפּראַך און זיין אויסגעלערנטע שפּראַך האָבן זיך צונויפגע־שמאָלצן אין איין גוס — איין שפּראַך געוואָרן, און ער קען זי ווייטער גיסן, ווי ער וויל. אַז ער וויל, שרייבט ער מעשה־און קינדער־שפּראַך און אַז ער וויל, שרייבט ער אינטעליגענטישע און פּובליציסטישע שפּראַך.

און לאָמיר אייך זאָגן: דאָרט וואו די טעמע איז אַ לייכטע, נאָר די מעשה צו דערציילן, קען דער סטיל אַליין אים דורכטראָגן (ווי אין די „ניין יידן", „אויף די פעלדער פון דזשאָרזשיא").

אָבער וואו דער סוזשעט איז אַ האַרבערער — און גלאַזמאַן האָט ליב אויפצוגעבן זיך האַרבע סוזשעטן, פּסיכאָלאָגישע רעטענישן — דאָרט איז די סכנה. יעדע דערציילונג איז אַן עדות־זאָגן אויף טאַלאַנט און יעדע דערציילונג איז אַ וואָרנונג, אַז אַ שונא לויערט...

עס וואָלט זיך געפאָדערט אַן אַנאַליז פון מערערע דערציילונגען, כדי גלאַזמאַן אַליין זאָל וויסן, וואו ער דאַרף זיך היטן; און עס וואָלט זיך געלוינט אויך, וואָרים יעדע דערציילונג טראָגט וואָס אַריין און ברענגט וואָס אַרויס — גלאַזמאַנס אַ מעלה אָדער אַ חסרון — און מען זעט, אַז דעם חסרון וואָלט ער געקענט איבערקומען, כוח האָט ער דערויף, נאָר ער נעמט זיך ניט קיין צייט; זיין געדאַנק איז איבעראיילט און טוט אָפּט די אַרבעט, וואָס טאַלאַנט דאַרף טאָן.

גלאַזמאַן איז זייער און זייער באַוואוסטזיניק; ער ווייס זייער גוט, צו גוט, וואָס גוט איז; דערשפּירט ער אַ גוטן אָרט, אַ גוטן מאָמענט, דאָס הייסט, ער כאַפּט, אַז דער אָרט, דער מאָמענט קענען אַרויסקומען גוט, פעדערט זיך זיין געדאַנק, גייט פאָר אים אין שליחות, און פאַרצייכנט מיט בלאַסן קרייד דעם אָרט, דעם מאָמענט, אַנשטאָט אונטערצושיקן זיין קינסט־לערישן חוש, דעם אָרט, דעם מאָמענט איינצונעמען מיט גבורה און מאַכן דאָרט פאָר זיך אַ נעסט און אָפּלייגן זאַפּט, טעם און קאָליר. דער געדאַנק איז ביי אים דער מרגל, וואָס טוט אָפּ די אַרבעט פון קריגער.

עס פאַרדריסט נאָך מער דערפאַר, ווייל מיט אַ זייטל פריער און מיט צוויי זייטלעך פריער האָט איר יאָ באַגעגנט ביי אים אַזעלכע אויסגעפּילטע נעסטן; נאָר גראָד ביים וויכטיקסטן פּלאַץ, וואו עס פאָדערט זיך באַזונ־דערע פאַרזיכטיקייט — ביים פינאַל צום ביישפּיל — פאַרלירט ער די גע־דולד און ער נעמט זיך בריהגען מיט חכמה. „איך וועל אייך ווייזן, וואָס

איך קען" — גרויסט זיך די חכמה זיינע. און אַנשטאָט אַ גרויסן מאָמענט, בלייבט הענגען אין דער לופטן אַ בלאַסע אידייאַישע פּרעטענזיע, אַן אַנ־שטעל, אַ גרויס־האַלטעריי.

אין דער דערציילונג „רעסורנאָם" — פון דער סעריע „פּאַרטונקלט גאָלד", פיר דערציילונגען אויף דער טעמע: יידישקייט גייט אונטער — מיר זיינען די לעצטע, די לעצטע! — זיינען דאָ דריי: אַ זיידע, אַ טאַטע, אַ קינד, — פאַרמער, פאַרלאָרענע, אָפּגעשניטענע פון יידישן ישוב; דער זיידע איז דער טרעגער פון דער אונטערגאַנג־טראַגעדיע. מיטן טאַטן און קינד קומען מיר דורך; גלאַזמאַן נעמט זיי פון אויסנווייניק, כאַפּט פון זיי אַראָפּ רעאַליסטישע שטריכן, שטעלט זיי אַוועק און לאָזט זיי גיין; דער ייד איז האַלב געשטאָרבן אָדער אין גאַנצן געשטאָרבן; האָט גלאַזמאַן קיין נשמה ניט פאַר זיי.

אָבער מיטן זיידן גייט ער מיט; ער איז מיט אים פון אויסנווייניק און פון אינעווייניק; דער אַלטער פילט, אַז מיט אים שטאַרבט דער ייד; און אַז עס קומט דער יום־כיפור, דערפילט ער, אַז דאָס איז דער לעצטער טאָג פון לעצטן יידן.

גרייט ער זיך צום טויט, כדי מיט די הכנות צו ברענגען אויף זיך דעם טויט. ער וועט שטאַרבן צו נעילה, ווען די הימעלס־טויערן וועלן זיך פאַרשליסן.

די דערציילונג איז אָנגעווירצט מיט גלאַזמאַנס שמעקעדיקע, קלינגנ־דיקע, בליציקע רגעס. ער עסט זיך אַריין אין דער רגע, ציט אַרויס איר עסענץ, איר טעם, איר ריח, און אַ שפּריץ — און איר ווייסט ניט, צי עס שיינט, צי עס שמעקט, צי עס שאַלט, אַלץ צוזאַמען. די גאַנצע דערציי־לונג איז ווי אָנגעהויכט, פאַרפיומירט, אָנגעקלונגען יום־כיפורדיק. די זון לייכט בייטאָג ווי דורך די פענצטער פון אַ גרויסער אומזיכטבאַרער שול; ווען זי פאַרגייט אין אָוונט, איז איר רויט פלאַקערן — דאָס פאַררוגלען און פאַרזיגלען די טויערן פון הימל.

און דער גרויסער יום כיפור איז אין דעם אַלטן: איין ייד אַליין שטייט ער קעגן בית דין של מעלה. ער גייט און וואַנדערט אַ גאַנצן טאָג דורך וואַלד און פעלד, איבער באַרג און טאָל — אָבער ווי ער וואַלט אַלץ געשטאַנען און געטענהט פאַרן בית דין.

מיר זעען דאָ אין דעם אַלטיטשקן, ווי גלאַזמאַנס באַוואוסטזיניקייט, פאַנטאַסטישקייט און פיינע עמפּינדונג פאַר די וואונדער־רגעס קענען זיך קאָמבינירן און מאַכן שלום פאַר בשותפותער אַרבעט; ער כאַפּט אַ רגע, וואָס איז אַ נס, שיקט אויף איר אַרויף זיין אידייע, די רגע עקספּלאָדירט,

פון דער רגע ווערט אַ שעה, און אין אַ שעה צייט קען ער אַנצויבערן אַ געשטאַלט, וואָס איז ניט פון דער וועלט, נאָר פון זיין וועלט — אַ וויזיע.

אָבער דאָ די אַנטוישונג, דער שלום האַלט ניט אָן לאַנג. די דריי שותפים צוגטן זיך.

ווי דאַרף דער אַלטיטשקער שטאַרבן? איר ווייסט, און איך ווייס, און גלאַזמאַן ווייס בעסער פון אונדז אַלעמען — אַז דאָ דאַרף קומען אַ גרויסער מאָמענט.

אַ ריזיקער אינעווייניקסטער קאָנטראַסט דאַרף זיך פילן; אָן אייג־פאַכקייט, וואָס רודערט אויף די נשמה מיט מורא פאַרן שיקזאַל.

אָבער ניין, גלאַזמאַן לאָזט דעם אַלטיטשקן שרייבן זייער, זייער אָן אינטעליגענטן געזעגנונגס בריוו, וואָס גלאַזמאַן וואָלט אים בעסער פאַר־ברויכט פאַר אַ שיינעם אַרטיקל אין „צייט".

דער געדאַנק איז אים פאַרלאָפן דעם וועג; ער האָט ניט אויסגע־האַלטן.

און מערקווירדיק, גלאַזמאַן זוכט די גרויסע טאָלסטאָישע מאָמענטן — ער האָט ליב צו טויטן זיינע העלדן מיט דער האַק פון גורל — אָבער זיי שטאַרבן ביי אים ניט אויסגעלייזטע („אַקעאַן", „כרת", „צייט צו דאַוונען מעריב").

מען דאַרף פאָדערן אַ סך פון גלאַזמאַנען, ווייל ער זאָגט צו אַ סך.

ער טוט מיט זיין טאַלאַנט, וואָס זיינע העלדן — ער בלייבט ביי אים ניט אויסגעלייזט.

ער דאַרף זיין באַוואוסטזיניק זיך לאָזן אָפּשטיין אין געמיט, אין אונ־טערבאַוואוסטזיין — רעדנדיק מיט דער שפּראַך, וואָס גלאַזמאַן פאַרשטייט.

אָבער עס איז נאָך ניט דער גאַנצער גלאַזמאַן.

„די צייט", 1921.

2

זאָל אים גוט זיין!...

איך שטעל מיר פאָר, אַז ווען איך באַגעגן אין אָט דער מינוט ברוך גלאַזמאַנען און גיב אים אַ מזל טוב צו זיין טאָפּלטן יובל — פון 50 יאָר לעבן און 30 יאָר שאַפן — און ווינטש אים, עס זאָל אים גוט זיין, וואָלט ער

מיך אַנגעקוקט מיט אַ פּרעגנדיקן בליק, אָדער בפועל ממש געפרעגט: וואָס מיין איך דערמיט? ער וואָלט מיך גלייך חושד געווען, אַז עפּעס מיין איך מיט אָט דעם מאָדנעם צוואָוואָנטש; אַז מסתמא וויל איך אים אַריינזאָגן, אַז מיט אים איז ניט גוט; אַז איך באַשולדיק אים אין עפּעס. ווער איך גלייך דער באַשולדיקטער און ער דער אָנקלאָגער.

דאָס איז אַן אויסגעטראַכטע, אימאַזשענערע סצענע, וואָס איז קיינמאָל ניט געשעען און וועט ניט געשען. איך וויל נאָר מיט איר כאַראַקטעריזירן גלאַזמאַנס באַציאונג צו אַ גרויסער צאָל פון זיינע העלדן. ער נעמט זיי אונטער חשד. ער איז זייער באַשולדיקער און אָנקלאָגער, פּראָקוראָר און ריכטער. ווען זיי שוויגן, איז פאַר גלאַזמאַנען גענוג זייער קרים מיט די ליפּן, זייער וואונק מיטן אויג. ווען זיי כאַפּן זיך אַרויס מיט אַ וואָרט, זיינען זיי פאַרפאַלענע. גלאַזמאַן נעמט פון זיי די נשמה אַרויס. ער איז אומהיימלעך־דערפינדעריש, דער אויספאָרשער אין דאָסטאָיעווסקיס „פאַרברעכן און שטראָף", וועלכער מיט גוטע ריידלעך אין פאַרלויף פון מערערע קאַפּיטלעך, ציט ער פון ראַסקאָלניקאָוון די עצמות, ביז ער צווינגט פון אים אַרויס דעם ווידוי אין מאָרד.

אָט דער דאָסטאָיעווסקישער שטריך איז, נאַטירלעך, ניט קיין חסרון, נאָר גראָד אַ מעלה ביי אַ בעלעטריסט. און אַ חוץ אויספאָרשערישן פּסיכאָאַנאַליטישן טאַלאַנט פאַרמאָגט ער דאָך גענוג אַנדערן שטאָף, פון וועלכן גרויסע שריפטשטעלער ווערן געמאַכט. טראָגט ער גרויסן שרייבער־באַוואוסטזיין אין זיך, און ער האַלט, און מיט רעכט, אַז אים איז ניט צוגעטיילט געוואָרן די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט, וואָס ער פאַרדינט. טראָגט ער אַ גרויסן פאַראיבל אויף די קאָלעגן פון פאַך, און ער האָט דעם פאַראיבל אויסגעלופטערט אין ראָמאַן „אין גאָלדענעם זומפּ" 1922, וואו עס ווערט אַרויסגעפירט אַ פּאָעט ראַמבאַם, וואָס האָט פאַרשאַכערט זיין טאַלאַנט אויף צייטונגס־פּרנסה.

און עס קומט נאָך צו, אַז גלאַזמאַן בטבע באַזעצט זיך אין זיינע העלדן: זיי זיינען מערסטנס מער אָדער ווייניקער גלגולים פון אים אַליין. די מאָמענטן און טעג פון זיין לעבן דינען אים ווי מאַטעריאַל פאַר זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען. אַ מאָמענט — און זיין האַר־שפּאַלטנדיקע פּעןפאַרוואַנדלט עס אין אַ דערציילונג. אַ פערזענלעכע איבערלעבונג וויקלט זיך ביי אים פאַנאַנדער איז אַ סוזשעט פון אַ ראָמאַן. אַנרופנדיק די סאַמע לעצטע ביישפּילן: זיינע 3־4 יאָר אַרבעטסלאָזיקייט זיינען פונאַנדערגעאַרבעט אין ראָמאַן „ברויט", וואו דער העלד, קאַרלין, איז אַ גלגול פון

אים אַליין, נאָר אַנשטאָט אַ שרייבער איז ער אַ לערער. זיין נסיעה קיין סאָוועט־רוסלאַנד אין 1924 — דער ערשטער יידישער שרייבער פון אַמע־ריקע, וואָס איז געפאָרן קיין מאָסקווע אַלס דעלעגאַט פון זיך אַליין — האָט אים געגעבן דעם ראָמאַן „לענדער און לעבנס", וואו דער העלד, בונעם, אַן אַרויפגעאַרבעטער שוסטער־יונג, פאָרט אַלס רעליף דעלעגאַט אין זיין היים־שטעטל. די דערציילונג „מאַנמאַרט", נאָר וואָס אָפּגעדרוקט אין „יידישן קעמפער", האָט שוין אַן עטוואָס העכערן גלגול: אַן אינטעלי־גענט, אויפן וועג צו זיין רעליף־שליחות שטעלט זיך אָפּ אין פּאַריז און פּרעגלט זיין תאווה. אין פאַרלויף פון דער דערציילונג פאַרגעסט זיך גלאַזמאַן און רופט אים אַן בפירוש בונעם, כאָטש הייסן הייסט ער קירש. אָבער קירש — דאָס איז שוין דער פּאָעט קירשבוים, דער העלד פון דער דערציילונג „די גרויסע בענקשאַפט", וואָס איז אין 1942 פּרע־מירט געוואָרן פון דער „צוקונפט" — וואָס אים שענקט גלאַזמאַן דאָס בעסטע און שענסטע אין אים: אויפן וועג צו מאָסקווע אָדער פון מאָסקווע פאַרווילט ער אין ווילנע, וואו די נאָענטע ישיבה־שטאָט לידע רופט אין אים אָפּ דעם גאָלדענעם חלום פון זיין יינגלשאַפט — זיין ערשטע ליבע...

און דערפאַר, ווייל גלאַזמאַן איז אַזוי אויסגעבונדן מיט זיינע העלדן און זיין אייגן לעבן איז די שפּיץ פון זיין שאַפן, קומט טאַקע אויס, אַז גלאַזמאַנס יעדע באַגעגעניש, בפרט אַ באַגעגעניש מיט אַ קאָלעגע שריי־בער, איז פאַר גלאַזמאַנען אַ שטויס צו אַ פּאַבולע. אין מיטן געשפּרעך שרייבט ער שוין אַ דערציילונג. און ער ווענדט אַן אויפן באַגעגנטן דעמ־זעלביקן פּראָקוראָרישן מעטאָד, וואָס אויף זיינע העלדן. און צייטנווייז גיט עס טאַקע דעם איינדרוק, ווי דער באַגעגנטער וואָלט געגומען געוואָרן אויף אַ שטרענגען קרייץ־פאַרהער, וואָס דאָס פירט נאַטירלעך צו דער פאַרשאַרפונג פון די קעגנזייטיקע פאַראיבעלס.

עס איז אומבאַדינגט נויטיק פאַר גלאַזמאַנס שריפטשטעלערישער טובה און פאַר דער טובה פון דער יידישער ליטעראַטור, אַז די פאַראיבלס זאָלן אויסגעוואַשן ווערן. און דער טאָפּעלער יובל איז אַ גוטע געלעגנהייט. איך געדענק גלאַזמאַנען פון פאַר 30 יאָר, ווען איך, אַלס סעקרעטאַר פון דער „צוקונפט", האָב געהאַלטן זיין ערשטן מאַנוסקריפּט. עס איז געווען אַ פראַגמענט פון דער זעלביקער מעשה, וואָס איז שפּעטער אַריינגעאַרבעט געוואָרן אין זיין פּרעמירטער „צוקונפט"־דערציילונג „די גרויסע בענק־שאַפט": אַ יינגל, אַ ישיבה־בחור לאָזט זיך אַרויס אין דער גרויסער וועלט, מיטנעמענדיק לערמאַנטאָוו, טאָלסטאָיען, טורגעניעוון און אַנדרעיעוון — מיט דעם „תעודה". דער מחיהדיקער איינדרוק איז געווען פון אַן אַקערן

זאַפּטיקע ערד, וואָס דעקט אויף דאָ און דאָרט ערדישע בליצן. נאָך אַט דעם איינדרוק פון אַן אויגן־אַקערער און בליצן אויפדעקער האָב איך די אַלע יאָרן געבענקט. געקומען איז ער קיין אַמעריקע מיט דעם גאַנצן אייגענס, וואָס דער דור פון די יונגע האָט פאַרמאָגט — מיט דעם גאָלדענעם חלום וועגן דעם גרויסן באַרוף פון יידישן שריפטשטעלער. אָבער געקומען איז ער מיט עטלעכע יאָר צו שפּעט. איז ער דער ערשטער אַוועק אין דער טיף פון אַמעריקע — שטודירן אין קאָלומבוס, אָהייאָ, און ער, דער ערש־טער, האָט אַנטדעקט, אַנטקעגן דער גרויסער שמחה מיט אידישער ליטע־ראַטור אין ניו־יאָרק, אַז דער דעק אונטער דער יידישער ליטעראַטור וועט אַרויספאַלן; איר העלד, דער יידישער אינטעליגענט, די יוגנט וועפּן זיך אויס אין אַמעריקע. זייערע יידישע נשמות דריבלען זיך; זייער פּסיכישע ירושה ווערט צעזעצט. עס איז יידישער אונטערגאַנג. האָט שוין געהאַלטן דערביי ער זאָל זיך פאַרגויאישן — מיט אַלע שאַנסן צו ווערן אַן אַמע־ריקאַנער שריפטשטעלער. אָבער פאַרגויאישן האָט אויך געמיינט זיך פאַר־גויה'ן — דערפון איז דער געוועזענער ישיבה־בחור אַנטלאָפן (איך האָב שפּעטער אין באָסטאָן באַגעגנט די „גויה" — זאָג איך בנאמנות, אַז עס וואָלט געווען אַ גרויסע מצווה זי מגייר צו זיין).

איז ער צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק מיט אַ יידישן פּעסימיזם, מיט אַ שווערן אונטערגאַנגס מאָטיוו, אָבער אויך מיט באַהאַוונטקייט אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, מיט דעם באַוואוסטזיין פון שיער ניט אַן אַמע־ריקאַנער שריפטשטעלער, מיט קענטעניש אין פּסיכאָלאָגיע און פּסיכאָ־אַנאַליז, מיט אַ סטיל, וואָס זאָגט עדות, אַז ער טראַכט אין קאָמפּליצירטסטע ענגלישע זאַצן. וואָס לכתחילה האָט ער פאַר דעם גאָר קיין יידישע ווער־טער ניט געהאַט (שפּעטער ערשט דורך זיינע רייזעס איבער אַלע אידישע מקומות האָט ער געפונען פאַר דעם די רייכסטע יידישע אויסדרוקן).

אויפן גרענעץ צווישן ייד און אַמעריקאַנער, ביים אַנבליק פון יידישן אונטערגאַנג, האָט ער אָנגעזאַמלט געגנוג שטאָף אויף צו אַקערן און ניש־טערן מיט די אויגן — דער שטאָף וואָס פילט אָן זיינע ערשטע דריי בענד: „באַגינען", „די משפּחה פיקודא", „אויף אַ האָר". די צעדריבלטע נשמות דריבלט ער נאָך מער. ער האָט אויסגעאַרבעט זיין מעטאָד פון פונאַנדערפעדימען מאָמענטן אין סוזשעטן. ער האָט אויסגעאַרבעט זיין סטיל פון בויען שטאַלענע שטייגן אויף צו פאַנגען פעדערלעך און הער־רעלעך — אַ פּראָצעס וואָס געדויערט. נו, און די בליצן, וואָס זיין אַקערן מיט די אויגן פלעגט אויפדעקן? ער האָט זיי ניט אָנגעוואָרן, זיי זיינען דאָ. אין מיטן דעם געפלעכט פון צעדריבלטע מאָמענטן צינדן זיך אַן

גאָלדענע פּאָעטישע פונקען. לכתחילה איז דאָס געווען מיסטישע פּסיכאָלאָגיע: סימבאָלישע חלומות איינגעוויקלטע אין ווירקלעכקייטן. אָפּגעשטעלט האָט זיך דערפון קילער פּסיכאָ־אַנאַליז, אַ פּאַלמעסן פון נשמות — אָן אַ ראַם פון ניכטערער ווירקלעכקייט.ביידע גלאַזמאַנס — דער אַקערער און בליצער — קומען צום וואָרט אין זיין בעסטן ראָמאַן פון יענער צייט — „אויפן אינדזל". דער העלד מיט זיינע צוויי חברים באַזעצן זיך אין סטעטן איילאַנד און דינגען זיך אָן פאַר פישער. לאָזט ער זיך וואוילגיין מיט פּאַלמעסן דריי ניו־יאָרקער מיידלעך, וועלכע האָבן פאַרזינדיקט זייער צניעות מיט טריפהנע ליבעס. און אַ שענקערין איז דאָ, די באַלעבאָסטע פון אַ בוטלעג־נעסט — פּאַלמעסט ער זי, ווי אַ חיה פאַרן אָפּבראָטן. אָבער עס איז דאָ דער פאַרכאַפּנדיקער שוואונג פון פאַרגיין זיך מיט כוואַליעס, מיט שטורעם און שטערן. אויך די שיקסע, וואָס וואָלט געווען אַ מצווה זי מגייר צו זיין, איז דאָ: זי איז די טאָכטער פון אַן אַמעריקאַנער מיליאָנער. קאָנצענטרירט ער אויף איר דאָס גאַנצע פייער פון זיין גאָלדענעם יוגנט־חלום. אָבער ער אַנטלויפט פון איר אויך.

זיין פּעסימיזם וועגן יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע לאָזט אים ניט איינזיצן אין ניו־יאָרק — ער לאָזט זיך אַוועק אויף וועלט־וואַנדערונגען — איבער מערב־אייראָפּע, פּוילן און סאָוועט־רוסלאַנד — אין דער האָפענונג צו געפינען פעסטן באָדן אונטער דער יידישער ליטעראַטור. זאַמלט ער צונויף אַזוי פיל שטאָף פון פערזענלעכער דערפאַרונג, אַז דער אַקערער, דער פּאַלמעסער, דער שניידנדיקער רעאַליסט קאָן זיך מאַכן גאַנצע סעודות: פרעגלט ער אויף גיהנום־פייערן דעם רשע אין בונעמען, דעם העלד פון „לענדער און לעבנס". אין ראָמאַן איז דאָ אַ קאַפּיטל וועגן דעם לאַנדסמאַנשאַפט־מיטינג, וואָס האָט אויסגעקליבן בונעמען פאַר אַ דעלעגאַט. איז אין קאַפּיטל דאָ אַן אַלטיטשקער, אַ „קאַלוואַריער יאַהודי", איז ער ווערט אַריינגעשטעלט צו ווערן אין אַ פּאָרטרעטן גאַלעריע. אָבער אויך דער בליציקער בעל־חלום האָט זיך זיינע סעודות: אין אַ קאָלכאָז געפינט ער אַן אַלטיטשקן, וואָס נעמט אַריין לענינען אין זיין „עין יעקב" — איז ער אויך ווערט אַן אויסשטעלונג. און די געשטאַלטן פון בונעמס פרוי און טאָכטער, וועלכע זאָגן זיך אָפּ מיטצופאָרן מיט אים קיין אַמעריקע, ווייזן, אַז גלאַזמאַן האָט געצוג אידל און שטאַרק האַרץ אַריינצוגעבן אין סאָוועטישן מענטשן.

אַ גאַנצערע האַרמאָניע צווישן אַקערער און בליצן־צינדער האָט גלאַזמאַן דערגרייכט אין דער פּרעמירטער „צוקונפט"־דערציילונג: די העלדין טאַניאַ איז ביידע אינאיינעם: אי אַ חיהלע אויף צו פרעגלען אומשולדיקע

תאווה, אי אַ קוואַל אויף אַפּצופּרישן יינגלשע ליבע־בענקשאַפט, אָבער דאָס איז ניט גענוג. פאַר גלאַזמאַנס פולן טריאומף איז נויטיק, אַז אימעצער זאָל אין אים ווידער אָנצינדן דעם יוגנט־חלום וועגן גרויסן באַרוף פון יידישן שריפטשטעלער אין אַמעריקע. פאַרענדיק איך מיט וואָס איך האָב אָנגעהויבן: זאָל אים גוט זיין!

„טאָג", 1944.

ב. עפּעלבוים

ב. עפּעלבוים און זיין הויפּט־העלד

ב. עפּעלבוים געהערט צו די „ניט מזלדיקע" אין דער יידישער ליטעראַטור. פאַראַן אַ גאַנצע גרופּע אַזעלכע. האָבן טאַלאַנט, אָבער עפּעס זיינען זיי מיט זייער טאַלאַנט ניט גוט אַוועקגעשטעלט. צו אַלעם ערשט, זיינען זיי ווי אַרויסגעשטעלט דרויסן פון דעם שטראָם, מיט וועלכן מען שווימט צו דערפאָלג — צו גיכער און פולער אָנערקענונג. און מער ווי אָפט געשעט, אַז פילנדיק אין זיך אַ כוח אַ ניט־אָפּגעשעצטן, ווערן זיי פאַרביטערט, פאַרביסן. און ווי זיי אַליין, אַזוי אויך זייערע העלדן. מיט ב. עפּעלבוימס פאַרביטערטע און פאַרביסענע העלדן, וואָלט מען געקאָנט באַזעצן אַ גאַנצן קוואַרטאַל אין פילאַדעלפיע, וואו עפּעלבוים וואוינט זייט ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1923. ער האָט אויסגעקליבן צו הויזן אין פילאַדעלפיע, כדי ניט צו זיין אין ניו יאָרק, ווייל ער הויזט ניט, אַזוי צו זאָגן, מיט די הויז־פאַרוואַלטער פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, וואָס דאָס איז שוין איינמאָל אַ מניעה צו גיכער און פולער אָנערקענונג.

אָבער דאָס ניט הויזן — אָט די ערשטע, אויבנאויפיקע סיבה פון זיין „ניט מזלדיקייט", האָט ער נאָך מיטגעבראַכט פון מעבר לים, און עס האָט אַ טיפערע אָפּשטאַמונג. עס שטאַמט פון אַ גרונט־דערפאַרונג, וואָס האָט געמאַכט אַ ריס אין אים, בעת ער האָט זיך געפורעמט אַלס שריפטשטעלער. און אַזוי איז דאָס געשען: אָנגעשפילט איז זיין פאַנטאַזיע געווען מיט געשטאַלטן פון פרומען יידישן לעבנסשטייגער. אַ זון פון אַ שוחט — איז ער געהאָדעוועט געוואָרן לכל הפחות אַ רב צו זיין. זיינע וועגווייזער אין ליטעראַטור זיינען געווען: ערשטנס, מענדעלע, וועלכער האָט אים געמאַכט פאַר זיין סעקרעטאַר און אים דיקטירט די לעצטע רעדאַקציע פון

זיינע ווערק, און, צוויטנס, יהודה שטיינבערג, וועלכער איז געווען זיין שווער. עד היום איז עפּעלבוים פאַרנומען מיט פאַריידישן שטיינבערגס העברעאישע ווערק און מיט באַאַרבעטן צום דרוק די רעשטן פון שטיינבערגס יידישן ליטעראַרישן באַכלאַז. און עד היום קאָן עפּעלבוים, אָן שום אָנשטרענגונג, נאָכשרייבן מענדעלען זיין גענאַקטן לומדישן נוסח (זע עפּעלבוימס „דעם זיידנס שקיעה") און נאָכשרייבן שטיינבערגן זיין מילדן חסידישן נוסח. איז עפּעלבוימס ליטעראַרישער וועג געווען ווי באַשטימט — אַ פאַרזעצער פון דער טראַדיציע צו זיין. איז אָבער אונטערגעקומען די רעוואָלוציע מיטן בירגער־קריג, וואָס אין דרום־רוסלאַנד האָט עס געמיינט פּעטלורישע און דעניקינשע שחיטות אויף גאַנצע יידישע קהילות, און אין אָדעס, וואו עפּעלבוים האָט זיך געפונען, האָט עס געמיינט אַ מעגלעכער טויט פאַר יעדן יידן יעדע רגע: דאָס הויז — אַ פאַרחתמעטער קבר, אויף אויסצוגיין מיט אַ הונגער־טויט. און די גאַס — אַן אָפענער קבר: די קויל פון היידאַמאַק, פון ווייס־גוואַרדייער, פון קאָזאַק־טשעטשענעץ האָט פון יעדן גאַסן־ווינקל געלויערט אויף דעם יידנס יעדן טראָט. און די רעטונג פון מלאך־המות פאַר אַ מיליאָן יידישע נפשות האָט געבראַכט די רויטע אַרמיי.

אָט די גרונט־דערפאַרונג אינמיטן אויספורעמען זיך אַלס שריפטשטעלער האָט עפּעלבוימען געגעבן אַ רוק אָוועק פון דער פרומער טראַדיציע מיט אירע געשטאַלטן. זיין הויפּט־העלד איז געוואָרן דער אידעלער זון פון טראַדיציע — דעם שוחטס זון, אָדער נאָך בעסער: דעם רבס זון, וועלכער האָט אָנגעטאָן די לעדערנע קורטקע פון אַ טשעקיסט, אָדער פון אַ „פּאָליטקאָם" ביים רויטן קאָמאַנדיר, און איז געגאַנגען נקמה נעמען פאַר דעם פאַרגאָסענעם יידישן בלוט.

און ווען עפּעלבוים איז אַ מזלדיקער, בלייבט ער אין סאָוועט־רוסלאַנד. וואָלט ער מיט זיינע נאָוועלן און ראָמאַנען פון בירגער־קריג, האָבנדיק אַ פעסטן, קלאָרן סאָוועטישן ציל פאַר די אויגן, געגאַנגען איין גאַנג מיט אַלע אַנדערע יידישע סאָוועטישע שריפטשטעלער; און מיט זיין שאַרפאויגיקייט און געניטקייט פון פען וואָלט ער פאַרנומען ביי זיי די פראָנטריי. אַזוי אָבער ווי ער איז ניט קיין מזלדיקער, האָט ער סאָוועט־רוסלאַנד פאַרלאָזן. קענטיק, אַז זיין הויפּט־העלד, דעם רבס זון, אַ פאַרמאַכטער אין זיין לעדערנער קורטקע, איז נאָך ניט פאַרטיק געווען מיט זיינע יידישע נשמה־חשבונות. און ווען ער האָט אין אויסלאַנד, וואו ער האָט זיין פעסטן, קלאָרן סאָוועטישן ציל ניט געקאָנט מיטנעמען, גענומען אויסלאָדן זיין שטאָף פון דער בהלה־צייט, האָט מען גענומען אויף אים ליאַרעמען: גענוג פּאַגראָמען און בהלות אויף אונדז! מיר זיינען שוין מיד דערפון! — און

ווי האָט ער געקאָנט ניט דערציילן וועגן דעם נס, ווי אַזוי ער און אַ מיליאָן ייִדן זיינען אויפגעשטאַנען תחית המתים? — האָט ער זיך פאַרברוגזט, זיך אַליין פאַרמאַכט אין אַ לעדערנער קורטקע, און האָט באַשלאָסן ניט צו הויזן מיט די הויז־פאַרוואַלטער פון דער יידישער ליטעראַטור.

אָבער דאָס ניט הויזן האָט זיך ניט באַגרענעצט מיט זיין דרויסנדיק האַלטונג. עס איז אַריינגעדרונגען איבעוויניק אין אים. ער הויזט מיט זיך אַליין אויך ניט. דער ריס צווישן דער טראַדיציע און דער לעדערנער קורטקע האָט געמאַכט אַ שפּאַלטונג צווישן זיין האַרץ און אויג. עס איז געוואָרן דער שניט פון זיין שרייבן, די כאַראַקטעריסטיק פון זיין ליטעראַרישן מעטאָד. אָבער דאָ איז שוין בעסער, מיר זאָלן עס אילוסטרירן מיט דעם באַנד, וואָס מיר האָבן אויף די הענט. דער באַנד איז באַטיטלט „שייד־וועג". ס'האָט געקאָנט באַטיטלט ווערן „ליקווידאַציע". אין אַ סעריע פון 16 דערציילונגען ליקווידירט ער אין כראָנאָלאָגישן סדר דעם בירגער־קריג שטאָף, מיט דער אָפענער כוונה איינמאָל פאַר אַלעמאָל פון אים פּטור צו ווערן. עס צעפאַלט אין די דריי טיילן. דער ערשטער טייל — „אַפּ־פלוס" — שליסט איין פיר דערציילונגען, פון די יאָרן 1923־1925. די ערשטע צוויי נאָך אין וואַרשע געשריבן. זיי פאַרנעמען זיך מיט דער „אויף מאָרגן" נאָך דער בהלה, ווען די באָלשעוויקעס האָבן באַרוואָס געהאַט איבערגענומען די מאַכט און האָבן גענומען איינפירן זייער נייע אָרדענונג.

די צוויי ערשטע דערציילונגען פון „אַפּפלוס", וואָס ביידע הייסן „שטויב" — די צווייטע אַ פאָרזעצונג פון דער ערשטער — זיינען אַ גוטער אַריינפיר צו עפּעלבוימען. זיי זיינען די בעסערע דערציילונגען, אפשר די בעסטע, פון גאַנצן בוך. זיי האָבן געבראַכט אַ לעבעדיקן, צאַפּלדיקן גרוס פון אַדעס. בוכשטעבלעך: „לעבן צאַפּלט זיך" אין זיי, לעבן הענגט אויף אַ האָר: אַ גרופּע ספּעקולאַנטן מיט וואַלוטע זיינען געכאַפּט געוואָרן אויפן אָרט פון פאַרברעכן. די טשעקאַ וועט זיי משפּטן, און, נאַטירלעך, זיי פאַרמשפּטן צום טויט. און דער הויפּט־העלד, משהלע ליפשיץ, גייט אַזוי מוטיק און אַנטשלאָסן צו זיין טויט — הלוואי אויף קאָמענעוון און זינאָוויעוון געזאָגט געוואָרן! — אַז ער געווינט דעם צוטרויען און דעם רעספּעקט אַפילו פון טשעקאַ אויספאָרשער. און אויב ער ראַטעוועט ניט זיין אייגן לעבן, ראַטעוועט ער אָבער דערביי דאָס לעבן פון אַ יונגען העברעיִשן לערער, וועלכער, ערשט אַ יאָר נאָך דער חתונה און באַלד אַ טאַטע, פּרוּוט זיין מזל מיט „גאָלדשטיקלעך" און פאַלט אַריין. משהלע ליפשיץ נעמט אויף זיך זיין שולד: ער האָט אים אַריינגעצויגן, ער האָט אים

אַריינגעגאַרט צו זיך אין הויז אַריין — כדי אַרויסצוקריגן פון אים דאָס רעשטל פון זיין נדן!

הגם געשריבן אין 1923, ווען דער שריפטשטעלער האָט זיך ערשט געהאַט איינגעשטעלט — אָבער די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון עפּעלבוימס סטיל און מעטאָד איז שוין דאָ: עס איז אויגן־סטיל. זיין אויג איז מענטשנפרעסער און דעטאַלן־פרעסער. וועגן משהלע ליפשיץ זאָגט ער: „משהלע האָט געהאַט צונויפגעצויגן די הויטן אַרום די אויגן, האָט געקוקט דורך שמאָלע רערלעך". מערערע מאָל טוט ער אַזוי, און זיין באַשעפער עפּעלבוים טוט עס כסדר: ער קוקט דורך אויגן־רערלעך, דורך פאַרגרעסערגלעזער און פּאָקוסט זיי אין איין פּינטעלע, און ער דערזעט אונטערן פיבטעלע אין איין רגע, וואָס אַן אַנדערן וואָלט עס גענומען אַ שעה דורכצוזען. עס ווערט אַזש אומהיימלעך צו קוקן מיט עפּעלבוימס אויגן; ווען ער האָט פיינט, שפּיזלט ער אים, ער שטעכט אים ממש מיט די בליקן. ער האָט פיינט בתכלית שנאה דעם הויפּט־ספּעקוליאַנט מיט וואַליוטע טוראַנען, וועלכער שפּילט די ראָלע פון אַ סטודענט און פירט אַ גרויס געשעפט מיט אַמעריקאַנער דאָלאַרן און ענגלישע פונטן. יענער חוזקט איבער דעם אַרימען העברעאישן לערער: קוקט נאָר אָן דעם וואַזשנעם סוחר! — „וואָס קער איך זיך אָן מיט אַזאַ שטייגער סוחר?" — און ווען אַלע צוזאַמען פאַלן אַריין, איז ער דער ערשטער צו וואַרפן די שולד אויפן לערער. קאַרטשעט ער זיך פאַר פּחד און בעט זיך מיט געוויין ביי משהלע ליפשיץ, ער זאָל אים העלפן באַגראָבן דעם לערער. אָבער משהלע שיקט אים גלייכגילטיק אין טויט אַריין, כדי דעם אָרימאַן צו ראַטעווען. עפּעלבוים טוט אים אָפּ נאָך ערגער: ער צעשיסט אים מיט די אויגן אַזוי, אַז יענער איז שוין אַ האַלב טויטער, נאָך איידער ער ווערט דערשאָסן.

וואָס שייך דעטאַלן, וואָס זיינען ניט שייך צו מענטשן, זויגט זיי עפּעלבוימס אויג אַריין, ווי אַן עלעקטרישער פּאָמפּ דעם שטויב פון די הויזווינקעלעך... מען האָט אָנגעצונדן דאָס וואַטנע קנויטל פון אַן אויל־לעמפּל, און עס קומט אַ באַשרייבונג: „דאָס פייער האָט זיך אויסגעצויגן אין אַ שמאָל לאַנג צינגל און געוואָרפן אַ טונקל־רויטן שיין אויפן טיש. די שאָטנס אין שטוב האָבן זיך אָנגעהויבן שטופּן הינטערוויילעכס" — און באַלד קומט אַ לאַנגער פּאַראַגראַף אויף אַ דריטל זייטל צו באַשרייבן דעם עפעקט פון אָנצינדן אַ פּאַפּיראָס אָן דעם פייערל — וואָס איז געשען מיטן פלעמל, מיטן רויך, מיט די שאָטנס, מיט די ווענט און מיט דער סטעלע.

זיין ראיה ציט אויך אַריין זיין געהער: ער הערט ממש מיט די אויגן! און אוודאי ציען זיינע אויגן אַריין אויך שטיקלעך פון זיין מוח.

ניין, ווי אַ דין פּענעצל מוח וואָלט געזעסן ווי אַ שייבעלע אין סאַמע שפּעלטעלע פון זיין שוואַרצאַפּל — און אַלץ, וואָס זיין אויג זעט, איז דורכגעזייעט דורך געדאַנק. און אָט די אויגן־געדאַנקלעכקייט פילטרירט זיין סטיל. זיין בילדלעכקייט איז שאַרף און קלאָר, אָבער גאַנץ אָפּט דורכגעפּראַסטיקט מיט וואָרט־אַבסטראַקציעס, וואָס פאַרענדיקן זיך אויף „קייט" — ער טוט עס גערן, מיט ליבשאַפט און הנאה — „דורכן פענצטער האָבן זיך געצויגן שטילע ליכטיקע פאַסן, אַזוי שטיל און פאַרביסן, ווי זיי וואָלטן בויזעס פאַרטראַכט און לאַכן אין זיך אַריין. פאַרגאַפטע בלויקייט האָט פון ערגעץ געקוקט מיט זומערדיקער מאָרגן־פאַרהוילנקייט". — זיין זאַץ איז ווי אַ געדאַנק־שנירל באַזעצט מיט אויגעלעך; זאַץ קאָמבינירט זיך מיט זאַץ אין אַ גראַדער לאָגישער ליניע, ווי אויסגעווירעטע אויף אַ לינעאַל, אָדער דאַרף מען זאָגן אויף זיין טאַטנס חלף־שאַרף?

אָט דער זעעוודיקער, הערעוודיקער, שפּירעוודיקער אויג־געדאַנק־סטיל, אַפילו מיט די פאַרבילדלעכטע אַבסטראַקציעס דינט עפּעלבוימען אויסגעצייכנט אין נאַטור־באַשרייבונג. און אָן אַ סוף זיינען זיינע איינבליקן אין דער נאַטור. וויפיל פרימאָרגנס, פאַרנאַכטן און זון־אונטערגאַנגען, וויפיל מאָל ער כאַפּט אַ קוק אין פענצטער, אין גאַס, אויף בוים און אויפן הימל — אַזוי פיל נאַטור־בילדער גיט ער. און זיי לייענען זיך אַלע מיט פאַרגעניגן. די נאַטור איז געדולדיק און אומענדלעך אין אירע וואַריאַציעס. זי לאָזט זיך פּאַקוסן, פּיצלען, שפּאַלטן, פאַלמעסן און שעכטן, און ווען מען איז געבענטשט מיט אויג, לאָזט זי יעדע רגע וואָס אַנטדעקן!

איז אים גוט מיט דער נאַטור. אָבער צוגיין צו אַ מענטשן מיט אַזאַ אויג־בריהשאַפט איז פאַרבונדן מיט ריזיקע. אַן אויג מיט אַזאַ שלונגקראַפט קאָן מיט איין קוק אויף אַ מענטשן איינזויגן אין זיך אַ באַרג צעמאָלענעם אויג־שטויב. אַן אויג, אַזאַ מענטשן־פרעסער און דעטאַלן־פרעסער, מוז האָבן עפּעס, וואָס זאָל אים צאַמען. אַ קאָנטראָליאָר דאַרף שטיין היבטער אים, וואָס זאָל אים אָנווייזן: אַהער קוק, ביט אַהין; וואָס זאָל אים געבן שטאַנדפונקט, קוק־ריכטונג, און אַזוי אַרום איינגרענעצן און אָרגאַניזירן זיין זע־מאַטעריאַל.

עס איז קלאָר, אַז דער אויסוועג פאַרן קינסטלער איז געווען: ער זאָל געפינען עפּעס, עמעצן, אַ לעבעדיקן מענטשן, וועמען ליב צו האָבן — אַ פּאָזיטיוון טיפּ. און ער האָט אים דאָך געהאַט — אין דעם הויפּט־העלד זיינעם — דעם געאַדעלטן זון פון שוחט — דעם רבס זון, וועלכער האָט אָנגעטאָן די לעדערנע קורטקע. און אין דעם הויפּט־העלדס חברטע — די אידעלע יידישע טאָכטער — אפשר אויך אַ רבס אַ טאָכטער — וועלכע האָט

צוגעזען די שענדונג פון אירע שוועסטער. און צו זיי איז אים צוגעקומען דער העלד, וואָס איז אויפגעשטאַנען פון פאָלק גופא — אויף אוקראַינע זייענען דאָס געווען שטעטלשע פאָלקס־אינטעליגענטן, וואָס האָבן אָרגאַניזירט זעלבסטשוץ רעגימענטן, וואָס האָבן געגעבן ווידערשטאַנד און געראַטעוועט שטעט. זיי האָט עפּעלבוים ניט געזען. אָבער אין אָדעס האָט ער יאָ געזען, ווי דער יידישער אונטערוועלט־מענטש האָט זיך דערהויבן צום העלד, אָרגאַניזירנדיק אַ יידישע שוץ־פּאָליציי, וואָס האָט איינגעהאַלטן די הענט פון די לויערער־רוצחים. און אין יענע דערציילונגען זיינע, אָדער טיילן פון ראָמאַנען (ווי אין „אויפברויז״ אַ שטייגער), וואו די דריי העלדן זיינע קומען צו האַנדלונג, ווירקט די שותפות פון זיין אויגן־קראַפט און התלהבות צו פולן קינסטלערישן עפעקט. עס איז דאָ געצאַמטע, באַוועגטע, געזעטיקטע, איינגעפּאַסטע און איינפּאַסנדיקע גאַנצקייט. אָבער וואו זיי זיינען ניטאָ, דער עיקר וואו זיין הויפּט־העלד פעלט; אָדער ער איז דאָ, און האַנדלט ניט, נאָר ער שטייט ווי אַ שטומער עדות, דעמאָלט קומט עפּעלבוימס פאַרלעגנהייט: דאָס רעאַליסטיש־דעטאַליזירטע צייט־בילד פאַרכאַפּט די גאַנצע סצענע, און פאַרדרענגט דעם קינסטלער־קאָנטראָליאָר. דער אויג־שטויב פאַרשטעלט דעם מענטשן; מיר זעען נאָר זיינע וואָרפעניש, מיר הערן נאָר זיינע אויסגעשרייען.

און די אמתע טיפערע סיבה פון עפּעלבוימס „ניט מזלדיקייט״ דאָס, טאָס זיין הויפּט־העלד, דורך וועלכן ער דאַרף איבן קאָנטראָל איבער זיין מאַטעריאַל, איז אַ פאַרקאָנספּירירטער, אַ פאַרמאַכטער, אַ פאַרקנעפּלטער אין אַ לעדערנער קורטקע; דער זון פון דער אידעלער יידישער טראַדיציע האָט צוליב פקוח נפש באַשלאָסן אָפּצולייגן זיין חשבון מיט דער טראַדיציע אויף אַ רואיקערער צייט.

די ערשטע צוויי דערציילונגען, ביידע מיטן נאָמען „שטויב״, זיינען טאַקע דערפאַר איינגעגעבענע, וואָס דער הויפּט־העלד, דעם רבינס זון אין דער לעדער־קורטקע — איז דאָ, קאָנטראָלירט דעם מאַטעריאַל, לאָזט קיין איבעריקן אויג־שטויב זיך ניט אָפּזעצן, יעדע דעטאַל איז בויטיק און באַוועגט דאָס געשעעניש צום ציל; און ווען דער ציל איז דערגרייכט, גיט עס דעם איינדרוק פון קינסטלעריש באַרעכטיקטער פאַרענדיקונג. אָבער וואו איז ער, דער הויפּט־העלד? עפּעלבוים לאָזט ניט דערקענען, צי דער טשעקאַ־אויספאָרשער איז אַ ייד. אָבער דער הויפּט־העלד זיצט אין שריפטשטעלער. ער דיקטירט עס דעם אויספאָרשער אַזאַ מענטשלעכע באַציאונג צום פאַקטישן העלד פון ביידע דערציילונגען, משהלע ליפשיץ. דער שריפטשטעלער זאָגט עס אים אונטער צו קריגן צוטרויען צו משהלע ליפּ־

שיך אויף אַזוי ווייט, אַז פאַרלאָזנדיק זיך אויף זיין וואָרט, באַפרייט ער דעם העברעאישן לערער וועקסלערן. און וויפיל דער שריפטשטעלער האָט געטאָן פאַר אים צו פאַרגרינגערן און ווירדיק צו מאַכן זיין טויט! ער גיט אים אַ פערזענלעכע געשיכטע, אַ פאַמיליען־דראַמע, ער זאָל ווינטשן אויף זיך דעם טויט. אַן אָפּגעגאַרטער מאַן, וואָס ווייס, אַז ער ווערט אָפּ־געגאַרט און דאָס לעבן איז אים ניט ניחא, און טויט וואָלט אים אַ דער־לייזונג געווען. אַן אָפּגעגאַרטער מאַן, אַ קאָמיש פיגורקעלע קעגן זיין ווייב, דער פאַרשוין, ווערט ער ניט אויסגעלאַכט, ווי דער מנהג איז ביי שריפט־שטעלער, נאָר פאַרקערט, ער ווערט אַרויסגעשטעלט צו באַוואונדערונג. אַ סוחרל, אַ מעקלערל, אַ צוגעוואָרפן נפשל, אין די אויגן פון זיין ווייב אַ נבזה, שטייגט ער אַלץ מער אין טראַגיזם. און אַזוי נאַטירלעך, ניט גע־קינצלט, וואַקסט ער אין זיין אינסטינקטיוון שרעק, אין זיין אַנטקעגן־גיין דעם שרעק, אין זיין פאַרגעפיל פון טויט, אין זיין גרייטקייט מקבל־פּנים זיין דעם טויט. אָט, וויפיל טובות דער שריפטשטעלער האָט אים געטאָן! איז דאָס גרויסער גאַנג — אין די פוס־טריט פון די גרויסע רוסישע מייס־טער — צו דערהויבן אַ נישטיק מענטשל צו אַ פּאָסטן אויף וועלכן גאָר גרויסע העלדן שטייען.

מיט דער צווייטער דערציילונג „שטויב" האָט עפּעלבוים נאָך אַ שווע־רערע אויפגאַבע געהאַט. די ערשטע דערציילונג איז דערפירט ביז צום אַרעסט. אין דער צווייטער זיצן זיי שוין אין דער טשעקאַ־תּפיסה. און מען ווייס שוין, וואָס דער סוף וועט זיין — שיסן. דאַרף געשאַפן ווערן אַ דראַ־מאַטישע האַנדלונג, וואָס איר אויסלאָז איז אין פאָראויס באַשטימט — ווי וועט ער עס דורכפירן? דאַרף עפּעלבוים טאַקע זיך באַהעלפן מיט צוגע־טראַכטע מיטלען: מיט חלומות־קאָשמאַרן, מיט אַ פאַנטאַזיע־זעעאונג פון זיין ווייב אין די אָרעמס פון איר געליבטן; מיט אַ זעאונג, וואו ער געזעגנט זיך מיט זיין טעכטערל חיהטשע אין דעם פרימאָרגן פאַרן שיסן, — מיט אינסצענירונגען פון לעבן אין תּפיסה, וואו פאַרשיידענע טיפן אַרעסטאַנטן און אויפזעער ווערן פאַרגעשטעלט אין די בייע פשוטע „חברשע" באַצי־אונגען, וואָס די נייע אָרדענונג האָט געבראַכט — אַז דער, וואָס שיסט, און דער, וואָס דאַרף דערשאָסן ווערן, זיינען צווישן זיך גוטע ברידער — אָבער די הויפּט־האַנדלונג ווערט ניט אָפּגעלאָזט און שמידט־צו די אויפמערק־זאַמקייט: משהלע ליפשיצעס איבערנעמען די ראָלע פון אַ פאָטער־טרייס־טער פאַר דעם לערער, זיין גרויסאַרטיקע האַלטונג אין דער אויספאָרשונג־סצענע, וואו מיט אייגענעם קרבן געווינט ער דאָס רעכט צו זיין דער פאַרטיילער פון לעבן און טויט צווישן לערער און „סטודענט". ועל כולם

זיין פרייען זיך מיט דער קינפּטיקער פרייד פון דעם לערערס יונגער פרוי, וועלכע קומט אים אנטקעגן, ווען ער ווערט געפירט צום שיסן — ווי וואלט געווען, ווען זי וויס, אז דאס קוקט זי איצט אן דעם לעבנס־רעטער פון איר מאן? — עס לייענט זיך מיט אלץ מער פארכאפּנדיקן אינטערעס. עפּעל־בוים האט די שווערערע אויפגאבע, וואס די צווייטע דערציילונג האט אים אויפגעגעבן, אויך דורכגעטראגן. דאס איז די ארבעט פון דעם רבס זון אין דער לעדערנער קורטקע, וואס זיצט א באהאלטענער אין שריפט־שטעלער.

א באווייז דערויף, אז דער גורל פון זיין דערציילונג הענגט אפּ פון דעם, ווי אזוי עפּעלבוים שטעלט זיך צו זיין הויפּט־העלד, האבן מיר אין „שרעק". ער באציט זיך דא צו זיין הויפּט־העלד שלעכט, רופט זיך דאס אפּ מיט א פארערגערטן געבוי פון דער דערציילונג. און דאס מערקוויר־דיקע דערביי, דער הויפּט־העלד איז דא אין דער דערציילונג. אויב ניט ער אליין בכבודו ובעצמו, איז דורך א גלגול זיינעם — דער לערער בארענ־שטיין, אדער אפשר איז ער גאר א שרייבער, וואס פארשטעלט זיך פאר א לערער? אויב ער אליין איז ניט קיין פארקנעפּלטער אין א לעדערנער קורטקע, אבער עפּעס א „קנעפּל" איז ער: האט דארט איינפלוס, און ער נוצט אויס זיין איינפלוס אויף צו פועלן, מען זאל אים ארויסלאזן קיין פוילן. דער אויסרייד איז, אז זיין ווייב האט דארט משפּחה, אבער מסתמא פארט ער צורעכט צו מאכן זיין יידישן חשבון הנפש. אזוי אבער ווי ער דעזערטירט פון זיין פּאסטן, צו זיין דער וועכטער פון א מיליאן יידישע לעבנס אין דינסט פון רעוואלוציע, איז ביי אים אוועקגענומען זיין הויפּט־ראלע, און ער איז בלויז א שאטן פון דעם הויפּט־העלד. און עפּעלבוים באשטראפט אים נאך דערמיט, וואס ער נעמט די חברטע פון הויפּט־העלד, די אידעלע יידישע טאכטער, די מיידל פון דער רעוואלוציע, און גיט זי אוועק פאר א געליבטער צו איינעם, וואס האט זי זיכער ניט פארדינט — צו דעם סוחר סאמויל וויינשטאק, פאר וועמען דער לערער האט שוין פאראיינוועגס אויך געפועלט א דערלויבעניש ארויסצופארן קיין פוילן.

איז דאס רונד ארום א פארדרייעניש, אן איבערשטעלעניש פון פאקטן, מענטשן און געפילן. דערפאר האט די דערציילונג „שרעק" קיין פעסטע קאנסטרוקציע ניט: די געשעענישן צעלויפן זיך, אדער זיי ציען זיך ציללאז. מיר פילן די גאנצע צייט, אז די געשעענישן ווערן געשלעפּט מעכאניש צו א מעכאנישן סוף. און אט קומט דער מעכאנישער סוף. דער צוג קראכט ביים סאמע גרענעץ פון פוילן. די טיר פון פראכט־וואגאן האקט אפּ דעם קאפּ פון סוחר. דער מעכאנישער סוף איז סימבאליש געמיינט אויף דעם

לערער. דאָס האָט ער אָנגעוואוירן דעם קאָפּ, ווייל ער האָט זיין טייערסטע מיידל־אינספּיראַציע איבערגעלאָזט אין סאָוועט־רוסלאַנד. און הגם עפּעל־בוים ווייזט געניג טיכטיקע אויגן־קונסט אין מענטש־באַשרייבונגען און נאַטור־באַשרייבונגען, אָבער דער איינדרוק פון גאַנצן איז ווי פון אַ רע־פּאָרט: אַזוי איז געווען. אַ קאָרעספּאָנדענציע פון וועג. אַט אַזוי איז מען געפאָרן פון סאָוועט־רוסלאַנד קיין פּוילן. מיר ווערן אַפילו ביסלעכווייז נייגעריק, און עס ווילט זיך וויסן דעם סוף. אָבער דער סוף איז אַן אַנ־טוישונג, ניט קיין קינסטלערישע אויסלייזונג. „שרעק" בלייבט ווייט הינ־טערשטעליק הינטער די צוויי „שטויב"־דערציילונגען.

קומט עפּעלבוים צו זיין פולער גבורה ערשט, ווען זיין רעאַליסטישע דעטאַליזירונג קאָנצענטרירט זיך אַרום זיין הויפּט־העלד, וועלכער אָדער ער איז אַליין דאָ, אָדער ער זיצט אין שריפטשטעלער און דיקטירט אים די באַציאונג. פעלט דער הויפּט־העלד, אָדער ער ווערט ניט ריכטיק פאַר־טראַכט, ווערט מטושטש דער רעאַליזם, ווי מיר זעען עס אין „שרעק". און ווי אַז עפּעלבוימען פעלט אויס רעאַליסטישער מאַטעריאַל, ער נעמט זיך צו אַ לעבן, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט מיטגעלעבט? אַזוי איז די דער־ציילונג „שונאים", די ערשטע דערציילונג, וואָס איז געשריבן אין אַמע־ריקע. דער פויער וואַסיל, אַ רייכער בעל־גוף, ווערט געטריבן צו משוגעת און זעלבסטמאָרד — דורך אַ פאַמיליען־אומגליק, און דער איינרעדעניש, אַז אַלע פויערים אין דאָרף, וועלכע האָבן אים מקנא געווען זיין גליק, פרייען זיך מיט זיין אומגליק.

עס איז אַ גרויסע טעמע פאַרטראַכט לויט די מוסטערן פון די פּראָסט־פאָלקישע טראַגעדיעס פון די רוסישע מייסטערס — אַ טעמע פאַר טאָל־סטאָיען אויפצוהייבן. — פון עפּעלבוימען האָט זיך געפאָדערט אַ סך ווײ־ניקער: ער זאָל, לכל הפּחות, טאָן צו וואַסיל דעם פויער, וואָס ער האָט געטאָן צו דעם סוחר'ל משהלע ליפשיץ — געבן די נשמה־מאָמענטן, וואָס פאַרוואַנדלען: משהלע איז פון אַ שוואַך מענטשל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיבור, וואַסיל פון אַ גיבור אין אַ שוואַך מענטשל. אָבער אין דעם אינעווייניק פון דעם יידן משהלע איז ער געווען, און אין דעם אינעווייניק פון דעם פויער איז ער ניט געווען. דאַרף ער ביי וואַסילען די מאָמענטן איבערהיפּן. קומט אַרויס דערפון אַ קייט פון עפּיזאָדן־צופאַלן, וואָס ציען ניט נאָך זיך אַ קייט פון נשמה־פאַרוואַנדלונגען. בלייבט עס אַן אויסוויי־ניקסטע אָפּשריפט פון אַ מעגלעך טיפער דערציילונג. ער טאָר זיך ניט אונטערנעמען שילדערן אַ לעבן, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט מיטגעמאַכט מיט די אויגן.

אָבער ער אונטערנעמט זיך יאָ. די זעקס דערציילונגען פון דער צווייטער אָפּטיילונג „צופּלוס״, וואָס נעמען אַרום די יאָרן 1926־1933 און וואָס זיינען אַ דאַנקזאָגונג פון מהלך אַמעריקע צו דער רויטער אַרמיי, זיי־נען אַזאַ אונטערנעמונג. ער פּרובירט שפּילן דעם אויגן־עדות, וואו זיינע אויגן זיינען ניט געווען. ער האָט ניט צוגעזען די שלאַכט אונטער לע־נינגראַד מיט יודעניטשן („מאַכט״), און אויך ניט בייגעוואוינט די שלאַכט, וואָס האָט דורכגעהאַקט דעם „קאָרידאָר״ צו קרים („שלאַכט״), און ניט דורכגעריטן מיט אַ רויטן קאָמאַנדיר די פּאַסטקע, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר אַ וויים־גוואַרדייאַישער קאָזאַקן־אַרמיי. אַן אויסנאַם זיינען די צוויי דערציילונגען „אַ משפּט״ און „סכנה״. כאָטש ער איז דערביי ניט געווען, אָבער זיין הויפּט־העלד איז דאָ — דעם רבס זון אין דער לעדערנער קורטקע. אין דער ערשטער הייסט ער זאָרין, אין דער צווייטער מיראָן. זיי זיינען פּאָליטקאָמיסאַרן, און ווייל זיין הויפּט־העלד איז דאָ, איז ווי עפּעלבוים אַליין וואָלט געווען.

אין „אַ משפּט״ דערשפּירט זאָרין, וועלכער איז צוגעשטעלט צו אַ רעגימענט, וואָס איז קורצלעך אַריבער פון דעניקינען צו די באָלשעוויקעס, אַז די אָפיציערן האָבן פאַרטראַכט אַ פאַררעטערישע הינטער־אַטאַקע ערב אַ גענעראַל־שלאַכט — פון זייערע קוקעלעך און מינעלעך, אויף וועלכע זיין יידיש אויג איז אַ מבין, האָט ער עס דערשפּירט, און ער קריגט באַלד אַ באַשטעטיקונג דערויף: זיי האָבן אין געהיים צוגעגרייט אַ פּאָגראָם־פּראָק־לאַמאַציע — ווערט ער אַן אָדלער און אַ פוקס, און אין צוויי שעה צייט איז דער גאַנצער שטאַב אָפיציערן אַריינגענאַרט אין גענעראַל־שטאַב און גע־שטעלט צום משפּט — פאַר אַ קורצן פּסק. אין „סכנה״ האָט אַ האַידאַמאַ־קישער רעגימענט, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון פּעטלורען, זיך אַרומגע־זען, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות אין חשבון: די רויטע דערלאָזן ניט אַפילו אַ פּאָגראָמעלע מאַכן פאַר אַ שפּילכעלע מיט יידישע טעכטער. פּועלט ביי זיי מיראָן זיי זאָלן אים דערלויבן צו טעלעפאָנירן זייער בקשה צו דער הויפּט־קאָמאַנדע. ער וועט חלילה ניט דערמאָנען דאָס וואָרט „פּאָגראָם״ — נאָר האַידאַמאַקעס ווילן גלאַט אַ הוליע טאָן. און אונטער אָנגעשטעלטע רעוואָלווערן גיט ער איבער זייער „בקשה״ אַזוי, אַז אין אַ האַלבע שעה איז דער רעגימענט אַרומגערינגלט מיט האַרמאַטן — און אַ האַלב־צעשאָסענער גיט ער זיך אונטער. דעניקינשע אָפיציערן האָט ער געזען, האַידאַמאַקעס אין אַקציע אויך מסתמא, אַ פּאָגראָם־סכנה איז דאָ, די רעטערין, די רויטע אַרמיי, איז דאָ, זיין הויפּט־העלד איז דאָ — קען עפּעלבוים זיך לייכט פאָרשטעלן, ווי ער אַליין וואָלט געהאַנדלט אין אַזעלכע

סיטואַציעס. טראָגן זיך בײדע דערצײלונגען מיט אימפּעט, קײן אײנציקע שורה מאַרודעט ניט אויף אַן איבעריקער מינוט, מיר זאָלן האָבן צײט און געלעגנהײט צו פֿרעגן: איז די מעשה אמת?

אַנדערש אָבער מיט די אַנדערע דערצײלונגען. זײ האָבן די געװײנ־לעכע עפּעלבוימישע מעלות װאָס קויפן אונדז אונטער: דערצײלערישע גע־ניטקײט איז דאָ. די נאַטור־באַשרײבונג אַרבעט אויסגעצײכנט. דאָ און דאָרט סצענעס װאָס פֿאַראינטריגירן, װאָס דערלאַנגען זיך מיט עפֿעקט. און דאָ און דאָרט פּנימער און כאַראַקטערן, װאָס קריצן זיך אַרײַן אין אויג — ספּעציעל װאו עס האַנדלט זיך װעגן אָפֿיצירן פֿון שונאס לאַגער. װאו עפּעלבוים איז מקיים זײַן הויפּט־מצווה: פּײַנט צו האָבן. אָבער יעדע דערצײלונג לאָזט אונדז איבער גענוג צײַט אויף קשיות צו פֿרעגן: פֿון װאַנען װײס דאָס אַלץ עפּעלבוים?

װאָס עפּעלבוים איז מיט די דערצײלונגען אויסן געװוען, איז פֿאַרשטענד־לעך: ער האָט געװאָלט גלאָריפֿיצירן די גרויסע מאָמענטן פֿון דער רויטער אַרמײ, די העלדישקײט פֿון אירע קאָמאַנדירן. עס איז אײגנטלעך שטאָף פֿאַר העראָאישע פּאָעמען. אַנשטאָט מיט געטרײקײט צו דער װירקלעכקײט, קענען פּאָעמען אַנגעשפּײזט װערן מיט שטימונגען פֿון פּאָעטס אײגענעם געמיט, כדי זײ זאָלן פֿון אונדז אַנגענומען װערן אין גלויבן. אַזוי אָבער, װען ניט רעאַליזם און ניט קײן פּאָעמען, מאַכן די דערצײלונגען דעם אײנ־דרוק פֿון פּראָזאַאישע אָפּשריפֿטן פֿון פּאָעמען, װי סכעמען פֿון פּאָעמען.

אַ סך מזלדיקער איז עפּעלבוים אין דער לעצטער סעריע דערצײ־לונגען, װאו ער געזעגנט זיך מיט דעם בהלה־שטאָף. געשריבן גאָר אין די לעצטע יאָרן (1933־1935), האָט די צײַט זײ אַ גרויסע טובה געטאָן. זי לאָזט דורכטריפֿן דורכן זכרון זכרון דאָס סאַמע עיקרדיקע — די עסענץ פֿון דערפֿאַרונג. פֿון דער גאַנצער מאַסע רעאַליסטישע דעטאַלן, װאָס זײַן אויג האָט אײַנגעשלונגען, האָט דער זכרון אַרויסגעװאָרפֿן, װי איבעריקס, אַלץ װאָס איז ניט שײַך צום עיקר. האָבן זיך אָפּגעשטעלט שנײַדנדיקע עפּי־זאָדן — קאָנצענטרירטע פֿאַקטן, קאָנצענטרירטע פּאָרטרעטן, קאָנצענטריר־טע איבערלעבונגען. די בעסטע דערצײלונג פֿון דער סעריע איז „איבער אַ שמאָל דרענגל״, װײַל עס איז שײַך געװוען צום עיקר פֿון עיקר — צו זײַן טעכטערל: — „דער הונגער פֿון מײַן קלײנער, בלאָנדקעפּיקער טאָכ־טער מרים, האָט מיך פֿון הויז װי מיט בײַטשן געטריבן. די קינדערשע ברוינע אויגן האָבן געקוקט מיט פֿאַרװאונדערונג פֿון קײלעכדיקן פּנים: פֿאַרװאָס גיט מען איר נישט עסן?״ — „בין איך אַרויס פֿון שטוב װי אַ בעטלער װאָס גײט זוכן אַ נס״.

אַרויס איז ער פּאַרפּרי, און גענאַנגען צוריק שפּעט אין אָונט. און אַט קומט אים אַנטקעגן דער מלאך המוות אין דער געשטאַלט פון אַ מחנה טשעטשענצעס.

און דער נס איז געשען. און די דערציילונג לאָזט שפּירן אין פאַר־אויס דעם שוואונג פון דעם נס, וואָס דאַרף געשען.

אַזאַ קורצקייט, קנאַפּקייט, עסענצמעסיקייט אין שרייבן רופט מען איצט קינסטלערישער רעפּאַרטאַזש, וואָס דאָס איז אַ שלעכטער נאָמען. עס איז ניט קיין רעפּאַרטאַזש, נאָר עס איז אַ שפּאַרעוודיק קינסטלערישע פאָרם פון דערציילן וועגן אמתע פאַקטן. און עס איז אַן אויסגעצייכנטע פאָרם פאַר עפּעלבוימען, וועלכער דאַרף פּטור ווערן פון אַ באַלאַסט, וואָס זיינע אויגן־שעכטער האָבן אַנגעשאָכטן אין דער שחיטה־צייט. נאָך אַזאַ גוטער געזעגענונג מיט יענער גרויזאַמער צייט, קען ער איצט פונאַנדערקנעפּלען זיין הויפּט־העלד, דעם אידעלן זון פון דער יידישער טראַדיציע, וועלכער האָט צוליב פּקוח נפש אַנגעטאָן אַ לעדערנע קורטקע; געפינען פאַר אים אַ ראָלע אין אַמעריקע — מעג ער אַפילו בלייבן אַזוי ראַדיקאַל, ווי געווען — מער ווי אַמעריקע קען פאַרטראָגן; און אויף דעם סמך פון דעם איין הויפּט־העלד וועט עפּעלבוים מעגן שעכטן מיט די אויגן הונדערטער אַזעלכע, וועלכע פאַרדינען געשאָכטן צו ווערן.

„צוקונפט", 1937.

פ. בימקאָ

1

פ. בימקאָ אַלס דערציילער איז אויך אַ דראַמאַטורג

מען דאַרף צוגיין צו בימקאָן אָן שום פאָראורטיילן — אַפילו אָן קונסט־פאָראורטיילן. — אַזוי ווי מיט בימקאָן האָט די קריטיק זעלטן־ווען זיך פאַרנומען און זי דאַרף אים ערשט אויסגעפינען — איז ווען זי טרעט שוין אַמאָל צו צו אים, מעסט זי אים מיט אירע פאַרטיקע מאָסן. זי ווענדט אויף אים אָן די פון איר אָנגענומענע קונסט־כללים, מיט דער אויסגעלערנטער און איינגעלערנטער טערמינאָלאָגיע: סטאַטיק, דינאַמיק, נאַטוראַליזם, רעאַליזם . . . אַז זי, די קריטיק, ווייס אַזוי זיכער וואָס קונסט איז! און הגם ביי די קריטיקער איז נאָך אַ גרויסע פלוגתא, צי די עובדא פון קונסט איז צו געבן דאָס לעבן ווי עס איז, אָדער צו געבן דאָס לעבן ווי עס קאָן זיין — אָבער ביי יעדן קריטיקער באַזונדער איז זיין אָפגעמאַכטע מיינונג אַן אָפגעפּסקנטע שאלה, אַן אָפגעשטעמפּלטע זאַך, וואָס הענגט ביי אים ווי אַ פּסוק אויף דער וואַנט, און זיי, די קריטיקער, ווייסן אַזוי אַקוראַט וואָס טאַלאַנט איז! און הגם זיי זיינען נאָך מחולק, צי טאַלאַנט איז הוילער דראַנג, אָדער דראַנג מיט באַוואוסטזיין, מיט אידייע, מיט מיסיע — אָבער ווידער אַמאָל: ביי יעדן קריטיקער הענגט טאַלאַנט, ווי אַ פאָרשריפט אויף דער וואַנט, סעפּאַראַט פון לעבעדיקן שרייבער. קוקן זיי אויף דער וואַנט און קוקן אויף בימקאָן. עס שטימט ניט! גאָר ניט לויט דעם פאָרגעשריבענעם פּסוק! אַ ווילדער טאַלאַנט!

אָבער טאַלאַנט איז ניט אויף דער וואַנט, נאָר אין לעבעדיקן שרייבער. און יעדער פאַרמאָגט אים אויף זיין אייגענעם אופן, ניט לויטן פּסוק. די מאָס אויף צו מעסטן בימקאָן דאַרף מען געפינען ביי אים אַליין. דאָס איז דער כלל פאַר יעדן טאַלאַנט. ער דאַרף געמאָסטן ווערן מיט זיין אייגענער מאָס. אַבי עס זאָל פעסטגעשטעלט ווערן גלייך פון ערשטן זייטל. און דאָס קאָן ביי בימקאָן פעסטגעשטעלט ווערן גלייך פון ערשטן זייטל. עס לעבט! אַלץ, צו וואָס ער רירט זיך צו, ווערט באַלעבט! יעדער זאַץ איז אָנגעפּראָפּט מיט אַזויפיל לעבן, אַז עס בלייבט איבערגענוג פאַרן לייע־

נער אָנגעשטעקט צו ווערן. — דאָס ערשטע זייטל פון דער ערשטער דער־ציילונג פון בוך — „דער שאָפּ, עליע רבילע און די יידלעך זיינע“ — הייבט זיך אָן אַזוי:

„אַז דער שאָפּ איז געלעגן אויף איינער פון די צעקרימטע געסלעך אין וויליאַמסבורג, האָבן זיינוול, פּיזול, דזשעק און די אַנדערע — ניט געוואוסט, אַז זיי אַרבעטן אין אַ שאָפּ. דאָס בידעריקע אָפּגעקראַכענע הויז האָט פון דרויסן גיכער אויסגעזען, ווי עפּעס אַן אַלטע, צעפאַלענע חורבה, וואָס שטייט אויף היגערשע פּיסלעך, און וואָס דאַרף ניט מער ווי ס׳זאָל עמעצער, מיט אַ כוסה אין קאָפּ פאַרביגייענדיק — אַ בריקע טאָן אין דעם מיטן פוס, איינמאָל און נאָך אַמאָל, אַז די ווענט זאָלן זיך צעפאַלן, דער דאַך זיך אונטערגעבן און אַראָפּזעצן אויף דער ערד. נאָר אַזוי ווי ס׳האָט זיך אָבער אַזאַ שיכור ניט געמאַכט, און אויב יאָ, איז אים די האַלב צע־פאַלענע חורבה, ווי אַ סך אַנדערע אויף דעם געסל קנאַפּ אָנגעגאַנגען, האָט עליע רבילע דער בעל הבית פון דער שאָפּקע, פאַר דאָס שוין געזען, אַז ס׳זאָל דאַ אינעווייניק, צווישן די פּוסטע, רויטע, אָפּגעריבענע ווענט קיין שאָפּ ניט זיין, יעדנפאַלס זיין שאָפּ ניט“.

ניט קיין שאָפּ, נאָר אַ שטאָל! — האָט דער בעל הבית געגרימצאַרנט, און ער האָט זיך געקליבן אַריבערטראָגן זיין שאָפּ פון וויליאַמסבורג אויף דער זיבעטער עווענין, אין אַ ברייטן ליכטיקן בנין, כדי צו זיין אַ בעל הבית מיט לייטן צוגלייך, וואָס די אַרבעטער זיינע האָבן זיך שטאַרק גע־שראָקן דערפאַר, און דער בעל הבית האָט דורכגעפירט זיינס. די מענטש־לעכע דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אַרום דעם, איז דער סוזשעט פון דער ערשטער דערציילונג.

מאַכן טויטקייטן שפּרודלען מיט לעבן — איז דער הויפּט־סימן און די הויפּט־מעלה פון טאַלאַנט. וויבאַלד די הויפּט־מעלה איז פעסטגע־שטעלט, מעג מען שוין זוכן חסרונות וויפיל מען וויל. די הויפּט־מעלה קויפט זיי אַלע אויס. דער ערשטער חסרון, וואָס מען זעצט אויס — איז בימקאָס געדיכטער פּויליש־יידישער לשון, וואָס לייגט זיך דעם ליטוואַק ניט אַזוי לייכט אויף דער צונג. איז די עצה צום ליטוואַק: אַזוי ווי אַ גוטן קאָפּ האָט ער אויף זיך, זאָל ער זיך אויסלערנען בימקאָס לשון. און דאָס וועט אים פאַלן זייער לייכט. נאָכן פינפטן־זעקסטן זייטל וועט ער דאָס לשון פאַרשטיין. אָבער בימקאָ אַליין וועט אים אונטערזאָגן דעם באַטייט פון די צו־היימישע שאַרשיקע ווערטלעך: האַרמע, פּרוכנע, שלי־מיזן, אַ כלישנע טאָן — אָדער זיי וועלן אים אויפהערן שטערן. און ניט דעבאַטירנדיק וועגן דעם, צי מען מעג אַזוי פאַרהיימישן אַ ליטעראַטור־

סטיל — און עס זיינען פאַראַן פלינקע, בריהדיקע ווערטלעך און אויס־דרוקן, וואָס וואָלטן דעם ליטעראַטור־סטיל וואויל־באַקומען. „אַזויערנאָך", „דער גרויסער צעלייגער" (אויף אַ פּאַרמאַן), „עס האָט נאָך אַ ברירה אַלץ צו זיין גוט" — וועט דער לייענער האָבן זיין שכר, וואָס זייטל נאָך זייטל וועט ער זופּן דעם מחיהדיקן טעם פון לעבעדיקן שטאָף. און וואָס ווייטער אין לייענען, אַלץ מער מעלות בימקאָס וועלן זיך אַרויסווייזן — מיט זיין צווייטער הויפּט־מעלה, אַז אונטער זיין געמיינטן „נאַטוראַליזם" קוועלט פּאָעזיע, און עס גייט אויף אַ פאַנטאַזיע, וואָס בויגט זיך אין אַ מענטשלעכער דראַמע.

דאָס איז אַלץ גערעדט, ווען מען האָט אַן אויג פאַר דער אייגנאַרטיקייט פון אַ שרייבערס טאַלאַנט. אָבער קריטיקער וואָס מיינען אַז טאַלאַנט איז ניט אין לעבעדיקן שרייבער, נאָר הענגט גאָר ווי אַ פאַרגליווערטע פאַרשריפט אויף דער וואַנט, פאַרפעלן אַריינצוקוקן אין דעם אַרבעטס פּראָצעס פון טאַלאַנט, פון וואַנען עס נעמען זיך אַרויס סיי די מעלות און סיי די חסרונות. מאַכט מען זיך קאַליע די ראיה. פאַרזעט מען אַן עיקר, אַז בימקאָ דער דערציילער שאַרט צענויף לעבנס־שטאָף פאַר בימקאָ דעם דראַמאַטורג.

לאָמיר זיך ווענדן צו בימקאָן אַליין — אַרויסצוקריגן פון אים אַליין די מאָס אויף צו מעסטן דעם גראַד פון זיין טאַלאַנט און דעם קריטעריום אויף אָפּצושאַצן זיין אויפטו מיט דעם נייעם באַנד געקליבענע ווערק. דאָס איז דער אַכטער באַנד, נאָך די זיבן בענד דראַמען, וואָס זיינען אַרויס דורך מ. צעשינסקיס פאַרלאַג אין שיקאַגאָ — אין 1936. נאָך פריער, אין 1926, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ ריי בענד דערציילונגען — דאָ אין ניו־יאָרק, אָבער די מערסטע פון זיי געשריבן נאָך אין פוילן. אַפילו די געשריבענע אין ניו־יאָרק זיינען נאָכגעשריבן אין זיין פוילישן נוסח. די נייע דערציילונגען זיינען אַלע ניו־יאָרקישע; די ערשטע — „צייט־סקעב" — ניט קיין דערציילונג, נאָר אַ בילדלעכע דעקלאַמאַציע, אויף צוויי זייטלעך, איז דאַטירט 1926 — אין דעם יאָר, ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט פוילן.

וואָס איז געווען דער שטאָף פון בימקאָס דערציילונגען און דראַמען אין זיין פוילישן פּעריאָד ? — די מלחמה־מהומה — מיט אירע פּליטים, מיט אירע עלנטע און פאַרהונגערטע וואַגלער און פּלוצים אויפגעקומענע גבירים־אדירים; מיט אירע שמוגלער, גנבים און אַפילו גזלנים, און די מאַן־און־ווייב באַציאונגען אויפן הינטערגרונט פון דער מלחמה — מיט אַ הויפּט־ראָלע פאַר דער צאַפּלדיקער, פאַרשייטער אָדער פאַרטייעטער וועל־

פיש־קעצישער יונגער פרוי; דאָס יונג מיידל אין איבערגאַנג צו שרע־קעדיקער אָדער תּאוהדיקער ווייב.

וואָס די מלחמה האָט געטאָן צום יידישן ליטעראַטור־שטאָף אין פוילן — דאַרף מען בימקאָן צופירן ניט צו עוזר וואַרשאַווסקין און האַ־ראַנטשיקן ע"ה, וועלכע געהערן צוזאַמען מיט אים צו איין מלחמה־דור, נאָר צו יוסף אָפּאַטאָשון, וועלכער איז געקומען אַהער מיט יאָרן פאַר דער מלחמה. די אַלע העלדן פון „ראָמאַן פון אַ פערד גנב", וואָס שוועבן ביי אָפּאַטאָשון, אין אַ ראָמאַנטישן חלום, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער פּראָזאַאישער ערד; זיי זיינען געוואָרן טעגלעך ברויט. אָבער אַנדערש ווי וואַרשאַווסקי און האַראַנטשיק, האָט בימקאָ מיטגעשלעפּט דעם ראָמאַנטישן חלום אין דער ערדישער ווירקלעכקייט אַריין — ווי אַ פאַרשטיקטע פאַנ־טאַזיע, וואָס וויל זיך צוריק אַרויסשפּראַצן — ווייל אַ פּאָעט. וואו מען זאָל ניט וואַרפן אַ בליק אין זיינע אַמאָליקע דערציילונגען, שטויסט מען זיך אָן אויף זאַצן, וואָס שפּירן אויס שאַרפע עסענץ. אין דער דערציילונג „מאַן", וואו אַ יונג פאַרפאַלק לויפט פון אַ שלאַכט, וואָס האָט זיך צוגערוקט צו ווייער דאָרף און פלאַקערט הינטער זייער רוקן: — „ער האָט אים דער־שפּירט, דעם בליק אירן, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער וועלט — אַזאַ רואיקער, אור־אור וייטער, קדמונימדיקער, פון פאַר דער וועלט־באַ־שאַפענער און אַריבער דער וועלט־פאַרגייענדיקער"... ער האָט געוואָלט, „אַז זי זאָל זיין שטאַרק און ניט שפּירן די יסורים וואו ס'זיינען אַפילו יסורים פאַראַן; און ניט ווי זי האָט געוואָלט — אַוועק גאָר צו אַזאַ הויכער מנוחה, וואו ס'זיינען בכלל קיין יסורים ניטאָ, אַפילו ווען מ'ליידט גענוג שטאַרק... אין דער דערציילונג די „קללה", וואו אַ פאַרפאַלק לעבט אין אַ וואַלדהייזל, און דאָס ווייב איז חושד דעם מאַן, אַז ער טרייבט זיך אַרום מיט גנבים און גזלנים: — „אין טריבע טעג, נאָכמער: אין רעגנדיקע פאַרנאַכטן, האָבן, דוכט זיך, ווי נאָך אַראָפּגעהאַנגענע די שווערע כמורנע ברעמען פון די גזלנישע אויגן, מיט די בקשותדיקע בליקן פון יענע אומ־גליקלעכע, וואָס האָבן צו זיי אין די הענט באַדאַרפט אַריינפאַלן, און שוין מער ניט אַרויסקומען..."

און נאָך דערפאַר האָט פאַנטאַזיע זיך געוועקט פון בימקאָס ערדיש־קייט, ווייל אַ דראַמאַטורג. די שאַרפע עסענצן און די שאַרפע ווינקלען, וואָס ער האָט אויסגעשפּירט אין די מענטשן און אין די סיטואַציעס, פלעגט ער צונויפפירן אין אַ קאָנפליקט. ניטאָ קיין דערציילונג ביי אים, וואָס זאָל דורכגיין אָן אַ פאַטאַלן פינאַל. דיזעלביקע מענטשן און דיזעלביקע סיטואַציעס פלעגן אים דינען פאַר דראַמען.

און דאָס טשיקאָווע דערביי, אָנגעהויבן האָט בימקאָ, סיי אַלס דער־ציילער און סיי אַלס דראַמאַטורג, דווקא אַלס אינטעליגענט־ליטעראַט, מיט אַן אויסגעפּוצטער שפּראַך. נאָר דאָ און דאָרט האַלט זיך עקשנותדיק אַ לאָקאַל ווערטל. כסדר אַנשטאָט „אויף אים״ — „אויפן״, „וואָס דוואָ־רעט״. — אָבער וואָס ווייטער איז ער געוואָרן אַלץ ווייניקער ליטעראַט און אַלץ מער בימקאָ. פינף־זעקס אינטעליגענטישע דראַמען זיינען פאַרויס־געגאַנגען די „גנבים״ און „דעמבעס״. ווייל בימקאָ איז בטבע אַ „מאַסאָ־וויק״, וואָס לעבט מיט דער גערדיכטעניש פון דער פאָלקס־מאַסע, און רעדט געדיכטן גראָזיקן, וואָרצלדיקן פאָלקס־אידיאָם, וואָס אָט דאָס שפּראַך־גע־מויזעכץ פלעמלט זיך ביי אים מיט פּאָעזיע און רויכערט זיך מיט פאַנ־טאַזיע.

אָנגעוואָרן דעם דירעקטן קאָנטאַקט מיט פּוילן, האָט אים גענומען כמעט צען יאָר ביז ער האָט זיך אַריינגעלעבט אין דער געדיכטעניש פון יידישן פאָלקס־לעבן אין אַמעריקע. טאַקע זיך אַריינגעלעבט — טאַקע מיט־געלעבט — אַליין, דורכגעמאַכט די אַלע אַכט דערציילונגען פון אַכטן באַנד. דורכגעגאַנגען די אַלע שעפער און זיך אויסגעוואַלגערט אויף דער איסט־סייד, וואָס האָט דעם גאָווערניר האָספּיטאַל פאַר איר צענטער, וואו די איסט־סייד קומט קרענקען און שטאַרבן אָדער זיך ראַטעווען מיטן לעבן.

ערשט אין די דערציילונגען איז אים געלונגען אַריינצואַרבעטן זיך אין דער נייער סביבה. אין די דראַמען האָט ער נאָך אַלץ געלעבט אויפן חשבון פון פּוילן. אויף דעם פונדאַמענט, וואָס ער האָט דאָרט פאַרלייגט אויף דער מלחמה־ווירקלעכקייט, וואָס ביי בימקאָן איז זי דורכגעציטערט געווען מיט פאַרשטיקטער פאַנטאַזיע — האָט ער דאָ אויסגעפירט אַ פאַנ־טאַזיע־טורעם „די מויערן״ און נאָך אַ גראַנדיעזערן טורעם — „די מאַרכ־ביינער״. זיינע קאָמעדיעס זיינען דער ערשטער פּרואוו אַריינצוקוקן אונטער דער אויבערשטער פלאַך פון דער יידיש־אַמעריקאַנער געדיכטעניש. דאָ אָבער אין די דערציילונגען איז ער איבערן קאָפּ אין דער געדיכטעניש. אַזעלכע געדיכטע יידישע אַמעריקאַנישע דראַמען האָט ער נאָך ניט. ערשט אויפן סמך פון די דערציילונגען וועט ער זיי שרייבן. ווי אַלעמאָל גייען דערציילונגען ביי בימקאָן פאַרויס.

וואָס האָט בימקאָ געטאָן ? — ער האָט גענומען די עוואָלוציע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג פאַר 50 יאָר און האָט זי צונויפגעפּרעסט אין 10 יאָר (פון 1929 ביז 1938) — לויט דער צאָל יאָרן, וואָס ער האָט די עוואָלוציע מיטגעמאַכט — דאָס בילדל „דער סקעב״ פון 1926 רעכנט זיך ניט. ווי געזאָגט, אַ געהויבענע דעקלאַמאַציע פאַרצוטראָגן אין אַ

סטרייק־האַל. — „כ'זע אים, אַ דאַרן, אַ ביינערדיקן, מיט אַרומגעשניטענע אויגן, שאַרפע ברעמען, גייט געלאַסן, זיכער, ווי ער וואָלט קיינמאָל אין זיין לעבן אַ מענטשן אויפן נאָגל פונעם פוס ניט אָנגעטראָטן". — בימקאַ איז דעמאָלט נאָר וואָס געווען אַריינגעטראָטן מיט איין פוס אין אַמעריקע. ער האָט ניט געוואוסט, אַז אין צען יאָר אַרום וועט ער גרייט זיין די אַרבעטער פון די שעפּער אָנצורופן „סקעבס".

דער בעסטער וועג אַרומצונעמען די ערשטע זעקס דערציילונגען מיט איין בליק איז צו קוקן אויף זיי ווי אויף בימקאָס הכנה צו אַן אַרבעטער־דראַמע. די ערשטע דריי דערציילונגען — „דער שאַפּ, עליה רבילע און די יידעלעך זיינע". „דער זייגער און זיין מערכה" —ביידע פון 1929 — און „דער טאַטע, דעם טאַטנס קינדער און די יוניעס שאַפּ" פון 1931 — זיינען דער שטאָף פאַרן ערשטן אַקט. — „אויף צום ערשטן מאַי!" און „קאַרל מאַרקס אויף דער אַנדער זייט" — ביידע פון 1936 — שטאָף פאַרן מיטעלן אַקט. — „דער באָס, די יוניע און די אַרבעטאַרער ווי פון איין שטיק" — פון 1938 — דער שטאָף פאַרן שלוס־אַקט.

די ערשטע דערציילונג — די ערשטע סצענע פון ערשטן אַקט — „דער שאַפּ, עליע רבילע און די יידלעך זיינע" — וויסן מיר דאָך שוין, האָט פאַר איר סוזשעט דעם איבערגאַנג פון אַ סוועטשאַפּ אין אַ מאָדערנער פעקטאָרי. בימקאַ האָט נאָך פאַרכאַפּט די סוועטשעפּער. אין די פאַרשטעטע האָבן זיי זיך פאַר אים איינגעהאַלטן — פאַר אים אין וויליאַמסבורג, אויף אַ פוסט געסל ביים איסט־ריווער, נאָענט צו דער ברידזש פּלאַזאַ, וואו די אַרבעטער מיטאָקצייט קומען זיך זוניקן נאָך דער שטיקנדיקער פינצטער־ניש פון שאַפּ — אַ נאָקעט הייזל, רויט־באַשמירט פון דרויסן און פון אינע־ווייניק, פאַנאַנדערגעצאַמט אין קעמערלעך — לכתחילה געבויט די זון זאָל ניט אַריין. ווילסטו זון, עפן די טיר, ביסטו דרויסן...

הערן מיר דאָ דעם אַמאָליקן קלאָג אויפן סוועטשאַפּ? ס'הייבט זיך ניט אָן. דער אומצופרידענער איז גאָר דער באָס, עלי רבילע. די אַרבע־טער אדרבא ואדרבא. ווען עליע צעפייערט זיך ווי אַ גזלן: — „זי ברויך נאָר קומען אויפן פייער די שטאָל!" — גיבן זיך די אַרבעטער זיינע אַ לאָז אים אַראָפּצוקלאַפּן. — דאָס וואָס זי איז ניט מער ווי אַ שטאָל — ליגט דיר אַפילו ניט אין דער לינקער פּאה; ס'גריבלט דיך נאָר וואָס דו קענסט ניט מער מאַכן...

— מ'וויסט, עליע...

— און וויפיל דו זאָלסט דיך ניט וועלן צלמען, וועט מען דיר אַלץ אַרויסזען די כשרע חזיר־פיסלעך דיינע...

וואָס זיינען די אַרבעטער אַזוי צופרידן געווען ? — „ס'איז טאַקע קיין שאָפּ ניט געווען נאָר אַ שטאָל. און כאָטש זיינוול, פּיזול, דזשעק און די אַנדערע האָבן דאָס אויך געוואוסט, און געווען זיכער דאָס אויב ס'וועט אויסקומען אָפּציען דאָ נאָך אַ פּאָר יאָר וועלן זיי אַרויסגיין פון אים אַן לונגען..." — אָבער...

— „אַז ווי טייער ס'שטיקעלע געזונט זאָל ניט זיין, לוינט נאָך אַלץ צו פּאַרקויקן אַ האַרעלע, אַ פּינטעלע — אַבי ניט צו פילן דעם טעם פון אַ ריכטיקן שאָפּ...

„זיצנדיק אינעווייניק, אין די קליינע ברעקלעך שטיבלעך, האָט זיך זיי נאָר אויסגעדאַכט, ווי זיי וואָלטן געזעסן ביי זיך אין דער היים, אין היימישן ווערקשטעטל, צו וועלכן זיי זיינען געווען צוגעפּלאָסן פון קינד־ווייז אָן; געדריוולט דעם ביינוועל. אַ ציי, אַ שלעפּ און אַ שטאָך... אַ ציי, אַ שלעפּ און אַ שטאָך. — אָן אַ באַזונדערן געאייל"... — מ'שלאָפט ביי אים אין שאָפּ, מ'שלאָפט אָפּ ביי אים די יאָרן — צעבייזערט זיך עליע.

— שלאָף אויבעט, עליע; ווער לאָזט דיך ניט ? איינאיינעם וועט זיין געשמאַקער...

צעפלאַקערט זיך עליע רבילע ווי אַ שטרוי:

— אַ שאָפּ איז ביי אים — אַ חדר ניט קיין שאָפּ, אַ מושב זקנים...

צעלאַכן זיי זיך ברייטער די יידעלעך זיינע:

— דאָ איז דאָך די גאַנצע חכמה, וואָס ס'איז קיין שאָפּ ניטאָ; ס'זאָל זיין אַ שאָפּ, אַ באָס, אַ פאָרמאַן, מיט די אַלע זיבן גליקן, — וואָלט מען דאָ אין אים געזעסן...

און נאָך אַ מעלה האָט דער שאָפּ: — די מיטאָק־שעה. „איטלעכער גייט אַהיים, אין זיין שטוב — וואו ס'אייגענע ווייב האָט שוין, געוויינטלעך, צוגעגרייט אויפן טיש אַ האַלבן גרייפּ־פרוכט, אַ ברעקל שמאַלץ־הערינג, אַ שוואַרץ שטיקל פריש ברויט, ווייס ברויט, עטלעכע בייגל, אַ פּלעצל מיט ציבעלעס — אויב ס'וועט אַנשמעקן; צווייערליי קעז — געדיכטע זויערע סמעטענע, וואָס מ'קאָן שניידן מיט אַ מעסער"... און יעדער עסט וואָס ס'שמעקט אים בעסער — אין מנוחה — ס'פעלט נאָר זמירות ס'זאָל זיין ווי אין אַ שבתדיקן טאָג. און מען „בענטשט": — „מ'טוט אַ קניפּ דער ווייב אין היינטן מיט גרויס מתיקות — ס'איז גאַרניט צו באַצאָלן פאַר די היימישע געריכטן!" — און אַ דריטע מעלה: די פּלאַזע, וואו מען קומט זיך לופטערן און זוניקן נאָך די געשמאַקע מאכלים, צווישן די מאַמעס און קינדערשע וועגעלעך —

„ביז עליע רבילע פלעגט אַן אַן אַטעם אַנלויפן, און נעמען מאַכן

מיט די הענט, שפּריצן מיטן מויל: — אַרבעטאָרער מײַנע! כ'וועל האָבן פון זיי ברויט צו עסן! זינט דער קוימען האָט שוין געפּיפן — און זיי זיצן נאָך אַלץ אין דער הינערפּלעט אויף דער פּלאַזע".

פונדעסטוועגן פון אָט דעם געמיטלעכן מאַרודנעם אַרבעטן און מנוחה־דיקן עסן און לופטערן זיך אויף דער פּלאַזע, האָט עליע רבילע ניט נאָר געגעסן ברויט. נאָר האָט נאָך אָנגעקליבן גענוג קאַפּיטאַל אויף צו פאַר־חלומען אַ גרויסן שאַפּ אויף זיבעטער עוועניו — וואָס אָט דער חלום עליעס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ווי אַ שווערער וואָלקן איבער זײַנע אַרבעטערס קעפּ. זיי האָבן ניט געגלויבט, ביז אין איין זוניקן פרימאָרגן האָט דער וואָלקן געפּלאַצט. זיי האָבן געפונען דעם שאַפּ פאַרשלאָסן אויף מער זיך ניט צו עפענען.

דאָס איז די אַרײַנפיר־סצענע פון ערשטן אַקט. און אַזוי דאַרף עס געלייענט ווערן ווי אַן אַרײַנפיר אין אַ דראַמע. און דערפאַר האָב איך אַזוי־פיל אויסצוגן געגעבן, כדי צו ווײַזן, ווי אָפט בימקאָס טעקסט לויפט איבער אין דיאַלאָג. און אַפילו וואו עס שטייט ניט בפירוש, אַז עמעצער רעדט, איז דער טעקסט אויך דראַמאַטישער דיאַלאָג. עמעצער רעדט — ווער רעדט? אַ העלד אויף דער בינע. ווער? בימקאָ אַליין, דער דראַמאַטורג. ער טראָגט פאַר די דראַמע פאַר די אַקטיאָרן, וואָס דאַרפן אין איר שפּילן.

און דערפאַר אַזויפיל סצענקעלעך. ווײַל דער אַרײַנפיר דאַרף שאַפן אַן אָנגעזעטיקטע אַטמאָספערע אויף דער בינע. די מענטשן, וואָס באַ־וועגן זיך אויף איר, זאָלן דורכגעפילט ווערן; זאָלן אויפגעלויכטן ווערן אין זייער פּסיכאָלאָגיע, אַפילו ווען זיי גיבן בלויז אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ שמונצער מיט די ליפּן. און דערצו העלפט אים זייער אַ סך, וואָס ער איז אַ מײַסטער אויסצושפּירן און אויפצוכאַפּן שאַרפע עסענצן, מעשה פּאָעט: — „זײַנען אַלע געשטאַנען, דאָס גאַנצע געזעמל, ווי גאָרנישט אַרום אַ פאַרמאַכטער טיר פון אַ שאַפּ, וואו מען ברויכט אַרײַנגיין אַרבעטן, נאָר גיכער עפּעס ווי בײַ אַ טיר פון אַ הויז, וואו מ'האָט זיך אויפגעקליבן צו אַ לוויה. שטיל, אָן איין וואָרט, אַזוי ווי ס'איז שוין ניטאָ איבער וואָס מער צו ריידן, און ווען מען נאָך אין מויל אַרײַנצונעמען..."

און ווײַל יעדער מאָמענט איז אַזוי שאַרף כאַראַקטעריזירט — ביז צום עצם, אויפגעשניטן ביז צום ביין — מערקט איר גאָר ניט אַז די צענדליקער אויפגעכאַפּטע מאָמענטן זײַנען אין תוך איבערחזרונגען; זיי חזרן איבער דעם אײַנדרוק פון אַ שאַפּ אין ווילליאַמסבורג, כדי דעם אײַנדרוק צו פאַר־שטאַרקן; וואָס בײַ אַנדערע וואָלטן זיי אָפּגעגעבן מיט צעצויגנקייט — בײַ בימקאָן זײַנען זיי ווי געיאָגט אויף אַ דריי־בינע. אײדער דער צו־

שויער־צוהערער קוקט זיך אַרום, איז ער שוין אויך אַריינגעדרייט — מיט דעם רעזולטאַט, אַז דאָס קלענסטע פּאַסירונגל דערלאַנגט זיך מיט פילפאַכן עפעקט. די בינע איז ווי דינאַמיטיזירט. אָט איז אַ מאָמענט פון שווייגן, וואָס פון דער בינע וואָלט זי געשריען עד לב השמים. — זיי האָבן אויפגעוועקט דעם בעל הבית און זיי האָבן שוין אויסגעהערט פון אים דעם טרוקענעם הארטן גזר : — וועט די שאַפּקע ניט אַרויסגיין מער אויפמאַכן — זי ווערט מגולגל אין אַ גרויסן שאָף ...

„זיינוול, פּיווּל, דזשעק און די אַנדערע האָבן זיך ערשט געגומעץ אומבויגן יענער צו דעם, דער צו יענעם ... זיי זיינען אַזוי געשטאַנען פּונקט ווי ס'פאַלט פאַר איינעם אַראָפּ אַ שטיק געזימס פון אַ וואַנט, און האַרט צו די פיס, וואָס מיט אַ האָר, אַ קוק, אַ ווענד מיטן אויג — האָט ער אייך געקענט פאַלן איבערן קאָפּ, און ס'זאָל ניט בלייבן קיין שריד ופליט פון געביין. עפּעס האָט זיך דאָ אויפגעהויבן פאַר זיי, אַ ווינט — זיך אַ דריי געטאָן פאַר די אויגן ווי אַ רעדל, ווי ער דרייט זיך אַמאָל צונויף אויפן וועג, בלייבט אַריינגעקלעמט פון אַרום און אַרום, און שטעלט זיך אויף ווי אַ שטאַרץ צום הימל, פון גאַרנישט ; ס'איז זיך עפּעס צעפאַלן : אַ הויז, אַ געהייז, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דורך יאָרן און מיט גרויס מסירת נפש ...״

דער לעצטער זאַץ וועגן ווינט בעט איך זאָל בימקאָן נאָך אַמאָל צופירן צו אַפּאַטאַשון. אין ענלעכקייט אין סטיל, אין קורצן, אָפּגעהאַקטן ריטם, וואָס טראָגט זיך דאָך מיט פאַרגעזעצטן אימפּעט.

ביי ביידן איז עס אַ באַוועגונג ניט אין רוים, נאָר אין צייט. עס געשעעט. ניט זיי באַשרייבן, נאָר דערציילן. אַ זאַץ איז אַ מיניאַטור־דערציילונג. — בימקאָ איז נאָך־מלחמהדיקער פון אַפּאַטאַשון. ביידע שרייבן געשפּרעך־סטיל, הייבן פלאַסטן פון פויליש־יידישן דיאַלעקט־לשון.

בימקאָ איז אַפּאַטאַשו ביי דער ערד, ביי די גראָזן און וואָרצלען. רייסט ער גאַנצע קלאַמבעס, גאַנצע שטיקער פאָלקסלשון, מיט די אָפּגעריסענע וואָרצלען, און שטיקערווייז שרייבט ער — ביין, שטיקערווייז רעדט ער — די שטיקער באַקומען ביי אים צונג. יאָ, אַנדערש פון אַפּאַטאַשון, וועלכער שרייבט מיט אַ פּאָלירטער פּען, לאָזט בימקאָ די צונג רעדן. ווייל ער דאַרף עס דאָך אַריינרעדן אין מויל פון אַ שוישפּילער אויף דער בינע. און עס אַרט אים ניט פאַר די נאָכהענגנדיקע אָפּגעריסענע וואָרצלען, פאַר די ניט פאַרענדיקטע זאַצן, וואָס פאַלן מאַנכעסמאָל פון זיין צונג. אַזוי ווי דאָס פאָלק רעדט, אַזוי ווי ער, בימקאָ, אַליין רעדט. ווייל סיי ביים פאָלק און סיי אויף דער בינע, ווען אַ זאַץ ווערט ניט פאַרענדיקט, וועט די סיטואַ־

ציע, דער זשעסט, די גרימאַסע שוין אַרויסגעבן דעם פולן מיין. און עס אַרט אים ניט גאָר אַפּט פאַר דעם ווילד־גראַז — ווי אין דעם זאַץ, וואָס איך האָב אויבן געבראַכט, ווי דער אַרבעטער „בענטשט נאָכן עסן": אַ קניפּ דעם ווייב אין... מיט גרויס מתיקות. פאַראַן נאָך האַרבערע, זאַלץ־און פעפערדיקערע ביסנס פון פאָלקס־לשון, וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם מענטשנס אונטער־חלקים. דאָס פאָלק שלינגט זיי מיט גרויס הנאה, קאָן עס אויך בימקאָ פאַרדייען. — ניין בימקאָ איז אין אַפּאַטאַשוס קלאַס פון קאָמפּאָזיציע פאַר די מיידלעך פון סעמינאַר ניט געגאַנגען...

האָבן מיר זיך באַקענט מיט דעם שטאָף, פון וועלכן בימקאָ קנעט זיין דראַמע; מיט זיין פּאָעטיש־דראַמאַטורגישן מאַנער, וואָס עסט אַרויס די עסענץ פון יעדן מאָמענט און איבערזעצט זי גלייך אין גראַזיק וואָרצל־דיקן דיאַלאָג. ער האָט אויפגעשטעלט די סיטואַציע און איינגעשטעלט זיינע מענטשן אין איר. קאָנען מיר מיטפאָרן מיט זיין דראַמע מיט אַ שנעלערן טעמפּ.

איך נוץ נאָך אַלץ די ערשטע דערציילונג אויף צו באַקענען זיך מיט בימקאָס דראַמאַטורגישן דערציילונגס־מעטאָד — די סצענע ווערט אַריבער־געטראָגן אין בייעם גרויסן שאַפּ.

ביז אַהער איז אַלץ געווען מאַסע — „זיינוול, פּיוול, דזשעק און די אַנדערע" — איצט איז מער מאַסע, אָבער עס נעמען זיך שוין אויסטיילן פאַרשוינען: — דער פאָרמאַן, אַ דאַר מענטשל, מיט אַ פאַרשאַרפט טרוקן נעזל; עליע רבילע, אין אַ נייער געשטאַלט — ער לערנט זיך דעם שטאַט פון בעל הבית ביים פאָרמאַן און זיצט פאַרשפּאַרט הינטער אַ טאָוועלנער וועגטל מיט „אַ שטיקל מיידלטשינע, נאָך מיט דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן, וואָס זי מיט איר אידלקייט, דינקייט, פאַרשפּיצטקייט און פישטשן ווי אַ פייגעלע איז גאָר דער קאָפּ פון שאָפּ".

אויף די אַרבעטער ציטערט די הויט; זיי ווייסן, אַז נאָך צוויי וואָכן וועט אַ דריטל פון זיי אַרויספאַלן. אָבער אונדזערע יידעלעך — „זיי זיינען דאָך מיטגעקומען מיטן שאָפּ, און אויף זיי איז דאָך גאָרנישט, על פּי שולחן צוריק." — אָבער דער פאָרמאַן — „זאָל ער כאַטש אויף איין שעה גיין ניט אַנגערעדט אַזויפיל גוטס אויף זיי צום פאָרמאַן? — „אַז ער האָט מיט זיי אָנגעהויבן, מיט די יידעלעך, נאָך מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק." — אָבער דערפאָרמאַן — „זאָל ער כאַטש אויף איין שעה גיין אין גאָטס דר'ערד אַריין — זיצט ביים גרינגעדעקטן טישל, ווי — אַ הונט אויף דער קייט, — ווי ער וואָלט מיט קיינעם קיין מגע ומשא ניט געוואָלט האָבן, און קריכט דאָך אומעטום אַדורך מיט די ביסטרע אויגעלעך זיינע;

שאַצט אָפּ, וועגט און מעסט אָפּ מיט גרויס פאַרשטענדניש יעדנס טאָן, עסט זיך איין אין יעדנס ביס און צעפיר מיט די הענט״ — און פלוצלונג וואַקסט ער אויס הינטער זייערע פּלייצעס, און אַז יענע הייבן אויף די קעפּ מעסט ער זיי אָפּ מיט די צווייטע ביסטרע אייגעלעך:

— ווי אַזוי נייט איר דאָ עפּעס? אין וויליאַמסבורג איז געווען אַזאַ מאָדע?

— דער באַס זאָל, אַפּנים, האָבן געמאַכט אַ שלל מיט גאָלד פון זייער קראַצן זיך, — חכמהן זיך די יונגע אַרבעטער אויף זייער חשבון.

דער פאַרמאַן, וועלכער איז געשטעלט געוואָרן דערויף צו לערנען באַסישן שטאַט עליע רעבילן, האָט אין אים געגומען אַריינקנעלן, אַז ער טאָר זיי ניט האָבן אין שאָפּ, ווייל זיי בינדן אים די הענט מיט די פיס, לאָזן אים דעם קאָפּ ניט אויפהייבן... אַרבעטאָרער טאָרן בכלל ניט זען אַזעלכע קריכערס... — ביז ער האָט געפּועלט. נאָך די צוויי וואָכן האָט מען זיי משלח געווען. האָבן זיי זיך געוואָרפן צום „פּראָנט״, צו דער טאָוועלנער מחיצה. „האָט דער פּראָנט אַרויסגעשטעלט דאָס מיידל — מיט די דינע, אויסגעצויגענע, רויטע, געמאַכטע ליפּעלעך, באַחנטע בעקלעך, זי האָט אויפגעמאַכט מויל און אויערן; — ווער איז דאָס עליע רבילע? אַז זי ווייסט גאַרניט פון אַ מענטשן מיט אַזאַ נאָמען אין שאָפּ — ביז דאָס איז ענדלעך אַריין אין דעם גאָלדענעם קעפּל אירן, און אַזוי געלאַסן, מילד — מיט אַלע טויזנט חנען וואָס ביי די מיידלעך, זיי געגעבן צו פאַרשטיין:

אַז איר באַס איז אַ ביזי מענטש און ס׳איז אים זייער שווער צו כאַפּן...

און דאָס איז געווען דער סוף פון די „וויליאַמסבורגער יידלעך״.

וואָס האָט דער אַנאַליז פון דער אַריינפּיר־סצענע אונדז געגעבן? איך האָב בכיוון אַזוי לאַנג זיך פאַרהאַלטן אויף אָט דער סצענע כדי צו ווייזן די גרויסע פּעולה פון בימקאָס פּאָעטיש־דראַמאַטישן מעטאָד. קיין „פּאַבולע״, קיין מעשה אין געוויינטלעכן זין פון וואָרט, עס געשעט גאָרניט, וואָס ס׳זאָל קאָנען דערציילט ווערן, איז דאָך דאָ ניטאָ. געשילדערט ווערט אָן איינפּאַכער, מעכאַנישער, אומפּאַרמיידלעכער פּראָצעס — דער איבערגאַנג פון שאַפּקע צו שאָפּ, וואָס איז דיקטירט פון אָביעקטיווע באַדינגונגען, אָבער אָט דער איינפּאַכער פּראָצעס איז אינסצענירט־פאַרלעבעדיקט דורך די מענטשן, וואָס זיינען אַריינגעצויגן אין פּראָצעס. און פון „גאָרנישט געשען״ ווערט אַ גרויס מענטשלעך געשעעניש — דער אונטערגאַנג פון די „וויליאַמסבורגער יידלעך״.

קאָן איך מיר שוין פאַרשפּאָרן אַ גענוירען אַנאַליז פון דער ווייטערער

אינסצענירונג. ער נוצט זיין מעטאָד מיט אַלץ טיכטיקערן עפעקט. ער ברויכט שוין ניט אַזויפיל סצענקעלעך — די סיטואַציע איז שוין איינגע־שטעלט און רעדט פאַר זיך. אין דער צווייטער סצענע — די צווייטע דער־ציילונג פון 1929 — „דער זייגער און זיין מערכה" ווערט דער מעכאַני־זירונגס־פּראָצעס פאַרגעזעצט. אַ נייער פאָרמאַן — כמעט אַ ייִנגל — אַ קלוג־גיטשקער — אַ „סמאַרט גאַי". ער וויל זיך ניט איינרייסן מיט די אַרבע־טער, מיט דער יוניאַן און דאַך אַרויסקריגן מער אַרבעט. פאַלט אים איין אַ סטראַטעגישער קונץ: ער שטעלט אַוועק ביי דער טיר אַ גרויסן — אַ זייגער, וואָס קלאַפּט אָפּ מיט אַ הויכן קלונג די מינוט, ווען דער אַרבעטער קומט אַריין. פאַרשפּעטיקט ער זיך אויף אַ מינוט, אויף אַ האַלבער מינוט, ווערט עס אַראָפּגערעכנט ביז אַ פּעני. אַט די פאַרקריפּלונג פון זייערע פּעני־ענוועלאָפּס אויף אַ פּעני באַליידיקט די אַרבעטער ביז צו די וואָרצלען פון זייערע האָר. אַזוי מעכאַניזירן זיי וועלן זיי זיך ניט לאָזן! וואָס זיינען זיי קיין מענטשן ניט? צו אַ גרויסן וועלן זיי זיך בוקן — נוצן זיי סטראַטעגיע קעגן סטראַטעגיע; די אַרבעט ברענט, און זייערע הענט גייען פּאַוואָליע. גייט דער „סמאַרט גאַי" איין אויף אַ פּשרה. ער וועט זיי דערלויבן צו פאַר־שפּעטיקן אויף אַ גאַנץ פערטל שעה דורך דער וואָך — דערפאַר אָבער ווען די אַרבעט ברענט, זאָלן זייערע הענט מיטברענגען. די אַרבעטער טריאומ־פירן, דער גרויסן קלינגט נאָך אַלץ, אָבער זיי לאַכן פון אים: ניט קיין זייגער, נאָר אַ פּגר!

אין דער דריטער דערציילונג פון 1931 — „דער טאַטע, דעם טאַטנס קינדער אין די יוניעס שאָפּ" — פירט בימקאַ אַרויף אויף דער בינע אַ קאָמישן פּאַרשוין. בייע באַסעס — די צוויי יונגע זין פון אַן אַלטן טאַטן, וועלכער האָט כמעט אַ יאָרהונדערט אָפּגעאַרבעט ווי אַ קלאָוקמאַכער און אַרויפגעאַרבעט זיינע צוויי זין. איז דער טאַטע דאָ אַן אַרבעטער, וואָס רייסט זיך צו דער מאַשין, וואָס די אַרבעטער מיט דעם כּוח פון דער יוניע לאָזן אים ניט דערצו — באַסעס טאָרן ניט אַוועקרויבן אַרבעט ביי אַרבע־טער. און דאָ מעשה באָס נעמט ער קאָמאַנדעווען, בראַקירן — ער איז דאָך אַ מבין אויף אַרבעט! — און שטערט דעם פאָרמאַן. גייט ער אַרום אַ צע־מישטער. דער אַלטער טאַטע ווערט כמעט אַן עובר בטל. רעכענען זיך די אַרבעטער אָפּ מיט אים. אין דער מיטאָק־שעה, ווען דער אַלטער איז אין זיין אַרבעטער־שטימונג נאַרן זיי אים אַריין אין אַ שפּיל פון פּאַטשע־ניש. ער זאָל טרעפן, ווער עס איז דער פּאַטשער געווען. טאָמער ניט, לייג זיך נאָך אַמאָל. האָט מען אים אָנגעפּאַטשט אַזוי, אַז זיינע הענט זיינען אויפגעלאָפן ווי פּענכערס. און מען „פאַרבעט" די זין זיי זאָלן זיך

אָנגענומען פאַרן טאַטן. ווערן זיי אַזוי פאַרשעמט, אַז זיי פאַרווערן אים צו קומען אין שאָפּ אַריין. לויפט דער אַלטער, אַן אויסגעפּאַטשטער צו דער יוניע זיך צו פאַרשרייבן אַלס מיטגליד.

דאָ, אין דער דערציילונג, פאַרלאָזט זיך בימקאָ ניט אויף דער איינ־סצעניזירונג אַליין. ער ווערט באַוואוסטזיניק וועגן דעם וואָס ער טוט. ער שטעלט זיך מן הצד און דערקלערט די פּסיכאָלאָגיע פון דעם אַלטן. אַזוי ווי אַ קאָמישער פאַרשוין איז זייער וויכטיק פאַר אַ דראַמע, ווערט בימקאָ פון אַ דראַמאַטורג אַ רעזשיסאָר און גיט צו פאַרשטיין די אַקטיאָרן ווי צו פאַרשטיין דעם טיפּ.

דער ערשטער אַקט איז געענדיקט. מענטשן, וואָס קענען דעם אַר־בעטער־עולם — די מאַסע — פון דערוויייטנס, און האָבן קיינמאָל ניט מיט־געלעבט מיט איר — האָבן דאָ שטאַרק פאַריבל אויף בימקאָן. סטייטש, אַזאַ אויסגעפּוצט יום־טובדיק אויסזען פון בוך און אַזאַ ניט אויסגעפּוצט, אַזאַ וואָכעדיק אויסזען האָבן די מענטשן אין בוך! אַט אַזוי זיינען די אַרבעטער? נאָר פרנסה און דאָס ביסעלע אכילה ליגט זיי אין זינען? און וואו זיינען זייערע העכערע אינטערעסן, זייערע אידייען? זיינען גאָר קיין סאָציאַליסטן צווישן זיי ניטאָ? האָט דען ניט דער סאָציאַליזם פאַר זיי אויפגעבויט די יוניע, וואָס גיט זיי כוח איבערן באַס און פאָרמאַן? און דאָ קומען זיי און דערקלערן, אַז דאָס וואָס בימקאָ טוט, איז האַרטער, האַמעטנער, ברוטאַלער, אכזריותדיקער נאַטוראַליזם, און דאָ לערנען זיי אים די לעקציע, אַז אפילו דאָס אַליין זאָל אמת זיין, אָבער קונסט דאַרף ניט יוצא זיין מיט געבן דאָס לעבן ווי עס איז, נאָר ווי עס קען זיין...

איז ערשטנס, פרנסה און אכילה זיינען די גרונט־אינטערעסן פון פאָלקס־מענטשן. 99 פּראָצענט פון דער מאַסע זיינען פאַרנומען דערמיט. בלויז אַ קליין טיילכעלע זיינען פאַרנומען מיט אידייען, מיט סאָציאַליזם, ציוניזם און ליטעראַטור. נאָר די, וואָס זעען דעם עולם פון דער וויטנס, ווייסן עס ניט. און נאָר די, וואָס זיינען אַליין פאַרזאָרגט מיט פרנסה און אכילה, קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף דעם דאָזיקן ענין. אָבער די, וואָס האָבן אַליין מיטגעלעבט און מיטגעמאַטערט זיך און מיטגעקרענקט מיטן עולם, ווייסן שוין גאָר גוט, וואָס פאַר אַ גרויסער ענין דאָס איז פרנסה און אכילה.

צווייטנס, שרייבט דאָך בימקאָ אַ דראַמע, מעשה דראַמאַטורג האָט ער אויסגעטיילט איר פּראָבלעם — דאָס פרנסה־אכילה פּראָבלעם, און קאָנ־צענטרירט זיך אויף דעם. מעגלעך, ניין, ניט נאָר מעגלעך, נאָר זיכער אַזוי, אַז אַ צאָל מענטשן פון בוך, האָבן געהערט און ווייסן וועגן סאָציאַ־

ליזם און ציוניזם. זיי לייענען אַלע יידישע צייטונגען. און לייענען מסתמא, ווען ניט ווען אַ ליטעראַטור בוך. און קוקן אַפילו אַריין אין אַ ספר. אַט נוצן זיי אַ סך לשון־קודשדיקע ווערטלעך. און האַלטן שבת און יום־טובים. און גייען אויף חתונות און בריתן. אָבער בימקאַ דאַרף דאָס אַלץ ניט אין זיין דראַמע, ער האָט איסגעטיילט און אויסגעשיילט זיין טעמע.

די אַנדערע פּרעגעניש ווערן שפּעטער פון זיך אַליין זיך פּאַרענט־פערן, נאָכדעם ווי מיר וועלן פּאַרטיק ווערן מיט דער דראַמע. — פון דעם מיטלסטן אַקט — די צוויי דערציילונגען פון 1936 — „אויף צום ערשטן מאַי!" און „קאַרל מאַרקס אויף דער אַנדער זייט" — וועלן די גוטע און פרומע לייט נאָך שטאַרקער זיך ערגערן. בימקאַ מאַכט אַ תכלית פון 50 יאָר סאָציאַליזם. יאָ, דער סאָציאַליזם האָט אויפגעבויט די יוניאָנס, אָבער די יוניאָנס האַלטן זיך שוין מיט דעם אייגענעם כוח. זיי דאַרפן שוין ניט קיין סאָציאַליזם דערצו. וואָס איז געבליבן פון סאָציאַליזם — איז בלויז אַ פּאַרמאַליטעט. דער רוף צום ערשטן מאַי, און דער רוף איז אויך אונטער אַ גרויסן חשד. — די אַרבעטער זיינען יוניאַן־לייט, זיי זיינען צוגעשריבן צו אַ שאַפּ. אָבער וואָס העלפט עס? די יוניזירטע שאַפּ־אַרבעטער גייען אַרום חדשים אָן אַרבעט, וואָרים די אַרבעט גייט אַוועק צו די איטאַליענישע ווייבער. און דעריין האָט די יוניאַן און דער באָס אַ שטילן יד אחת. ער דאַרף זיי העלפן אַריינקריגן די איטאַליענישע ווייבער זיי זאָלן צאָלן דיוס אין דער יוניאַן. וועט זי אים אָפדינען מיט טובות, פּאַרקוקן. — ענדלעך, נאָך 9 חדשים ניט אַרבעטן מאַכט זיך אַביסל אַרבעט אין שאַפּ — קורץ פאַרן ערשטן מאַי. און דער ביזנעס־אַגענט לאָזט זיי וויסן, אַז די יוניאַן וויל זיי זאָלן מאַרשירן — אַניט וועלן זיי שטראָפירט ווערן. בלויז איין אַלטער אַרבעטער — אַ משה, וועלכער געדענקט נאָך באַראָנדעסן פון 1894, גייט מאַרשירן. אָבער בערל, דיזו, ישראל און די אַנדערע — פון איין טיר זיינען זיי אַרויס און דורך אַ הינטער־טיר זיינען זיי אַריין. אָבער דער ביזנעס־אַגענט האָט אַן אויג אויף זיי; זיי ווערן גערופן אין דער יוניאַן און שטראָפירט מיט פינפערלעך — די פינפערלעך, וואָס זייערע ווייבער האָבן אַזוי נייטיק געדאַרפט פאַרן גראָסערי מאַן...

קאָמענטירן די אַרבעטער דערויף: — סיי (ס'איז) ניט מער ווי די פינפערלעך, וואָס די יוניאַן וויל אַרויסקריגן. — דערפאַר ברענט ער אַזוי, וואָס ער האָט אַזוי וויניק העכט אַריינגעכאַפּט — ווי וויניק, וואָלט ער זיך געוואונטשן אַלע חודש צו האָבן אַן ערשטן מאַי...

אַ פּאַסקודנע יוניאָן! אָבער די אַרבעטער זיינען נאָך מער פּאַס־קודנע. — ענדלעך האָט בימקאַ געפּאַקט זיין הויפּט העלד, „קאַרל מאַרקס

אויף דער אַנדער זייט" איז כמעט אַ מאָנאָלאָג פון דעם הויפּט העלד בעני. ער לייגט דאָס לעבן פאַר די אַרבעטער פון זיין שאַפּ, אָבער איטלעך מאָל ווען ער קומט עפּעס מאָנען פון זיי אין נאָמען פון אַרבעטער יושר, האָבן זיי קיין אַנדער צונאָמען ניט פאַר אים ווי „קאַרל מאַרקס": — „קאַרל מאַרקס האָט שוין עפּעס געהערט! קאַרל מאַרקס האָט שוין עפּעס געזען! קאַרל מאַרקס האָט שוין עפּעס אָנגעקריגן". — אַן אַרבעטער פון שאַפּ בעט מען זאָל אים אונטערשרייבן אַ הלוואה אויף 100 דאָלער. קיין אַרבעטער רופט זיך ניט אַרויס — דער באָס טוט עס. ברענט בעני — דער באָס וועט דאָך מסתמא זיך גוטמאַכן דעם הונדערטער כפל כפלים אויפן חשבון פון שאַפּ. אַ צווייטער אַרבעטער פון שאַפּ ווערט געליימט אויף די הענט. ברענגט אים דאָס ווייב צופירן. דער באָס הייסט אָפּשטעלן דעם מאָטאָר. ער שלאָגט פאָר: צאָלן דעם געליימטן אַ העלפט פון די ווידזשעס. אַ פערטל וועט ער געבן, דעם צווייטן פערטל זאָלן די אַרבעטער דערלייגן דורך וועכנטלעכע דיימס. אָבער דער טשערמאַן פון שאַפּ, דער פּרעזידענט פון „פרענדס פאַרעווער", וויל דערפון ניט הערן — ער לאָזט דעם מאָטאָר ווידער אין גאַנג. ווערט אַ געשלעג צווישן בענין און דעם טשערמאַן. בעני שטעלט אָפּ דעם מאָטאָר און דער טשערמאַן עפנט אים ווידער — ביז בעני צעבלוטיקט דעם „פריינט פאַרעווער" און לאָזט אים אַ האַלב-טויטן. און ער פאַרשווערט זיך קיינמאָל מער אין שאַפּ אַריינצוקומען, כדי ניט אָנצוקוקן די טרייפענע פנימער פון די אַרבעטער...

איינמאָל געפּאַקט זיין הויפּט-העלד, לאָזט בימקאָ אים שוין ניט אָפּ. און אין שלוס אַקט — „דער באָס, די יוניע און די אַרבעטאָרער ווי איין שטיק" — פון 1938 — האָט ער אים ווידער אונטערן נאָמען בער. אין די שעפּער איז נאָך ערגער געוואָרן. די שעפּער ווערן אַריבערגעטראָגן צו די שיקסעס אין ניו-דזשוירזי. און די יוניאָן, איר אַרט ניט. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פון די שיקסעס איז נאָך לייכטער צו קאָלעקטירן דיוס — מיט דער הילף פון די באָסעס. און זי וועט דאָך ניט גיין דיסקרי-מינירן קעגן שיקסעס צוליב יידן!... איז לאַ-די וואָס פון די שעפּער בלייבן אין ניו-יאָרק בלויז די שויפענצטער, און אַרבעט פעלט — איז בערן נאָך ערגער דערמיט, וואָס צוליב זיין קהלן זיך מיט סאָציאַליזם, האָט ער זיך פאַרשפּעטיקט מיט די קינדער. אַנדערע אַרבעטער אין זיינע יאָרן האָבן שוין קינדער, וואָס שטיצן אין הויז; ער מוז אויפהאַלטן קינדער אין די סקולס. עס געלינגט אים דאָך אַריינצוקריגן זיך אין אַ שאַפּ, וואו אַלע קענען אים. ער האָט יעדן איינעם פון זיי אַ טובה געטאָן — ביי אַ חתונה, ביי אַ לוויה, ביי אַ קראַנקייט. אָבער אַנשטאָט צו דערפרייען זיך מיט

אים, דערקלערט גאָר דער שאַפּ קעגן אים אַ סטרייק. עס פעלט זיי אַליין אַרבעט. ער איז אַ פּרעמדער, ער געהערט ניט צום שאַפּ. אייגענע זיינען בילכער. דער באָס מוז אים משלח זיין. שאַפּ־אַרבעטער סטרייקן — סקעבן קעגן אייגענעם ברודער אַרבעטער! באָס, יוניאָן, אַרבעטער — איין שוואַרץ יאָר!

און דאָס איז דער פינאַל. דער סך הכל פון 50 יאָר אַרבעטער־באַוועגונג. מען וועט זיך אָנכאַפּן פאַרן קאָפּ. די, וואָס פירן ביי אונדז מיט דער פען, זיינען דאָך געוואוינט צום גרעסטן דרך ארץ צו יוניאָנס און יוניאָן־לידערס. דאָס איז דאָך דער פונדאַמענט פון אונדזער גאַנצער לעבנס־אָרדענונג. איצט וואָס וועט אונדז בלייבן?

מען מוז מודה זיין, אַז פון דעם צווייטן אַקט אָן ווערט בימקאָ אַלץ מער צד קעגן דער יוניאָן און יוניאָן־לידערס. אין די דריי דערציילונגען פון ערשטן אַקט איז ניטאָ אַזאַ אויסגעשפּראָכענע שנאה צו דער יוניאָן. אָבער קענטיק, אַז די אַלע עסקים מיט דער יוניאָן האָט ער אַליין מיטגעמאַכט און דורכגעמאַכט. און ער ווערט אַלץ מער נוגע בדבר. פאַרקאָכט אין זיין שנאה צו דער יוניאָן, ווערט ער אַלץ באַוואוסטזיניק־אַגיטאַטאָרישער, פאַרגעסט אָפּטמאָל אָן זיין ראָלע פון דראַמאַטורג און מישט זיך אַריין ווי אַן אַגיטאַטאָר. אין דעם „קאַרל מאַרקס" מאָנאָלאָג ווייס מען אָפּט ניט ווער עס רעדט — קאַרל מאַרקס" צי בימקאָ. אָבער פון דער אַנדער זייט איז דאָך ניט צו לייקענען, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ קלאַס פון אומצופרידענע צווישן אַרבעטער. עס איז פאַראַן אַזאַ וויכטיקער ענין ווי פרנסה, וואָס מיר „בורזשויען", וואָס קוקן פון אויבן אַראָפּ, פאַרקוקן עס. אָבער אַרבעטלאָזע אַרבעטער מעגן צופרידן זיין, בימקאָ רעדט פון זייערטוועגן. צווישן זיי זוכט ער זיך אויס זיין הויפּט־העלד — אַ סאָציאַליסט, וואָס איז אַרויסגעזעצט געוואָרן פון שאַפּ און פון דער יוניאָן.

און ניט צו פאַרגעסן איז אויך, אַז בימקאָ שרייבט אַ דראַמע — ער האָט אינסצענירט אַ מעכאַנישן פּראָצעס. דאָס אַרויספאַלן פון יידישע אַרבעטער, בפרט פון די עלטערע יידישע אַרבעטער, געהערט אויך צום פּראָצעס, און ער האָט מעשה דראַמאַטורג זיך אַרויסגעשיילט אַ טעמע — די מענטשלעכע זייט פון פּראָצעס — צו דראַמאַטיזירן די מענטשלעכע לײדן, וואָס באַגלייטן דעם פּראָצעס. אַז זיי זיינען מענטשן, יידן, וואָס אַ חוץ פרנסה האָבן זיי נאָך אַנדערע אינטערעסן — איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. עס איז ניט אמת, אַז פון די דערציילונגען שטעלט זיך אָפּ דער איינדרוק פון האַמעטנער גייסטלאָזיקייט. פאַרקערט, די מענטשן זיינען מענטשלעךרירנדיק. עס איז ניט בלויז אַ צער בעלי חיים אויף זיי, נאָר עס איז אַ

גרויסער רחמנות דערצו. עס איז אַ דראַמע, דאָס האַרץ זאָל פּלאַצן. ווען אויפֿן סמך פֿון די דערציילונגען וועט אויפֿגעבויט ווערן די דראַמע, וועט עס זיין אַ טראַגעדיע. און דעמאָלט וועט בימקאָ זיך קאָנען פֿאַרגינען צו שטעלן זיך מן הצד — אויפֿהערן צו זיין אַ נוגע בדבר און לאָזן זיין הויפּט־העלד בעני־בערן באַשטיין פֿאַר זיך אַליין.

אויב מען האָט זיך געערגערט וועגן די זעקס דערציילונגען פֿון בוך, וואָס האָבן פֿאַר זייער הויפּט־טעמע פּרנסה — וועט נאָך מער ענערגיש פֿאַרשאַפֿן די לעצטע דערציילונג פֿון בוך, וואָס איז כמעט אַזוי גרויס, ווי די זעקס דערציילונגען צוזאַמענגענומען — „איסט־סייד" — אָט די זעלביקע אַלטע, באַיאָרנטע איסט־סייד, וואָס מיר, וואָס קוקן פֿון אויבן אַראָפּ, האָבן זי שוין לאַנג פֿאַרלאָזן. אָבער דאָס רוב מנין און בנין פֿון דער פֿאָלקס־מאַסע איז נאָך אַלץ געבליבן שטעקן אין איר. אויב דאָרט האָט דעם אויבן־אָן פֿאַרנומען פּרנסה מיט אַביסעלע אכילה, פֿאַרנעמט דאָ דעם אויבן־אָן אכילה מיט אַביסעלע פּרנסה. אויב דעם נאַטוראַליזם פֿון די פּרנסה־דערציילונגען האָבן די אַראָפּקוקער אָנגערופֿן אכזריותדיק, וועלן זיי דעם נאַטוראַליזם פֿון דער „איסט־סייד" אָנרופֿן מגושמדיק, און עס וועט זיין פּונקט אַזוי פֿאַלש — אין זייערע אויגן וועט אויסקומען, אַז בימקאָ האָט איסט־סייד פֿאַרוואַנדלט אין איין שטיק פּרעסאַרניע — און דאָס וועט זיין פֿאַלש געזען. עס איז גאָר קיין נאַטוראַליזם ניט — עס איז אַ שאַרזש, אַ קאָמעדיע־גראָטעסק — וואָס גייט צוזאַמען מיט אַ קאָמעדיע־דראַמע — אַ טראַגי־קאָמעדיע.

איך האָב ווייניק פּלאַץ צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַ גענויען אַנאַליז פֿון דער „איסט־סייד". און עס איז אויך ניט נויטיק. גענוג צו זאָגן, אַז ער האָט דאָ אָנגעווענדט דעם זעלבן פּאָעטיש־דראַמאַטורגישן מעטאָד, וואָס אין זיינע פּרנסה־דערציילונגען. געשריבן אין זעלביקן יאָר, —1938 — ווען ער האָט פֿאַרענדיקט די שלוס־דערציילונג פֿון דער ערשטער דראַמע — „דער באָס, די יוניע און די אַרבעטאָרער ווי פֿון איין שטיק" — איז ער אין זיין מעטאָד נאָך דרייסטער. ניט נאָר איז עס טעקסט פֿאַר אַ טראַגי־קאָמעדיע, נאָר אַ סצענאַריאַ — מיט אַ צענדליק געשטאַלטן, כאַראַקטעריזירט מיט זייערע פּנימער. — מעשה דראַמאַטורג האָט ער זיך אויסגעשיילט אַ טעמע פֿאַר אינסצענירונג; עסן! — און מעשה פּאָעט, וואָס שפּירט עסענצן, וואַריאירט ער די עסענץ פֿון עסן אויף אַלערליי אופֿנים. ווי אַ פּאָעט קאָן שרייבן צוואַנציק וואַריאַציעס אויף איין טעמע, ביז ער קומט צו דער ענדגילטיקער פֿאָרם פֿון ליד. איך האָב מורא געהאַט צו ציילן, בימקאָ האָט אפֿשר דאָ אַ 50 אינסצענירונגען אויף עסן: מען עסט אין

די קיכן און מען עסט אין די רעסטאָראַנען. און ער קוקט אַריין מיט הנאה אין די „רעפרידזשערייטאָרס", וויפיל מינים קעזן און פישן זיינען דאָרט צוגעגרייט. מענער, מיט מאָגנס און אָן מאָגנס, טוען זיך אָן אַ כוח און עסן. אַ יונגערמאַנטשיק שלינגט און פּאַסמאַקעוועט זיך. אַ יונג מיידל ברעקלט זיך און בייסט פּיצעלעך. און קינדער, וואָס ווילן שוין ניט עסן, ווערן געמאַכט צו שלינגען איבער געוואַלד. און איטלעך מאָל עסן איז אַ סעודה־סצענע פאַר זיך. — די וועלפיש־קעצישע פּרויען פון בימקאָס אַמאַליקע דערציילונגען זיינען דאָ אויף אַ רפואה ניטאָ. נאָר דאָ זיינען מאַמעס, וואָס זייער מסירת נפש פאַר קינדער האָט דעגענערירט אין דער מידה פון שטאָפּן און איבערשטאָפּן די קליינע קינדער מיט מילכן און פּרוכטן און פאַרגיסן עס מיט לויזע אייעלעך...

מיינט טאַקע בימקאָ ערנסט, אַז עס איז אַ סכּנה די איסט־סייד זאָל זיך ניט איבערפרעסן? ניין, עס איז אַ שאַרזש, אַ קאַריקאַטור, אַ קאַרטון. אַז זיין כּוונה איז צו שאַרזשירן איז צו זען דערפון, וואָס די דריי העלדישע פּרעסער הייסן ביי אים מר. פלאַכט, מר. פלעכט און מר. פליכט, וואָס אַלע דריי באַוואוינען זיי דעם פינפטן שטאָק פון אַ טענעמענט־הויז. די ערשטע צוויי האָבן זיך שוין אָנגעפרעסן געשווירן אין די מאָגנס. מר. פלעכט איז זיך מוסר נפש און לאָזט זיך שניידן דעם מאָגן און ווערט געזונט. מר. פלאַכט אויף אים קוקנדיק לאָזט זיך שניידן און שטאַרבט. און מר. פליכט פאַר שמחה, וואָס מר. פלעכט איז געזונט געוואָרן און כּדי צו ווייזן אים אַ ביישפּיל, ווי מען עסט, האָט ער אין אַ רומענישן רעסטאָראַן זיך אַזוי איבערגעגעסן מיט צען סאָרטן פליישן, אַז אַ פרישער און אַ געזונ־טער פאַרן שלאָפן גיין, איז ער אויף מאָרגן שוין ניט אויפגעשטאַנען — אַז עס איז שאַרזש, איז נאָך צו זען דערפון, וואָס די וואָס דאַרפן גיין אונ־טערן מעסער, האָבן מורא, אַז טאָמער חלילה שטאַרבן זיי, וועט מען ביי זיי צונעמען דעם רעליף. אפשר אַנטקעגן הונגער אין נאַצי־פּוילן זיינען די, וואָס לעבן דאָ אויף רעליף, גרויסע פרעסער. און ווען בימקאָ וואָלט אַריינגעקוקט אין די אַנדערע וואוינונגען פון זעלביקן טענעמענט־הויז, וואו זיינען דריי העלדן, וואָס האָבן אים געדינט פאַר קאַרטונס — פלאַכט, פלעכט און פליכט — וואוינען, וואָלט ער אַליין צוגעגעבן, אַז אויף רעליף עסט מען זיך ניט איבער...

אָבער צו וואָס האָט ער עס געדאַרפט? צו וואָס די שאַרזשירטע אי־בערטרייבונג? און וואו איז די דראַמע וואָס באַגלייט דעם שאַרזש? וואו איז די טראַגי־קאָמעדיע? — דער טראַגישער צענטער פון דער איסט־סייד איז דער „גאָווערניר האָספּיטאַל" — פאַר אַ יאָר אָדער צוויי האָט בימקאָ

דעם האָספּיטאַל דורכגעמאַכט. אַ טאָכטער איז אים געשניטן און צעשניטן געוואָרן — ניט צוליבן מאָגן. דאָרט האָט ער זיך אָנגעזעגן די „פּרעסער״, וואו זיי קומען זיך לאָזן שניידן — צום לעבן אָדער צום שטאַרבן. דאָרט קומען זיי וויינען מיט ביטערע טרערן, דאָרט ווערן זייערע הערצער געבראָכן. דאָרט ווערן זיי מענטשן. און דריי טריט פון האָספּיטאַל האַוועז זיי און שמייען און מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ זאָרגלאָז לעבן און לאָזן זיך „וואוילגיין״ אויף רעליף. אַ האַלבע יידישע וועלט הונגערט, און זיי דאָ קיין אַנדערע דאַגות האָבן זיי ניט, ווי אַריינצוכאַפּן דעם אָרימען ביסן. — פון זיין הויך־פּונקט, פון דאַך פון גאָווערניר האָספּיטאַל, זעט ער די איסט־סייד ווי אין אַ קרומען שפּיגל; ער זעט די יונגעלייט, די גראַדואירטע פון די הייסקולס און קאַלעדזשעס, וואָס דרייען זיך אויף די סיידוואָקס, אַרום די גאַראַזשן, אויסקוקנדיק אַ באַלוינונג מיט אַ סיגאַרעט פאַר אונטערשטופּן אַ קאַר. גליקלעך איז שוין דער יונגערמאַן, וואָס זיין פאָטער, דער שניידער, שטאַרבט אים און ער פאַרנעמט זיין דזשאַב אין שאַפּ. איך האָב יעדע מינוט דערוואַרט, אַז בימקאָ וועט זיך אָנשטויסן אויף די גענגס, וואָס פורעמען זיך אויף די סיידוואָקס און פון וועלכע זיי גראַדואירן אויף „לעפּקעס״.

און דאָס איז דער מוסר, וואָס ער זאָגט צו דער איסט־סייד פון זיין הייך־פּונקט אויפן גאָווערניר האָספּיטאַל. — פאַרוואָס פאַרזעסטו דיין אייגענע טראַגעדיע? פאַרוואָס זעסטו ניט, אַז דיין וואוילטיק, רחמנא לצלן, האָט פאַר אַ באַגלייטונג טויט און אומקום? — און די וואָס זיינען גרייט צו מוסרן בימקאָן, הלמאַי ער ווייזט די איסט־סייד אַזוי מגושמדיק, אַזוי פאַרטאָן אין דער אכילה — ביז זיי ווערן אָן זייער מענטשלעכן פּנים, פאַרזעען, אַז אין צענטער פון דער דערציילונג שטייט דער גאָווערניר האָספּיטאַל. אַוודאי ווייסט ער, אַז אויף דער איסט־סייד לייענט מען יידישע צייטונגען, און מען גייט אין שול אַריין און אויף סאָציאַליסטישע מיטינגען. אָבער פאַר דער טעמע פון זיין טראַגי־קאָמעדיע האָט ער אויסגעקליבן דאָס פּאַסקודעוועז מיטן ביסן, וואָס בייסט אַריין די ציין פון מלאך המוות אין זייער לייב און לעבן. — און אַזוי דאַרף מען קוקן אויף דער דערציילונג — ווי אויף אַ טעקסט פאַר אַ טראַגי־קאָמעדיע. זיינען דאָך זיינע צוויי בעסטע דראַמען — „מויערן״ און „מאַרכביינער״ — פאַנטאַסטישע טראַגי־קאָמעדיעס, אויסגעפירט אויף די פּאַסקודנע פאַקטן פון דער יידישער מלחמה־ווירקלעכקייט אין פּוילן.

און אַזוי דאַרף מען קוקן אויפן גאַנצן בוך ווי טעקסטן פאַר לכל־הפּחות — צוויי דראַמעס, — טעקסטן, וואָס אַ דראַמאַטורג גרייט צו פאַר זיך

איידער ער זעצט זיך זיי שרייבן. און אַמאָל לייענט ער אויך זיי פאַר פאַרן רעזשיסאָר, כדי אַריינצופירן אים אין די טיפן און צו לאָזן אים אָנטאַפּן די פּרוזשינעס פון זייערע האַנדלונגען.

ווען אַ דראַמאַטורג בויט אַ דראַמע פון די פּראָוויזאָרישע טעקסטן, מאַכט ער געוויינטלעך אַן אָפּקלייב פון זיין מאַטעריאַל, ער דאַרף אויסמיידן די ווידערהאָלונגען — די וואַריאַציעס אויפן זעלביקן מאָטיוו. זיי זיינען פּרואוו נאָך פּרואוו — אויף אויסצוגעפינען די ווירקזאַמסטע סצענעס, וואָס וועלן פירן צום שטאַרקסטן קלימאַקס. — און ביים איבערבויען אַ דערציילונגס־טעקסט אין אַ דראַמע דאַרף ער אויך אויסקעמען זיין שפּראַך פון די צו האַרבע־גראַזיק־וואַרצלדיקע פאָלקס־ווערטלעך — כדי דער אַקטיאָר זאָל קאָנען זיין שפּראַך רעדן און דער טעאַטער־עולם הערן און באַנעמען. כאָטש פאַר מאַנכע שאַרף־באַטעמטע ווערטלעך וועט אונדז, שרייבער, פאַרדריסן. מיר זיינען מקנא דעם פאָלק פאַר זיין פּריווילעגיע פון פרייקייט אין רעדן.

במילא איז שוין פאַרענטפערט דאָס פּרעגעניש, וואָס מען פרעגט: צי דאַרף די קונסט געבן דעם אמת ווי ער איז, אָדער דעם אמת ווי ער קאָן זיין? — אין בימקאָס פאַל איז דער אמת ווי ער קאָן זיין — די דראַמע־פאַנטאַזיע, וואָס ער שטעלט אויף אויף דעם אמת, ווי ער זעט אים דאַרף מען אים לאָזן זען און וויזן דעם גאַנצן אמת. ווען מען קוקט אויף „פאָלק" פונדערווייטנס, פון נאָבעלן אין־דער־הויך, זעט מען ניט דעם גאַנצן אמת, זעט מען אים ניט געגנוג, זעט מען אים פאַלש — און די פאַנטאַזיע, וואָס מען לאָזט אַנוואַקסן דערויף, איז אַ פאַלשע, פּרוכטלאָזע פאַנטאַזיע.

מיט איין וואָרט דער בעסטער קריטיקער פון בימקאָ דעם דערציילער וועט זיין בימקאָ דער דראַמאַטורג.

„המשך־זאַמלבוך", 1942.

2

פ. בימקאָ — דער דראַמאַטורג

צי עס איז אַ יובל־דאַטע צי ניט, פישל בימקאָ פאַרדינט מען זאָל אים משמח זיין מיט אַ יום־טוב.

אַ מחבר פון פיר בענד דערציילונגען און פון זיבן בענד דראַמעס (אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג צעשינסקי, שיקאַגאָ) און פון דריי נאָך ניט

געדרוקטע דראַמעס, איז פ. בימקאָ פריער פון אַלץ אַ דראַמאַטורג. אַפילו זיינע דערציילונגען זיינען טעקסטן פאַר דראַמעס. זיי זיינען דערציילעריש־אינסצענירטע קאָנפליקטן, די זעכצן דערציילונגען און די נאָוועלע „איסט־סייד" פון זיין לעצטן באַנד (אַרויס אין פאַרלאַג בימקאָ, 1941 ליגן זיך אויס פון זיך אַליין אין אַ דראַמע וועגן „שאַפּ" (דאַכט זיך, אַז דאָס איז זיין נאָך ניט געדרוקטע דראַמע „קאַרל מאַרקס אייניקלעך") און איז אַ קאָמעדיע וועגן איסט־סייד...

אין זיין דראַמאַטורגיע וויל איך פריער פון אַלץ אַרויסהויבן זיין דראַמאַטישן דיאַלאָג. די דראַמע וואַקסט ביי אים אַרויס פון דיאַלאָג און שטייגט דורך דעם דיאַלאָג. עס איז ניט ביי אים פריער אויסגעסצענירט און די סצענעס דערנאָך אויסגעפילט מיט גוטן דיאַלאָג. ער לאָזט זיך ניט גלאַט וואוילגיין מיט געשפּרעכן, ווי עס איז מערסטנס דער פאַל מיט „ליטעראַרישע" דראַמאַטורגן. ניין, דער דיאַלאָג ביי אים שאַפט די סצענעס, אינסצענירט. דאַכט זיך די העלדן ריידן בלויז, אָבער זייער גערייד טראָגט די דראַמע, דערלאַנגט די כאַראַקטערן, ליגט אויס די סיטואַציעס. דערנאָך ערשט ווען ער איז פאַרטיק מיט דער דראַמע, טיילט ער זי איין אין סצענעס. און אַמאָל, אַ געטראָגענער און פאַרטראָגענער פון דיאַלאָג, פאַרגעסט ער איינצושטעלן די דראַמע טעכניש, וואָס דאָס איז אַ מוז — ווי צום ביישפּיל, ער פאַרגעסט אַריבערצוטראָגן דעם דיאַלאָג פון איין ווינקל בינע צום צווייטן, און אַפילו אַריבערטראָגן פון איין צימער אין צווייטן — מוז דאָס דער רעזשיסאָר פאַר אים טאָן.

אָבער אַפילו ווען דער געשפּרעך דערציילט וועגן אַ פאַסירונג, וואָס איז פאַרגעקומען הינטער די קוליסן, ווערט דער געשפּרעך דער צענטער פון דער דראַמע. די פאַסירונג פון הינטער די קוליסן ווערט אַריבערגעבראַכט אויף דער בינע. בימקאָ הערט זיינע פאַרשוינען, זייערע טראַכטונגען און טואונגען, זייערע צוזאַמענשטויסן און אינערלעכע סתירות אין לויטער געשפּרעכן. און דאָ העלפט אים גאָר שטאַרק אַרויס זיין אידיאָמאַטישער פויליש־יידישער לשון — ער פאַראַמתט און פאַרקירצט די דראַמע ביז גאָר. קורץ און קנאַפּ אין עצם, אָבער די קורצקייט און די קנאַפּקייט קאָן ער וואַריאירן הונדערטערליי. און ווייל ניט קיין קינסטלעך אַריינגעפּרעסטער און אויפגעשרויפטער דיאַלאָג, איז וואו בימקאָ הויבט אָן די דראַמע, איז אָנגעהויבן, און וואו ער ענדיקט זי, איז פאַרענדיקט.

עס איז די נאַטירלעכסטע דראַמע וואָס קאָן נאָר געבן. בימקאָ קאָן פון יעדן מענטשן־געשפּרעך אַרויסקריגן דראַמע. עס בעט זיך אַ פאַרגלייך מיט דעם אַמעריקאַניש־יידישן דראַמאַטישן קליפאָרד אָדעטס. ביי

ביידן לויפט דער דיאַלאָג אין אָנגעשפּאַנטן געמיט, דורך אָנגעשטרענגטן קאָנפליקט — מיט האָרץ און גורל, מיט חלום און ווי. אָבער נאָך בעסער ווי ביי אַדעטס: ביי יענעם צעלויפט זיך דער געשפּרעך אין זייטיקייטן. נאָר דאָ און דאָרט דערלאַנגט זיך אַ בערגל און אַ באַרג. ביי בימקאָ זיינען ניטאָ קיין זייטיקייטן און פלאַכקייטן. עס גייט כסדר באַרג אַרויף — אָנגעצויגן פון איין שטיק הימל; אַרומגענומען פון איין אידייען־האָריזאָנט. זיין הויפּט־אידייע: דאָס יידישע פּוילן אין סך־הכל. ניט ווי ביי אַדעטס: אַ ווערימדיק יידיש שטיקל בראָנקס, אָדער בראָדווי.

בימקאָ אַן אידייאישער דראַמאַטורג? — וועלן קריטיקער זיך פאַרוואונדערן. יאָ, אַן אידייאישער דראַמאַטורג. אָבער אַ דראַמאַטורג ניט פון פּראָפּאַגאַנדירטע, אַרויסגעשפּאַרטע און אַרויסשטאַרצנדיקע אידייען, נאָר פון אידייען איינגעפּאַסטע אין פאַנטאַזיע...

און דאָס איז דער צווייטער גרויסער סימן פון בימקאָס טעאַטראַלישקייט. אָנגענומען איז, אַז בימקאָ איז אַ רעאַליסט פון פאַמיליען־קאָנפליקטן, פון סעקסועלע מאַן־ און ווייב צוזאַמענשטויסן. פאַרזען האָט מען, אַז בימקאָס רעאַליזם האָט כסדר אַ טענדענץ אַריבערצוגיין אין פאַנטאַזיע. אין זיינע דערציילונגען אויך אַזוי: דער גראַזיק־וואָרצלדיקער באָדן רויבערט זיך מיט פאַנטאַזיע. אפילו זיינע סאַמע רעאַליסטישע מאַן־ און ווייב־דראַמעס — ווי „גנבים", און „דעמבעס" אודאי — שטרעקן זיך צו פאַנטאַזיע אַרויף. ניט קיין פּשוטע מאַן־ און ווייב־דראַמעס זיינען דאָס. די הויפּט־העלדין אין זיי, ווי אין בימקאָס אַלע היימישע דערציילונגען, איז דאָס ברוויזנדיקע מיידל אָדער ווייבל, מיט באַרוישטן, פאַרחלומטן בלוט. ווייל זיי גיבן פון זיך אַרויס דראַמאַטישע עסענץ. אַלע זינדיקע ווייבלעך ביי בימקאָ האָבן אַ העכערע פאַרענטפערונג. דאָס ברויזנדיקע ווייבל אין „דעמבעס", צוליב וועמען טאַטע און זון פירן אַ פויסטן־מלחמה, איז דאָך אַן אָנגעטרונקענע מיט אַ פּאָעטישער ליבע־פאַנטאַזיע. אין „גנבים", מיט דעם ברויזנדיקן ווייבל אין צענטער, זיינען די בלאַטע חברה־לייט אויך פאַנטאַזיאָרן. זיי זיינען ביי אים די אויפריכטיקסטע אמת־זאָגער. עס איז אַ דראַמע פון פאַרפירטן העראָאיזם — צוליב אומשטענדן, צוליב יידיש־פוילישע אומשטענדן.

די טעאַטער קריטיק האָט אַט דעם פאַנטאַסטישן עלעמענט ביי בימקאָן אינגאַנצן פאַרזען — דערפאַר אים ניט געגונג אָפּגעשאַצט. ביים שפּילן בימקאָן טאָר דער פאַנטאַזיע עלעמענט אודאי ניט פאַרזען ווערן, דערפאַר ווי גוט „גנבים" און „דעמבעס" זיינען ביי אונדז ניט געשפּילט געוואָרן, זיינען זיי דאָך ניט דערשפּילט געוואָרן. דער רעאַליסטישער פאַמיליען־

קאָנפליקט איז געשפּילט געוואָרן, אָבער ניט די פאַנטאַזיע, וואָס האָט אויפגעשוועבט איבער אים. בימקאָ איז אַ בינען־פּאָעט, ווי דער אַמעריקאַנער מאַקסוועל אַנדערסאָן. און אין פאַנטאַזיע אויפשפּיל האָט ער דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה.

בימקאָס אַנטוויקלונגס־גאַנג קאָן איינגעטיילט ווערן אין דריי מדרגות. אָנגעהויבן האָט ער דווקא מיט ליטעראַריש־פּאָעטישע אינטעליגענטישע דראַמעס. זיין ערשטע דראַמע „אויפן ברעג ווייסעל" (1912) — דער אונטערגאַנג פון אַ יידיש־פּויליש־פּריצישער פאַמיליע. — „פאַרוועלקטע בלעטער" — אַ חתונה איבער געוואַלט, אין אַ חסידיש־באַלעבאַטישער פאַמיליע, ליבע צו אַ קריסט, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט זעלבסטמאָרד. — „קליינע טעג" — טאָכטער און זון פון אַ טאַטן אַ משכיל אין פאַרפּלאָנטערטע זיבדיקע ליבעס... — בימקאָ פאַרנעמט זיך ניט אין זיי מיט אַרויסברענגען די סאָציאַלע סיבות פון יידיש־פּוילישן הינטערגרונט, וואָס יעדער פּובליציסט ווייס וועגן זיי. דאָס לאָזט ער איבער צום שפּילן און רעזשיסירן. מעשה יונגער אינטעליגענט צאָלט ער צינז דער „העכערער דראַמע", נאָכטוענדיק הויפּטמאַנען און מעטערלינקן. אָבער בימקאָס דראַמאַטישע מעלות זיינען שוין דאָ אין דיאַלאָגישער אינסצענירונג און כאַראַקטעריזירונג.

בימקאָ קומט נעענטער צו זיין עלעמענט אין זיינע פאָלקסטימלעך־רעאַליסטישע דראַמעס, אָנגעהויכטע מיט פאַנטאַזיע — די שוין דערמאָנטע „גנבים" (1919) און „דעמבעס" (1920).

אָבער נאָך פריער האָט ער זיך געהאַט פאַרנומען אויף זיין גרויסן אייגענעם וועג, וואָס האָט אים געדאַרפט דערפירן צו זיין טריאומף. רעאַליסטישע פאַנטאַסטישע דראַמעס, אויפן הינטערגרונט פון דער מלחמה, וואו די פאַנטאַזיע איז ניט נאָר אַ דורכשוועבנדיקער צוג־ווינט, נאָר די אַטמאָספערע, די קרוינונג, די אויבערשטע טרייב־קראַפט פון דעם, וואָס געשעט אונטן אויף דער בינע. — די ערשטע פּראָבע פון דעם מין אין „ווינטן" (1915) — דער מלחמה־אויסברוך אין אַ פּראָצעסיע פון ניט געבונדענע סצענעס. „פּראָך", — (1917) — אַ ריזיקע דראַמאַטישע פּאָעמע אין פרייע פערזען, וואָס איז מסתמא ניט אויסגערעכנט צום שפּילן, אָבער וואָס אונטער דער האַנט פון אַ טיכטיקן רעזשיסאָר קאָן עס ווערן אַ טריאומף־ספּעקטאַקל — אַ פאַנטאַזיע־נבואה אויף דעם גורל פון פּוילישן יידנטום אין אונדזער צייט. און צוויי טעכניש־גרייטע פאַר דער בינע — „מויערן" (1923) — אַן אַרויפגעאַרבעטער מלחמה גביר און זיין צעלאַזענע טעכטערל — און „מאַרכביינער" (1927) — אַ פאָלקסטימלעכע

גיבורים לעגענדע, וואו דאָס ברויזנדיקע ווייבל פּאַרדייט אין איר בלוט די זריעה פון ביידע פּויליש־יידישע גבורות — דער פּיזישער און חסידישער.

ביידע זיינען גרויס־טעאַטער. „מויערן" — לכתחילה אַ רעאַליסטיש בילד פון יידישן מלחמה־שמוגל. דער שמוגל־קעניג, אַן אַרויפגעאַרבעטער גאַרבער, ווערט די רעכטע האַנט פון די דייטשישע גענעראַלן, דער יידישער באַשיצער, ביז דער עלטסטער פון די גענעראַלן פּאָדערט אַ פּרייז — זיין טעכטערל. און זי איז זיך מקריב פאַר אַלע יידן. דאָס איז די פאַרערלעכונג פון דער הפקר־מיידל: זי ווערט דערהויבן צו אַ הייליקייט־צושטאַנד. און נאָך מער אַזוי אין די „מאַרכביינער" — די טאָכטער פון לעגענדאַרישע גבורים נעמט מיט געוואַלד אַ יונגן חסידישן רבין, און די פּרוכט פון דער פאַרגוואַלטיקונג־זיווג איז אַ נייער מין יידישער גיבור, אַ יידן־רעטער. דאָס הפקר־מיידל קריגט דאָ איר העכסטן תיקון. אַ גראַנדיעזע פּאַלקסטימלעכע טעאַטער פאַנטאַזיע. אָבער די טעכניש נאָך ניט פּאַרטיקע פאַר דער בינע דראַמאַטישע פּאָעמע „פּראָך" קאָן אונטער אַ רעזשיסאָר מיט פרייער איניציאַטיוו עס נאָך מער ווערן.

דער איבערגאַנג פון פּוילן צו אַמעריקע איז בימקאָן פאַרשווערט געוואָרן דורך דעם, וואָס נאָך די „גנבים" און „דעמבעס" זיינען זיינע דראַמעס ניט געשפּילט געוואָרן. און בימקאָ דאַרף פּילן די בינע אונטער זיך. איז ער דורכגענומען געוואָרן מיט אַ געפיל פון אומזיסטיקייט. האָט ער אַמעריקע ווי געהעריק ניט געקאָנט אויפשפּילן. האָט ער געשריבן קאָמעדיעס — געזונטע קאָמעדיעס אויף הומאָריסטישע סיטואַציעס — און בימקאָ פאַרמאָגט סיטואַציע־הומאָר און נאָך מער, צוליב קאָמפּראָמיס — קאָמעדיע שאַרזשן, קאָמעדיע־קאַריקאַטורן, אויף קינסטלעכע סיטואַציעס, ניט פאַרלאָזנדיק זיך אויף זיין הויפּט־טעאַטראַלישן מיטל — דעם דיאַלאָג. בימקאָס אַמעריקאַנער דראַמע וועט ערשט קריגן איר תיקון, ווען זיינע גרויסע פּוילישע דראַמעס וועלן אויפגעפירט ווערן. מער ווי ווער עס איז, ווייל דורך און דורך טעאַטראַל, דאַרף בימקאָ געשפּילט ווערן. און איצט איז די געלעגנהייט. ווייל חורבן פּוילן האָט זיך נאָך אַמאָל איבערגעחזרט אויף אַ פיל גרעסערן מאַסשטאַב, איז איצט גראָד פאַסיק, אַז דער יידישער טעאַטער זאָל אונדז ווייזן דעם בימקאָ סך־הכל. און מיר וועלן געווינען אי אַ טעאַטער, אי בימקאָן. ווייל מער ווי דער טעאַטער איז נויטיק בימקאָן, איז בימקאָ נויטיק דעם טעאַטער. דער בימקאָ טעאַטער וואָלט גאַר אַ סך געהאָלפן דעם יידישן טעאַטער אויפגעריכט צו ווערן.

„אידישער קעמפער", 1944.